די געשיכטע
פון די
פאראייניגטע שטאטען

הלל ראגאף

ספריה עממית
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY

די געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאַטען

פון הלל ראָגאָף

דער בירגער־קריג און די רעקאָנסטרוקציע

1860-1880

אַרויסגעגעבען פון פאַרלאַג „וועקער".
ניו יאָרק, 1928.

Copyright by
Harry Rogoff
New York, 1928

אינהאַלטס-פאַרצייכנים.

קאַפּיטעל		זייט
1.	איבערהעם לינקאָלן	7
2.	די סאוט רייסט זיך אָפּ, גרינדעט א באַזונדער רעגירונג	24
3.	לינקאָלן איינגעשוואָרען. — דער בירגערקריג הויבט זיך אָן	33
4.	די גרענעץ שטאַטען. — ענגלאַנד	45
5.	די ערשטע גרויסע שלאכט	56
6.	לינקאָלנ'ס שטעלונג צו דער שקלאַפען-פראגע	58
7.	אן ערנסטער סכסוך מיט ענגלאנד	64
8.	די שלאכטען ארום ריטשמאָנד	70
9.	די נאָרט נעמט איין וויכטיגע שטעט	85
10.	די נאָרט זיגט אין דער וועסט, אויף דעם טייך מיסיסיפּי	93
11.	בלוטיגע שלאכטען אין קענטאָקי און טענעסי	103
12.	גענעראל ראָבערט ע. לי	107
13.	לי דרינגט אריין אין דער נאָרט	116
14.	די עקאָנאָמישע לאגע פון דער נאָרט אין די מלחמה-יאָרען	122
15.	מלחמה-דיקטאַטור אין דער נאָרט	144
16.	געצוואונגענער מיליטער-דינסט — באַיאָנעטען אין ניו יארק	152
17.	לינקאָלן באפרייט די שקלאַפען פון דער סאוט	172
18.	געלט, הלואות און שטייערען	186
19.	די נאָרט פאַרלירט אין דער איסט און זיגט אין דער וועסט	199
20.	די שלאכט ביי געטיסבורג	208
21.	גרענט זיגט אין טענעסי	217
22.	די מלחמה אויפ'ן ים	221
23.	גענעראל שערמאן פארניכטעט דזשאָרדזשיא	237
24.	די שלאַכטען אין דער „ווילדערניס".	251
25.	גענעראל שערמאן'ס בלוטיגער מאַרש דורך נאָרט און סאוט קאַראָליינא	260
26.	ריטשמאנד פאלט, לי גיט זיך אונטער	267
27.	די סאוט אין די מלחמה יארען	272
28.	די אָפּאָזיציע צו לינקאָלן. — די דעמאָקראַטען	295

קאַפּיטעל זייט

29. גנבות, קאָרופּציע און הולטאַיסטוואָ אין די רעגירונגס־קרייזען — — — 324
30. די לאַגערען פאר געפאנגענע סאָלדאטען אין דער נאָרט און אין דער סאוט — — — 331
31. די סאוט באַנוצט טעראָר אלס איר לעצטען פארצווייפעלטען מיטעל — — — 338
32. לינקאָלנ׳ס לעצטע טעג. — זיין טראַגישער טויט — — — 343
33. דער סוף פון דער מלחמה — — — 354
34. דער חורבן אין דער סאוט — — — 359
35. דער קאַמף צווישען פרעזידענט דזשאנסאָן און דעם קאָנגרעס, 372
36. דער קאמף פון די ווייסע געגען די נעגערס אין דער סאוט — 400
37. יארען פון ריזיגער אנטוויקלונג אין דער נאָרט און וועסט — 409
38. פּאָליטישע קאָרופּציע אין וואשינגטאָן און אין די גרויסע שטעט — — — 424
39. די פראנצויזישע אַוואַנטורע אין מעקסיקאָ. — אלאסקא — — 442
40. דער זיג פון די באַנקירען איבער׳ן פאָלק אין פארבינדונג מיט די מלחמה וועקסלען — — — 449
41. די פארמערס בונטעווען זיך געגען גרויס־קאפּיטאל — — — 455
42. דער קריזיס פון 1873 — — — 462
43. פּרעזידענט גרענט און זיין אַדמיניסטראציע. — — — 469
44. די ארבייטער באוועגונג אין די פופצען יאָר נאָך דעם בירגער־קריג — — — 485

דער בירגער־קריג און די רעקאָנסטרוקציע

1860־1880

קאַפּיטעל 1.

איבּרעהעם לינקאָלן

אין אַמעריקע, צווישן די מאַסען זיינען פאַרשפּרייט הונ־דערטע אַנעקדאָטען, משלים, זויצען און שטיפעריייען וואָס איבּ־רעהעם לינקאָלן האָט געשאַפען, אָדער וואָס זיינען געשאַפען גע־וואָרען אַרום אים. לינקאָלן איז געווען אַ מערקווירדיגער וויצ־לינג, אַ וואונדערבּאַרער הומאָריסט, כאָטש זיין לעבען איז געווען אַ לאַנגע קייט פון קאַמף און ליידען. ער איז קיינמאָל גליק־ליך ניט געווען. ער איז קיינמאָל אמת לוסטיג, אמת פרייליך ניט געווען. אין זיין קינדהייט איז זיין שונא געווען די אָרימ־קייט; אין זיין יוגענד האָט ער געקעמפט מיט אומוויסענהייט און שווערער פּראַצע; אין זיינע מיטעלע יאָרען האָט ער דורכ־געלעבּט די טראַגעדיע פון אַנטוישטער ליבּע און אומגליקליכער הייראַט; אויף די עלטערע יאָרען איז זיין קאָפּ און האַרץ גע־לעגען דערדריקט אונטער דעם בּאַרג הרוגים, די טויזענדער וואָס ער האָט צום טויט געשיקט כדי צו ראַטעווען זיין לאַנד פון אונ־טערגאַנג. און ווען די הימלען, וואָס זיינען 55 יאָר געווען פאַר־וואָלקנט פאַר אים, האָבּען זיך סוף־כל־סוף גענומען אויסלייטע־רען; ווען די ערשטע שטראַלען פון אַן אויפגייענדיגער זון האָבּען זיך ענדליך פאַר אים בּאַוויזען, איז זיין לעבען פּלוצלונג אינגאַנצען אויסגעלאָשען געוואָרען. ער איז געפאַלען טויט פון דער קויל פון אַ מערדער.

אַ פריינד און פאַרערער, וועלכער האָט לינקאָלנ'ען צום ערש־טען מאָל בּאַגעגענט ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר 28, האָט געמאַכט די בּאַמערקונג: „אין מיין גאַנץ לעבען האָב איך אַזאַ טרויעריג, אַזאַ פינסטער געזיכט ניט געזען".

לינקאלן איז געווען א גרויסער מענש. דאס גיבען איצט אלע צו. דאס ווערט איצט אנערקענט אי פון גרויסען המון וואס פילט עם מיט'ן הארץ, אי פון דער אינטעליגענץ וואס באגרייפט עס מיט'ן קאפ. אבער ווי עס איז געווען דער פאל מיט די מערסטע גרויסע מענשען אין דער געשיכטע, האט לינקאלן פאר זיין לעבען די אנערקענונג ניט געהאט. ער איז זיין גאנץ לעבען געווען אן איינזאמער מענש, כאטש ער האט מער ווי אלץ ליב געהאט די געזעלשאפט פון מענשען. ער האט זעלטען אויפגעדעקט זיין נשמה פאר א צווייטען. ער האט געלעבט איינזאם מיט זיינע צווייפלען און מיט זיינע האפנונגען און ער איז געשטארבען אן דעם מינדעסטען באגריף וואס פאר א פסק די צוקונפט וועט ארויסטראגען איבער אים און זיין ארבייט.

אייברעהעם לינקאלן איז געבארן געווארען דעם 12טען פעברואר, 1809, אין א קליינער כאטקע אויף א פארם אין קענטאקי. זיין פאטער איז געווען א שטיקעל פארמער, א שטיקעל סטאליער און א גאנצער קבצן. די מוטער (איר מיידעלשער נאמען איז געווען נענסי הענקס) איז געווען אן אומגעזעצליך קינד. זי איז געבארען געווארען אין ווירדזשיניא. איר מוטער (לוסי הענקס) האט קורץ נאך איר קינפעט אוועקגעוואנדערט קיין קענטאקי. אין איר נייער היים האט לוסי זיך אויך ניט אויפגעפירט לויט דער מאראל פון דער צייט. מען האט אויף איר גערעדט, אז זי האט זיך צו פריי באנומען מיט מענער. א גרענד דזשורי האט אפילו באפוילען מען זאל זי ארעסטירען אלס אויסגעלאסענע. איידער דאס איז געשען האט זי געהייראט געזעצליך. נענסי האט זיך געהאדעוועט ביי איר מוטער'ס א שוועסטער. דער דיכטער קארל סאנדבורג (אין זיין ווערק „אייברעהעם לינקאלן") שרייבט וועגען איר: „זי איז געווען טרויעריג מיט טרויערן ווי די מאסע שטערן אין א בלאען נעבעל".

לינקאלנ'ס פאטער איז געווען א לא־יוצלח. צו וואס ער האט זיך ניט גענומען איז אים ניט געגאנגען. פריער האט ער געארבייט אין א קליין שטעטעל. דערנאך האט ער געפרובט פארמעריי. דאן האט ער זיך איבערגעקליבען אין אינדיאנא, אין



איי‏בר‏עהעם לינקאָלן.

א טיפען געדיכטען וואלד, וואו ער האט מיט זיין פאמיליע גע־לעבט ווי האלב ווילדע. די הייזקע האט ער אליין פון קלעצער צונויפגעשלאגען. זי איז באשטאנען פון איין צימער אן פענ־סטער, אן א טיר, אן א פאדלאגע. אין שטוב — א פאר בענק־לאך, א טיש און א בעט. דער קליינער אייברעהעם, וועלכער איז דעמאלט זיבען יאר אלט געווען, איז געשלאפען אויף א בוידים, אונטערגעבעט מיט געטריקענטע בלעטער. די שפייז איז בא־שטאנען מייסטענס פון קארטאפעל. אפטמאל פלעגען זיי כאפען פיש און שיסען פויגלען און חיות אין וואלד.

דאס שווערע, איינזאמע לעבען האט שלעכט געווירקט אויפ'ן געזונד פון לינקאלנ'ס מוטער. מער ווי צוויי יאר האט זי עס ניט געקענט אויסהאלטען. זי איז קראנק געווארען און געשטארבען. צו ניין יאר האט אייברעהעם געדארפט העלפען זיין פאטער מקבר זיין די מוטער. דער פאטער האט געהובעלט די ברע־טער פאר דער טרונע, בשעת דער קליינער אייברעהעם האט אויס־געשניצט די הילצערנע צוועקעס צונויפצוקלאפען די ברעטער. ביידע האבען זיי דעם טויטען קערפער אריינגעלייגט אין דער טרונע און אים אראפגעלאזט אין קבר.

אין א יאר ארום האט דער פאטער אראפגעבראכט פון זיין אלטער היים אין קענטאקי א צווייט ווייב, אן אלמנה מיט דריי קליינע קינדער. אייברעהעם איז שוין דעמאלט געווען א בחור'ל פון צען יאר און האט פארנומען א וויכטיגען פלאץ אין דער פאמיליע. ער איז פאר זיינע יארען געווען מערקווירדיג קרעפטיג און הויך געוואקסען. אין שול פלעגט ער גיין געציילטע וואכען אין יאר. אייברעהעם האט געארבייט גלייך מיט זיין טאטען און עס איז א סברה אז ער האט דעמאלט שוין מער אויפגע־טאן ווי זיין טאטע.

אזוי האט זיך געהאדעוועט דער יונגער אייברעהעם. די שטיף־מוטער האט זיך ארויסגעוויזן פאר א גוטער, פארשטענ־דיגער פרוי. זי איז צו דעם קליינעם אייברעהעם און זיין שוועס־טער'ל געווען ווי א לייבליכע מאמע און ער איז צו איר צוגע־בונדען געווארען מיט'ן גאנצען הארצען. אין די שפעטערדיגע

יאָרען, ווען ער איז גרויס און בארימט געווען, פלעגט ער אָפּט דערמאָנען, אַז ער האָט איר צו פאַרדאַנקען פאַר זיין דערפאָלג אין לעבען.

די געגענד וואו די לינקאָלנס האָבען געלעבט איז ביסלאַכ־ווייז באַזעצט געוואָרען. מען האָט אָרגאַניזירט אַ שטיקעל שול. אָבער אייבּרעהעם האָט פון איר ווייניג נוצען געצויגען. אַרום און אַרום איז ער אין שול געגאַנגען ווייניגער ווי אַ יאָר. ער איז אָבער געבּאָרען געוואָרען מיט אַ דורשט נאָך וויסען און ער האָט געזוכט אַליין דורכצושלאָגען אַ וועג פאַר זיך דורך דער פינס־טערניש פון אומוויסענהייט. ער האָט זיך אויסגעלערענט לייענען און חשבּונ'ען. ער פלעגט מיט'ן נאָז אַקערען ערגעץ אַ ביכעל צו געפינען. מען דערציילט, אַז ער פלעגט גיין צו פוס צענ־דליגער מיילען צו באָרגען ביי אימיצען אַ בוך. ער פלעגט זאָ־גען: „מיין בעסטער פריינד איז יענער מענש וואָס באָרגט מיר אַ בוך, וואָס איך האָב נאָך ניט געלייענט". און אַז ער פלעגט אַריינקריגען אַ בוך אין זיינע הענד פלעגט ער ניט מיד ווערען אים לייענענדיג, פינף מאָל, צען מאָל, הונדערט מאָל, ביז ער האָט אים געקענט אויף אויסענווייניג. שרייבען און רעכענען האָט ער זיך געלערענט מיט שטיקלאַך געבּרענטע האָלץ אויף הילצערנע לאָפּעטעס און רידלען, וואָס זיינען אין שטוב גע־שטאַנען.

אָבער דאָס לערנען איז פאַר אים געווען אַ לוקסוס וואָס ער האָט זיך פאַרגונען נאָר אין ליידיגער צייט. זיינע פליכטען זיינען באַשטאַנען פון אַרבייטען, האַקען וואַלד, אַקערען די ערד, זייען, שניידען, פירען תבואה אין מיל אריין, רייניגען די שטאַלען, און אַזוי ווי עס איז ניט געווען גענוג אַרבייט אויף דער איי־גענער פאַרם פלעגט דער פאָטער אים פאַרדינגען צו אַ שכן און פאַר אים נעמען 25 סענט אַ טאָג. דער יונגער אייבּרעהעם האָט זיך געמאַכט אַ שם פאַר דעם פייאַנסטען אין דער גע־גענד. איבּערהויפּט איז ער געווען אַ קינסטלער אויף שפּאַלטען קלעצער און אויסהאַקען בוימער. קיינער האָט זיך מיט אים

ניט געקענט פארגלייכען אין דעם פרט. ער איז אליין געווען ווי א געזונטער בוים, זעקס פוס און פיר אינטשעס די הויך, דער בעסטער שווימער, דער בעסטער פעכטער, דער גבור פון דער געגענד. סאנדבורג שרייבט: „איינמאל איז ער געגאנגען 34 מייל אין איין טאג צו הערען א רעדע. ער האט געקענט באַ־פוילען זיין קערפער צו טאָן כמעט אוממעגליכע זאכען און דער קערפער האט אים געפאָלגט".

„ווען מענשען פלעגען ריידען וועגען לינקאָלן, שרייבט סאנד־בורג, פלעגט די טעמע זיין איינע פון די פינף: (1) ווי הויך, פלינק, שטארק אָדער אומגעלומפערט ער איז; (2) ווי ער דער־ציילט מעשיות און וויצען, ווי אנגענעם און פריינדליך זיינע געשפרעכען זיינען; (3) ווי ער איז צייטענווייז שטיל, מעלאנ־כאָליש און אומעטיג; (4) ווי ער איז שטענדיג גרייט צו לער־נען, ווי ער זוכט שטענדיג א געלעגענהייט צו לערנען; (5) ווי ער איז גרייט צו העלפען א פריינד, א פרעמדען און אפילו א חיה וואָס געפינט זיך אין א צרה."

וועגען לינקאָלנ'ס ווייכהערציגקייט זיינען דאָ מאסען אנעק־דאָטען. איינע פון די אינטערעסאנטסטע איז פאָלגענדער: לינ־קאָלן איז אמאָל געגאנגען שפעט אין א ווינטער־נאכט צוזא־מען מיט א חברה פריינד. פלוצלונג האָבען זיי באמערקט עפעס ליגענדיג טיף אין בלאָטע. זיי האָבען זיך איינגעקוקט, ערשט א שיכור'ער מאן ליגט און שלאָפט. די נאכט איז געווען שרעק־ליך קאלט, א פראָסט און בייסיגער ווינט. זיי האָבען דעם שיכור געפרובירט אויפוועקען אָבער דאָס איז געווען אוממעגליך. די קעלט איז געוואקסען. אלע יונגע לייט זיינען אוועק אהיים, אָבער לינקאָלן איז געבליבן אליין לעבען דעם שלאָפענדען מאן אין דער בלאָטע.

א ווייל איז לינקאָלן געשטאנען און געטראכט. דאן איז ער אריין אין דער בלאָטע, אייפגעהויבעי דעם מאן, אים פאר־וואָרפען אויף דער פלייצע און אים אוועקגעטראָגען צו זיינעם א פריינד אין הויז. דאָרטען האָט ער פארנאנדערגעלייגט א פייער און דעם פארפראָרענעם מאן גוט אויסגעריבען און אים געלאָזען

ווייטער שלאָפען. דער מאַן האָט שפּעטער אַלעמען דערציילט, אַז לינקאָלן האָט אים גערעטעוועט דאָס לעבען.

אַ צווייטען מאָל האָט פּאַסירט אַזאַ זאַך. לינקאָלן איז גע־גאַנגען אין פעלד אָנגעטאָן אין זיינע בעסטע, יום־טוב'דיגע קליי־דער. פּלוצלונג האָט ער דערהערט ווי אַ חזיר קוויטשעט. דער חזיר איז געווען איינגעשפּאַרט אין אַ פּלאַנקען און זיך ניט גע־קענט אַרויסרייסען. לינקאָלן האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלע־גענהייט. העלפען דעם חזיר וואָלט געמיינט פּטר'ן דעם איינ־ציגען לייטישען קאָסטיום וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט לכתחילה באַשלאָסען אַוועקצוגיין און איז טאַקע אָפּגעגאַנגען עט־ליכע טריט. אָבער די געשרייען פון דעם חזיר האָבען אים אָפּ־געשטעלט. ער האָט מקריב געווען זיין אָנצוג צו העלפען דער ליידענדיגער חיה.

אין 1830, ווען אייבערעהעם לינקאָלן איז אַלט געוואָרען 21 יאָר, האָט די פאַמיליע ווידער גענומען דאָס פּעקעל אויף די פּלייצעס און איז אַוועק זוכען גליק ערגעץ ווייטער. די פאַרם אין אינדיאַנאַ איז געווען אַ דורכפאַל. מער ווי שווערע אַרבייט און אָרימקייט און צרות האָט די פאַמיליע פון איר ניט געהאַט. דאָס מאָל האָט דער פאָטער די פאַמיליע אַוועקגעפירט קיין אילינאָי. אייבערעהעם האָט געהאָלפען זיך איבערקלייבען און זיך איינשטעלען אויף דעם נייעם פּלאַץ. דערנאָך האָט ער דער־קלערט זיין פאָטער, אַז די צייט איז געקומען ער זאָל זיך אַוועק־לאָזען אַליין אין דער וועלט זוכען זיין גליק. צו 21 יאָר גייט מען אין אַמעריקע אַרויס פון דעם רשות פון די עלטערען. ער האָט זיין פאָטער'ס הויז פאַרלאָזען אַזוי ווי ער איז אין איר געקומען דעם טאָג פון זיין געבורט: אָרים און נאַקעט.

ער האָט געהאַט בלויז איין שטיק קאַפּיטאַל: זיינע גע־זונטע הענט, און דערמיט איז ער אין דער וועלט אַוועק. ער האָט געאַרבייט אויף פאַרמס, אויף שיפלאַך, אין קראָמען. און עם פאַרשטייט זיך, אַז פון זיין גאַנצער האָרעוואַניע האָט ער קוים אויף אַ שטיקעל ברויט פאַרדינט. ער האָט אָבער אין דער צייט אָנגעהויבען צו זאַמלען אַן אַנדער סאָרט קאַפּיטאַל. וואו ער איז

געקומען האט ער זיך באקענט מיט די איינוואוינער און מיט זיי גערעדט, געשמועסט, דיסקוטירט פראגען. און ער האט אין זיך באלד ענטדעקט א פייאיגקייט צו דערציילען מעשיות, זאגען וויצען און געבען לאגישע ארגומענטען. און די מענשען מיט וועמען ער האט פארבראכט האבען דעם טאלאנט אין אים אויך שנעל ענטדעקט. ער איז גיך פאפולער געווארען אין יעדען שטעטעל און דערפעל, וואו ער האט זיך נאר אויף א ווײלע אפגעשטעלט. מען דערציילט, אז אין א קליין שטעטעל אין אילינאי איז נאך איצט פאראן א קלאץ וואו לינקאלן פלעגט זיצען און אונטערהאלטען דעם עולם. וועגען קלאץ איז דא אזא מין לעגענדע: די איינוואוינער פון דעם שטעטעל פלעגען זיך צוזעצען אויף ביידע זייטען פון דעם קלאץ און יעדען מאל ווען לינקאלן האט געענדיגט א מעשה'לע אדער א וויץ פלעגען זיי זיך אזוי צולאכען, אז זיי פלעגען זיך אראפקייקלען פון קלאץ לאכענדיג. אויף אזא אופן איז דער קלאץ געווארען גלאט און גלאנציג.

און ער האט אויך געקראגען א נאמען פאר אן ערליכען און א גוטען מענשען. מען האט אים גערופען איבעראל „אנעסט אייב" (דער ערליכער אייב) און יעדער וואס האט געדארפט א טובה פלעגט קומען צו אים. איבערהויפט האבען זיך מיט זיין גוטסקייט באנוצט ארימע און הילפלאזע.

* * *

אין פאליטיק איז לינקאלן טעטיג געווארען באלד נאכדעם ווי ער איז געקומען פון פארם אין שטאט אריין. ער האט זיך דאמאלסט אויך גענומען לערנען פאר אדוואקאט, ניט חס־ושלום אין אוניווערזיטעט, נאר ביי זיך אין דער היים. גענומען א בוך און געשטודירט. א קאפ האט ער געהאט א גוטען, א זכרון א וואונדערבארען, האט ער זיך באגאנגען אן א לערער.

אין יענע יארען האט ער זיך מיט וויינינג־וואס אויסגעצייכענט. ער האט געפרובירט מסחור, געקויפט א קרעמעל אין א קליין שטעטעל צוזאמען מיט שותפים. קיין געלד האט ניט געהאט ניט ער, ניט זיינע שותפים, און פייאיגקייטען אויף גע־

שעפט האָבען זיי אויך וויינינ פארמאָגט, האָט דאָס געשעפט אין קורצען גאָר געקראַכט און לינקאָלן איז געבליבען מיט אַ בארג חובות אויף די פּלייצעס. ער האָט געוואוסט, אז זיינע שותפים וועלען זייער חלק קיינמאָל ניט אָפּצאָלען, האָט ער אויף זיך דעם גאַנצען יאָר גענומען, און פאר די נעקסטע פופצען יאָר האָט ער געשפּאָרט און געשיקט צו די בעלי חובות, ביז וואַנען ער האָט יעדען ביז'ן לעצטען סענט באצאָלט.

אין פּאָליטיק האָט ער געהאַט אַ ביסעל ערפאָלג. ער איז געלאָפען פאר אסעמבלימאַן אין 1832 און איז דורכגעפאלען. אין צוויי יאָר אַרום איז ער ווידער געלאָפען און איז אויסגעקליבען געוואָרען. פון דעמאָלט אָן איז ער אויסגעקליבען געוואָרען פיר מאָל נאָכאַנאַנד. ער איז אין דער אילינאָי אסעמבלי געזעסען אכט יאָר, פון 1834 ביז 1842.

אלס אַן אסעמבלימאַן האָט ער קיין אויסערגעוויינליכען איינדרוק ניט געמאַכט. ער האָט זיך אָבער דערוואָרבען אַ נאָמען אלס אַ גוטער רעדנער, אַן אויסגעצייכענטער דעבאַטאַנט און אַן ערליכער פּרינציפּיעלער מענש.

איין פּאַסירונג אין דער אַסעמבלי איז אָבער ווערט צו פארצייכענען. דאָס איז געשען אין 1837. דאָס לאַנד האָט דאַן געשטורעמט מיט דער נייער „אבאָלישאָניסט” באוועגונג, וואָס האָט זיך גענומען פארשפּרייטען.

אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, אַלע איינפלוסרייכע אָרגאַניזאַציעס זיינען אַרויסגעטראָטען אין קאַמף געגען דער באוועגונג, און אין דער לעדזשיסלייטשור פון אילינאָי איז אריינגעטראָגען געוואָרען אַ רעזאָלוציע די באוועגונג צו פארדאַמען. אין דער רעזאָלוציע איז געזאָגט געוואָרען אָט וואָס: „זיי עס באשלאָסען, אז דאָס רעכט צו באַנוצען נעגערס איז הייליג פאר די שטאַטען פון דער סאַוט און דאָס רעכט קען אָן זייער צושטימונג פון זיי ניט אַוועקגענומען ווערען”.

אַלע מיטגלידער פון דער לעדזשיסלייטשור פון ביידע פּאַרטייען האָבען געשטימט פאר דער רעזאָלוציע, אויסער צוויי: אייבראַהעם לינקאָלן און דען סטאָון. און די צוויי האָבען אַרויס-

געגעבען אן ערקלערונג וועגען זייער שטעלונג. די ערקלערונג ענטהאלט די פאלגענדע שטעלען:

„מיר גלויבען, אז די אינסטיטוציע פון שקלאפעריי שטיצט זיך אויף אומגערעכטיגקייט. אבער מיר גלויבען אויך, אז די „אבאלישאן" באוועגונג וועט ברענגען מער שאדען ווי גוטס. מיר גלויבען אויך, אז דער קאנגרעס אין וואשינגטאן האט קיין רעכט ניט, לויט דער קאנסטיטוציע, צו מישען זיך אין דער שקלאפען אינסטיטוציע אין די פארשידענע שטאטען".

דאס איז געווען לינקאלנ'ס שטעלונג צו שקלאפעריי ווען ער איז אלט געווען 28 יאר, און ביי דער שטעלונג איז ער פאר־בליבען ביז אין מיטען פון בירגער קריג.

אין די יארען וואס ער איז געווען אן אסעמבלימאן האט לינקאלן געהאט ביטערע ערפארונגען אין ליבע און הייראט.

לינקאלנ'ס ערשטער ראמאן איז געווען א טראגעדיע פון אנ־הויב ביז'ן סוף. באקענט האט ער זיך מיט דער מיידעל ענן ראטלעדזש ווען ער איז 24 יאר אלט געווען און זי ניט מער ווי 19. זי איז געווען א טאכטער פון א סוחר און קרעטשמער, ביי וועמען לינקאלן איז איינגעשטאנען. אין דעם שטעטעל איז זי בארימט געווען אלס די גרעסטע שיינהייט און א זייער גע־ראטענע מיידעל: געבילדעט, קלוג, באגאבט. ווי עס ווייזט אוים האט לינקאלן דעמאלט ניט געהאט דעם מוט וועגען איר צו טראכטען. צו איר האבען זיך גע'שדכנ'ט די רייכסטע און די פיינסטע בחורים פון שטעטעל. וואס פאר א האפענונג האט דער ארימער האלב־אומוויסענדער לינקאלן געקענט האבען צו געווינען איר האנט?

ערשט אין צוויי יאר ארום האט ער געוואגט. אבער דא־מאלסט איז זי שוין געווען מיט אצובראכענעם הארץ, א האלב א יסורים'דיגע ליכט. מיט איר האט זיך א טרויעריגע דראמע אפ־געשפילט. א יונגערמאן, וואס איז אין דעם שטעטעל געקומען פון ערגעץ אין דער איסט, האט איר הארץ געוואונען. זי האט אים שטערבליך געליבט און פארערט. דאן האט ער איר פלוצלונג אויפגעדעקט א סוד, אז ער גייט אונטער א פאלשען נאמען און

האָט איר פאַרלאָזען מיט אַ היילינען פאַרשפּרעכען באַלד צוריק צו קומען און הייראַטען מיט איר. ער האָט אָבער זיין וואָרט ניט געהאַלטען. פון אָנפאַנג האָט ער כאָטש בריף געשריבען, און שפּעטער האָט ער דאָס אויך אויפגעהערט. דאַן איז לינקאָלן צו איר געקומען מיט זיין ליבעס ערקלערונג. זי איז געוועזן אַן אומגליקליכע, אַ צובראָכענע און לינקאָלן האָט איר געטרויסט און גערעדט צו איר פון זיינע הייסע געפילען. זי האָט איינגעווילינט פאַרלאָבט צו ווערען מיט אים. לינקאָלנ'ס גליק האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. דאָס מיידעל האָט אַן איר ערשטען געליבטען ניט געקענט פאַרגעסען און זי האָט פון אים געטרוימט ביז זי איז קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען.

אויף לינקאָלן האָט די דאָזיגע איבערלעבונג אַ שרעקליכען איינדרוק געמאַכט. ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ מרה שחורה און זיינע פריינד האָבען אים געהיט טאָג און נאַכט, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט ער זאָל ניט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד. ער האָט ענן ראָטלעדזש קיינמאָל ניט פאַרגעסען. אַ סך יאָר שפּעטער האָט ער צו אַן אינטימען פריינד, ריידנדיג וועגען איר געזאָגט: „מיין האַרץ ליגט באַגראָבען אין איר קבר".

דאָס האָט פּאַסירט אין 1835. אין אַ יאָר אַרום איז ער שיער ניט אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַ הייראַט מיט אַן עלטערער מיידעל. די שוועסטער אירע האָט אים פאָרגעשלאָגען, ער זאָל דאָס מיידעל הייראַטען און ער האָט ניט געהאַט דעם מוט איר אָפּצוזאָגען. ערשט ווען עס האָט געהאַלטען ביי חתונה האָט ער דער כלה געשריבען אַ בריף, אַז פאַר איר לוינט זיך ניט דער שידוך, ווייל ער איז אָרים און ער וועט פאַר איר ניט קענען זאָרגען ווי עס בעדאַרף צו זיין. דער בריף איז געשריבען געוואָרען אין אַזאַ טאָן, אַז זי האָט לייכט געקענט לייענען צווישען די שורות, אַז זיינע געפילען צו איר זיינען גלייכגילטיגע, און זי האָט אַליין דעם שידוך אָפּגעלאָזען.

דער צווייטער ערנסטער ראָמאַן, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט הייראַט, איז אויך געוועזן אַ שטורעמדיגער. דאָס מיידעל,

מערי טאָד, איז געווען די פלימעניצע פון לינקאָלנ׳ס א קאָלעגע אין דער לעדזשיסלייטשור. זי איז געווען א יחסנ׳טע, פון א רייכער אריסטאָקראַטישער פאמיליע. א געבילדעטע און א לוס־טיגע. לינקאָלן האָט זיך אין איר פארליבט, און אים איז שווער אָנגעקומען ביז וואנען זי האָט זיך אויף זיין ליבע אָפּגערופען. דער ליבעס־שטראָם איז אָבער רואיג ניט געפלאָסען. זיי האָבען זיך אָפּט געקריגט און אָפּט זיך איבערגעבעטען. זי איז דער־צויגען געווען אין א רייכער שטוב, וואו מען האָט זיך געמוזט קליידען שיין, ריידען העפליך און זיך אויפפירען לויט דעם שולחן ערוך פון עטיקעט. לינקאָלן האָט די פאָדערונגען ניט געקענט נאָכקומען. מיט די אויסגעאיידעלטע מנהגים און מאַנע־רען פון דער אריסטאָקראַטישער געזעלשאפט איז ער גאָר ניט געווען באקאנט און האָט זיך אויך ווייניג וואָס געקימערט. דאָס פלעגט די כלה שטארק אויפרעגען און פירען צו ברוגז׳ן.

דאן האָט פאסירט עטוואס, וואס איז ביז היינטיגען טאָג נאָך ניט גענוי דערקלערט געווארען. די חתונה איז באשטימט געווארען פאר׳ן ערשטען יאנואר, 1841. ביי דער כלה אין שטוב איז אלץ געווען צוגעגרייט. די כלה איז שוין געווען אָנ־געטאָן אין שלייער, די געסט פארזאמעלט. אָבער דער חתן איז ניט געקומען. מען האָט ארויסגעשיקט מענשען אים זוכען, אָבער זייער מי איז געווען אומזיסט.

וואס האָט מיט לינקאָלן יענעם אווענט פאסירט? זיינע אינטימע פריינד האָבען שפּעטער ערקלערט, אז אויפ׳ן וועג צו דער חופה האָט זיך פאר אים פלוצלונג באוויזען דאָס בילד פון ענן ראָטלעדזש און ער האָט זיך אומגעקערט. נאָך דער פאסירונג איז ער ווידער אריינגעפאלען אין א מרה שחורה און זיינע פריינד האָבען אים ווידער געמוזט היטען. דעם מאָל האָט עס אפילו אויסגעוויזען, אז ער איז גערירט פון זינען.

אין א צייט ארום האָבען זיך באקאנטע אריינגעמישט און ווידער געמאכט שלום צווישען לינקאָלן און זיין כלה. זיי האָבען

ענדליך געהייראט סוף יאר 1842.*) לינקאָלן איז דאן אַלט געווען 33 יאָר און זיין כלה 21 יאר. די הייראט איז ניט געווען קיין גליקליכע. מאדאם לינקאָלן איז געווען א נערוועזע, א כעסנ'טע און זי פלעגט אָפט אירע נערוועז און איר צאָרן אויסלאָזען צו זיין קאָפּ. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט אָפּגעוויינען פון זיין איינפאַכער אויפפירונג, פון זיינע פּראָסטע קליידער, פון זיין באהאנדלען אַלע מענשען ווי זיין גלייכען, און פון ריידען א גאסען־שפּראך, און דאָס האָט זי אים ניט געקענט מוחל זיין. ביי אים איז רעכט געווען צו פארשפּאָרען דעם דינער א גאנג און אַליין עפענען די טיר פאר געסט. ביי אים איז געווען א קרן אז ער האָט געקאָנט שפּאצירען אין גאַס אין א פּראָסטען היטעל, אנשטאָט א הויכען צילינדער הוט, ווי עס איז דעמאָלאט געווען די מאָדע. די רייכע אריסטאָקראַטען האָבען אויף לינ־

*) די אַלגעמיינע מיינונג צווישען די פריינד און באַקאַנטע פון די לינקאָלנס איז געווען, אז זי האָט אים ניט ליב געהאט. אירע בריף צו אים זייגען קאַלטע. זי שרייבט צו אים אזוי ווי ער וואָלט געווען אינ־גאנצען א פרעמדער. זי פלעגט צו אים שטענדיג האָבען טענות, זיך שטענדיג באקלאָגען. ער, פארקערט, איז שטענדיג געווען גוט און צאַרט צו איר. דער פאָלגענדער פאַקט קען דינען אַלס ביישפּיל פון זיין איבער־געבענהייט. זי האָט זייער מורא געהאט פאר א דונער. איז יעדען מאָל ווען דער הימעל פלעגט זיך פארוואָלקענען און עס פלעגט אָנהויבען צו דונערען, פלעגט לינקאָלן אוועקווארפען זיין ארבייט און לויפען אהיים צו דער ווייב.

געוויסע היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אז די וועלט איז ניט גערעכט צו מאַדאַם לינקאָלן. זיי ווייזען אָן, אז זי האָט געקענט טאָן א רייכערען און מער אריסטאָקראַטישען שידוך, דאָך האָט זי אויסגעקליבען לינקאָלנ'ען. ווען זי האָט מיט אים חתונה געהאט איז ער געווען א בעל חוב אויף טויזענט דאָלאר. נאָך דער חתונה האָבען זיי א צייט געלעבט אָרים. זי האָט אליין געמוזט נייען די קליידער פאר די קינדער. די היסטאָריקער ווייזען אויך אָן, אז זי האָט אים א סך געהאָלפען אין זיין קאַריערע. זי איז געווען א קלוגע און זייער אמביציעזע פרוי. זי האָט פארשטאַנען מענשען פיל בעסער ווי לינקאָלן. זי האָט לינ־קאָלנ'ען געטריבען ער זאָל גיין ווייטער און העכער. אָן איר שטענדיגען וועקען און טרייבען וואָלט ער אפשר קיינמאָל אזא מדרגה ניט דערגרייכט.

קאָלן אימער געקוקט ווי אויף א ווולגארען מענשען. אים האָט עס ווייניג וואס געארט, איר אָבער האָט עס שרעקליך ווי געטאָן און זי האָט עס אים געלאָזט פילען.*)

לינקאָלן האָט געוואוינט אין ספרינגפילד, די הויפט־שטאָט פון אילינאָי, וואו ער האָט זיך באַשעפטיגט אלס אדוואָקאט. ער האָט זיך אויך באטייליגט אין פּאָליטיק אלס איינער פון די וויכטיגסטע פיגורען אין דער „וויג" פּארטיי. ער האָט געקראגען א נאָמען אלס איינער פון די בעסטע אדוואָקאטען אין דעם גע־גענד. דאָך ווי עס ווייזט אוים האָט ער פון זיין פּראָפעסיע קיין גליקען ניט געמאכט. אָט איז א צעטעל פון זיינע פאָרדינסטען. אין 1846 האָט ער צוזאמען מיט זיין שותף געפירט 180 פּראָ־צעסען. פאר איין פּראָצעס האָבען זיי באקומען צוויי און א האלב דאָלער; פאר צוויי, צו דריי דאָלער; פאר 64, צו פינף דאָלער; פאר 5 צו זיבען דאָלער; פאר 63, צו צען דאָלער; פאר 5, צו זיבען דאָלער; פאר איינעם הונדערט דאָלער, און פאר די איבעריגע צווישען פופצען און פינף דאָלער א שטיק.

דעם ערשטען יאָר נאָך זיין חתונה האָט ער מיט זיין פרוי געוואוינט אין א קרעטשמע וואו זיי האָבען געצאָלט אכט דאָ־לער א וואָך פאר עסען און שלאָפען.

אין 1846 איז לינקאָלן אויסגעקליבען געווארען פאר קאָנ־גרעסמאן. אין דעם וואל־קאמף האָט זיין געגנער (א גלח) דער־קלערט, אז לינקאָלן גלויבט ניט אז יעזוס איז גאָט'ס זון און אז

---

*) די פאָלגענדע צוויי מעשה'לאך ווערען דערציילט אין פאר־בינדונג מיט דער חתונה: לינקאָלנ'ס א פריינד האָט געזאגט, אז צו דער חופּה איז לינקאָלן געגאנגען אזוי ווי מען וואָלט אים געפירט צו דער שחיטה. ווען לינקאָלן האָט זיך אָנגעטאָן צו דער חתונה האָט א קליין אינגעלע אים געפרעגט: „וואוהין גייט איר?" האָט לינקאָלן גע־ענטפערט: „איך גיי צום טייפעל". אין א בריף וואָס לינקאָלן האָט גע־שריבען צו זיינעם א פריינד פינף טעג נאָך דער חתונה געפינט זיך די שטעלע: „קיין נייעס האָט דאָ ניט פּאסירט, אויסער דעם וואָס איך האָב חתונה געהאט. ווי אזוי דאָס איז געשען איז נאָך פאר מיר א גרויסער חידוש."

לינקאָלן זאָל האָבען געזאָגט, אז יעזוס איז געווען א ממזר. לינ־קאָלן איז אין יענעם וואל־קאמף אויך אטאקירט געווארען דערפאר וואָס ער האָט געהייראט די טאָכטער פון אן אריסטאָקראַטישער פאמיליע. די אַלע אטאקעס האָבען אָבער ניט געשטערט לינ־קאָלנ׳ס ערפאָלג אין דעם טאָג פון די וואלען.

לינקאָלן האָט אין דעם וואל־קאמף באוויזען, אז ער באזיצט אויסערגעוויינליכע פייאיגקייטען אלס פראקטישער פאָליטיקער. ער האָט אליין געפירט דעם וואל־קאמף, האָט געשריבען הונדער־טער בריף צו פריינד, אָנהענגער און סתם בירגער. ער האָט פארשטאנען וואס פאר אן ארגומענטען צו באנוצען כדי צו גע־ווינען שטימען. ער איז געווען אן אויסערגעוויינליך גוטער אָר־גאניזאטאָר.

וועגען יענעם וואל־קאמף שרייבט סאנדבורג דאָס פאָלגענדע:

„א גרופע פריינד האָבען געגעבען לינקאָלנ׳ען די סומע פון צוויי הונדערט דאָלער אויף הוצאות. נאָך די וואלען האָט ער זיי צוריקגעגעבען 199 דאָלער און 25 סענט. „איך האָב זיך ניט גענויטיגט אין געלד, האָט ער זיי געזאָגט; ארומגעפארען בין איך אויף מיין אייגענעם פערד. געגעסען האָב איך ביי פריינד און זיי האָבען ביי מיר קיין געלד ניט גענומען. איך האָב אויס־געגעבען 75 סענט אויף א פעסעל קוואס, וואס א גרופע פארם־ארבייטער האָבען געבעטען איך זאָל זיי קויפען”.

אין קאָנגרעס איז לינקאָלן אנגעקומען נאָכדעם ווי דער קריג מיט מעקסיקאָ איז געווען פאָראיבער. דער קאָנגרעס האָט פאר־האנדעלט פארשידענע פראגען וואס האָבען געהאַט צו טאָן מיט דעם קריג און מיט די פרידענס־באדינגונגען. לינקאָלן האָט זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט צו מאכען שארפע אטאקעס אויף פרעזידענט פאָלק פאר ארייננשטויסען דאָס לאנד אין דער מלחמה. ער האָט אריינגעטראגען א רעזאלוציע אין קאָנגרעס, וועלכע האָט געפאדערט, דער פרעזידענט זאָל באווייזען, אז „די מעקסיקאנער האָבען ווירקליך פארגאָסען אמעריקאניש בלוט אויף אמעריקאנער באָדען” (פאָלק האָט דאָס אָנגעגעבען אלס אורזאך פאר זיין ווענדונג צום קאָנגרעס צו דערקלערען קריג געגען מעק־

סיקא). לינקאָלנ׳ס רעדעס געגען פאָלק׳ן פאר דער מלחמה האָבען אויפגערודערט דאָס לאנד. די פרעסע אין זיין אייגענעם שטאט האָט אים דערפאר שטארק קריטיקירט. טייל צייטונגען האָבען אים גערופען „פאררעטער״, אנדערע, „בענעדיקט ארנאָלד״. לינ־קאָלן האָט אויך געשטימט א מאָל פערציג פאר דעם „ווילמאָט פראָוויזיאָ״, וועלכע האָט פאָרגעשלאָגען, אז אין די טעריטאָריעס וואס אמעריקע וועט קריגען דורך דעם קריג מיט מעקסיקא זאָל שקלאפעריי זיין פארבאָטען.

אין זיין רעדע וועגען דער מלחמה האָט לינקאָלן אויסגע־דריקט זיין מיינונג וועגען דעם רעכט פון פעלקער צו מאכען רעוואָלוציעס. ער האָט געזאָגט: „יעדעס פאָלק, ווען עס איז דערצו גענייגט און באזיצט דערצו די מאכט, האָט א רעכט צו מאכען אן אויפשטאנד און אראָפּווארפען די עקזיסטירענדיגע רע־גירונג און שאפען א נייע, וואָס פאסט דעם פאָלק בעסער. דאָס איז א ניצליך און הייליג רעכט — א רעכט, וואס מיר האָפען און גלויבען וועט באפרייען די וועלט. . . רעוואָלוציעס ווערען ניט געמאכט אויף אלטע ליניעס, לויט אלטע רעצעפטען. רעוואָלו־ציעס ווערען געמאכט מיט דעם צוועק צו פארניכטען אלטע לי־ניעס און אלטע רעצעפטען און שאפען נייע אויף זייער פלאץ.״

אין פארבינדונג מיט דער פראגע פון טאריף, וואס איז פאר־האנדעלט געווארען אין קאָנגרעס, האָט לינקאָלן אויסגעדריקט זיין מיינונג איבער ארבייט. ער האָט געשריבען: „אין די ערשטע טעג פון דער מענשליכער ראסע אויף דער וועלט האָט גאָט גע־זאָגט: „מיט דעם שווייס פון דיין געזיכט זאָלסטו עסען דיין ברויט״. פון דעמאָלט אָן קענען מיר קיין גוטע זאך ניט קריגען (מיט דער אויסנאמע פון לופט און זונען־שיין), סיידען מיר באַ־צאָלען דערפאר מיט ארבייט. און וויבאלד די מערסטע גוטע זאכען ווערען באשאפען דורך ארבייט, דארפען די גוטע זאכען געהערען צו די, וואס ארבייטען כדי זיי צו שאפען. אָבער אין אלע צייטען האָט עס פאסירט, אז געוויסע מענשען האָבען גע־ארבייט און געוויסע אנדערע מענשען האָבען, ניט ארבייטענדיג, צוגענומען א גרויסען טייל פון דער פרוכט פון ארבייט. דאָס

איז אן אומרעכט וואָס טאָר ווייטער ניט אָנהאלטען. יעדע גוטע רעגירונג דארף זיך שטעלען פאר א ציל, אז יעדער ארבייטער זאָל קריגען די פולע פּראדוקטען פון זיין ארבייט. . . די איינציגע רפואה איז צו פארטרייבען פון דער געזעלשאפט נוצלאָזע אר־בייט און ליידיגייערייי".

נאָכדעם ווי לינקאָלן האָט געענדיגט זיין טערמין אין קאָנ־גרעס איז ער צוריקגעקומען אין ספרינגפילד און זיך ווידער גענו־מען צו זיין פּראָפעסיע אלס אדוואָקאט. פון 1849 ביז 1854 האָט ער זיך מיט פּאָליטיק ווייניג באשעפטיגט. ער האָט אפילו דערקלערט פאר זיינע פריינד, אז ער איז „פון פּאָליטיק אינ־גאנצען אוועק".

דער שטורמישער קאמף ארום דער שקלאפען־פראגע, וואס האָט זיך פאנאנדערגעפלאקערט אין די פופציגער יארען, האָבען אים ווידער אריינגעצויגען אין פּאָליטיק. ער איז אין דעם קאמף גיך געווארען איינער פון די אָנגעזעענסטע פיגורען.

אין יענער צייט האָט אן אלטער פריינד אנגעפרעגט לינ־קאָלנ'ען אין א בריף: „וואו שטייסטו איצט אין פּאָליטיק?" דערויף האָט לינקאָלן געשיקט דעם פאָלגענדען ענטפער: „איך דענק, אז איך בין א „וויג", אָבער אנדערע זאָגען אז קיין „וויגס" זיינען מער ניטאָ און אז איך בין אן „אבאָלישאָניסט". איך בין בלויז געגען דעם אז שקלאפעריי זאָל זיך פארשפרייטען. איך בין ניט קיין „נאָ־נאטינג". דאָס איז זיכער. . . מיר גייען שנעל בארג אראָפּ. אלס א פאָלק האָבען מיר אָנגעפאנגען מיט דער דערקלערונג אז „אלע מענשען ווערען באשאפען גלייכע". איצט זאָגען מיר פּאקטיש, אז „אלע מענשען ווערען געבוירען גלייכע, אויסער די נעגער". אויב די „נאָ־נאטינגס" וועלען אריין אין מאכט וועלען מיר זאָגען אז „אלע מענשען ווערען געבוירען גליי־כע אויסער נעגער, פרעמדע און קאטאָליקען". אויב דאָס וועט געשען, וואָלט איך געוואָלט ארויסוואנדערען אין א לאנד, וואס פּרעטענדירט ניט אז זי האָט ליב פרייהייט, א לאנד, ווי רוס־לאנד, צום ביישפּיל, וואו דער דעספּאָטיזם איז א ריינער, ניט אויסגעמישט מיט היפּאָקריטסטוואָ".

קאַפּיטעל 2.

די סאָוט רייסט זיך אָפּ, גרינדעט א באַזונדער רעגירונג.

אויף מאָרגען נאָכדעם ווי עס באַקאַנט געוואָרען, אז לינקאָלן איז דערוויילט געוואָרען פאַר פּרעזידענט, איז אין דער לעדזשיסלייטשור פון סאוט קאראָליינא געמאַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג, צו פאַררופען אַ קאָנווענשאָן וואָס זאָל באַטראַכטען די פראַגע וועגען אָפּטיילען זיך פון די פאַראייניגטע שטאַטען. דער פאָרשלאַג איז דורכגעגאַנגען. עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אז די בירגער פון דעם שטאַט זאָלען אויסקלייבען דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן דעם 23טען נאָוועמבער, און אז די דעלעגאַטען זאָלען זיך פאַרזאַמלען צו דער קאָנווענשאָן דעם 17טען דעצעמבער. אזוי שנעל ווי דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרען, האָבען די בעאַמטע פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג, וועלכע האָבען געדינט אין סאוט קאראָליינא — אַ ריכטער, א שטייער־זאַמלער, אַ קאַסיר און אַ מאַרשאַל — ארייַנגעשיקט זייערע רעזיגנאַציעס קיין וואַשינגטאָן. עס האָבען אויך רעזיגנירט די צוויי יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס און אַלע קאָנגרעסלייט, וועלכע האָבען פאַרטראָטען סאוט קאראָליינא אין דער פעדעראַלע רעגירונג.

די קאָנווענשאָן האָט זיך פאַרזאַמעלט אין טשאַרלסטאָן. אויפ'ן 4־טען טאָג פון אירע זיצונגען, דעם 20טען דעצעמבער, האָט זי איינשטימיג אנגענומען א רעזאָלוציע, וועלכע האָט דערקלערט, אז די פאַרבינדונג פון סאוט קאראָליינא מיט די פאַראייניגטע שטאַטען איז אָפּגעבראָכען און אַז סאוט־קאראָליינא איז פון איצט אָן אַן אונאָפּהענגיגער שטאַט, א רעגירונג פאַר זיך.

אין סאוט־קאראָליינא איז דער דאָזיגער געוואַלדיגער שריט

געמאַכט געוואָרען אָן שוועריגקייטען. עס זיינען געווען אייניגע אין דער לעדזשיסלייטשור, וואס האָבען געראַטען ניט צו האנדלען צו געאיילט. אָבער די שטימונג אין דעם שטאַט, און איבער־הויפּט אין טשאַרלסטאָן און אין די גאַסען ארום דער רעגירונגס־געביידע, איז געווען אַזאַ אויפגערעגטע, אַז די וואָס זיינען געווען געגען אָפּטיילען זיך האָבען כמעט ניט געוואגט אויפצוהויבען זייערע שטימען. ניט אזוי גלאַט אָבער איז עס צוגעגאנגען מיט מיט די אַנדערע שטאַטען פון דער סאוט. איינע נאָך דער אַנ־דערער האָבען די לעדזשיסלייטשורס דאָרטען אויך אויפגענומען די פראגע. אָבער דאָרטען האָבען זיך ישוין געפונען באַדיי־טענדע אָפּאָזיציעס. אין דזשאָרדזשיא, צום ביישפּיל, איז געגען דעם פאָרשלאַג ארויסגעטראָטען אַזאַ וויכטיגע פּערזענליכקייט ווי אַלעקסאַנדער סטעפענס. אָבער די אָפּאָזיציעס זיינען באַזיגט גע־וואָרען. די אַנדערע שטאַטען פון דער סאוט האָבען נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון סאוט־קאַראָליינאַ. יעדע לעדזשיסלייטשור האָט פאַררופען אַ קאָנווענשאָן, און די קאָנווענשאָן האָט אָנגענו־מען די רעזאָלוציע אַז דער שטאַט טיילט זיך אָפּ פון די פאַראיי־ניגטע שטאַטען און ווערט אונאָפּהענגיג.

אויף אַזאַ אופן זיינען אין משך פון די מאָנאַטען דעצעמבער און יאַנואַר ארויסגעטראָטען די שטאַטען סאוט־קאַראָליינאַ, מיסי־סיפּי, פלאָרידאַ, אַלאַבאַמאַ, דזשאָרדזשיא, לואיזיאַנאַ און טעק־סעס, די זיבען וויכטיגסטע קאָטען־שטאַטען.

דאָס פאָלק אַליין האָט אין די אַלע שטאַטען איבער דער פראַגע ניט געשטימט, אויסער אין שטאַט טעקסאַס. די בירגער האָבען געוויילט די דעלעגאַטען צו די קאָנווענשאָנס, אָבער דער באַשלוס פון די קאָנווענשאָנס איז ניט איבערגעגעבען געוואָרען צום פאָלק אָפּצושטימען.

ווי אַזוי וואָלט געשטימט דאָס פאָלק ווען עס וואָלט געהאַט די געלעגענהייט ? איבער דעם זיינען היסטאָריקער צוטיילט אין זייערע מיינונגען. זיי אַלע גיבען צו, אַז בלויז דאָס קליין הייפעלע פון שקלאַפען־אייגענטימער און די פּאָליטישע פירער אין יענע שטאַטען זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אָפּרייסען זיך.

אָבער די גרויסע מאסע האָט דערפון גאָרניט געהאט צו געווי־נען און אלץ צו פארלירען. דאָך, מיינען א סך היסטאָריקער, וואָלט די מאסע געשטימט מיט די שקלאפען אייגענטימער. אין פארלויף פון צענדליגער יאָרען איז אין דער סאוט אָנגעפירט געווארען א העצע געגען דער נאָרט, און איבערהויפט געגען יענע גרופען אין דער נאָרט, וואס זיינען געווען געשטימט געגען שקלא־פעריי. איין היסטאָריקער באמערקט: „עס איז געקומען צו אזא לאגע, אז די נאָרט און די סאוט האָבען שוין מער ניט געקענט אויסקומען איינער מיט דעם אנדערן”. אין סאוט־קאראָליינא, צום ביישפיל, איז די נייעס, אז די קאָנווענשאָן האָט באשלאָסען דער שטאט זאָל זיך אָפּטיילען, אויפגענומען געווארען מיט ווילדער באגייס־טערונג. די גאסען זיינען געווען געפאקט מיט מענשען, וועלכע האָבען אזש געטאנצט פאר פרייד. מענשען זיינען געפאלען איינע די אנדערע אויף די העלזער און זיך געקושט. עפּעס אזוי ווי ענדליך איז דאָס לאנד באפרייט געווארען פון א שרעקליכען טיראנישען יאָך.

טייל היסטאָריקער מיינען אָבער, אז די אלע דעמאָנסטראציעס זיינען געווען אויפגעבלאָזענע, אויפגעהעצטע, פון פּאָליטישענס און געשיקטע רעדנער. זיי גלויבען, אז אויב די פּאָליטישענס וואלטען געפילט, אז דאָס פאָלק איז מיט זיי, וואָלטען זיי די פראגע אי־בערגעגעבען דירעקט צום פאָלק פאר אַן אָפּשטימונג. די היסטאָ־ריקער דענקען, אז ווען די גאנצע זאך וואָלט ניט אָפּגעטאָן גע־ווארען אין אזא איילעניש; ווען דער עולם וואָלט געהאט צייט זיך צו איבערלייגען און דערנאָך זאָגען זיין וואָרט, וואָלט דער ריס ניט געקומען.

דעם 4טען פעברואר, 1861, האָבען די זיבען ארויסגעטראָ־טענע שטאטען געשיקט דעלעגאטען צו א קאָנגרעס אין מאָנט־גאָמערי, אלאבאמא. דער קאָנגרעס האָט אָרגאניזירט א נייע רע־גירונג מיט'ן נאָמען „די קאָנפעדערייט סטייטס אָוו אמעריקא”. ער האָט אויך פארפאסט א צייטווייליגע קאָנסטיטוציע און אויס־געוויילט א פרעזידענט און א וויים־פרעזידענט. אלס פרעזידענט איז אויסגעוויילט געווארען דזשעפערסאָן דייוויס פון מיסיסיפּי,

און אלס וויס־פּרעזידענט — אַלעקסאנדער סטעפענס פון דזשאָר־דזשיא (סטעפענס איז לכתחילה געווען געגען אָפּטיילען זיך. אָבער ווען זיין שטאַט, דזשאָרדזשיא, איז דאָך ארויס, איז ער געווארען אַן איבערגעבענער אָנהענגער פון דער נייער רעגירונג).

די קאָנסטיטוציע פון דער נייער רעגירונג איז אין אַלגעמיין געווען דיזעלבע ווי די קאָנסטיטוציע פון דער אַלטער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאַטען. עס זיינען בלויז אריינגעשטעלט געווארען אייניגע פּונקטען צו פארזיכערען און באפעסטיגען די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי: אז דער קאָנגרעס זאָל קיינמאָל ניט טאָרען מאכען קיין געזעצען צו שעדיגען דאָס אייגענטום פון שקלאַפען. עס זיינען אויך געמאכט געווארען אייניגע אומבאַדיי־טענדע ענדערונגען אין דער רעגירונגס־פאָרם, ווי צום ביישפּיל, אז דער פּרעזידענט זאָל אויסגעווײלט ווערען ניט אויף פיר יאָר, נאָר אויף זעקס, און אז מער ווי איין טערמין זאָל ער ניט טאָרען זיין אין אַמט.

אין אַ רעדע, וואָס מר. סטעפענס, דער וויס־פּרעזידענט פון דער „קאָנפעדערייסי", (דאָס איז דער פּאָפּולערער נאָמען וואס די רעגירונג אין דער סאוט האָט געטראָגען) האָט געהאַלטען מיט אַ מאָנאַט שפּעטער, האָט ער דערקלערט: „דער פונדאמענט פון אונזער רעגירונג שטיצט זיך אויף דעם גרויסען אמת, אז דער נעגער איז ניט קיין גלייכען צו דעם ווייסען; אז שקלאַפעריי איז נאַטירליך און נאָרמאַל. אונזער נייע רעגירונג איז די ערשטע אין דער וועלט וואָס שטיצט זיך אויף אָט דעם גרויסען פילאָזאָ־פישען, פיזישען און מאָראַלישען אמת".

די רעגירונג אין וואשינגטאָן האָט די ערשטע צייט גאָר ניט געטאָן צו שטערען די רעוואָלטירענדע שטאַטען פון דער סאוט. דער אַלטער פּרעזידענט, דזשיימס ביוקענען, איז געווען אַ דעמאָקראַט און אַ ביטערער געגנער פון דעם ניי־דערווײלטען פּרעזידענט און פון דער רעפּובליקאנישער פּארטיי. זיינע סימפּאַ־טיען זיינען שטענדיג געווען מיט דער שקלאַפּישער סאוט. דערצו איז ער געווען אַ שוואַכער מענש, אָן ווילענס־קראַפט. זיין אַד־מיניסטראציע איז געפירט געווארען פון זיינע מיניסטאָרען, און

די שטארקסטע דעה־זאָגער אין קאבינעט זיינען געווען מענשען פון דער סאוט, וועלכע האָבען געשטיצט די „סיסעשאָן" (די באַוועגונג פון אָפּטיילען זיך). זיי זיינען געווען קאָב פון דזשאָרדזשיא, פינאַנס־מיניסטער; פלאָיד פון ווירדזשיניא, קריגס־מיניסטער; און טאָמפסאָן פון מיסיסיפּי, מיניסטער פון אינערען. ווען דער אַלטער קאָנגרעס האָט געעפענט זיין לעצטע זיצונג, אין אָנפאנג דעצעמבער, האָט פּרעזידענט ביוקענען אריינגעשיקט אַ מעסעדזש, וועלכער האָט צוגעגעבען מוט די רעוואָלטירענדע שטאַטען. אין דעם מעסעדזש האָט ער פאַרענטפערט די סאוט פאַר איהר אָפּרייסען זיך פון דער רעגירונג. ער האָט ערקלערט, אַז די נאָרט האָט יארען לאַנג געהעצט געגען דער סאוט; אַז זי האָט אָנגעשטעקט די שקלאַפען מיט'ן געדאַנק פון פרייהייט און דערמיט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף דער סאוט. ער האָט שארף קריטיקירט די נאָרט־שטאַטען פאַר מאַכען געזעצען צו העלפען אנטלאָפענע שקלאַפען, און אויך דערפאַר ווייל זיי האָבען אויסגעוויילט לינקאָלנ'ען פאַר פּרעזידענט.

וועגען דעם עיקר, וואָס ער דענקט צו טאָן מיט די שטאַטען וועלכע האָבען זיך דערקלערט אונאָפּהענגיג, האָט ביוקענען אין זיין מעסעדזש געמאַכט אַזאַ מין דערקלערונג: די שטאַטען האָבען קיין רעכט ניט זיך אָפּצוטיילען; אָבער ניט דער קאָנגרעס, און ניט דער פּרעזידענט האָט די מאַכט צו צווינגען אַ שטאַט ער זאָל פאַרבלייבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען ווען ער וויל ניט. דער איינציגער מיטעל איז צו זען ווירקען מיט גוטען אַז די שטאַטען זאָלען צוריק אַריין אין דער „יוניאָן" (פאַראייניגטע שטאַטען). מיט גוואַלט זיי צווינגען טאָר מען ניט.

די סאוט איז אַלזאָ געווען זיכער, אַז כל זמן די אַלטע אַדמיניסטראציע איז אין מאַכט, וועט זיי קיינער ניט שטערען דורכצופירען זייערע פּלענער און גרינדען אַן אייגענע, אונאָפּהענגיגע רעגירונג. זיי האָבען געוואוסט, אַז ווען לינקאָלן וועט איבערנעמען די רעגירונג דעם 4טען מערץ, וועט זיך די לאַגע ענדערען. זיי האָבען אַלזאָ אָנגעשטרענגט די כחות צו באַפעסטיגען זיך אי פיזיש, אי מאָראַליש, אין פאַרלויף פון די עטליכע מאָ־

נאַטען וואס איז פארבליבען ביז לינקאָלנ'ס איינשווערונג. די קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען וואס האָבען די שטאַטען פאר־טראָטען אין וואשינגטאָן האָבען רעזיגנירט און זיינען אוועקגע־פאָרען אהיים. די „נייע רעגירונג” האָט אויך פארנומען אלע געביידעס פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג וועלכע האָבען זיך גע־פונען אין זייערע גרענעצען: די אַקציז־ביוראָס, די מיליטערישע אַרסענאַלען, די געריכט־הייזער, אַ. ז. וו.*)

דער קאָנגרעס האָט געפּאָלגט דעם פּרעזידענט'ס עצה און האָט גענומען זוכען מיטלען ווי אזוי דורכצוקומען מיט דער סאוט אויף אַ פרידליכען אופן. דער סענאַט האָט באַשטימט אַ קאָ־מיטע פון דרייצען; די האוז־אָוו־רעפּרעזענטאַטיווס — אַ קאָ־מיטע פון דריי־און־דרייסיג. די סענאַט־קאָמיטע האָט פארהאַנ־דעלט אַ פּשרה־פּלאַן, וועלכער וואָלט פּילייכט צופרידענגעשטעלט די סאוט, אָבער לינקאָלן האָט געלאָזט וויסען, אז ער וועט שפּע־

*) וואָלטער גאסטאָן שאטוועל אין זיין ווערק „דער בירגער־קריג אין אמעריקע”, גיט די פאָלגענדע ציפערען פון דעם מיליטערישען אייגענטום וואס די סאוט האָט פארכאפּט: „ווען לינקאָלן איז איינ־געשוואָרען געוואָרען, זיינען בלויז דריי פעסטונגען אין די רעוואָלטי־רענדע שטאַטען פארבליבען אונטער דער פאָן פון די יונייטעד סטייטס, — פאָרט סאָמטער, נעבען טשאַרלסטאָן, און צוויי נעבען דעם פלאָרידער ברעג. אלע אַנדערע פעסטונגען, מאגאזינען, האפּענס, מינצען, שטייער־ביוראָס און רעגירונגס־געביידעס זיינען פארכאפּט געווארען. אין דער מינץ פון ניו־אָרלינס, וואס די „קאָנפעדערייסי” האָט פארכאפּט, האָט זיך געפונען אַ האלבער מיליאָן דאָלאר אין גאָלד. אין די רעוואָלטירענדע שטאַטען זיינען געווען מער ווי דרייסיג פעסטונגען מיט דריי טויזענד הארמאַטען, וועלכע האָבען אָפּגעקאָסט איבער צוואנציג מיליאָן דאָלער. קריגס־מיניסטער פלאָיד האָט פאַר זיין רעזיגנירען אַריבערגעשיקט אין דער סאוט כמעט די גאַנצע וואפען וואָס די יונייטעד סטייטס האָט דאַן פארמאָגט. ער האָט, צום ביישפּיל, געהייסען אַריבערפירען 115 טויזענד ביקסען פון די ארסענאלען אין דער נאָרט צו די ארסענאַלען אין דער סאוט. אוידער ביוקענען איז ארויס פון אַמט, האָט די סאוט צוגע־נומען פון די יונייטעד סטייטס מיליטערישע זאפּאסען אין ווערט פון 30 מיליאָן דאָלער. זי האָט צוגענומען גענוג וואפען צו באזאָרגען אַן ארמיי פון 150 טויזענד מאַן.

טער, אלס פרעזידענט, ניט שטיצען דעם פלאן. דער פונקט אין דעם פלאן וואס האט ארויסגערופען לינקאלנ'ס אפאזיציע, האט פארגעשלאגען, אז דאס לאנד זאל צוטיילט ווערען אין צוויי חלקים; א ליניע זאל געצויגען ווערען אויף א געוויסען פונקט, און אז די טעריטאריע וואס ליגט אויף דער דרום זייט פון דער ליניע זאל זיין אפען פאר שקלאפעריי. לינקאלן האט דערקלערט, אז ער איז דערוויילט געווארען אויף א פלאטפארמע וואס לויטעט, אז אין נייע טעריטאריעס זאל קיין שקלאפעריי ניט דערלויבט זיין און אז ער וועט זיך ביי דעם דאזיגען פרינציפ האלטען. ער איז וויליג געווען צו גאראנטירען דער סאוט, דאס אין זייערע אייגענע שטאטען, דארט וואו שקלאפעריי עקזיסטירט שוין איצט, וועט שקלאפעריי פארבלייבען. ער איז אבער געווען אנטשידען געגען דעם, אז שקלאפעריי זאל האבען די מעגליכקייט אריינצודרינגען אין נייע טעריטאריעס. לינקאלנ'ס אפאזיציע האט דעם שלום-פלאן צושטערט.

די האוז-קאמיטע האט אויך אויסגעארבייט א פשרה-פלאן. דארט איז געווען א פונקט, אז די קאנסטיטוציע זאל אזוי אמענדירט ווערען, אז דער קאנגרעס זאל קיינמאל ניט טארען אפשאפען שקלאפעריי דארט וואו שקלאפעריי עקזיסטירט שוין. דיביידע צווייגען פון קאנגרעס האבען דעם אמענדמענט אנגענומען מיט מאיאריטעטען פון צוויי-דריטעל. די לעדזשיסלייטשורס פון די שטאטען האבען אים אבער צוריקגעוויזען. פון דעם פלאן איז אויך גארניט געווארען.

פרעזידענט ביוקענענ'ס לאגע איז געווארען שווערער פון טאג צו טאג. ער האט געוואוסט, אז די נארט קריטיקירט אים דערפאר, וואס ער נעמט ניט קיין שטעלונג געגען די רעוואלוציאנערע שטאטען. וואשינגטאן איז געווען פול מיט פארשווערער געגען דער רעגירונג, מיט שפיאנען פון דער סאוט. קאנגרעסלייט און סענאטארען און הויכע רעגירונגס-בעאמטע האבען אין געהיים געארבייט צו שטארקען די הענט פון דעם אויפשטאנד. דער קריגס-מיניסטער פלאיד האט געהאלטען אין איין טראנספערירען געווער פון די ארסענאלען אין דער נארט און אין דער

וועסט צו די אַרסענאַלען פון דער סאוט, כדי די סאוט זאָל עס קענען צונעמען. ער האָט אויך אַריבערגעשיקט אַ גרויסען טייל פון דער פעדעראַלער אַרמיי קיין טעקסעס, און דאָרטען האָט דער קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי זי איבערגעגעבען אַלס קריגס־געפאַנגענע אין די הענט פון דער „קאָנפעדערייסי“. די רעגי־רונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָט דורך פלאָיד'ס פאַרראַט פאַרלאָרען מיליטערישע זאַפּאַסען וואָס האָבען באַטראָפען אַ מי־ליאָן און צוויי הונדערט טויזענד דאָלער.

סוף דעצעמבער איז אין וואַשינגטאָן אָנגעקומען אַ קאָמיסיע פון דריי פאָרשטייער פון דער סאוט־קאַראָליינער אונאָפּהענגיגער רעגירונג. זי איז געקומען פאַרהאַנדלען מיט'ן פּרעזידענט וועגען אויסגלייכען זיך מכח דעם אייגענטום פון דער וואַשינגטאָנער רע־גירונג וואָס געפינט זיך אין סאוט־קאַראָליינאַ. די קאָמיסיע האָט זיך געווענדעט צום פּרעזידענט, ער זאָל זי אויפנעמען און מיט איר פירען אונטערהאַנדלונגען. דער פּרעזידענט האָט געענטפערט, אַז דאָס קען ער ניט טאָן, ווייל ער האָט קיין רעכט ניט צו אַנערקענען די אונאָפּהענגיגקייט פון סאוט־קאַראָליינאַ; אז דאָס קען טאָן בלויז דער קאָנגרעס.

די קאָמיסיע האָט אין איר בריף צום פּרעזידענט אויך פּראָ־טעסטירט געגען דעם, וואָס אין דעם האַפען פון טשאַרלסטאָן האָט אַן אָפיצער פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג טראַנספערירט זיין גאַרניזאָן פון איין אינזעל אויף אַ צווייטען. דער אָפיצער, מאַיאָר ענדערסאָן, איז פריער געשטאַנען אויף דעם אינזעל מאָלטרי, וועל־כער איז געווען שוואַך באַפעסטיגט און זייער נאָענט צום טשאַרלסטאָנער ברעג. האָט ער מורא געהאַט דאָרט צו פאַר־בלייבען, ווייל דאָרט וואָלט די אַרמיי פון סאוט־קאַראָליינאַ אים לייכט געקענט באָמבאַרדירען. האָט ער אין מיטען נאַכט, דע־צעמבער דעם 26טען, אַריבערגעפירט דעם גאַרניזאָן אויף אַ צוויי־טען אינזעל, סאָמטער, וועלכער איז געווען שטאַרק באַפעסטיגט. די קאָמיסיע האָט געפאָדערט, אַז דער פּרעזידענט זאָל באַפעלען ענדערסאָנ'ען ער זאָל זיך צוריקציען פון פאָרט־סאָמטער, ווייל דערמיט וואָס ער איז אַריבער אויף אַ שטאַרקערע פּאָזיציע, האָט

ער געמאכט א קריגערישען שריט געגען סאוט־קאראליינא. דערויף האט דער פרעזידענט געענטפערט, אז ער וועט דאס ניט טאן. ער האט אנגעוויזען, אז סאוט־קאראליינא האט צוגענומען פון טשארלסטאן אמוניציע פאר א האלבען מיליאן דאלער, וואס האט געהערט צו דער יונייטעד סטייטס רעגירונג, און אז זי האט קיין רעכט ניט געהאט צו פארכאפען דאס אייגענטום פון דער יונייטעד סטייטס רעגירונג.

די קאמיסיע האט געשיקט אן ענטפער אויף דעם ענטפער. איר טאן איז איצטער געווען א באליידיגענדער. זי האט אים געסטראשעט מיט מלחמה. פרעזידענט ביוקענען האט אויף דעם בריף קיין ענטפער ניט געשיקט.

די אלע זאכען האבען געווירקט אויף פרעזידענט ביוקענען ער זאל ווערען אביסעל מוטיגער. דער קריגס־מיניסטער פלאיד האט רעזיגנירט פון קאבינעט אזוי שנעל ווי מאיאר ענדערסאן האט פארנומען פארט סאמטער. קורץ נאכדעם זיינען ארויס־געטראטען די אנדערע אומטרייע מיניסטארען. אין קאבינעט זיינען איצט אריין מיניסטארען, וועלכע האבען ניט געהאט קיינע סימפאטיען מיט די רעוואלטירענדע שטאטען פון דער סאוט.

ביוקענען האט זיך געפילט פארלאזען פוןביידע צדדים. ער האט פארלארען דעם צוטרוי אי פון דער נארט, אי פון דער סאוט. ער איז געווען אין טויט־שרעק. פראפעסאר דרעיפער (אין זיין ווערק „דער בירגער־קריג אין אמעריקע") שרייבט: „ניי־יאר איז במעט קיינער ניט געקומען אים באגריסען און צוואוינשעווען. אי לאיאלע, אי ניט לאיאלע, האבען זיך אנט־זאגט אים צו געבען די האנט. צו זיינעם א פריינט האט ער געזאגט: „איך האב געוואלט טאן מיין פליכט צו ביידע צדדים און איך האב אויסגעפירט אז ביידע זיינען אומצופרידען. איך בין געבליבען איינער אליין אויף דער וועלט".

דאס לאנד האט געווארט אומגעדולדיג אויף דעם 4טען מערץ, ווען לינקאלן און זיין נייע אדמיניסטראציע וועט אריין אין מאכט. ווי וועט ער האנדלען?

קאַפּיטעל 3.

לינקאָלן איינגעשוואוירען. — דער בירגער־קריג הויבט זיך אָן.

דעם 7טען פעברואַר, 1861, איז אייבערהעם לינקאָלן אַרויס־געפּאָרען פון זיין היים, ספּרינגפילד, אילינאָי, קיין וואַשינגטאָן, איבערצונעמען דעם פּרעזידענט־אַמט. ער האָט באַקומען אַ גרויסע צאָל איינלאַדונגען פון די לעדזשיסלייטשורס און פון שטאָט־בעאַמטע אין אינדיאַנאַ, אָהייאָ, פּענסילווייניא, ניו יארק, מאַסאַ־טשוזעטס און ניו דזשוירזי, ער זאָל זיך ביי זיי אָפּשטעלען אלס גאַסט. אַ סך פון די איינלאַדונגען האָט ער אָנגענומען. דערפאַר איז ער דאָס אַרויסגעפאָרען אזוי פרי — אַ גאַנצען מאָנאַט כמעט פאַר דעם טאָג פון דער איינשוועהרונג.

ווען ער האָט פאַרלאָזען ספּרינגפילד, האָבען אַרום אַ טויזענד פריינד און פאַרערער אים באַגלייט צום באַן. איידער דער צוג האָט גענומען פאָרען, האָט לינקאָלן, שטייענדיג אויף דער פּלאַט־פאָרמע, זיך געזעגענט מיט דעם עולם. ער האָט אַזוי געזאָגט: „מיינע פריינד, אַ מענש וואָס איז ניט אין מיין לאַגע, קען ניט אָפּשאַצען דעם געפיל פון אומעט וואָס איך האָב איצט, ביים שיידען זיך מיט אייך. אָט דער שטאָט און דער פריינדשאַפט פון אירע איינוואוינער האָב איך אַלץ צו פאַרדאַנקען. דאָ האָב איך געלעבט אַ פערטעל יאָרהונדערט. דאָ בין איך פון אַ יונגען מאַן אַן אַלטער מאַן געוואָרען. דאָ זיינען מיינע קינ־דער געבוירען געוואָרען און איינעם האָב איך דאָ באַערדיגט. איצטער פאַרלאָז איך אייך, און ווייס ניט צי איך וועל ווען־עס־איז צוריקקומען. און פאַר מיר שטייט אַן אויפגאַבע וואָס איז נאָך שווערער ווי די אויפגאַבע וועלכע דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט

געהאט. אָן דער הילף פון גאָט, וואָס איז אים בייגעשטאנען, וועל איך ניט קענען זיין ערפאָלגרייך. מיט זיין הילף אָבער קען איך ניט דורכפאלען. איך ווינש אייך א הארציגען זייגעזונט".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין א צען גרויסע שטעט און אין א סך קליינע שטעטלאך. איבעראל זיינען גריסע מאסען אים נעקומען באגריסען. אלע זיינען, פארשטייט זיך, געוועזן נייגעריג צו הערען א וואָרט פון אים וועגען זיינע פלענער בנוגע דער סאוט, אָבער ער האָט די פראגע אינגאנצען אויסגעמידען אין זיינע רעדעס.

דעם 21טען פעברואר איז ער אָנגעקומען אין פילאדעלפיא. דאָרט האָט ער געקראָגען ידיעות, אז אין באלטימאָר איז דאָ א געהיימע פארשווערונג אים צו דערמאָרדען אזוי שנעל ווי ער וועט זיך דאָרט באווייזען. לויט זיין פראָגראם, האָט ער גענראפט זיך אָפּשטעלען אין באלטימאָר און דאָרט האלטען א רעדע. זיינע פריינד האָבען אים געווארענט ער זאָל זיך ניט דערוועגען דאָס צו טאָן. באלטימאָר האָט אים טאקע אָפּיציעל איינגעלאדען, אָבער זי איז דאָך געווען אין מערילאנד, א שקלאפען־שטאט. דערצו זיינען די צייטונגען געווען פול מיט פארשיידענע קלאנגען, אז די סאוט איז אנטשלאָסען ניט צו דערלאָזען אז לינקאָלן זאָל איבערנעמען דעם פּרעזידענט־שטול. זיינע פריינד האָבען אים אויך דערמאָנט, אז מיט אים פאָרט מיט זיין פאמיליע, און אז ער מוז אין זינען האָבען די לעבענס פון זיין פרוי און קינדער.

לינקאָלנ'ס ענטפער איז געווען, אז אויב פון באלטימאָר וועט קומען א רעגירונגס־קאָמיטע אים צו באגלייטען פון פילאדעלפיא אין זייער שטאָט, וועט ער מיט איר מיטפאָרען. אויב ניט, וועט ער פאָלגען זיינע פריינד. קיין קאָמיטע איז ניט געקומען. אויסמיידען דורכצופאָרען באלטימאָר האָט ער אָבער ניט געקענט, ווייל די באן פון פילאדעלפיא קיין וואשינגטאָן גייט דורך באלטימאָר. האָט ער זיך דורך באלטימאָר דורכגע'גנב'עט. ער האָט זיך פארקליידט פאר א געוויינליכען רייזענדען און איז

אַרױף אױפ'ן באַן בײנאַכט, אין דער באַגלײטונג פון אײן מענשען, זײנעם אַ פרײנד. קײנער אױפ'ן באַן האָט אים ניט דערקענט. בײ דער סטאַנציע אין װאַשינגטאָן האָבען אױף אים געװאַרט צװײ פון זײנע פּאַרטײטסטע פרײנד — סענאַטאָר סיואַרד און אַ קאָנגרעסמאַן פון אילינאָי. זײן פאַמיליע איז אַרױסגעפאָרען קײן װאַשינגטאָן נאָכדעם װי לינקאָלן איז שױן דאָרט געװען.*)

די צערעמאָניע פון דער אײנשװערונג, מאָנטאָג, דעם 4טען מערץ, איז דורכגעפירט געװאָרען אונטער אַ שטרענגער מיליטערישער װאַך. אױף דעם גאַנצען װעג פון דעם פּרעזידענט'ס װאױנונג ביז'ן „קעפּיטאָל" זײנען געשטאַנען דאָפּעלטע רײען קאַװאַלעריע. פאָראױס פון דער פּראָצעסיע איז געגאַנגען אַ טרופּע סאָלדאַטען, און הינטער דער פּראָצעסיע זײנען אױך געגאַנגען סאָלדאַטען. אױף די דעכער פון די הײזער זײנען געשטאַנען סאָלדאַטען מיט ביקסען אין די הענט. מען האָט מורא געהאַט טאָמער װעט אימיצער מאַכען אַ פּאַרזוך צו שיסען דורך אַ פענסטער. בײ די טרעפּ פון „קעפּיטאָל" זײנען װידער געװען סאָלדאַטען, און סאָלדאַטען זײנען געשטאַנען אין די פענסטער אין די אױבערשטע עטאַזשען אין דער געבײדע.

אין דער רעדע װאָס לינקאָלן האָט געהאַלטען בײ דער אײנשװערונגס־צערעמאָניע האָט ער פּאָרגעלײגט זײן שטאַנדפּונקט און זײן פּראָגראַם בנוגע די רעװאָלטירענדע שטאַטען און בנוגע דער סאַוט אין אַלגעמײן. אױף דער רעדע האָט דאָס גאַנצע לאַנד געװאַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולד. ער האָט מיט אַלע כחות געזוכט צו באַרואיגען די סאַוט, צו װירקען אױף די שטאַטען װאָס זײנען שױן אַרױס, זײ זאָלען אַרײן צוריק, און אױף די שטאַטען װאָס זײנען נאָך ניט אַרױס — אַז זײ זאָלען

*) די שרעק פאַר דורכפאָרען באַלטימאָר איז געװען אַזױ גרױס, װײל דעמאָלט פלעגט זיך די באַן אָפּשטעלען הינטערן שטאָט. מען פלעגט אָפּשפּאַנען דעם לאָקאָמאָטיװ און אײנשפּאַנען פערד. די באַן פלעגט דורכפאָרען דורך דער שטאָט אַזױ װי אַ טראַמװײ.

דעם שריט ניט מאכען. אין דער סאוט, דאס הייסט, אין דעם שקלאפּישען טייל פון לאנד, האבען זיך געפונען עלף שטאטען. ביז איצט זיינען ארויס ניט מער ווי זיבען. אויב עס וואלט גע־לונגען איינצוהאלטען די איבעריגע פיר, וואלט לייכט געווען דעם רעוואלט צו אונטערדריקען. לינקאלן האט געוואוסט, אז די פיר וואקלען זיך צווישען צוויי געפילען: דאס געפיל פון שקלאפעריי ציט זיי צו דער קאנפעדערייסי; דאס געפיל פון „יוניאן" ציט זיי צו די יונייטעד סטייטס. האט ער געשטרעבט אין זיין רעדע צו איבערצייגען די וואקעלדיגע שטאטען, אז זיי האבען קיין שום אורזאכען ניט נאכצוטאן דעם ביישפּיל פון די אנדערע זיבען. ער האט פארזיכערט, אז ער וועט ניט שטערען די שקלאפעריי אין יענע שטאטען, וואו שקלאפעריי עקזיסטירט שוין. ער האט אפילו דערקלערט, אז ער וועט זען, אז דאס געזעץ וועגען אנט־לאפענע שקלאפען זאל אפגעהיט ווערען. דאן האט ער גערעדט אויספירליך וועגען דער „יוניאן", וועגען דער גאנצקייט פון לאנד. ער האט דערקלערט, אז אונטער קיינע אומשטענדען וועט די „יוניאן" ניט צוריסען ווערען, און ער האט פארזיכערט אז ער וועט זען, אז די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאטען זאלען אפּ־געהיט ווערען אין אלע שטאטען. ווייטער האט ער דערקלערט, אז ער וועט זען אויסמיידען בלוט־פארגיסונג; אז עס וועט ניט פארקומען קיין בלוט־פארגיסונג, סיידען דאס וועט אויף אים ארויפגעצוואונגען ווערען. ער האט זיין רעדע געענדיגט מיט אן אפּיל צו די רעוואלטירענדע שטאטען: „אין אייערע הענט — האט ער געזאגט — מיינע אומצופרידענע ברידער־בירגער, און ניט אין מיינע, ליגט די אנטשיידונג וועגען א בירגער־קריג. די רעגירונג וועט אייך ניט אטאקירען. עס וועט ניט קומען צו קיין צוזאמענשטויס, סיידען איר וועט אנגרייפען. . . מיר זיינען ניט קיין שונאים, נאר פריינד; מיר טארען ניט זיין קיין שונאים. די ליידענשאפטען האבען פאנאנדערגעצויגען דעם באנד פון ליבע, וואס מיר טראגען איינע צו די אנדערע. מיר טארען ניט דערלאזען, אז דער באנד זאל אינגאנצען איבערגעריסען ווערען".

אויף מאָרגען נאָך דער איינשוועהרונג האָט לינקאָלן אריינגע־שיקט אין סענאַט די נעמען פון זיינע מיניסטאָרען. אויפ׳ן צעטעל האָבען זיך געפונען פיר דעמאָקראַטען. עס זיינען דאָרט אויך געשטאַנען פיר נעמען פון מענשען וואָס זיינען געווען זיינע קאָנ־קורענטען פאר דעם פרעזידענט־אַמט אויף דער רעפובליקאנישער קאָנווענשאָן אין 1860. לינקאָלן האָט דורך די קאַבינעט־מיניס־טאָרען געזוכט צו פאראייניגען ארום זיך די אַלע פראקציעס אין זיין אייגענער פארטיי און אויך צוציען די דעמאָקראַטישע פאר־טיי. אָט איז דער קאַבינעט וואס לינקאָלן האָט צונויפגעשטעלט און וואָס דער סענאַט האָט גוטגעהייסען: סעקסעטערי אָװ סטייט, — וויליאם ה. סיואַרד, פון ניו יארק; פינאַנץ־סעקרעטער, — סעמאָן פּ. טשעיס, פון אָהייאָ; קריגס־מיניסטער — סיימאָן קאַמעראַן, פון פענסילווייניא; פלאָטען־סעקרעטער, — גידעאָן וועללס, פון קאָנעטיקוט; אינערען־מיניסטער, — קעילעב ב. סמיט, פון אינדיאנא; אטוירני־דזשענעראל, — עדוואַרד בעיטס, פון מיזורי; פּאָסטמאַסטער־דזשענעראל, — מאָנגאָמערי בלער, פון מערילאַנד.

אין דערזעלבער צייט ווען לינקאָלן איז אריינגעטראָטען אין אמט אלס פרעזידענט, איז אין וואשינגטאָן אָנגעקומען א נייע קאָמיסיע, געשיקט פון דער קאָנפעדערייסי (די פריערדיגע קאָמי־סיע אין ביוקענען׳ס צייט, האָט פארטראָטען בלויז סאַוט־קאַראָ־ליינא). די קאָמיסיע האָט זיך געווענדט צו דעם סעקרעטערי־אָוו־סטייט סיואַרד, ער זאָל מיט איר פארהאנדלען ווי מיט פאָר־שטייער פון א פרעמדער רעגירונג. סיואַרד האָט זיך אנטזאגט די קאָמיסיע אויפצונעמען. ער האָט דערקלערט, אז אלס מיניס־טער פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען קען ער האנדלען בלויז מיט פרעמדע רעגירונגען. שטאַטען פון דער סאַוט זיינען אָבער ניט קיין פרעמדע, נאָר א טייל פון די פאראייניגטע שטאַטען. די קאָמיסיע האָט פארבראכט אין וואשינגטאָן דריי וואכען, און צום סוף האָט זי ארויסגעגעבען א בייזע דערקלערונג, באשול־דיגענדיג די לינקאָלן־אדמיניסטראציע, אז זי זוכט ארויפצוצווינ־גען א מלחמה אויף דער סאַוט. די דערקלערונג האָט, אגב

אורחא, פארזיכערט, אז די סאוט איז גרייט אויף קריג. נאכדעם איז די קאמיסיע אפגעפארען.

די ערשטע גרויסע פראגע, וואס איז אויפגעשוואומען פאר פרעזידענט לינקאלן און זיין קאבינעט איז געווען: וואס זאל מען טאן מיט פארט סאמטער? אין דער פעסטונג האבען זיך געפונען 77 סאלדאטען, 10 מוזיקאנטען און 43 ארבייטער. זינט מאיאר ענדערסאן האט זיך אהין אריבערגעקליבען, האט סאוט־קאראליינא גענומען באפעסטיגען דעם ברעג און די אינזלען ארום פארט סאמטער. איצט האט די קאנפעדערייסי ארויסגעגעבען א באפעל, אז קיינער אין סאוט קאראליינא זאל מער ניט פארקויפען קיין עסענווארג צו דעם גארניזאן אין פארט סאמטער. ענדערסאן האט זיך געפונען אין א באלאגערונגס־צושטאנד. ער האט געהאט פראוויאנט בלויז אויף עטליכע וואכען צייט.

די פראגע פאר פרעזידענט לינקאלן איז איצט געווען, צי זאל ער הייסען ענדערסאנ׳ען זיך אליין צוריקציען פון פארט סאמטער און אליין איבערגעבען די פעסטונג צו דער קאנפעדערייסי, אדער שיקען ענדערסאנ׳ען הילף? ענדערסאן האט געלאזט וויסען, אז כדי צו פארטיידיגען די פעסטונג, וועט נויטיג זיין אן ארמיי פון 20 טויזענד מאן.

די לאגע איז געווען א פארפלאנטערטע. פיר וויכטיגע שטאטען פון דער סאוט האבען נאך פארלויפיג ניט גענומען קיין שטעלונג, האבען זיך נאך ניט אנגעשלאסען אן דעם אויפשטאנד. איינע פון די איז געווען ווירדזשיניא. די דארטיגע לעדזשיסלייטשור האט איצט געהאלטען אין פארהאנדלען די פראגע: צי בלייבען טריי די פאראייניגטע שטאטען אדער אריבערגיין אין דער קאנפעדערייסי. לינקאלן האט געוואוסט, אז אויב ער וועט שיקען אן ארמיי קיין פארט סאמטער און וועט אטאקירען סאוט־קאראליינא, וועט דאס ווירקען ארייננצושטויסען ווירדזשיניא אין די ארעמס פון דעם אויפשטאנד. פארקערט, אונטערגעבען זיך האט ער אויך ניט געוואלט. דאס וואלט געמאכט א שלעכטען איינדרוק אין דער נארט. דאס וואלט אויך געווען געגען זיין

אויסגעשפּראָכענעם פּראָגראם צו פּארטיידיגען דאָס אייגענטום פון די פאראייניגטע שטאטען.

ער האָט די פראגע פאָרגעלייגט פאר'ן קאבינעט, און אַלע מיניסטאָרען, מיט דער אויסנאם פון צוויי, זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז ענדערסאָן זאָל זיך צוריקציען. לינקאָלן האָט זיך מישב געווען א פּאָר וואָכען און ענדליך האָט ער באשלאָסען אויף א מיטעל־וועג: צו שיקען בלויז עסענוואַרג, ניט קיין ארמיי, און ער האָט געלאָזט וויסען דעם גאָווערנאָר פון סאוט־קאראָליינא, אז דאָס איז זיין באשלוס. ער וועט, הייסט עס, זיך ניט באַנוּצען מיט מאכט, נאָר ער וועט בלויז שיקען שיפען מיט פּראָווינאט.

די שיפען מיט עסענווארג זיינען ארויסגעשיקט געווארען.

איצטער האָט די קאָנפעדעריישי געדארפט מאכען דעם נעקסטען צוג. אין דער סאוט האָט געהערשט דאָס געפיל, אז לינקאָלנ'ס פרידליכע סטראטעגיקע איז א געפאַר פאר דער קאָנפעדעריישי; אז זי גראָבט אונטער די רעוואָלוציאָנערע מאָראל פון דער סאוט. די צייטונגען האָבען געפאָדערט, אז די קאָנפעדערייסי זאָל ווייזען איר מאכט. פון ווירדזשיניא איז אָנגעקומען די נייעס, אז זי װארט מיט איר אנטשיידונג אויף א צוזאמענשטויס צווישען די צוויי צדדים, און אז אזוי שנעל ווי דער צוזאמענשטויס וועט פּאָרקומען, וועט ווירדזשיניא צושטיין צו דער קאָנפעדערייסי. פּרעזידענט דייוויס און זיין קאבינעט האָבען באשלאָסען צו האנדלען.

דעם 10טען אפּריל האָט דער קאָמאנדיר פון דער קאָנפעדערייסי־ארמיי אין סאוט קאראָליינא, באָורעגארד, באקומען א באפעל פון פּרעזידענט דייוויס, אויפצופאָדערען ענדערסאָנ'ען ער זאָל אָפּליידיגען פאָרט סאָמטער. באָורעגארד האָט געפאָלגט. ענדערסאָן האָט זיך אנטזאגט דאָס צו טאָן. ער האָט אָבער דערביי דערקלערט, אז אין „עטליכע טעג ארום וועלען מיר זיין אויסגעהונגערט". באָורעגארד האָט אים געשטעלט אַן אולטימאטום, ער זאָל זיך אונטערגעבען פאַר האלבע נאכט, אפּריל דעם 11טען. דערויף האָט ענדערסאָן געענטפערט: „איך וועל אָפּליי־

דיגען די פעסטונג דעם 15טען אפּריל מיטאָג, אויב איך וועל ביז דעמאָלט ניט קריגען פון מיין רעגירונג קיין אנדערע אינ־סטרוקציעס אָדער קיין פּראָוויאַנט". באָורעגארד האָט געוואוסט, אַז די שיפען מיט פּראָוויאַנט זיינען שוין אויפ'ן וועג. ער האָט זיך אנטזאגט צו ווארטען. האַלב נאָך פיר פארטאָג, דעם 12טען אַפּריל, האָט ער אָנגעפאנגען צו באָמבארדירען די פעסטונג.

די ערשטע עטליכע שטונדען האָט ענדערסאָן אויף דער שיסעריי ניט געענטפערט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צו שיסען צוריק.

דער קאמף האָט אָנגעהאלטען זעקס־און־דרייסיג שטונדען. פאָרט סאָמטער איז באָמבארדירט געווארען פון אַלע זייטען, אָבער ענדערסאָן האָט זיך ניט אונטערגעגעבען אַזוי לאַנג ווי ער האָט געהאט וואָס צו עסען און מיט וואָס צו שיסען צוריק. די פּאָר שיפען מיט פּראָוויאַנט, וועלכע זיינען פאר אים אָנגע־קומען, האָבען ניט געקענט צושווימען צו זיין פעסטונג. זיי וואָלטען לייכט צושאָסען געווארען פון דעם שונא. ענדערסאָן האָט ענדליך קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי אונטערצוגעבען זיך. ער האָט אָבער געשטעלט אַלס תנאי, מען זאָל אים און זיינע סאָלדאטען ערלויבען צו פארלאָזען די פעסטונג מיט זייערע וואפען און מיט זייער פלאג. באָורעגארד האָט איינגעשטימט. ענדערסאָן האָט ארויסגעפירט זיין קליינע ארמיי מיט מוזיק, אונ־טער דער פלאַטערדיגער פאָן פון די פאראייניגטע שטאַטען. זיי האָבען זיך אַלע ארויפגעזעצט אויף אַ יונייטעד סטייטס שיף, וועלכע האָט זיי אָפּגעפירט קיין ניו יאָרק.

אין דער שלאַכט זיינען קיין סאָלדאטען ניט געפאַלען, ניט פון איין צד און ניט פון צווייטען. אָבער מיט איר האָט זיך אָנ־געפאנגען די מלחמה.

אין דער סאוט איז די נייעס וועגען פאָרט סאָמטער אויפ־גענומען געווארען מיט גרויס פרייד און באַגייסטערונג אלס אַ גרויסער זיג. אין דער נאָרט האָט מען זיך איצט איבערצייגט, אַז קריג איז אומפארמיידליך; אַז די סאוט וועט זיך מיט גוטען ניט אונטערגעבען.

מיט דער שיסעריי אַרום פאָרט סאָמטער פאנגט זיך אָן דער שרעקליכע בירגער־קריג, וואס האָט פארפלייצט דאָס גאנצע לאַנד מיט טייכען בלוט.

פאָרט סאָמטער איז געפאלען זונטאָג, אפריל דעם 14טען. אויף מאָרגען אין דער פרי האָט פרעזידענט לינקאָלן פארעפענט־ליכט אַן אויפרוף צו די גאָווערנאָרס פון די פרייע שטאַטען, זיי זאָלען מאָביליזירען זייערע מיליץ און זי שטעלען אין דינסט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג אויף דריי מאָנאַט צייט. יעדער שטאַט האָט געדארפט צושטעלען א געוויסע צאָל מענשען, לויט דער גרויס פון דער באַפעלקערונג. אַלע שטאַטען צוזאמען האָבען געדארפט שאפען אַן ארמיי פון 75 טויזענד מאַן.*)

אין זיין פּראָקלאַמאציע פאר סאָלדאטען האָט לינקאָלן דער־קלערט, אז ער נויטיגט זיך אין זיי כדי דורכצופירען די געזעצען פון לאַנד אין די זיבען שטאַטען פון דער סאַוט, וועלכע אַנט־זאגען זיך די געזעצען צו פאָלגען. ער האָט פארזיכערט, אז ער וועט זיין זייער פאָרזיכטיג, אז די פרידליכע איינוואוינער פון דער סאַוט זאָלען ניט געשעדיגט ווערען. ער האָט אויך אויפגע־פאָדערט די וואָס מאַכען די שטערונגען אין דער סאַוט, זיי זאָ־לען אין צוואנציג טעג צייט אויפהערען זייער טעטיגקייט און

*) די רעגולערע ארמיי פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג איז באַ־שטאַנען פון 18 טויזענט מאַן. און אָט די קליינע ארמיי איז אויך געווען צעוואָרפען איבער'ן גאנצען לאַנד, א טייל פון איר — אין דער סאַוט. לינקאָלן האָט אויף איר דערפאר ווייניג גערעכנט בויען.

לינקאָלן האָט באַשטימט דעם טערמין פון דער מיליץ־ארמיי אויף דריי מאָנאַט, ניט דערפאר ווייל ער האָט געגלויבט אז אין דער קורצער צייט וועט אים געלינגען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד, נאָר ווייל ער איז געווען געבונדען פון אן אַלטען געזעץ. דאָס דאָזיגע געזעץ האָט געהייסען, אז דער פרעזידענט האָט אַ רעכט ארויסצופאָדערען די מיליץ פון די שטאַטען צו העלפען דער נאַציאָנאַלער רעגירונג בלויז ביז דרייסיג טעג נאָך דער ערעפענונג פון דער נעקסטער זיצונג פון קאָנגרעס. אזוי ווי לינקאָלן האָט פאררופען דעם קאָנגרעס אויף דעם 4טען יולי, האָט ער ניט געטאָרט באַנוצען די שטאַט־מיליץ מער ווי ביז דעם 4טען אויגוסט — אומגעפער דריי מאָנאַט צייט.

„זיך צוריקציען פרידליך צו זייערע היימען". לינקאָלן האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אז עס וועט אים געלינגען צו ווירקען מיט גוטען אויף די רעוואָלטירענדיגע שטאטען.

דער ענטפער אויף לינקאָלנ'ס רוף האָט איבערגעשטיגען אַלע זיינע דערוואַרטונגען. א כוואַליע פון פאטריאטיזם האָט פאר־פלייצט די נאָרט. „אין צוויי וואָכען צייט", — שרייבט פראָ־פעסאָר שאטוועל — „זיינען די הויפט שטעט פון דער נאָרט פארוואנדעלט געווארען אין גרויסע קאזארמעס. עס האָבען זיך אָנגעבאָטען אין דער מיליץ מער ווי מען האָט געקענט אריינגע־מען". פארטיי שטרייטיגקייטען זיינען פארשוואונדען. דעם טאָג ווען פאָרט סאָמטער איז געפאַלען איז סענאטאָר דאָגלעס, דער פירער פון די דעמאָקראטען און לינקאָלנ'ס ביטערסטער געגנער, געקומען צו לינקאָלן אין הויז און אים אָנגעבאָטען זיין אב־סאָלוטע הילף און שטיצע. אפילו דער געוועזענער פרעזידענט ביוקענען האָט דערקלערט, אז ער איז מיט'ן גאנצען הארצען פאר דער נאָרט. איינצעלנע מענשען, גאנצע שטעט און שטעטלאך, און שטאטען, האָבען אָנגעבאָטען צו העלפען דער נאציאָנאַלער רע־גירונג מיט געלט. אין פארלויף פון דריי וואכען צייט, ביז'ן 8טען מאי, איז אין וואשינגטאָן אָנגעקומען אין מתנות א סומע פון 23 מיליאָן דאָלער, צו העלפען פירען דעם קריג.

דער ענטוזיאזם פאר דער אייגענער רעגירונג און די אויפ־רעגונג געגען די רעוואָלטירענדיגע שטאטען זיינען נאָך פיל פאר־שטארקט געווארען אין דער נאָרט דורך די באריכטען וואס די צייטונגען האָבען געדרוקט וועגען דער שטימונג אין דער סאוט. איין טאָג האָבען די צייטונגען געמאָלדען, אז דער קריגס־מיניס־טער פון דער קאָנפעדערייסי האָט אין א רעדע געזאָגט, אז פאר דעם 1טען מאי וועט דער פלאג פון דער קאָנפעדערייסי פלאטערען איבער וואשינגטאָן, און אז אויב דער קאמף וועט זיך פארציען לאנג, וועט דער זעלבער פלאג פלאטערען איבער באָסטאָן. א צווייטער באריכט האָט געמאָלדען, אז אין דעם קאבינעט פון דער קאָנפעדערייסי האָט אָנגעבראָכען א געלעכטער, ווען מען האָט

דאָרטען געבראכט די נייעס, אז לינקאָלן האָט אַרויסגעשיקט אַן אויפרוף פאַר 75 טויזענד סאָלדאַטען. עס איז אונמעגליך צו זאגען אויף זיכער צי די זאכען האָבען טאקע פאַסירט. אָבער די צייטונגען אין דער נאָרט האָבען אזוי געשריבען, און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די לעזער.

די קאָנפעדערייסי האָט זיך גענומען גרייטען צו מלחמה נאָך פריער ווי די נאָרט. דעם 8טען אַפּריל האָט איר קריגס־מיניס־טער אַרויסגעגעבען אַן אויפרוף פאַר 20 טויזענד פרייווילינע סאָל־דאַטען. דעם 16טען אַפּריל האָט ער געלאָזט וויסען די גאָווער־נאָרס פון די שטאַטען, אז ער נויטיגט זיך אין נאָך 32 טויזענד מאַן. אויף מאָרגען האָט פּרעזידענט דייווויס אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע, אז די יעניגע בירגער אין דער סאַוט, וואָס וועלען אויסריכטען קריגס־שיפען אויף זייערע אייגענע הוצאות, וועלען באַקומען דערלויבעניש צו באַפאַלען די האַנדעלס־שיפען פון דער נאָרט און אַוועקנעמען פון זיי זייער סחורה.

אויף דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע פון פּרעזידענט דייווויס האָט פּרעזידענט לינקאָלן מיט צוויי טעג שפּעטער געענטפערט מיט אַ געגען־פּראָקלאַמאַציע. ער האָט דערקלערט, ערשטענס, אז אַלע האַפענס פון די רעוואָלטירענדיגע שטאַטען זיינען פאַר־שלאָסען, שטייען אונטער אַ בלאָקאַדע, און האָט געוואָרענט ניי־טראַלע שיפען, זיי זאָלען אהין ניט פאָרען. צווייטענס, האָט ער דערקלערט, אז די שיפען וואָס וועלען וואַגען זיך צו באַנוצען מיט פּרעזידענט דייווויס'עס אָנבאָט און וועלען באַפאַלען האַנדעלס־שיפען פון דער נאָרט, וועלען באַטראַכט ווערען ווי פּיראַטען, ווי ים־רויבער, און זייערע מאַטראָזען וועלען באַשטראָפט ווערען מיט'ן טויט.

ביז'ן מאָנאַט יולי האָט די נאָרט שוין געהאַט אַן אַרמיי, טיילווייז מיליץ, און טיילווייז רעגולערע סאָלדאַטען, פון 310 טוי־זענד מאַן. די אַרמיי פון דער קאָנפעדערייסי איז דעמאָלט שוין אויך באַשטאַנען פון 100 טויזענד.

ביז דער אַטאַקע אויף פאָרט סאַמטער האָבען בלויז זיבען שקלאַפען־שטאַטען זיך אָפּגעריסען פון דער רעגירונג. אין דער

סאוט זיינען אבער געווען נאך אכט שקלאפען־שטאטען. די אכט שטאטען זיינען אלע געלעגען ביים גרענעץ (מען האט זיי דער־פאר גערופען „בארדער סטייטס“, גרענעץ־שטאטען). זיי זיינען געלעגען צווישען דער נארט און דער קאנפעדעריישי. צו וועל־בען צד וועלען די אכט שטאטען צושטיין? דאס איז איצט געווען די וויכטיגסטע פראגע. לינקאלן האט זיך דער עיקר גע־שראקען פאר דעם, אז די צוויי קליינע שטאטען וואס זיינען געלעגען נעבען וואשינגטאן, דעלעווער און מערילאנד, זאלען זיך נים אפרייסען. ווען זיי שליסען זיך אן אן דעם אויפשטאנד, וואלט וואשינגטאן זיכער איינגענומען געווארען, און דאס וואלט געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף דער מאראל פון דער ארמיי און אויף דער באציאונג פון די פרעמדע לענדער.

קאַפּיטעל 4.

די גרענעץ שטאַטען; ענגלאַנד.

די וואָך צווישען דעם 19טען און דעם 25טען אפּריל איז פאַר לינקאָלנ'ען, און פאַר גאַנץ וואשינגטאָן, געווען זייער א שווערע, פול מיט נערוועזיטעט און שרעק. לינקאָלן האָט געוואָלט זיין זיכער מיט דער שטאָט, אז זי איז גוט באשיצט געגען אן אָנפאַל. האָט ער געבעטען די גאָווערנאָרס פון די פארשיידענע נאָרט־שטאַטען, זיי זאָלען זייערע מיליץ־קוואָטאַס שיקען דירעקט קיין וואשינגטאָן. דעם 19טען אפּריל האָט די באַן געבראַכט אין באַלטימאָר דעם ערשטען גוט־באוואפּענטען, גוט־דיסציפּלינירטען רעגימענט — דעם „זעקסטען" רעגימענט פון מאסאַטשוזעטס. דער רעגימענט איז אראָפּגעשטיגען אויפ'ן וואקזאל אין דעם נאָרדליכען טייל פון שטאָט. די סאָלדאַטען האָבען איצט געדאַרפט זיך אריבערזעצען אויף א צווייטען צוג, וועלכער איז אָפּגעגאַנגען פונ'ם וואקזאל אין דעם זידליכען טייל פון שטאָט, און וועלכער איז געגאַנגען דירעקט קיין וואשינגטאָן. דורך דער שטאָט האָבען זיי געדאַרפט פאָרען אויף טראַמווייען. א טייל פון דעם רעגימענט איז אָנגעקומען צום זידליכען וואקזאל אָן א שום סיבה. די נייעס, אז סאָלדאַטען זיינען געקומען, האָט זיך פארשפּרייט אין שטאָט, און די גאַסען זיינען פול געוואָרען מיט מענשען, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט דער סאוט, און זיי האָבען אויפגעריסען די רעלסען פון די טראַמווייען. די סאָלדאַטען האָבען דעריבער געמוזט גיין צו־פוס. האָט דער המון זיי פאַרוואָרפען מיט שטיינער און אויך געשאָסען אויף זיי. די סאָלדאַטען האָבען געענטפערט מיט קוילען. אין דעם צוזאַמענשטויס זיינען פיר סאָלדאַטען געפאַלען טויט און עטליכע פארוואונדעט.

פון דעם המון זיינען געפאלען צוועלף טויטע און א היבשע צאל פארוואונדעטע.

דאס האט פאסירט אין דער פרי. נאך מיטאג איז אפגע־האלטען געווארען א גרויסע מאסענפארזאמלונג, ביי וועלכער עס האבען גערעדט דער גאווערנאר פון מערילאנד און דער מעיאר פון באלטימאר. די פארזאמלונג האט פארדאמט די מאסא־טשוזעטס'ער סאלדאטען און די גאנצע האנדלונג פון דער פעדע־ראלער רעגירונג. דער גאווערנאר האט אין זיין רעדע דער־קלערט, אז ער וועט בעסער זיך לאזען אפשניידען די רעכטע האנט איידער אויפהויבען זי געגען א ברודער־שטאט. אין מיטען נאכט האט דער מעיאר און די פאליציי געהייסען אויפרייסען די באן־בריקען צווישען באלטימאר און פילאדעלפיא און צווישען באלטימאר און העריסבורג, כדי עס זאל ניט מעגליך זיין אריינ־צופירען מער קיין סאלדאטען פון דער נארט.

וואשינגטאן איז איצט געווען ווי אין א באלאגערונגס־צו־שטאנד. די טעאטערס האבען זיך געשלאסען; דער טעלעגראף האט ניט געארבייט; מען האט ניט געקענט אריינפירען ניט קיין פאסט און ניט קיין צייטונגען פון דער נארט. די פרייזען פון לעבענס־מיטעל האבען זיך געהויבען. מענשען וואס האבען סימ־פאטיזירט מיט דער סאוט האבען זיך ארויסגע'גנב'עט פון שטאט און זיינען אוועק זיך אנשליסען אן דער ארמיי פון דער קאנפע־דערייסי. לינקאלן איז געווארען זייער נערוועז. איינער פון זיינע סעקרעטערע האט שפעטער דערציילט, אז דעם 23טען אפריל, אין דערפרי, האט ער געזען ווי לינקאלן שטייט לעבען פענסטער א צוטראגענער, און ער האט געהערט ווי לינקאלן האט פלוצלונג אויסגעשריען: „פארוואס קומען זיי ניט? פארוואס קומען זיי ניט?“ ער האט געוואוסט אז די סאלדאטען זיינען אויפ'ן וועג קיין וואשינגטאן און האט ניט געקענט באגרייפען פארוואס זיי זיינען נאך ניטא.

ערשט מיט צוויי טעג שפעטער, דעם 25טען אפריל, האבען זיך די סאלדאטען באוויזען. צוליב די אויפגעריסענע בריקען און צוליב די אומרוען אין באלטימאר האט מען זיי געמוזט פירען

אויף אַן אַנדער וועג. זיי האָבען זיך אונטערוועגס אָפּגעשטעלט צו פאַרריכטען די בריקען און די לאָקאָמאָטיוועז. דאָס האָט זיי פאַרהאַלטען. איצט האָט זיך די שטימונג אין וואשינגטאָן גע־ביטען. די שטאָט האָט זיך דערפילט זיכער. מיט עטליכע וואָ־כען שפּעטער האָט אַן אַנדער אַרמיי פון אַ טויזענט מאַן זיך באַ־פעסטיגט אין באַלטימאָר, און די שטימונג דאָ האָט זיך אויך שנעל געביטען. דער גאָווערנאָר האָט זיך גלייך ערקלערט טריי צו דער „יוניאָן", און האָט אָרגאַניזירט זיין קוואָטא פון מיליץ־סאָלדאַ־טען וואָס לינקאָלן האָט פון אים געפאָדערט. מערילאַנד איז גע־בליבען אויף דער זייט פון דער נאָרט. אַ קליינע צאָל פון אי־בערגעגעבענע פריינט פון דער סאַוט האָבען פאַרלאָזען די שטאָט און זיינען אַוועק העלפען דער סאַוט.

אויך דער שטאַט דעלעווער איז געבליבען טריי צו דער נאָרט. די צאָל שקלאַפען אייגענטימער אין דעם שטאַט איז געווען זייער קליין, און זיי האָבען געהאַט אַ קליינע ווירקונג אויף דער באַפעלקערונג.

אין קענטאַקי האָט פון אָנפאַנג אויסגעוויזען, אַז עס וועט געלינגען די פּאָליטישע פירער ארייננצוציען דעם שטאַט אין דער קאָנפעדעריישי. דער גאָווערנאָר איז געווען אַן איבערגעבענער אָנהענגער פון דעם אויפשטאַנד און ער האָט געזוכט מיט אַלע כוחות צו ווירקען אויף דער לעדזשיסלייטשור, זי זאָל איינ־רופען אַ קאָנווענשאָן צו באַשטימען די פראַגע וועגען אָפּרייסען זיך די לעדזשיסלייטשור האָט זיך אנטזאָגט דאָס צו טאָן. זי האָט באַשלאָסען צו שטיין נייטראַל. אין יוני זיינען פאָרגע־קומען וואַלען פאַר קאָנגרעסלייט, און דער צד וואָס האָט געהאַל־טען מיט דער סאַוט האָט געוואונען בלויז איין קאָנגרעסמאַן, בשעת דער צד וואָס האָט געהאַלטען מיט דער נאָרט, האָט אויס־געקליבען ניין. קענטאַקי איז פאַקטיש פאַרבליבען אין דער „יוניאָן", כאָטש אָפיציעל האָט עס געהייסען, אַז דער שטאַט איז נייטראַל.

אין מיזורי איז די לאַגע געווען שווערער. דאָרט איז דער גאָווערנאָר און אַ מאַיאָריטעט פון דער לעדזשיסלייטשור געשטאַ־

נען פאר אַנשליסען זיך אַן דער קאָנפעדערייסי. זיי האָבען נאָכ־געטאָן דעם ביישפּיל פון די אנדערע שטאַטען אין דער סאוט און האָבען דורכגעפירט א רעזאָלוציע איינצורופען א קאָנ־ווענשאָן, וועלכע זאָל באשליסען וואָס צו טאָן. די דעלע־גאַטען צו דער קאָנווענשאָן זיינען אָבער אויסגעוויילט געוואָרען פון פאָלק, און די גרויסע מאסע איז געווען געגען אָפּרייסען זיך. די קאָנווענשאָן האָט איינשטימיג באשלאָסען אז מיזורי זאָל בליי־בען אין דער „יוניאן".

אָבער דער גאָווערנאָר און זיינע מענשען האָבען דעם באַ־שלוס איגנאָרירט. זיי האָבען אָרגאַניזירט אַן אייגענע מיליץ צו באַשיצען דעם שטאַט געגען דער וואַשינגטאָנער רעגירונג. פּרעזידענט לינקאָלן, פון זיין זייט, האָט אריינגעשיקט זיינע פארשטייער אין מיזורי, וועלכע האָבען ארגאַניזירט אן ארמיי פון מענשען, וואָס זיינען טריי געווען דער „יוניאָן". לינקאָלן האָט זיין הויפּט שטיצע געהאט אין סעינט לואיס, די וויכ־טיגסטע שטאָט אין מיזורי, וואו עס האָבען געוואוינט א סך דייטשע אימיגראַנטען. דער שטאַט איז געווען א צייט לאַנג צו־טיילט אין צוויי לאַגערען, יעדער לאַגער מיט זיין אַרמיי. דער „יוניאן"־צד האָט אָבער ביסלעכוויז געוואונען די אויבערהאַנט. דער גאָווערנאָר איז ארונטערגעזעצט געוואָרען, און זיין אמט האָט פאַרנומען א געטרייער לינקאָלנ'יאַנער. א געוויסער טייל פון דער באַפעלקערונג פון מיזורי איז געבליבען טריי צו דער סאוט, און זיי האָבען געשטיצט און געהאָלפען דער סאוט ווי ווייט זיי האָבען געקענט. אין אַלגעמיין אָבער איז מיזורי געווען אויף דער זייט פון דער נאָרט.

נאָרט־קאראָליינא האָט פאררופען א קאָנווענשאָן אין מאָ־נאַט מאַי, און די קאָנווענשאָן האָט איינשטימיג באַשלאָסען, אז דער שטאַט זאָל זיך אָנשליסען אָן דער קאָנפעדערייסי. אומ־געפער אין דערזעלבער צייט האָט ארקאַנסאַ באַשלאָסען צו טאָן דאָס זעלבע.

דער שטאַט ווירדזשיניאַ איז, אלס רעזולטאַט פון דעם קאַמף, געשפּאָלטען געוואָרען אין צווייען. דער מזרח־טייל, וואָס

ליגט נעבען אַטלאַנטישען ברעג, איז אַריבער צו דער קאָנפעדערייסי. דער טייל וואָס ליגט אויף דער אַנדער זייט פון די בערג איז געבליבען טריי דער „יוניאָן". אָבער דער דאָזיגער טייל האָט אין דער רעגירונג פון ווירדזשיניא געהאַט א מינאָריטעט ; האָט ער זיך איינגאַנצען אָפּגעריסען פון דעם שטאַט און אָרגאַניזירט אַן אייגענע רעגירונג. דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן האָט יענעם טייל געגעבען ערלויבנים צו אָרגאַניזירען זיך אין א באַזונדער שטאַט מיט'ן נאָמען „וועסט ווירדזשיניא", און אַלס אַזא שטאַט איז ער פאַרבליבען ביז היינטיגען טאָג.

צווישען די צוויי טיילען פון ווירדזשינא איז פון שטענדיג אָן אָנגעגאַנגען א קאַמף. אין דעם מזרח־טייל האָט געוואוינט די אַלטע ווירדזשיניער אַריסטאָקראַטיע, די וואָס האָבען געהאַט די גרויסע טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס מיט נעגער־שקלאַפען. אין דעם מערב טייל, אויף דער אַנדערער זייט בערג, האָבען זיך באַזעצט די אָרימע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען זיך אין דער איסט צו קיין זאַך ניט געקענט דערשלאָגען. דאָרט האָבען זיי אויפגעבויט קליינע פארמס און געמאכט א געמוטשעט לעבען. אָבער די רעגירונג פון דעם שטאַט איז געלעגען אין די הענט פון דער שקלאַפען־אַריסטאָקראַטיע, און זי האָט זיך דעריבער ווייניג־וואָס געקימערט פאַר די אָרימע קאָלאָניסטען אויף דער אַנדערער זייט. פאַר דער אַריסטאָקראַטישער איסט האָט די שטאַט־רעגירונג געבויט וועגען, בריקען, געהאָלפען בויען באַנען ; אָבער פאַר אויסבעסערען די וועסט האָט די שטאַט־רעגירונג קיינמאָל „קיין געלט ניט געהאַט". די וועסט האָט דערפאַר שטענדיג געהאַסט די איסט און איר גאַנצע אָרדנונג : די גרויסע פּלאַנטאַציעס, די שקלאַפעריי, די אַריסטאָקראַטיע. איצטער האָט זי געקראָגען א געלעגענהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דער איסט און זי האָט די געלעגענהייט אויסגענוצט.

אין איסט־ווירדזשיניא האָט די באַפעלקערונג געציילט א מיליאָן און א פערטעל נפשות ; אין וועסט־ווירדזשיניא — ניט מער ווי 370 טויזענד.

ווען ווירדזשיניא האט באשלאסען זיך אפצורייסען, האבען צוויי מיליטערישע בעאמטע אין דער ארמיי פון די פאראייניגטע שטאטען אריינגעשיקט לינקאלנ'ען זייערע רעזיגנאציעס: גענע־ראל דזשאזעף דזשאנסטאן און קאלאנעל ראבערט ע. לי. ביידע זיינען זיי באטראכט געווען צווישען די סאמע פייאיגסטע מילי־טערישע בעאמטע אין לאנד. שפעטער זיינען זיי געווארען די הויפט פירער אין דער ארמיי פון דער קאנפעדעריישי. ראבערט ע. לי איז די גאנצע צייט געווען געגען דעם, אז ווירדזשיניא זאל זיך אפרייסען. ווען דער שטאט האט אבער גענומען דעם שריט, האט ער ערקלערט אז ער מוז בלייבען טריי זיין שטאט און האט רעזיגנירט פון דער יונייטעד סטייטס־ארמיי. גלייך נאכדעם איז ער באשטימט געווארען אלס הויפט־קאמאנדיר פון דער ווירדזשיניער שטאט־מיליץ. אלס הויפט גענעראל פון דער קאנפעדעריישי־ארמיי איז באשטימט געווארען דזשאזעף דזשאנ־סטאן.

אין דער נארט זיינען איצט געווען דריי־און־צוואנציג שטא־טען און אין דער סאוט — עלף. די באפעלקערונג פון דער נארט איז געווען צוויי מאל אזוי די גרויס ווי פון דער סאוט. די נארט איז געווען אן אן ערך רייכער ווי די סאוט. זי איז גע־ווען אנטוויקעלט אינדוסטריעל און האט געפירט א גרויסען האנ־דעל. די סאוט איז געווען כמעט איינגאנצען באשעפטיגט מיט לאנד־ווירטשאפט. איר קאפיטאל איז געלעגען אין לאנד און אין שקלאפען.

אבער אין איין פרט איז די לאגע פון דער סאוט געווען א גינסטיגערע — איר טעריטאריע איז געווען קאמפאקט, און עס איז פאר איר לייכט געווען צו טראנספערירען אירע סאלדאטען פון איין פונקט צו א צווייטען. דערצו האט זי דאך געפירט א פארטיידיגונגס־קאמף, בשעת די נארט האט געדארפט פירען אן אפענסיווען קאמף. די סאלדאטען פון דער סאוט זיינען שטענדיג געווען ביי זיך אין דערהיים; די סאלדאטען פון דער נארט זיינען געווען ענטוועדער אין דער פרעמד, אדער ווייט פון זייערע היימען.

אַט ווי דער היסטאָריקער ראודס פאסט־אויף די מעגליכקיי־
טען פון ביידע צדדים ביים אָנפאנג פון קריג :

„די יוניאן פון 23 שטאַטען און די קאָנפעדערייסי פון 11 שטאַטען זיינען איצט געשטאַנען איינע געגען די אַנדערע : 22 מיליאָן געגען 9 מיליאָן, און צווישען די 9 מיליאָן זיינען דריי־און־א־האלב מיליאָן געווען שקלאַפען. די יוניאן איז געווען א סך רייכער — א לאַנד מיט א פארצווייגטער ציוויליזאציע, מיט פאַרשיידענאַרטיגע אינדוסטריען, א פאַראייניגונג פון דער פארם, דעם וואַרשטאַט און דער פאַבריק. די קאָנפעדערייסי איז געווען בלויז א פאַרם, און איז אפהענגיג געווען פון אייראָפּא און פון דער נאָרט מיט אַלע אירע לעבענסמיטעל, אויסער ברויט און פלייש. די נאָרט האָט געהאַט דעם געלט־מאַרק און האָט גע־קענט קריגען הלוואות א סך לייכטער ווי די סאוט. דאָס איז גע־ווען די „צייט פון אייזען". די נאָרט האָט שוין דעמאָלט א סך אויפגעטאָן צו אנטוויקלען איר אייגענע אינדוסטריע, וואָס איז אַזאַ מעכטיגע הילף פאַר ציוויליזאציע און אַזאַ נויטווענדיג־קייט פאַר קריג. די סאוט האָט אירע מינעראַל־זאַפּאַסען כמעט ווי ניט אָנגערירט. כמעט אין יעדען רעגימענט פון דער נאָרט זיינען געווען פאַרשיידענע סאָרטען מעכאַניקער, געשולטע גע־שעפטסלייט, וועלכע האָבען געוואוסט ווי צו אַרבייטען סיסטעמ־אַטיש. די אַרמיי פון דער סאוט איז געווען צונויפגעשטעלט פון אריסטאָקראַטען און פון „אָרימע ווייסע", מוטיגע מענשען, איבערגעבענע, געטרייע, אָבער זיי האָט געפעלט די בילדונג און דאָס וויסען וואָס די סאָלדאַטען פון דער נאָרט האָבען געהאַט".

איינע פון די ערשטע פראַגען וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר ביידע צדדים איז געווען : ווי וועלען זיך באַציען די לענ־דער אויף יענער זייט ים, הויפּטזעכליך ענגלאַנד ? וועט זי אָנ־ערקענען די קאָנפעדערייסי אַלס אַן אונאָפּהענגיג לאַנד און פירען מיט איר דיפּלאָמאַטישע און קאָמערציעלע געשעפטען, אדער ניט ?

די סאוט האָט זייער פיל געבויט אויף דער האָפענונג, אַז ענג־לאַנד וועט זי אָנערקענען. די סאוט האָט געמוזט אימפּאָרטירען פון אויסלאַנד אַלע מלחמה־מאַטעריאַלען און כמעט אַלע לעבענס־

מיטלען. זי איז געווען זיכער, אז ענגלאנד וועט איר פארזאר־גען מיט די אלע זאכען. ענגלאנד האט זיך שטארק גענויטיגט אין די קאטאן און אין די טאבאק וואס די סאוט האט איר פארקויפט. א צייטונג אין ווירדזשיניא, דער „ריטשמאנד עק־זאמינער", האט דעם 2טען יולי געשריבען: „סוף זומער וועט דער זאפאס פון קאטאן און טאבאק אין אייראפא זיך אויסשעפען. אייראפא וועט מוזען קריגען נייע קאטאן און טאבאק. אויב ניט, וועלען דארטען אויסברעכען שרעקליכע רעוואלוציעס, רע־וואלוציעס פאראורזאכט פון הונגער. זיי וועלען דעריבער גע־צוואונגען זיין דורכצוברעכען די בלאקאדע, כדי צו קריגען אונ־זערע פראדוקטען אונטער דעם שוץ פון זייערע נייטראלע פאנען". די סאוט האט געגלויבט, אז ניט בלויז וועט ענגלאנד און אנדערע אייראפעאישע לענדער אנערקענען איר רעגירונג און איר אונאפ־הענגיגקייט, נאר אז זיי וועלען אויך דורכברעכען א וועג דורך דער בלאקאדע, מיט וועלכער לינקאלן האט פארשפארט אירע ברעגען, און זיי וועלען אריינפירען אין אירע האפענס אלע נויטיגע מלחמה מאטעריאלען און לעבענסמיטעל.

פאר דער נארט איז פונקט אזוי וויכטיג געווען אז די סאוט זאל ניט קריגען די אנערקענונג. אויסער דעם וואס עס וואלט דעמאלט שווער געווען פאר דער סאוט צו באקומען סחורה פון אויסלאנד, איז דא געווען נאך א וויכטיגער פונקט. די קאנ־פעדערייסי האט באפאלמעכטיגט פריוואטע שיפען זיך צו באוואפענען און באפאלען די האנדעלס־שיפען פון דער נארט. ווען די קאנפעדערייסי ווערט ניט אנערקענט פון אויסלענדישע מאכטען און ווערט באטראכט ווי א רעוואלט־אויפשטאנד, דעמאלט וואל־טען יענע מאכטען באטראכט אט די באוואפענטע שיפען אלס פי־ראטען־שיפען און זיי, די פרעמדע לענדער, וואלטען דעמאלט געהאלפען צו פארטרייבען די באוואפענטע שיפען פון די ים'ען. אויב אבער די סאוט קריגט די אנערקענונג, האבען די באוואפ־פענטע שיפען דיזעלבע רעכט ווי די שיפען פון דער נארט און מוזען אפילו קריגען דיזעלבע אנערקענונג.

די ענגלישע רעגירונג האט זיך געפונען אין א פארלעגענ־

הייט. דער גרויסער עולם, די מאסען, האבען סימפאטיזירט מיט דער נארט. זיי האבען געוואוסט, אז נאך אלעמען, איז דאך די מלחמה איבער שקלאפעריי, און די מאסען האבען געוואלט אז די שקלאפען־מאכט זאל געבראכען ווערען. די הערשענדיגע קלאסען האבען אבער סימפאטיזירט מיט דער סאוט, טאקע דערפאר וואס דארטען איז געווען וויינינגער דעמאקראטיע און וואס דארט האט געהערשט אן אריסטאקראטיע. די הערשענדיגע קלאסען זיינען אויך באאיינפלוסט געווארען פון די עקאנאמישע אינטערעסען פון די רייכע אין ענגלאנד. די ענגלישע פאבריקען האבען זיך גענויטיגט אין די קאטאן פון דער סאוט, און די ענגלישע סוחרים האבען זיך גענויטיגט אין דעם מארק פון דער סאוט. אין דער נארט איז דער מארק פאר זיי געווען טיילווייז פארשלאסען דורך דעם הויכען טאריף. די רעגירונג פון דער סאוט, די קאנפעדערייסי, האט אלס איינעם פון אירע פונדאמענטאלע געזעצען אוועקגעשטעלט דעם פרינציפ פון פרייען האנדעל. די פירער פון דער רעגירונג זיינען אלזא געווען גענויגט מער צו דער סאוט.

אנפאנג מאי האט לינקאלן געשיקט קיין ענגלאנד אלס אמבאסאדאר דעם היסטאריקער טשארלס פרענסיס עדעמס. דעמזעלבען טאג וואס עדעמס איז אנגעקומען אין ענגלאנד, האט די ענגלישע רעגירונג ארויסגעגעבען א נייטראליטעט־פראקלאמאציע, אין וועלכער עס איז דערקלערט, אז די ענגלישע רעגירונג „וועט זיך באציען שטרענג נייטראל אין דעם קאמף צווישען די פאראייניגטע שטאטען און געוויסע אנדערע שטאטען וואס רופען זיך „קאנפעדערייסי”.

די ערקלערונג פון דער ענגלישער רעגירונג האט אנטוישט אי די נארט, אי די סאוט. די קאנפעדערייסי האט ניט געקראגען די פולע אנערקענונג אלס אן אומאפהענגיגע רעגירונג, ווי זי האט זיך גערעכנט. זי האט אבער יע באקומען די אנערקענונג אלס א קריגס־פירענדיגע מאכט. לויט דער שטעלונג וואס ענגלאנד האט גענומען, האבען די שיפען פון דער סאוט, וואס זיינען באפאלען שיפען פון דער נארט, ניט געקענט באטראכט ווערען

אלס פיראטען, ווי די נאָרט האָט געוואָלט. וויבאלד די סאוט האָט באַקומען די אנערקענונג אלס א קריגס־פירענדיגע מאכט, האָט זי געמענט ארויסשיקען באוואפענטע שיפען צו באפאלען דעם שונא׳ס שיפען. דערמיט וואָס ענגלאנד האָט אנערקענט די סאוט אלס א קריגס־פירענדיגע מאכט האָט זי אויך געעפענט פאר די שיפען פון דער סאוט אלע אירע (ענגלישע) האפענס.*)

אין דער נאָרט האָט ענגלאנד׳ס שטעלונג ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג. דאָס וואָס די רעגירונג האָט ארויסגעגעבען איר פראָקלאמאציע דעמזעלבען טאָג ווען עדעמס, דער אמעריקאַ־נער אמבאסאדאָר, איז אהין אָנגעקומען, האָט פארשארפט די אויפרעגונג. עס האָט געהייסען, אז ענגלאנד האָט אפילו ניט געוואַרט ביז וואנען דער אמעריקאנער אמבאסאדאָר וועט האָ־בען א געלעגענהייט פאָרצולייגען זיינע ארגומענטען. אין דער סאוט איז מען אויך געווען ענטוישט אין ענגלאנד׳ס האנדלונג, אָבער דאָרטען האָט מען געהאָפט, אז מיט דער צייט וועט ענג־לאנד געבען דער סאוט די פולע אנערקענונג. מען האָט דאָרט אויסגעטייטשט ענגלאנד׳ס פראָקלאמאציע אלס ערשטען שריט אין דער ריכטונג פון פולער אנערקענונג.

אין דער נאָרט זיינען אויך געווען אזעלכע וואָס האָבען פאר־טיידיגט ענגלאנד׳ס שטעלונג. זיי האָבען אָנגעוויזען דערויף, אז, נאָך אלעמען, האָט דאָך לינקאָלן אליין באהאנדעלט די סאוט ניט ווי בונטאָווטשיקעס, נאָר ווי א קריגס־פירענדיגע מאכט. לינקאָלן האָט באפוילען, אז די קריגס־געפאנגענע פון דער סאוט זאָלען באהאנדעלט ווערען ניט ווי רעבעלען, נאָר ווי קריגס־געפאנגענע. אלס רעבעלען וואָלט מען די געפאנגענע געדארפט הענגען; אלס קריגס־געפאנגענע האָט מען זיי פארשפארט אין א געפענגניס און זיי אויסגעהאלטען אויף די הוצאות פון דער נאָרט. דערמיט

*) די אינטעליגענץ אין ענגלאנד איז געווען צוטיילט אין אירע סימפאַטיען. דער גרויסער נאָוועליסט טשארלס דיקענס, צום ביישפיל, האָט סימפאטיזירט מיט דער סאוט. דער דיכטער טעניסאָן און דער נאַטורפאָרשער דארווין האָבען סימפאַטיזירט מיט דער נאָרט.

וואָס לינקאָלן האָט געמאכט א בלאָקאַדע אויף די האפענס פון דער סאוט האָט ער אויך באוויזען אז ער באטראַכט די סאוט ווי א קריגס־פירענדיגע מאכט. ווען ער וואָלט זי באטראַכט ווי א טייל פון די פאראייניגטע שטאַטען אין וועלכע עס געפינען זיך בונטאָווטשיקעס, וואָלט ער דאָך אירע האפענס ניט געקענט פארשפאַרען, ווייל דאַן וואָלטען דאָך די האפענס געזעצליך געוועזן האפענס פון די פאראייניגטע שטאַטען. די ענגלישע דיפּלאָ־מאַטען האָבען זיך באַנוצט מיט די טענות צו פארטיידיגען זייער שטעלונג צו דער סאוט.

דאָס זיינען אָבער געוועזן ניט מער ווי תירוצים. אין דער נאָרט האָט מען גוט געוואוסט, אז די שטימונג אין די העכערע קרייזען פון ענגלאנד איז א סך מער פריינדליך צו דער סאוט ווי צו דער נאָרט.

קאַפּיטעל 5.

די ערשטע גרויסע שלאַכט.

די ערשטע גרויסע שלאכט פון דעם בירגער־קריג איז פאָרגע־קומען דעם 21טען יולי, 1861. די שלאכט איז כמעט ווי ארויפ־געצוואונגען געווארען אויף דער נאָרט־ארמיי דורך דער עפענט־ליכער מיינונג. דער עולם האָט געפאָדערט פון דער ארמיי, זי זאָל טאָן עפּעס ממשות׳דיגס, זי זאָל געבען דער סאוט אזא שטארקען קלאפּ, וואָס זאָל איר גלייך איבערצייגען, אז פאר איר איז קיין האָפענונג ניטאָ. די קאָנפעדערייסי האָט געהאט באַ־שלאָסען איבערצופירען די הויפּט־קווארטיר פון דער רעגירונג פון מאָנטגאָמערי, אלאבאמא, קיין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא. דער קאָנגרעס פון דער קאָנפעדערייסי האָט זיך געדארפט פארזאמלען אין ריטשמאָנד דעם 20טען יולי. האָט די פּרעסע אין דער נאָרט אויפגעהויבען א געשריי אז דאָס טאָר ניט געשען. ריטש־מאָנד מוז איינגענומען ווערען איידער דער קאָנגרעס פון די רע־בעלען וועט זיך דאָרטען פארזאמלען. אויסערדעם, האָט זיך סוף יולי געדארפט ענדיגען דער דריי־מאָנאטליכער טערמין פון דער מיליץ־ארמיי. האָבען פילע גע׳טענה׳ט, אז די ארמיי מוז עפּעס טאָן איידער זי ווערט פארנאנדערגעלאָזען. אויב ניט, וועט דאָך די הוצאות וואָס עס האָט געקאָסט זי צונויפצוקליי־בען און צוצוגרייטען, זיין ארויסגעוואָרפען. צווישען די מאסען אין דער נאָרט האָט געהערשט א געפיל, אז אויב עס וועט געלינ־גען איינצונעמען ריטשמאָנד, וועט דאָס אָנווארפען א שרעק אויף דער סאוט און זי וועט זיך גלייך אונטערגעבען.

די סאוט האָט געהאט אַן ארמיי פון א 22 טויזענד מאַן, נעבען מענאסעס, אין ווירדזשיניא, 35 מייל צו דרום פון וואַ־

שינגטאָן. נאָך א באראטונג אין דעם ווייסען הויז, איז באַ־שלאָסען געווארען צו שיקען אן ארמיי אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל מעקדועל, צו אטאקירען מענאסעס. די ארמיי פון דער קאָנפעדערייסי איז געשטאַנען אונטער דער פירערשאפט פון גענעראל באָרעגארד.

די שלאכט איז פאָרגעקומען דעם 21טען יולי, אויף די ברעגען פון א קליין טייכעל בול־ראָן, נעבען מענאסעס. פון אָנ־פאנג האָט דאָס אויסגעוויזען, אז די נאָרט האָט די אויבער־האנט, אָבער די גענעראלען פון דער סאוט האָבען אזוי מאנעוו־רירט מיט זייערע רעגימענטען, אז זיי איז געלונגען צו ברענ־גען פרישע סאָלדאטען פונקט דעמאָלט, וועןביידע ארמייען זיי־נען געווען שרעקליך אויסגעמאטערט. די ארמיי פון דער נאָרט איז צוריקגעשטויסען געווארען, און די ארמיי פון דער סאוט איז פארבליבען די זיגערין. די נאָרט האָט פארלאָרען אין טויטע, פארוואונדעטע און געפאנגענע נאָענט צו דריי טויזענד מאן. די סאוט האָט פארלאָרען ווייניגער ווי צוויי טויזענד.

די נייעס פון דער שלאכט איז אויפגענומען געווארען מיט ווילדער פרייד אין דער סאוט. די דאָרטיגע צייטונגען האָבען זיך בארימט, אז די שלאכט האָט באוויזען, אז איין סאָלדאט פון דער סאוט קען שלאָגען צוויי סאָלדאטען פון דער נאָרט. א סך מענשען אין דער סאוט האָבען אפילו קריטיקירט זייער איי־גענעם גענעראל דערפאר וואָס ער האָט זיך ניט באנוצט מיט דעם זיג און האָט ניט גלייך ארייננעמארשירט אין וואשינגטאָן. אין דער נאָרט האָט די נייעס געבראכט טרויער און ענטוישונג. „איינער פון די תירוצים איז ווערט צו דערמאָנען" — שרייבט ראודס — „ווייל עס באווייזט ווי פרום דער עולם איז דעמאָלט געווען. דער תירוץ איז געווען, אז די נאָרט האָט פארלאָרען דערפאר וואָס זי האָט די אטאקע אויפ'ן שונא אָנגעפאנגען זונ־טאָג. דאָס האָט דערצאָרנט גאָט, און ער האָט געגעבען דעם נצחון דעם שונא".

קאַפּיטעל 6.

לינקאָלנ'ס שטעלונג צו דער שקלאַפען פראגע.

לינקאָלן האָט ניט געענדערט זיין שטעלונג צו דער נעגער־פראגע אפילו נאָכדעם ווי עס איז קלאָר געווארען, אז מיט גוּטען וועט זיך די סאוט ניט אונטערגעבען. ער האָט זיך אלץ געסטארעט צו איבערצייגען דעם עולם אין דער סאוט, און איבערהויפּט אין די גרענעץ־שטאטען, ווי אויך דעם עולם אין אויסלאנד, אז ער פירט ניט קיין מלחמה צו באפרייען די שקלאפען, נאָר אויפצוהאלטען די אייניגקייט פון לאנד. ער האָט דערביי געהאט א פּאָליטישען חשבון. ער האָט מורא געהאט, אז אויב די שקלאפען־פראגע וועט ווערען א לעבעדיגער שטרייט־פונקט, וועלען די צוויישפּעלהאפטע וואקעלדיגע שטאטען ביים גרענעץ, ווי קענטאָקי און מיזורי, און פיללייכט אויך מערילאנד, אריבערגיין צו דער קאָנפעדעריישי. אין קענטאָקי און מיזורי זיינען געווען מעכטיגע שקלאפען־פּראקציעס, און די פּראקציעס וואָלטען נאָך א סך מעכטיגער געוואָרען ווען די באפעלקערונג וואָלט זיך איבערצייגט, אז א זיג פאר דער נאָרט וועט הייסען די באפרייאונג פון די שקלאפען.

די שטעלונג פון פּרעזידענט לינקאָלן האָט אים געשאפען א סך געגנער, האָט ארויסגערופען ביטערע און שארפע קריטיק און פאראורזאכט פּאָליטישע פּלאָנטערס און צרות דאָ אין לאנד און אויך אין אויסלאנד.

די פראגע איז אויפגעשוואומען צום ערשטען מאָל אין מאָנאט מאי, אין ווירדזשיניא. אויף מאָרגען נאָכדעם ווי ווירדזשיניא האָט אָפּיציעל באשלאָסען אריינצוטרעטען אין דער קאָנפעדערייסי, דעם 24טען מאי, האָבען די באלעבאטים פון דריי

אנטלאָפענע שקלאַפען זיך געווענדט צו גענעראל באַטלער, א קאָ־מאַנדיר פון א יוניאָן־פאָסטען אין ווירדזשיניא, ער זאָל זיי די שקלאַפען צוריק אָפּגעבען. די דריי אנטלאָפענע נעגערס האָבען זיך אליין איבערגעגעבען צו גענעראל באַטלער. באַטלער האָט זיך אנטזאגט צו באוויליגען דעם פארלאַנג פון די באַלעבאַטים. ער האָט גע׳טענה׳ט, אז ערשטענס, זיינען די באַלעבאַטים בירגער פון א רעוואָלטירענדיגען שטאַט, און צווייטענס, זיינען די נעגערס פריער באַשעפטיגט געוואָרען ביי מיליטערישע ארבייט אין דער רעוואָלטירענדיגער ארמיי. די נעגערס זיינען אלזאָ קריגס־קאָנ־טראַבאנד און דערפאר האָט ער, אלס גענעראל, א רעכט זיי צו פארהאלטען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער, מאי דעם 27טען, איז באַטלער געגאנגען א שריט ווייטער. ער האָט געלאָזט וויסען דעם קריגס־דעפּארטמענט אין וואַשינגטאָן, אז אין דער געגענד וואו ער האָט פארנומען אין ווירדזשיניא געפינען זיך א צאָל נעגער־שקלאַפען, מענער, פרויען און קינדער, וואָס ווערען געשאַצט אין זעכציג טויזענד דאָלער, און אז ער האָט באַשלאָסען זיי צוצונעמען. ער וועט זיי באַזאָרגען מיט לעבענסמיטעל. די מענער וועט ער שיקען ארבייטען. ער וועט האלטען א חשבון פון זייער ארבייט און פון די הוצאות זיי אויסצוהאלטען. שפּעטער וועט ער זיך מיט אלעמען אויסגלייכען. דעם 30טען יולי האָט גענעראל באַטלער געהאַט אונטער זיין קאָנטראָל ארום 900 נעגער.

דערווייל האָט דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן אנגענומען א באַשטימטע פּאָליטיק צו די נעגער־שקלאַפען. דער באַשלוס איז געווען אזוי: נעגער־שקלאַפען וואָס ווערען פון שונא באַנוצט פאר מיליטערישע צוועקען אלס סאָלדאַטען אָדער אלס ארבייטער אין די פעסטונגען, אָדער אין דער פלאָטע, אדער אויף וועלכען עס איז אנדער מיליטערישען שטייגער, זאָלען באטראכט ווערען אלס קאָנטראַבאַנד און זאָלען קאָנפיסקירט ווערען אזוי שנעל ווי זיי ווערען געפאנגען.

לויט דעם דאָזיגען געזעץ איז אויסגעקומען, אז אלע אנ־דערע געפאנגענע נעגער אדער אנטלאָפענע נעגער געהערען צו

זייערע באלעבאטים. די גענעראלען פון דער נארט האבען גע־קראגען אינסטרוקציעס, אז אין די לאיאלע שקלאפען־שטאטען ווי מערילאנד און קענטאקי, מוז דורכגעפירט ווערען דאס אלטע געזעץ וועגען אנטלאפענע שקלאפען, דאס הייסט, אז מען מוז די אנטלאפענע שקלאפען צוריקשיקען צו זייערע באלעבאטים. אין די ניט־לאיאלע שטאטען מעג מען באפרייען בלויז אזוינע שקלאפען, וועלכע האבען זיך דירעקט באטייליגט אין מיליטע־רישער ארבייט פאר דער סאוט.

די אבאליציאניסטען און די ראדיקאלע רעפובליקאנער זיי־נען געווען שטארק אומצופרידען מיט לינקאלנ׳ס שטעלונג צו דער שקלאפען־פראגע. זיי האבען געגלויבט אז נאך אלעמען ווערט דאך די מלחמה געפירט איבער שקלאפעריי, און אז דערפאר דארף מען די שקלאפען איצט גלייך באפרייען. די גרופען אומ־צופרידענע האבען געפונען א פארשטייער אין איינעם פון די גע־נעראלען אין דער יוניאן־ארמיי: גענעראל פרעימאנד, דעם קא־מאנדיר פון דער ארמיי אין דעם וואקעלדיגען, צוטיילטען גרע־נעץ־שטאט מיזורי.

דעם 30טען אויגוסט האט פרעימאנד ארויסגעגעבען א פראק־לאמאציע, אין וועלכער ער האט ערקלערט אז ער קאנפיסקירט דאס אייגענטום און באפרייט די שקלאפען פון אלע יענע איינ־וואוינער אין מיזורי, וואס באטייליגען זיך אקטיוו אין דעם אויפ־שטאנד פון דער קאנפעדערייסי. גלייך נאכדעם האט ער אר־גאניזירט א ביורא, וועלכע האט זיך אפגעגעבען ספעציעל מיט דער ארבייט פון ארויסגעבען באפרייאונגס־פאפירען צו נעגער־שקלאפען אין יענעם שטאט.

פרעימאנד׳ס האנדלונג איז געווען געגען דעם געזעץ וואס דער קאנגרעס האט מיט א קורצער צייט פריער אנגענומען. לויט יענעם געזעץ האט מען געמעגט באפרייען בלויז אזוינע שקלא־פען, וואס זיינען באנוצט געווארען פאר מיליטערישע צוועקען. פרעזידענט לינקאלן האט וועגען דעם געשריבען פרעימאנד׳ן א בריף, א גאנץ מילדען בריף. „איך דענק" — האט לינקאלן גע־

שריבען — „אז עס איז דאָ א געפאר, אז אייער פּראָקלאמאַ־ציע וועט איבערשרעקען די פריינד וואָס מיר האָבען אין דער סאוט און וועט זיי פארוואנדלען אין שונאים. דאָס וועט אויך פּילייכט רואינירען אונזערע אויסזיכטען אין קענטאָקי. דער־לויבט מיר דערפאר אייך צו בעטען, איר זאָלט אליין ענדערען דעם פונקט אין אייער פּראָקלאמאציע אזוי, אז ער זאָל זיין אין איינקלאנג מיט׳ן געזעץ וואס איז אריין אין קראפט דעם 6טען אוגוסט".

מיט גוטען האָט לינקאָלן ביי פרעימאָנד׳ן ניט געקענט פועל׳ען ער זאָל זיין פּראָקלאמאציע ענדערען. האָט ער אים מיט א וואָך שפּעטער באפוילען דאָס צו טאָן. דערויף טאקע האָט פרעימאָנד געוואָרט. פרעימאָנד איז איצט געוואָרען דער פאָר־שטייער פון דער גאנצער ראדיקאלער גרופּע פון דער רעפּוב־ליקאנישער פּארטיי און אויך פון די אבאָלישאָניסטען. לינקאָלן איז ביטער אטאקירט געווארען פון אייניגע פון די פּראָמינענט־סטע מענשען אין זיין אייגענער פּאַרטיי. סענאטאָר סאָמנער האָט אין א רעדע פאר דער רעפּובליקאנישער קאָנווענשאָן אין וואוסטער ערקלערט, אז די בעסטע כלי־זין געגען דער קאָנפעדע־רייסי איז די באלדיגע באפרייאונג פון אלע שקלאפען. טייל האָבען באשולדיגט לינקאָלנ׳ען אז ער האָט באפוילען פרעי־מאָנד׳ן צו ענדערען די פּראָקלאמאציע דערפאר וואס ער האָט פרעימאָנד׳ן באטראכט אלס א קאָנקורענט אין די נעקסטע פּרעז־זידענט־וואלען. ער האָט, הייסט עס, מורא געהאט טאָמער וועט פרעימאָנד׳ס פּאָליטיק זיך ארויסווייזען פאר אן ערפאָלג,וועט פרעימאָנד דורך דעם ווערען פּאָפּולער: אויף די אלע אטאקעס האָט לינקאָלן עפענטליך ניט געענטפערט. אין א פּריוואטען בריף צו זיינעם א פריינט, א סענאטאָר, וועלכער האָט אָבער געהאל־טען אין דער פראגע מיט פרעימאָנד׳ן, האָט לינקאָלן געשריבען אזוי: „די לעדזשיסלייטשור פון קענטאָקי וואָלט זיך פון אָרט ניט גערירט אזוי לאַנג ווי פרעימאָנד׳ס פּראָקלאמאציע וואָלט ניט געענדערט געווארען. איך גלויב, אז פארלירען קענטאָקי הייסט פארלירען אלץ. אויב קענטאָקי גייט אריבער צו דער סאוט, ווע־

לען מיר ניט קענען איינהאַלטען מיזורי, און, איך גלויב, אויך ניט מערילאנד.״*)

איידער דער שטורם איבער פרעימאָנד'ס פּראָקלאַמאַציע איז איינגעשטילט געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען א נייער טומעל. עס האָבען זיך דערטראָגען קלאַנגען אין וואַשינגטאָן, אז פּרעמאָנד איז אַרומגערינגעלט מיט א חברה פריינד, וועלכע באַשווינדלען און באַרויבען די רעגירונג. אלס הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמיי אין מיזורי, האָט פרעימאָנד אַרויסגעגעבען פּאָדריאַדען, קאָנטראַקטען, פאַר מיליטערישע פּראָוויאַנט און פאַר מיליטערישע אַרבייט. עס האָט געהייסען, אז פרעימאָנד שטייט אונטער'ן איינפלוס פון ספּעקולאַנטען און גנבים, וועלכע חנפ'ענען אים און נאַרען אויס גרויסע סומען געלט פון דער רעגירונג־קאַסע. צו דערזעלבער צייט זיינען אָנגעקומען קלאַנגען פון אָפיצירען אין פרעימאָנד'ס אַרמיי, אז ער איז גוואַלדיג אומפּייאיג אלס גענעראַל; אז ער פאַרנאַכלעסיגט די מיליטערישע אַרבייט; אז אים ליגט גאָר ניט אין זינען די אַרמיי און די שלאַכטפעלדער; אז ער גיט אָפּ זיין צייט און זיין אויפמערקזאַמקייט צו די ספּעקולאַנטען און קאָנטראַקטאָרס; אז פאַר אָפיצירען און אַרמיי־קאָמאַנדירען איז כמעט אונמעגליך צו אים צוצוקומען.

פּרעזידענט לינקאָלן האָט געשיקט קאָמיסיעס אויסצופאָרשען דאָס אַלץ, און די באַריכטען וואָס ער האָט באַקומען האָבען באַשטעטיגט די באַשולדיגונגען. איינער פון די אויספאָרשער האָט געשריבען: „אונזער קאָמיטע האָט געאַרבייט צוויי וואָכען צייט אין סט. לואיס, און די פאַקטען וואָס מיר האָבען אויפגעדעקט וועלען ערשטוינען די וועלט און אונז פאַרשעמען אלס פאָלק.

*) גראַד דעמאָלט האָט די לעדזשיסלייטשור אין קענטאָקי אפּגעהאַלטען אירע זיצונגען, און דאָרט איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישען די צוויי צדדים. לינקאָלנ'ס מענשען אין קענטאָקי האָבען אים געלאָזט ווייסען, אז פרעימאָנד'ס פּראָקלאַמאַציע האָט פאַרשטאַרקט דעם צד, וועלכער האָט געזוכט צו ווירקען, אז קענטאָקי זאָל זיך אָנשליסען אָן דער קאָנפעדערייסי.

מען קען זיך קוים פאָרשטעלען וואס פאַר רויבערייען, שווינדלען און גניבות עס זיינען פאָרגעקומען אין פרעימאָנד'ס דעפּאַרטמענט. אונטער פרעימאָנד'ס נאָז האָט עקזיסטירט אן אָרגאַניזירטע סיסטעם פון רויבעריי... דער קרעדיט פון דער רעגירונג ווערט דאָ רואינירט. אלע ווייסען דאָ וועגען די שווינדלען, און מענשען האָבען מורא צו געטרויען דער רעגירונג. איך פיל זיך דערשלאָגען און אָפּהענטיג. א פאָלק וואָס איז אזוי בלינד, אזוי קאָרופּט און אזוי אומערליך, פאַרדינט ניט צו האָבען א פרייע רעגירונג".

לינקאָלן האָט, נאָך א לאַנגען ישוב הדעת, ארונטערגעזעצט פרעימאָנד'ן פון זיין אמט. פרעימאָנד'ס פריינט האָבען געסטראַשעט, אז אויב ער וועט עס וואַגען צו טאָן, וועט פאָרקומען אן אויפשטאַנד אין סט. לואיס, און אז א סך אָפיצירען אין פרעימאָנד'ס ארמיי וועלען גלייך רעזיגנירען און צוברעכען זייערע שווערדען. דאָס האָט אָבער ניט פּאַסירט. דאָך איז לינקאָלן ביטער אטאַקירט געוואָרען פון א סך פון די אָנהענגער וואָס פרעימאָנד האָט זיך פאַרשאַפט דורך זיין פּראָקלאַמאַציע. זיי האָבען געשריען, אז פרעימאָנד איז א מאַרטירער; אז די אלע באַשולדיגונגען זיינען פאַבריצירט געוואָרען כדי אים צו דיסקרעדיטירען אין די אויגען פון פאָלק. דער רעדאַקטאָר פון א גרויסער צייטונג אין סינסינעטי האָט אין א בריף צום פינאַנסמיניסטער טשעיס געשריבען אזוי: „פרעימאָנד איז איצטער דער פּאָפּולערסטער מענש אין לאַנד. אזוי, צום ווייניגסטענס, פילען מיר דאָ אין דער וועסט... לינקאָלן האָט פאַרלאָרען דעם צוטרויען פון פאָלק.*)

*) וועגען דער גאַנצער אנגעלעגנהייט זיינען היסטאָריקער נאָך ביז היינטיגען טאָג צוטיילט אין זייערע מיינונגען. ראודס איז אָבער איבערצייגט, אז פרעימאָנד האָט לכתחילה ארויסגעגעבען זיין פּראָקלאַמאַציע מיט דער האָפענונג, אז דאָס וועט אים באַשיצען געגען די קלאַגען פון קאָרופּציע.

קאַפּיטעל 7.

אַן ערנסטער סכסוך מיט ענגלאַנד.

לינקאָלנ'ס אַנטשלאָסענהייט ניט צו דערלאָזען אַז שקלאַפּעריי זאָל ווערען אַן עפענטליכע פראַגע אין דער מלחמה האָט זיך אָפּגערופען אויף דער עפענטליכער מיינונג אין ענגלאַנד. די סאוט האָט דערפון אינדירעקט געוואונען און די פריינד פון דער סאוט אין ענגלאַנד האָבען פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו שלאָגען קאַפּיטאַל פאַר זייער צד.

נאָך דער שלאַכט ביי בול־ראָן זיינען די אַקציעס פון דער נאָרט שטאַרק געפאַלען אין ענגלאַנד און פראַנקרייך און די אַקציעס פון דער סאוט האָבען זיך דאָרט שטאַרק געהויבען. די אַריסטאָקראַטיע און די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען (די פאַבריקאַנטען און הענדלער) האָבען אין הארצען נאָך פריער סימפּאַטיזירט מיט דער סאוט. זיי האָבען אָבער ניט געוואַגט צו נעמען אַ שטעלונג צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, האָבען זיי אָפּגעשאַצט, אַז די כוחות פון דער נאָרט זיינען פיל שטאַרקער ווי די כוחות פון דער סאוט. זיי האָבען זיך ניט געוואָלט שטעלען אויף דער זייט וואָס האָט, לויט זייער אייגענער מיינונג, געמוזט פאַרלירען. צווייטענס, איז די סאוט געשטאַנען פאַר שקלאַפעריי און די גרויסע מאַסען אין ענגלאַנד האָבען באַטראַכט די מלחמה אַלס אַ קאַמף צווישען שקלאַפעריי און פרייהייט. דער הערשענדיגער קלאַס האָט פּשוט מורא געהאַט אָפען צו שטיצען די שקלאַפעריי.

די שלאַכט ביי בול־ראָן האָט אָבער געשאַפען די מיינונג ביי דעם הערשענדיגען קלאַס, אַז דער נאָרט וועט ניט געלינגען צו באַזיגען די סאוט. מען האָט אין יענע קרייזען גענומען

ריידען, אז עס וואָלט געווען גלייכער די מלחמה זאָל זיך וואס שנעלער ענדיגען. זיי האָבען זיך אויך באנוצט מיט לינקאָלנ׳ס שטעלונג צו שקלאַפעריי און האָבען גענומען ריידען צום עולם, אז אייגענטליך האָט שקלאַפעריי מיט דעם גאנצען ענין גארניט צו טאָן. די לאָנדאָנער „טאַימז״ האָט אין סעפּטעמבער געשריי־בען אזוי: „די סאוט איז ניט אַזוי שטארק ווי די נאָרט, אָבער ביז איצט האָט זי זיך ארויסגעוויזען ערפאָלגרייך אויפ׳ן שלאַכט־פעלד. און מסתמא וועט זי שטענדיג זיין גענוג שטארק אז זי זאָל זיך ניט דארפען אונטערגעבען.״ אין א צווייטער אויס־גאבע האָט די „טאַימז״ געשריבען: „די פראגע פון שקלאַפעריי האָט ווייניג־וואָס צו טאָן מיט דעם קאמף. דאָס שלאָגוואָרט פון דער סאוט איז — אומאָפּהענגיגקייט. דאָס שלאָגוואָרט פון דער נאָרט איז — יוניאָן. אין די צוויי ווערטער ליגט די אמת׳ע אורזאך פון דער מלחמה״.

דער איינציגער קלאַס וואָס האָט נאָך איצטער סימפּאטי־זירט מיט דער נאָרט איז געווען דער ארבייטער־קלאַס. ראודס שרייבט „דער ארבייטער־קלאַס, אויף אזוי פיל ווי ער האָט אי־בערהויפּט געטראַכט דערפון, האָט סימפּאטיזירט מיט די פאַר־אייניגטע שטאַטען. די ארבייטער האָבען קלאָר געזען, אז דער זיג פון דער נאָרט אין אמעריקע איז א זיג פאַר דעמאָקראַטיע אין ענגלאנד. אָבער די ארבייטער האָבען דעמאָלט געהאט ווייניג געוויכט אין דער עפענטליכער מיינונג פון לאַנד. זיי האָבען נאָך דעמאָלט געהאט א קליינע פּאָליטישע דעה״. דזשאָן סטו־אַרט מיל אין זיין אוטאָביאגראפיע שרייבט: „כמעט דער גאנ־צער הויכער און מיטעלער קלאַס פון מיין לאַנד, אפילו די וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאַר ליבעראַלען, איז געווען פארקאָכט פאַרטייאיש פאַר דער סאוט. די ארבייטער און טייל ליבע־ראַלען און וויסענשאַפטסלייט זיינען געווען די איינציגע אויס־נאַמען אין דער משוגעת.״

די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָבער אַלץ געהאַלטען נייַ־טראַל. אין פראַנקרייך האָט דעמאָלט געהערשט נאַפּאָלעאָן דער דריטער, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט די רעפּובליק און זיך גע־

קרוינט פאר אימפעראטאר. נאפאלעאן האט זיך געווענדט צו ענגלאנד מיט א פארשלאג, אז ביידע לענדער זאלען אנערקענען די אומאפהענגיגקייט פון דער סאוט און דאן זאלען זיי ביידע, מיט בשותפות'ע קרעפטען, דורכברעכען א וועג דורך דער בלאָקאדע צו די האפענס פון דער סאוט. ענגלאנד האט דעם פאָרשלאג צוריקגעוויזען. דער ענגלישער קאבינעט איז געווען צוטיילט. דער פרעמיער, פאלמערסטאן, האט זיך געהאלטען פאר דער פאליטיק פון נייטראליטעט. זיין אויסערן מיניסטער, לארד ראסעל, האט געהאלטען אז מען דארף יע עפעס טאן צו העלפען דער סאוט. ער האט פארגעשלאגען, אז ענגלאנד און פראנקרייך זאלען זיך אריינלייגען אין א שלום, און אויב די נארט וועט זיך דערפון אנטזאגען, זאלען די צוויי לענדער זיך שטעלען אויף דער זייט פון דער סאוט. פאלמערסטאן האט ראסעל'ס פלאן ניט אנגענומען, כאטש ער האט סימפאטיזירט מיט דער סאוט.

די שטימונג אין ביידע לענדער איז געווען אן אנגעצויגענע. די וויכטיגע ניו יארקער צייטונג, „הערלד", האט געענטפערט אויף די אטאקעס אין די ענגלישע צייטונגען מיט קאנטער־אטאקעס. זי האט אפילו געסטראשעט ענגלאנד, אז אמעריקא וועט איר ערקלערען קריג. און פלוצלונג האט עפעס פאסירט, וואס האט די פארביטערטקייט נאך שארפער געמאכט און ביידע לענדער זיינען טאקע שיער, שיער ניט אריינגעשטויסען געווארען אין א מלחמה מיט אנאנדער.

די קאנפעדעראציע האט באשלאסען צו שיקען צוויי פארשטייער קיין ענגלאנד און קיין פראנקרייך. זי האט פאר דעם צוועק אויסגעקליבען צוויי מענשען, וואס זיינען אין דער נארט געווען זייער פארהאסט, דזשיימס מעיסאן און דזשאן סלידעל. זיי איז געלונגען זיך דורכצושמוגלען דורך דער בלאקאדע און אנצוקומען אויף א קליינער שיף אין האוואנא, קובא. דארט האבען זיי זיך דעם 7טען נאוועמבער געזעצט אויף דער ענגלישער פאסאזשיר שיף „טרענט" און זיינען אפגעפארען קיין ענגלאנד. אויף מארגען האט די אמעריקאנער קריגס־שיף „סאן דזשאקאנטא" אנגעיאגט די „טרענט" און איר באפוילען זיך אפצושטעלען.

די „טרענט" האָט פון אָנפאנג זיך אנטזאגט צו פאָלגען. די „סאן דזשאקאנטא" האָט אויסגעשאָסען עטליכע מאָל. די „טרענט" האָט דאַן ערלויבט, אז אַן אָפיציר און עטליכע סאָלדאטען פון דער „סאן דזשאקאָנטא" זאָל ארויפקומען אויף איר דעק און אראָפּנעמען די צוויי פאָרשטייער פון דער סאוט, מעיסאָן און סלידעל, צוזאמען מיט זייערע סעקרעטאַרען. די פיר געפאנגענע זיינען אָפּגעפירט געווארען אין באָסטאָנער האפען און זיינען איינגעשפּארט געווארען דארט אין א פעסטונג.

די נייעס האָט אַרויסגערופען אי שרעק אי באגייסטערונג אין דער נאָרט. מען האָט זיך געשראָקען פאַר ענגלאַנד, טאָמער וועט זי עס באַטראַכטען פאַר אַ פארגוואלטונג פון אירע רעכט אויפ׳ן ים און וועט ערקלערען קריג; אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער עולם געפרייט מיט דעם, וואָס די צוויי פארהאַסטע שלוחים פון דער סאוט זיינען אריינגעפאַלען אין זייערע הענד. „דער קאַפּיטאַן פון דער „סאן דזשאקאנטא", — שרייבט פּראָפעסאָר מעקמעסטער, — איז געווען דער העלד פון טאָג. מען האָט פאַר אים געמאַכט באַנקעטען, אים געשיקט דאנקזאָגונגען. אין באָסטאָן האָט מען פאַר אים געמאַכט א יום־טוב. אין ניו יארק האָט מען אים געגעבען אַן עפענטליכען קבלת פּנים אין סיטי האָל. . . דער פלאָטען מיניסטער וועלס האָט אים געשריבען אַן אָפיציעלען בריף מיט די ווערטער: „אייער טאַט צייכינט זיך אויס מיט אינטעליגענץ, פייאיגקייט, אנטשלאָסענהייט און זי האָט די גוטהייסונג פון דעם פלאָטען־מיניסטעריום". דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע אים צו באַדאַנקען.

די שרעק, אז ענגלאַנד וועט נעמען אַ שטעלונג געגען דער טאַט, איז מקוים געווארען. אזוי שנעל ווי די נייעס איז אָנגעקומען אין ענגלאַנד, האָט דאָרט אויסגעבראַכען א שטורעם פון צאָרן. די צייטונגען האָבען געשריען, אז אַמעריקע האָט באַליידיגט ענגלאנד. דער אמעריקאַנער אמבאסאדאָר ערעמס האָט געשריבען: „די קלובס, די אַרמיי, די פלאָטע, מענשען אין גאס געוואלדעווען, אז די רעגירונג מוז ערקלערען קריג". די לאָנדאָנער „טאַימז" האָט געשריבען: „ווילקס (דער קאַפּיטאַן

פון דער „סאן דזשאקאנטא”) איז דער טיפישער יענקי . . . און ווי אלע יענקים האט ער ליב צו בושעווען איבער הילפלאזע און שוואכע, צו טרעטען מיט די פיס אויף דעם געזעץ און צו פארגוואלדיגען די הייליגסטע אינטערעסען פון דער מענשליכער נאטור. ער האנדעלט אזוי בלויז דאן ווען מען זעט אים ניט. אזוי שנעל אבער ווי ער דערזעט פאר זיך א געפאר אנטלויפט ער”.

די ענגלישע רעגירונג האט געשיקט א פראטעסט־נאטע קיין וואשינגטאן און זיך גענומען גרייטען צו קריג. זי האט באַ־שטעלט זאפאסען פון אמוניציע, האט גענומען אנלאדען געוועהר אויף שיפען צו שיקען קיין קענעדע. אין דערזעלבער צייט האט זי פארבאטען דעם ארויספיר פון אמוניציע פון אירע האַ־פענס. די לאנדאנער „טאימז” האט זיך געפרייט איבער די קריגס־הכנות. זי האט געווארענט די פאראייניגטע שטאטען, אז אזוי שנעל ווי ענגלאנד וועט ערקלערען קריג וועלען ענגלאנד'ס קריגסשיפען פארשפארען אלע האפענס פון דער נארט. אין קע־נעדע האט מען אויך גענומען מאכען הכנות צו מלחמה.

דעם 18טען דעצעמבער איז אין וואשינגטאן אנגעקומען ענגלאנד'ס נאטע, וועלכע האט געפאדערט אז מעיסאן און סלידעל זאלען גלייך באפרייט ווערען און אפגעשיקט ווערען קיין ענג־לאנד, און אז די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען זאל זיך אנטשולדיגען פאר איר טאט. דער ענגלישער אמבאסאדאר אין וואשינגטאן האט באקומען א באפעל פון זיין רעגירונג, אז מער ווי זיבען טעג זאל ער אויף אן ענטפער ניט ווארטען. אויב ער וועט אין משך פון דער וואך ניט באקומען קיין ענטפער, אדער דער ענטפער וועט ניט זיין צופרידענשטעלענדיג, זאל ער גלייך פארלאזען וואשינגטאן און אפברעכען באציאונגען מיט די פאראייניגטע שטאטען.

דעם 25טען דעצעמבער האט דער קאבינעט אין וואשינגטאן זיך פארזאמעלט צו באטראכטען די פראגע. צוויי טעג האט ער זיך מישב געווען. פרעזידענט לינקאלן איז געווען מיט דער מיינונג, אז מען דארף פארשלאגען ענגלאנד אז די גאנצע אנ־

געלעגענהייט זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אומפּארטייאישע מענ־שען צו פּסקנ'ען. סעקרעטערי אָוו סטייט סוארד איז געווען דערפאר, אז אַמעריקע זאָל גלייך נאָכגעבען ענגלאנד'ס פאָדערונגען. אייניגע מיניסטאָרען האָבען ערקלערט, אז אַמעריקע האָט געהאַט דאָס רעכט צו טאָן דאָס, וואס זי האָט געטאָן, און זיי האָבען באוויזען מיט פאקטען, אז ענגלאנד אַליין האָט א סך מאָל אזוי געהאנדעלט, אז יעדען מאָל וואס זי האָט געפירט מלחמה פלעגט זי אפּשטעלען נייטראַלע שיפען און אראָפּנעמען מענשען און סחורה וואס האָבען געהערט צום שונא. דאָך האָבען די מיניסטאָרען איינגעשטימט מיט סוארד'ן, אז מען מוז זיך בויגען, ווייל אַמעריקא איז ניט אימשטאַנד איצט צו ריזיקי־רען מיט א מלחמה געגען ענגלאנד. סוארד'ס פאָרשלאַג איז אָנ־גענומען געווארען.

סעקרעטערי סוארד'ס ענטפער צו ענגלאַנד איז געווען אזוי: קאַפּיטאן ווילקס האָט געהאַנדעלט אויף זיין אייגענער פאראנט־וואָרטליכקייט, אָן דעם וויסען פון דער רעגירונג. די פיר גע־פאנגענע װעלען צוריקגעשיקט ווערען קיין ענגלאַנד. די פאר־אייניגטע שטאטען איז שטענדיג געשטאַנען פאר דעם פּרינציפּ, אז נייטראַלע שיפען מעגען פירען סחורה און מענשען פון קריי־גערישע לענדער, און זי האָט אין דער פארגאַנגענהייט פארטיי־דיגט דעם דאָזיגען פּרינציפּ אין אירע סכסוכים מיט ענגלאַנד. איצטער האַנדעלט אַמעריקע לויט איר אייגענעם פּרינציפּ.*)

דעם ערשטע יאַנואר, 1862, האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג ארויפגעזעצט מעיסאָנ'ען און סלידעל'ן און זייערע סעקרעטערען אויף אַן ענגלישער שיף, וועלכע האָט זיי אפּגעפירט קיין בער־מודא. פון דאָרט זיינען זיי אפּגעפארען קיין ענגלאַנד.

דערמיט האָט זיך דער אינצידענט געענדיגט.

*) די אַמעריקאנער צייטונגען האָבען געדרוקט פאַקטען ווי ענג־לאַנד האָט געטאָן פונקט דאָסזעלבע וואָס זי האָט איצט פארהאַמט; אַז אַמעריקע האָט שטענדיג פּראָטעסטירט געגען ענגלאַנד פאר פארגוואַל־טיגען די רעכטע פון נייטראַלע לענדער, און ענגלאַנד האָט שטענדיג די פּראָטעסטען איגנאָרירט.

קאַפּיטעל 8.

די שלאַכטען ארום ריטשמאָנד.

נאָך דער מפּלה ביי בול־ראָן האָט די נאָרט איינגעזען, אַז זי האָט די לאַגע ניט ריכטיג אָפּגעשאַצט, אַז זי האָט זי גענומען צו לייכט. פּרעזידענט לינקאָלן האָט גלייך אראָפּגעזעצט גענעראַל מעקדועל פון זיין אמט און אויף זיין פּלאַץ באַשטימט גענעראַל מעקלעלאַן, וועלכער האָט זיך געמאכט א נאָמען מיט עטליכע נצחונות אין וועסט ווירדזשיניא. מעקלעלאן איז נאָך דעמאָלט געווען גאָר א יונגערמאן, איינגאנצען 34 יאר אלט. ער איז אָבער שוין געווען אזוי פּאָפּולער און אזוי באַליבט ביים פּאָלק, אז מען האָט אים גערופען דער „קליינער נאפּאָלעאָן".

ווען גענעראַל מעקלעלאן האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דער אַרמיי אין ווירדזשיניא אין יולי, 1861, איז די אַרמיי געווען שטאַרק דעמאָראַליזירט. „אומאָרדנונג און מהומה האָבען געוועלטיגט, — שרייבט מעקמעסטער, — טויזענטער רויע רעקרוטען זיינען געלאָפען צום פראָנט, און טויזענטער אויסגעדינטע פון דעם דריי־מאָנאַטליכען טערמין זיינען געלאָפען פון פראָנט אהיים. אין די גאַסען פון וואשינגטאָן האָבען זיך ארומגעטראגען מחנות סאָלדאטען. אין די האָטעלען האָבען הונדערטער אָפיצירען זיך געלאָזט וואוילגיין און האָבען גאָרניט געטראכט וועגען זייערע מיליטערישע פליכטען אדער וועגען צונויפקלייבען זייערע צואוואָרפענע און צוטומעלטע סאָלדאטען". דער היסטאָריקער מעקארטני שרייבט: „די גאסען, די האָטעלען, די סאַלונען זיינען פול געווען מיט שיכור'ע אָפיצירען און מיט סאָלדאַטען וואס האָבען זייערע רעגימענטען פארלאָזען און ערלויבעניש".

מעקלעלאַן האָט זיך די ערשטע זאַך גענומען צו „שאַפען אַן ארמיי״, צו ברענגען אָרדנונג און דיסציפּלין צווישען די סאָל־דאַטען, און ער האָט די זאַך דורכגעפירט מיט גרויס ערפאָלג. אין דריי מאָנאַט צייט האָט ער געהאַט אַן ארמיי פון א 170 טויזענד מאַן, גוט באוואפענט, גוט געלערענט און גוט דיסציפּלינירט.

אָבער שוין דעמאָלט האָט זיך גענומען ארויסווייזען מעק־לעלאַנ׳ס גאוה׳דיגער כאַראַקטער. ער האָט זיך גענומען קריגען מיט דעם איינציגען מיליטערישען העכערען בעאַמטען איבער אים, מיט דעם 75 יעריגען גענעראל ווינפריד סקאָט. ער האָט סקאָט׳ן באַליידיגט און סקאָט האָט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציע. לינ־קאָלן און זיינע מיניסטאָרען זיינען געווען צופרידען וואָס זיי זיינען פטור געוואָרען פון דעם אַלטען, קראַנקען סקאָט און האָ־בען מיט פרייד איבערגעגעבען די הויפּט־קאָמאַנדע צו מעקלע־לאַנ׳ען. זיי האָבען אַלע געהאַט דעם גרעסטען צוטרוי צו אים, דעם שטאַרקסטען גלויבען אין זיין פייאיגקייט. זיי האָבען זיך געריכט, אַז ער וועט באַווייזען וואונדער אַזוי שנעל ווי ער וועט ארויסמאַרשירען געגען דעם שונא מיט זיין גוט דיסציפּלינירטע ארמיי. איצט האָט מעקלעלאַן זיך געפילט נאָך גאוה׳דיגער, נאָך שטאָלצער ביי זיך.

דערווייל זיינען זיך די וואָכען און די מאָנאַטען געגאַנגען. דאָס לאַנד איז געוואָרען אומרואיג, אומגעדולדיג. די צייטונ־גען האָבען גענומען פרעגען: אויף וואָס וואַרט מעקלעלאַן? פאַר־וואָס פאַנגט ער ניט אָן עפּעס צו טאָן מיט זיין וואונדערבאַרער ארמיי? די פראַגע איז אויפגעהויבען געוואָרען אין קאָנגרעס. א קאָמיטע איז באַשטימט געוואָרען זיך צו זען מיט׳ן פּרעזידענט וועגען דעם ענין. לינקאָלן האָט מעקלעלאַנ׳ען פאַרענטפערט: מסתמא ווייס ער וואָס ער טוט. אָבער ווען עס זיינען ווייטער אוועק וואָכען און אויף דעם „פּאָטאָמעק טייך איז נאָך אַלץ שטיל געווען״ (אַזוי פלעגען זיך די צייטונגען וויצלען יעדען טאָג), האָט אויך לינקאָלן גענומען ווערען אומגעדולדיג און געגר־

מען פרעגען מעקלעלאנ'ען ווען ער וועט ־ווין עפעס טאָן, ווי לאנג נאָך וועט ער ווארטען?

אין דעצעמבער איז מעקלעלאן קראנק געווארען אויף טי־פוס. עטליכע וואכען איז ער געלעגען אין בעט. לינקאָלן האָט זיך איצט בעראטען מיט די אנדערע וויכטיגע גענעראלען וועגען אָנהויבען אַן אטאקע. ער האָט די פראגע אויך דיסקוטירט אין קאבינעט. צווישען די מיניסטארען זיינען געווען אייניגע מיט דער מיינונג, אַז מעקלעלאן מוז גלייך אראָפּגעזעצט ווערען. זיינע צוויי גרעסטע געגנער זיינען געווען: דער קריגס־מיניסטער סטענטאָן און דער פינאנץ־מיניסטער טשעיס. עס זיינען פאָרגע־קומען אפענע קריגערייען צווישען מעקלעלאנ'ען און די מיניס־טאָרען ביי די בעראטונגען. לינקאָלן האָט שטענדיג געמוזט ביידע צדדים בארואיגען. ביי מעקלעלאנ'ן אין קאָפּ האָט זיך אנט־וויקעלט דער געדאנק, אַז טשעיס וויל ער זאָל מאכען זיין אטאקע איידער ער איז נאָך צוגעגרייט, כדי ער זאָל די שלאכט פאר־לירען. טשעיס איז געווען אַ „ראדיקאלער רעפּובליקאנער"; די ראדיקאלע רעפּובליקאנער האָבען געוואָלט, אַז די נעגער זאָלען גלייך ערקלערט ווערען פריי און קריגען גלייכבארעכטיגונג. האָט מעקלעלאן ביי זיך אין געדאנק אזוי אויסגע'פּשט'לט: אויב איך וועל געווינען גלייך איצט ביים אָנפאנג פון קריג און די סאוט וועט זיך אונטערגעבען, וועט געשלאָסען ווערען פרידען אויף די אלטע באדינגונגען. די שקלאפען וועלען בלייבען שקלאפען. אויב אבער איך וועל איצט פארלירען און די מלחמה וועט זיך פארציען וועלען די ראדיקאלע רעפּובליקאנער קריגען די אויבער־האנד אין דער רעגירונג און וועלען באפרייען די שקלאפען. מעק־לעלאן האָט אויך געגלויבט אַז לינקאָלן ווערט באאיינפלוסט פון די קאבינעט־מיניסטאָרען און אַז אין הארצען איז אויך לינ־קאָלן פיינדליך געשטימט צו אים.

לינקאָלן האָט איצט גענומען פאָדערען פון מעקלעלאנ'ען ער זאָל אָנפאנגען זיין אטאקע. מעקלעלאן האָט אַלץ אפּגעַ־לייגט אויף שפּעטער. ער האָט גע'טענה'ט, אַז ער דארף נאָך צייט אויף צוצוגרייטען זיך. אין פעברואר האָט לינקאָלן בא־

פוילען מעקלעלאַנ'ען ער זאָל אָנהויבען די אטאקע דעם 22טען פעברואר (וואשינגטאָנ'ס געבורטסטאָג). מעקלעלאַן האָט אָבער ווייטער געפונען א תירוץ און דעם באפעל ניט געפאָלגט. דעם 5טען מערץ האָט לינקאָלן גערופען מעקלעלאַנ'ען צו זיך און אים ערקלערט אז עס טראָגען זיך ארום קלאנגען אז ער, מעקלעלאַן, פלאנעוועט צו פארראטען די רעגירונג, אז ער וויל אָפּציען זיין ארמיי פון וואשינגטאָן און מעגליך מאכען פאר דעם שונא צו פארנעמען די שטאָט. מעקלעלאַן איז געווארען אָן אויפגעקאָכטער און געפאָדערט פון פּרעזידענט ער זאָל די באשולדיגונג צוריקציען. דער פּרעזידענט האָט אים ערקלערט, אז ער באשולדיגט אים ניט, נאָר אז ער וויל ער זאָל וויסען וועגען די קלאנגען.

אזוי זיינען געווען די באציאונגען צווישען דעם הויפּט גענעראל און די פירער פון דער רעגירונג, ווען מעקלעלאַן האָט זיך ענדליך גענומען רירען פון אָרט. מעקלעלאַן האָט אויסגעארבייט א פּלאַן ווי צו אטאקירען און איינגעמען ריטשמאָנד, די הויפּטשטאָט פון דער קאָנפעדערייסי. זיין פּלאַן איז געווען ניט צו מארשירען גלייך פון וואשינגטאָן אויף ריטשמאָנד, נאָר אריבערצופירען די ארמיי מיט שיפען צו פאָרט מאָנראָו,ביים ברעג, און פון דאָרט גיין אויף ריטשמאָנד. אין מיטען מאָנאט מערץ האָט ער גענומען פירען די סאָלדאטען צו פאָרט מאָנראָ. דאָס האָט געדויערט איבער א מאָנאט צייט. מעקלעלאַן האָט געהאט אונטער זיין קאָמאנדע אין פאָרט מאָנראָו ארום 120 טויזענד מאַן.

און דאָ איז פאָרגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען מעקלעלאַנ'ען און דעם פּרעזידענט. לינקאָלן האָט פארהאלטען צוואנציג טויזענד סאָלדאטען אונטער גענעראל מעקדוועל נעבען וואשינגטאָן. מעקלעלאַן האָט געפאָדערט, אז מעקדוועל'ס סאָלדאטען זאָלען זיך אָנשליסען אָן זיין ארמיי. לינקאָלן איז געווען מיט דער מיינונג, אז אויב מעקדוועל מיט זיינע 20 טויזענד מאַן וועלען אוועק, וועט וואשינגטאָן בלייבען אומבאשיצט און דער שונא וועט קענען באפאלען די שטאָט און זי איינגעמען. מעקלעלאַן

האט גע'טענה'ט, אז צו באשיצען וואשינגטאן האט ער געלאזען אנדערע 10 טויזענד מאן. לינקאלן האט געענטפערט, אז 10 טויזענד מאן זיינען ניט גענוג. מעקלעלאן האט געשריבען צו פרע־



די וויכטיגסטע שלאכט־פונקטען צווישען וואשינגטאן און ריטשמאנד.

זידענט לינקאלן, אז זיין האנדלונג שטערט אים, אז ער, מעקלע־לאן, קריגט ניט די נויטיגע שטיצע פון דער רעגירונג. לינקאלן האט אים פארזיכערט אז ער מאכט א טעות. „איך פארזיכער

אייך", האָט לינקאָלן אים געשריבען, „אז איך האָב צו אייך קיינ־מאָל ניט געשריבען מיט מער פריינדליכע געפילען ווי איצט". די פארזיכערונגען האָבען אָבער ניט געהאָלפען. מעקלעלאַן איז געווען איבערצייגט, אז די רעגירונג אין וואשינגטאָן, דער פּרעזידענט און דער קאַבינעט, ווילען אים שטערען, ווילען אים ניט געבען די מעגליכקייט צו האָבען ערפאָלג אויפ'ן שלאַכטפעלד.

די קאַמפּאַניע וואס האָט זיך איצט אָנגעפאַנגען האָט זיך געצויגען פון מיטען אַפּריל ביז מיטען יולי. אין משך פון די דריי מאָנאַטען זיינען פאָרגעקומען שלאַכטען אַרום ריטשמאָנד און אַרום וואשינגטאָן. אַלע אַרמייען וואס זיינען געשטאַנען אין די פארשידענע פּונקטען פון ווירדזשיניא, סיי אין דעם נאָרד־ליכען טייל, נאָענט צום פּאָטאָמאַק טייך און צווישען די שאַנענ־דאָהאַ בערג און טאָלען, און סיי די, וואס זיינען געשטאַנען אין דעם זידליכען טייל, אויף דעם האַלב־אינזעל צווישען די טייכען דזשיימס און יאָרק — אַלע זיינען זיי אריינגעצויגען געוואָרען אין די שלאַכטען. צייטענווייז האָט עס אויסגעזען, אז וואשינג־טאָן שטייט אין געפאַר איינגענומען צו ווערען, און צייטענווייז, ווידער, האָט עס אויסגעזען אז ריטשמאָנד שטייט אין געפאַר איינגענומען צו ווערען. געענדיגט האָט זיך די קאַמפּאַניע מיט אַ מפּלה פאַר מעקלעלאַנ'ען. די מפּלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואס נאָך דריי מאָנאַטען פון שלאָגען זיך, האָט ער געמוזט זיין אַרמיי צוריקציען און צוגעבען אז ער קען ריטשמאָנד ניט איינ־נעמען.

לכתחילה האָט עס אויסגעוויזען, אז מעקלעלאַנ'ס סטראַטע־גיקע וועט זיך איינגעבען. אין מיטען אַפּריל האָט ער באַלאַגערט יאָרקטאָון, אַ באַפעסטיגטער פּונקט אויפ'ן וועג צו ריטשמאָנד. באָטש זיין אַרמיי איז געווען צוויימאָל אזוי די גרויס ווי דזשאָנס־טאָנ'ס אַרמיי, פונדעסטוועגען האָט ער יאָרקטאָון ניט אַטאַקירט. ער האָט זי בלויז באַלאַגערט. דערפאַר ווערט ער שאַרף קריטי־קירט פון געוויסע היסטאָריקער און מיליטערישע עקספּערטען. זיי זאָגען, אז ווען ער וואָלט יאָרקטאָון גלייך אַטאַקירט וואָלט ער צושמעטערט דזשאָנסאָנ'ס אַרמיי און וואָלט דאַן געקענט גלייך

גיין און איינגעמען ריטשמאָנד. מעקלעלאַן האָט אָבער אַנדערש געדענקט און עס זיינען פאראַן היסטאָריקער און מיליטערישע עקספּערטען וואָס שטימען מיט אים איין. מעקלעלאַן האָט גע־גלויבט, אז זיין ארמיי איז ניט גרויס גענוג פאר אַן אַטאַקע. און ער האָט טאַקע געהאַלטען אין איין שרייבען צו לינקאָלנ'ען ער זאָל אים גלייך שיקען מעקדועל'ס רעגימענטען וואָס ער האָט פאר־האַלטען נעבען וואַשינגטאָן.

דערווייל האָט דזשאָנסטאָן פארשטאַרקט זיין ארמיי און פארגרעסערט. דעם דריטען מאַי האָט דזשאָנסטאָן אַליין זיין ארמיי צוריקגעצויגען פון יארקטאַון. און דאָ ווערט אויך מעק־לעלאַן קריטיקירט פון זיינע געגנער. מעקלעלאַן האָט געדאַרפט נאָכיאָגען דזשאָנסטאָנ'ען און אים גלייך אַטאַקירען, זאָגען זיי. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן. שרייבט ראָודס: „מעקלעלאַן האָט זיך גערירט שרעקליך לאַנגזאַם. אים האָט געדויערט צוויי וואָכען צו דעקען אַ שטרעקע פון אַ פערציג מייל. אמת, די וועג־גען זיינען געווען שלעכטע, מיט טיפע בלאָטעס, אָבער מעקלע־לאַן האָט איבערטריבען די שטערונגען און די שלעכטע וועטערען פּונקט ווי ער האָט איבערגעשאַצט די כוחות פון דעם שונא. לינ־קאָלן, וועלכער איז שוין מיד געווען פון מעקלעלאַנ'ס אייביגע קלאַגען, האָט באַמערקט, אז די געגנערישע קאָנפעדערייטע ארמיי באַוועגט זיך דאָך, טראָץ די שלעכטע וועטערען. ער האָט איינ־מאָל געזאָגט: „מעקלעלאַן, ווייזט אויס, דענקט פּונקט פאר־קערט ווי אין פסוק שטייט. ער דענקט אז דער הימעל שיקט די רעגענס בלויז אויף די קעפּ פון די צדיקים און ניט אויף די קעפּ פון די רשעים".

דערווייל איז אַ פּלאָטע פון עטליכע שיפען אראָפּגעשוואו־מען אויף דעם טייך דזשיימז און זיך גענומען רוקען נענטער און נענטער צו ריטשמאָנד. פאר דער פלאָטע האָט מען זיך אין ריטשמאָנד געשראָקען מער ווי פאר מעקלעלאַנ'ס ארמיי פון 100 טויזענד מאַן. פון 11טען ביז'ן 17טען מאַי איז אין ריטשמאָנד געווען אַ פּאַניק. פּרעזידענט דייוויס האָט איין טאָג געהייסען אַלעמען גיין אין קירכע תפילה טאָן. זיין אייגענע פאַמיליע

האָט ער ארויסגעשיקט פון שטאָט. זיינע מיניסטאָרען האָבען גע־טאָן דאָסזעלבע. מענשען האָבען מאסענווייז גענומען לויפען פון שטאָט. זיי האָבען זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט איינצופּאַקען און מיטצונעמען זייערע זאכען. דעם 15טען מאי איז שוין די פלאָטע געווען ניט מער ווי אכט מייל פון שטאָט.

אָבער ווייטער איז די פלאָטע ניט געגאַנגען. ביי דעם דאָ־זיגען פּונקט איז זי אַטאַקירט געוואָרען פון עטליכע שיפען פון דער קאָנפעדערייסי, וואָס האָבען זיך געפונען ביי די ברעגען. די נאָרדליכע פלאָטע האָט זיך געמוזט צוריקציען און ריטשמאָנד האָט פריי אויפגעאָטעמט. און דאָ ווערט מעקלעלאַן ווידער קריטיקירט. ער האָט געדאַרפט ארויסהעלפען דער פלאָטע מיט אַן אַטאַקע פון דער יבשה. דאָס האָט ער ניט געטאָן. ער האָט גע־לאָזען די פלאָטע פירען איר אַטאַקע אליין.

מעקלעלאַן האָט גענומען מאכען הכנות צו אַטאַקירען ריטש־מאָנד. ער איז געשטאַנען אויף דעם טייך טשיקאַהאָמיני. ער האָט אָבער אלץ געפאָדערט מען זאָל אים שיקען נאָך סאָלדאַטען. ענדליך האָט אים לינקאָלן געלאָזט וויסען, אז ער שיקט ארויס מעקדועל׳ס ארמיי פון 40 טויזענד מאַן. די ארמיי האָט גע־זאָלט ארויסמאַרשירען דעם 23טען מאי. מעקלעלאַן האָט אויף איר געוואַרט און דערווייל געמאכט די נויטיגע הכנות זיך צו פאַראייניגען מיט איר. אָבער מעקדועל׳ס ארמיי איז קיינמאָל ניט אָנגעקומען. די גענעראַלען פון דער סאַוט האָבען דאָ דורכ־געפירט אַ שטיקעל סטראַטעגיקע, פאַר וועלכער זיי ווערען שטאַרק גערימט פון מיליטערישע עקספּערטען. איבערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכענט גענעראַל סטאָונוואָל דזשעקסאָן (איינער פון די גרעסטע העלדען און איינער פון די בעסטע מיליטערישע קעפּ פון דער סאַוט).

דאָס פּראָבלעם פאַר די גענעראַלען פון דער סאַוט איז גע־ווען, ווי אזוי האַלט מען צוריק מעקדועל׳ס ארמיי זי זאָל ניט קומען צו הילף מעקלעלאַנ׳ען? דזשעקסאָן איז דעמאָלט גע־שטאַנען מיט אַן ארמיי פון ארום 20 טויזענד מאַן אין דער שאַ־נענדאָהאַ געגענד. אין דערזעלבער געגענד זיינען געשטאַנען צור־

וואָרפען איינינע ארמייען פון דער נאָרט. יעדע פון די ארמייען באזונדער איז געווען קלענער ווי דזשעקסאָנ'ס ארמיי, כאָטש צו־זאמען זיינען זיי געווען אנדערהאלבען מאָל אזוי די גרויס. דזשעקסאָן האָט אויסגעארבייט א געוואגטען פלאַן. ער איז בא־פאלען יעדע ארמיי באזונדער און זי באזיגט. זיין בריה'שאפט איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האָט זיין ארמיי אזוי מא־נעוורירט, געפירט מיט אזא שנעלקייט, אז ער האָט צוטומעלט די ארמייען פון דער נאָרט. איידער איינע האָט צייט געהאט צו קומען דער צווייטער צו הילף האָט ער זי צושלאָגען און פאר־טריבען. און אזוי שלאָגענדיג און טרייבענדיג די ארמייען פון דער נאָרט איז דזשעקסאָן צוגעקומען נאָענט צו וואשינגטאָן. פונקט דעמאָלט ווען מעקדועל האָט געדארפט אָנהויבען מארשירען צו מעקלעלאנ'ען, האָט לינקאָלן באקומען דעם באריכט, אז דזשעק־סאָן האָט דורכגעבראכען איינע פון די וויכטיגסטע ליניעס אויפ'ן וועג צו וואשינגטאָן. לינקאָלן האָט גלייך באפוילען מעק־דועל'ען ער זאָל שיקען זיין ארמיי אין דעם שאנענדאָהא געגענד צו העלפען צוריקטרייבען דזשעקסאָנ'ען. אין וואשינגטאָן האָט איצט געהערשט גרויס שרעק. לינקאָלן האָט טעלעגראפירט צו די גאָווערנאָרס פון די ארומיגע שטאַטען זיי זאָלען גלייך שיקען זייער מיליץ און זייערע רעקרוטען צו באשיצען וואשינגטאָן. ער האָט אויך איבערגענומען די באַנען פון לאנד, אלס א מיליטערישע נויטווענדיגקייט, און זיי געשטעלט אונטער זיין קאָנטראָל.

דזשעקסאָן האָט פארשטאנען, אז געגען די פאראייניגטע אר־מייען פון דער נאָרט וועט ער זיך ניט קענען פארמעסטען. האָט ער זיך גענומען צוריקציען. די נאָרט־ארמייען האָבען געפרובט אים נאָכיאָגען. ער איז אָבער געווען צו קלוג און צו פלינק פאר זיי. ער האָט זיין ארבייט אין דעם שאנענדאָהא געגענד אפגע־טאָן. איצט איז ער אוועק מיט זיין ארמיי העלפען זיינע קאָלעגען באשיצען ריטשמאָנד.

דעם 31טען מאַי האָט דזשאנסטאָן אנגעפאנגען זיין אטאַ־קע אויף מעקלעלאנ'ס ארמיי, וועלכע איז איצט געשטאנען ניט מער ווי א צען מייל פון ריטשמאָנד אויףביידע זייטען פון דעם

טייך טשיקאהאמיני. די פריערדיגע נאַכט איז גראָד געווען א שרעקליכער שטורעם. די געגענד איז פארפלייצט געווארען פון אַן אמת'ן מבול. דער טייך איז אַרויס פון די ברעגען. די סאָל־דאַטען האָבען געמוזט בראַדזשען אין בלאָטע און וואסער, ערטער־ווייז צוויי פוס די טיף. די שלאַכט האָט זיך אנגעפאנגען ביים פונקט „פעער אוקס”. מעקלעלאַנ'ס לאַגע איז געווען א שווערע, ווייל זיין ארמיי איז געווען צוטיילט, איין טייל איז געשטאַנען אויף איין זייט פון טייך און די צווייטע אויף דער אַנדער זייט. די רעגימענטען האָבען איינע די אַנדערע ניט געקענט העלפען. דאָך האָט דזשאנסטאָן זיין צוטיילטע ארמיי ניט געקענט באַ־זיגען. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטען א גאַנצען טאָג. מעק־לעלאַן איז געבליבען ביי זיינע וויכטיגע פּאָזיציעס. די סאוט האָט געליטען א גרויסען פארלוסט — דער הויפּט גענעראל, דזשאנ־סטאָן, איז געפאַלען א שווער פאַרוואונדעטער.

אויף מאָרגען האָט גענעראל לי איבערגענומען די קאָמאנדע איבער דער אַרמיי אין דער סאוט.

און דאָ ווערט מעקלעלאַן ווידער קריטיקירט. זיינע קריטי־קער זאגען, אז ער האָט געדארפט גלייך דעמאָלט אטאַקירען ריטש־מאָנד, אָבער אנשטאָט דעם האָט ער זיך אפּגערוט. דערמיט האָט ער געגעבען גענעראל לי די געלעגענהייט בעסער צו אָר־גאַניזירען זיין אַרמיי. מעקלעלאַן האָט געטאָן דאָס זייניגע און געשיקט קיין וואשינגטאָן איין טעלעגראַמע נאָך דער צווייטער מיט דער פאָדערונג אַז ער מוז האָבען נאָך סאָלדאַטען. ענדליך איז זיין פאָדערונג דערפילט געווארען. לינקאָלן האָט אַרויסגעשיקט נאָך 21 טויזענד מאַן. אָבער אפילו איצט, ווען מעקלעלאַן האָט שוין געהאַט נאָך סאָלדאַטען און די וועגען זיינען געווען טרוקען און דאָס וועטער גוט, האָט ער זיין אטאַקע אויף ריטשמאָנד אפּ־געלייגט.

גענעראל לי האָט דערווייל אויסגעאַרבייט א פּלאַן אנצופאלען אויף מעקלעלאַנ'ען. דזשעקסאָנ'ס ארמיי איז אים געקומען צו הילף. דעם 27טען יוני איז פאָרגעקומען די שלאַכט ביי „געינס מיל”, אין וועלכערביידע צדדים האָבען געליטען שרעקליכע פאר־

לוסטען. מעקלעלאן האט זיך אבער געמוזט צוריקציען. יענע נאכט האט ער טעלעגראפירט צום קריגס־מיניסטער אין וואשינג־טאן: „איך האב פארלארען די שלאכט ווייל מיין ארמיי איז גע־וועזן צו קליין. . . איך פיל מיך איצט צו־שלעכט. איך האב געזען צופיל טויטע און פארוואונדעטע קאמעראדען, אז איך זאל קענען דענקען אנדערש, ווי אז די רעגירונג האט ניט געשטיצט די ארמיי. אויב מיר וועט איצט געלינגען די ארמיי צו ראַ־טעווען וועל איך ניט שולדיג זיין קיין דאנק ניט אייך און קיי־נעם ניט אין וואשינגטאן. איר האט געטאן אייער בעסטעס די ארמיי מקריב צו זיין“.

מעקלעלאן האט איצט גענומען צוריקציען זיין ארמיי צום טייך דזשיימז. עס זיינען פארגעקומען נאך אייניגע שלאכטען אויפ׳ן וועג, אבער מעקלעלאנ׳ען איז געלונגען צו דערפירען זיין ארמיי ביז׳ן טייך. אין דעם ריקצוג האט ער ארויסגעוויזען מיליטערישע פייאיגקייט. גענעראל לי איז אין דער סאוט קרי־טיקירט געווארען פארוואס ער האט ביי דער געלעגענהייט אינ־גאנצען ניט צוקלאפט מעקלעלאנ׳ס ארמיי.

די שלאכטען האבען אנגעהאלטען פון 25טען יוני ביז׳ן 1טען יולי און זיי ווערען דערפאר באצייכענט אלס די „שלאכטען פון די זיבען טעג“. מעקלעלאן האט פארלארען נאענט צו 16 טויזענד מאן און לי איבער 20 טויזענד.ביידע ארמייען זיי־נען געווען אויסגעמוטשעט, און ביידע גענעראלען האבען בא־שלאסען זיך אויסצורוען איידער זיי הויבען אן נייע אטאקעס.

די קאמפאניע אויף דער האלב־אינזעל (טהי פענינסיולע קאמפיין) וועלכע מעקלעלאן האט אנגעפאנגען אין אפריל, האט זיך געענדיגט מיט א דורכפאל. ריטשמאנד איז געבליבען פעסט אין די הענד פון דער קאנפעדערייסי. די ארמיי וועלכע מעק־לעלאן האט כמעט א יאר צייט געלערענט און צוגעגרייט, איז געווען א צושלאגענע, אן אויסגעמוטשעטע, אן ענטוישטע. פון זיין ארמיי פון 150 טויזענד מאן זיינען איצט פארבליבען ניט מער ווי 86 טויזענד.

גענעראל לי האט אין זיין באריכט זיך בארימט, אז מעק־

לעלאַן האָט געהאַט גרעסערע פארלוסטע ווי ער. ער האָט געפאַנ־גען 10 טויזענד פון מעקלעלאַנ׳ס סאָלדאַטען און פארנומען א מאַסע געווער און אַמוניציע.

אין וואשינגטאָן זיינען מעקלעלאַנ׳ס נעגענער איצט געוואָרען טעטיג. די צוויי מיניסטאָרען, טשעיס און סטענטאָן, האָבען גע־נומען באאיינפלוסען דעם פרעזידענט ער זאָל באשטימען אַן אַנ־דערען אויף מעקלעלאַנ׳ס פּלאַץ. און זיי האָבען אויסגעפירט. אין מיטען יולי האָט לינקאָלן איבערגעגעבען די קאָמאַנדע פון אַלע אַרמייען אין ווירדזשיניא צו גענעראַל העלעק, דערזעלבער העלעק, וועלכער האָט געהאַלטען די הויפּט קאָמאַנדע אין דער וועסט, אין קענטאָקי און טענעסי. די אַדמיניסטראַציע אין וואַ־שינגטאָן און דאָס פאָלק אין דער נאָרט האָט געהאַט צוטרויען צו העלעק׳ן, דערפאַר וואָס די אַרמיי אין דער וועסט האָט אָפּ־געהאַלטען א גאַנצע רייע וויכטיגע נצחונות.

מיט עטליכע וואָכען איידער העלעק איז באַשטימט געוואָרען הויפּט קאָמאַנדיר, האָט לינקאָלן באַשטימט גענעראַל פּאָופּ פאַר דעם הויפּט פון די אַרמייען אין דעם נאָרדליכען טייל פון וויר־דזשיניא, די אַרמיי וואָס איז געשטאַנען צווישען וואַשינגטאָן און ריטשמאָנד.

גענעראַל העלעק איז אַלזאָ איצט געוואָרען דער הויפּט גע־נעראַל. אונטער אים זיינען געשטאַנען גענעראַל פּאָופּ מיט זיין אַרמיי לעבען וואַשינגטאָן און גענעראַל מעקלעלאַן מיט זיין אַרמיי ביים טייך דזשיימז.

און ווידער האָט מען זיך אין וואַשינגטאָן גענומען אויס־אַרבייטען א פּלאַן ווי צו אַטאַקירען ריטשמאָנד. מעקלעלאַנ׳ס פּלאַן איז געווען דער אַלטער, דערזעלבער וואָס ער האָט שוין אויסגעפּרובירט און וואָס האָט זיך געענדיגט מיט א מפּלה. ער האָט געבעטען נאָך עטליכע צענדליג טויזענד פרישע׳ סאָלדאַטען. דאַן, האָט ער פאַרזיכערט, וועט ער מאַרשירען אויף ריטשמאָנד און זי איינעמען. דעם דאָזיגען פּלאַן האָט גענעראַל העלעק צוריקגעוויזען. ער האָט באַפוילען מעקלעלאַנ׳ען צוריקצוברענ־

גען זיין ארמיי צום טייך פּאָטאָמעק, און האָט געהייסען פּאופּ׳ן ער זאָל זיין ארמיי צוגרייטען צו גיין אויף ריטשמאָנד. העלעק האָט געהאָפט, אז מיט די פאראייניגטע ארמייען פון גענעראל פּאופּ און גענעראל מעקלעלאן וועט אים געלינגען איינצונעמען ריטשמאָנד דורך אן אטאקע פון צפון זייט.

אין מיטען אוגוסט האָט מעקלעלאן אָנגעפאנגען אפּצוריי־ניגען זיינע פּאָזיציעס אויף דעם טייך דזשיימס און אַריבערפירען זיין ארמיי אויף דעם פּאָטאָמעק. אין דערזעלבער צייט וואס די נאָרט־ארמייען האָבען געמאכט הכנות צו אטאַקירען ריטשמאָנד, האָט גענעראל לי פון דער סאוט געמאכט זיינע אייגענע פּלע־נער. ער האָט באַשלאָסען זיך צו באַנוצען מיט דער צייט איי־דער די צוויי ארמייען פון דער נאָרט וועלען זיך פאַראייניגען, צו אַטאַקירען און אויב מעגליך, פארניכטען איינע פון זיי. זיין גורל איז געפאלען אויף פּאופּ׳ס ארמיי.

לי׳ס ערשטע אַטאַקע האָט זיך ניט איינגעגעבען. דעם 25טען אוגוסט אָבער האָט ער אַוועקגעשיקט דעם גענעראל דזשעקסאָן מיט אן ארמיי פון 25 טויזענד מאַן, ער זאָל זיך אריבער׳גענב׳ענען הינטער פּאופּ׳ס ארמיי און אָפּשניידען איר פארבינדונג מיט וואשינגטאָן. דזשעקסאָן איז אויף אַזוינע שנעלע און געוואגטע צוגען געווען א בריה. דעם 26טען אוגוסט האָט ער אויפגע־ריסען די רעלסען און אָפּגעשניטען די טעלעגראף דראָטען צווי־שען פּאופּ׳ס ארמיי און וואַשינגטאָן. ער האָט זיך אויך אריינ־געכאפּט אין איינציגע פון די הינטערשטע לאַגערען פון פּאופּ׳ס ארמיי און דאָרט צוגענומען א מאַסע שפּייז. „די קאָנפעדערייסי סאָלדאַטען האָבען דאָרטען געקראגען די קליידער און די שיך אין וועלכע זיי האָבען זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט״, שרייבט ראודס, „זיי האָבען געגעסען דאָס ברויט און דאָס פלייש וואס איז געווען אָנגעגרייט פאר פּאופּ׳ס ארמיי, בשעת פּאופּ׳ס סאָלדאַ־טען האָבען געהונגערט״.

ווען פּאופּ האָט זיך דערוואוסט וואָס דזשעקסאָן האָט אָפּגע־טאָן האָט ער באַפוילען אלע זיינע דיוויזיעס זיי זאָלען ארומרינג־לען דזשעקסאָנ׳ס ארמיי און זי ענטוועדער פארניכטען אדער פאנ־

געז. ער האָט געוואוסט, אז לי מאַרשירט מיט זיין ארמיי דזשעקסאָנ'ען צו הילף. ער האָט אָבער געהאָפט, אז אים וועט געלינגען דזשעקסאָנ'ען צו צוקלאַפּען איידער לי וועט אָנקומען.

די ארמייען האָבען זיך באגעגענט אין דערזועלבער געגענד וואו עס איז פאָרגעקומען די ערשטע שלאַכט פון דעם קריג, ביי בול־ראָן. די שלאַכט האָט אָנגעהאלטען צוויי טעג. גענעראל לי איז געקומען אין צייט. דער ערשטער טאָג פון דער שלאַכט, דעם 29טען אוגוסט, האָט זיך געענדיגט אומבאַשטימט. אי פּאוּפּ אי לי האָבען געמאָלדען צו זייערע רעגירונגען אז זיי האָבען געוואונען א זיג. וועגען דעם צווייטען טאָג איז שוין מער קיין ספק ניט געווען. פּאופּ'ס ארמיי איז צוריקגעטריבען געווארען מיט גרויסע פארלוסטען.

און ווידער אמאָל האָט וואשינגטאָן איבערגעלעבט טעג פון שרעק. גענעראל העלעק אליין, וואס האָט מיט א פּאָר טעג פריער צוגענומען פון מעקלעלאנ'ען זיין גאנצע ארמיי און אים איבערגעלאָזען בלויז מיט זיין טיטעל, האָט זיך איצט צו אים געווענדט מיט דער בקשה ער זאָל אים העלפען באשיצען וואשינגטאָן. דעם צווייטען סעפּטעמבער איז אין וואשינגטאָן אנגעקומען א טעלעגראמע פון גענעראל פּאופּ מיט די פאָלגענדע ווערטער: „אויב עפּעס וועט ניט געטאָן ווערען עס צו פארהיטען וועט די ארמיי אינגאנצען צורונען ווערען”. די סאָלדאטען זיינען געווען שרעקליך דעמאָראליזירט. זיי האָבען ניט געהאַט ניט קיין ליבע און ניט קיין אכטונג, ניט צו גענעראל העלעק און ניט צו גענעראל פּאופּ. פּרעזידענט לינקאָלן האָט געוואוסט, אז עס איז דאָ בלויז איין מענש וואס קען האָבען דעם נויטיגען איינפלוס אויף די סאָלדאטען, איין מענש צו וועמען די סאָלדאטען וועלען זיך צוהערען, און דער מענש איז גענעראל מעקלעלאן. לינקאָלן האָט ווידער אנגעבאָטען מעקלעאנ'ען די קאָמאנדע איבער דער ארמיי.

ראודס שרייבט: „אזוי שנעל ווי די סאָלדאטען האָבען זיך דערוואוסט, אז מעקלעלאן איז צוריק אין אמט זיינען זיי געווארען ווילד פאר פרייד. מעקלעלאן האָט זיך ווידער גענומען

צו דער ארבייט, צו וועלכער ער האָט זיך אמבעסטען געטויגט, די ארבייט צו ברענגען אָרדנונג און דיסציפּלין אין די רייען. אלס מיליטערישער אָרגאניזאטאָר האָט מעקלעלאן צו זיך קיין גלייכען ניט געהאט".

ביים קאבינעט מיטינג זיינען פאָרגעקומען שטורמישע דע־באטען. די מיניסטאָרען טשעיס און סטענטאָן האָבען שטארק פּראָטעסטירט געגען לינקאָלנ'ס האנדלונג. טשעיס האָט אויסגע־שריען: „דערמיט וואס איר האָט איבערגעגעבען די ארמיי צו מעקלעלאנ'ען האָט איר אפּגעגעבען וואשינגטאָן צו די רעבעלען!" לינקאָלן האָט געענטפערט: „אונטער די אומשטענדען איז מעק־לעלאן דער בעסטער מענש".

גענעראל פּאופּ האָט רעזיגנירט פון זיין אמט. אין דער שלאכט האָט ער פארלאָרען ארום 30 טויזענד מאן. לי האָט פארלאָרען אן ערך פון 15 טויזענד מאן.

קאַפּיטעל 9.

די נאָרט נעמט איין וויכטיגע שטעט.

אין דער צייט וואס די צוויי ארמייען האָבען געטריבען איינע די אַנדערע הין און צוריק צווישען די הויפּטשטעט וואשינגטאָן און ריטשמאָנד, זיינען אין אַנדערע טיילען פון לאַנד פאָרגעקומען אַ ריי שלאַכטען וואס זיינען געוועזען פון גרויס וויכטיגקייט פאר דעם גאַנצען גאַנג פון קריג. יענע פּאַסירונגען האָבען געצויגען ווייניג אויפמערקזאַמקייט ביי די מאַסען. דער עולם האָט געטראַכט בלויז וועגען איינעמען די הויפּטשטאָט וואשינגטאָן אָדער איינעמען די הויפּטשטאָט ריטשמאָנד. ערשט שפּעטער איז קלאָר געווארען, אַז די מיליטערישע צוגען אין די ווייטע געגענדען אין וועלכע עס האָבען זיך באַטייליגט קלענערע ארמייען אונטער דער פירערשאַפט פון קלענערע קאָמאַנדירען, האָבען פארזיגעלט דעם שיקזאל פון דער סאוט.

עטליכע פון די דאָזיגע שלאַכטען זיינען געווען ים־שלאַכטען און זיינען פאָרגעקומען ביים ברעג ים. אויף דעם אויסגאַנג פון די דאָזיגע שלאַכטען איז אפּגעהאַנגען די בלאָקאַדע וואס די נאָרט האָט איינגעשטעלט ארום דעם ברעג פון דער סאוט. די בלאָקאַדע איז געווען פון העכסטער וויכטיגקייט. די סאוט האָט דאָך געמוזט אימפּאָרטירען פון אויסלאַנד איר אַמוניציע און אַלע אַנדערע מיליטערישע נויטווענדיגקייטען. אויב עס וועט אַלזאָ געלינגען דער נאָרט צו פארצאַמען דעם ברעג און ניט אַריינלאָזען קיין שיפען אין די האַפענס פון דער סאוט, וועט די סאוט מיט דער צייט ניט האָבען קיין מיטלען אָנצופירען דעם קריג. לינקאָלן האָט פּראָקלאַמירט אַזאַ בלאָקאַדע גלייך ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכען. אָבער צווישען דער ערקלערונג פון אַ בלאָקאַדע

און איר דורכפירונג איז אַ גרויסער מהלך. בשעת די מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען איז די גאנצע נאָרט־פלאָטע באשטאנען פון 42 שיפען. דער גאנצער ברעג פון דער סאוט, די פעסטונגען, די אַרסענאַלען זיינען געווען אין די הענד פון דער קאָנפעדערייסי. עס איז געווען לעכערליך זיך פאָרצושטעלען אז אַ פּאָר צענדליג שיפען וועלען קענען פארצאמען א ברעג פון דריי טויזענד מייל מיט א סך באפעסטיגטע פונקטען.

די נאָרט האָט באלד גענומען פארגרעסערען איר פלאָטע. זי האָט געקויפט האנדעלס־שיפען און זיי פארוואנדעלט אין קריגס־שיפען. זי האָט אויך געבויט נייע שיפען. ענדע יאָר 1861 האָט שוין די פלאָטע געציילט 264 שיפען. מיט אַ יאָר שפּעטער, דעצעמבער 1862, האָט שוין די צאָל שיפען דערגרייכט 427. יעדען יאָר זיינען צוגעקומען ארום הונדערט שיפען. ביים סוף פון קריג האָט די פלאָטע געהאט 671 שיפען.

מיט דער פארשטארקטער פלאָטע איז געלונגען דער נאָרט ניט בלויז צו מאכען די בלאָקאדע ווירקזאמער, נאָר אויך איינ־צונעמען וויכטיגע פעסטונגען און פונקטען אויפ'ן ברעג פון דער סאוט. אין אויגוסט, 1861, האָבען די שיפען פון דער נאָרט איינ־גענומען די האטערעס פעסטונג ביים ברעג פון נאָרט־קאראָליינא. די פעסטונג האָט קאָנטראָלירט דעם בעסטען אריינגאנג צום ברעג פון דעם שטאַט. אין נאָוועמבער פון זעלבען יאָר האָבען די שי־פען איינגענומען דעם באפעסטיגטען פונקט פּאָרט ראָיאל אין סאוט קאראָליינא. אין פעברואר, 1862, האָט זי איינגענומען דעם ראענאָק אינזעל, א צווייטער העכסט וויכטיגער פונקט ביים ברעג פון נאָרט־קאראָליינא. אין אפּריל איז געפאלען די פעס־טונג פולאסקי, נעבען סאוואנאַ, דער וויכטיגסטער האפען פון דזשאָרדזשיא. א מאָנאַט שפּעטער איז די סאוט געצוואונגען געווען אפצורייניגען דעם האפען פענסאקאלא אין פלאָרידא.

דאָס זיינען געווען זייער ערנסטע פארלוסטען פאר דער סאוט. יעדער פון די פונקטען איז געווען אַן אָדער וואָס האָט פאר־בונדען די סאוט מיט דער אויסערליכער וועלט פון וואנען זי האָט איר חיונה געצויגען. יעדעס מאָל וואס אזא אָדער איז

איבערגעהאַקט געוואָרען איז די געפאַר פאַר דער סאוט געוואָרען גרעסער.

אָנפאַנג מערץ, 1862, איז ביים ברעג פון ווירדזשיניא פאַר־געקומען א שלאַכט צווישען צוויי שיפען, וועלכע האָט אויפ־גערודערט ניט בלויז אמעריקא נאָר די גאַנצע וועלט. די שלאַכט גופא איז ניט געוועזן וויכטיג. וויכטיג איז געווען וואס אין איר האָבען זיך באַטייליגט א נייער מין קריגסשיף. מיט דער שלאַכט הויבט זיך אָן א נייער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער פלאָטע אין אלגעמיין.

די סאוט האָט גענומען אן אלטע הילצערנע שיף מיט'ן נאָמען „מערימעק” און איר ארומגעקלאַפּט מיט אן אייזערנעם פּאַנצער. דעם ערשטען מערץ איז זי ארויסגעפאָרען פון איר האַפען און אטאַקירט צוויי שיפען פון דער נאָרט ביים ווירדזשיניער ברעג. די שיפען האָבען אויף איר געשאָסען אָבער זיי האָבען ניט גע־קענט דורכלעכערען איר פּאַנצער. אָבער די מערימעק מיט אירע קוילען האָט יע דורכגעלעכערט די הילצערנע זייטען פון דעם שונא'ס שיפען און זי האָט זיי ביידע געזונקען.

די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטען ביז פאַרנאַכט. דערווייל זיינען אָנגעקומען נאָך שיפען פון דער נאָרט. די „מערימעק” האָט זיך צוריקגעצויגען זיך אָפּצורוען. אויף מאָרגען אין דערפרי איז זי ווידער ארויסגעשוואומען, גרייט צו אטאַקירען די אַנדערע שי־פען. ווען זי איז ארוים האָט זי דאָרט געטראָפען אן אומגעריכ־טען גאַסט — א קליין שיפעל וואס האָט אויסגעוויזען ווי „א קליין קעזעל אויף א לאַנגער ברעט”. דאָס שיפעל איז די פאָ־ריגע נאַכט אָנגעקומען פון ניו יאָרק. זי איז אויך געווען א נייעס — א שיף געפּאַנצערט מיט אייזען. די צוויי שיפען האָ־בען גענומען שיסען איינע אויף די אַנדערע. אָבער זיי האָבען איינע די אַנדערע ניט געקענט באַזיגען. די נייע שיף פון דער נאָרט האָט געהייסען „מאָניטער”. עס האָט זי געבויט א שוועי־דישער ערפינדער, דזשאָן עריקסאָן.

די נאַכט פון נײַנטען מערץ, ווען אין וואַשינגטאָן איז אָנ־געקומען די נייעס אז די „מערימעק” האָט געזונקען צוויי שיפען

איז דארט געפאלען אויף אלעמען א שרעק. די מיניסטארען זיינען געלאפען צו לינקאלן זיך מישב זיין וואס צו טאן. קריגס־מיניס־טער סטענטאן האט געזאגט: „די מערימעק וועט ענדערען דעם גאנצען כאראקטער פון דער מלחמה. זי וועט פארניכטען איינע נאך די אנדערע יעדע שיף אונזערע. זי וועט אטאקירען אלע אונ־זערע האפען־שטעט. איך וועל גלייך לאזען וויסען די גאווערנארס אין דער נארט זיי זאלען נעמען שריט צו באשיצען זייערע ברעגען."

אביסעל שפעטער, ווען עס איז אנגעקומען די נייעס אז די „מאניטער" האט זיך ארויסגעוויזען פונקט אזוי שטארק ווי די „מערימעק", האט זיך די נארט בארואיגט. איצט איז געווען בלויז א פראגע, וועלכער פון די צוויי צדדים וועט קענען בויען מער אייזען־געפאנצערטע שיפען און וועלכער צד עס וועט זיי קענען בויען שנעלער. די נארט איז געווען זיכער, אז אויב עס האנדעלט זיך וועגען מיטלען און מעגליכקייטען צו בויען, וועט זי זיכער ניט בלייבען הינטערשטעליג. און אזוי איז עס טאקע געווען.

די נייעס וועגען דער שלאכט צווישען דער „מערימעק" און דעם „מאניטער" האט אויפגערודערט ענגלאנד ניט ווייניגער ווי אמעריקע. די דארטיגע צייטונגען זיינען ארוים מיט א געשריי, אז ענגלאנד איז איצט אין געפאר, אז אירע הילצערנע שיפען וועלען זי מער ניט קענען באשיצען. מיר מוזען גלייך אויפגעבען אונזערע הילצערנע שיפען און נעמען בויען אייזערנע, האבען זיי געשריבען. די פראגע איז אויפגעהויבען געווארען אין פארלא־מענט.

אין אפריל, 1862, איז א קריגס־פלאטע פון דער נארט, אונ־טער דער קאמאנדע פון אדמיראל דייוויד גלאסקא פאראגאט, אריינגעפארען אין דעם מיסיסיפי און גענומען שווימען ארויף, צו דער וויכטיגסטער האפען־שטאט פון דער סאוט, ניו ארליענס. די שטאט איז געווען באוואכט פון צוויי שטארקע פעסטונגען אויף די ברעגען פון דעם טייך. איבער דער ברייט פון דעם טייך איז געווען פארשפרייט א שווערע קייט. אויסער דעם זיינען ביי די ברעגען געשטאנען א צאל באוואפענטע שיפען.

פאראגאט האָט געוואוסט אז באזיגען די פעסטונגען וועט ער ניט קענען. האָט ער באשלאָסען צו מאכען א געוואגטען שריט — פארביילויפען די פעסטונגען און דאן ארויפשווימען ארויף טייך און איינגעמען די שטאָט (ניו אָרליענס איז געלעגען ארום נײנציג מייל העכער ווי די פעסטונגען). ווען די שטאָט וועט זיין אין זיינע הענד וועלען זיך די פעסטונגען אליין מוזען אונטערגעבען, ווייל די פעסטונגען האָבען דאָך זייער אמוניציע און פראָוויאנט באקומען פון דער שטאָט, און ווען זיי וועלען זיין אָפגעשניטען פון דער שטאָט וועלען זיי קיין אנדער ברירה ניט האָבען ווי נאָר זיך אונטערצוגעבען.

דער געוואגטער שריט האָט זיך איינגעגעבען. פאראַגאט האָט דורכגעבראכען א וועג דורך דער קייט. דאן האָט ער גענומען פירען זיינע שיפען ארויף טייך. די פעסטונגען האָבען אויף אים געשאָסען. איינע פון זיינע שיפען איז געזונקען. די פלאג-שיף אויף וועלכער פאראגאט אליין איז געפארען איז שיר ניט פארברענט געווארען. ער האָט אָבער זיין פלאָטע דערפירט ביז ניו אָרליענס. די שטאָט איז געווען אומבאשיצט און פאראַגאט איז אריין אין ניו ארליענס.

אָט וואָס פּראָפעסאר מעקמעסטער דערציילט וועגען דעם: „א המון האָט אונטערגעצונדען די פעק קאטאן וואס זיינען געלעגען ביים ברעג. זיי האָבען אויך אויפגעריסען די פעסער צוקער און סיראפּ און זיי אויסגעליידיגט. זיי האָבען אונטערגעצונדען די האנדעלס-שיפען וואס זיינען געשטאנען ביים ברעג. פאראגאט האָט געשיקט צוויי פון זיינע אָפיצירען אין סיטי האָל און גע-פאָדערט די שטאָט זאָל זיך אונטערגעבען. דער מעיאר האָט זיך אנטזאגט דאס צו טאָן. . . דריי טעג האָט פאראגאט געפירט פארהאנדלונגען מיט די שטאָט-בעאמטע. ענדליך האָט ער פאר-לאָרען די גערולד. ער האָט אריינגעשיקט אין שטאָט א צאָל סאל-דאטען מיט הארמאטען און זיי האָבען איבערגענומען די שטאָט. קורץ נאָכדעם האָבען זיך די פעסטונגען אונטערגעגעבען. דעם ערשטען מאַי איז אין ניו ארליענס אָנגעקומען גענעראל באטלער

מיט אן ארמיי פון 25 הונדערט מאן און ער האָט איבערגענומען די פארוואלטונג פון דער שטאָט און זי געשטעלט אונטער מיליטערישען אויפזיכט און מיליטערישען געזעץ".

גענעראל באָטלער האָט ארויסגעגעבען א פראָקלאמאציע אין וועלכער ער האָט געווארענט די באפעלקערונג זי זאָל ניט ארויסווייזען קיין פריינדשאפט צו דער קאָנפעדערייסי און קיין פיינדשאפט צו די פאראייניגטע שטאטען. ער האָט פארבאָטען די צייטונגען צו דרוקען נייעס אדער ארטיקלען וואס קענען באאיינפלוסען דעם עולם גענען די פאראייניגטע שטאטען. ער האָט איינגעפירט א צענזור איבער אינפאָרמאציע וואס האָט צו טאָן מיט מיליטערישע אנגעלעגענהייטען. ער האָט אויך רעגולירט די שפייז־פארטיילונג אין שטאָט און די צירקולאציע פון געלד.

באלד אָבער האָט זיך גענעראל באָטלער ארייננעפלאָנטערט אין א סכסוך איבער די ווייבער פון שטאָט, א סכסוך וואס האָט געפירט צו א ויכוח מיט ענגלאנד. א טייל פון די פרויען אין ניו ארליענס האָבען זיך באנומען זייער ניט העפליך צו די סאָלדאטען. ווען א סאָלדאט פלעגט פארבייגיין נעבען זיי אין גאס פלעגען זיי זיך אָפקערען פון אים, אדער איננאנצען א־אָפגיין פון טראטואר, אדער מאכען אויף אים מיאוס'ע העוויות. גענעראל באָטלער האָט ארויסגעגעבען א באפעל, אז יעדע פרוי וואס וועט מיט א וואָרט ארער מינע אדער באוועגונג באליידיגען אדער ארויסווייזען פאראכטונג צו אן אָפיציר אדער סאָלדאט פון די פאראייניגטע שטאטען וועט באטראכט ווערען און באהאנדעלט ווערען ווי א גאסען פרוי.

דער מעיאר פון שטאט (אן אָנהענגער פון דער קאָנפעדערייסי) האָט גלייך פראָטעסטירט גענען דעם באפעל און האָט געווארענט, אז ער וועט מער ניט זיין פאראנטוואָרטליך פאר דעם פרידען פון דער שטאָט. באָטלער האָט דאן געלאָזט ארעסטירען דעם מעיאר, זיין סעקרעטאר, דעם פאָליציי־שעף, און נאָך איינינע פאראנטוואָרטליכע פערזענליכקייטען. ער האָט זיי געלאָזט פארשפארען אין דער פעסטונג.

דאָס האָט פאסירט אין מאָנאט מאי. אין יוני איז די נייעס

ווענען דעם אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. גענעראל באָטלער׳ס האנד־לונג איז פארדאַמט געוואָרען אין פּאַרלאַמענט. דעם עלפטען יוני האָט דער אמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאנד באַקומען פון דעם ענגלישען פּרעמיער, לאָרד פּאַלמערסטאָן, א בריף וועלכען דער היסטאָריקער מעקמעסטער באַצייכענט אלס „דער מערק־ווירדיגסטער בריף וואס אן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר האָט ווען עס איז באַקומען". אין דעם בריף איז געשטאַנען אָט וואס: „איך קען זיך ניט צוריקהאַלטען פון נעמען זיך די פרייהייט און אייך זאָגען, אז עס איז שווער, אויב ניט אינגאַנצען אונמעג־ליך אויסצודריקען דעם פולען עקעל וואס מוז זיך דערוועקען אין געדאַנק פון יעדען אנשטענדיגען מענשען דורך דעם באַפעל פון גענעראל באָטלער. . . אפילו ווען א שטאָט ווערט איינגענומען נאָך א קאַמף, פּירט זיך, אז דער קאָמאַנידר פון דער זיגרייכער ארמיי באַשיצט מיט אלע כוחות די איינוואוינער און ספּעציעל די פרויען. איך וועל וואגען צו באַהויפּטען, אז אין דער געשיכטע פון ציוויליזירטע לענדער קען מען ניט געפינען נאָך א ביישפּיל פון א גענעראל, וואס איז געווען שולדיג אין אזא שאַנדטאַט ווי איבערצוגעבען קאַלטבלוטיג די פרויען פון אן איינגענומענער שטאָט צו דער ניט־איינגעצאַמטער תאווה פון די סאָלדאַטען".

אויף דעם בריף האָט דער אמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, מר. עדעמס, געענטפערט מיט א בריף אין וועלכען ער האָט פּאַלמער־סטאָנ׳ען געשטעלט די פראגע: „האָט איר מיר אייער בריף גע־שיקט אַלס אן אָפיציעלען דאָקומענט אדער אלס א פּריוואטע מיינונג?" איידער פּאַלמערסטאָן האָט דערויף געענטפערט איז די גאַנצע אנגעלעגענהייט פאַרהאַנדעלט געוואָרען אין פּאַרלאַ־מענט. עס האָבען גערעדט דעפּוטאַטען און עס האָבען אויך גע־רעדט מיניסטאָרען. פּאַלמערסטאָן האָט געהאַלטען די שלוס־רעדע. דאָס מאָל איז זיין אַטאַקע געווען נאָך שאַרפער ווי אין דעם בריף. ער האָט אָבער געענדיגט מיט דער דערקלערונג, אז ווענען דעם וואס די ענגלישע רעגירונג רעכענט צו טאָן אין דער אנגעלעגענהייט קען ער פּאָרלויפיג גאָרניט זאגען — מען דאַרף זיך נאָך מישב זיין.

זיין צווייטער בריף צו עדעמס'ן איז געווען א דיפּלאָמאַטי־שער. ער האָט ניט געזאָגט אפען אז זיין פּראָטעסט איז אן אָפיציעלער. ער האָט אָבער באַטאָנט, אז ווען ער וואָלט ניט גע־ווען פּרעמיער פון ענגלאנד, און ווען עדעמס וואָלט ניט געווען דער אַמבאַסאַדאָר פון די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָלט ער דעם ערשטען בריף צו אים ניט געשריבען.

דער אינצידענט האָט זיך געענדיגט דערמיט וואס גענעראל באָטלער איז אראָפּגעזעצט געווארען פון זיין אמט אלס מיליטע־רישער קאָמאַנדיר פון ניו אָרליענס.*)

*) אָט וואָס ראודס שרייבט וועגען דער פּאסירונג: „די פרויען פון דער שטאָט האָבען כסדר באַליידיגט די אָפיצירען און סאָלדאַטען. צום ביישפיל: איין פרוי האָט אַריינגעשפּיגען א סאָלדאַט אין פּנים אריין. ער איז דאַן געווען אויפ'ן וועג אין קירכע. א צווייטע פרוי האָט פון אַ פענסטער אראָפּגעגאסען א כלי מיט שמוציגע וואסער אויף אדמיראל פאַראַגאט און אַן אָפיציר, ווען זיי זיינען געגאנגען אויף איינער פון די הויפּט גאַסען פון שטאָט. . . לויט דעם באַפעל וואָס גענעראל באָטלער האָט ארויסגעגעבען האָט מען פאר אזוינע מעשים געקענט אַרעסטירען די פרוי און זי איינשפּאַרען אין דערזעלבער טורמע וואו מען האָט איינגעשפּארט פּראָסטיטוטקעס. ווי באָטלער האָט ערקלערט האָט קיין פרוי ניט געליטען פון זיין באַפעל. די סאָלדאַטען האָבען דעם באפעל ניט אויסגענוצט. נאָכדעם ווי דער באפעל איז ארויסגעגעבען געווארען האָבען די פרויען אויפגעהערט צו באַליידיגען די סאָלדאַטען. וואר־שיינליך איז דער באַפעל געווען די הויפּט־אורזאך פאר וואס באָטלער איז אראָפּגעזעצט געווארען. די פרויען פון שטאָט זיינען אויפגעבראכט געווארען, פילע פון זיי זיינען געווען פון פראנצויזישער אפּשטאַמונג. דער פראנצויזישער אמבאַסאַדאָר אין וואשינגטאָן האָט פּראָטעסטירט".

קאפיטעל 10.

די נאָרט זיגט אין דער וועסט, אויף דעם טייך מיסיסיפּי.

אין פעברואר, 1862, האָט זיך אָנגעפאנגען דער קאמף אין דער וועסט, דער פארזוך פון דער נאָרט ארויסצושטויסען די קאָנפעדערייסי פון די וועסטליכע גרענעץ־שטאַטען, קענטאָקי און טענעסי, און אָפּצוריייניגען דעם טייך מיסיסיפּי פון דעם שונא. די ארמיי וואס די קאָנפעדערייסי האָט געהאט אין יענער גע־גענד איז געשטאנען אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל אל־בערט סידני דזשאָנסטאָן. זיין ליניע האָט זיך געצויגען פון קאָ־לאָמבוס, א שטארקע, באַפעסטיגטע פּאָזיציע אויף דעם טייך מי־סיסיפּי (די סאוט האָט די פּאָזיציע גערופען „גיבראלטאר") ביז באולינג גרין, א פּונקט וואו די צוויי וויכטיגסטע באַן־ליניעס פון יענער געגענד פארבינדען זיך, אין דעם מיטעל־זידליכען טייל פון קענטאָקי. צווישען די דאָזיגע צוויי פּונקטען האָט די סאוט געהאט צוויי שטארקע פעסטונגען: פאָרט הענרי, אויפ'ן טייך טענעסי, און פאָרט דאָנעלסאָן, אויפ'ן טייך קאָמבערלענד. די אַלע באַפעסטיגטע פּאָזיציעס זיינען באוואכט געווארען פוי אן ארמיי פון 60 טויזענד מאן.

די נאָרט האָט געהאט צוויי ארמייען: איינע איז געשטאנען אין קאירא, אילינאָי, א פּונקט ביי דער גרענעץ פון קענטאָקי, דאָרטען וואו דער טייך אָהייאָ פאלט אריין אין דעם מיסיסיפּי. די דאָזיגע פּאָזיציע איז געשטאנען אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל יוליסיס סעמיועל גרענט. די צווייטע ארמיי איז גע־שטאנען אין לואיוויל, קענטאָקי, אנטקעגען באולינג גרין. איר קאָמאנדיר איז געווען גענעראל ביועל. דער הויפּט גענעראל פון דעם גאנצען ראַיאָן איז געווען גענעראל האלעק.

די גענעראלען פון דער נארט האבען אויסגעארבייט אזא פלאן: זיי וועלען אטאקירען די צוויי מיטעלסטע פאזיציעס, די פעסטונגען הענרי און דאנעלסאן. אויב עס וועט געלינגען איינ־צונעמען די מיטעלסטע פאזיציעס, וועלען די ארמייען אין די צוויי אנדערע פאזיציעס, אויף דער רעכטער און דער לינקער זייט, אליין געצוואונגען זיין זיך צוריקצוציען. גענעראל גרענט איז אנפארטרויט געווארען מיט דער אויפגאבע צו אטאקירען די צוויי פעסטונגען.

גרענט האט די אטאקע געמאכט מיט דער הילף פון קריגס־שיפען. צוערשט האט ער אטאקירט פארט הענרי. ער אליין האט מיט אן ארמיי פון 17 טויזענד מאן אנגעגריפען די פעסטונג פון דער יבשה, און אדמיראל פוט האט מיט א פלאטע פון זעקס שיפען זי אנגעגריפען פון דעם טייך טענעסי, אויף וועלכען די פעסטונג איז געשטאנען. דער קאמף האט אנגעהאלטען ניט מער ווי א שטונדע. די פעסטונג האט זיך אונטערגעגעבען. עס איז אבער געלונגען דעם קאמאנדיר פון דער פעסטונג ארויסצושמוגלען זיין ארמיי און זי אריבערשיקען אין דער צווייטער פעסטונג, פארט דאנעלסאן (די צוויי פעסטונגען זיינען געווען בלויז 12 מייל ווייט איינע פון דער אנדערער). ווען פארט הענרי האט זיך אונטערגעגעבען זיינען אין איר געווען ניט מער ווי 60 סאלדא־טען. דאס איז געשען דעם 6טען פעברואר.

גלייך נאכדעם האט זיך גענעראל גרענט גענומען צו דער צווייטער פעסטונג. זיין פלאן איז געווען דערזעלבער, צו אטא־קירען פון ביידע זייטען, אי פון דער יבשה אי פון טייך.

די שלאכט ארום פארט דאנעלסאן האט אנגעהאלטען צוויי טעג. פון אנפאנג האט עס אויסגעזען אז די קאנפעדערייסי וועט געווינען. די אטאקע פון די שיפען איז צוריקגעשטויסען גע־ווארען. דריי שיפען זיינען פארקריפעלט געווארען און די איבע־ריגע האבען זיך צוריקגעצויגען. אדמיראל פוט, דער קאמאנדיר פון דער פלאטע, איז פארוואונדעט געווארען. די אטאקע אויף דער יבשה האט זיך אויך ניט איינגעגעבען. די ערשטע רעגי־מענטען זיינען צוריקגעשלאגען געווארען פון שונא.

אָבער גרענט האָט די אַטאַקע געפירט ווייטער. ער האָט אויך באַקומען פאַרשטאַרקונג פון גענעראַל ביועל. ווען ער האָט די אַטאַקע אָנגעפאַנגען האָט ער געהאַט 15 טויזענד סאָלדאַטען. דעם צווייטען טאָג האָט ער שוין געהאַט 27 טויזענד. דער הויפּט קאָמאַנדיר פון דער סאַוט אין יענער פעסטונג איז געווען גענעראַל פלאָיד (דערזעלבער פלאָיד וואָס איז געזעסען אין ביוקענען׳ס קאַבינעט און האָט דאָרטען שטילערהייט געאַרבייט אין די אינטערעסען פון די רעבעלירענדיגע שטאַטען). פלאָיד האָט פאַרלאָרען זיין מוט. ער האָט מורא געהאַט אליין צו בלייבען אין דער פעסטונג, טאָמער וועט ער אַריינפאַלען אַלס געפאַנגענער און דאַן וואָלט מען אים אין דער נאָרט געמשפּט פאַר זיין פאַרראַט אין קאַבינעט. ער האָט דעריבער באַשלאָסען איבערצוגעבען די קאָמאַנדע צו אַ נידעריגערען קאָמאַנדיר און אליין זיך אַרויסצוגנב׳ענען פון פעסטונג און אַנטלויפען קיין נעשוויל. נאָכדעם ווי ער וועט אַנטלויפען וועלען די איבעריגע זיך אַליין קענען אונטערגעבען.

אָט וואָס פּראָפעסאָר דרעיפּער דערציילט וועגען דעם: „פלאָיד האָט ביי אַ באַראַטונג מיט זיינע גענעראַלען געזאָגט: מיר מוזען זיך אונטערגעבען. אָבער איך קען זיך ניט אונטערגעבען. איר ווייסט דאָך אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך בין. ער האָט ביי זיי געפרעגט אַן עצה וואָס צו טאָן. טייל אָפיצירען האָבען ערקלערט, אַז ער טאָר ניט אַנטלויפען... ער האָט איבערגעגעבען די קאָמאַנדע צו גענעראַל פּילאָו. גענעראַל פּילאָו האָט די קאָמאַנדע איבערגעגעבען צו גענעראַל באָקנער. פלאָיד האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט אויף אַ קליין שיפעל, מיטנעמענדיג עטליכע סאָלדאַטען. ביים ברעג זיינען געשטאַנען סאָלדאַטען פון פעסטונג און אים געשאָלטען און אויסגעפייפט.״

אין דערפרי האָט באָקנער אַרויפגעצויגען אַ ווייסען פלאַג און געשיקט אַ בריוועל צו גרענט׳ן, אַז ער וויל פאַרהאַנדלען מיט אים וועגען אונטערגעבען זיך. אויף דעם בריוועל האָט גרענט געענטפערט, אַז עס איז ניטאָ וועגען וואָס צו פאַרהאַנדלען. „עס זיינען ניטאָ קיין אַנדערע באַדינגונגען ווי נאָר אַז איר זאָלט זיך

אונטערגעבען אָן שום באַדינגונגען", האָט גרענט געשריבען. באַק־נער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אָנצונעמען גרענט'ס פאָרשלאַג.

גרענט האָט איבערגענומען פאָרט דאָנעלסאָן מיט 15 טוי־זענד געפאנגענע. אין דער שלאַכט פאר דער פעסטונג האָט גרענט פארלאָרען איבער צוויי טויזענד מאן: 425 טויטע און די איבערי־גע פארוואונדעטע.

די סאוט האָט איצט אָפּגערייניגט באולינג גרין און אויך נעשוויל. אביסעל שפּעטער האָט זי אויך פארלאָרען קאָלאָמ־בוס — דעם „גיבראַלטאַר פון דער וועסט". וועגען נעשוויל שרייבט פּראָפעסאָר דרעיפּער: „נעשוויל איז געווען אזוי וויכ־טיג פאר דער סאוט אז מען האָט געטראַכט זי צו מאכען פאר דער הויפּט־שטאָט פון דער קאָנפעדעריישי. שבת איז אנגעקומען די נייעס אז די קאָנפעדערייסי האָט געוואונען א זיג ביי פאָרט דאָנעלסאָן. די שטאָט איז געווען ווילד פון פרייד. אָבער זונ־טאָג אין דערפריה, ווען די מאַסען האָבען אין די קירכעס געדאַנקט גאָט פאר דעם זיג, איז אָנגעקומען די ידיעה אז די פעסטונג איז געפאלען. די שטאָט האָט געוואוסט, אז איצט וועט זי זיך מוזען אונטערגעבען. א העסליכע מהומה האָט אויסגעבראכען. מענ־שען זיינען ארויסגעלאָפען אין די גאַסען און געכאַפּט וואָס פאר א וואָגען זיי האָבען נאָר געקענט קריגען כדי וואס שנעלער צו אנטלויפען. מען האָט געווארפען ווערטפולע זאכען פון די פענס־טער. די וואָס זיינען געבליבען אין שטאָט האָבען אלץ צוראַ־בירט."

נאָכדעם ווי די קאָנפעדערייסי־ארמיי האָט אָפּגעליידיגט קאָ־לאָמבוס האָט זי באַפעסטיגט צוויי פונקטען אויף דעם טייך מי־סיסיפּי: ניו מאַדריד אין מיזורי, און דעם „אינזעל נומער צען", וועלכער ליגט אין מיטען טייך ביים פונקט וואו ער בויגט זיך אראָפּ נעבען גרענעץ פון טענעסי. גענעראל האלעק האָט געשיקט גענעראל פּאופּ ער זאָל אַטאַקירען ניו מאַדריד. די ארמיי איז אהין אנגעקומען פעברואר 24, 1862. די גאַנצע געגענד איז דע־מאָלט געווען טיף פארזונקען אין בלאָטעס. עס האָט די סאל־

דאטען געגומען ביז'ן 7טען מערץ איידער זיי האָבען זיך גע־קענט צורוקען נאָענט מיט זייערע הארמאַטען. אָבער אזוי שנעל ווי גענעראל פּאופּ האָט ערנסט אָנגעהויבען זיין אַטאַקע האָבען זיך די קאָמאַנדירען פון דער פעדערייסי איבערצייגט אז זיי זיינען פארלאָרען. זיי האָבען אפּגעליידיגט ניו מאַדריד אין מיטען נאכט, איבערלאָזענדיג דאָרט 33 שווערע הארמאַטען, א מאסע פּולווער, און ביידלאך פאר צען טויזענד מאַן. די סאָלדאַטען האָבען זיך צוריגעצויגען צו דער צווייטער פּאָזיציע, אינזעל נומער צען.

דעם 15טען מערץ האָט אַדמיראל פוט מיט אַ פלאָטע פון א פּאָר צענדליג שיפען גענומען באָמבארדירען דעם אינזעל. די אַטאַקע האָט אָנגעהאַלטען דריי וואכען, אָבער אָן שום ערפאָלג. דאַן איז גענעראל פּאופּ געקומען דער פלאָטע צו הילף. ער האָט פון ניו מאַדריד דורכגעגראָבען א קאַנאל 12 מייל די לענג ביז'ן צווייטען פונקט פון דעם טייך. די אונטערנעמונג איז געווען אַ ריזיגע. דאָך איז זי דורכגעפירט געוואָרען אין ניינצען טעג צייט. דורך דעם קאַנאל האָט פּאופּ דורכגעפירט זיינע סאָלדאַטען פון ניו מאַדריד אויף דעם קענטאָקי ברעג פון דעם מיסיסיפּי. איצט איז „אינזעל נומער צען" אַטאַקירט געוואָרען אי פון דעם טייך אי פון דער יבשה. די פאַרטיידיגער פון דעם אינזעל אויף דער יבשה זיינען גלייך אנטלאָפען. פּאופּ האָט זיי נאָכגעיאָגט און אויף מאָרגען, דעם 8טען אַפּריל, האָבען זיי זיך אונטערגע־געבען. ווען דער גאַרניזאָן אויפ'ן אינזעל האָט זיך דערפון דער־וואוסט, האָט ער געשיקט זאָגען אַדמיראל פוט אז ער וויל זיך אויך אונטערגעבען. פּאופּ און פוט האָבען גענומען געפאַנגען 67 הונדערט סאָלדאַטען און דריי גענעראַלען, אויסער א מאסע געווער און אַמוניציע. די נאָרט האָט דאָ ניט פארלאָרען קיין איין סאָלדאַט.

פּראָפעסאר דרעיפּער שרייבט: „דער פאַרלוסט פון דעם אינזעל איז אויף דער סאוט געפאַלען ווי אַ דונער. דער באַ־ריכט וואס איז אָנגעקומען אין ריטשמאָנד האָט געלויטעט: מיר האָבען ניט געראַטעוועט קיין איינציגען הארמאַט, קיין אַמוני־

ציע. מיר האָבען פארלאָרען אונזערע שיפען. מיר האָבען גע־מוזט איבערלאָזען אונזערע קראנקע.״

דער נעקסטער וויכטיגער פונקט אויפ׳ן טייך מיסיסיפּי איז געווען מעמפיס, טענעסי. אין מעמפיס האָט זיך געפונען א באַן־צענטער. פון דאַנען האָבען זיך אָנגעפאנגען צוויי אייזענבאנען, וואָס האָבען דורכגעשניטען די גאַנצע ברייט פון דער סאוט ביז׳ן ברעג, און האָבען פארבונדען די פארשידענע באַנען אויף די פאר־שיידענע וועגען אין די סאוט־שטאַטען. מעמפיס איז אלזאָ גע־ווען פון העכסטער סטראַטעגישער וויכטיגקייט פאר דער סאוט. דאָך איז די שטאָט ניט געווען באַפעסטיגט. די סאוט האָט זיך פארלאָזען אויף די פעסטונגען ביי די אויבערשטע טיילען פון דעם טייך — די פעסטונגען וואָס זיינען שוין איצט געווען אין די הענט פון דער נאָרט.

די איינציגע פארטיידיגונג פון מעמפיס איז געווען א קליינע פלאָטע פון אכט שיפען. דעם 6טען יוני איז א פלאָטע פון דער נאָרט אראָפּגעשוואומען איבער׳ן מיסיסיפּי און אטאַקירט די פלאָ־טע פון דער סאוט וואָס האָט באַוואַכט מעמפיס. די שלאַכט האָט געדויערט ניט מער ווי אַ האַלבע שטונדע. אויפ׳ן ברעג זיינען געשטאַנען טויזענדער מענשען און זיך צוגעקוקט צו דער סצענע. די פלאָטע פון דער נאָרט איז ארוים די זיגערין. פון דעם שונא׳ס פלאָטע האָט זיך בלויז איין שיף געראַטעוועט. מעמפיס איז איצט געבליבען אינגאַנצען אומבאַשיצט.

די קאָנפעדעריישי־ארמיי האָט זיך איצט קאָנצענטרירט אין דעם שטעטעל קאָרינט, אין דעם שטאַט מיסיסיפּי. דאָס שטעטעל איז אויך געווען אַ באַן־צענטער. דאָרט האָבען זיך פאראייניגט די ליניעס וואָס האָבען זיך געצויגען פון דעם גאָלף אָוו מעקסיקא, און די ליניעס וואָס האָבען זיך געצויגען צום אַטלאַנטישען ברעג. גענעראַל אַלבערט סידני דזשאַנסטאָן, דער קאָמאַנדיר פון דער סאוט, האָט אַהער צוזאַמענגעצויגען די רעגימענטען פון דער־גאַנצער אַרומיגער געגענד. זיין ארמיי האָט געציילט ארום 60 טויזענד מאַן.

אָט דעם פונקט האָט גענעראַל האַלעק, דער קאָמאַנדיר פון

דער נאָרט אַרמיי, איצט באַשלאָסען איינצונעמען. ער האָט די אויפגאַבע אָנפאַרטרויט גענעראַל סמיט. דער גענעראַל האָט געמאַכט אַלע נויטיגע הכנות אָבער איידער ער האָט אָנגעהויבען דעם קאַמף איז ער געשטאָרבען פון בלוט־פאַרגיפטונג. האַלעק האָט אויף זיין פּלאַץ באַשטימט גענעראַל גרענט, דערזעלבער וואס האָט איינגענומען די פעסטונגען פאָרט הענרי און פאָרט דאָנעלסאָן.

גרענט'ס אַרמיי האָט זיך באַפעסטיגט אין פּיטסבורג לענדינג, אַ פּונקט אויף דעם וועסטליכען ברעג פון דעם טייך מיסיסיפּי, אַרום דרייסיג מייל פון קאָרינט. ער האָט געוואַרט מיט דער אַטאַקע ביז ער וועט קריגען פאַרשטאַרקונג פון אַ צווייטער אַרמיי פון 40 טויזענד מאַן אונטער גענעראַל ביועל, וועלכער איז געשטאַנען אין נעשוויל און וועלכער האָט באַקומען אַ באַפעל צו מאַרשירען צו פּיטסבורג לענדינג. גענעראַל דזשאָנסטאָן האָט געוואוסט וועגען גרענט'ס פּלענער און ער האָט באַשלאָסען צו אַטאַקירען גרענט'ן איידער די פאַרשטאַרקונג וועט אָנקומען. די אַטאַקע האָט זיך אָנגעפאַנגען זונטאָג פאַרטאָג, דעם זעקסטען אַפּריל. אין מיטען פון דעם שלאַכטפעלד איז געשטאַנען אַ הילצערנע געביידע, וואס האָט פאַר די אַרומיגע פאַרמער געדינט ווי אַ מין קלויסטער, אַ געביידע אָן טיר און פענסטער, און אָן אַ ברוק. זי האָט זיך גערופען די „שיילאָה קירכע", און מיט'ן נאָמען פון דער דאָזיגער געביידע איז אין דער געשיכטע פאַרצייכענט די שלאַכט וואס איז דאָרט פאָרגעקומען: די „שיילאָה שלאַכט". ווען די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבען האָט גרענט געהאַט 33 טויזענד מאַן און דזשאָנסטאָן, 40 טויזענד מאַן.

צוויי טעג האָט די שלאַכט אָנגעהאַלטען. דער ערשטער טאָג איז געוועזען גינסטיג פאַר דער סאוט. דזשאָנסטאָן האָט צוריקגעשטויסען גרענט'ס אַרמיי פון יעדען פּונקט און זי געטריבען אַלץ ווייטער און ווייטער צום וואַסער־צו. דעם שטאַרקסטען ווידערשטאַנד האָט געמאַכט גרענט'ס רעכטער פליגעל, אונטער גענעראַל שערמאַן. און גרענט האָט שפּעטער דערקלערט, אַז אים האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען וואס ער האָט געקענט ווי־עס־איז זיך האַלטען ביז ביינאַכט. ווען דער טאָג איז געוועזען פאַרביי האָט

גענעראל בארעגארד, דער קאָמאַנדיר פון דער סאוט (רזשאַנסטאָן איז דער'הרג'עט געווארען אין מיטען טאָג און בארעגארד האָט פארנומען זיין פלאַץ) געמעלדען, אז ער האָט געהאַט א גרויסען זיג: „מיר האָבען איינגענומען אלע פאָזיציעס, אויסער איינע. מיר האָבען פארכאַפּט דעם שונא'ס הארמאַטען, געפאַנגען דריי טויזענד סאָלדאַטען און איין גענעראל, א מאַסע אמוניציע. דעם שונא'ס ארמיי איז פארטריבען געווארען. ער האָט זיך צוריק־געצויגען אונטער'ן שוץ פון קאַנאָנען צום ברעג טייך און אויף שיפען אויפ'ן טייך".

דורך דער נאַכט איז אָנגעקומען גענעראל ביועל מיט זיין ארמיי פון 27 טויזענד מאַן. אין דערפרי האָט גרענט אנגעפאַנ־גען זיין נייע אטאַקע אויף דעם שונא. איצט האָט שוין פאַסירט דער היפך פון דעם פאָריגען טאָג. די ארמיי פון דער סאוט איז אָפּגעשטויסען געווארען אויף צוריק. גרענט האָט אָפּגענומען אלע פאָזיציעס און בארעגארד האָט זיך צוריקגעצויגען קיין קאָרינט.

די "שיילאה שלאַכט" איז געווען איינע פון די בלוטיגסטע אין דער געשיכטע פון דעם קריג. דאָ האָבען זיך אויףביידע זייטען באַטייליגט ארום הונדערט טויזענד מאַן. יעדער צד האָט פארלאָרען אין טויטע און פארוואונדעטע צו צען טויזענד מאַן, צוזאמען צוואַנציג טויזענד.

ביז היינט זיינען היסטאָריקער צוטיילט אין זייערע מיי־נונגען איבער דער פראגע, ווער איז שולדיג געווען אין גרענט'ס פארלוסטען דעם ערשטען טאָג און ועמען עס קומט אנערקענונג פאר דעם זיג דעם צווייטען טאָג. טייל האלטען אז פאר דער מפלה איז פאראנטוואָרטליך געווען גרענט און אז פאַר'ן זיג איז צו פארדאנקען ביועל'ן. אנדערע ווידער מיינען, אז גרענט האָט איינענטליך שוין געזיגט דעם ערשטען טאָג פארנאַכט, ווען ער האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַנג פון בארעגארד'ס ארמיי ביים ברעג. אלע היסטאָריקער זיינען איינינ אין דעם, אז אויפ'ן שלאַכטפעלד האָט, איבער אלע קאָמאַנדירען אין גרענט'ס ארמיי, זיך אויסגע־צייכענט גענעראל שערמאַן.

אָט איז א שילדערונג פון איינעם וואס האָט אליין געזען

דעם ריקצוג פון בארעגארד׳ס ארמיי נאָך דער שלאכט: „די צוריקציענדיגע ארמיי האָט זיך געשלעפּט איבער אַ שמאָלען, שווערען וועג, אכט מייל די לענג. אָט איז אַ לאַנגע ליניע וועגענער אָנגעלאָדען מיט פארוואונדעטע, קרעכצענדיגע, פליענדיגע סאָלדאַטען, אָנגעוואָרפען ווי זעק תבואה. די אייזלען בראָדזען אין בלאָטע און אין וואַסער ביז׳ן טייך. ערטערווייז איז דאַס וואַסער אריין אין די וועגענער. נאָך זיי גייט אַ רעגימענט אינפאַנטעריע. דערנאָך סאָלדאַטען מיט צובראָכענע הענט און מיט אנדערע וואונדען. צו די שרעקען פון דעם בילד איז באַלד צוגעקומען נאָך אַ צרה: אַ קאַלטער רעגען האָט אָנגעהויבען צו פאַלען. דער שטורעם האָט אָנגעהאַלטען דריי שטונדען נאָכאַנאַנד. איך האָב געזען אַ לאַנגע ריי פון וועגענער פול מיט פארוואונדעטע און שטערבענדע סאָלדאַטען אָן אַ צודעק צו באַשיצען זיי פון דעם רעגען און דעם האָגעל, וואָס איז אויף זיי געפאַלען ווי שטיינער. דריי הונדערט פון די פארוואונדעטע זיינען געשטאָרבען אונטערוועגנס אין צייט פון דעם צוריקטריט. מען האָט זייערע קערפּערס ארויסגעוואָרפען פון די וועגענער, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר די אַנדערע, וועלכע האָבען פארוואונדעטערהייט זיך געמוזט שלעפּען צופוס דורך דעם שטורעם”.

אביסעל שפּעטער איז גענעראַל האַלעק אָנגעקומען אין פּיטסבורג לענדינג, און נאָכדעם ווי ער האָט די ארמיי ווידער אָרגאַניזירט האָט ער גענומען מארשירען אויף קאָרינט. גענעראַל בארעגארד האָט זיך איצט איבערצייגט, אַז אים וועט אונמעגליך זיין צו פארטיידיגען דעם פּונקט, און נאָך איידער האַלעק׳ס ארמיי איז אַהין אנגעקומען האָט ער זיך צוריקגעצויגען. דעם 30טען מאַי איז האַלעק אריין אין קאָרינט.

די קאַמפּאַניעס וואָס די נאָרט האָט געפירט אויף דעם טייך מיסיסיפּי, אין קענטאָקי און טענעסי זיינען געווען אָן ערפאָלג. דער טייך איז אָפּגערייניגט געוואָרען ביז מעמפיס. די אַלע באַפעסטיגטע פּינקטען וואָס די קאָנפעדערייסי האָט געהאַלטען אין קענטאָקי און טענעסי, ווי פאָרט הענרי, פאָרט דאָנעלסאָן, באָולינג גרין, נעשוויל זיינען איצט געווען אין די הענט פון דער נאָרט.

די נאָרט האָט אויך געהאלטען דעם וויכטיגען באַן־צענטער, קאָרינט.

די קאָנפעדערייסי־ארמיי האָט זיך צוריקגעצויגען נידעריגער, אי אויף דעם טייך מיסיסיפי, אי אויף די אייזענבאַנען. אירע באַפעסטיגטע פונקטען זיינען שוין איצט געווען אין דעם שטאַט מיסיסיפי.

קאַפּיטעל 11.

בלוטיגע שלאַכטען אין קענטאַקי און טענעסי.

אין די לעצטע פּאָר מאָנאַטען פון יאָר 1862 האָבען ביידע אַרמייען אָנגעפירט אַ רייע שלאַכטען און געמאַכט אַ פּאָר סטראַטעגישע צוגען צו געווינען די אויבערהאַנט אין די צוויי שטאַטען קענטאַקי און טענעסי. די לאַגע איז איצט געווען אַזאַ: די נאָרט־אַרמיי האָט געהאַלטען דעם וועסטליכען טייל פון די שטאַטען, דעם טייל, וואָס ליגט ביים טייך מיסיסיפּי; די סאַוט־אַרמיי האָט געהאַלטען דעם אָסטליכען טייל. די נאָרט־אַרמיי איז געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל ביועל; די סאַוט, אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל בראַג.

לינקאָלן האָט געהאַלטען אין איין שיקען באַפעלען צו גענעראַל ביועל ער זאָל זען איינענעמען טשאַטאַנוגאַ, דעם הויפּט־פּונקט פון דער סאַוט־אַרמיי. טשאַטאַנוגאַ איז געווען אַ וויכטיגער באַן־צענטער. ווען דער פּונקט וואָלט איבערגעריסען געוואָרען, וואָלט טענעסי, און במילא קענטאַקי, געווען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער נאָרט. גענעראַל בראַג, ווידער, האָט פון זיין רעגירונג באַקומען אַ באַפעל ער זאָל אַריינמאַרשירען אין קענטאַקי און איינענעמען לואיוויל. אין דער סאַוט איז מען געווען איבערצייגט, אַז די גרויסע מאַסע איינוואוינער אין קענטאַקי סימפּאַטיזירען מיט דער קאָנפעדערייסי און אַז אַזוי שנעל ווי עס וועט זיך דאָרט באַווייזען אַן אַרמיי פון דער סאַוט, וועלען טויזענטער בירגער איר קומען צו הילף און אַ סך וועלען זיך אָנשליסען אָן איר.

איידער ביועל האָט זיך פאַרטיג געמאַכט אָנצופאַנגען דעם צוג האָט גענעראַל בראַג גענומען מאַרשירען מיט זיין אַרמיי. ער

האָט געהאַט ארום פופציג טויזענד מאַן. א טייל פון זיין ארמיי האָט געמאַרשירט פון טשאַטאַנוגא און א טייל פון נאַקסוויל. דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אין ריטשמאָנד, קענטאָקי. דאָרט האָט ברעג׳ס ארמיי געהאַט א פאָלשטענדיגען זיג. זי האָט גענומען פינף טויזענד געפאַנגענע. א טייל פון ברעג׳ס ארמיי איז אָנפאַנג סעפּטעמבער אריין אין לעקסינגטאָן, קענטאָקי. גענעראל ביועל האָט געשיקט זיין ארמיי אפּצושטעלען דעם שונא, ער זאָל ניט פאַרכאַפּען לואיוויל. די נייעס, אז ברעג׳ס ארמיי האָט אריינגעדרונגען אַזוי ווייט אין קענטאָקי האָט אָנגעװאָרפען א שרעק אויף דער נאָרט. אין סינסינעטי איז אויסגעבראָכען א פּאַניק. דאָרט איז מען זיכער געווען, אז ברעג פּלאַנעוועט די שטאָט צו פאַרכאַפּען. ביידע ארמייען זיינען איצט געווען ווייט פון לואיוויל און זיי האָבען ביידע מאַנעווירט צו מאַרשירען ווייטער; ביידע גענעראלען האָבען ניט געוואָלט ריזיקירען מיט א שלאַכט. צום סוף האָט זיך ברעג׳ס ארמיי צוריקגעצויגען. דעם 25טען סעפּטעמבער איז ביועל אריין אין לואיוויל. דער היסטאָריקער ראודס איז מיט דער מיינונג, אז אין די עטליכע וואָכען וואָס ברעג איז געווען אין קענטאָקי האָט ער זיך איבערצייגט, אז די באַפעלקערונג פון דעם שטאַט האַלט מיט דער נאָרט און אז עס איז פאַר אים קיין האָפענונג ניטאָ דאָרט צו מאַכען ערפאָלג.

גענעראל ברעג האָט זיך איצט גענומען צוריקציען. ער האָט עס אָבער געטאָן זייער לאַנגזאַם. זיינע סאָלדאַטען האָבען אפּגעגעבען א גרויסען טייל פון זייער צייט אויף זאַמלען עסענווארג. פּראָפעסאָר דרעיפּער שרייבט: „ברעג האָט ארויסגעשיקט פּאַרטיעס סאָלדאַטען וועלכע האָבען צוגענומען ביי די פאַרמער זייער ברויט, זייער פּי, זייער פלייש. די סאָלדאַטען האָבען זיך אריינגעריסען אין קראָמען, גענומען אלץ וואָס זיי האָבען געפונען און באַצאָלט מיט אַסיגנאַציעס פון דער קאָנדעפערייסי. זיי האָבען אפילו געצוואונגען מענשען אריינצוטרעטען אין זייער ארמיי.“

גענעראל ביועל האָט איצט גענומען נאָכיאָגען ברעג׳ס ארמיי.

ביידע ארמייען צוזאמען האָבען געציילט ארום 100 טויזענד מאַן. די ארמייען האָבען זיך באַגעגענט אין שטעטעל פעריוויל. די שלאַכט איז פארגעקומען דעם 8טען אקטאָבער. ביינאַכט האָט זיך ברעג צוריקגעצויגען. ביידע גענעראַלען האָבען זיך באַרימט, אז זיי האָבען די שלאַכט געוואונען. ברעג איז צוריק אוועק קיין טשאטאנוגא. ביועל האָט אים ארויסגעטריבען פון קענטאָקי, אָבער זיין ארמיי האָט ער ניט צושלאָגען. דערצו האָט ברעג ארויסגעפירט פון קענטאָקי א מאַסע פראָוויאנט פאר זיין ארמיי: 200 וואגאָנען מיט פלייש, 6000 פעסלאך חזיר־פלייש, 1000 אייזלען, 8000 אָקסען און א גרויסע צאָל חזירים.

אין וואשינגטאָן איז מען געווען זייער אומצופרידען מיט דעם רעזולטאַט. דאָרט האָט מען זיך געריכט, אז ביועל וועט ניט נאָר פארטרייבען ברעג'ן, נאָר אז ער וועט צוקלאַפּען זיין ארמיי און פארנעמען טשאטאנוגא. ביועל איז אראָפּגעזעצט געווארען. אויף זיין פלאַץ איז באַשטימט געווארען גענעראל ראָזענקראנץ, איינער פון ביועל'ס לוטענאַנטען. ראָזענקראנץ האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע אין די לעצטע טעג פון אקטאָבער.

איצט האָט זיך ווידער אָנגעפאנגען דיזעלבע געשיכטע. ברעג האָט ווידער געקראָגען א באַפעל פון זיין רעגירונג ער זאָל אריינדרינגען אין קענטאָקי. די סאוט האָט געפילט, אז זי מוז דורכברעכען די קייט מיט וועלכער די נאָרט האָט זי ארומגעצאמט אין דער וועסט. ברעג האָט גענומען מארשירען אויף נעשוויל.

אין דער לעצטער וואָך פון יאר, אויף מאָרגען נאָך קריסטמעס (ווייַנאַכטען), האָבען זיך ביידע ארמייען באגעגענט אין מוירספריסבאָראָ. ביועל'ס ארמיי האָט געציילט 43 טויזענד; ברעג'ס, 62 טויזענד מאַן. די שלאַכט האָט זיך אָנגעפאנגען ערב ניי־יאר. אין ערשטען צוזאמענשטויס האָט ברעג געוואונען. אָבער ראָזענקראנץ איז ניט אָפּגעטראטען. ניי־יאר האָבען ביידע ארמייען זיך אפּגערוט. ווען ברעג האָט אטאקירט ראָזענקראנצ'ן דעם צווייטען יאנואר, איז ער שוין צוריקגעשטויסען געווארען. אויף מאָרגען האָט ברעג זיך צוריקגעצויגען. די שלאַכט איז געווען א שרעקליך בלוטיגע: ראָזענקראנץ האָט פארלאָרען איבער

13 טויזענד מאן, און ברעג איבער 10 טויזענד. אין דער שלאכט האט זיך אם שטארקסטען אויסגעצייכענט גענעראל שערידאן. אים האט ראזענקראנץ געהאט צו פארדאנקען, וואס זיין ארמיי איז ניט צוקלאפט געווארען דעם ערשטען טאג פון דער שלאכט.

דער צווייטער ניט געלונגענער פארזוך האט איבערצייגט דער סאוט, אז זי קען מער ניט האפען דורכצוברעכען פאר זיך א וועג דורך טענעסי און קענטאקי. דאס יאר 1862 האט פארזיגעלט דעם שיקזאל פון דער סאוט אין די צוויי וויכטיגע שטאטען.

קאַפּיטעל 12.

גענעראל ראָבערט ע. לי.

ראָבערט ע. לי, דער הויפּט־גענעראל פון דער קאָנפעדערייסי, איז געווען די וויכטיגסטע פּערזענליכקייט אין דער סאוט אין משך פון דער מלחמה. אפיציעל האָט ער פארנומען דעם צווייטען פּלאַץ נאָך דזשעפערסאָן דייוויס, דעם פּרעזידענט פון דער קאָנ־פעדערייסי, אָבער אין דער אמת'ן האָט ער געשפּילט א וויכ־טיגערע ראָלע. ניט נאָר האָט ער געפירט די ארמייען און גע־האַלטען אין זיינע הענט דעם שיקזאל פון דער מלחמה, נאָר ער איז אויך געווען א ריזיגע מאָראַלע קראפט. די גרויסע מאסען אויפ'ן שלאַכטפעלד און אין דער היים האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער און אים געגלויבט. מיליאָנען אין דער סאוט האָ־בען אים איינפאַך פארגעטערט. אויך אין דער נאָרט איז די באַציאונג צו אים געווען אַ פיל פריינדליכערע, א פיל ווייכערע ווי צו דזשעפערסאָן דייווים און די אַנדערע וואס זיינען גע־שטאַנען בראש פון דער רעוואָלט־באַוועגונג. שפּעטער, ווען די מלחמה איז געווען אריבער, און די קריגס־ליידענשאַפטען האָבען זיך אָפּגעקילט, איז לי אפילו אריינגענומען געווארען אין דעם רייסטער פון אַמעריקאַנער העלדען. אין דער נאָרט אַזוי גוט ווי אין דער סאוט ווערט לי'ס נאָמען היינט געשעצט און גערימט. לי'ס גרויסקייט אַלס גענעראל איז איצט דער שטאָלץ פון דער פּאַטריאָטישער אַמעריקע. וועגען לי'ס פּערזענליכקייט, וועגען זיין כאַראַקטער, וועגען זיין אַרט לעבען, רופען זיך אָפּ סימפּאַטיש און אפילו מיט באַגייסטערונג די היסטאָריקער פון דער נאָרט אַזוי גוט ווי די היסטאָריקער פון דער סאוט.

לי האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע אין

ווירדזשיניא. זיין פאטער, הערי לי, האט זיך אויסגעצייכענט אלס גענעראל אין דער רעוואלוציע און שפעטער אלס פאליטיקער און שטאטסמאן אין זיין אייגענעם שטאט ווירדזשינא און אין דער נאציאנאלער רעגירונג. צוויי פעטערס פון ראבערט לי זיינען אונטערגעשריבען אויף דער „דעקלערײשאן אוו אינדעפענדענס”. איינער פון די לי'ס האט עס געמאכט דעם ערשטען פארשלאג ביים רעוואלוציאנערען קאנגרעס אין 1776, אז די קאלאניעס זאלען זיך דערקלערען פריי און אומאפהענגיג פון ענגלאנד. דזשארדזש וואשינגטאן, וועלכער איז געווען אן אינטימער פריינד און א שכן פון דער לי פאמיליע אין ווירדזשיניא, האט וועגען איר געשריבען: „איך וויים ניט פון נאך א געגענד וואס קען זיך בארימען מיט א פאמיליע פון אזעלכע גרויסע מענשען ווי אונזער פאמיליע לי איז”.

ראבערט ע. לי איז געבוירען געווארען דעם 19טען יאנאור, 1807. זיין פאטער איז געשטארבען ווען ראבערט איז אלט געווען א יאר עלף. אין זיינע יונגע יארען האט זיך ראבערט מיט גארניט אויסגעצייכענט. צו 18 יאר איז ער אריינגעטראטען אין דער מיליטערישער שולע פון דער נאציאנאלער רעגירונג, אין וועסט פאינט. דארט האט ער ארויסגעוויזען פייאיגקייטען. ער האט געענדיגט דער צווייטער אין זיין קלאס. אין 1831 האט ער געהייראט מיט מיס קוסטיס, אן אוראייניקעל פון דזשארדזש וואשינגטאנ'ס פרוי. זי האט אים שפעטער געבראכט א גרויסען פארמעגען וואס זי האט גע'ירש'נט פון אירע עלטערען (די קוס־טיסעס זיינען געווען פילייכט די רייכסטע פאמיליע אין ווירדזשי־ניא). זיין היים איז געווען אויף א גרויסען, פראכטפולען מא־יאנטיק, ארלינגטאן, אין דעם נארדליכען טייל פון ווירדזשיניא, ניט ווייט פון דער גרענעץ פון מערילאנד. (איצט איז ארלינגטאן א נאציאנאלער בית־עולם. דארט ליגען באערדיגט גענעראלען, אפיצירען און סאלדאטען וואס זיינען געפאלען אין דעם בירגער־קריג און אין די שפעטערדיגע מלחמות וואס אמעריקא האט גע־פירט. לי'ס מאיאנטיק איז נאכ'ן בירגער קריג קאנפיסקירט גע־

וואָרען און איז פּאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נאַציאָנאַלען בית־עולם).

לי איז פאַרבליבען אַן אָפיציר אין דער אַמעריקאַנער ארמיי. ער האָט געדינט אין מעקסיקאַנער קריג און האָט זיך אויסגע־צייכענט. ער האָט פאַרנומען פאַרשידענע פּאָסטענס אין פאַרשי־דענע מיליטערישע אונטערנעמונגען. ווען דזשאָן בראַון האָט גע־מאַכט זיין טרויעריגען פאַרזוך אויפצואוועקען די נעגערס פון ווירדזשיניא צו אַן אויפשטאַנד, ווען ער האָט פאַרכאַפּט האַר־פּערס פערי אין ווירדזשיניא, איז ראָבערט לי געשיקט געוואָרען צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד. ער האָט דזשאָן בראַונ'ען באַזיגט און אַרעסטירט. אין די שפּעטערדיגע יאָרען האָט לי, ריידענדיג וועגען דער דאָזיגער פּאַסירונג געזאָגט צו זיינע פריינד: „איך פיל גליקליך וואָס איך האָב בראַונ'ען ניט געדאַרפט הרג'־נען, ווייל איך גלויב אַז ער איז געווען אַן ערליכער און געוויסענ־האַפטער מענש".

די גאַנצע צייט פון דעם פּאָליטישען קאַמף צווישען דער נאָרט און דער סאַוט, ערב דעם אויסברוך פון דעם בירגער־קריג, האָט לי זיך געהאַלטען אַן דער זייט. ער איז געווען אַ בעאַמטער אין דער אַרמיי און האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זיינע מיליטערישע פליכטען. ווען די קאַטאָן־שטאַטען האָבען נאָך לינ־קאָלנ'ס דערוויילונג גענומען אַרויסטרעטען פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, איז לי געווען געגען אַזאַ שריט. ער האָט ניט גע־וואָלט אַז זיין שטאַט ווירדזשיניא זאָל נאָכטאָן יענע שטאַטען. אָבער ווירדזשיניא האָט לסוף באַשלאָסען צו גיין מיט דער קאָנ־פעדערייסי. דאַן האָט לי, נאָך אַן אינערליכען קאַמף, אַריינגע־שיקט זיין רעזיגנאַציע, ערקלערענדיג אַז געגען זיין אייגענעם שטאַט קען ער זיין שווערד ניט אַרויסנעמען.

אָט איז אַ ציטאַטע פון גמליאל בראַדפאָרד'ס ווערק „לי דער אַמעריקאַנער":

„אין אַפּריל 1861 איז לי געווען אין דערהיים אין אַרלינג־טאָן. דעם 18טען האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט פראַנסיס בלעיר, וועלכער האָט מיט'ן וויסען פון פרעזידענט לינקאָלן און

קריגסמיניסטער קאמעראן, אים אנגעבאטען ער זאל ווערען דער קאמאנדיר פון דער אמעריקאנער ארמיי אויפ'ן שלאכטפעלד. לי האט וועגען דעם שפעטער דערציילט אזוי: „נאכדעם ווי איך האב אויסגעהערט זיינע ווערטער, האב איך זיך אפגעזאגט אנצונעמען דעם אנבאט. איך האב אפענהערציג געזאגט, אז כאטש איך בין געגען דעם, אז די סאוט זאל זיך אפרייסען, דאך וועל איך ניט קענען אנטייל נעמען אין אן אטאקע אויף די שטאטען פון דער סאוט".

„גלייך נאכדעם האט לי געהאט א געשפרעך מיט דעם דאמאלסדיגען הויפט קאמאנדיר פון דער אמעריקאנער ארמיי, גענעראל סקאט. זייביידע זיינען א סך יאר געווען ווארימע פריינט. סקאט האט געפרובט אויף אים ווירקען ער זאל בלייבען אין דער ארמיי. לי האט אים קיין באשטימטען ענטפער ניט געגעבען. ער האט זיך מיט זיך אליין געראנגעלט. אבער קורץ נאכדעם איז ווירדזשיניא ארויס פון דער „יוניאן" און זיך אנגעשלאסען אן דער קאנפעדערייסי. לי האט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע מיט א בריף, אין וועלכען ער האט אויסגעדריקט זיין טיפסטע באדויערונג וואס ער איז געצוואונגען אזוי צו האנדלען. ער האט אין בריף געשריבען: „איך וועל ציען מיין שווערד בלויז צו פארטיידיגען מיין אייגענעם שטאט ווירדזשיניא".

לי איז געווען געגען דעם, אז די סאוט זאל זיך אפרייסען. ער האט אבער באטראכט ווירדזשיניא אלס זיין פאטערלאנד; און אז ווירדזשיניא איז ארויס האט ער אויך געמוזט ארויס. ער האט ניט געקענט פארראטען זיין פאטערלאנד.

דעם 23טען אפריל האט ווירדזשיניא באשטימט לי'ן אלס קאמאנדיר פון די שטאט־טרופען. דעם 25טען אפריל האט זיך ווירדזשיניא אנגעשלאסען אן דער קאנפעדערייסי און לי מיט זיין ארמיי איז געווארען א טייל פון דער קאנפעדערייסי־ארמיי. די רעגירונג פון דער קאנפעדערייסי האט זיך איבערגעקליבען קיין ריטשמאנד, ווירדזשיניא, און ריטשמאנד איז געווארען די הויפט שטאט פון דער רעגירונג. לי איז פארבליבען אין זיין אמט אלס קאמאנדיר פון דער ווירדזשיניער ארמיי. אין דעם וועסטליכען

גענעראַל ראָבערט ע. לי.

טייל פון ווירדזשיניא זיינען פארגעקומען איינציגע שלאכטען, וועל־כע לי'ס ארמיי האט פארלארען. דאך איז ער אין יוני, 1862, דערהויבען געווארען צו דעם וויכטיגסטען פאסטען אין דער ארמיי פון דער קאנפעדערייסי. ער איז באשטימט געווארען אלס הויפט גענעראל פון דער ארמיי ארום ריטשמאנד.

א סך מענשען אין דער סאוט זיינען געוועזען געגען דעם, אז לי זאל קריגען אזא וויכטיגען מיליטערישען אמט. זיי האבען אנגעוויזען, אז לי האט זיך ביז דעמאלט מיט גארניט אויסגע־צייכענט, אז אין פארלויף פון דעם פארגאנגענעם יאר האט ער, פארקערט, געליטען מפלות. זיי האבען גע'טענה'ט, אז עס איז א סכנה אים צו פארטרויען מיט דער פירערשאפט פון דער וויכ־טיגסטער ארמיי. אבער לי האט באלד באוויזען, אז זיינע קריי־טיקער האבען געמאכט א טעות. ער האט אפגעהאלטען איין זיג נאכ'ן צווייטען. אין משך פון די נעקסטע עטליכע מאנאטען איז ער געווארען דער העלד פון דער סאוט און זיין גרויסער נאמען אלס גענעראל איז געוואקסען פון טאג צו טאג, ביז וואנען ער איז געווארען דער אפגאט פון דער ארמיי פון דער סאוט.

וועגען לי'ס גרויסקייט אלס גענעראל זיינען ניט אלע היסטא־ריקער און ניט אלע מיליטערישע עקספערטען איינשטימיג. טייל שטעלען אים אויף דערזעלבער הויך ווי די גרעסטע גענעראלען אין דער וועלט־געשיכטע. זיי פארגלייכען אים מיט נאפאלעאנ'ען. אנדערע זאגען אז דאס איז א סך איבערטריבען. אבער אלע גיבען צו, אז צווישען די גענעראלען וואס האבען זיך באטייליגט אין דעם בירגער־קריג אויף ביידע זייטען איז ער געוועזען, אויב ניט דער סאמע גרעסטער, איז וויניגסטענס איינער פון די צוויי אדער דריי גרעסטע. צווישען די גענעראלען פון דער סאוט איז דא בלויז איינער מיט וועמען מען פארגלייכט אים. דאס איז גענע־ראל סטאונוואל דזשעקסאן.

דעם הויכען רעספעקט און די ליבע וואס לי האט געוואונען אין דער ארמיי און צווישען דער באפעלקערונג האט ער געהאט

צו פאַרדאַנקען ניט אַזוי זיין מיליטערישער פייאיגקייט ווי זיין כאַראַקטער. ער איז געווען אַ באַשיידענער מענש. ער האָט ניט געזוכט קיין כבוד, האָט ניט אויסגענוצט זיין מאַכט צו דער־הויבען און צו דערנידעריגען אַנדערע. ער האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ, האָט שטענדיג אַרויסגעוויזען סימפּאַטיע צו די קרבנות פון דער מלחמה, צו געפאַנגענע פּאָלדאַטען אָדער צו סאָלדאַטען וואָס האָבען זיך פאַרזינדיגט. ער האָט שטענדיג געזוכט אויפ־צוהאַלטען די דיסציפּלין אין דער אַרמיי ניט דורך שרעק, ניט מיט אַן אייזערנעם פויסט, נאָר דורך מאָראַלישען איינפלוס. ווי ערנסט דער מאָמענט איז ניט געווען, ווי אויפגערעגט ער איז ניט גע־ווען האָט ער זיך אויסגעהיט נישט צו ריידען גראָב אָדער זיד־לען זיינע אָפיצירען. ער איז געווען זייער אַן ערנסטער מענש, און האָט זיך אַלץ גענומען שטאַרק צום האַרצען. ער האָט געלי־טען ווען זיינע סאָלדאַטען האָבען געליטען. ער האָט שטענ־דיג געזוכט פאַר זיינע סאָלדאַטען צו קריגען בעסערע עסענס, בעסערע קליידער, בעסערע באַדינגונגען, מאַכען זייער לעבען גרינגער.

אָט זיינען אייניגע ציטאַטען פון ברעדפאָרד׳ס ווערק וועגען לי:

„לי האָט זיין אַרמיי באַהאַנדעלט ניט ווי אַ קאַמפּס־מאַשין, נאָר ווי אַ מענשליכען קערפּער וועלכער מוז באַזאָרגט ווערען מיט שפּייז און קליידער. . . און די סאָלדאַטען האָבען אים שטענדיג געגלויבט. ווען ער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז די שלעכטע לאַגע איז אומפאַרמיידליך, זיינען זיי גרייט געווען אויסצוגיין פון הונגער. . . ער האָט זיך באַצויגען צו די סאָלדאַטען ניט ווי אַ מיליטערישער בעאַמטער, נאָר ווי אַ פאָטער. די אַנדערע גענע־ראַלען האָבען זיך באַקלאָגט, אַז ער איז צו מילד אין זיין דיס־ציפּלין. . . זיין באַציאונג צו די סאָלדאַטען איז געווען ווי פון אַ גלייכען צו אַ גלייכען, ווי מענש צו מענש. . . ער האָט גע־לעבט אַזוי ווי זיי. ער האָט ניט געזוכט קיין כבוד. אַרום זיין הויפּטקוואַרטיר זיינען ניט געשטאַנען קיין וועכטער. ער האָט

געהאַט פאר זיך א קליין ביידעל אין פעלד. ווען ער איז ארויסגעגאַנגען האָט ער ניט מיטגענומען מער ווי עטליכע מענשען פון זיין שטאַב, אָן פערזענליכע באַדינער. געקליידט איז ער געווען איינפאַך, בלויז א פּאָר שטערען אויפ'ן קאָלנער צו באַצייכענען זיין ראַנג. . . ווען זיין אַרמיי איז אריין אין א שטאָט אדער דאָרף, פלעגט ער אָנזאָגען, אז קיינער זאָל ניט שטערען אָדער באַהאַנדלען שלעכט די איינוואוינער. . . ער האָט געגעסען די איינפאכסטע שפּייז. ווען עס האָט אויסגעפעלט שפּייז פאַר די סאָלדאַטען האָט ער ניט ערלויבט אז מען זאָל פאַר אים צוגרייטען מער ווי פאַר אַנדערע. זיין מאָלצייט איז אָפט באַשטאַנען פון בלויז קרויט מיט זאַלץ. סוויט פּאָטייטאס און זויער מילך האַט ער באַטראַכט פאר א לוקסוס".

לי איז געווען זייער א פרומער. ער איז דערצויגען געווארען אין א פּוריטאַנישע הויז און ער איז זיין גאַנץ לעבען געבליבען אַן איבערגעבענער פּוריטאַנער. ער איז געווען אַן איינזאמער מענש. ער פלעגט שטענדיג זאגען: „אַלע זיינען פרייליך, נאָר איך בין אומעטיג". איין איינציגען פריינד האָט לי געהאַט, שרייבט ברעדפאָרד, „דאָס איז געווען גאָט". ער איז ניט געווען קיין עסטעט. ער האָט ניט געהאַט קיין שטאַרקע ליבע צו ליטעראַטור אדער קונסט. זיין כאַראַקטער איז געווען א מאָראַלישער און א פּראַקטישער. „זיין רעליגיע איז אויך געווען א פּראַקטישע. ער האָט שטענדיג אָפּגעהיט אַלע צערעמאָניעס פון זיין קירכע. ער איז אָבער געווען העכסט טאָלעראַנט צו אַנדערע רעליגיעס. נאָך דער מלחמה האָט ער שטענדיג גערעדט און אַגיטירט, אז ביידע צדדים זאָלען פארגעסען די פאַרגאַנגענהייט און לעבען אינאיינעם אין אחדות און פריינדשאַפט".

נאָך דער מלחמה האָט לי באַקומען וויכטיגע פאָרשלאַגען פאַר באַשעפטיגונגען. גרויסע געשעפטסלייט האָבען אים אַנגעבאָטען גרויסע סומען געלט ער זאָל זיך פאַרבינדען מיט זייערע פירמעס. זיי האָבען פון אים ניט פאַרלאַנגט זיין ארבייט אדער זיין צייט, בלויז זיין נאָמען. ער האָט די אַלע אָנבאָטען צוריק־

געוויזען. ער האָט אָנגענומען א שטעלע אלס פּרעזידענט פון א קאלעדזש אין ווירדזשיניא, מיט דעם קליינעם געהאלט פון פופ־צען הונדערט דאָלער א יאר. דעם אמט האָט ער געהאלטען די פיר יאר וואס ער האָט געלעבט נאָכ'ן בירגער קריג. אין פארלויף פון דער קורצער צייט האָט ער דעם קאלעדזש געבראכט צו דער מדרגה פון א הויכער בילדונגס־אינסטיטוציע.

קאַפּיטעל 13.

לי דרינגט אַריין אין דער נאָרט.

נאָך זיינע נצחונות אין ווירדזשיניא האָט גענעראַל לי באַשלאָסען אריבערצוגיין דעם טייך פּאטאמעק און אריינמאַרשירען אין מערילענד. עטליכע אורזאַכען האָבען אים געפּירט דאָס צו טאָן. ערשטענס, האָט ער געהאָפט אַז אים וועט געלינגען ארויסצורופען אַן אויפשטאַנד אין מערילאַנד. צווייטענס, זיינען זיינע סאָלדאַטען געוועזען אָפּגעריסען: אַ סך פון זיי זיינען אפילו געגאַנגען באָרוועס. ער האָט געהאָפט, אַז אין מערילענד וועט ער קריגען שיך און קליידער פאַר זיי. דריטענס, איז די נאָרט־ארמיי איצט געוועזען דעמאָראַליזירט. לי האָט גערעכענט, אַז זיין מאַרש פאָרווערטס, זיין אריינדרינגען אין דעם שונא׳ס טעריטאָריע וועט אויפוועקען אין דער נאָרט אַ חשק צו שליסען פרידען. פערטענס, האָט ער געגלויבט, אַז אפשר וועט דער שונא אים ניט אָפּשטעלען און אים וועט געלינגען דורכצומאַרשירען אומגעשטערט דורך מערילענד און אריינדרינגען אין פּענסילווייניע. דאָרטען וואָלט ער געקענט אָפּשניידען די באַן־ליניעס וואָס פאַרבינדען די איסט מיט דער וועסט. דאָס וואָלט פאַר דער נאָרט געוועזען כמעט ווי אַ טויט קלאַפּ.

דאָס איז געווען אומגעפער אין דערזעלבער צייט ווען אַן ענליכער צוג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער וועסט, וואו גענעראַל ברעג האָט גענומען גיין אויף לואיוויל אין קענטאָקי און זיך צוגערוקט נאָענט צו סינסינעטי. לי׳ס פּלאַן איז געווען, שרייבט פּראָפעסאָר דרעיפּער, אַז גענעראַל ברעג זאָל זיך רוקען צו לואיוויל און סינסינעטי אין דער וועסט אין דערזעלבער צייט וואָס לי וועט זיך רוקען צו פילאַדעלפיא אין דער איסט.

דעם 5טען סעפּטעמבער, 1862, דעמזעלבען טאָג ווען ברעג איז אריינגעדרונגען אין קענטאַקי, איז לי אריבער דעם פּאטאמעק און אריינגעדרונגען אין מערילענד. די ערשטע רעגימענטען, דער אוואנגארד, איז געפירט געווארען פון גענעראל דזשעקסאָן. דעם 6טען סעפּטעמבער זיינען דזשעקסאָנ'ס סאָלדאטען אריין אין פרעדעריק סיטי, מערילענד, זינגענדיג דאָס מלחמה ליד „מערילענד, מיין מערילענד" (א ליד וואס איז בארימט ביז היינטיגען טאָג). גלייך ווי די ארמיי איז אריין אין שטאָט האָט דזשעקסאָן ארויסגעגעבען א פּראָקלאמאציע צו די איינוואוינער פון מערילענד, און ערקלערט, אז ער איז געקומען זיי „העלפען אראָפּווארפען פון זיך דעם פרעמדען יאָך". אָבער גלייך דאָ האָט ער באגעגענט זיין ערשטע אנטוישונג. די באפעלקערונג האָט זיך אויף זיין פּראָקלאמאציע ניט אָפּגערופען. זיין ארמיי איז אויפגענומען געווארען קאלט. פון דער ערשטער אנטוישונג איז ארויסגעוואקסען א צווייטע. דזשעקסאָנ'ען איז אָנגעקומען זייער שווער צו קריגען לעבענסמיטעל פאר זיינע סאָלדאטען. ראודס שרייבט: „לי האָט אָנגעבאָטען דער באפעלקערונג פאר אלץ צו באצאָלען. אָבער זיין געלט איז באשטאנען פון אסיגנאציעס פון דער קאָנפעדערייסי, און אזא געלט האָבען די פארמערס זיך אנטזאגט צו נעמען. די ארמיי וואס האָט באזיגט מעקלעלאנ'ען און פּאופּ'ן האָט ניט געהאט גענוג כוח צו צווינגען די פארמער צו דרעשען ווייץ, און די מילנער צו מאָלען מעל. זיי האָבען אויך ניט געקענט שטערען די אייגענטימער פון פי ניט אוועקצופירען די בהמות און אָקסען קיין פּענסילווייניא. די בירגער פון פרעדעריק האָבען צוגעשלאָסען זייערע קראָמען".

אויף דער נאָרט איז איצט אָנגעפאלען א שרעק. לי האָט געשיקט גענעראל דזשעקסאָן מיט אן אָפּטיילונג סאָלדאטען איינצונעמען הארפּער'ס פערי, א וויכטיגער פונקט אויף דער „באליטמאָר און אָהייאָ" אייזענבאַן. לי אליין האָט ארויסגעמארשירט פון פרעדעריק און גענומען גיין העכער צו פּענסילווייניא צו. דערווייל איז אָנגעקומען די נייעס אז אין דער וועסט האָט ברעג'ס ארמיי זיך צוגערוקט נאָענט צו סינסינעטי. סעקרעטער

און סטייט סוארד האט דעם 10טען סעפטעמבער געשריבען: „דער פרעזידענט האט דעם גאנצען טאג געפילט זייער שלעכט. מיר שטייען באַנט צו א קריזיס.״ די פארמערס ביים גרעניץ פון פענסילווייניא האבען אוועקגעשיקט זייערע פרויען און קינדער פון דערהיים, און אליין האבען זיי זיך באוואפענט. דער גאווערנאר פון פענסילווייניא האט ארויסגערופען 50 טויזענד מיליץ צו פארטיידיגען דעם שטאט. אין פילאדעלפיא האט מען זיך געריכט, אז דער שונא וועט קומען אהין אויך. די רייכע איינוואוינער האבען זיך געגרייט צו אנטלויפען.

אלע האבען זייער האפענונג געלייגט אויף מעקלעלאנ׳ען, אפשר וועט אים געלינגען אפצושטעלען לי׳ס ארמיי. דעם 10־טען סעפטעמבער האט מעקלעלאן ארויסגעשיקט זיין ארמיי נאכצויאגען לי׳ס ארמיי. דעם 12טען סעפטעמבער איז מעקלעלאן אריין אין פרעדעריק סיטי. לי איז שוין דארט ניט געווען. די באפעלקערונג האט מעקלעלאנ׳ען אויפגענומען מיט ווילדע אוואציעס. „מען האט מיך שיר ניט צוריסען אויף שטיקער״, האט ער געשריבען.

דעם 14טען סעפטעמבער האט מעקלעלאנ׳ס ארמיי אנגעיאגט א טייל פון לי׳ס ארמיי ביי סאוט מאונטיין און דארט געוואונען א זיג. דער זיג האט אריינגעגעבען נייעם מוט דעם פרעזידענט און דער גאנצער נארט.

די צוויי ארמייען האבען זיך מיט צוויי טעג שפעטער באגעגענט נעבען א טייכעל מיט׳ן נאמען ענטיטעם. עס האט זיך אנגעפאנגען א שלאכט דעם 16טען נאכמיטאג, און אנגעהאלטען ביז ביינאכט. אויף מארגען אין דערפרי איז די שלאכט פארגעזעצט געווארען און האט אנגעהאלטען דעם גאנצען טאג. די שלאכט איז געווען איינע פון די בלוטיגסטע אין דעם קריג. מעקלעלאן האט פארלארען איבער 12 טויזענד מאן און לי איבער 11 טויזענד. ווער עס האט די שלאכט געוואונען איז א פראגע אין וועלכער היסטאריקער און עקספערטען זיינען צוטיילט.ביידע הויפט גענעראלען זיינען קריטיקירט געווארען

ביי זיך אין דער היים. מעקלעלאן האָט געהאַט אַ סך אַ גרעס־
סערע ארמיי ווי לי: 87 טויזענד געגען 55 טויזענד. איז ער
קריטיקירט געוואָרען דערפאַר, וואס ער האָט לי׳ס ארמיי ניט



די שלאַכט אין מערילענד און אַרום וואַשינגטאָן.

צושטערט איננאַנצען; לי איז קריטיקירט געווארען דערפאַר
וואָס ער האָט זיין ארמיי צוטיילט אין אָנהויב פון זיין מארש
און האָט אַ טייל פון זיינע סאָלדאטען אוועקגעשיקט איינצונעמען

הארפער'ס פערי. דערמיט האט ער זיך אליין אפגעשוואכט און געשטעלט זיין ארמיי אין סכנה.

דעם 19טען סעפטעמבער האט ליך זיך צוריקגעצויגען. ער האט פארלאזען מערילאנד, איז אריבער דעם פאטאמעק און אריין צוריק אין ווירדזשיניא.

און איצט האט זיך מיט מעקלעלאנ'ען ווידערהאלט די אלטע געשיכטע. די רעגירונג אין וואשינגטאן האט פון אים גע־פאדערט ער זאל נאכיאגען לי'ן און אריינדרינגען אין ווירדזשי־ניא און גיין אויף ריטשמאנד, אבער מעקלעלאן האט אפגע־לייגט. ער האט געווארט ביז זיין ארמיי וועט ווערען גרעסער, וועט זיין בעסער ארגאניזירט, בעסער צוגעגרייט. סוף אקטא־בער האט ער ענדליך זיך גענומען רירען. ער איז אריבער דעם פאטאמעק. ער איז אבער געגאנגען פאמעלאך. לינקאלן האט פארלארען די געדולד און דעם 7טען נאוועמבער האט ער בא־פוילען מעקלעלאנ'ען ער זאל איבערגעבען די קאמאנדע פון דער ארמיי צו גענעראל באירנסאיד.

באירנסאיד האט באשלאסען גלייך צו מארשירען אויפ'ן שונא. זיין ארמיי האט געציילט 113 טויזענד מאן. לי האט זיך באפעסטיגט נעבען דער שטאט פרעדעריקסבורג מיט אן אר־מיי פון 78 טויזענד מאן. באירנסאיד האט נאך שווערער מי אריבערגעפירט זיין ארמיי איבער דעם טייך שאנענדאהא נעבען פרעדעריקסבורג. דעם 13טען דעצעמבער האט באירנסאיד אנ־געפאנגען צו אטאקירען לי'ס באפעסטיגטע פאזיציעס. צוזא־מען מיט לי זיינען געווען זיינע צוויי בעסטע גענעראלען, דזשעק־סאן און לאנגסטריט. די „יוניאן" סאלדאטען האבען ארויס־געוויזען וואונדערליכען מוט. אבער די פאזיציעס פון דעם שונא זיינען געווען אזוי שטארק, אז יעדע אטאקע אויף זיי האט זיך געענדיגט מיט א בלוטבאד. די שלאכט האט זיך געענדיגט מיט איינער פון די ערגסטע מפלות וואס די נארט האט געליטען אין דער מלחמה. לי האט פארלארען איבער 5 טויזענד מאן און באירנסאיד האט פארלארען מער ווי צוויי מאל אזוי פיל, איבער 12 טויזענד מאן.

אין מיטען נאַכט, דעם 15טען דעצעמבער, אין א שרעקלי־כען שטורם און רעגען האָט באָירנסאַיד צוריקצגעצויגען זיין ארמיי. „באָירנסאַיד'ס פאַרלוסטען אין טויטע און פארוואונדעטע זיינען געווען גרויס, שרייבט ראודס, אָבער דאָס איז געווען גאר־ניט אין פארגלייך מיט דעם פאַרלוסט אין מאָראַל פון דער ארמיי. אָפיצירען און סאָלדאַטען, פילענדיג אז מען האָט זייערע קאַמע־ראַדען אומזיסט מקריב געווען, האָבען פארלאָרען זייער צוטרויען צום קאָמאַנדיר.

דער צושטאַנד פון דער ארמיי — שרייבט מעקמעסטער, — איז געווארען ערגער פון טאָג צו טאָג. די סאָלדאַטען זיי־נען געווען דערשלאָגען, פארצווייפעלט, אומצופרידען. זיי האָבען פארלאָרען זייער צוטרויען צו באָירנסאַיד'ן און טויזענדער פון זיי האָבען דעזערטירט. באָירנסאַיד האָט די שולד געווארפען אויף זיינע אונטער־גענעראַלען. ער האָט באַשלאָסען פיר פון זיי צו דעגראַדירען. איינער פון די פיר האָט געזאָלט זיין גענע־ראַל הוקער. ער האָט זיך דאַן געווענדעט צו פרעזידענט לינ־קאָלן מיט דעם פאָרשלאַג ער זאָל אננעמען איינע פון די צוויי ברירות: ענטוועדער אראָפּזעצען די אונטער־גענעראַלען אָדער אננעמען זיין, באָירנסאַיד'ס רעזיגנאַציע. לינקאָלן האָט אויס־געקליבען די צווייטע ברירה. באָירנסאַיד האָט אַלזאָ רעזיגנירט. אויף זיין פּלאַץ האָט לינקאָלן באַשטימט דעמזעלבען גענעראַל הו־קער, וועלכען באָירנסאַיד האָט געוואָלט מאַכען פאר איינעם פון זיינע כפרות.

קאַפּיטעל 14.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער נאָרט אין די מלחמה־יאָרען.

דאָס ערשטע יאָר האָט זיך די מלחמה אָפּגערופּען שווער אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דער נאָרט. פאַבריקאַנטען האָבען מורא געהאַט צו פאַבריצירען, אימפּאָרטער האָבען מורא געהאַט אריינצופירען סחורה, פינאַנסירען האָבען מורא געהאַט צו לייען אָדער אריינצולייגען געלט אין געשעפט. קיינער איז ניט געווען זיכער וואס פאַר אַ פאָרם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער, די מלחמה וועט אָננעמען; צי זי וועט זיך פאַרשפּרייטען איבער די גרעניץ־שטאַטען, צי זי וועט זיך פאַרציען לאַנג, צי עס וועט געשטערט ווערען דער אויסלענדישער האַנדעל. געשעפטסלייט און פינאַנ־סירען איבערהויפט האָבען געוואַרט צו זען וואָס עס וועט זיין. דערווייל האָט זיך אַ גרויסער טייל פון דעם האַנדעל און פאַב־ריקאַציע אָפּגעשטעלט.

דער קריזיס אין דער נאָרט האָט אָבער לאַנג ניט אָנגע־האַלטען. דאָס צווייטע יאָר האָט זיך איבער'ן לאַנד פאַרשפּרייט אַזאַ שפּע, וואס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט געהאַט אין דער גאַנצער געשיכטע פון לאַנד. אַלע געשעפטען האָבען געבליט. דאָס אייגענטום פון לאַנד איז אויסגעוואקסען, מענשען זיינען שנעל רייך געוואָרען. און אַזוי ווי אין אַלע מלחמות, איז דאָ אויך געווען אַן עולם וואָס האָט געמאַכט געלט גרינג און האָט דאָס געלט פאַרשווענד אויף הולטאַיסטוואָ און לוקסוס.

אויף די פעלדער אין דער וועסט איז אין די אַלע יאָרען פון דער מלחמה געווען גרויס גערעטעניש. פּראָפעסאָר פּאוּט (אין זיין ווערק „סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומשטענדען אין דער

נאָרט אין משך פון בירגער קריג") שרייבט אזוי: „ביז דער מלחמה האָט די סאוט געגלויבט אז „קאטאן איז קעניג". אירע שטאטסלייט האָבען אין רעדעס דערקלערט, אז די גאַנצע וועלט וועט מוזען העלפען דער סאוט ווייל אָן די קאטאן פון דער סאוט וועט די וועלט ניט קענען עקזיסטירען. אָבער ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער אמת'ער קעניג אין אמעריקע איז ניט קאטאן נאָר ווייץ". אין די לעצטע יאָרען פון דער מלחמה האָבען די וויכטיגע אגריקול־טור שטאטען פון דער וועסט פארדאָפּעלט זייער פּראָדוקציע אויף די פעלדער.

וואו האָבען די פארמס גענומען גענוג מענשען, ווען די יונגע און שטארקע זיינען אוועק אין דער ארמיי, און א סך, ווידער, זיינען אוועק אין דער ווייטער וועסט וואו עס האָבען זיך דעמאָלט גענומען עפענען מעטאל מינעס? דארויף גיט פּראָפעסאר פאיט אזא ערקלערונג: ערשטענס, האָבען די פּאר־מער גענומען איצט באַנוצען מער מאשינען ווי פריער. צוויי־טענס, האָבען די פרויען און די קינדער איצט געארבייט אויף די פעלדער. דריטענס, זיינען אין דער וועסט אָנגעקומען א מאסע אימיגראנטען. א טייל פון די נייע־אָנגעקומענע האָבען זיך אהין אריבערגעקליבען פון די גרענעץ־שטאטען, א טייל פון דער איסט און א טייל זיינען אהין געקומען דירעקט פון אייראָפּע. אין די פיר יאָר פון דער מלחמה האָבען 45 טויזענד אימיגראנטען וואָס זיינען אָנגעקומען אין ניו יארקער האפען, דערקלערט, אז זיי פאָרען ווייטער, כדי צו באַזעצען זיך אויפ'ן לאנד אין אילינאָי. 23 טויזענד פון די אייראָפּעאישע אימי־גראנטען זיינען אוועק קיין וויסקאָנזין. א געוויסע אייזענבאן האָט אריבערגעפירט אין פארלויף פון דער צייט ניט ווייניגער ווי 80 טויזענד אימיגראנטען פון ניו יארק אין דער וועסט.

לאַנד אין דער וועסט האָט מען דעמאָלט געקענט קריגען זייער ביליג. די באַן־קאָמפּאניעס האָבען פון דער רעגירונג באַקומען מיליאָנען אַקער לאַנד פריי. זיי האָבען דאָס לאַנד איצט צושניטען אין קליינע חלקים און עס פארקויפט פאר בי־

ליגע פרייזען. די וואשינגטאָנער רעגירונג האָט אויך אוועקגע־שענקט שטיקער לאנד צו די שטאט־רעגירונגען מיט דעם תנאי אז זיי זאָלען דאָס לאנד פארקויפען און דאָס געלט באנוצען צו גרינדען אוניווערזיטעטען. אין מאי, 1862, האָט לינקאָלן אונטערגעשריבען דעם „האומסטעד ביל", וואס האָט מעגליך גע־מאכט פאר יעדען, וואס האָט געוואָלט ווערען א פארמער, צו קריגען פון דער רעגירונג לאנד פאקטיש פריי. אונטער דעם דאָזיגען געזעץ איז אין די נעקסטע צוויי יאָר צייט צוטיילט געוואָרען צוויי און א האלב מיליאָן אקער לאנד. אויפ'ן לאנד האָבען זיך באזעצט אן ערך פון 100 טויזענד מענשען. די וואָס האָבען באקומען דאָס פרייע לאנד האָבען דערמיט ניט געטאָרט ספעקולירען. זיי האָבען די פארמס געמוזט אליין בעארבייטען.

וואָס האָבען די פארמער געטאָן מיט דעם גרויסען צופלוס אין זייערע פראָדוקטען איצט, ווען דער מארק אין לאנד גופא איז דאָך פארקלענערט געוואָרען, ווייל די שטאטען פון דער סאוט האָבען אין דער נאָרט מער ניט געקויפט?

א טייל האָבען די היגע פארמער אוועקגעשיקט קיין אויס־לאנד. אין אייראָפא זיינען גראדע יענע יארען געוועזען זייער שלעכטע אויף די פעלדער. איבערהויפט ענגלאנד האָט שטארק געליטען פון טריקעניש און זי האָט געקויפט א סך תבואה אין דער נאָרט. טייל היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג אז דאָס איז איינע פון די הויפט־סיבות פארוואָס ענגלאנד האָט ניט אנ־ערקענט די „קאָנפעדערייסי". אָן די קאטאָן פון דער סאוט האָט ענגלאנד געקענט עקזיסטירען, אָבער אָן דעם ווייץ פון דער נאָרט וואָלט זי ניט געקענט אויסקומען. גראָד זיינען אין יענע יאָרען פאָרגעקומען פאָליטישע אומרוען אין אייראָפא. עס האָט זיך גע־טומעלט וועגען אן אויפשטאנד אין פוילען, וועגען א מלחמה אי־בער שלעזיען־האָלשטיין. ענגלאנד האָט געוואוסט, אז אונטער די אומשטענדען קען זי זיך ניט פארלאָזען צו קריגען תבואה פון רוסלאנד, פון פרייסען אָדער פון פראנקרייך. און זי האָט גע־וואָלט זיין זיכער מיט'ן אמעריקאנער ווייץ.

די פארמער פון דער וועסט האָבען זייער תבואה געשיקט

אין דער נאָרט מיט דער באַן און מיט שיפען אויף די „לעיקס" (אָזיערעס). דער האַנדעל איז געגאַנגען דורך שיקאַגאָ. אין דער איסט איז די תבואה פארקויפט געווארען טיילווייז צו היגע הענדלער און טיילווייז צו אייראָפּעאישע סוחרים. אין 1838 איז דורך שיקאַגאָ דורכגעפירט געווארען ניט מער ווי 78 בושעל ווייץ; אין די מלחמה יאָרען האָט מען דורך דערזעלבער שטאָט דורכגעפירט יעדען יאָר 20 מיליאָן בושעל ווייץ און 28 מיליאָן בושעל קאָרן.

אַלע צווייגען פון פאַבריקאַציע זיינען זייער פיל געוואַקסען אין פאַרלויף פון די מלחמה יאָרען. עס זיינען געווען בלויז א פּאָר אויסנאַמען, ווי צום ביישפּיל, די פאַבריקאַציע פון קאטאָן סחורה, ווייל די פאַבריקען האָבען ניט געקענט באַקומען די קאַ־טאָן פון דער סאוט. אָבער אפילו אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע די פאַבריקאַציע האָט זיך פאַרקלענערט, זיינען געמאַכט געווארען גרויסע פּראָפיטען. איבערהויפּט האָבען זיך ענטוויי־קעלט די אינדוסטריען וואס זיינען געווען פארבונדען מיט דער מלחמה. די ארמיי האָט זיך גענויטיגט אין קליידער, שפּייז און אמוניציע. און די פאָדערונג איז באַפרידיגט געווארען הויפּטזעכליך דורך די פאַבריקען אין לאַנד גופא. די ערשטע צייט נאָך דעם אויסברוך פון דער מלחמה האָט די רעגירונג גע־נומען איינקויפען קליידער און אמוניציע אין אויסלאַנד, ווייל עס זיינען נאָך דאָ דעמאָלט ניט געווען די נויטיגע פאַבריקען. עס האָט אָבער ניט געדויערט לאַנג ביז וואַנען די פאַבריקען זיינען אויסגעבויט געווארען. און דעמאָלט האָט ניט נאָר די רע־גירונג געמאַכט אירע באַשטעלונגען אין די היגע פאַבריקען, זי האָט זיי נאָך געשטיצט געגען דער קאָנקורענץ פון אויסלאַנד דורך א הויכען גרענעץ־אָפּצאָל.

די קליידער פאַר דער ארמיי זיינען געמאַכט געווארען פון וואָל. דער פּראָגרעס פון וואָל־פאַבריקען איז געווען ריזיג גרויס. פּראָפעסאָר פּאַיט שרייבט: „די מערסטע פון די פאַבריקען האָ־בען זיך געפונען אין ניו יארק און אין ניו ענגלאַנד. יעדע פאַבריק איז געווען פארוואָרפען מיט ארבייט. א סך האָבען גע־

ארבייט 24 שעה א מעת־לעת און זיינען געווען אפען זיבען טעג א וואך. די ריוחים זיינען געווען גרויס. א געוויסער פאבריקאנט האט עטליכע מאנאטען נאכ'ן אויסברוך פון קריג דערקלערט, אז ער האט אין דער קורצער צייט געמאכט 200 טויזענד דאלער. א צווייטער פאבריקאנט האט פארדינט צוויי טויזענד דאלער א טאג". די צייטונגען האבען געמאלדען אז די פאבריקאנטען אין ניו ענגלאנד מאכען פון צען ביז פערציג פראצענט ריוח.

עס האט זיך איצט ענטוויקעלט די שניידער־אינדוסטריע אויף א גרויסען מאסשטאב. אין די פריערדיגע יארען איז די אינדוסטריע שוין אויך געווען אין א בליענדיגען צושטאנד. מען פלעגט פאבריצירען קליידער פאר די פארמער אין דער וועסט און אין דער סאוט. די אינדוסטריע איז געווען כמעט אויסשליסליך אין די הענט פון די דייטשע אידען אין די פיר שטעט — ניו יארק, באסטאן, פילאדעלפיע און סינסינעטי. איצט האבען די פאבריקאנטען באקומען גרויסע קאנטראקטען צו מא־כען קליידער פאר דער ארמיי. דאס האט זיי געגעבען די מעג־ליכקייט צו פארגרעסערען די פאבריקען און צו באנוצען זיך מער מיט די ניי־מאשינען, וואס זיינען ערפונדען געווארען נאך מיט א צען־צוועלף יאר פריער.

דאסזעלבע האט פאסירט מיט דער שוך־אינדוסטריע. אומ־געפער אין יענער צייט איז דערפונדען געווארען א מאשין אויף צונויפצונייען די זוילען מיט די כאלעוועס. די גרויסע נאכפרא־גען אויף שיך פאר דער ארמיי, די גרויסע רעגירונגס קאנ־טראקטען, האבען מעגליך געמאכט פאר די פאבריקאנטען צו בויען גרויסע פאבריקען און צו באנוצען זיך מיט די מאשינען. „אזוי ווי דורך כישוף", — שרייבט פאיט — „זיינען איצטער די קליינע שוך־ווארשטאטען פארשוואונדען און די גרויסע פאב־ריקען האבען פארנומען זייער פלאץ". א צייטונג אין לין, מאסא־טשוזעטס, האט געשריבען: שיך ארבייטער קומען אן אין שטאט אזוי שנעל ווי מען מאכט פלאץ פאר זיי. אויף אלע זייטען בויט מען שוך־פאבריקען. איבעראל הערט זיך דאס הודזשען

פון די שוך־מאַשינען.״ די צענטערען פון דער שוך־פאַבריקאַציע זיינען געווען הייווערהיל, דענבורי, לין און אַנדערע שטעטלאַך אין מאַסאַטשוזעטס. דאָרט האָט זיך קאָנצענטרירט מער ווי אַ העלפט פון דער גאַנצער שוך־אינדוסטריע. עס זיינען אויך אויס־געבויט געוואָרען שוך־פאַבריקען אין ניו יאָרק און אין פילא־דעלפיא.

אין די מלחמה־יאָרען איז שיקאַגאָ געוואָרען דער הויפּט צענ־טער פון דער פלייש־אינדוסטריע. פריער פלעגט מען די חזירים הרג'ענען און צוגרייטען פאַר'ן מארק אין די שטעט סט. לואיז, לואיוויל און סינסינעטי. איצט, אז דער טייך מיסיסיפּי איז פאַרשלאָסען געוואָרען, איז די אינדוסטריע גרעסטענטייל אריי־בער אין שיקאַגאָ וועלכע האָט דורך אייזענבאַנען פאַראייניגט די איסט מיט דער וועסט. אין משך פון די מלחמה־יאָרען זיינען אין שיקאַגאָ אויסגעבויט געוואָרען די גרויסע „סטאָק יאַרדס״ (שלאַכט הייזער).

גרויס פאָרטשריט איז געמאַכט געוואָרען אין דער ענטוויקלונג פון דער אייזען אינדוסטריע: אייזען־מינען, אייזען־גיסערס, און די פאַבריקאַציע פון אייזענוואַרג. די אינדוסטריע האָט זיך קאָנ־צענטרירט אין דריי שטאַטען: ניו יאָרק, פּענסליווייניא און ניו דזשוירזי. פּיטסבורג, פּענסילווייניא, איז געוואָרען די וויכטיגסטע אייזען־שטאָט. אין די לעצטע אַנדערהאַלבען יאָר פון דער מלחמה איז דאָרט פאַבריצירט געוואָרען אייזען און שטאָל אויף דער סומע פון 26 מיליאָן דאָלער.

אַלע נויטיגע מעטאַלען און מינעראַלען האָט די נאָרט באַקו־מען פון אירע אייגענע מינעס. אין די מלחמה־יאָרען איז גע־מאַכט געוואָרען ריזיגער פאָרטשריט אין דער ענטוויקלונג פון קוילען־מינעס, ווי אויך אין די מינעס פון אייזען, קופּער, זאַלץ, גאָלד און זילבער. די אַלטע מינעס זיינען גרינטליכער בעאַר־בייט געוואָרען און נייע מינעס זיינען ענטדעקט געוואָרען.

דער וויכטיגסטער קוילען־שטאַט איז געווען פּענסילווייניא. אין 1860 האָט מען פון די מינען אין דעם שטאַט ארויסגע־גראַבען ניין־און־א־האַלב מיליאָן טאָן הארטע קוילען; אין 1864

האָט מען דארט אַרויסגעגראבען צען מיליאָן טאָן. אין פענסילוויניא זיינען אויך געווען א סך אייזען־מינען. אין פארלויף פון די מלחמה־יארען זיינען ענטוויקעלט געווארען אייזען־מינעס אויך אין מישיגען. דערזעלבער שטאַט מישיגען האָט אויך באַזאָרגט די נאָרט מיט קופּער. די דאָרטיגע מינעס האָבען ארויסגעגעבען זעקס טויזענד טאָן קופער א יאָר. מען האָט דעמאָלט אויך ענטדעקט קופער אין קאַליפאָרניע.

ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה זיינען אין זעלבען שטאַט מישיגען ענטדעקט געווארען זאַלץ־זאַפּאַסען. אין די נעקסטע פיר יאָר האָט מען דאָרט אַרויסגענומען אַ האַלבען מיליאָן פעסער זאלץ א יאָר. דאָס איז פאר דער נאָרט געווען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. איר הויפּט קוואַל פון זאלץ איז פריער געווען אַ געוויסע געגענד אין ווירדזשיניא. איצט איז יענע געגענד געווען ביי די רעבעלען. אין דער איסט וואָלט מען זיך ווי־עס־איז קענען באַגיין, ווייל אין ניו יארק זיינען געווען זאלץ־זאַפּאסען. אָבער די וועסט האָט זיך אימער פאַרלאָזען אויף די זאַלץ פון ווירדזשיניא. איצט האָט זיך די וועסט גענויטיגט אין מער זאַלץ ווי פריער, צוליב דער ענטוויקלונג פון דער פלייש־אינדוסטריע אין שיקאגאָ. עס איז דערפאר געווען אַ גליק פאר דער נאָרט וואָס גראָד דעמאָלט איז ענטדעקט געווארען דער נייער זאַלץ־קוואַל אין אַ שטאַט וואס איז געווען א טייל פון דער וועסט, אין מישיגען.

אויל איז צום ערשטען ענטדעקט געווארען אין א שטעטעל אין פענסילוויניא אין 1859. אין פארלויף פון די מלחמה־יארען האָט מען געעפענט טויזענטער אויל־קוואַלען אין פענסילוויניא און אין די אַרומיגע שטאַטען. דאָס גאַנצע לאַנד האָט דערמיט געקאָכט. ספּעקולאַנטען האָבען אָרגאַניזירט אויל־קאָרפּאָראַציעס, מענשען האָבען אריינגעלייגט זייער געלט מיט דער האָפענונג אז זיי וועלען איבער נאכט רייך ווערען. ביים סוף פון דער מלחמה זיינען אין לאַנד געווען עלף הונדערט אויל־געזעלשאפטען מיט אן איינגעצאָלטען קאַפּיטאל פון 90 מיליאָן דאָ־

לער; אַקציעס האָבען די געזעלשאַפטען (קאָרפּאָריישאָנס) ארויס־געגעבען אויף 600 מיליאָן.

אין זעלבען יאָר ווען עס איז ענטדעקט געווארען אויל אין פּענסילוויינא איז ענטדעקט געווארען גאָלד און זילבער אין נע־ווארא. אין די ערשטע פּאָר יאר האָט מען דאָרט אויסגע־גראָבען גאָלד און זילבער אין באַטרעף פון 52 מיליאָן דאָ־לער. אומגעפער אין דערזעלבער צייט האָט מען ענטדעקט גאָלד אין קאָלאָראדאָ. מענשען האָבען אָנגעהויבען אהין צו לויפען. שפּעטער אביסעל האָט מען געפונען גאָלד אין מאָנטאנא. עס איז אינטערעסאנט, אז גראָד דעמאָלט זיינען די גאָלד־מינען אין קאליפאָרניא טיילווייז אויסגעשעפּט געווארען. פּונקט דעמאָלט ווען קאליפאָרניא האָט אויפגעהערט צו באַזאָרגען דאָס לאַנד מיט גאָלד, זיינען אונטערגעקומען די ענטדעקונגען אין קאָלאָראדאָ און מאָנטאנא. אין פאַרלויף פון די מלחמה־יארען האָט די נאָרט אויסגעגראָבען פון אירע מינעס מיט צען מיליאָן דאָלער א יאָר מער גאָלד ווי אין די פריערדיגע יארען.

די ענטדעקונג פון גאָלד און זילבער אין דער וויטער וועסט האָט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק. מענשען האָבען מאסען־ווייז גענומען לויפען אהין; איבערהויפּט איז מען געלאָפען פון די גרענעץ־שטאַטען, וואו די מלחמה האָט פאַראורזאכט א סך ליידען. עס זיינען אהין אויך געלאָפען מענשען פון דער סאוט, אזעלכע וואס האָבען איינגעזען, אז די סאוט קען ניט געווינען די מלחמה. פון דער נאָרט זיינען אהין געקומען מענשען וואס זיינען אנטלאָפען פון מיליטער־דינסט.

די שפע אין אגריקולטור און אין די מינען־אינדוסטריען האָט זיך נאַטירליך אָפּגעשפּיגעלט אויף די טראַנספּאָרט־ליניעס, אי אויפ'ן וואסער אי אויף דער יבשה. צום סוף פון יעדען מלחמה־יאָר האָבען די באַן־קאָמפּאַניעס ארויסגעגעבען אָפּטימיסטישע באריכטען — יעדען יאר מער אָפּטימיסטיש ווי אין פריערינען יאָר. צום סוף פון 1861 האָט דער באריכט געלויטעט: „דאָס יאָר איז געווען זייער גינסטיג פאר די באַנען אין דער נאָרט. זייערע פאַרדינסטען האָבען א סך איבערגעשטיגען די פאַרדינס־

טען פון יאר 1860.״ צו ענדע 1862 האָט דער באריכט אזוי געלויטעט: „דאָס יאר 1862 וועט פארשריבען ווערען אלס דאָס בעסטע וואָס די באַן־קאָמפּאַניעס האָבען ווען געהאַט. די באַן־קאָמפּאַניעס האָבען אין די אַלע יארען פון זייער עקזיסטענץ ניט פארדינט אזוי פיל ווי זיי האָבען פארדינט היינטיגס יאָר, פאר וועלכען מען האָט זיך אזוי געשראָקען.״ צו ענדע פון יאר 1863 האָט דער באריכט אזוי געלויטעט: „די באַנען האָבען זיך לעצטען יאָר פאַנאַנדערגעבליט. טייל האָבען אויסגעצאָלט זייערע חובות און טייל האָבען פארקלענערט זייערע חובות. זייערע פארדינסטען האָבען זיך פארגרעסערט. דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז געווען דאָס בעסטע, וואָס די קאָמפּאַניעס האָבען ביז איצט געהאַט.״

די באַנען האָבען איצט אָנגעהויבען צו צאָלען פּראָצענטען אויף אַקציעס, און גרויסע פּראָצענטען. דער ווערט פון די אַקציעס איז געשטיגען. די אירי־באַן האָט ביז דער מלחמה קיין ריווחים ניט געמאַכט און זי האָט ניט געצאָלט קיין דיווידענדען אויף די אַקציעס. איצט האָט זי גענומען צאָלען אכט און ניין פּראָצענט. פאַר דער מלחמה זיינען אירע אַקציעס ווערט געווען 17 דאָלער. דעם דריטען יאָר פון דער מלחמה האָט מען פאר זיי געצאָלט 126 און אַ האַלב דאָלער. דאָסזעלבע איז געווען מיט אַנדערע גרויסע אייזענבאַנען. די אַקציעס פון 16 באַן־קאָמפּאַניעס וואָס זיינען פאר דער מלחמה ווערט געווען 70 מי־ליאָן, זיינען איצט ווערט געווען 150 מיליאָן.

די באַנען האָבען אָבער געהאַט אַ גרויסען קאָנקורענט — דער וואַסער פּאַרקער. איבערהויפּט האָבען די קאָנקורענץ געפילט יענע באַנען, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער דער ברייט פון לאַנד, פון איסט צו וועסט. די פארמער פון דער וועסט האָ־בען זייער תבואה געשיקט מיט דער באַן קיין שיקאַגאָ. פון שיקאַגאָ קיין ניו יארק אָדער באָסטאָן האָט מען די תבואה גע־קענט פירען ענטוועדער מיט דער באַן אָדער מיט אַ שיף. די שיפען זיינען געגאַנגען איבער די „לעיקס״ קיין באַפלאָ. פון דאָרט האָבען שיפען געפירט די תבואה איבער׳ן אירי קאַנאַל,

ארונטער מיט'ן האָדסאָן ביז ניו יארק. פון ניו יארק האָט מען די תבואה מיט שיפען געקענט פירען קיין באָסטאָן. די שיפען האָבען טאקע געקראָגען א גרויסען טייל פון דער פראכט, און דאָס איז געווען א גליק פאר די פארמער. די קאָנקורענץ פון די שי־פען האָט אוממעגליך געמאכט פאר די באַן־קאָמפּאניעס ארויפ־צוציען די פרייזען פאר פירען תבואה. אין משך פון דער מלחמה האָט זיך די צאָל פון שיפען אויף דעם אירי קאנאל פארדאָפּעלט, פון דריי טויזענד שיפען אויף זעקס טויזענד.

דער קריזיס אין דער נאָרט אין פארלויף פון ערשטען קריגס־יאָר איז געקומען דורך עטליכע אורזאכען:

ערשטענס, האָבען די געשעפטסלייט אין דער נאָרט געהאט גרויסע פארלוסטען דורכדעם וואס זייערע קונדען אין דער סאוט האָבען זיך ענטזאגט צו צאָלען זייערע חובות. די סאוט האָט געקויפט אירע סחורות אין דער נאָרט. אזוי שנעל ווי אין דער סאוט האָט זיך אנגעהויבען צו רודערען וועגען אָפּרייסען זיך האָבען זיך די דאָרטיגע סוחרים אנגעהויבען אונטערצופוילען צו צאָלען דער נאָרט זייערע וועקסלען. נאָכדעם ווי די סאוט האָט זיך אָפּגעריסען האָט די רעגירונג דארט אנגענומען א געזעץ וואס האָט פארבאָטען די געשעפטסלייט פון דער סאוט צו שיקען געלד אין די נאָרט־שטאטען. איצט האָבען אפילו די, וואס האָ־בען געוואָלט צאָלען, אויך ניט געטאָרט. ארום און ארום איז די סאוט שולדיג געווען דער נאָרט 300 מיליאָן דאָלער, און דאָס האָט די נאָרט פארלאָרען. די הענדלער פון ניו יארק זיינען גע־טראָפען געווארען אם שטארקסטען. זייערע פארלוסטען האָבען דערגרייכט די ציפער פון 160 מיליאָן. איבערהויפּט האָבען געליטען די הענדלער פון קליידער, שיך, צירונג און גאלאנטעריי.

א צווייטע אורזאך פון דעם קריזיס איז געווען די מלחמה גופא. ווען א מלחמה ברעכט אויס אין א לאנד ווערט דאָס עקאָנאָמישע לעבען פון אָנפאנג פאראליזירט. מענשען דער־שרעקען זיך. יעדער הויבט אָן איינצושפּארען. מען האָט מורא צו קויפען, אויסצוגעבען געלד. און וויבאלד מען קויפט ניט

הערט דער פאבריקאנט אויף צו פאבריצירען. יעדערער איז צוטומעלט. עס דארף געדויערען א שטיקעל צייט איידער מען געוואוינט זיך צו צו דער נייער לאגע, איידער דאס עקאנאמישע לעבען ווערט ווידער נארמאל.

א דריטע אורזאך איז געווען די פריערדיגע זינד פון די באנקען. די באנקען פון גאנצען לאנד האבען געהאלטען א צו קליינעם רעזערוו. אז דער עולם האטביים אויסברוך פון קריג זיך דערשראקען און גענומען ארויסציען זייער געלט, האבען א סך באנקען ניט געהאט מיט וואס צו צאלען. דאס גליק איז נאך געווען וואס גראד דעמאלט האט זיך אנגעהויבען א גרויסער עקספארט פון תבואה קיין אייראפא און אייראפא האט ארייג־געשיקט א היבש ביסעל גאלד. ווען ניט דער גליקליכער צופאל וואלטען קיינע פון די באנקען ניט געקענט אויסלייזען זייערע פאפירען מיט גאלד און אלע באנקען וואלטען זיך געמוזט ער־קלערען טיילווייז באנקראט.

אין דער וועסט האבען זיך טאקע א סך באנקען צוגעשלא־סען. דארט איז געווען א ספעציעלע לאגע. די באנקען אין דער וועסט פלעגען ארויסגעבען געלט־אסיגנאציעס אויף דעם סמך פון אקציעס וואס זיי האבען איינגעלייגט אלס גאראנטיע ביי דער רעגירונג. די אקציעס פלעגען די באנקען קויפען אין דער סאוט. עס האט ניט אויסגעמאכט צי די אקציעס זיינען טאקע ווערט געווען די פולע סומע צי ניט, געלט פלעגען די באנקען דרוקען אויף דער פולער סומע. איצט זיינען די אקציעס פון דער סאוט שטארק געפאלען אין ווערט. דער עולם האט גע־גלויבט, אז די אקציעס זיינען אינגאנצען ווערטלאז. די באנקען אין דער איסט און די הענדלער האבען זיך ענטזאגט צו נעמען דאס געלט וואס די באנקען פון דער וועסט האבען ארויסגעגעבען און די באנקען אין דער וועסט האבען זיך געמוזט שליסען. עס איז דארט געווארען א הונגער אויף געלט. פראפעסאר פאיט שרייבט: „יעדען טאג איז געלט פון דער אדער יענער באנק ערקלערט געווארען אלס ווערטלאז און די באנק האט זיך געמוזט צומאכען. איין טאג אין נאוועמבער, נאך לינקאלנ'ס דערוויי־

לונג, האָבען די באנקירען און די „בראוקערס" פון שיקאגאָ ארויסגעווארפען דאָס געלט פון זיבען באנקען אין אילינאָי. אין מאָנאט אפריל, ווען די מלחמה האָט אויסגעבראכען, האָבען 37 באנקען פון אילינאָי באנקראָטירט. פון 100 באנקען אין דעם שטאַט האָבען 89 באנקראָטירט אין פארלויף פון יאר. שיקאגאָ האָט פארלאָרען איר גאנצען באנק־קאפּיטאל. פאר דער מלחמה האָבען אין אילינאָי צירקולירט אסיגנאציעס אויף דער סומע פון 12 מיליאָן, און איצט זיינען דאָרט געווען אסיגנאציעס פאר ניט מער ווי 400 טויזענד דאָלער. אין וויסקאָנזין האָבען 39 באנקען זיך געשלאָסען; אין אינדיאנא, 27.

„געליטען פון די באנקראָטען האָט דאָס פאָלק. די באנקען האָבען קיין פארזוך ניט געמאכט אויסצולייזען די איינגעלייגטע אקציעס מיט גוטע געלט. זיי האָבען זיך פון די אקציעס אפּ־געטרייסעלט און געלאָזען די רעגירונג זאָל זיי פארקויפען אין „אָקשען". דער ווערט פון די אסיגנאציעס איז אפּהענגיג גע־ווען אָן דער סומע וואס די פארקויפטע אקציעס האָבען אריינ־געטראגען. טייל אקציעס האָבען אריינגעבראכט 60 סענט אויפ'ן דאָלער, טייל 70, טייל 80. עס האָט געשאפען א מאָדנע צו־טומעלטע לאגע. די אסיגנאציעס פון די פארשידענע באנקען האָבען געהאט פארשיידענע פרייזען. דערזעלבער „דאָלער־ביל", אויב ער איז ארויסגעגעבען געווארען פון איין באנק, איז ער ווערט געווען 60 סענט, און אויב פון אן אנדער באנק, איז ער ווערט געווען 70 סענט, און אזוי ווייטער. אָט דער געלט־כאאָס אין דער וועסט איז געווען א קלאפּ פאר דעם האנדעל וואס די אנדערע טיילען פון לאנד האָבען מיט דער וועסט געפירט. א סך סוחרים פון דער איסט זיינען רואינירט געווארען ווייל עס איז געווען ענטוועדער זייער שווער אדער אינגאנצען אוממעגליך איינצומאָנען חובות אין דער וועסט".

דער קריזיס האָט ניט אָנגעהאלטען לאנג. דעם צווייטען יאר איז די נאָרט געווען פול מיט שפע, מיט „פּראָספּעריטי". אָבער די פראגע פון געלט, פון פינאנץ איז דורך דער שפע ניט פארענטפערט געווארען. דאָס וואס יעדע באנק אין יעדען שטאַט

האט געהאט דאס רעכט ארויסצוגעבען איר אייגען געלט איז געוועזן א גרויסע שטערונג. די נאכפראגע אויף געלט איז געוועזן זייער גרויס. וואס מער דער האנדעל איז געוואקסען, וואס מער די אינדוסטריע האט זיך ענטוויקעלט אלץ מער האט מען זיך גענויטיגט אין געלט אלס פארמיטלער פון האנדעל און אינדוסטריעלען פארקער. די באנקען אין דער איסט האבען געדרוקט מער אסיגנאציעס ווי זיי האבען געהאט א רעכט לויט זייער איינגעלייגטע גאראנטיע. א באנק אין פיטסבורג מיט א קאפיטאל פון א האלבען מיליאן דאלער האט געדרוקט אסיגנאציעס אויף דער סומע פון נאענט צו א מיליאן. עס זיינען געוועזן באנקען אין פענסילווייניא וואס האבען ארויסגעגעבען געלט אויף צוויי און דריי מאל אזוי פיל ווי זייער קאפיטאל האט זיי ערלויבט.

און אזוי ווי אלע באנקען האבען געדרוקט געלט און אין לאנד האבען צירקולירט טויזענדער פארשיידענע אסיגנאציעס, איז עס לייכט געוועזן פאר שווינדלער צו פעלשען געלט. פראפעסאר פאיט רעכענט אויס, אז אין לאנד האבען דעמאלט צירקולירט ניט ווייניגער ווי אכט טויזענט פארשיידענע סארטען אסיגנאציעס. ווער, אלזא, האט געקענט זיין זיכער צי די אסיגנאציעס וואס ער באקומט זיינען ריכטיגע צי געפעלשטע? עס איז געקומען אזוי ווייט, אז עס איז נויטיג געוועזן צו דרוקען זשורנאלען וואס האבען געווארענט דעם עולם ווי צו היטען זיך פאר געפעלשטע געלט. איינער אזא זשורנאל האט זיך אין ניו יארק פארקויפט אין 100 טויזענט עקזעמפלארען. ווען א זשורנאל פלעגט ווארענען מען זאל זיך היטען פאר געפעלשטע געלט פון יענער און יענער באנק, פלעגט מען מורא האבען אפילו דאס גוטע געלט פון דער באנק צו נעמען.

די רעגירונגען פון די פארשיידענע שטאטען האבען געזוכט עצות, ווי אזוי צו פארבעסערען די לאגע. די באנקירען אליין האבען געזוכט עצות. די ערליכע פון זיי האבען זיך ארגאניזירט אין געזעלשאפטען און אנגענומען מיטלען צו צווינגען די ניט־ערליכע באנקירען זיי זאלען זיין ראיעל מיט דרוקען געלט. אבער די מיטלען האבען ווייניג־וואס געהאלפען.

ענדליך האָט די נאציאנאלע רעגירונג אין וואשינגטאָן אנ־גענומען א מיטעל. די נאציאנאלע רעגירונג האָט אויך גע־דרוקט אסיגנאציעס. דאָס געלט וואס זי האָט ארויסגעגעבען איז אייגענטליך געווען הלוואות, אזוי ווי וועקסלען. די נאציאָ־נאלע רעגירונג האָט איינגעזען, אז אויב זי וועט דרוקען געלט און ערלויבען אז די באנקען אין לאנד זאָל זאָלען אויך דרוקען געלט, וועט עס פירען צו א פינאנציעלען קריזיס. געלט וועט ווערען אזוי ביליג, אז די פרייזען פון לעבענסמיטעל וועלען שטיי־גען זייער הויך. אין זיין מעסעדזש צום קאָנגרעס אָנפאנג 1863 האָט פרעזידענט לינקאָלן רעקאָמענדירט א געזעץ וועגען נאציאָ־נאלע באנקען.

דעם פלאן האָט אויסגעארבייט פינאנץ־מיניסטער טשיים. דער פלאן איז געווען: פינף אָדער מער מענשען מעגען אָר־גאניזירען א נאציאנאלע באנק. זיי מוזען האָבען א קאפּיטאל פון ניט ווייניגער ווי 50 טויזענד דאָלער. אויב זיי ליגען איין ביי דער נאציאנאלער רעגירונג אקציעס פון דער נאציאנאלער רעגירונג וועט זי פאר זיי דרוקען אסיגנאציעס. לויט דעם פלאן איז די רעגירונג גרייט געווען צו דרוקען דעמזעלבען סארט געלד, דעמזעלבען סארט אסיגנאציעס, פאר אלע נאציאָנאלע באנ־קען וואס וועלען זיך אָרגאניזירען. יעדע נאציאָנאלע באנק־אסיגנאציע האָט געהאט דעם זעלבען ווערט אין אלע שטאטען פון לאנד.

דער פּראָיעקט איינצופירען נאציאָנאלע באנקען איז ביי־טער באקעמפט געווארען. מען האָט אויפגעהויבען דעם אלטען געשריי, אז די נאציאָנאלע רעגירונג וויל אוועקנעמען מאכט פון די שטאט־רעגירונגען (פריער האָט זיך די נאציאָנאלע רע־גירונג ניט געמישט, ניט אין באנקען און ניט אין זייערע גע־שעפטען. זי האָט עס איבערגעלאָזען צו די באזונדערע שטאט־רעגירונגען). די שטאט־באנקען האָבען אויך געקעמפט געגען דעם דאָזיגען פלאן, איבערהויפּט יענע באנקען, וואס האָבען געהאט א גוטע רעפּוטאציע. זיי האָבען ניט געוואָלט אויפגעבען זייער

עקזיסטענץ און זיך פארוואנדעלן אין עפּעס אנדערש, אין נאציא־נאלע באנקען.

דאָס געזעץ איז אָבער אָנגענומען געווארען. די וועסט האָט זיך די ערשטע אפּגערופען און גענומען אָרגאַניזירען נאציאָנאַלע באנקען. דאָרט האָט מען אם שאַרפסטען געפילט די אומבאקוועמ־ליכקייט פון דער אַלטער סיסטעם און דאָרט האָט מען אם שטאַרק־סטען מורא געהאַט פאַר די געפערליכע רעזולטאטען פון דעם פינאנציעלען כאאָס. עס זיינען אָרגאניזירט געווארען נאציאָ־נאלע באנקען אין סינסינעטי, מילוואָקי, קליוולאנד, טאָלעדא, און דאָן שיקאגאָ. די סוחרים אין די אַלע שטעט האָבען צווישען זיך אָפּגעמאַכט, אז נאָך אַ געוויסען דאטום זאָלען זיי זיך ענטזאגען צו נעמען אַנדערע אסיגנאציעס ווי נאָר פון די נאציאָנאלע באנ־קען. אויף דעם אופן איז געלונגען צו צווינגען דאָרט די שטאַט־באנקען זיי זאָלען זייערע אסיגנאציעס צוריקציען.

דאָס אַליין וואָלט אָבער דאָס געלט פון די שטאַט־באנקען ניט אויסגעראטען. איבערהויפּט אין דער איסט וואלטען זיך די באַנק־געלדער לאנג געהאלטען. איז אָבער שפּעטער אין וואשינג־טאָן דורכגעפירט געווארען אַ געזעץ, אז שטאַט־באנקען וואס דרו־קען געלט מוזען צאָלען אַ שטייער אויף זייערע אסיגנאציעס, אַ שטייער פון צען פּראַצענט. דאָס געזעץ האָט אוממעגליך גע־מאכט פאר די שטאַט־באַנקען ווייטער צו דרוקען געלט. אין פארלויף פון איינינע מאָנאטען נאָכדעם ווי דאָס שטייער־געזעץ איז אריין אין קראַפט, זיינען אין לאַנד אָרגאניזירט געווארען טויזענד נייע נאציאָנאלע באַנקען.

איין אינדוסטריע איז אין פארלויף פון די מלחמה־יארען כמעט אינגאנצען פארניכטעט געווארען — די אמעריקאנער האנ־דעלס־פלאָטע. איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, אין פאר־לויף פון דעם יאר 1860, האָבען די אמעריקאנער שיפען גע־פירט קיין אויסלאנד און צוריק סחורה אויף דער סומע פון 507 מיליאָן דאָלער; אין 1864 האָבען זיי שוין געפירט בלויז 184 מיליאָן. די אויסלענדישע האנדעלס־שיפען האָבען, פארקערט,

אריינגעפירט און ארויסגעפירט סחורה פון די אמעריקאנער האַ־פענס צוויי מאָל אזוי פיל אין 1864 ווי אין 1860. אין פאר־לויף פון די מלחמה יארען איז די אמעריקאנער האנדעלס־פלאָטע פארקלענערט געווארען אויף פינף טויזענד מאַן.

די מלחמה איז ניט אינגאנצען געווען שולדיג אין דעם. נאָך מיט צען, צוואנציג יאָר פריער האָט ענגלאַנד זיך גענומען ארויסווייזען פאר אַ צו־שטארקען קאָנקורענט פון אמעריקע אין דעם דאמף־שיף טראנספּאָרט אויף דעם גרויסען ים. די ענגלישע רעגירונג האָט ארויסגעהאָלפען די פּריוואטע שיף־קאָמפּאניעס מיט סובסידיעס. ענגלאנד האָט אויך געהאַט די מעגליכקייט צו בויען אירע דאמף־שיפען ביליגער ווי אמעריקע ווייל ביי איר איז אייזען און קוילען געווען ביליגער. אירע ארבייטער האָבען זיך אויך באַנוגענט מיט קלענערע שכירות.

די מלחמה האָט אָבער דעם פּראָצעס פארשנעלערט. אָן דער מלחמה וואָלט עס ווארשיינליך געדויערט לענגער איידער ענגלאַנד וואָלט אינגאנצען באזיגט די אמעריקאנער שיף־אינדוס־טריע. אין פארלויף פון דער מלחמה זיינען אַ סך אמעריקאנער שיפען פארניכטעט געווארען פון דעם שונא. אַ סך שיף־אייגענ־טימער האָבען, פון מורא, אליין איבערגעשריבען זייערע שיפען אויפ'ן נאָמען פון ענגלישע קאָמפּאניעס. די אמעריקאנער קאַ־פּיטאַליסטען האָבען מורא געהאַט ארייַנצולייגען זייער געלט אין דער שיף־אינדוסטריע. דאָס אַלץ האָט מיטגעבראַכט, אַז אין פארלויף פון די פינף יאָר זיינען די אמעריקאנער האנדעלס־שיפען כמעט אינגאנצען פארשוואונדען פון דעם גרויסען ים.

די גרויסע שפע האָט געשאַפען אַ סך נייע קאַפּיטאַליס־טען. אין ניו יארק אליין זיינען שוין געווען עטליכע הונדערט מענשען וואָס האָבען פארמאָגט אַ מיליאָן (מיט צוואנציג יאָר פריער זיינען אין גאַנץ אמעריקע ניט געווען מער ווי צוואַנ־ציג מיליאָנערען). די דריי רייכסטע לייט אין ניו יארק זיי־נען איצט געווען: אסטאָר, וואַנדערבילט און סטוארט. סטוארט האָט געצאָלט „אינקאָם טעקס" אויף אַ סומע פון צוויי מיליאָן;

דאס הייסט, אז לויט זיינע אייגענע ציפערען האט ער פארדינט אן ערך פון צוויי מיליאן א יאר. אסטאר און וואנדערבילט האבען געצאלט כמעט אזוי פיל אינקאם טעקס ווי סטוארט.

וואס האבען די ארבייטער מאסען געהאט פון דער „פראס־פעריטי"?

די שכירות פון די ארבייטער האט זיך אין די מלחמה יארען פארגרעסערט, אבער ניט אויף אזוי פיל צו דעריאגען די העכע־רונג פון די פרייזען פון לעבענסמיטעל. די מלחמה האט גע־בראכט א גרויסען יקרות אין לאנד. און די העכערונג פון די שכירות האט ניט געקלעקט צו דעקען דעם יקרות.

אט וואס פראפעסאר פאיט שרייבט: „די לאגע אין ניו יארק סוף יאר 1863 קען דינען אלס ביישפיל פאר'ן גאנצען לאנד. דער פרייז פון אייער איז דארט געשטיגען פון 15 סענט א טוץ אויף 25 סענט; קעז — פון 8 סענט א פונט, אויף 18 סענט; קארטאפעל — פון א דאלער און א האלב א בושעל, אויף צוויי דאלער. און אזוי כסדר. אלע לעבענסמיטעל זיינען טייער געווארען אויף 60, 75 און אפטמאל אויף גאנצע הונדערט פראצענט. די שכירות זיינען געבליבען הינטערשטעליג. די שכירות פון דעם שמיד זיינען פארגרעסערט געווארען פון א דאלער און 75 סענט א טאג אויף צוויי דאלער א טאג. דער ניט־קוואליפיצירטער ארבייטער האט געקראגען געהעכערט פון א דאלער א טאג אויף א דאלער און א פערטעל. די דורכשניטליכע העכערונג אין אלע פאכען איז געווען אויף 25 פראצענט. דאס הייסט, אז אין פארגלייך מיט דער העכערונג אין פרייזען האט דער ארבייטער באקומען א העכערונג פון וויניגער ווי א העלפט". דער דאלער איז געפאלען אין ווערט און דער ארבייטער איז גע־ווען אלץ מער און מער הינטערשטעליג".

די לאגע פון די פרויען־ארבייטער איז געווען א סך אן ער־גערע ווי די לאגע פון די מענער־ארבייטער. די פרויען האט מען די שכירות כמעט גארניט געהעכערט. עס זיינען געווען פאלען אין פארלויף פון דער מלחמה ווען מען האט זיי נאך די שכירות געשניטען. „דער טרויעריגסטער פאל איז געווען

מיט די שניידערינס. טויזענדער פון זיי זיינען געווען באַשעפטיגט ביי נייען מונדירען פאַר דער ארמיי. טייל האָבען געארבייט דירעקט פאַר דער רעגירונג און טייל פאַר קאָנטראקטאָרס (פּאָדריאַדטשיקעס). אין פילאַדעלפיע האָבען פרויען באַקומען פאַר אויפנייען א פּאָר סאָלדאַטסקע הויזען, 17 און א האַלב סענט. דעם פּרייז האָט די רעגירונג געצאָלט אין 1861. מיט דריי יאָר שפּעטער, ווען די פּרייזען פון לעבענס־מיטעל האָבען דערגרייכט דעם העכסטען פּונקט פון יקרות, האָבען די פרויען באַקומען פאַר אויפנייען די זעלבע פּאָר הויזען 15 סענט. קאָנטאַרקטאָרס האָבען פאַר דערזעלבער ארבייט געצאָלט ניט מער ווי אכט סענט. . . עס זיינען אפּגעהאַלטען געוואָרען פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען פון בירגער. פּעטיציעס זיינען געשיקט געוואָרען צום פּרעזידענט און צום קריגס־מיניסטער, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען. די אָרימע קרבנות זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען אויף גאָט'ס באַראָט. זיי האָבען אָן צווייפעל אם שטאַרקסטען געליטען פון דער מלחמה". די קאָנטראַקטאָרס וואָס האָבען געמאַכט די סאָלדאַטסקע קליידער פאַר דער רעגירונג האָבען געצאָלט די פרויען־ארבייטער דורכשניטליך א דאָלער און א האַלב א וואָך.

די נאָכפראַגע אויף ארבייטער איז געווען זייער גרויס. עס האָבען געפעלט ארבייטער אין א סך אינדוסטריען, ווייל טויזענטער און טויזענטער יונגעלייט זיינען אוועק אין דער ארמיי. דאָך איז שווער געווען פאַר די פּאַרבליבענע ארבייטער צו קריגען בעסערע באַדינגונגען. די באַלעבאַטים האָבען אריינגעצויגען אין די פאַבריקען וואָס מער פרויען, וואָס מער קינדער. זיי האָבען אויך געבראַכט אהער ארבייטער פון אייראָפּע. פּראָפעסאָר פאַיט שרייבט: „אָפט האָבען די באַלעבאַטים, ביי ווען די ארבייטער האָבען געסטרייקט, געשיקט אגענטען צו ברענגען אהער ארבייטער פון אייראָפּע. מינען־קאָמפּאַניעס און באַן־קאָמפּאַניעס וועלכע האָבען זיך גענויטיגט אין ארבייטער האָבען געטאָן דאָסזעלבע. פופצען טויזענד ארבייטער זיינען אימפּאָרטירט געוואָרען פון אויסלאַנד צו בויען די „אטלאַנטיק און

גרעיט וועסטערן" אייזענבאן. די שטאט־רעגירונגען זיינען באַ־הילפיג געווען אין דעם, ספּעציעל די שטאט־רעגירונג פון ניו יארק" . . . דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען צוויי געזעצען צו מאַ־כען לייכטער פאר די באַלעבאטים צו ברענגען ארבייטער פון אויסלאנד: איין געזעץ האָט פארזיכערט די אימיגראנטען אז מען וועט זיי ניט צווינגען ארייננצוטרעטען אין דער ארמיי; דאָס צווייטע געזעץ האָט געלויטעט, אז ווען איינער שרייבט אונ־טער א קאָנטראקט אין אויסלאנד צו באַצאָלען אן אמעריקאנער בירגער די רייזע־קאָסטען פאר ברענגען אים קיין אמעריקע, איז דער קאָנטראקט געזעצליך. אָט דאָס צווייטע געזעץ האָט מעג־ליך געמאכט פאר היגע באַלעבאַטים צו ברענגען אהער ארבייטער אויף קאָנטראקטען צו ארבייטען פאר זיי. עס האָט זיך זאָגאר אָרגאניזירט א קאָמפּאַניע, „די אמעריקען אימיגרענט קאָמפּאני", מיט א קאפּיטאל פון א מיליאָן דאָלער, צו אימפּאָרטירען אר־בייטער. די קאָמפּאַניע האָט געהאט אירע אגענטען אין אייראָפּא, וועלכע פלעגען דאָרט זוכען ארבייטער. ווען א באַלעבאָס האָט זיך דאָ גענויטיגט אין ארבייטער פלעגט ער גיין אין דעם אָפּיס (ביוראָ) פון דער קאָמפּאַניע און מאכען זיין באַשטעלונג. דער היגער אָפּיס פלעגט לאָזען וויסען די אַגענטען אין אייראָפּע זיי זאָלען ארויסשיקען די נויטיגע צאָל ארבייטער.

אין די פיר־פינף מלחמה יארען זיינען אהער אָנגעקומען 800 טויזענד אימיגראנטען. די ערשטע צוויי יאר איז די אימי־גראציע געווען קליין, בלויז ארום 90 טויזענד א יאָר. נאָכדעם אָבער איז די אימיגראציע שטארק געשטיגען. עס זיינען געווען וואָכען ווען אין ניו יארקער האפען אליין זיינען אָנגעקומען צען טויזענד אימיגראנטען.

„די ארבייטער האָבען געליטען פון נאָך א צרה, — שרייבט פּראָפעסאר פאַיט, — דאָס איז געווען די סיסטעם פון צאָלען די ארבייטער זייער לוין. אין די קאָטאן, אייזען און גלאָז פאַב־ריקען, אין די מינען פון פּענסילווייניא, אין די דרוקערייען און אין געוויסע אנדערע פירמעס האָבען די ארבייטער געקראגען באַ־צאָלט, איננאנצען אָדער טיילווייז, מיט אָנווייזונגען אויף קראָמען.

א סך מאָל האָבען זיך די ארבייטער גאָר ניט גענויטיגט אין די זאכען, וואס זיינען געשטאַנען אין די אָנווייזונגען. זיי האָבען מיט די אנווייזונגען געמוזט גיין אין באַשטימטע קראָמען און דאָרט האָט מען זיי גערעכענט אַזוינע פּרייזען ווי די קראָמען האָבען געוואָלט. אין געוויסע פאַלען האָבען די קראָמען טאַקע באַלאַנגט צו די באַלעבאַטים פון די פאַבריקען. די קראָמען האָבען זיך אויך אָפטמאָל געפונען אין פארוואָרפענע געגענדען וואו עס איז קיין קאָנקורענץ ניט געווען און זיי האָבען געקענט שטעלען וואס פאַר א פּרייזען זיי האָט זיך געגלוסט".

דער דורכשניטליכער ארבייטס־טאָג איז געווען צען שטונדען. אין אַ סך אינדוסטריען האָט מען געאַרבייט פיל לענגער; די ארבייטער אויף טראַמווייען און אָמניבוסען האָבען געארבייט זעכצען שטונדען. אין די פּאַפּיר־פאַבריקען און אין די וואָל־פאַבריקען האָט מען געארבייט זיבעצען שטונדען.

די ארבייטער האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די הויכע פּרייזען און די נידעריגע שכירות און עס זיינען פאָרגעקומען א סך סטרייקס. די באַלעבאַטים אָבער האָבען זיך אָרגאַניזירט צו־צוברעכען די יוניאָנס. עס זיינען געמאַכט געוואָרען א סך לאָק־אוטס. „אין ניו יארק סטייט האָבען די פּיאַנאַ־פאַבריקאַנ־טען אויסגעשלאָסען 12 הונדערט ארבייטער און דערקלערט, אז בלויז יענע ארבייטער וואס וועלען זיך אונטערשרייבען, אז זיי וועלען ניט באַלאַנגען צו קיין יוניאָן וועלען צוריקקריגען זייערע פּלעצער". די באַלעבאַטים פון א סך פאַכען האָבען אפּגעמאַכט צווישען זיך, אז קיינער זאָל ניט אריינגעמען אין זיין פאַבריק קיין ארבייטער סיידען ער ברענגט אַ שריפט פון זיין פריערדיגען באַלעבאָס צו ווייזען, אז ער איז „ערענהאַפט אפּגעזאָגט" געוואָ־רען, דאָס הייסט, אז ער איז ניט אוועק צוליב אַ סטרייק אדער צוליב אַן אַנדער יוניאָן־אַנגעלעגענהייט.

די רעגירונג האָט געהאַלטען מיט די באַלעבאַטים געגען די ארבייטער. אין סעינט לואיס און אין לואיוויל, צום ביישפּיל, האָט דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פארבאָטען סטרייקס. דער פירער פון אַ סטרייק אין אַן אַמוניציע פאַבריק אין ניו יארק

איז אַרעסטירט געוואָרען און איינגעשפּאַרט געוואָרען אין אַ פעסטונג. „גענעראַל טאָמעס אין טענעסי האָט אַרעסטירט צוויי הונדערט סטרייקערס און זיי אַרויסגעשיקט פון שטאַט. ווען די אַרבייטער אויף אַ רעגירונגס־באַן האָבען געסטרייקט האָט די רעגירונג געשיקט מאַטראָזען צו פאַרנעמען זייערע פּלעצער. אין ניו יאָרק זיינען די דאָק־אַרבייטער אַרויס אין סטרייק האָט די רעגירונג געשיקט מיליטער צו באַשיצען די סטרייק־ברעכער".

פּראָפעסאָר פּאַיט שרייבט: „די קריוודעס פון די אַרבייטער זיינען געווען אַ סך און ערנסטע. דאָך איז פאַר זיי שווער געווען צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון לאַנד. פאַר יעדען פּונקט וואָס זיי האָבען געוואונען האָבען זיי געמוזט שווער קעמפּען". „מאַנכע אַרבייטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער אַרמיי. אַנדערע זיינען אַוועק אויף די פאַרמס אין דער מיטעל־וועסט אָדער אין די מינען אין דער ווייטער וועסט. אַנדערע, ווידער, האָבען אומגעוואַנדערט פון איין שטאַט אין אַנדערען, אפשר וועלען זיי געפינען בעסערע פּלעצער. אַ קליינע צאָל איז אָבער פאַרבליבען אויף זייערע פּלעצער. צווישען זיי האָט אַ נאָך קלענערער טייל אָרגאַניזירט יוניאַנס. אָט די קליינע צאָל וואָס האָט אָרגאַניזירט יוניאַנס האָט אויפגעטאָן דאָס מערסטע פאַר דער אַרבייטער זאַך".

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען זיינען אין לאַנד געווען זייער ווייניג יוניאַנס. דער יקרות האָט געשאַפען אומצופרידענהייט צווישען די אַרבייטער און זיי האָבען זיך ווידער גענומען אָרגאַניזירען. „אין די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט — שרייבט פּאַיט, — ווי ניו יאָרק און פילאַדעלפיע, איז ניט אַוועק אַ וואָך אַז אַ נייע יוניאָן זאָל ניט אָרגאַניזירט ווערען. (דאָס איז געווען אין די מיטעלע מלחמה־יאָרען.) אין די מאָנאַטען נאָוועמבער און דעצעמבער פון 1863 איז ניט געווען כמעט איין נאַכט ווען נייע יוניאַנס זאָלען זיך ניט אָרגאַניזירען. געווען טעג, ווען די צייטונגען האָבען געמאָלדען וועגען דער גרינדונג פון צוויי, דריי און מער נייע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס. . . אויף אַ געוויסען מאַסמיטינג אין ניו יאָרק זיינען געווען פאַרטראָטען

50 פארשידענע יוניאנס, כמעט אלע נייע. עס זיינען דעמאָלט אין ניו יארק געווען, קאָנסערוואטיוו געשאצט, 300 יוניאנס".

די יוניאנס האָבען זיך פאראייניגט צווישען זיך. אין 1865 זיינען שוין געווען עלף נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס.

דאָס הייסט אָבער ניט, אז די ארבייטער זיינען געווען גוט אָרגאניזירט. די צאָל יוניאנס איז געווען גרויס; אָבער די צאָל מיטגלידער אין די יוניאנס איז געווען פארהעלטניסמעסיג קליין. אין ניו יארק איז געווען א מאשיניסטען־לאָקאל מיט פינף הונדערט מיטגלידער; אָבער מאשיניסטען זיינען אין שטאָט געווען פון 7 ביז 8 טויזענד. פון 1500 פיאנא־ארבייטער האָבען בלויז 6 הונדערט באלאנגט צו דער יוניאן.

די יוניאנס האָבען זיך אָפגעגעבען מיט קעמפען פאר דער עקאָנאָמישער פארבעסערונג פון דער ארבייטער לאגע. הונדערטער סטרייקס זיינען פאָרגעקומען. די מערסטע פון זיי זיינען געסעטעלט געווארען שנעל. טייל האָבען זיך געצויגען וואכען און מאָנאטען לאנג. אין פילאדעלפיע האָבען 200 מאשיניסטען געסטרייקט איבער א יאר צייט. אין ניו יארק האָבען די מאשיניסטען געסטרייקט צוויי מאָנאטען. די פארצויגענע סטרייקס זיינען זעלטען־ווען געוואונען געווארען.

קאַפּיטעל 15.

מלחמה־דיקטאַטור אין דער נאָרט.

די פרייהייטען און רעכט וואס די קאָנסטיטוציע גאראַנ־טירט דעם איינצעלען און דער געזעלשאַפט ווערען אין צייט פון א מלחמה אונטערדריקט. אין זיין בוך „ציווילע פרייהייט אין די פאַראייניגטע שטאַטען", שרייבט לעאָן וואהיפּל: „אין טעאָריע קען די קאָנסטיטוציע אין צייט פון מלחמה ניט אונ־טערדריקט ווערען. . . אין דער פראַקטיק אָבער ווערען געוויסע טיילען פון דער קאָנסטיטוציע אונטערדריקט. אזוי איז געווען אין אלע אומרואיגע צייטען, און אזוי איז עס געווען אין דער צייט פון בירגער קריג. לינקאָלן האָט מיט א שטאַרקער האנט פארבאָטען יעדען פארזוך, וואס איז געמאַכט געווארען פון די מלחמה־געגנער אין דער נאָרט, אָדער פון די געגנער פון געוויסע מיליטערישע ריכטונגען, צו שטערען אים אדער די מיליטערישע בעאַמטע. ער האָט אוועקגענומען פון די בירגער זייער קאָנ־סטיטוציאָנעלע רעכט פריי צו ריידען און פריי צו שרייבען און פריי זיך צו פארזאמלען. ער האָט געגעבען די מיליטערישע בעאמטע דאָס רעכט צו ארעסטירען מענשען אָן דער ערלויבניש פון א ריכטער, ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ, און צו האלטען די ארעסטירטע פארשפּאַרט אזוי לאנג ווי די בעאמטע האָבען גע־פונען פאר נויטיג, אָן א משפּט, אָן א געריכט. ער האָט ער־לויבט די מיליטערישע בעאמטע צו אונטערדריקען צייטונגען, צו פארבאָטען סטרייקס, אפילו צו קאָנטראלירען די דרשות פון גלחים אין די קירכען".

געגען דער דיקטאַטאָרישער האנדלונג פון דעם פּרעזידענט האָבען א סך מענשען פּראָטעסטירט. עס האָבען פּראָטעסטירט

ראדיקאלען, ביי וועמען די פרייהייט איז געשטאנען העכער פון אלץ, אפילו העכער פון דער נאציאנאלער געפאר. צווישען די געגנער איז געוועןן דער בארימטער אבאָלישאָניסט װענדעל פי־ליפס, וועלכער האָט אָנגערופען לינקאָלנ'ען „דעספּאָט“ און „דיק־טאטאָר“. די מערסטע געגנער זיינען אָבער געוועןן פון אן אנ־דער סאָרט; אזוינע וואס האָבען אין הארצען סימפּאטיזירט מיט דער סאוט, אדער אזוינע וואס האָבען געוואָלט די מלחמה זאָל אפּגעשטעלט ווערען, אדער אזוינע וואס האָבען באַקעמפּט לינקאָלנ'ען פּאָליטיש און האָבען יעדען אקט זיינעם קריטיקירט. אין פארשיידענע טיילען פון לאנד זיינען אפּגעהאלטען געווארען פּראָטעסט־מיטינגען געגען לינקאָלנ'ס „דיקטאטור“. אין קאָנ־גרעס זיינען געהאַלטען געווארען רעדעס געגען אים. דער הויפּט ריכטער פון סופּרים קאורט, דזשאָדזש טעיני, האָט אין א גע־וויסען פּראָצעס ענטשידען, אז דער פּרעזידענט האָט ניט געהאט דאָס רעכט אוועקצונעמען געוויסע פרייהייטען פון די בירגער. אַנדערע ריכטער אין נאציאָנאלע געריכטען האָבען ארויסגע־געצען ענליכע ענטשיידונגען. אָבער דאָס אלץ האָט ניט גע־האָלפען. לינקאָלן האָט זיין פּראָגראם דורכגעפירט, און די מאָ־יאריטעט אין קאָנגרעס האָט אים געשטיצט. ער האָט זיין האנדלונג פּארטיידיגט מיט אן ערקלערונג וואס איז בארימט גע־ווארען. ער האָט געזאָגט: „ווילט איר אז איך זאָל הינריכטען דעם נארישען סאָלדאט וואס דעזערטירט און איך זאָל ניט אָנ־רירען קיין האָר אויפ'ן קאָפּ פון דעם כיטרען אגיטאטאָר וואס האָט אים איינגערעדט ער זאָל דעזערטירען?“

גלייך ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען, אין אפּריל, 1861, האָט לינקאָלן באפאָלמעכטיגט דעם הויפּט־גענעראל פון דער ארמיי צו סוספּענדירען דאָס „הייביאס קאָרפּוס“־געזעץ*)

---

*) דאָס וואָרט „הייביאס קאָרפּוס“ איז דער טייטש „האָבען דעם קערפּער“. די באדייטונג פון דעם „הייביאס קאָרפּוס“ געזעץ איז פאָל־גענדער: ווען אַ מענש ווערט אַרעסטירט מעג ער זיך ווענדען צו א ריכ־טער ער זאָל פאר אים אויסגעפינען די אורזאך פון דעם ארעסט. דער

אין דער געגענד צווישען פילאדעלפיע און וואשינגטאָן, אויב ער וועט עס געפינען פאר נויטיג צו טאָן. דעמאָלט האָט זיך לינ־קאָלן געשראקען פאר די פילע איינוואוינער אין מערילענד, וואס האָבען סימפּאטיזירט מיט דער סאוט, און ער האָט זיי גע־וואָלט קאָנטראָלירען און אפּשטעלען זייער אגיטאציע. אין יולי האָט לינקאָלן סוספּענדירט דאָס „הייביאס קאָרפּוס" געזעץ אין דער גאנצער געגענד פון וואשינגטאָן ביז ניו יארק. אין סעפּ־טעמבער, 1862, האָט לינקאָלן סוספּענדירט דאָס געזעץ איבער'ן גאנצען לאנד.

לעאָן וואהיפּל שרייבט: „פון איצט אָן איז די ציווילע מאכט געווען אונטערוואָרפען דער מיליטערישער מאכט. יעדער מענטש וואָס איז שולדיג געווען אין באַגיין א ניט לאָיאלע טאט האָט געקענט גע'משפט ווערען אין א מיליטערישען געריכט. לינ־קאָלן איז ביטער קריטיקירט געוואָרען דערפאר. דער קאָנגרעס

ריכטער קען דאַן ארויסגעבען אַ באַפעל צו די בעאמטע וואס האָבען דעם מענשען ארעסטירט, זיי זאָלען אים ברענגען צו אים אין געריכט, און געבען זייערע באווייזען, אז זיי האָבען געהאַט געזעצליכע אורזאכען דעם מענשען צו ארעסטירען. אויב דער ריכטער געפינט, אז די אור־זאכען זיינען ניט גענוגענדע קען ער באַפעלען מען זאָל דעם אַרעסטירטען באפרייען. אין דער קאָנסטיטוציע פון די פאראייניגטע שטאַטען איז דאָ א פונקט וואס לייענט זיך אזוי: „דאָס רעכט פון „הייביאס קאָר־פוס" טאָר ניט סוספּענדירט ווערען, סיידען די זיכערקייט פון לאַנד פאָ־דערט עס, אין פאל פון אן אויפשטאַנד אָדער פון אן אָנפאל פון א שונא". ווער עס האָט דאָס רעכט צו סוספּענדירען דאָס געזעץ „אין פאל פון אן אויפשטאַנד" זאָגט ניט די קאָנסטיטוציע. ווען לינקאָלן האָט עס געטאָן, זיינען געווען א סך וואָס האָבען גע'טענה'ט, אז בלויז דער קאָנ־גרעס האָט אַ רעכט דערויף; דער פרעזידענט אַליין האָט אזא רעכט ניט. לינקאָלן האָט געהאלטען, אז ער אליין האָט יע דאָס רעכט. די געג־נער האָבען אויך גע'טענה'ט, אז לויט דער קאָנסטיטוציע קען דאָס געזעץ סוספּענדירט ווערען בלויז דאָרט וואו עס איז דאָ אַ געפאר, אין אזעלכע געגענדען, וואו עס קומען פאָר אונרוען. אָבער אין רואיגע געגענדען וואו די ציווילע געריכטען זיינען אָפען און טוען אומגעשטערט זייער ארבייט, דאָרט טאָר דאָס „הייביאס קאָרפּוס" געזעץ קיינמאָל ניט אָנגע־רירט ווערען.

האָט געפונען פאַר נויטיג צו שטיצען לינקאָלנ׳ס האנדלונג דורך א ספּעציעלען געזעץ, וואס ער האָט דורכגעפירט אין מערץ, 1863. דאָס געזעץ האָט געגעבען דעם פּרעזידענט דאָס רעכט צו סוס־פּענדירען דאָס „הייביאַס קאָרפּוס" געזעץ און אויך געגעבען די מיליטערישע בעאמטע דאָס רעכט ניט צו פאָלגען א „הייביאַס קאָרפּוס" באַפעל פון וועלכען עס איז געריכט, אויב זיי האנדלען לויט דעם פּרעזידענט׳ס ווילען.

די מיליטערישע בעאמטע האָבען געפאָלגט דעם פּרעזידענט. זיי האָבען אין פאַרלויף פון דער מלחמה געמאַכט טויזענדער ארעסטען. די צאָל פון פּאָליטישע ארעסטאַנטען אין דער נאָרט ווייס מען ניט באַשטימט. פאַרשיידענע היסטאָריקער גיבען פאַר־שיידענע ציפערען. געוויסע דאָקומענטען ווייזען, אז די צאָל האָט דערגרייכט ביז 38 טויזענד. אין אנדערע דאָקומענטען זיי־נען דאָ נעמען פון איבער 13 טויזענד ארעסטירטע מענשען וואס זיינען איינגעשפּאַרט געוואָרען אָן שום ערקלערונגען, וועלכע האָ־בען ניט געוואוסט פאַר וואָס און פאַר ווען. טייל פון זיי האָט מען שפּעטער גע׳משפט פאַר א מיליטערישען געריכט, טייל האָט מען קיינמאָל ניט גע׳משפט. מען האָט זיי געהאלטען פאַר־שפּאַרט א געוויסע צייט און דערנאָך באַפרייט.

טייל ארעסטירטע האָבען זיך געווענדט אין ציוויל־געריכטען און די ריכטער האָבען באַפוילען די מיליטערישע בעאמטע זיי זאָלען די ארעסטירטע ברענגען צו זיי אין געריכט. אָבער די מי־ליטערישע בעאמטע האָבען די באַפעלען ניט געפאָלגט. די ריכ־טער האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו באַנוגענען זיך מיט פּראָטעסטען. געוויסע ריכטער האָבען לכתחילה דערקלערט, אז זיי וועלען זיך אין אזוינע פּראָצעסען ניט מישען, ווייל זיי ווייסען אז די מיליטערישע בעאמטע וועלען זיי סיי ווי ניט פאָלגען.

צווישען די סך ארעסטען, וואס זיינען געמאַכט געוואָרען האָט איין ארעסט אויפגערודערט דאָס גאנצע לאַנד. דער ארעסטיר־טער, קלעמענט ל. וואלענדיגהעם, איז געווען אן אָנגעזעהענער פּאָ־ליטישער פירער אין אָהייאָ. ער איז געווען א דעמאָקראַט. ער

האט אגיטירט, אז די מלחמה זאל אפגעשטעלט ווערען און אז מען זאל מאכען שלום דורך א פשרה. אין יאנואר, 1863, האט ער געהאלטען א שארפע רעדע אין קאנגרעס (ער האט פארטראטען אהייא אין דעם רעפרעזענטאנטען־הויז) און האט שטארק אנגע־גריפען לינקאלנ'ען מיט זיין קאבינעט און מיט זיינע גענעראלען, און האט ערקלערט אז די מלחמה איז פארלארען און אז לינ־קאלן פארגיסט אומזיסט בלוט.

מיט צוויי מאנאטען שפעטער האט ער אן ענליכע רעדע גע־האלטען ביי א פאליטישען מיטינג אין מאונט ווערנאן, אהייא. וואלענדיגהעם האט געוואלט קריגען די נאמינאציע פאר גאווער־נאר אויף דעם דעמאקראטישען טיקעט און מיט דער רעדע האט ער געוואלט אויסנעמען ביי די דעמאקראטישע בירגער וועלכע זיינען געווען געגען לינקאלנ'ס מלחמה־פירערשאפט.

אהייא און די ארומיגע שטאטען זיינען דעמאלט געשטאנען אונטער דער מיליטערישער אויפזיכט פון גענעראל בארנסאיד. דער גענעראל האט מיט עטליכע וואכען פריער ארויסגעגעבען א באפעל, וואס איז באוואוסט געווען אלס באפעל „נומער 38", איי־נער פון די שטרענגסטע וואס זיינען אין פארלויף פון דער מלחמה ארויסגעגעבען געווארען. אין דעם דאזיגען באפעל האט גענעראל בארנסאיד געווארענט, אז יעדער וואס וועט באגיין א טאט לטובת דעם שונא וועט גע'משפט ווערען אלס שפיאן אדער פאר־רעטער און אויב ער וועט געפונען ווערען שולדיג וועט ער בא־שטראפט ווערען מיט'ן טויט".

וואלענדינגהעם האט זיין רעדע געהאלטען דעם ערשטען מאי. גענעראל בארנסאיד האט צו דער פארזאמלונג געשיקט צוויי אפיצירען געקליידט אין ציוויל, און זיי האבען פארצייכענט אלץ וואס וואלענדיגהעם האט געזאגט. אזוי שנעל ווי בארנסאיד האט באקומען א באריכט פון דער רעדע האט ער געשיקט סאלדאטען אים צו ארעסטירען. זיי האבען איינגעבראכען אין וואלענדינג־העם'ס הויז אין מיטען דער נאכט און אים איינגעשפארט אין א מיליטערישען קערקער. דעם 6טען מאי איז וואלענדינגהעם גע־משפט געווארען פאר א מיליטערישען געריכט. ער איז געפונען

געוואָרען שולדיג און איז פאַראורטיילט געוואָרען צו זיצען איינ־געשפּאַרט אזוי לאַנג ווי די מלחמה וועט דויערען.

לינקאָלן איז מיט דער גאַנצער געשיכטע געוועזן זייער אומ־צופרידען. ער האָט געלאָזט וויסען גענעראל באָירנסאיד, אז ער האָט וואָלענדיגהעמ׳ען ניט געדאַרפט ארעסטירען. איצט אָבער, אז די זאַך איז שוין געווען אַן אָפּגעטוענע האָט לינקאָלן ניט גע־וואָלט וואָלענדיגהעמ׳ען באַפרייען. ער האָט אָבער געהייסען באָירנסאיד׳ן ער זאָל וואָלענדינגהעמ׳ען ארויסשיקען אין דער סאָוט. וויבאַלד וואָלענדינגהעם סימפּאַטיזירט מיט׳ן שונא זאָל ער גיין צום שונא. דער באַפעל איז דורכגעפירט געוואָרען. וואָ־לענדינגהעם איז פון דער סאָוט אַפּגעפאָרען קיין קענעדע. פון דאָרט האָט ער געפירט זיין קאַמפּאַניע פאַר גאָווערנאָר אין אָהייאָ. אין די וואַלען איז ער דורכגעפאַלען. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען אין אָהייאָ. די מיליטערישע בעאַמטע האָ־בען אים צורו געלאָזען.

צייטונגען וואָס האָבען קריטיקירט די מלחמה, אדער זיי־נען ניט געווען פּאַטריאָטיש גענוג, זיינען פאַרפאָלגט און אונטער־דריקט געוואָרען. דער פּאָסטמייסטער האָט זיך ענטזאָגט אזוינע צייטונגען דורכצולאָזען דורך דער פּאָסט. טייל צייטונגען זיי־נען אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען. אין ניו יארק זיינען אָפּ־געשטעלט געוואָרען צוויי צייטונגען: „טהי ניו־יאָרק ניוס״ און „טהי דעיבוק״. אין טרענטאָן האָט מען אָפּגעשטעלט די צײ־טונג „טרו אמעריקאַן״. די „ברוקלין איגעל״ און די „ניו־יארק דזשוירנאַל אָוו קאָמערס״ האָבען פאַרלאָרען זייער פּאָסט־רעכט. אין אייניגע פאַלען זיינען די רעדאַקטאָרען ארעסטירט געוואָרען. אזוינע פאַלע זיינען אָבער געווען ווייניג. די עטליכע וואָס זיי־נען יע ארעסטירט געוואָרען זיינען אָפּגעקומען מיט א לייכטער שטראָף. די ארעסטען האָבען אָבער אנגעוואָרפען א שרעק אויף שרייבער און רעדאַקטאָרען און זיי האָבען זיך געהיט ניט ארויס־צוכאַפּען זיך מיט א טריף וואָרט. ארום דריי־פיר הונדערט צייטונגען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרען, טייל אויף קורצע טער־מינען, טייל אויף לענגערע.

גענעראל באירנסאיד האט מיט א פאר מאנאטען שפעטער נאך דעם וואלענדינגהעם־פאל אנגעמאכט א טומעל מיט אן אנ־פאל אויף א צייטונג אין שיקאגא. די צייטונג, „שיקאגא טאימז", האט געדרוקט ארטיקלען געגען לינקאלנ'ען און געגען דער מלחמה. האט באירנסאיד ארויסגעגעבען א באפעל זי אפצושטעלען. דעם דריטען יולי, דריי אזייגער פארטאג, זיינען סאלדאטען באפאלען די רעדאקציע פון דער צייטונג, אפגעשטעלט די פרעס־מאשינען, קאנפיסקירט די אפגעדרוקטע צייטונגען און אוועקגעשטעלט א וואך ביי דער געביידע. דאס האט אויפגערודערט ניט בלויז דעם שטאט נאר דאס גאנצע לאנד. פראמינענטע איינוואוינער פון שיקאגא האבען פאררופען א פראטעסט פארזאמלונג אונטער דעם פארזיץ פון סיטי מעיאר. די לעדזשיסלייטשור פון שטאט האט געשיקט א פראטעסט צום פרעזידענט. א צווייטע מאסענ־פארזאמלונג פון 20 טויזענד מענשען האט אויך אנגענומען א רע־זאלוציע פאר פרייער רעדע און פרייער פרעסע. אויף מארגען האט פרעזידענט לינקאלן געשיקט א באפעל צו גענעראל באירנ־סאיד ער זאל ערלויבען די טאימז" ווייטער צו ערשיינען.

אם שטרענגסטען האבען די מיליטערישע בעאמטע געהאנ־דעלט אין די גרענעץ־שטאטען, וואו די צאל פון די סימפאטי־זירער מיט דער סאוט איז געווען ווירקליך גרויס. אין מערי־לענד, מיזורי און קענטאקי האט דאס מיליטער געהאט אויפזיכט איבער די וואלען, כדי די מלחמה־געגנער זאלען מורא האבען צו גיין שטימען. „עס איז דא א באריכט", שרייבט פראפעסאר הארלאו, „אז אין די וואלען פון 1863, אין מערילענד, איז יעדער שטים־פלאץ באוואכט געווארען פון צוויי שורות סאלדאטען און יעדער בירגער וואס האט געוואלט שטימען האט געמוזט דורכ־גיין דורך די צוויי שורות סאלדאטען. די שטים־צעטלען פון די פארשיידענע פארטייען זיינען געדרוקט געווען אויף פאפיר פון פארשידענע קאלירען. יעדער בירגער וואס האט געבעטען דעם צעטעל פון דער פארטיי וואס איז געווען גינסטיג צו דער סאוט איז גלייך ארעסטירט געווארען."

די ארבייטער און די יוניאנס האבען פון דער מיליטערישער

אונטערדרדיקונג ווייניג געליטען. לעאָן וואהיפל שרייבט: „עס זיי־נען געוועזען ווייניג פאַלען ווען די מיליטערישע מאכט האָט גע־צוואונגען ארבייטער צו ארבייטען אדער ווען זי האָט פארבאָטען סטרייקס". אָט זיינען אייניגע פון די אויסנאַמס פאַלען. אין מערץ, 1864, זיינען די ארבייטער אין אַן אמוניציע פאַבריק אין קאָלד ספרינג, ניו יארק, ארויס אין סטרייק. זיי האָבען געפאָ־דערט זייערע שכירות זאלען פארגרעסערט ווערען פון אַ דאָלער און אַ פערטעל אויף אַ דאָלער און אַ האַלב אַ טאָג. דעם צווייטען טאָג פון סטרייק זיינען פיר סטרייקערס ארעסטירט געווארען און איינגעשפּארט געווארען אין אַ פעסטונג. זיי זיינען דאָרט אפּ־געזעסען זיבען וואָכען. די פאַבריק איז באוואכט געווארען פון מיליטער. די גאַנצע געגענד איז געשטעלט געווארען אונטער קריגס־צושטאַנד און די ארבייטער האָבען זיך ענדליך געמוזט אונטערגעבען.

אין סעינט לואיס האָבען געסטרייקט די שניידער, די מאַ־שיניסטען און די שמידען. דאָס איז געווען אין אפּריל, 1864. די באַלעבאַטים האָבען זיך געווענדט צו דער מיליטערישער מאכט. די מיליטער־בעאמטע האָבען פארבאָטען די סטרייקער צו פּי־קעטען, און האַלטען מיטינגען. מיטגלידער פון דער יוניאָן זיינען ארעסטירט געווארען. אַן ענליכער פאַל האָט פּאַסירט אין לואי־וויל, קענטאָקי. אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל איז דערציילט גע־ווארען ווי אזוי דאָס מיליטער האָט געבראכען אַ סטרייק פון באַן־ארבייטער אין פענסילווייניא און אַ סטרייק פון דאָק־ארביי־טער אין ניו יארק.

דער אויסרייד איז, פארשטייט זיך, געווען אז די סטרייקס שטערען דעם ערפאָלגרייכען גאַנג פון דער מלחמה.

קאַפּיטעל 16.

געצוואונגענער מיליטער־דינסט — ראַיאָטען אין ניו יארק.

וואָס לענגער די מלחמה האָט זיך געצויגען אלץ שווערער איז עס געווען צו קריגען סאָלדאטען פאר די ארמייען. ווען לינקאָלן האָט, ביים אָנהויב פון קריג, אין אפּריל, 1861, ארויסגעשיקט אַן אויפרוף צו די גאָווערנאָרס פון די שטאטען זיי זאָלען אים צושטעלען 75 טויזענד מיליציאנטען, איז דער אפּרוף געווען א באגייסטערטער. די גאָווערנאָרס פון די לאָיאלע שטאַטען האָבען אים פארזיכערט אז זיי וועלען גלייך צושטעלען זייערע קוואָטאָס. גרויסע מאסען האָבען זיך פרייוויליג אנגעשלאָסען אָן דער מיליץ. „ניו יארק, — שרייבט מעקמעסטער — איז פארוואנדעלט געווארען אין א גרויסער רעקרוטען־סטאַנציע". און ווייטער שרייבט ער: „די פרעמד־געבאָרענע, סיי בירגער, סיי ניט בירגער, זיינען געווען ניט וויינינגער אקטיוו ווי די עכטע אמעריקאנער עס האָבען זיך אָרגאניזירט רעגימענטען פון איטאַליענער, דייטשען, איירישע, ענגלענדער, אונגארען און פּאָליאקען."

די מיליץ־ארמייען האָבען געדארפט דינען בלויז דריי מאָנאַטען. צום סוף פון זייער טערמין איז פאָרגעקומען די שלאַכט ביי בול ראָן, וואו די ארמיי פון דער נאָרט איז שרעקליך צוקלאפּט געווארען. דעמאָלט האָט דער קאָנגרעס, אין מיטען יולי, געגעבען דעם פּרעזידענט די מאכט ארויסצורופען א גאנצען מיליאן פרייוויליגע סאָלדאטען: א האלבען מיליאן אויף א טערמין פון ניט וויינינגער ווי זעקס מאָנאטען און ניט מער ווי דריי יאר; און א האלבען אויף אזוי לאנג ווי די מלחמה וועט אָנ־

האלטען. דער קאָנגרעס האָט אויך באפּאָלמעכטיגט דעם פּרעזידענט צו פארגרעסערען די רעגולערע ארמיי. דער לוין פון די סאָלדאטען איז געהעכערט געווארען פון עלף אויף דרייצען דאָלער א מאָנאט.

דעם ערשטען יאָר איז די פרייוויליגע ארמיי געוואקסען. הונדערטער טויזענטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען, טייל אויף קורצע טערמינען, טייל אויף לאנגע. זייער ווייניג זיינען אָבער אריינגעטראטען אין דער רעגולערער ארמיי. (אין דער פרייוויליגער ארמיי האָבען אין פארלויף פון דער מלחמה געדינט צוויי און א האלב מיליאָן סאָלדאטען; אין דער רעגולערער ארמיי האָט די צאָל קיינמאָל ניט איבערגעשטיגען 25 טויזענד). שפּעטער האָט דער עולם אויפגעהערט צו זיין אזוי באגייסטערט פאר גיין פרייוויליג אין דער מלחמה. ערשטענס, זיינען די צייטען געווען זייער גוטע, מען האָט געקענט מאַכען געלד אין דערהיים. צווייטענס, האָט די נאָרט־ארמיי געליטען מפּלות און די צייטונגען האָבען געמאָלדען וועגען א סך טויטע און פארוואונדעטע אויף די שלאכט־פעלדער. דריטענס, איז דער עולם צוגעוואוינט געווארען צו די פּאטריאטישע רעדעס און פּראזען, און זיי האָבען שוין ניט געהאט דיזעלבע ווירקונג וואס פריער.

דאָס איז געווען די לאגע צום סוף יוני, 1862, ווען מעקלעלאן האָט געקראַגען זיין מפּלה ביי ריטשמאָנד. לינקאָלן האָט איינגעזען, אז מען דארף האָבען פרישע 300 טויזענד סאָלדאטען. ער האָט אָבער מורא געהאט אליין ארויסצולאזען אן אויפרוף נאָך פרייוויליגע. ער האָט פארשטאנען, אז אזא אויפרוף וועט אָנווארפען א שרעק אויף דער נאָרט. ער האָט מורא געהאָט אז מען וועט זאָגען, אז אויב מען דארף שוין ווייטער פרישע סאָלדאטען, הייסט עס, אז די אלטע ארמיי איז אינגאנצען פארניכטעט געווארען. לינקאָלן האָט אויך געוואוסט, אז זיין אויפרוף אונטער די אומשטענדען וועט ברענגען קלעגליכע רעזולטאטען. עס איז דערפאר געבליבען ביי אים און זיינע מיניסטארען, אז די זאך זאָל דורכגעפירט ווערען אויף א דיפּלאָמאטישען אופן. „סעקרעטערי אָוו סטייט” סואָרד איז אָפּגעפארען קיין ניו יארק,

וואו ער האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט די גאווערנארס פון ניו יארק און פענסילווייניא. ביי דער קאנפערענץ האט סואורד ערקלערט די גאווערנארס אז עס איז וויכטיג, אז זיי און די גאווערנארס פון אלע אנדערע שטאטען זאלען שיקען א בשותפות'ע פעטיציע צו פרעזידענט לינקאלן און אים בעטען ער זאל ארויסרופען נאך פרייוויליגע סאלדאטען. די צוויי גאווערנארס האבען צושיקט טעלעגראמעס צו אלע איבריגע גאווערנארס. די גאווערנארס האבען געענטפערט, אז זיי זיינען גרייט דאס צו טאן. די פעטיציע איז געשיקט געווארען צום פרעזידענט. לינקאלן האט געענטפערט, אז ער איז העכסט צופרידען פון דעם אנבאט. דעם צווייטען יולי האבען די צייטונגען פארעפענטליכט די נייעס, אז די גאווערנארס פון אלע שטאטען האבען „אליין אנגעבאטען" צוצושטעלען דעם פרעזידענט 300 טויזענט פרישע סאלדאטען און דער פרעזידענט האט דעם אנבאט אנגענומען.

איצט האבען די גאווערנארס אנגעהויבען צו זאמלען די וואלונטירען פאר דער נייער קוואטא. אבער עס איז ניט גע־גאנגען. מעקמעסטער שרייבט: „נישט קוקענדיג אויף די מא־סענפארזאמלונגען, פאטריאטישע רעזאלוציעס און אנבאטונגען פון באלוינונג איז דער ענטפער אויף דעם רוף ניט געווען דאס וואס מען האט געהאפט. דער עולם האט געפונען פארשידענע תירוצים. עס איז געווען שניט־צייט, דער האנדעל וואס איז ביז דאן געווען שלעכט האט אויפגעבליט, עס איז געווען א גרויסע נאכפראגע אויף ארבייטער, שכירות האבען זיך געהויבען". מען האט אבער פארט געמוזט קריגען סאלדאטען. האט דער קריגס־מיניס־טער געהייסען די גאווערנארס זיי זאלען זיך באנוצען מיט צוואנג־מיטלען, אז אין יענע שטאטען וואו מען וועט ניט קריגען די קוואטא זאל מען ווארפען גורל און נעמען סאלדאטען מיט געוואלד.

מעקמעסטער שרייבט: „אזוי שנעל ווי עס איז באקאנט גע־ווארען, אז מען וועט נעמען סאלדאטען מיט געוואלד איז גע־ווארען א מהומה. היגע געבארענע האבען טויזענטערווייז ארייני־געשיקט זייערע „עקזעמפשענס" אדער האבען זיך גענומען גרייטען אפצופארען קיין אייראפא אדער קענעדע. . . פרעמדע האבען

באלאנגערט די אָפּיסעס (ביוראָס) פון זייערע קאָנסולען און געפּאַ־דערט פּאַפּירען צו באווייזען אז זיי זיינען בירגער פון אנדערע לענדער. עס האָט זיך געשטעלט די פּראַגע וואס איז מכות אימיגראַנטען וואס האָבען אַרויסגענומען די „ערשטע פּייפּערס". סעקרעטערי סוארד האָט גע'פּסקנ'ט, אז זיי זיינען אויך פריי פון צוואנג מיליטער". די ציימונגען האָבען שארף קריטיקירט די אימיגראַנטען וואס האָבען זיך געזוכט ארויסצודרייען פון מי־ליטער־דינסט, אָבער די איינגעבאָרענע האָבען ניט געטאָן בעסער.

דער געלויף איז געווארען אזוי גרויס, אז די רעגירונג האָט פּארבאָטען בירגער פון מיליטערישען אלטער ארויסצופאָרען פון לאנד. יעדער האַפען און די קענעדער גרעניץ זיינען באוואכט געווארען. ווען מען האָט איינעם געכאַפּט אוועקפאָרענדיג פון זיין שטאָט איידער ער איז באפרייט געווארען פון „דרעפט" (פּריזיוו) האָט מען אים גלייך אפּגעגעבען פאר א סאָלדאַט. די רעגירונג בעאַמטע האָבען אָפּגעשטעלט שיפען וואס זיינען ארויס פון ניו יארקער האַפען און אראָפּגענומען אלע מאנספּארשוין־פּאַסאַזשירן. דעטראָיט איז געווען געפּאַקט מיט מענשען וואס האָבען געזוכט צו אנטלויפען קיין קענעדע. פון שיקאַגאָ האָט האָט מען זיך אויך אריבערגע'גנב'עט די גרעניץ.

דאָס געזעץ האָט ערלויבט דעם אפּגעגעבענעם סאָלדאַט צו שיקען אן אנדערען אויף זיין פּלאַץ. עס איז אלזא איצט גע־באָרען געווארען א שפּאָגעל ניי געשעפט. מענשען האָבען אנאָנ־סירט אין די ציימונגען, אז פאר א געוויסער סומע געלד נעמען זיי זיך אונטער צוצושטעלען „שטעל פּארטרעטער" פאר אפּגע־געבענע סאָלדאַטען. די רעגירונג האָט פּארבאָטען צו דרוקען אזעלכע אנאָנסען. דאָס געשעפט איז אָבער ווייטער אָנגעגאנגען.

דער „דרעפט" (פּריזיוו) האָט זיך געדאַרפט אָנהויבען אין סעפּטעמבער. אָבער די גאָווערנאָרס פון די פארשיידענע שטאַ־טען האָבען קיין חשק ניט געהאַט זיך צו נעמען צו דער ארבייט. יעדערער האָט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. זיי האָבען געוואוסט, אז דער „דרעפט" איז ניט פּאָפּולער ביים עולם און זיי האָבען מורא געהאַט אז אויב זיי וועלען דעם „דרעפט"־דורכפירען ווע־

לען זיך די בירגער מיט זיי אפרעכענען אין די קומענדיגע וואלען. לאנג אפלייגען האבען זיי אבער ניט געקענט. אין די מערסטע שטאטען איז דער „דרעפט" פארגעקומען אין פארלויף פון די לעצטע צוויי וואכען פון מאנאט סעפטעמבער. דער „דרעפט" איז ניט אפגעלאפען רואיג. אין א סך פלעצער האט זיך דער עולם געשטעלט אנטקעגען. „אין קליוולאנד האבען זיך גרויסע מחנות פארזאמעלט ארום די צוויי „דרעפט"-ביוראס און געמאכט א פאר־זוך צו פארניכטען די ליסטעס מיט די נעמען און די „דרעפט"-מאשינען. . . אין הארטפארד, אינדיאנא, האט א המון פארניכטעט די ליסטען און די מאשינען, און געצוואונגען דעם בעאמטען צו רעזיגנירען. ווען מען האט גענומען ציען גורל אין פארט וואשינגטאן, וויסקאנזין, האט זיך דער עולם אריינגעריסען אין הויז, האט אלץ צובראכען, ארויסגעטריבען דעם בעאמטען און אנגעמאכט אזוי פיל שאדען, אז מען האט געמוזט שיקען סאל־דאטען צו מאכען ארדנונג. אין עטליכע ראיאנען אין מעריי־לאנד האט מען צוריסען די ליסטעס און ארויסגעטריבען די בע־אמטע".

דער פארזוך צו קריגען סאלדאטען דורך געצוואונגענער מי־ליטער־דינסט איז געווען א דורכפאל. נאך דעם גאנצען טומעל איז דורך דעם „דרעפט" די ארמיי פארגרעסערט געווארען ניט מער ווי אויף 87 טויזענד מאן. אנשטאט 300 טויזענד האט מען אלזא געקראגען ווייניגער ווי הונדערט טויזענד. די פראגע האט זיך איצט ווידער געשטעלט, וואס טוט מען פארט? ווי קריגט מען די נויטיגע רעקרוטען? מיט גוטען איז אוממעגליך געווען צו ווירקען. איז געבליבען אז מען זאל זיך פארט בא־נוצען מיט געוואלד. נאר אנשטאט דעם, אז די „דרעפטס" זאלען דורכגעפירט ווערען פון די שטאט־רעגירונגען, פון די גא־ווערנארס, זאל עס געטאן ווערען פון דער נאציאנאלער רעגי־רונג. אין מערץ. 1863, האט לינקאלן אונטערגעשריבען א גע־זעץ וואס האט געהייסען, אז יעדער בירגער פון די פאראייניגטע שטאטען און יעדער אימיגראנט וואס האט ארויסגענומען די ערשטע פייפערס, צווישען דעם עלטער פון 20 און 45 יאר, מעג

פון פרעזידענט גערופען ווערען אין דער ארמיי. דאָס געזעץ האָט געמאכט געוויסע אויסנאַמען (עקזעמפּשאָנס): דער וואס האָט געהאט אימיצען צו דערנערען (א פאָטער פון קליינע קינדער, אן איינציגער זון פון אן אלמנה אָדער פון אַלטע עלטערען) זיינען פריי געווען. דער וואס האָט באַצאָלט דריי הונדערט דאָלער, אדער דער וואס האָט געבראכט א שטעל־פארטרעטער איז אויך באפרייט געווארען.

אזוי שנעל, ווי די נאַציאנאַלע רעגירונגס־בעאמטע האָבען גענומען מאכען הכנות פאר'ן „דרעפט" האָבען זיך גענומען טראַגען קלאַנגען וועגען אומרוען און ווידערשטאנדען. דער ערשטער שריט אין די הכנות איז באשטאַנען אין זאמלען די נעמען פון אַלע מענער פון מיליטער־עלטער. עס זיינען ארויסגעשיקט געווארען מענשען צו גיין פון הויז צו הויז און קלייבען די נעמען. פון די מענשען זיינען אָנגעקומען באריכטען וועגען ווידערשטאַנדען: „אין פּענסילווייניא, שרייבט מעקמעסטער, זיינען געווען עטליכע אזוינע אָרגאניזאציעס (וואס האָבען געהאָלפען סאָלדאטען צו דעזערטירען און וועלכע האָבען באקעמפט דעם „דרעפט"). די מיטגלידער פון איינער פון די אָרגאניזאציעס פלעגען זיך פארזאמלען אין קרעטשמעס, אין פּריוואטע הייזער, אין שטאַלען, און פלעגען זיך פארשווערען צו ווערען זיך געגען דעם דרעפט. קיינער איז דערפאר ניט געווען איבערראשט ווען עס איז באקאנט געווארען, אז די נעמען זאמלער ווערען דאָרט שלעכט באהאנדעלט. איינעם האָט מען געצוואונגען ער זאָל אויפגעבען זיין ארבייט, א צווייטען האָט מען געשאסען, א דריטען האָט מען אונטערגעצונדען די מיל, צוויי זיינען באַפאַלען און צושלאָגען געווארען, ביי נאָך אַנדערע האָט מען אונטערגעצונדען די שטאַלען. אין דער געגענד פון די מינען־ארבייטער האָט זיך ניט געפונען קיין איינער וואס זאָל וועלען ווערען א זאמלער פון נעמען. אַלע האָבען מורא געהאט צו טאָן די ארבייט. אפילו די באַלעבאַטים פון די מינען זיינען טעראָריזירט געווארען און זיי האָבען מורא געהאט ארויסצוגעבען די נעמען פון די אָנפירער פון דעם ווידערשטאַנד. . . מען האָט גע־

רעדט, אז צוויי טויזענד מאינערס זיינען דא ארגאניזירט און אז זיי זיינען באוואפענט. אין דעלאווער זיינען די נעמען־זאמלער באפאלען געווארען. מען האט זיי אויך געסטראשעט דורך בריף. א ווידערשטאנד צו דער זאמלונג פון נעמען איז אויך פארגעקומען אין נוארק, ניו דזשוירזי, אין ניו העמשיר, און אין ווערמאנט".

„פון דער וועסט זיינען אנגעקומען ענליכע באריכטען, — שרייבט מעקמעסטער. — די נעמען־זאמלער זיינען אטאקירט געווארען פון די מענער און באליידיגט געווארען פון די פרויען. אין פינף ראיאנען אין אהייא האבען זיי געמוזט רעזיגנירען. אין אינדיאנא זיינען צוויי פון די נעמען־זאמלער דערמארדעט געווארען. יונגעלייט וואס האבען געדארפט קומען צום „דרעפט" זיינען אנטלאפען פון טאלעדא, סאנדאסקי און קליוולאנד".

פראפעסאר ראודס מאכט די אלע ראיאטען און ווידערשטאנדען צו קליינגעלט. ער שרייבט: „אין דער צייט ווען די נעמען זיינען געזאמעלט געווארען זיינען פארגעקומען שטערונגען. אבער זיי זיינען שנעל אונטערדריקט געווארען. און כאטש זיי האבען געפירט צו לאקאלע אומרוען זיינען זיי אבער ניט געווען פון אזא כאראקטער, אז זיי זאלען באדייטען א ברייטע און שארפע אפאזיציע צו דער נייער מעטאדע פון נעמען סאלדאטען. דורך צוואנג".

אין יולי האט מען געדארפט אנהויבען ציען גורל פאר'ן פריזיוו. מען האט זיך געריכט אז דאס וועט ברענגען נאך גרעסערע אומרוען ווי דאס זאמלען פון די נעמען. און עס איז טאקע אזוי געווען. אין ניו יארק האט אויסגעבראכען א בלוטיגער אייפשטאנד וועלכער האט אנגעהאלטען א וואך צייט. אין דער געשיכטע ווערט דער אויפשטאנד באצייכענט מיט'ן נאמען „דרעפט ראיאטען". זיי זיינען אבער געווען מער ווי ראיאטען. טעג נאכאנאנד זיינען אויף די גאסען פארגעקומען אמת'ע שלאכטען צווישען גרויסע מאסען מענשען און דער פאליציי, מיליץ און סאלדאטען. ארום טויזענד מענשען זיינען דער'הרג'עט און פארוואונדעט געווארען. אייגענטום איז פארניכטעט געווארען אויף דער סומע פון אנדערהאלבען מיליאן דאלער.

וועגן די דרעפט־ראיאָטען אין ניו יארק זיינען היסטאָריקער צוטיילט אין זייערע מיינונגען. אין ניו־יארק האָט דעמאָלט געהערשט דער קאָרופּטער „באָס" פון דער פּאָליטישער טעמעני־מאשין, דער בארימטער „באָס טוויד". אין אלבאני איז דע־מאָלט געזעסען טוויד'ס א מענש אויף דעם גאָווערנאָר־שטול, האָריישאָ סעימאָר. די טעמעני־אָרגאניזאציע און גאָווערנאָר סעי־מאָר האָבען די גאנצע צייט געהעצט געגען פּרעזידענט לינקאָלן (סעימאָר האָט געהאט אמביציעס צו ווערען פּרעזידענט). זיי־נען דעריבער געוויסע היסטאָריקער מיט דער מיינונג, אז די ראיאָטען זיינען אויפגעהעצט און אָנגעפירט געווארען פון טע־מעני־לייט, פון באָס טוויד און זיינע משרתים. אנדערע היס־טאָריקער גיבען אנצוהערעניש, אז פאראנטוואָרטליך פאר די ראיאָטען זיינען געווען די „פּרעמדע", די אימיגראנטישע אר־בייטער־מאסען, וועלכע האָבען באוואוינט געוויסע דיסטריקטען אין ניו יארק. די אימיגראנטען ארבייטער זיינען געווען מייסטענס איירישע. זיי האָבען ניט געוואָלט גיין אין דער מלחמה און האָ־בען געהאסט די נעגער.

א דריטע מיינונג, וועלכע שיינט צו זיין די לאָגישסטע און ריכטיגסטע, ווערט געגעבען פון דעם סאָציאליסטישען שרייבער שליטער אין זיין ווערק „לינקאָלן, די ארבייטער און שקלאַ־פעריי". ער זאָגט: „די אורזאך פון די דרעפט־ראיאָטען אין ניו יארק איז געווען א סאָציאלע. זיי זיינען ארויסגעוואקסען פון דעם פאקט, וואס די רייכע האָבען געמאכט א פארזוך ארויפ־צולייגען דעם גאנצען בלוטיגען יאָך אויף די פּלייצעס פון דעם ארבייטער־קלאס". שליטער ווייזט אָן, אז דאָס נייע דרעפט־געזעץ האָט מעגליך געמאכט פאר דעם רייכען מאן פון מיליטער עלטער זיך אויסצודרייען, ער האָט געדארפט בלויז איינצאָלען 300 דאָלער. די אָרימע, וועלכע האָבען קיין געלד ניט גע־האט, האָבען אלזאָ געמוזט גיין פארגיסען זייער בלוט, בשעת די רייכע זיינען געזעסען אין דערהיים. פּראָפעסאר פאיט ווייזט אָן אויף אן אינדוסטריעלער אורזאך פון די ראיאָטען. ער שרייבט: „די גרונט אורזאך פון די ראיאָטען איז געווען אינדוס־

טריעלע אומצופרידענקייט. . . די ארבייטער־מאסען האָבען אין דעם דרעפט־געזעץ א פארזוך זיי צו צווינגען צו גיין פאר־גיסען זייער בלוט פאר די נעגער וועלכע האָבען פארנומען זייערע פלעצער ביי דער ארבייט. בראש פון דעם המון זיינען געשטא־נען די דאק־ארבייטער, וועלכע האָבען פארלאָרען זייער סטרייק. די נעגער האָבען געדינט אלס סטרייק־ברעכער".

אָט איז א שילדערונג פון די ראיאָטען אין ניו יארק אין דעם ווערק „באָס טוויד", פון דעניס טילדען לינטש.

„דער דרעפט האָט זיך אנגעהויבען שבת אין דער פרי, דעם 11טען יולי, אין דער ביוראָ אויף קאָרנער 16טע סטריט און דריטע עווענױ. מחנות מענשען האָבען ארומגערינגעלט די געביידע דעם גאנצען טאָג... קיין אומרוען זיינען אָבער דעם טאָג ניט פאָרגעקומען. זעקס אזייגער, ווען דער אָפיס האָט געענדיגט די אר־בייט, זיינען זיך די מענשען צוגאנגען. . . זונטאָג איז אין דער גאנצער שטאָט אָנגעגאנגען א געהיימע טעטיגקייט. מענער האָ־בען זיך פארזאמעלט אין האָלס און אין הינטער־צימערען פון סאלונען און אין פריוואטע הייזער. . . דאָס זיינען געווען מייס־טענס קלערקס און ארבייטער. גערעדט צו זיי האָבען גוט־גע־קליידעטע מענשען. די גוט־געקליידעטע זיינען געגאנגען פון איין פארזאמלונג צו דער צווייטער. . . מאָנטאָג אין דער פרי זיינען טויזענדער מענער ניט געקומען צו דער ארבייט. . . טייל האָבען זיך צושטעלט אויף דער צווייטער און דריטער עווענױ און אפ־געשטעלט יעדען טראמוויי און באפוילען די קאָנדוקטאָרען זיי זאָלען אָפפירען די טראמווייען אין די שטאלען און זיי דאָרט איבערלאָזען. . . די מענער וואָס האָבען דעם באפעל געגעבען זיינען געווען באוואפענט מיט שטיקער אייזען. טייל האָבען געהאט רעוואלווערען. זיי האָבען אָבער קיין געוואלד מיטלען ניט אָנגעווענדט. די קאָנדוקטאָרען האָבען געפאָלגט מיט גוטען.

אין דערזעלבער צייט האָבען אַנדערע גרופען ארבייטער מיט העק אין די הענט אויסגעהאקט די טעלעגראף־סלופעס ארום דעם דרעפט־אָפיס. דאָס איז געטאָן געווארען כדי עס זאָל ניט מעג־ליך זיין פאר די בעאמטע צו טעלעגראפירען נאָך הילף.

טראמווייען זיינען אפגעשטעלט געווארען צוליב אן ענליכער אור־זאך, עס זאָל ניט מעגליך זיין צו ברענגען צו פירען פּאָליציי אָדער סאָלדאטען.

ארום דעם דרעפּט אָפּיס האָבען זיך איצט פארזאמעלט טויזענדער מענשען. דער אפיס איז געווען באוואכט פון צענ־דליגער פּאָליציסטען. אנדערהאלטען שעה איז די דרעפּט־אר־בייט אָנגעגאנגען אומגעשטערט. פּונקט האלב צען האָט זיך דער־הערט א שאָס פון א רעוואלווער. דאָס איז געווען דער סיגנאַל. גלייך האָט זיך אַ שאָט געטאָן א האָגעל פון שטיינער אין די פענסטער פון דעם אָפיס. די פּאָליסלייט האָבען געפּרובט די מענשען צוריקהאלטען אָבער דער המון האָט זיי פארטריבען. באלד זיינען אָנגעקומען 50 סאלדאטען. דער המון איז זיי באפא־לען. די סאָלדאטען האָבען אויסגעשאָסען. דריי פון עולם זיינען געפאלען טויט. „די מאסע האָט ארומגערינגעלט די סאָלדאטען און אַרויסגענומען די וואפען פון זייערע הענד. צוויי פון די סאָלדאטען זיינען דערשלאָגען געווארען אויף טויט. א דריטער איז אנטלאָפען צום איסט ריווער און האָט אַרויפגע־קלעטערט אויף א הויכען פעלז נעבען ברעג. א טייל פון עולם האָט אים נאָכגעיאגט און אַרונטערגעשליידערט אויף די שטיי־נער, וואו ער איז דער׳הרג׳עט געווארען. כדי צו זיין זיכער אז ער איז טויט האָט דער המון אויף אים אָנגעווארפען א בארג מיט שטיינער.״*)

דער טייל פון דעם המון וואס איז פארבליבען ארום דער ביורא האָט באפוילען די מענשען אינעווייניג ארויסצוגיין. גע־וואוינט האָבען דאָרטען זייער ארימע מענשען. מען האָט זיי אָבער קיין צייט ניט געגעבען ארויסצוטראגען זייערע זאכען. ווען זיי זיינען ארויס האָט דער המון אונטערגעצונדען דאָס הויז. דריי דערבייאיגע הייזער האָבען זיך אָנגעכאפּט פון די

*) מר. לינטש, דער שרייבער פון די געבראכטע שורות, איז מיט דער מיינונג אז די ראיאָטען זיינען פאראורזאכט געוואָרען דורך טעמעני־לייט.

פלאמען און אלע זיינען זיי פארברענט געווארען אויף אש. אי־בער'ן וועג האט דער המון אונטערגעצונדען נאך דריי הייזער און ווען די פייערלעשער זיינען געקומען, זיינען זיי פארטריבען געווארען.

נאכמיטאג האבען זיך אנגעהויבען ראיאטען אין נידעריגען טייל פון שטאט (דאון טאון). דארט האבען זיך געפונען די פאבריקען. קאמיטעס זיינען ארומגעגאנגען און באפוילען די ארבייטער צו פארלאזען זייערע פלעצער. כמעט אלע האבען גע־פאלגט. א גרויסע מחנה איז דאן אוועק צו מעיאר'ס וואוי־נונג (ער איז גראדע געווען א רעפובליקאנער) אויף דער פינפטער עוועניו און פופצענטע סטריט. זיי האבען געוואלט זיך אריינ־רייסען אין הויז. אבער א ריכטער, וואס די מאסע האט אים געהאלטען פאר אירען א פריינד, ווייל ער איז געווען געגען דעם דרעפט, האט זיי געראטען דאס ניט צו טאן און זיי האבען אים געפאלגט.

די שטאט איז געווען אין טויט שרעק. אויף די גאסען האט מען געזען בלויז דעם אויפגערעגטען המון, פאליסלייט און סאלדאטען. דער דרעפט איז סוספענדירט געווארען. דער מעיאר האט אריבערגעפירט זיין ביורא אין א האטעל אויף בראדוויי, ביי ספרינג סטריט. אין סיטי האל האט ער מורא געהאט צו פארבלייבען. ווער עס האט נאר געהאט די מעגליכ־קייט איז אנטלאפען פון שטאט. יעדע שיף אין האפען, וואוהין זי איז ניט געפארען, איז געווען געפאקט מיט פאסאזשירען. די באנען האבען זיך אבער געמוזט אפשטעלען ווייל דער המון האט אויפגעריסען די רעלסען. ביז פארנאכט איז אין שטאט ניט גע־בליבען קיין איין וואגאן אדער קארעטע: אלץ איז אוועקגעפא־רען מיט פליכטלינגע.

דינסטאג איז די שטאט געווען אין די הענד פון דעם המון. צו זיי זיינען איצט צוגעשטאנען גנבים און באנדיטען. די היימען פון דעם מעיאר און פון דעם פאסטמייסטער זיינען צורויבט געווארען. אלערטאן'ס האטעל איז פארניכטעט גע־ווארען. א קליידער־געשעפט אויף ברוקס און טעטערין סטריט

איז צוריבט געווארען. א פערי־געביידע איז פארברענט גע־ווארען. פאַגראָמען זיינען געמאכט געווארען אויף נעגער. מען האָט זיי געטריבען און געשלאָגען. זייערע הייזער און זייערע קליי־נע געשעפטען זיינען צוראבירט געווארען. הונדערטער נעגער זיינען אנטלאָפען אין בלעקוועל איילאנד אָדער האָבען זיך באהאל־טען אין די וועלדער ארום שטאָט. . . ביינאַכט האָט דער המון אטאקירט די וואוינונג פון האָרעס גרילי, דער רעדאקטאָר פון דעם „טריביון“, זי צופלינדערט און אונטערגעצונדען.

דער שרעקליכסטער קאמף איז פאָרגעקומען אויף דער צוויי־טער עווענױ און 22טער סטריט. אויף יענעם קאָרנער איז דע־מאָלט געשטאַנען א גרויסע געביידע וואו מען האָט פאבריצירט ביקסען פאַר דער ארמיי. . . אין דער געביידע האָבען זיך דע־מאָלט געפונען פיר טויזענט פארטיגע ביקסען. דער המון האָט עס געוואוסט און האָט געוואָלט זיך אריינרייסען אין דער גע־ביידע און ארויסנעמען די ביקסען. זעכציג פּאָליסלייט האָבען באוואַכט די טירען פון דער געביידע און געשאָסען אויף יעדען וואָס האָט געמאכט א פארזוך אריינצוגיין אינעווייניג.

א פּאָר שטונדען האָבען פּאָליסלייט און דער המון זיך גע־שלאָגען ארום דער געביידע. ענדליך א זייגער דריי איז גע־לונגען דעם עולם אריינצודרינגען אינעווייניג. די פּאָליסלייט זיינען אנטלאָפען. דער המון האָט אויפגעריסען די קאסטענס מיט די ביקסען. הונדערטער פון זיי זיינען ארויף אויף דעם העכסטען עטאזש, וואו עס האָט זיך געפונען א לײדיגער זאַל פאַר מושטירען זיך. איינער פון די פירער האָט פארמאכט די טיר כדי מען זאָל דאָס מושטירען ניט שטערען.

דערווייל האָט א שיכור'ער מאַן אונטען אונטערגעצונדען די געביידע. דער ברוק און די ווענט זיינען דאָרט געווען אנגע־זאפּט מיט אויל און די פלאַמען האָבען זיך פארשפרייט מיט א ווילדער שנעלקייט. אין זעלבען מאָמענט זיינען אנגעקומען סאָל־דאַטען. עס איז געווארען א געשלעג. די סאָלדאַטען האָבען גע־שאָסען. איידער די סאָלדאַטען האָבען דעם עולם צוטריבען איז די געביידע פארפלייצט געווארען מיט כוואַליעס פייער. אַלע

מענשען וואס זיינען געווען אינעוויינינ (די צאל איז קיינמאל ניט פעסטגעשטעלט געווארען) זיינען פארברענט געווארען אויף קויל.

אין דער זעלבער צייט האט א צווייטער המון אטאקירט א נע־גערשען בית יתומים, וואס איז געשטאנען אויף דער פינפטער עוועניו צווישען דער 43טער און 44טער סטריט. אין דער גע־ביידע האבען זיך געפונען עטליכע הונדערט קינדער אונטער צוועלף יאר. צום גליק האבען די אנגעשטעלטע ארויסגעפירט די קינדער נאך איידער דער המון האט זיך פארזאמעלט. דער המון האט די געביידע אונטערגעצונדען, זיך ארומגעשטעלט ארום איר און ניט געלאזען די פייערלעשער צוצוקומען ביז וואנען זי איז איינגאנצען פארניכטעט געווארען.

אויף קלארקסאן סטריט, נעבען האדסאן, האט דער המון געכאפט א נעגער און אים געלינטשט. זיי האבען אים אויפגע־האנגען און אונטערגעלייגט א פייער אונטער זיינע פיס. פאליס־לייט האבען אים געוואלט ראטעווען אבער דער המון האט זיי פארטריבען.

דינסטאג נאכמיטאג איז גאווערנאר סעימאר אנגעקומען אין ניו יארק. ער האט אדרעסירט א גרויסען עולם, וואס האט זיך פארזאמעלט ארום סיטי האל. ער האט פארזיכערט אז דאס דרעפט־געזעץ וועט ניט דורכגעפירט ווערען ביז וואנען דאס גע־ריכט וועט ניט פסק'ענען צי ער איז קאנסטיטוציאנעל. דער עולם האט געוואוסט אז סעימאר איז אויף זייער זייט און זי הא־בען אים שטארק אפלאדירט.

מיטוואך זיינען די ראיאטען פארטגעזעצט געווארען. גרו־פעס יונגע בחורים זיינען באפאלען די ארימע הייזער פון די נעגער און דארט געמאכט פאגראמען. אין איין הויז האבען זיי געפונען א קליין נעגער־קינד פון צוויי יאר. (די אנדערע זיי־נען אנטלאפען). האבען זיי דאס קינד ארויסגעווארפען פון פענסטער. „דער טויטער קערפער פון דעם קינד, שרייבט לינטש, איז געלעגען אין גאס שטונדען לאנג”. דער המון האט איינ־געבראכען אין די פראסטיטוציאנס־הייזער און אראפגעריסען פון

די מיידלאך זייערע זיידענע קליידער און זייער צירונג. אויף דער ערשטער עוועניו, צווישען דער עלפטער און פערצענטער סטריט, האט דער המון אויפגעשטעלט באריקאדען. דארט האט מען זיך געשלאגען דעם גאנצען טאג. אויף דער ניינטער עוועניו זיינען געשטאנען באריקאדען פון דער 24טער סטריט ביז דער 42טער. הינטער די באריקאדען זיינען דעם גאנצען טאג געשטאנען טויזענטער מענשען מיט ביקסען אין די הענד. א קאנאן איז דארט אויך געווען.

ביינאכט האט מען געקענט זען א סך נעגערס הענגענדיג פון לאמפען־סלופעס און ביימער. אויף קארנער 28טער סטריט און 7טע עוועניו איז געהאנגען א יונגער נעגער. פון זיין קערפער זיינען געווען אויסגעשניטען שטיקער פלייש.

דאנערשטאג נאכמיטאג זיינען אנגעקומען אין שטאט פינף רעגימענטען סאלדאטען. זיי האבען די אומרוען שנעל איינגעשטילט. ביינאכט איז אלץ געווען שטיל.

מיטוואך נאכמיטאג האבען די ראטמענער (קאמאן גאונסעל) פון שטאט געהאט א זיצונג און אנגענומען א רעזאלוציע וואס האט פארדאמט דעם דרעפט. זי האט אויך באוויליגט די סומע פון צוויי און א האלב מיליאן דאלער אלס א פאנד פאר די ארימע פריזיוויניקעס. מיט דעם פאנד האט זיך דער ארימער געדרעפטעטער געקענט באנוצען כדי זיך אויסצוקויפען פון דינסט.

אין אנדערע שטעט זיינען אויך פארגעקומען אומרוען ביים דורכפירען דעם דרעפט. אין נוארק האט אן עולם צורויבט א רעדאקציע און אויסגעבראכען די פענסטער ביים דרעפט־בעאמטען. אין טרענטאן האט מען פאר מורא אפגעלייגט דעם דרעפט. אין א סך אנדערע שטעט האט מען דעם דרעפט דורכגעפירט אונטער א שווערער וואך פון סאלדאטען. דער גאווערנאר פון אילינאי האט געבעטען מען זאל אים שיקען פינף רעגימענטען ער זאל קענען דורכפירען דעם דרעפט.

אין ניו יארק האט מען דעם דרעפט ווידער אנגעהויבען ערשט דעם 19טען אוגוסט. די שטאט איז באוואכט געווען

פון אן ארמיי פון דרייסיג טויזענד סאָלדאַטען. די גאסען זיי־נען פול געווען מיט קאַוואַלעריע. קיין שטערונג איז דאָס מאָל שוין ניט פארגעקומען.

בכלל איז דער דרעפט געווען אַ דורכפאל. אין דעם גורל האָט מען ארויסגעצויגען איבער 292 טויזענד נעמען. ארום 40 טויזענד האָבען זיך צום פריזיוו ניט געמאָלדען. ארום 164 טויזענד זיינען באפרייט געווארען צוליב פארשיידענע גע־זעצליכע אורזאכען. זיינען איבערגעבליבען ניט מער ווי 88 טויזענד. פון די האָבען איבער 52 טויזענד זיך אויסגעקויפט מיט געלד. די רעגירונג האָט פון דעם גאנצען דרעפט געקראָ־גען ניט מער ווי 36 טויזענד סאָלדאַטען. איבער צוויי־דריטעל פון די 36 טויזענד זיינען געווען „סאָבסטיטיוטס" (שטעל־פאר־טרעטער), אזוינע וואָס האָבען פארנומען דעם פלאץ פון „אָפּ־געגעבענע".

דער דרעפט איז באַנוצט געווארען נאָך א פּאָר מאָל שפּע־טער אין 1863 און אין 1864. עס איז געווארען אלץ שווערער און שווערער צו קריגען סאָלדאַטען מיט גוטען און מען האָט גע־מוזט באַנוצען צוואַנג־מיטלען. קיין אומרוען זיינען שוין אָבער ניט פאָרגעקומען. די נאַציאָנאלע רעגירונג, און די רעגירונגען פון די שטאַטען, די שטעט און ראַיאָנען, האָבען געזוכט צו וויר־קען אז מען זאָל פרייוויליג אריינטרעטען אין דער ארמיי. זיי האָבען אָנגעבאָטען באלוינונגען (באָנוסעס) יעדען איינעם וואס וועט עס טאָן. די נאַציאָנאלע רעגירונג, צום ביישפּיל, האָט גע־געבען אַ באָנוס פון 302 דאָלער צו יעדען אויסגעדינטען סאָל־דאַט וואס וועט ווידער אריינטרעטען אין דער ארמיי און 202 דאָלער צו יעדען נייעם רעקרוט וואס וועט ניט ווארטען אויפ'ן דרעפט (די צוויי דאָלער איז געווען האַנט־געלט וואס דער רע־קרוט פלעגט באַקומען גלייך ווי ער האָט זיך פארשריבען). אויסער דעם באָנוס פון דער נאַציאָנאלער רעגירונג האָט דער רעקרוט באַקומען באָנוסעס פון זיין שטאַט־רעגירונג. אָפט האָט ער, אויסער די צוויי באָנוסעס, באקומען נאָך אַ באָנוס פון זיין שטאָט, פון דער ראַיאָן־רעגירונג אָדער פון ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס.

מאסאטשוזעטס, צום ביישפּיל, האָט געגעבען אַ באָנוס פון 325 דאָלער און דערצו 20 דאָלער אַ מאָנאַט אַזוי לאַנג ווי דער סאָל־דאַט איז פארבליבען אין דינסט. די שטאָט ניו יארק האָט גע־געבען אַ באָנוס פון 300 דאָלער, און דער שטאַט ניו יארק האָט געגעבען נאָך 75 דאָלער. אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט פון ניו יארק וואס איז ווידער אריין אין דער ארמיי האָט אלזא באַ־קומען אין באָנוסעס פון די פארשיידענע רעגירונגען די סומע פון 775 דאָלער. דזשוירזי סיטי האָט געגעבען אַ באָנוס פון 350 דאָלער; פילאדעלפיא, 200 דאָלער; דאָס קליין שטעטעל קעמ־דען, 270 דאָלער.

די סיסטעם פון צאָלען באָנוסעס איז געווען זייער שלעכט. עס האָבען זיך דורכדעם אַנטוויקעלט צוויי צרות. איין צרה איז געווען דער מעקלער, וואס האָט געהאַנדעלט מיט „סאָב־סטיטיוטס" אָדער שטעלפארטרעטער. דאָס איז געווען אַ מענש וואָס האָט געזוכט רעקרוטען אויף צו פארנעמען די פּלעצער פון אָפּגעגעבענע. דער מעקלער האָט געהאַט אַגענטען וואס האָבען געזוכט שטעלפארטרעטער און זיי געבראַכט צו אים. אָפט האָ־בען די קאַנדידאַטען ניט געטויגט פאר דער ארמיי. די מעקלער פלעגען טעראָריזירען יונגע לייט און זיי מיט געוואַלד אריינ־צווינגען אין דער ארמיי. פּראָפעסאָר ראודס ברענגט פאָלגענדע ציטאַטע פון דעם „ניו יארק טריביון": „די סיסטעם פון דינ־גען סאָלדאַטען וואס מען האָט די לעצטע צייט איינגעפירט אין אונזער שטאָט איז איינע פון די גרעסטע סקאַנדאַלען פון דער מלחמה. מען באַנוצט זיך מיט געוואַלד מיטלען, מיט שכור'ע געטראַנקען, מיט סטראַשונקעס, מיט שווינדלען כדי צו ברענגען קרבנות צום באָנוס־מעקלער. קריפּעלס, אַלטע לייט, יונגע קינדער אָדער אַזוינע וואס ליידען פון אומהיילבארע קראַנקהייטען ווע־רען אריינגעגעבען אין דער ארמיי אלס רעקרוטען".

די צווייטע צרה איז געווען וואָס עס האָט זיך אַנטוויקעלט אַ קלאַס פון „באָנוס גנבים". אַ חברה־מאַן פלעגט זיך פאר־שרייבען אין דער ארמיי אין איין שטאָט, פלעגט דאָרט צונעמען אַלע זיינע באָנוסעס, דערנאָך פלעגט ער אַנטלויפען פון דער

ארמיי, אוועקפארעז איז אן אנדער שטאט, בייטען זיין נאמען און זיך ווידער איינשרייבען אין דער ארמיי און ווידער קריגען באנוסעס. עס ווערט דערציילט פון א פאל, ווען איינער האט זיך פארשריבען אין דער ארמיי ניט ווייניגער ווי 32 מאל און יעדען מאל באקומען געלט אלס באנוסעס.

אין מאי, 1864, האט מען געמאכט א נייעם דרעפט. דער ערשטער באריכט וואס איז אנגעקומען צום הויפט פון דער דרעפט ביורא אין וואשינגטאן האט ענטהאלטען די פאלגענדע ציפערען: עס זיינען געשטעלט געווארען צום פריזיוו 14,747 מאן. איבער 13,400 זיינען באפרייט געווארען, טייל צוליב פיזישע אורזאכען, טייל ווייל זיי האבען איינגעוויליגט צו באצאלען 300 דאלער, און טייל ווייל זיי האבען געדונגען שטעלפארטרעטער. די צאל וואס האט איינגעצאלט צו דריי הונדערט דאלער האט אנגעטראפען 5,050. די ציפער האט איבערראשט די דרעפט-בעאמטע און זיי האבען זיך געווענדט צום קריגס-מיניסטער סטענטאן מיט א בקשה, אז דער פונקט אין דעם דרעפט-געזעץ, וואס ערלויבט דעם אפגעגעבענעם סאלדאט זיך אויסצוקויפען מיט דריי הונדערט דאלער, זאל אפגעשאפט ווערען. אין קאנגרעס האט שוין פון פריער געהערשט א שטימונג געגען דעם פונקט. איצט אז דער קריגס-מיניסטער איז געווען מיט דערזעלבער מיינונג האט דער קאנגרעס געמאכט די ענדערונג אין דעם געזעץ. לינקאלן האט דעם נייעם דרעפט געזעץ אונטערגעשריבען דעם פערטען יולי און אין סעפטעמבער האט מען גענומען רופען סאלדאטען לויט דעם נייעם געזעץ.

וועגען דינגען שטעלפארטרעטער איז אין דעם נייעם געזעץ אויך געמאכט געווארען אן ענדערונג. בלויז יענע האבען געמעגט דינגען אלס שטעלפארטרעטער וועלכע זיינען אליין פריי געווען פון דעם דרעפט: דאס הייסט, ענטוועדער אימיגראנטען וואס האבען ניט געהאט ארויסגענומען די „ערשטע פייפערס", אדער אזוינע וואס האבען שוין אויסגעדינט א טערמין פון וויינינגסטענס צוויי יאר, אדער בחורים פון אונטער 20 יאר.

פאַר די רעקרוטען־מעקליארעס איז איצט געווארען א גליק־ליכע צייט. וויבאלד אז מיט געלד האָט מען זיך ניט געקענט אויסקויפען איז געבליבען בלויז איין אויסוועג ווי אזוי זיך אויס־צודרייען פון דרעפט, און דאָס איז, צו קריגען א שטעלפארטרע־טער. די מעקליארעס האָבען געמאכט גאָלדענע געשעפטען. די צייטונגען זיינען פול געווען מיט אנאָנסען פון מעקלערס. איין אנאָנסע האָט זיך געלייענט אומגעפער אזוי: „איילט זיך צו קויפען א שטעלפארטרעטער ווייל באלד וועט זיך אָנפאנגען אזא נאָכפראגע אויף זיי, אז דער פרייז וועט שטייגען ביז 1,200 דאָלער א שטיק.” טייל געדרעפטעטע סאָלדאטען האָבען אליין אריינגעשטעלט אנאָנסען נאָך שטעלפארטרעטער און טייל אימי־גראנטען האָבען אנאָנסירט אז זיי ווילען זיך פארקויפען פאר אזעלכע.

אָט זיינען אויסצוגען פון אנאָנסען, ווי זיי ווערען איבער־געגעבען אין מעקמעסטער'ס געשיכטע:

פארלאַנגט איירישלייט, ענגלאַנדער, שאָטלענדער, דייטשען און פראַנצויזען, מענשען פון אלע נאַציאָנאליטעטען צו דינען אלס שטעלפארטרעטער; דער וואָס זוכט א שטעלפארטרעטער אויף א יאָר קען אים ביי אונז באקומען פאר 800 דאָלער. אונ־זער ביוראָ האָט מאָנטאג צוגעשטעלט 41 שטעלפארטרעטער. מיר דארפען נאָך 34 פאר 950 דאָלער א שטיק.

די ארמיי־בעאמטע, וועלכע האָבען געזוכט רעקרוטען, האָ־בען אויך אריינגעשטעלט אנאָנסען אין די צייטונגען. אין זייערע אנאָנסען האָבען זיי אָנגעוויזען, אז עס לוינט זיך בעסער פאר דעם וואָס וויל דינען, אריינצוטרעטען אין דער ארמיי ניט אלס שטעל־פארטרעטער, נאָר אלס א פרייוויליגער. א פרייוויליגער קריגט באָנוסעס פון דער רעגירונג, וואָס טרעפען אָן מער ווי דאָס געלט וואָס מען צאָלט פאר א שטעלפארטרעטער. פאר איין יאָר דינסט קריגט מען 750 דאָלער אין באָנוסעס און 192 דאָלער אין שכירות. דאָס איז זיבעצען און א האלב דאָלער א וואָך, מער ווי מען קען פארדינען אין דערהיים.

אין פילאדעלפיא האָט זיך אָרגאניזירט א קאָמיטע פון ביר־

גער, וועלכע האט צוגעשטעלט שטעלפארטרעטער פאר געדרעפ־טעטע סאלדאטען. זי האט געצאלט 650 דאלער פאר א שטעל־פארטרעטער. דעלאווער האט געגעבען יעדען געדרעפטעטען סאל־דאט פון איר שטאט א סומע פון 500 דאלער צו קויפען א שטעל־פארטרעטער. אין סינסינעטי זיינען די צייטונגען פול געווען מיט אזוינע אנאנסען: „600 מזומן פאר שטעלפארטרעטער". „600 פאר באפרייטע און אויסגעדינטע סאלדאטען". „25 דאלער פאר יעדען וואס וועט ברענגען א רעקרוט אין דער ארמיי".

ניט בלויז אפגעגעבענע סאלדאטען האבען געזוכט שטעלפאר־טרעטער. עס איז געווארען א פאטריאטישער מנהג פאר אלערליי מענשען און אפילו פאר פרויען צו דינגען א סאלדאט אלס „פאר־טרעטער פאר זיך". עס פארשטייט זיך, אז דעם פאטריאטישען פארגעניגען האבען זיך געקענט פארגינען בלויז רייכע און זיי פלע־גען צאלען הויכע פרייזען. איין אנאנס פון אזוינע מענשען האט זיך געלייענט אזוי: „פארלאנגט זעקס רעקרוטען, מוזען זיין גע־בילדעטע מענשען מיט גוטע מאניערען. זיי דארפען פארטרעטען זעקס רייכע און פראמינענטע הערען". די יאנגעניש נאך פאר־טרעטער האט מיטגעבראכט, אז דער פרייז זאל שטייגען. מען האט געצאלט טויזענד, צוועלף הונדערט און אפילו פופצען הונ־דערט דאלער פאר א פארטרעטער. די וואס האבען ניט געהאט קיין מזומן געלד האבען אנגעבאטען שטיקער לאנד. איין אנאנס האט זיך געלייענט: „איך גיב א גוטע פארם פון 80 אקער לאנד פאר א שטעלפארטרעטער אויף איין יאר צייט". א צווייטע אנאנס באט אן צוויי הונדערט אקער לאנד צו צוויי פארטרעטער צו דינען צוויי יאר.

יעדער דרעפט איז געווען פארבונדען מיט דיזעלבע שווע־ריגקייטען און מיט דיזעלבע שרעקען. אין געוויסע געגענדען האט דער עולם געסטראשעט די דרעפט־בעאמטע, אין אנדערע זיינען די יונגעלייט צולאפען איידער מען האט זיי געדרעפטעט. „אין וויסקאנזין און מינעסאטא, — שרייבט מעקמעסטער, — זיינען די מענער פון מיליטערישען עלטער אנטלאפען. אין א

באריכט פון א שטאַט אין וויסקאָנזין ווערט געזאָגט, אז אַלע מענער צווישען דעם עלטער פון 18 און 45 יאָר זיינען אוועק־געפארען ערגעץ אויף באזוך צו פריינד, טויזנטער זיינען אוועק קיין קענעדע".

דאָך איז דער דרעפט פארטגעזעצט געווארען און די רייען פון דער ארמיי זיינען שטענדיג געווען פול.

קאַפּיטעל 17.

לינקאָלן באַפרייט די שקלאַפען פון דער סאוט.

דאָס ערשטע יאָר פון דער מלחמה האָט זיך לינקאָלן גע־האַלטען ביי דערזעלבער שטעלונג צו דער שקלאַפען־פראגע וואָס ער האָט פאָרמולירט אין זיין איינשווערונגס־רעדע און אין זיין ערשטען „מעסעדזש”. אין די דאָזיגע צוויי דאָקומענטען האָט ער פארזיכערט, אז די מלחמה ווערט אָנגעפירט פאר דעם איינ־ציגען צוועק איינצוהאלטען די גאַנצקייט פון דער „יוניאָן” און ניט כדי צו באפרייען די שקלאַפען. דער קאָנגרעס האָט אויך אין א רעזאָלוציע, פון יולי, 1861, דערקלערט, אז די מלחמה ווערט ניט געפירט מיט'ן צוועק „אומצואווארפען אדער זיך אריינצומי־שען אין עטאבלירטע אינסטיטוציעס”. מיט „עטאבלירטע אינ־סטיטוציעס” האָט דער קאָנגרעס געמיינט די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי אין יענע שטאַטען וואו שקלאַפעריי איז געווען עטאַב־לירט, וואו זי האָט עקזיסטירט.

לינקאָלן איז שטענדיג געווען א געגנער פון שקלאַפעריי. ער האָט אין הונדערטער רעדעס אין פארלויף פון זיין פּאָליטישער קאַריערע פאַרדאַמט שקלאַפעריי מיט די ביטערסטע ווערטער. איצט אבער האָט ער געפילט אז אויב ער וועט ארויסטרעטען גע־גען שקלאַפעריי וועט ער דערמיט העלפען דעם שונא. ערשטענס, זיינען אין דער נאָרט געווען מיליאָנען מענשען וואס האָבען גע־גלויבט, אז מען דאַרף די שקלאַפעריי אין דער סאוט צורו לאָ־זען. אָט די מענשען וואָלטען זיך ענטזאגט צו העלפען אין דער מלחמה ווען זיי וואָלטען געווען איבערצייגט, אז איר ציל איז אויסצוראָטען שקלאַפעריי. צווייטענס, זיינען אין דער נאָרט געווען פיר שטאַטען וואו שקלאַפעריי האָט נאָך עקזיסטירט, —

די גרעניץ־שטאַטען. זיי וואָלטען צוגעשטאַנען צום שונא, אויב זיי וואָלטען געוואוסט אז די נאָרט קעמפט געגען שקלאַפעריי. מיט דער הילף פון די גרעניץ־שטאַטען וואָלט די קאָנפעדערייסי געווען פיליכט אזוי שטארק, אז עס וואָלט אוממעגליך געווען זי צו באזיגען.

אָבער נישט קוקענדיג אויף לינקאָלנ׳ס אלע ערקלערונגען און הבטחות איז עס אוממעגליך געווען צו באזייטיגען די פראגע פון שקלאַפעריי. אויף שריט און טריט איז זי ארויפגעשוואומען, אי אויף די שלאכטפעלדער, אי אין דער היים. א גרויסע צאָל רעפובליקאנער האָבען געפאָדערט, אז די שקלאַפען זאָלען גלייך באפרייט ווערען, און זייער צאָל איז געוואקסען מיט יעדען טאָג. זיי האָבען געגלויבט, אז אזא שריט וואָלט געווען ניט נאָר מענשליך און יושר׳דיג, נאָר אויך פראקטיש און קלוג. דאָס וואָלט געשטארקט די מאָראל פון דער נאָרט און פאַר איר געוואונען פריינד צווישען די בעסערע מענשען אין אויסלאַנד. די מלחמה וואָלט דעמאָלט געווען א קאמף פאַר א נאָבעלער זאך, פאַר אן אידעאל. די סאָלדאַטען וואָלטען געהאַט פאר וואָס צו זיין באַגייסטערט, אן ערהאבענע אורזאך פאר וועלכער מקריב צו זיין זייערע לעבענס. אויף די שלאכטפעלדער און אין די אקופירטע געגענדען אין דער סאוט איז די פראגע פון שקלאַפעריי געווען א פארשאַרפטע. די קאָמאַנדירען פון די נאָרט־ארמייען האָבען זיך אלע ווילע אָנגעשלאָגען אויף איר. אָט האָבען זיי געפאנגען נעגער, וועלכע האָבען געדינט אלס שקלאַפען ביים שונא און וועלכע האָבען דירעקט אדער אינדירעקט געהאָלפען די ארמייען פון דער סאוט; אָט זיינען צו זיי געקומען אנטלאָפענע שקלאַפען און אָנגעבאָטען זייער דינסט. צו זיי אין די הענד זיינען אריינגעפאלען נעגערשע פרויען און קינדער, וואָס האָבען זיך געבעטען מען זאָל זיי ניט שיקען צוריק צו זייערע באלעבאַטים. וואס טוט מען מיט זיי? ווי האנדעלט מען מיט זיי?

די פארשידענע גענעראלען פון דער נאָרט האָבען געהאַט פארשידענע און אָפטמאָל פארקערטע מיינונגען אין דער פראגע. אין א פאָריגען קאַפיטעל איז דערציילט געוואָרען ווי אזוי גענע־

ראל פרעימאָנט, דער קאָמאנדיר פון דער ארמיי אין מיזורי, האָט ארויסגעגעבען א באפעל, אז אלע שקלאפען אין יענעם שטאט זיינען פריי. לינקאָלן האָט דעם באפעל גלייך מבטל געמאכט. אויף אן ענליכען אופן האָט געהאנדעלט גענעראל דייוויד האָנ־טער, וועלכער איז געשטאנען מיט זיין ארמיי אין אן איינגע־נומענער געגענד אין סאוט קאראָליינא. אין מאי, 1862, האָט ער ערקלערט, אז אלע שקלאפען אין זיין טעריטאריע זיינען פריי. לינקאָלן האָט אויך זיין באפעל מבטל געמאכט. עס זיינען גע־ווען גענעראלען וואס האָבען גענומען פונקט א פארקערטע שטע־לונג. גענעראל מענספילד האָט ניט אריינגעלאָזען קיין נעגער אין זיינע לאגערען. גענעראל האלעק האָט פארבאָטען זיינע סאל־דאטען צו באהאלטען אן אנטלאָפענעם שקלאף. די צוויי גענע־ראלען ביזעל און הוקער זיינען געגאנגען נאָך ווייטער. זיי האָבען ערלויבט שקלאפען אייגענטימער אריינצוקומען אין זייערע לאגע־רען און דאָרטען זוכען אנטלאָפענע שקלאפען. אנדערע גענעראלען האָבען אויסגעקליבען א מיטעל־וועג. גענעראל וואל האָט אריינ־גענומען אנטלאָפענע שקלאפען, זיי געגעבען ארבייט און פאר דער ארבייט זיי באצאָלט. גענעראל באָירנסאיד האָט ערקלערט, אז ער מישט זיך ניט אין דער גאנצער אנגעלעגענהייט. טייל גענעראלען האָבען פארזאָגט זייערע סאָלדאטען, אז אויב זיי כאַ־פען אן אנטלאָפענעם שקלאף ביי זיך אין לאגער זאָלען זיי אים צוריקשיקען צו זיין באלעבאָס; אנדערע גענעראלען האָ־בען פארקערט, פארזאָגט זייערע סאָלדאטען, אז אונטער קיינע אומשטענדען זאלען זיי ניט העלפען די באלעבאטים כאפען אנט־לאָפענע שקלאפען.

אין אוגוסט, 1861, האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען א בא־שטימט געזעץ ווי אזוי די גענעראלען זאָלען זיך פירען. דאָס געזעץ האָט געהייסען, אז א גענעראל האָט א רעכט צו קאָנפיס־קירען אזוינע שקלאפען וואס ווערען פון שונא באנוצט פאר מלחמה צוועקען, שקלאפען, הייסט עס, וואס טוען מיליטערישע ארבייט. אלע אנדערע שקלאפען האָבען די גענעראלען ניט גע־

טאָרט טשעפען. ניט אַלע גענעראַלען האָבען אָבער ריכטיג אָפּ־געהיט דאָס געזעץ.

אונטער'ן דרוק פון די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער און די „אַבאָלישאָניסטען" און אויך צוליב מיליטערישע סבות, האָט דער קאָנגרעס, אויף לינקאָלנ'ס רעקאָמענדאַציע, אָנגענומען אַ גאַנצע ריי געזעצען לטובת די נעגער־שקלאַפען. דער פּרעזידענט איז, ווילענדיג, ניט־ווילענדיג, געשטויסען געוואָרען אין דער ריכטונג פון באַפרייאונג, פון „עמאַנציפּאַציע".

איינס פון די געזעצען האָבען מיר שוין דערמאָנט: נעמליך, אַז שקלאַפען וואָס ווערען באַנוצט צו העלפען דעם שונא'ס מיליטער זאָלען באַפרייט ווערען.

דעם 13טען מערץ, 1862, האָט דער פּרעזידענט אונטערגע־שריבען אַ געזעץ וואָס האָט פאַרבאָטען סאָלדאַטען און אָפיצירען צוריקצושיקען צו די באַלעבאַטים אַנטלאָפענע שקלאַפען וואָס קו־מען צו זיי אין לאַגער.

אין אַפּריל, 1862, איז דורכגעפירט געוואָרען אַ געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשאַפט און אויף שטענדיג פאַרבאָטען שקלאַפעריי אין וואַשינגטאָן, די הויפּט־שטאָט פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אין וואַשינגטאָן האָבען זיך דעמאָלט געפונען אַן ערך צען טויזענט שקלאַפען.

מיט צוויי מאָנאַט שפּעטער, אין יוני, איז דורכגעפירט גע־וואָרען אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטען שקלאַפעריי אין די טע־ריטאָריעס פון די פאַראייניגטע שטאַטען. פאַר דעם דאָזיגען פּרינ־ציפּ איז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי געשטאַנען פון דעם ערשטען טאָג פון איר גרינדונג. איצט האָט זי ענדליך איר פּרינציפּ פאַרווירקליכט.

אין יולי, 1862, האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס האָט באַפאָלמעכטיגט דעם פּרעזידענט אַריינצונעמען נעגער פאַר סאָלדאַטען אין דער אַרמיי. אין דעם געזעץ איז געווען אַ פּונקט, אַז אַ נעגער־שקלאַף וואָס דינט אין דער אַרמיי ווערט דערמיט שוין פריי. צוזאַמען מיט אים ווערען אויך פריי זיין מוטער, זיין פרוי און זיינע קינדער. אין זעלבען געזעץ איז

געווען א פונקט בנוגע שקלאפען פון מענשען וועלכע שטיצען אדער העלפען דעם שונא אין דער מלחמה, א פונקט, אז אויב מען פאנגט זיי אדער זיי אנטלויפען און קומען אין א לאגער, אדער אויב זיי געפינען זיך אין אן אקופירטער געגענד, זאלען זיי ערקלערט ווערען פריי און זאלען קיינמאל מער ניט טארען פארוואנדעלט ווערען אין שקלאפען.

די אלע גינסטיגע געזעצען האבען ניט צופרידענגעשטעלט די ראדיקאלע רעפובליקאנער. זיי האבען געפאדערט אז שקלאפעריי זאל אינגאנצען אפגעשאפט ווערען.

לינקאלנ'ס שטעלונג צו דער שקלאפען־פראגע איז ניט געבליבען דיזעלבע. דער מאראלער דרוק פון די ראדיקאלען און דער מיליטערישער דרוק אויפ'ן שלאכטפעלד האבען אים געטריבען אלץ מער און מער לינקס. אין זיין „מעסעדזש" צום קאנגרעס אין מערץ, 1862, האט ער רעקאמענדירט דורכצופירען א רעזאלוציע וואס זאל אויסדריקען דעם וואונש פון דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטען צו העלפען דער באפרייאונג פון די שקלאפען. לינקאלן האט געוואלט, אז די רעזאלוציע זאל פארזיכערען יענע שטאטען וואס וועלען זיך אונטערנעמען צו באפרייען זייערע שקלאפען, ביסלאכוויז אדער מיטאמאל, אז די רעגירונג וועט זיי ארויסהעלפען מיט געלד. די פאראייניגטע שטאטען וועט זיי געבען דאס געלד ענטוועדער אלס פרייז פאר די שקלאפען, און זיי, די שטאטען, זאלען די נעגער ארויסשיקען, אדער דאס געלט קען גיין פאר יעדער אנדער צוועק וואס דער שטאט וועט געפינען פאר נויטיג. לינקאלן האט די רעקאמענדאציע געמאכט הויפטזעכליך אלס א שאך־צוג אין דער מלחמה. ער האט געגלויבט אז אויב אים וועט געלינגען צו ווירקען אויף די גרעניץ־שטאטען זיי זאלען אליין אפשאפען שקלאפעריי וועט די „קאנפעדערייסי" פארלירען יעדע האפענונג ווען עס איז איבערצוגעווינען יענע שטאטען אויף איר זייט און דאס וואלט געווען א שטארקער קלאפ פאר דער מלחמה־מאראל פון דער סאוט.

לינקאלנ'ס רעקאמענדאציע איז אנגענומען געווארען. אזא רעזאלוציע איז אריינגעטראגען געווארען איןביידע צווייגען פון

קאָנגרעס. די דעמאָקראַטען און די פאַרשטייער פון די גרעניץ־שטאַטען האָבען ביטער געקעמפט געגען איר. זי איז אָבער דורכגעגאַנגען און דער פּרעזידענט האָט זי אין אפריל אונטערגע־שריבען. קיינע פּראַקטישע רעזולטאַטען האָט זי ניט געבראַכט. קיין איינער פון די שקלאַפען־שטאַטען, אפילו די וואָס זיינען גע־בליבען טריי דער „יוניאָן", האָט זיך מיט איר ניט באַנוצט.

לינקאָלן האָט זיך אָבער געהאַלטען ביי זיין אידייע. ער האָט אָנגעווענדט אַלע כחות צו ווירקען אויף די גרעניץ־שטאַטען זיי זאָלען זייערע שקלאַפען אליין באַפרייען. דעם 12טען יולי, 1862, האָט ער איינגעלאַדען צו זיך אין „ווייסען הויז" די קאָנ־גרעסלייט און סענאַטאָרען פון די גרעניץ־שטאַטען און האָט זיי פאָרגעלייגט זיין פּלאַן, אז די שטאַטען זאָלען אליין באַפרייען די שקלאַפען און די נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט זיי דערפאַר באַ־צאָלען, דאָס הייסט, די נאַציאָנאַלע רעגירונג וועט פשוט ביי זיי אָפּקויפען די שקלאַפען און זיי ארויסלאָזען פריי. די מערסטע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען האָבען גערעדט געגען דעם פּלאַן. האָט זיך לינקאָלן ביי זיי געבעטען זיי זאָלען וועניגסטענס דעם פּלאַן פאָרלייגען פאַר זייערע שטאַט־רעגירונגען. בלויז זיבען, — אַ קליינע מינאָריטעט פון די אנוועזענדע, — —האָבען פאַר־שפּראָכען דאָס צו טאָן. אויף מאָרגען האָט לינקאָלן פאַרלאַנגט פון קאָנגרעס ער זאָל באַווילּיגען אַ סומע געלד, מיט וואָס דורכ־צופירען דעם פּלאַן. אַ ביל וועגען דעם איז אריינגעטראָגען גע־וואָרען אין קאָנגרעס, אָבער ער איז ניט אָנגענומען געוואָרען.

דעם 17טען יולי האָט זיך דער קאָנגרעס געשלאָסען. פינף טעג שפּעטער האָט לינקאָלן פאָרגעלייגט פאַר זיין קאַבינעט אַ „פּראָקלאַמאַציע פון באַפרייאונג" („פּראָקלאַמיישאָן אָוו אימענ־סיפּיישאָן"). אין דעם דאָקומענט האָט ער ערקלערט, אז ווען דער קאָנגרעס וועט זיך ווידער עפענען וועט ער פאָרלייגען אַ פּלאַן ווי אזוי אויסצוקויפען די שקלאַפען אין די לאָיאַלע שטאַטען. ער האָט ווייטער ערקלערט, אז אלס אַ מיליטערישער שריט, וועט ער טאָן דאָס פאָלגענדע: ער וועט פּראָקלאַמירען אז אין יענע

שטאטען, וואס וועלען זיך ניט אונטערגעבען פאר דעם ערשטען יאנואר, 1863, זיינען די שקלאפען באפרייט און וועלען אויף אייביג בלייבען פריי. לינקאָלן האָט ערקלערט פאר זיינע קאַבינעט־מיניסטארען, אז די שקלאפען אין די רעוואָלטירענדיגע שטאטען מאכען מעגליך פאר די ווייסע אָנצופירען דעם קאמף. די שקלאפען טוען די נויטיגע ארבייט אויף די פעלדער און אין די היימען — האָט ער געזאָגט. — דאָס מאכט מעגליך פאר די ווייסע צו גיין אין מלחמה. דערפאר האָט ער א רעכט, אלס מיליטערישער קאָמאנדיר, די שקלאפען צו באפרייען. די באַפרייאונג, הייסט עס, איז א מיליטערישער שריט.

די מיניסטאָרען האָבען די פראגע דיסקוטירט. סואוערד האָט געראטען, אז די פארעפענטליכונג פון דער פראָקלאמאציע זאָל אָפּגעלייגט ווערען אויף א גינסטיגערער צייט. גראָד דעמאָלט האָט זיך ערשט געהאט געענדיגט מעקלעלאנ׳ס טרויעריגע קאמפאניע ארום ריטשמאָנד. די נאָרט האָט געליטען א גרויסע מפלה. סואורד האָט אָנגעוויזען, אז דער עולם וועט איצט אויסטייטשען די פראָקלאמאציע אלס א געשריי נאָך הילף. עס וועט הייסען, אז אונזער רעגירונג שטרעקט אויס די האנד צו די נעגער זיי זאָלען איר העלפען. . . דאָס וועט באטראכט ווערען אלס דער לעצטער געשריי פון צוריקטריט. סוארד האָט געראטען מען זאָל אָפּוואַרטען ביז וואנען די נאָרט־ארמיי וועט געווינען א זיג אויפ׳ן שלאכטפעלד און דעמאָלט זאָל די פראָקלאמאציע ארויסגעגעבען ווערען. לינקאָלן האָט צוגעשטימט צו סואורד׳ס עצה. אלע מיניסטאָרען האָבען זיך פארפליכטעט צו האלטען די פראָקלאמאציע פאר א סוד.

דערווייל זיינען די ראדיקאלע רעפובליקאנער געווארען זייער אקטיוו אין זייער פראָפּאגאנדע פאר דער באלדיגער באפרייאונג פון די נעגער־שקלאפען. דעם 20טען אוגוסט האָט האָרייס גרילי, דער רעדאקטאָר פון „טריביון" און איינער פון די פירער פון די ראדיקאלע רעפובליקאנער, אפגעדרוקט אין זיין צייטונג אן אָפענעם בריף צו פרעזידענט לינקאָלן אונטער דער קעפּעל,

„די תפילה פון 20 מיליאָן". אין דעם אָפענעם בריף האָט גרילי געזאָגט צו לינקאָלן, אַז אַ גרויסער טייל פון די בירגער וואָס האָבען אים אויסגעקליבען זיינען אין אים איצט אנטוישט. „מיר פאָדערען פון דיר דו זאָלסט דורכפירען דאָס געזעץ. מיר פאָדערען דו זאָלסט אויפהערען צו פאָלגען די עצות פון די אָפּגעלעבטע פּאָליטיקאנטען פון די גרעניץ־שטאַטען. ווען דו וואָלסט גלייך ביים אריינטרעטען אין אמט געווארענט די בונטאָוושטשיקעס, אַז דו וועסט באפרייען זייערע שקלאפען וואלט עס געווען א טויטקלאפּ פאר דעם אויפשטאַנד."

לינקאָלן האָט אויף דעם אָפענעם בריף געשיקט אן ענטפער וועלכער איז אָפּגעדרוקט געווארען אין דעם „טריביון" דעם 23טען אוגוסט. אין דעם ענטפער איז דאָ אַ פלאַץ, וואס ווערט זייער אָפט ציטירט אלס דער אויסדרוק פון לינקאָלנ'ס שטעלונג צו דער שקלאפען־פראגע אין פארלויף פון דער מלחמה. די שטעלע לייענט זיך אזוי: „איך וויל ראַטעווען די „יוניאן". איך וויל זי ראַטעווען דורך די שנעלסטע מיטלען וואָס זיינען נאָר ערלויבט דורך דער קאָנסטיטוציע. אויב עס זיינען פאַראַן אזוינע מענשען וואס ווילען ניט ראטעווען די „יוניאן" סיידען זיי וועלען צוזאמען מיט איר ראַטעווען שקלאַפעריי, שטים איך ניט איין מיט זיי. אויב עס זיינען פאראן אזוינע מענשען, וואס ווילען ניט ראטעווען די „יוניאן" סיידען זיי וועט געלינגען אין דערזעלבער צייט צו פארניכטען שקלאַפעריי, שטים איך מיט זיי אויך ניט איין. מיין הויפט־ציל אין דעם קאמף איז צו ראַטעווען די „יוניאן" און ניט צו ראַטעווען אדער פארניכטען שקלאַפעריי. אויב איך וואָלט געקענט ראטעווען די „יונאן„ אָן דער באַפרייאונג פון די שקלאַפען וואָלט איך עס געטאָן; אויב איך וואָלט זי געקענט ראטעווען דורך דער באַפרייאונג פון די שקלאַפען וואָלט איך עס אויך געטאָן. אויב איך וואָלט זי געקענט ראַטעווען דורך באפרייען א טייל פון די שקלאַפען און די איבעריגע צורו לאָזען, וואָלט איך דאָס געטאָן. אלץ וואס איך טו בנוגע שקלאַפעריי און בנוגע די נעגער טו איך נאָר ווייל איך גלויב, אז דאָס העלפט מיר ראטעווען די „יוניאן", און דאָס וואס איך האלט

זיך אפּ פון טאָן טו איך ניט, ווייל איך גלויב אז דאָס וועט העל־פּען ראטעווען די „יוניאן".

אין אָנפאנג סעפּטעמבער האָבען גלחים אפּגעהאלטען א קאָנ־פערענץ אין שיקאגאָ און באשלאָסען צו שיקען א קאָמיטע צו לינ־קאָלנ'ען און אים בעטען ער זאָל גלייך באפרייען די נעגער. די קאָמיטע איז צו אים געקומען און, ווי דער שטייגער איז, אפּעֿ־לירט צו אים אין נאָמען פון גאָט. זיי האָבען ערקלערט אז דערפאר האָבען די ארמייען פון דער נאָרט געליטען אזוי פיל נידערלאגעס, ווייל גאָט איז אין כעס פארוואָס לינקאָלן באַ־פרייט ניט די נעגער. לינקאָלן האָט געענטפערט דער קאָמיטע האלב וויציג און האלב ערנסט. ער האָט געזאָגט: „מען קומט צו מיר מיט פארשיידענע עצות. טייל זיינען פונקט דער היפך פון די אנדערע. אלע עצה־געבער זיינען פרומע מענשען און אלע זיינען זיי זיכער אז זיי דריקען אוים א „הייליגען" וואונש. איך בין זיכער, אז ענטוועדער איין גרופּע אדער די אַנדערע מאכט א טעות אין זייער זיכערקייט בנוגע גאָט'ס ווילען. איך האָף, אז עס איז ניט קיין גאָט־לעסטערונג פון מיר צו זאגען, אז אויב גאָט וויל אויפדעקען זיין וואונש אין אן ענין וואס איז אזוי ענג פארבונדען מיט מיין פליכט, האָט ער עס געדארפט אויפדעקען דירעקט צו מיר". דאן איז לינקאָלן אריבער צו דער פראגע גופא. ער האָט געזאָגט, אז ער טראכט אליין איצט וועגען באפרייען די נעגער, אָבער ער פילט, אז די צייט איז נאָך ניט רייף. „איך פארזיכער אייך, אז די דאָזיגע פראגע איז ביי מיר אין געדאנק טאָג און נאכט מער ווי אנדערע פראגען."

די גינסטיגע צייט איז ענדליך געקומען. גלייך נאָך דער שלאכט ביי ענטיטעם, דעם 22טען סעפּטעמבער, ווען גענעראל לי איז געצוואונגען געווען צוריקצוציען זיין ארמיי פון מערי־לאנד, האָט לינקאָלן פארופען זיין קאבינעט און פאר זיי פאָר־געלעזען זיין „פּראָקלאמאציע פון באפרייאונג". איידער ער האָט גענומען לייענען האָט ער געזאָגט צו די מיניסטאָרען: „איך האָב אייך פארופען איר זאָלט הערען וואס איך האָב אָנגעשריבען. איך זוך ניט אייער עצה וועגען דעם ענין גופא. דאָס האָב איך

באַשלאָסען אַליין.״ דאַן האָט ער פאָרגעלייענט דעם דאָקומענט. אָט איז אַ קיצור פון דעם אינהאַלט:

„די מלחמה וועט ווייטער ווי ביז אהער פאָרגעזעצט ווערען מיט׳ן ציל צוריק גאַנץ צו מאַכען די „יוניאָן״; ער וועט זיך ווידער ווענדען צום קאָנגרעס ער זאָל אים, דעם פּרעזידענט, ערלויבען צו העלפען מיט געלד די לאָיאַלע שטאַטען וואס וועלען באַפרייען זייערע שקלאַפען מיט אמאָל אָדער ביסלעכווייז; אַז ער וועט ווייטער העלפען קאָלאָניזירען די באַפרייטע נעגער, און אַז דעם ערשטען יאַנואַר, 1863, זאָלען אַלע שקלאַפען אין די רעוואָלטירענדע שטאַטען באַפרייט ווערען און אייביג בלייבען פריי.״ לינקאָלן האָט פאַרשפּראָכען, אַז דעם ערשטען יאַנואַר וועט ער אַרויסגעבען אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער וועט אַנגעבען די נעמען פון די שטאַטען אין וועלכע די שקלאַפען ווערען באַפרייט. דעם דאָקומענט האָט לינקאָלן פאַרעפענטליכט אויף מאָרגען, סעפּטעמבער דעם 23טען.

ניט די קאָנסערוואַטאַרען און ניט די ראַדיקאַלען זיינען מיט דער פּראָקלאַמאַציע אינגאַנצען צופרידען געווען, — שרייבט מעקמעסטער. די קאָנסערוואַטיווע פירער האָבען געהאַלטען אַז לינקאָלן איז אינגאַנצען אַריבער צו די ראַדיקאַלען, אַז די פּראָקלאַמאַציע וועט קיין שום רעזולטאַטען ניט ברענגען און זי איז ניט ווערט דאָס פּאַפּיר אויף וועלכען זי איז געשריבען. דער אַבאָלישאָניסט גערריסאָן האָט אין זיין „ליבערייטאָר״ געשריבען: „איך בין ניט אַזוי באַגייסטערט פאַר איר ווי אַ סך אַנדערע״. די ראַדיקאַלען זיינען געווען אומצופרידען, ווייל לינקאָלן האָט פאַרשפּראָכען צו באַפרייען בלויז די שקלאַפען אין די רעוואָלטירטע שטאַטען און ניט אין די לאָיאַלע שטאַטען. די לאָיאַלע שטאַטען האָט ער נאָך אַלץ געבעטען זיי זאָלען איינוויליגען זייערע שקלאַפען צו פאַרקויפען. די ראַדיקאַלען האָבען אויך קריטיקירט לינקאָלנ׳ען דערפאַר וואס ער האָט געשטיצט דעם פּלאַן צו קאָלאָניזירען די פרייע נעגערס, דאָס הייסט, זיי באַזעצען ערגעץ אין אַן אַנדער לאַנד. די ראַדיקאַלען האָבען גע׳טענה׳ט,

אז די נעגער זיינען פונקט אזוינע באַ־עכט־גטע בירגער ווי די ווייסע.

די קאָנסערוואטיווע צייטונגען האָבען, פארקערט, קריטי־קירט דעם פרעזידענט פאר זוכען אָפצושאפען שקלאפעריי אין דער סאוט. אויב די שקלאפען וועלען באפרייט ווערען, האָבען זיי גע׳טענה׳ט, און מען וועט נאָך די פרייע נעגערס ארויספירען, וועט די קאטאן־אינדוסטריע אונטערגיין און די גאַנצע סאוט וועט פאראָרימט ווערען. דערפון וועט אויך ליידען די נאָרט. די פאב־ריקען פון קאטאן סחורות וועלען ניט האָבען די נויטיגע רויע מאַטעריאלען. די סוחרים וועלען פארלירען דעם מארק פון דער סאוט ווייל די באפעלקערונג וועט ניט האָבען קיין געלד צו קוי־פען. די צייטונגען וואָס האָבען פארטראָטען די האַנדעלס־אינ־טערעסען פון דער נאָרט האָבען לינקאָלנ׳ס פראָקלאמאציע פאר־דאמט אלס א קלאפ געגען די פאבריקאנטען און סוחרים. זיי האָ־בען זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, אז די פראָקלאמאציע איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל און זי וועט דערפאר סיי ווי ניט פאר־ווירקליכט ווערען.

די נייעס וועגען דער פראָקלאמאציע האָט אין דער סאוט ארויסגערופען א שטורעם פון צאָרן. דאָרט האָט מען די פראָ־קלאמאציע אויסגעטייטשט אלס א שריט אויפצואוועקען די שקלא־פען צו א בלוטיגען אויפשטאנד געגען זייערע באַלעבאַטים. א צייטונג אין ריטשמאָנד האָט שוין אויף דעם חשבון פון דעם מעגליכען שקלאפען־אויפשטאנד אָנגערופען לינקאָלנ׳ען מיט אזווי־נע נעמען ווי פייגלינג, „מערדער, בארבאר, מערדער פון פרויען און קליינע קינדער". גענעראל באָרעגארד האָט טעלעגראפירט צום קאָנגרעס פון דער קאָנפעדערייסי א פאָרשלאג אז נאָך דעם ערשטען יאנואר זאָל מען „דערווערגען יעדען קריגס־געפאנגענעם פון דער נאָרט, וועלכער איז פאר דער אָפשאפונג פון שקלא־פעריי". גאָווערנאָר בראון פון דזשארדזשיא האָט גענומען צו־גרייטען געווער און אַמוניציע טאָמער וועלען די שקלאפען טאקע מאכען אן אויפשטאנד.

לינקאָלן האָט זיין פארשפרעכען געהאלטען. דעם 29טען דע־

צעמבער האָט ער געגעבן יעדן מיטגליד פון קאַבינעט א קאָ־פיע פון דער פּראָקלאַמאַציע וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר׳ן ערשטען יאַנואַר. ער האָט זיי געבעטען צו נעמען די קאָפּיע אהיים, זי פאָרזיכטיג איבערלייענען און מאַכען וואָס פאַר א אויסבעסערונגען זיי וועט איינפאַלען. דעם 31טען דעצעמבער האָ־בען זיי אים צוריקגעבראַכט די קאָפּיעס. לינקאָלן איז דעם גאַנצען טאָג געזעסען פארשפּארט אין זיין צימער און געאַרבייט איבער דעם דאָקומענט. ער האָט יענעם טאָג קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזען.

אויף מאָרגען, ניי־יאָר, איז לינקאָלן געווען פון עלף אין דער פרי ביז שפּעט נאָכמיטאָג אין דעם מזרח צימער פון „ווייסען־הויז" וואו ער האָט געדריקט די הענד פון הונדערטער ניי־יאָר באַזוכער און גליקווינשער. שפּעט נאָכמיטאָג האָט מיניסטער סוארד אים איבערגעבראַכט די איבערגעשריבענע פּראָקלאַמאַציע ער זאָל זי חתמ׳ענען. זיצענדיג ביים שרייבטיש מיט דעם גרוי־סען בויגען פּאַפּיר אויסגעשפּרייט פאַר אים, האָט לינקאָלן איינגע־טונקט די פּעדער אין טינט און האַלטענדיג זי עטליכע סעקונ־דען, האָט ער געזאָגט: „איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געפילט אזוי זיכער, אז איך טו ריכטיג ווי איצט, ווען איך שרייב אונטער דעם דאָזיגען פּאַפּיר. איך האָב אָבער אויפגענומען א סך באַזוכער און געדריקט יעדערן די האַנד. דערפאַר איז מיין האַנד איצט א פאַר׳חלש׳טע. מיין אונטערשריפט אויף דעם דאָ־קומענט וועט פאָרזיכטיג באַטראַכט ווערען און אויב מען וועט גע־פינען אז מיין האַנד האָט געציטערט וועט מען זאָגען: „ער האָט געהאַט געוויסענביסען". איך וועל עס אָבער סיי־ווי טאָן". דאַן האָט ער מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט אונטערגעשריבען זיין נאָמען.

אין טייל שטעט איז די פּראָקלאַמאַציע אויפגענומען גע־ווארען מיט גאַסען־פּאַראַדען. מען האָט זי באַגריסט מיט א שיסעריי פון האַרמאַט׳ן. אין ניו יאָרק האָבען די נעגער און זייערע פריינד געפּראַוועט א יום־טוב. דאָס לאַנד אין אלגעמיין האָט עס אָבער אויפגענומען קאַלט און מיט צווייפעל און אפילו מיט א פּאָרוואורף. די אויסזעצונגען זיינען געווען פארשידענע.

איינינגע האָבען גע'טענה'ט אזוי: דאָרט וואו דער פרעזידענט האָט די מאכט דורכצופירן זיין באפעל (אין די גרעניץ־שטאַטען) ערלויבט ער שקלאַפעריי ווייטער צו עקזיסטירען. ער שאפט אָפּ שקלאפעריי דאָרט וואו ער האָט קיין מאכט ניט זי אָפּ־צושאפן. אנדערע האָבען גע'טענה'ט, אז דער שריט איז ניט פּראקטיש און אז דורך אים וועט די מלחמה פארלענגערט ווערען. די פּראָקלאַמאַציע איז אויך קריטיקירט געווארען אלס אומגעזעצ־ליך. א צייטונג אין אָהייאָ האָט דעם 1טען יאנואר געשריבען: „מיר דרוקען אויף אַן אַנדער פּלאַץ די באפרייאונג־פּראָקלאַמאַ־ציע וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון דעם טיראַן און אוי־זורפּאַטאָר לינקאָלן.”

לינקאָלן האָט איצט געפּרובט דורכצופירען דעם אנדערן טייל פון פּראָגראַם, צו קריגען געלד אויסצוקויפען די נעגער אין די לאָ־יאַלע שקלאַפען שטאַטען. אין זיין „מעסעדזש” צום קאָנגרעס האָט ער וועגען דעם פּלאַן א סך גערעדט. אָבער ניט דער קאָנ־גרעס און ניט די פּרעסע האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. די צייט פון אויסלייזען שקלאַפען מיט געלט איז געווען פארביי.

פּראָפעסאָר דרעיפּער גיט אין די פאָלגענדע שורות א בילד ווי אזוי די באפרייאונגס־פּראָקלאַמאַציע איז אויפגענומען געווא־רען פון די נעגער: „די נאכט פון לעצטען טאָג פון יאר 1862, זיינען א סך נעגער, וואס האָבען געוואוינט אין די שטעט און זיי־נען געווען פארבונדען מיט קריסטליכע סעקטען, אוועק אין זייערע קירכעס און געווארט ביז דער זייגער האָט געשלאָגען די שטונ־דע פון האלבער נאכט. א סך פון די וואָס האָבען געוואוינט אויף פּלאַנטאַציעס האָבען געקניט אין זייערע ארימע באַטקעס צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער. א סך וואָס זיינען גע־ווען אליין און ניט געהאט קיין פריינד אויף דער וועלט, זיינען אוועק אין א וואלד כדי צו זיין אין דער אנוועזענהייט פון דעם אויג וואָס דרינגט דורך די פינסטערנים אזוי גוט ווי די ליכטיגקייט. זיי האָבען תפילה געטאָן, אז דער אלמעכטיגער גאָט זאָל אויף זיי רחמנות האָבען און שטארקען די האנט פון אייברעהעם לינקאָלן אין דעם מאָרגענדיגען טאָג.”

און אויך מאָרגען איז די פּראָקלאַמאַציע פאַרעפּענטליכט געוואָרען. פּראָפעסאר דרעיפּער שרייבט: די פראגע פון שקלאַפעריי איז נאָך דער פּראָקלאַמאַציע געבליבען פאַרוואָלקענט. שקלאַפעריי אַלס א סיסטעם איז דורך איר ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען. בלויז די שקלאַפען פון די רעוואָלטירענדע שטאַטען זיינען ערקלערט געוואָרען פריי. אין אַלע אנדערע פּלעצער איז די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי פארבליבען אומבארירט. נאָך מער, די באפרייטע שקלאַפען האָבען זייער פרייהייט באקומען דורך דעם פּרעזידענט'ס אן אוקאַז און מען איז ניט געווען זיכער, צי ער האָט געהאַנדעלט קאָנסטיטוציאָנעל, צי ער האָט געהאַט די געזעצליכע מאכט אַזאַ אוקאַז ארויסצוגעבען. וואס עס וועט מיט דער פּראָקלאַמאַציע פּאַסירען ווען די מלחמה וועט זיין פּאַראיבער און די מיליטערישע הערשאַפט וועט אפּגעשאַפט ווערען, — דאָס האָט קיינער ניט געקענט פאָראויסזאָגען.

קאַפּיטעל 18.

געלד, הלוואות און שטייערן.

די פולע קאָסטען פון דעם בירגער־קריג, — דער פּרייז אין געלד, — זיינען ביז היינטיגען טאָג נאָך ניט אויסגערעכענט געוואָרען. עס זיינען דאָ בלויז ציפערען פאַר א טייל פון די קאָסטען. די צוויי רעגירונגען, די „יוניאָן" און די „קאָנפעדע־רייסי", האָבען אין לויף פון די פיר יאר אויסגעגעבען אַן ערך פון זעקס ביליאָן דאָלער; די נאָרט — ארום פינף ביליאָן, און די סאוט — איין ביליאָן. אין דעם חשבון גייען ניט אריין א סך סומען, וואס זיינען אויסגעצאָלט געוואָרען ניט דירעקט פאר פירען די מלחמה, נאָר אומדירעקט אלס רעזולטאט פון דער מלחמה. עס גייען אין דעם, צום ביישפּיל, ניט אריין די פּענ־סיעס פאַר פאַרוואונדעטע סאָלדאטען און פאַר די פאַמיליעס פון גע'הרג'עטע סאָלדאטען און ניט די פּראָצענטען אויף די מלחמה־חובות נאָכדעם ווי די מלחמה איז שוין געווען פאַריבער. אין 1879 איז אויסגערעכענט געוואָרען, אז ביז דאַן איז פאַר דער מלחמה און פאַר די פאָלגען פון דער מלחמה אויסגעגעבען גע־וואָרען (אין דער נאָרט בלויז) 6 ביליאָן און 190 מיליאָן דאָ־לער. דאָס איז געלד, וואס איז ארוים פון דער קאַסע פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען אז אַ גרויסער טייל פון די מלחמה־הוצאות איז געדעקט געוואָרען פון די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען. וויפיל יענע סומען באַ־טרעפען ווייס מען ניט.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראכען איז די קאסע פון דער רעגירונג געווען כמעט ווי ליידיג. דער נייער פינאַנץ־מיניס־טער, סעימאָן פּ. טשייס, האָט געפונען אי דער קאסע ארום אנ־

דערהאלבען מיליאָן דאָלער מזומן און נאָענט צו 75 מיליאָן דאָלער אין חובות, — דאָס הייסט, אז פאקטיש איז די נאציאָנאלע רעגירונג שוין דאן געווען הינטערשטעליג ארום 73 מיליאָן דאָלער. אין דזשולאי, 1861, ווען דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט, האָט טשייס געמאכט א חשבון, אז די הוצאות פון דעם קומענדען יאָר וועלען אָנטרעפען 320 מיליאָן. עס האָט זיך איצט געשטעלט די פראגע, וואו נעמט מען דאָס געלד? דורך וואָסערע מיטלען זאָלען די הוצאות פון דעם קריג געדעקט ווערן?

פינאנץ־מיניסטער טשייס האָט זיך גלייך פארנומען אויף א פּאלשען וועג. ער האָט פאר זיך געהאט דריי וועגען: איינס, דאָס געלד צו זאמלען דורך שטייערען; צוויי, דאָס געלד צו באָרגען; דריי, צו דרוקען פאפיר־געלד (אָן א גאָלד־ אדער זילבער־גאראנטיע). דער ערשטער וועג איז דער זיכערסטער, דער געזינטסטער און דער ערליכסטער. טשייס האָט זיך מיט אים די ערשטע דריי יאָר כמעט ווי גאָרניט באנוצט. ער האָט גלייך פון אָנפאנג ערקלערט, דאָס זיין פּלאן איז צו דעקען די געוויינליכע רעגירונגס־הוצאות (אָרום 80 מיליאָן) דורך שטייערען און די שווערע מלחמה־הוצאות (ארום 240 מיליאָן) דורך הלואות. שפּעטער אביסעל האָט ער זיך באנוצט מיט'ן דריטען מיטעל, מיט פאפיר־געלד. שווערע שטייערען האָט ער גענומען זאמלען ערשט דעם לעצטען יאָר פון קריג. דער רעזולטאט פון טשייס'עס פינאנץ־מעטאָדע איז געווען: דער יאָך פון קריג איז געפאלען אויף די אָרימע מאסען, אויף די וואס האָבען אים געקענט צום ווינציגסטען טראגען. די רייכע האָבען דורך טשייס'עס מעטאָדען געקראגען מעגליכקייטען רייכער צו ווערן.

פאר וואָס האָט טשייס אזוי געהאנדעלט? וועגען דעם זיינען היסטאָריקער צוטיילט אין זייערע מיינונגען. קיינער צווייפעלט ניט אין זיין ערליכקייט און אין זיין איבערגעבענהייט. מאנכע זאָגען אָבער, אז ער איז ניט געווען פייאיג גענוג פאר זיין אמט. טשייס האָט פריער ניט געהאט צו טאָן מיט פינאנץ־אנגעלעגענהייטען. ער איז געווען אַן אדוואָקאט און א פּאָליטי־

קער. איצט איז ער פלוצלונג ארויפגעזעצט געווארען אויף א פינאנץ־שטול און האט געקראגען אלס אויפגאבע צו לייזען די שווערסטע און קאמפליצירטסטע פינאנץ־פראבלעמע אין דער געשיכטע פון לאנד. ער האט פשוט ניט געוואוסט ווי אזוי און פרובירט צו טרעפען. לײדער האט ער ניט געטראפען ריכטיג.

אנדערע זיינען מיט דער מיינונג, אז טשייס האט יע פארשטאנען זיין אויפגאבע, אז ער איז געווען פייאיג. ער האט אבער ניט ריכטיג אפגעשאצט די לאגע. ער האט געמיינט (און אזוי האבען כמעט אלע אין דער נארט געמיינט) אז די מלחמה וועט געדויערען עטליכע מאנאט, העכסטענס א יאר. דערפאר האט ער אויסגערעכענט, אז עס לוינט זיך ניט צוליב עטליכע הונדערט מיליאן צו שאפען אומצופרידענהייט אין לאנד. אין 1863, ווען ער האט שוין יע איינגעזען, אז מען מוז ארויפלייגען שווערע שטייערען, האט ער געזאגט: „איך זע קלאר, אז מיר קענען ניט גיין ווייטער אן שווערע שטייערען. אבער יעדערער, וואס האט געלערענט געשיכטע, ווייס אז שווערע שטייערען שאפען אומצופרידענהייט״.

דעם ערשטען יאר האט טשייס דאס נויטיגע געלד באקומען איינגאנצען דורך הלואות. ער האט ביז'ן סוף יאר 1861 פארקויפט צו באנקירען און דירעקט צום פאלק רעגירונגס־וועקסלען (באנדס) פאר דער סומע פון 150 מיליאן. צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון לאנד האט דער אלגעמיינער עולם, — מיטעל־קלאס מענשען, פארמערס, קליינע געשעפטסלייט און אפילו ארבייטער, — געקויפט רעגירונגס־וועקסלען. ביז דאן האבען עס געטאן בלויז רייכע. טשייס האט אפעלירט צום פאלק, עס זאל קויפען די וועקסלען צוליב פאטריאטיזם, כדי צו העלפען דער רעגירונג אין איר קריטישער לאגע, און דאס פאלק האט זיך אפגערופען.

מיט די באנקירען האט טשייס גלייך פון אנפאנג געהאט אונאנגענעמליכקייטען. זיי האבען געפאדערט, מען זאל זיי צאלען העכערע פראצענטען אדער מען זאל זיי פארקויפען די באנדס

פאר קלענערע פּרייזען. דאַן האָבען זיי פּארלאַנגט, אז טשייס זאָל ביי זיי נעמען זייערע טשעקס פאר די באָנדס (ער האָט גע־פאָדערט ניט אַנדערש ווי גאָלד אָדער זילבער). זיי האָבען אים געלאָזט פילען, אז אין זייערע הענד ליגט דער שיקזאל פון דער רעגירונג, אז ער מוז זיך מיט זייער ווילען רעכענען.

אין דעצעמבער, 1861, האָבען די באַנקען פון ניו יארק גע־לאָזט וויסען אז זיי ווילען מער ניט אויסלייזען זייערע אסיגנאַ־ציעס מיט גאָלדענע אָדער זילבערנע מטבעות. די איבעריגע באַנ־קען פון לאַנד האָבען גלייך נאָכגעטאָן זייער ביישפּיל. די רעגי־רונג איז געצוואונגען געווען צו טאָן דאָסזעלבע. די באַנקען האָבען געוואָרפען די שולד אויף דער רעגירונג און טשייס האָט געווארפען די שולד אויף די אַלגעמיינע אומשטענדען. די באַנ־קירען האָבען גע׳טענה׳ט אז דערפאר ווייל טשייס איז באַשטאַנען, אז זיי זאָלען פאר די רעגירונגס־באָנדס צאָלען מיט מעטאַל־געלד, איז ביי זיי געוואָרען א דוחק אויף גאָלדענע און זילבערנע מטבעות. די אמת׳ע ערקלערונג איז אָבער די: די לעצטע מאָ־נאַטען פון 1861 זיינען געווען זייער ניט קיין גינסטיגע פאר דער נאָרט. די לאַגע אויף די שלאַכטפעלדער איז געווען שלעכט. די שטימונג אין לאַנד איז געווען א געדריקטע. דער גרויסער עולם האָט זיך געשראָקען פאר דעם מאָרגען און יעדערער, וואס האָט געהאַט גאָלד אדער זילבער־געלד, האָט עס באַהאַלטען. זיי האָ־בען געוואוסט, אז מעטאַל־געלד איז דאָס איינציגע, וואס האָט אַן אמת׳ן ווערט. אין יאַנואר, 1862, האָבען די באַנקען גע־האַט אין זייערע קאַסעס מעטאַלענע מטבעות פאר 87 מיליאָן דאָלער און זייערע אסיגנאַציעס אין צירקולאַציע האָבען באטראָפען 459 מיליאָן דאָלער. דאָס הייסט, זיי האָבען געהאַט 87 מיליאָן גאָלד און זילבער־געלד אויף אויסצולייזען דאָס פּאַפּיר־געלד, וואס האָט אָנגעטראָפען פינף מאָל אזוי פיל. זיי האָבען קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו סוספּענדירען (אָפּלייגען אויף שפּעטער) דעם אויסלייז פון דעם פּאַפּיר־געלד. ווען זיי וואָלטען עס ניט גע־טאָן וואָלטען זיי זיך געמוזט ערקלערען באַנקראָט.

אין אנפאנג 1862 האט דער קאנגרעס אנגענומען א געזעץ וועגען נייע הלואות פאר דעם קומענדען יאר. דער געזעץ האט ענטהאלטען א פונקט, וואס האט געגעבען א נייע ווענדונג דער אמעריקאנער פינאנץ. דער פונקט האט געלויטעט, אז דער פינאנץ־מיניסטער זאל האבען דאס רעכט ארויסצוגעבען אסיגנאציעס פאר דער סומע פון 150 מיליאן דאלער. צום ערשטען מאל האט זיך די נאציאנאלע רעגירונג אונטערנומען צו מאכען פאפיר־געלד. דער פונקט האט ווייטער געזאגט, אז די אסיגנאציעס, וואס די רעגירונג וועט ארויסגעבען זאלען זיין „ליגעל טענדער", דאס הייסט אז, יעדערער זאל זיי מוזען אנערקענען אלס געלד; נאר אין צוויי פאלען זאל מען זיי ניט קענען באנוצען אלס געלד: מען זאל מיט זיי ניט קענען צאלען קיין טאריף־אפצאלונג פאר ארייגעפירטע סחורה און די רעגירונג זאל ניט קענען צווינגען, אז מען זאל ביי איר נעמען די אסיגנאציעס אלס פראצענטען אויף אירע חובות. פאר טאריף און פאר פראצענטען האט מען געמוזט באנוצען גאלד אדער זילבער. פאר אלע אנדערע צוועקען האט דאס נייע פאפירענע געלד געמוזט גילטען פאר יעדען אלס געזעצליך געלד (דאס פאפירענע געלד פון דער רעגירונג האט דער עולם א נאמען געגעבען „גרינבעקס" (גרינע רוקענס), ווייל דער קאליר זייערער איז געוועזן גרין).

איבער דער פראגע איז פארגעקומען א ביטערער קאמף אין קאנגרעס. די באנקירען זיינען געוועזן געגען דעם. טשייס אליין האט פון אנפאנג געהאלטען, אז מען טאר עס ניט טאן: עס איז געגען דער קאנסטיטוציע, אז די רעגירונג זאל פאבריצירען פאפיר־געלד. אבער דער געזעץ איז דאך אנגענומען געווארען. און קוים איז אן אנהויב געמאכט געווארען, איז אוועק א גאנג. צוויי מאנאט נאכדעם ווי די ערשטע 150 מיליאן פאפיר געלד זיינען ארויסגעגעבען געווארען, האט טשייס געבעטען ביים קאנגרעס דאס רעכט ארויסצוגעבען אסיגנאציעס אויף נאך 150 מיליאן. דער קאנגרעס האט אים די ערלויבעניש געגעבען. אין אנפאנג 1863 האט טשייס באקומען די ערלויבעניש צו דרוקען אסיגנאציעס פאר נאך 150 מיליאן. ארום און ארום האט די רעגירונג אין

לויף פון דער מלחמה ארויסגעגעבען פּאַפּיר־געלד פאר דער סומע פון 450 מיליאָן.*)

---

*) די „גרינבעקס“ זיינען ניט געווען קיין געלט אין שטרענגען זין פון וואָרט. זיי זיינען געווען וועקסלען. די רעגירונג האָט געבאָרגט געלט ביים פאָלק און זיי געגעבען די „גרינבעקס“ אַלס וועקסלען. די רעגירונג האָט געהאָפט, אַזוי שנעל ווי מעגליך, די „גרינבעקס“ אויס־צולייזען.

פאַר די וואָס זיינען ניט באַקאַנט מיט דער וויסענשאַפט פון געלט זיינען נויטיג איניגע ערקלערונגען, אום צו פאַרשטיין די פילע וויכ־טיגע ענדערונגען אין די געלט־געזעצען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אין לויף פון בירגער־קריג אַלס רעזולטאַט פון דער דאמאַלסטיגער פינאַנציעלער לאַגע אין לאנד:

1. די מינצען, וואו מען האָט פאַבריצירט די מעטאַלענע מטבעות,— גאָלדענע, זילבערנע אָדער קופערנע, — האָבען באַלאַנגט צו דער נאַציאָ־נאַלער רעגירונג. קיינער, אויסער די נאַציאָנאַלע רעגירונג, האָט ניט געטאָרט מאַכען קיין מעטאַלען געלט. דאָס מעטאַלענע געלט איז געווען דאָס איינציגע אמת'ע זיכערע געלט פון לאַנד, ווייל דער מעטאַל האָט דאָך אַליין געהאַט אַ ווערט. עס איז אבער ניט געווען גענוג גאָלד, זילבער און קופער צו מאַכען אַזוי פיל מטבעות ווי דאָס לאנד האָט זיך גענויטיגט פאר'ן האנדעל. דערפאר האָט מען געמוזט מאַכען פּאַפּירען געלט.

2. די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט קיין פּאַפּירן געלט ניט געמאכט.

3. דאָס פּאַפּירענע געלט (אַסיגנאַציעס) פלעגט געמאַכט ווערען פון די באַנקען.

4. פּאַפּיר געלט איז אליין גאָרניט ווערט. אַן אַסיגנאַציע איז איינגענטליך א וועקסעל, אַן אָנוויז, אַז פאר אים קען מען קריגען אַזוי פיל און אזוי פיל אמת'דיג געלט.

5. וואָס איז דער אונטערשייד צווישען א געלט־וועקסעל (אַסיגנאַ־ציע) און א פּשוט'ן וועקסעל?

דער אונטערשייד באשטייט אין דעם: א געוויינליכער וועקסעל איז פאר א באַשטימטען טערמין. איידער דער טערמין ענדיגט זיך קען מען ניט צווינגען די פערזאָן, וואָס איז אויף אים אונטערגעשריבען ער זאָל באַצאָלען. אַן אַסיגנאַציע אָבער איז א וועקסעל אָן אַ טערמין. צו יעדער צייט קען מען פאר אים פאָדערען גאָלד אָדער זילבער.

נאָך אַן אונטערשייד: אַן אַסיגנאַציע, וואָס איז פון דער רעגירונג אנערקענט אַלס געלט, מוז פון יעדען איינוואוינער אין לאנד אנערקענט ווערען אלס געלט. א געוויינליכער וועקסעל אָבער — ניט. ווען איר

דער מארק איז איצט געווען פארפלייצט מיט פאפיר־געלד. די רעגירונג האט געדרוקט פאפיר־געלד און די באנקען האבען געדרוקט פאפיר־געלד. אויסלייזען דאס פאפיר מיט גאלד אדער זילבער האט מען ניט געקענט, ווייל אי די באנקען, אי די רעגירונג האבען „סוספענדירט“ די צאלונג פון מטבעות. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער ווערט פון דעם פאפיר־געלד האט גענומען פאלען. אין 1864 זיינען געווען וואכען, ווען א פאפירענער דאלער פון דער רעגירונג איז ווערט געווען אין אמת'ע געלד (אין גאלד אדער זילבער) ניט מער ווי 39 סענט. גאלדענע און זילבערנע מטבעות האבען אויפגעהערט צו צירקולירען. די, וואס האבען אזוינע מטבעות געהאט, האבען זיי באהאלטען. וואס האבען געטאן די מענשען, וואס האבען זיך געמוזט באנוצען מיט אזוינע מטבעות, — די אימפארטירער פון סחורות, וועלכע האבען געמוזט צאלען טאריף, און די רעגירונג אליין, וועלכע האט געדארפט צאלען פראצענט אויף אירע חובות? אדער די, וואס האבען געפירט אינטערנאציאנאלען האנדעל? זיי האבען ערגעץ געמוזט קויפען דאס גאלד־אדער זילבער־געלד און צאלען פאר זיי העכערע פרייזען. עס האט זיך, אלזא, ענטוויקעלט א האנדעל מיט גאלדענע און זילבערנע מטבעות; מען האט מיט די מטבעות גענומען ספעקולירען און זייער פרייז האט זיך געהויבען אלץ העכער און העכער.

אט־דאס פאלען פון דעם פאפיר־געלד איז צום גרויסען טייל

זייט אימיצען שולדיג געלט, קענט איר אים צווינגען צו נעמען אויף דעם חוב אן אנערקענטע „געלט אסיגנאציע“. איר קענט אים אבער ניט צווינגען, ער זאל ביי אייך נעמען א געוויינליכען וועקסעל. אט די ספעציעלע געזעצילכע אנערקענונג, וואס פאפיר געלט קריגט פון דער רעגירונג, רופט זיך אויף דער ווינשאפטליכער שפראך „ליגעל טענדער“ („ליגעל“ הייסט געזעצליך, „טענדער“ הייסט אנבאט). „ליגעל טענדער“ איז דער טייטש „געזעצליכער אנבאט“. דאס הייסט, יעדער איינער קען די אסיגנאציע אנבאטען געזעצליך צו מענשען וועמען מען דארף געבען געלט, און קיינער טאר זיך ניט אפזאגען צו נעמען די אסיגנאציע אלס געלט.

געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם שרעקליכען יקרות אויף לע־בענס־מיטעל אין לויף פון די מלחמה־יאָרען. וואָס נידעריגער דאָס פּאַפּיר־געלד איז געפאַלען, אַלץ טייערער זיינען געוואָרען די לעבענס־מיטעל. פּראָפעסאָר וועזלי מיטשעל שרייבט: „די באַדייטונג פון דער ערשיינונג איז געווען די: די קאָסטען פון דער מלחמה זיינען געפאַלען צום שווערסטען אויף די אַרבייטער און סאָלדאַטען. געוואונען פון דעם האָבען די רייכע. ווען די רעגירונג האָט געדרוקט דאָס פּאַפּיר־געלד, איז דער דאָלער ווערט געווען פערציג אָדער פופציג סענט, און ווען זי האָט אין די שפּע־טערדיגע יאָרען דאָס פּאַפּיר־געלד אויסגעלייזט, איז דער דאָלער ווערט געווען צווישען 75 און 100 סענט. די רייכע, וואָס האָבען געקענט קויפען די רעגירונגס־באָנדס און וואַרטען אויף שפּע־טער, האָבען געקראַגען צוויי מאָל אַזוי פיל פאַר דעם געלד, וואָס זיי האָבען דער רעגירונג געליען.

פּראָפעסאָר קיעט („די פינאַנציעלע געשיכטע פון אמעריקע") מאַכט אַ פאַרגלייך צווישען דער העכערונג אין די פּרייזען פון לע־בענס־מיטעל און דער העכערונג אין די שכירות פון די אַרבייטער אין לויף פון דער מלחמה. ער ווייזט אָן, אַז אין די פיר יאָר האָבען זיך די פּרייזען פאַרגרעסערט אויף 116 פּראָצענט; שכירות האָבען זיך פאַרגרעסערט אויף 43 פּראָצענט. ער שרייבט: „די שכירות פון די סאָלדאַטען איז פון אָנפאַנג מלחמה געווען 13 דאָלער און איז פאַרבליבען 13 דאָלער אַ מאָנאַט ביז 1864, כאָטש פאַר דער צייט זיינען די פּרייזען פון לעבענס־מיטעל פאַרדאָ־פּעלט געוואָרען. די נויט פון די סאָלדאַטען־פאַמיליעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין 1864 האָט דער קאָנגרעס געהעכערט די שכירות פון די סאָלדאַטען אויף 16 דאָלער אַ מאָנאַט. דאָס איז אָבער געווען אַ קנאַפּע הילף, ווייל נאָך דער העכערונג איז די יקרות ווידער געשטיגען.

דאָס מערסטע געלד האָט די רעגירונג באַקומען דורך „באָנדס". — מאַנכע אויף לאַנגע טערמינען, מאַנכע אויף קורצע. פאַרקויפען די באָנדס צום עולם איז אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקו־מען. די רעגירונג איז געצוואונגען געווען צו צאָלען הויכע פּראָ־

צענטען. דורך באנדס האט די רעגירונג אנגעבארגט א ביליאן און 621 מיליאן דאלער. א גרויסער טייל פון די באנדס איז פארקויפט געווארען דורך א גרויסען באנקיר אין פילאדעל־פיא, דזשיי קוק. טשיים האט אים אנגעשטעלט אלס אגענט פון דער רעגירונג. קוק האט זיך באנוצט מיט די געוויינליכע מעטאדען פון קרעמער צו פארקויפען זיין „סחורה“. ער האט אויפגעהאנגען אפישען אין האטעלען, אויף באן־סטאנציעס, אין די גאסען, אויף בוימער. ער האט געטיילט צירקולארען. ער האט ארויסגעשיקט מענשען צו קלאפען אין די טירען. ער האט אנאנסירט אין די צייטונגען. ער האט אויך געווירקט אויף די רעדאקטארען פון די צייטונגען, זיי זאלען שרייבען וועגען דעם. ער האט אפעלירט צום עולם ניט בלויז אין נאמען פון פאטריא־טיזם. ער האט געזוכט צו איבערצייגען, אז קויפען רעגירונגס־באנדס איז א גוט געשעפט. און ער האט געהאט ערפאלג. אין 1862 און 1863 האט ער דירעקט צום פאלק פארקויפט באנדס פאר דער סומע פון 400 מיליאן דאלער. אין 1865 האט קוק ווידער פארקויפט באנדס פאר עטליכע מיליאן.

פאר אנשטעלען קוק׳ן אלס אגענט איז טשיים שטארק קריטיקירט געווארען. די פראגע איז אויפגעהויבען געווארען אין קאנגרעס. טשיים האט ערקלערט, אז אן קוק׳ן וואלט ער ניט געהאט קיין געלד אויסצוהאלטען די ארמיי און די פלאטע. קוק, פארשטייט זיך, האט ניט געארבייט אומזיסט, כאטש ער און טשיים האבען געזוכט צו מאכען דעם איינדרוק, אז זיי טוען די ארבייט אויס ריינעם פאטריאטיזם. א היסטאריקער באמערקט: נאכדעם ווי קוק האט אויסגעצאלט אלע זיינע מענשען און אלע זיינע אנדערע הוצאות, האט זיך אים אפגעשטעלט 220 טויזענד דאלער״. דעם פראפיט האט ער געמאכט פאר פארקויפען די 400 מיליאן דאלער באנדס אין 1863. פאר פארקויפען די איבע־ריגע באנדס האט ער ווידער באקומען זיין לוין.

דאס, וואס דער מארק איז פארפלייצט געווארען מיט ביליגע באפיר־געלד, און דאס, וואס די מעטאלענע מטבעות זיינען געשטי־גען אין ווערט, האט געשאפען א נייע שווערע פראבלעמע. דאס

פאפירענע געלד, סיי דאָס געלד, וואס די באנקען האָבען גע־דרוקט, סאי דאָס געלד, וואָס די רעגירונג האָט ארויסגעגעבען, איז געווען אויף גרויסע סומען. די קלענסטע אסיגנאציע איז געווען פאר א דאָלער. (אסיגנאציעס פאר א קלענערער סומע ווי א דאָ־לער איז פארבאָטען געווען צו דרוקען). קליין געלד (האלבע דאָ־לערס, קוואָדערס, צען, פינף און איין סענט שטיקער) איז אלץ געווען פון מעטאל, ענטוועדער זילבער אָדער קופער. איצטער, אז מעטאל־געלד איז געווארען טייער, איז קליין געלד פאקטיש פארשוואונדען פון צירקולאציע. יעדערער, וואס האָט פארמאָגט מעטאלענע מטבעות, האָט זיי באהאלטען. עס איז איצט געווארען שרעקליך שווער, כמעט אוממעגליך פאר קליינע געשעפטסלייט אָנ־צופירען זייערע געשעפטען. שרייבט מעקמעסטער: „בוטשערס (קצבים) און גדאָסערס (שפייז־קרעמער) און אנדערע קליינע הענדלער האָבען ניט געקענט געבען קיין „טשענדזש״ (אויסגאָב), אויב דער קונה האָט געקויפט פאר ווייניגער ווי א דאָלער. ווען איינער איז געפאָרען אויף א טראמוואי (דער פרייז איז געווען געוויינליך פינף סענט) האָט ער ניט געהאט קיין קליין געלד צו באצאָלען. און ווען ער האָט געגעבען דעם קאָנדוקטאָר א פאפי־רענעם דאָלער, האָט דער קאָנדוקטאָר ניט געהאט קיין קליינ־געלד צו געבען אויסגאָב. מען האָט זיך גענומען באנוצען מיט אלערליי מיטלען. רעסטאָראטאָרס פלעגען אנשטאָט געלד אלס אויסגאָב געבען צעטלעך, און יעדער רעסטאָראטאָר פלעגט נעמען די צעטלעך פון אנדערע רעסטאָראטאָרס. די טראמוואי־קאָמפא־ניס האָבען זיך אויך מיט דעם מיטעל באנוצט. דאן איז מען גע־פאלען אויף אַן אנדער פלאן: מען האָט זיך גענומען באנוצען מיט פאָסט־מארקעס אלס געלד. קרעמער האָבען אויפגעהאנגען אָפישען אין זייערע קראָמען מיט דער אויפשריפט: „מיר נעמען פאָסט־מארקעס אנשטאָט געלד און מיר גיבען פאָסט־מארקעס אלס אויסגאָב״. מעקמעסטער שרייבט ווייטער: „דער, וואס האָט געצאָלט מיט מטבעות, פלעגט באקומען א פרעמיום. פאר א פינף סענט שטיק פלעגט מען אים געבען סחורה, וואס איז ווערט געווען זעקס סענט אָדער מער אין פאפיר־געלד. אָבער

די אלע מיטלען האבען די פראבלעם ניט געלייזט. אין די גרעסטע קעלטען פלעגען מענשען מוזען גיין צופוס, ווייל דער קאנדוקטאר אויף די אמניבוסעס האט זיך אפגעזאגט זיי אויס־צובייטען א דאלער. זיי האבען געמעגט פארברענט ווערען פון דארשט האבען זיי ניט געקענט קויפען קיין סאדא־וואסער, ווען זיי האבען ניט געהאט קיין קליינגעלד. טויזענדער און צענ־דליגער טויזענדער מענשען אין די שטעט האבען געמוזט גיין צופוס, ווייל זיי האבען זיך אפגעזאגט צו צאלען די הויכע פריי־זען, וואס די חלפנים און די באנקירען האבען געפאדערט פאר מטבעות.״ ניו יארק און אנדערע שטעט זיינען פארפלייצט גע־ווארען מיט מעשענע און קופערנע בלעכלאך, וואס זיינען ארויס־געגעבען געווארען פון קצבים, קרעמער, פורלייט, שערער און כל׳ערליי קליינע הענדלער. קיינער האט ניט געוואוסט, צי די בלעכלאך, וואס ער נעמט אלס געלד, זיינען ווירקליך עפעס ווערט. מען האט זיך אבער ניט געקענט העלפען. אן די בלעכלאך וואלט אוממעגליך געווען עפעס צו קויפען אדער פאר־קויפען.

אין אנהויב 1863 איז דורכגעפירט געווארען א זייער וויכ־טיגע רעפארמע אין דער געלד־סיסטעם פון לאנד. עס זיינען געשאפען געווארען די „נאציאנאלע באנקען״, וועלכע האבען גע־קראגען דאס רעכט ארויסצוגעבען געלד.

דער פלאן פון די נאציאנאלע באנקען האט זיך געלוינט אי פאר דער רעגירונג, אי פאר די מענשען, וואס האבען די באנ־קען געגרינדעט. די רעגירונג האט געהאט נוצען, ווייל די באנ־קען האבען געמוזט קויפען אירע באנדס. זיי האבען דאך די באנדס געמוזט איינלייגען ביי דער רעגירונג אלס גאראנטיע פאר דעם געלד, וואס די רעגירונג האט פאר זיי געדרוקט. דערווייל האט די רעגירונג געקראגען א גוטען מארק פאר אירע באנדס. פאר די באנקירען האט זיך עס אויך געלוינט, ווייל זיי האבען אויף דעם קאפיטאל, וועלכען זיי האבען אין דער באנק ארייג־געלייגט, געקראגען דאפעלטע פראפיטען. זיי האבען, ערשטענס, באקומען, פראצענט אויף די באנדס, וואס זיי האבען ביי דער רע־

גירונג איינגעלייגט, און, צווייטענס, האָבען זיי באַקומען פּראָ־צענט אויף דעם געלד, וואס די רעגירונג האָט פאַר זייער באַנק געדרוקט. צום ביישפּיל, אַ נאַציאָנאַלע באַנק האָט זיך געגרינ־דעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 300 טויזענד דאָלער. זי האָט דאַן געקויפט באָנדס פאַר אַ דריטעל פון דעם קאַפּיטאַל פאַר 100 טויזענד דאָלער. די באָנדס האָט זי איינגעלייגט ביי דער רע־גירונג און די רעגירונג האָט איר געגעבען אַסיגנאַציעס פאַר נייג־ציג פּראָצענט דערפון, פאַר 90 טויזענד דאָלער. פאַר די באָנדס, וואס זיינען געלעגען ביי דער רעגירונג אלס גאַראַנטיע, האָבען די באַנקירען באַקומען דעם געזעצליכען פּראָצענט פון זעקס אדער זיבען פּראָצענט. די נייציג טויזענד דאָלער אַסיגנאַציעס, וואָס די רעגירונג האָט זיי געגעבען אלס געלד, האָבען די באַנ־קירען אוועקגעבאָרגט צו זייערע קונדען און אויף דעם ווידער באַקומען פּראָצענטען.

אַלע מאָדערנע היסטאָריקער גיבען צו, אז דער גרעסטער פעלער, וואס טשיים האָט געמאכט, איז וואס ער האָט ניט גלייך פון אָנפאַנג ארויפגעלייגט די הויכע שטייערען. דאָס לאַנד איז געווען אין אַ זייער גוטען צושטאַנד עקאָנאָמיש. מענשען האָבען געהאַט אַ סך געלד, איבערהויפּט די הענדלער, די פאַבריקאַנטען און די גרויסע פאַרמערס. עס וואָלט, אלזאָ, לייכט געווען פון זיי צו קאָלעקטירען גרויסע סומען. דאַן וואָלט מען פארשפּאָרט אַזויפיל צו באָרגען, און ווען די רעגירונג וואלט וויינינגער גע־באָרגט, וואלט מען פארשפּאָרט צוריקצוציען דאָס גאָלד און זיל־בער פון צירקולאַציע. דער ווערט פון פּאַפּיר־געלד וואלט דאַן ניט אזוי געפאַלען, און דער יקרות אויף לעבענסמיטעל וואלט ניט געווען אזוי גרויס. געווינען דערפון וואָלט אי די רעגירונג, אי די גרויסע מאַסען, איבערהויפּט די אָרימע מאַסע. די רייכע קלאַסען וואָלטען געווען די איינציגע, וואס וואָלטען דערפון גע־ליטען. דאָס האָט אָבער טשיים ניט געטאָן. אין די פיר יאר פון דער מלחמה האָט ער דורך שטייערען געזאַמעלט אַרום און אַרום ניט מער ווי 667 מיליאָן דאָלער; דורך הלואות האָט ער גע־זאַמעלט פיר מאָל אזוי פיל, צוויי ביליאָן און 621 מיליאָן דאָלער.

די ערשטע יאָרען האָט זיך טשיים כמעט אינגאנצען פאר־לאָזען אויף הלואות. וואָס לענגער אָבער די מלחמה האָט זיך פארצויגען, אלץ מער איז ער געצוואונגען געווען אָנצואווענדען דעם מיטעל פון שטייערען צו זאמלען געלד. אין 1861 האָט ער פאר יעדען דאָלער אין שטייערען געבאָרגט אכט און א האלב דאָלער; אין 1864 האָט ער שוין פאר יעדען דאָלער אין שטייערען געבאָרגט קנאפע דריי דאָלער. אין די לעצטע פּאָר יאָר זיינע ארויפגעלייגט געווארען שטייערען אויף א סך לעבענס־מיטעל, אויף לוקסוס־זאכען, אויף לעגאלע פּאַפּירען, אויף פּראָ־פעסיעס און אויף פארדינסטען (אינקאָם טעקס).

אָט דער לעצטער סאָרט שטייערען איז געווען א גרויסער אויפטו. פּראָפעסאר קיעט שרייבט: „אין פרידליכע צייטען וואָלט אזא מין שטייער גלייך פארדאמט געווארען פון גרויסען עולם. (דער פּראָפעסאָר מיינט, נאטירליך, דעם פארמעגליכען עולם. די אָרימע מאסען זיינען קיינמאָל ניט געווען געגען אזא שטייער.) אונטער די איצטיגע אומשטענדען האָט יעדער איי־נער געהאַלטען פאר זיין פּאטריאָטישע פליכט צו צאָלען דעם שטייער. אין 1861 איז געמאכט געווארען דער אָנפאנג. עס איז דעמאָלט אָנגענומען געווארען א געזעץ, אז די, וואס פארדינען מער ווי 800 דאָלער א יאר, זאָלען צאָלען א שטייער אויף דעם איבעריגען. דער „אינקאָם טעקס" איז געווען זייער קליין. אין 1865 איז ער פיל פארגרעסערט געווארען. די, וואס האָבען פאר־דינט מער ווי זעקס הונדערט און ווייניגער פון פינף טויזענד א יאָר, האָבען געדארפט צאָלען פינף פּראָצענט אויף דער סומע פון איבער זעקס הונדערט. די, וואס האָבע פארדינט מער ווי פינף טויזענד, האָבען געמוזט צאָלען צען פּראָצענט. (דער אינ־קאָם־טעקס איז נאָך דער מלחמה ביסלעכווייז פארקלענערט גע־ווארען און אין 1872 איז ער אינגאנצען אָפּגעשאפט געווארען.) אין די אַלע יאָרען, וואס דער אינקאָם־טעקס האָט עקזיסטירט, האָט די רעגירונג דורך אים געזאמעלט די סומע פון 347 מי־ליאָן דאָלער.

קאַפּיטעל 19.

די נאָרט פאַרלירט אין דער איסט און זיגט אין דער וועסט.

דער יאָר 1863 האָט זיך אנגעפאנגען זייער טרויעריג פאר דער נאָרט. די נידערלאגע ביי פרעדעריקסבורג האָט צושלאָגען אירע האָפענונגען אויפ'ן שלאַכטפעלד. די ארמיי אין ווירדזשי־ניא איז אינגאנצן דעמאָראַליזירט געוואָרען. סאָלדאטען האָבען דעזערטירט דורכשניטליך צו 200 א טאָג. פּופצען הונדערט אָפיצירען און אכציג טויזענד סאָלדאטען האָבען סתם אויסגע־פעלט. מען האָט ניט געוואוסט וואו זיי געפינען זיך. „און ווי עס ווייזט אויס, זיינען געווען גענוג בירגער, וואס האָבען גע־האָלפען אין דער דעמאָראַליזאציע פון דער ארמיי", — שרייבט פּראָפעסאָר האסמער. „עס פלעגען אין די לאַגערען אָנקומען גאנצע וואגאָנען מיט ציווילע קליידער, כדי די סאָלדאטען זאלען זיך קענען איבערטאָן און אנטלויפען פון דער ארמיי".

דעם 26טען יאנואר האָט גענעראל דזשאָזעף הוקער איבער־גענומען די קאָמאנדע פון דער ארמיי. ער האָט די ערשטע זאך גענומען דיסציפּלינירען די סאָלדאטען. אין דעם האָט ער זיך ארויסגעוויזען פייאיג און ערפאָלגרייך. הוקער האָט געהאט זייער א גוטען נאָמען ביי די סאָלדאטען. זיי האָבען אים געהאל־טען פאר א מוטיגען און אגרעסיווען גענעראל און זיי האָבען גע־גלויבט אז אונטער אים וועט באלד עפּעס אויפגעטאָן ווערען. ער האָט טאקע שנעל אויסגעארבייט א פּלאן צו אטאקירען לי'ס ארמיי, וואָס האָט זיך געפונען ארום פרעדעריקסבורג. לי האָט געהאט אן ערך 62 טויזענד מאן און הוקער אן ערך 130 טוי־זענד מאן.

סוף אַפּריל האָט הוקער אַריבערגעפירט זיין ארמיי איבער דעם טייך ראַפּאַהאַנעק און זיך באַפעסטיגט אין טשענסעלארס־וויל, צוועלף מייל פון פרעדעריקסבורג. טשענסעלארסוויל איז ניט קיין שטעטעל אדער דאָרף. דער פּלאַץ איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע געביידען אין דער מיט פון געדיכטע וועלדער. די סטראַ־טעגישע וויכטיגקייט פון דעם פונקט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס פון דאָרטען ציען זיך דריי וועגען קיין פרעדעריקסבורג. הוקער האָט איינגעטיילט זיין ארמיי אין דריי טיילען און האָט זיי אזוי אויסגעשטעלט, אז עס האָט אויסגעוויזען, אז לי'ס גע־פינט זיך אין אַ נעץ און וועט זיך מוזען אונטערגעבען.

אויסגעלאָזען האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש. טראָץ דעם, וואָס הוקער האָט געהאַט צוויי מאָל אזוי פיל סאָלדאַטען ווי לי, טראָץ דעם, וואָס הוקער האָט פון אָנפאַנג אויסגעארבייט אַן אויסגעצייכענטען סטראַטעגישען פּלאַן, האָט זיך די שלאַכט ארום טשענסעלארסוויל געענדיגט מיט אַ זיג פאַר לי'ן און מיט אַ שרעקליכער נידערלאַגע פאַר הוקער'ן.

אין דער שלאַכט האָט ווידער אַמאָל די וויכטיגסטע ראָלע געשפּילט גענעראַל סטאָנוואָל דזשעקסאָן. זיצענדיג אויף הילצערנע קעסטלאַך אונטער אַ בוים, לעבען פרעדעריקסבורג, האָבען די צוויי גענעראַלען, לי און דזשעקסאָן, אין דער נאַכט פון ערשטען מאַי, אויסגעארבייט אַ פּלאַן ווי אזוי צו אַטאַקירען הוקער'ן. דער פּלאַן איז געווען אַ זייער געוואַגטער, געגען אַלע רעגעלען פון דער מיליטערישער וויסענשאַפט. ווען הוקער וואָלט אין דער שלאַכט ניט געמאַכט אזוי פיל טעות'ן און ווען דזשעק־סאָן וואָלט ניט געווען אזאַ וואונדערבארער קאָמאַנדיר, וואָלט די שלאַכט פאַרזייגעלט דעם שיקזאַל פון לי'ס ארמיי. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם: דזשעקסאָן האָט מיט אַן ארמיי פון 30 טויזענד מאַן זיך ארויסגעג'גנב'עט פון לי'ס לאַגער, האָט אוועק־געמאַרשירט הינטער הוקער'ס לאַגער און אים באַפאַלען. לי איז אין פרעדעריקסבורג פאַרבליבען מיט 30 טויזענד מאַן. אַ העלפט פון די דרייסיג טויזענד האָט געמוזט שטיין און היטען אַן אפּטיילונג פון הוקער'ס ארמיי, וועלכע האָט זיך געפונען ניט

ווייט פון דער שטאָט. לי האָט, אלזאָ, אָפּעריירט בלויז מיט א 15 טויזענד סאָלדאַטען. בעת דזשעקסאָן האָט מאַרשירט קיין טשענסעלארסוויל, האָט הוקער געקענט באַפאַלען לי'ען און אים צורייבען אויף אש. אָבער הוקער האָט עס ניט געטאָן. הוקער האָט געקראָגען ידיעות, אז א טייל פון לי'ס סאָלדאַטען האָבען אוועקגעמאַרשירט. ער איז זיכער געווען, אז לי האָט זיך אָנ־



סטאָונוואל דזשעקסאָן.

געהויבען צוריקצוציען, אז ער אנטלויפט, און ער איז געווען צו־פרידען מיט זיין „בלוטלאָזען זיג“.

שפּעט נאָכמיטאג האָבען הוקער'ס סאָלדאַטען אין די הינ־טערשטע לאַגערען דערזען א מאָדנע ערשיינונג. די סאָלדאַטען זיינען זיך געזעסען רואיג. מאַנכע האָבען געשפּילט אין קאָר־טען, אנדערע האָבען זיך געקאָכט עסען אָדער זיך אונטערהאַלטען אויף פאַרשיידענע אופנים. פּלוצלונג האָבען זיי דערזען ווי עס לויפען אין זייער ריכטונג פון וואַלד גאַנצע מחנות הירשען און וועווערקעס, ווי עס פליען פויגלען. די חיות לויפען און פליען צושראָקענע אזוי ווי זיי וואָלטען געזוכט זיך צו ראַטעווען

פון א געפאר. איידער די סאלדאטען האבען צייט געהאט צו באגרייפען, וואס עס טוט זיך, האט דער שטורעם אויסגעבראכען. דזשעקסאנ'ס ארמיי האט זיי געגומען אטאקירען. צווישען הוקער'ס סאלדאטען האט אויסגעבראכען א פאניק

די שלאכט, וועלכע האט זיך אנגעהויבען דעם ערשטען מאי פארנאכט, האט אנגעהאלטען דריי טעג. ווען הוקער וואלט ניט געמאכט קיין פעלערען, וואלט ער איצט נאך געקענט זיגען. ער האט פארט געהאט צוויי מאל אזוי פיל סאלדאטען ווי לי. אבער דזשעקסאנ'ס פלוצלינגדיגע אטאקע האט אים אינגאנצען צוטומעלט. ער האט זיך פארלוירען און ניט געוואוסט וואס צו טאן. דעם פערטען טאג האט זיך הוקער צוריקגעצויגען. ער האט פארלוירען איבער 17 טויזענד מאן און א סך אמוניציע. לי האט פארלוירען 13 טויזענד מאן. מאנכע האבען שפעטער ערקלערט הוקער'ס שלעכטע פירערשאפט דערמיט, וואס ער פלעגט ליב האבען צו טרינקען. עס איז אפילו געמאכט געווארען די באהויפטונג, אז ווען די שלאכט האט זיך אנגעפאנגען, איז ער געווען שיכור. צי דאס איז אמת, איז קיינמאל ניט פעסטגעשטעלט געווארען.

פאר דעם זיג, וואס די סאוט האט געהאט ביי טשענסעלארסוויל, האט זי אבער זייער טייער באצאלט. זי האט דארט פארלוירען איינעם פון אירע סאמע בעסטע גענעראלען — סטאונוואל דזשעקסאן. ער איז דורך א טעות דערשאסען געווארען פון איינעם פון זיינע אייגענע סאלדאטען. זיי האבען געמיינט, אז ער איז אן אפיציר פון דער נארט־ארמיי. ער איז געפאלען מיט א צושמעטערטער לינקער האנט און מיט עטליכע אינעווייניגסטע וואונדען. מען האט אים די האנד אפגעשניטען און עס האט אויסגעוויזען, אז ער וועט בלייבען לעבען. ער איז אבער אין פינף טעג ארום געשטארבען.

עס ווערט דערציילט, אז ווען לי איז אים געקומען מבקרחולה זיין, נאכדעם ווי מען האט אים די לינקע האנט אפגעשניטען, האט ער געזאגט צום קראנקען: „דו ביסט אין א בעסערער לאגע ווי איך. דו האסט פארלוירען די לינקע האנט

און איך האָב פאַרלוירען מיין רעכטע האַנט". דזשעקסאָן איז אפשר געווען מער ווי גענעראַל לי'ס רעכטע האַנט. מאַנכע מיליטערישע עקספּערטען שטעלען דזשעקסאָנ'ען אלס גענעראַל העכער פון לי'ען. אין דער סאוט איז מען געווען זיכער, אז ווען דזשעקסאָן וואָלט געלעבט, וואָלט זי די מלחמה ניט פאַרלוירען.

אין אָנהויב מאַי, 1863, נאָך דער נידערלאַגע ביי טשענסעלאָרסוויל, האָט עס אויסגעזען זייער טרויעריג פאַר דער נאָרט. דאַן האָט זיך דער מזל מיט אַמאָל א דריי געטאָן. פון אַן אומגעריכטען ווינקעל האָט פּלוצלונג א בליאַסק געטאָן א שטראַל ליכט. גענעראַל גרענט האָט איינגענומען וויקסבורג און פאַרצייכענט איינעם פון די סאַמע וויכטיגסטע זיגען פון דעם בירגער־קריג.

וויקסבורג איז געווען א שטאַרקע פעסטונג אויף דעם מיסיסיפּי טייך; א פעסטונג, וואָס איז געשטאַנען אויף א פעלז, צוויי הונדערט פוס די הויך, אויף דער מזרח־זייט פון טייך. אין דעם פאָריגען יאָר האָט גרענט איינגענומען דעם טייל פון טייך, וואָס פליסט פאַרביי די שטאַטען קענטאָקי און טענעסי, ביז דעם פונקט וויקסבורג אין דעם שטאַט מיסיסיפּי. אַדמיראַל פאַראַגוט האָט אומגעפער אין דערזעלבער צייט פאַרנומען דעם זידליכען טייל פון טייך; פאַראַגוט האָט אַריינגענומען ניו אָרלינס און פאַרכאַפּט דעם טייך ביז א פונקט, וואָס הייסט פּאָרט האָדסאָן. צווישען וויקסבורג און פּאָרט האָדסאָן איז א שטרעקע פון 200 מייל און די 200 מייל פון דעם טייך מיסיסיפּי זיינען געלעגען אין די הענט פון דער סאוט. גענעראַל גרענט, וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דער נאָרט־אַרמיי אין יענער געגענד, האָט באַשלאָסען איינצונעמען וויקסבורג און פאַרטרייבען די רעבעלען אינגאַנצען פון דעם טייך. גרענט האָט ריכטיג אָפּגעשאַצט די סטראַטעגישע וויכטיגקייט פון דעם מיסיסיפּי. אויף דער וועסט־זייט פון טייך ליגען די שטאַטען טעקסעס און לואיזיאַנא און אַרקאַנזאַס. די שטאַטען האָבען צוגעשטעלט דער סאוט די נויטיגע תבואה (מען האָט זיי גערופען דער שייער פון

דער סאוט). דורך יענע שטאטען איז עס אויך מעגליך געווען אריינצופירען אמוניציע און אנדערע מלחמה־מאטעריאלען פון מעקסיקא. די האפענס ביים אטלאנטישען ים זיינען געווען פאר־בלאקירט דורך דער פלאטע פון דער נארט. האט מען די אמוני־ציע און אנדערע סחורות געבראכט פון אויסלאנד קיין מעקסיקא און פון מעקסיקא האט מען זיי דורך טעקסעס און דעם מיסי־סיפי־טייך אריבערגעפירט צו דער ארמיי פון דער סאוט. אט דער גאנצער פארקער וואלט אפגעהאקט געווארען אזוי שנעל ווי די נארט וואלט געקראגען דעם פולען קאנטראל איבער דעם מי־סיסיפי טייך. עס וואלט פאר דער סאוט אפגעשניטען געווארען אי דער קוואל פון עסענווארג, אי דער קוואל פון מלחמה־מאטע־ריאל.

גענעראל גרענט האט אנגעהויבען צו מאנעוורירען געגען וויקסבורג נאך אין די הערבסט־מאנאטען פון 1862. ער האט געמאכט פארשיידענע פלענער ווי אזוי די פעסטונג צו אטאקי־רען. ער האט געפרואווט אנצוגרייפען פון פארשיידענע זייטען. אבער אלע זיינע פראבעס האבען זיך געענדיגט מיט א דורכ־פאל. אין דעצעמבער, 1862, האט א טייל פון גרענט'ס ארמיי, אונטער זיין הויפט־ליוטענאנט, גענעראל שערמאן, געהאט א גרויסע נידערלאגע. עס האט דעמאלט אויסגעוויזען, אז גרענט האט קיין האפענונג ניט די פעסטונג איינצונעמען.

אין יאנואר, 1863, האט גרענט אויסגעארבייט א נייעם פלאן, וואס מיליטערישע עקספערטען באטראכטען אים פאר איינעם פון די גלענצענדסטע און מערקווירדיגסטע אין דער געשיכ־טע פון מלחמה־סטראטעגיע. די פריערדיגע אטאקעס זיינען דורכגעפאלען הויפטזעכליך דערפאר, ווייל די גאנצע געגענד צו צפון־צו ביי וויקסבורג איז זומפיג און עס איז אוממעגליך גע־ווען דארטען צו מאנעוורירען מיט א גרויסער ארמיי. גרענט האט באשלאסען ארונטערצומארשירען מיט זיין ארמיי ביז א פונקט פון 25 מייל צו דרום־צו פון וויקסבורג. ער האט די ארמיי געמוזט פירען אויף דעם וועסטליכען ברעג פון טייך. זיין פלאן איז געווען אריבערצופירען די ארמיי איבער'ן טייך צום

איסטליכען ברעג און דאן ארויפמארשירען ארויף־צו און אטאַ־קירען וויקסבורג פון דרום־זייט. די פראַגע איז אָבער געווען, וואו נעמט מען שיפען די ארמיי אריבערצופירען? און וואו



די לעצטע פעסטונגען אויף דעם טייך מיסיסיפי.

נעמט מען דעם נויטיגען פראָוויאַנט? האָט גרענט זיך מיישב געווען מיט דעם אדמיראל, וואס איז געשטאַנען מיט א פלאָט אויף דעם טייך מיסיסיפי צו צפון־צו פון וויקסבורג, אדמיראל

פארטער. עס איז ביי זיי געבליבען, אז די שיפען זאלען דורכ־שווימען דעם טייך פארביי וויקסבורג, דורכשווימען פארביי די הארמאטען, דורך דעם פייער פון די הארמאטען. זיי האבען אויסגעשטעלט די שיפען אין דער ברייט פון טייך און זיי געלאזט לויפען. דער חשבון איז געווען אז די הארמאטען פון דער פעסטונג וועלען טרעפען בלויז די פאדערשטע שיפען אנטקעגען זיי, די הינטערשטע וועלען דערווייל פארביילויפען.

דאס איז געווען דער ערשטער געוואגטער שריט און ער האט זיך איינגעגעבען א סך בעסער ווי גענעראל גרענט און אדמיראל פארטער האבען אליין ערווארטעט. אין א פינסטערער נאכט אין אפריל האט פארטער דורכגעפירט איין קאנוואי שיפען און אין א צווייטער נאכט אין זעלבען מאנאט — א צווייטע פארטיע. בלויז צוויי שיפען פון די צוויי פלאטעס זיינען געזונקען גע־ווארען. די איבעריגע זיינען אנגעקומען גאנץ אין ניו קאר־טיידזש, וואו גרענט'ס ארמיי האט אויף זיי געווארט (זע די לאנדקארטע).

די ארמיי איז אריבערגעפירט געווארען אויף דעם צווייטען ברעג און זיך געלאזט מארשירען צו צפון צו, אין דער ריכטונג פון וויקסבורג. די גאנצע געגענד דארט איז געווען פול מיט באפעסטיגטע פונקטען פון דער „קאנפעדערייסי ארמיי". דעם מארש האט גרענט אנגעפאנגען אין אנהויב מאנאט מאי. ער האט פריער געמארשירט אין דער ריכטונג פון דזשעקסאן, די הויפט־שטאט פון מיסיסיפי, וואו עס איז געשטאנען א גרויסע קאנפעדערייסי־ארמיי. אויפ'ן וועג אהין האט ער געהאט עטליכע שלאכטען און אין אלע האט ער דעם שונא באזיגט. דעם 14־טען מאי האט ער איינגענומען די שטאט דזשעקסאן, וועלכע איז פארטיידיגט געווארען פון גענעראל דזשאנסטאן, איינעם פון די גרעסטע גענעראלען פון דער סאוט. דזשעקסאן ליגט פופציג מייל צו מזרח־צו פון וויקסבורג. גלייך נאכדעם ווי גרענט האט ארויסגעטריבען דעם שונא פון דזשעקסאן, האט ער גענומען גיין אויף וויקסבורג. אויפ'ן וועג האט ער געהאט נאך צוויי שלאכטען אויף צוויי פונקטען און איז ווידער ארויס דער זיגער.

דעם 18טען מאַי איז ער געשטאַנען ביי די ווענט פון וויקסבורג. גרענט האָט אַ פּאָר מאָל פּרובירט נעמ'ען די פעסטונג מיט שטורעם אבער ער איז צוריקגעשטויסען געווארען. וויקסבורג איז געשטאַנען אויף אַ הויכען פעלז, צו וועלכען עס איז אוממעגליך געווען צוצוקומען. גרענט האָט באשלאָסען צו באלאגערען די פעסטונג, אויסהונגערען דעם שונא און אויף אזא אופן אים צווינגען זיך אונטערצוגעבען.

אכט־און־פערציג טעג האָט די באלאגערונג אנגעהאלטען. גענעראל פעמבערטאָן, וועלכער האָט די פעסטונג פאַרטיידיגט, האָט דאן געבעטען גרענט'ן, ער זאָל מיט אים פארהאנדלען וועגען די באדינגונגען פון אונטערגעבען זיך. גרענט'ס ענטפער איז געווען דערזעלבער ווי אין די פריערדיגע שלאכטען: „איר מוזט זיך אונטערגעבען אָן באדינגונגען". ענדליך האָט פעמבערטאָן זיך געמוזט בויגען. פונקט דעם פערטען דזשולאי, ווען דאָס לאנד פייערט זיין גרויסען נאַציאנאלען יום־טוב, האָט גרענט'ס ארמיי אריינגעמאַרשירט אין וויקסבורג. די סאוט האָט אין די שלאכטען ארום דער פעסטונג פארלוירען צען טויזענד מאן; און איצטער האָבען זיך אונטערגעגעבען נאָך 30 טויזענד. אין דער פעסטונג האָט גרענט געפונען 170 האר־מאטען און אַ מאסע אמוניציע. גרענט האָט אין דער קאמפּאַניע פארלוירען טויטע און פארוואונדעטע ארום צען טויזענד מאַן.

אין אַ וואָך ארום האָט זיך אויך אונטערגעגעבען פּאָרט האָדסאָן, די אנדערע פעסטונג פון דער קאָנפעדערייסי אויף דעם טייך מיסיסיפּי. דער טייך איז איצטער געווען אינגאנצען אין די הענט פון דער נאָרט.

קאַפּיטעל 20.

די שלאַכט ביי געטיסבורג.

עטליכע וואָכען נאָך זיין זיג ביי טשענסעלארסוויל האָט גענעראל לי באַשלאָסען צו מאכען א העכסט ריזיקאַלישען און העכסט געוואגטען שריט, — ער האָט באַשלאָסען אריינצודרינגען מיט זיין ארמיי אין דער נאָרט, אין דעם שונא'ס לאַנד. זיין חשבון איז געוועזען דער: די שטימונג אין דער נאָרט איז דעמאָלט געוועזען א געדריקטע. עס האָט זיך דאָרט געפונען א גרויסע צאָל מענשען, וואס האָבען געפאָדערט, אז די מלחמה זאָל אויפהערען. הוקער'ס ארמיי איז געוועזען אפּגעשוואכט. גראדע דאַן זיינען צוואנציג טויזענד פון הוקער'ס סאָלדאטען אפּגעלאָזט געווארען פריי, ווייל זייער טערמין האָט זיך געענדיגט. פון הונדערט טויזענד איז זיין ארמיי רעדוצירט געווארען צו אכציג טויזענד. לי'ס ארמיי איז פּאַרקערט געוועזען אין א בעסערען צושטאַנד, אי פיזיש אי מאָראַליש, ווי ווען עס איז פריער. זי האָט געציילט 105 טויזענד מאַן, אַלע באַגייסטערט און ערמוטיגט פון די זיגען, וואס זיי האָבען געוואונען. צו לי'ען האָבען זיך דערטראגען קלאַנגען, אז אין ניו יארק און אין אַנדערע שטעט אין דער נאָרט זיינען די מאַסען אויפגערעגט צוליב דעם נייעם „דרעפט", וואס דאַרף באַלד פּאָרקומען. מען האָט אים געלאָזט וויסען, אז מען ריכט זיך אויף ראיאטען אין ניו יארק און אין פילאדעלפיע. לי האָט, אלזאָ, אויסגערעכענט, אז איצט איז די בעסטע צייט אריינצודרינגען אין דעם שונא'ס לאַנד. ער האָט געהאָפט איינצונעמען פילאדעלפיע און אפשר אוועקמארשירען ביז ניו יארק. אויב דאָס וועט אים געלינגען, איז ער געוועזען זיכער, וועט די פרידענס-פּארטיי אין דער נאָרט

קריגען די אויבערהאנט און וועט די מלחמה אפשטעלען. ער האָט אויך ערוואַרטעט, אז זיין ארייננדרינגען אין דער נאָרט וועט ווירקען אויף די רעגירונגען פון אייראָפּא, אז זיי זאָלען איינזען, אז די סאוט איז אונבאזיגבאר און דעמאָלט וועלען די אייראָפּעאישע רעגירונגען געבען דער קאָנפעדערייסי זייער פולע אנערקענונג.

גענעראל לאָנגסטריט, לי׳ס הויפּט־אדיוטאַנט, האָט אים אָפּגעראַטען פון דעם שריט. לאָנגסטריט׳ס מיינונג איז געווען אז אנשטאָט צו גיין אויף דער נאָרט דאַרף מען בעסער שיקען די ארמיי העלפען ראַטעווען וויקסבורג. דאָס איז געווען גראד אין דער צייט, ווען גרענט האָט באַלאַגערט די פעסטונג און ווען די אויסזיכטען פאַר דער ארמיי פון דער סאוט זיינען דאָרט געווען טונקעלע. לי האָט אָבער לאָנגסטריט׳ס עצה צוריקגעוויזען. אין אָנהויב יוני האָט לי געגומען מאַרשירען צו צפון־צו.

לי׳ס ארמיי האָט מיט טריאומף דורכגעמאַרשירט דורך מערילאַנד און איז אריין אין פּענסילווייניא. אויף דער נאָרט איז אָנגעפאַלען אַ שרעק. לינקאָלן האָט ארויסגעשיקט אן אויפרוף צו די גאָווערנאָרס פון די שטאַטען פּענסילווייניא, מערילאַנד, וועסט־ווירדזשינא און אָהייאָ, זיי זאָלען גלייך צונויפזאַמלען א ספּעציעלע ארמיי פון הונדערט טויזענד מאַן אויף א טערמין פון זעקס מאָנאַטען. דער גאָווערנאָר פון פּענסילווייניא האָט געשיקט א הילפּס־רוף צום גאָווערנאָר פון ניו דזשוירזי. דער מעיאָר פון פילאַדעלפיא האָט ארויסגעלאָזען אן אויפרוף צו די איינוואוינער, זיי זאָלען „פאַרטיידיגען די שטאָט און באַשיצען זייערע היימען”. דער ענטפער אויף די אַלע אויפרופען איז ניט געווען קיין גוטער. מעקמעסטער שרייבט: „עס איז שווער געווען צו קריגען סאָלדאטען. עס וואָלט לייכט געווען צו ווירקען אויף אַ בירגער ער זאָל זיך אָנשליסען אויף א טערמין פון דרייסיג אדער זעכציג טעג צו פאַרטיידיגען זיין אייגענע שטאָט, אָבער גיין דינען גאַנצע זעקס מאָנאַטען אין דער נאַציאָנאַלער ארמיי, דאָס איז עפּעס אַנדערש. וואס פאַר א פאַרזיכערונג האָט מען זיי געקענט געבען, אז נאָכדעם ווי די געפאַר אין

זייער אייגענער שטאט וועט זיין פאראיבער, וועט דער קאמאנדיר פון דער נאציאנאלער ארמיי זיי ניט שיקען זיך צו שלאגען ער־געץ אנדערש?"

דאך איז א געוויסע צאל סאלדאטען אנגעקומען פון ניו דזשוירזי און פון ניו יארק. זיי זיינען געקומען העלפען פענסיל־וויינא. די הויפט־שטאט העריסבורג איז געווען אין א פאניקע. מעקמעסטער שרייבט: „דינסטאג, דעם 16טען יוני, זיינען אלע קלייטען געווען פארמאכט, אלע האטעלען ליידיג, דער מארק פוסט, דער פאסט־אפיס פארמאכט. אין די רעגירונגס־ביוראס האט מען געפאקט די פאפירען און דאקומענטען אין קאסטענס. די ביבליאטעקען האבען זיך געגרייט ארויסצופירען זייערע ביכער. הונדערטער איינוואוינער האבען פארשלאסען זייערע היימען און זיינען אנטלאפען. די, וואס זיינען פארבליבען, זיינען געשטאנען אין רעדלאך אין גאס און גערעדט וועגען דעם אנקומען פון שונא". די בעאמטע האבען באפוילען די מענער צו גראבען טראנשייען און בויען פעסטונגען. זיי האבען אנגעבאטען א דא־לער און א פערטעל א טאג פאר דער ארבייט, סאי צו ווייסע, סאי צו נעגערס.

און עס איז געווען פארוואס זיך צו שרעקען. לי'ס ארמיי האט זיך דערנערט דערפון, וואס זי האט פארכאפט אין די שטעט און דערפער, וואו זי איז אריין. פראפעסאר דרעיפער שרייבט: „די קאנפעדעריישי־ארמיי האט געלעבט פון דעם לאנד דורך וועלכען זי האט מארשירט. זי האט געצוואונגען די פארמערס, זיי זאלען איר צושטעלען עסענווארג און פון די שטעט האט זי ארויסגעפרעסט אויסלייז־געלד. אט, צום ביישפיל, האט זי פון דעם קליינעם שטעטעל יארק (אין פענסילוויינא) גע־פאדערט 165 פעסלעך מעל און 28 טויזענד פונט ברויט, 3500 פונט צוקער, 1650 פונט קאפע, 300 גאלאנען סיראפ, 1200 פונט זאלץ, 2000 פונט פרישע פלייש און 21 טויזענד פונט חזיר־פלייש. דאס אלץ האט געמוזט צוגעשטעלט ווערען ביז פיר אזייגער בייטאג. די שטאט האט אויך געמוזט צושטעלען צוויי

טויזענד פּאָר שיך, טויזענד פּאָר זאָקען, טויזענד היטלען און 100 טויזענד דאָלער אין מזומן געלד".

דעם אכצענטען יוני איז לי'ס קאַוואַלעריע אריין אין דעם שטעטעל מעקאָנעלסבורג. די סאָלדאַטען האָבען אויפגעבראַכען די קראָמען און ארויסגענומען שטיוועל, שיך, היטלען, שפּייז. זיי האָבען צוגענומען אלע פּערד אין שטעטעל און זיינען אוועק. מעקמעסטער שרייבט ווייטער: „פון מעטישבורג און אומגעגענד זיינען געלאָפען פליכטלינגע, ווייסע און שווארצע, אלטע און יונגע, זייערע אָקסען, פערד און וועגענער אָנגעלאָדען מיט הויז־זאכען. זיי זיינען געלאָפען נאָך העריסבורג און ווייטער צו מזרח צו. . . דעם 24טען איז אַ טייל פון דער ארמיי אריין אין טשעמבערסבורג. דער קאָמאַנדיר האָט ארויסגעגעבען אַ באַפעל צו די איינוואוינער, זיי זאלען ניט פארקויפען קיין שטאַרקע געטראַנקען צו די סאָלדאַטען. . . איין קראָם נאָך דער אַנדערער איז פון די סאָלדאַטען אויפגעבראָכען און אויסגעליידיגט געווארען. די סאָלדאַטען זיינען אריין אין פּריוואַטע וואוינונגען און זיי דורכגעזוכט אין יעדען ווינקעל. דאָס, וואַס די סאָלדאַטען האָבען ניט געקענט מיטנעמען מיט זיך, האָבען זיי פארניכטעט. ענליכעס האָבען די סאָלדאטען געטאָן אין אלע שטעט און שטעטלאך וואו זיי זיינען אריינגעקומען."

דעם 26טען יוני איז לי'ס גאַנצע ארמיי געווען אין פּענסילווייניא. אַ טייל פון דער ארמיי איז געשטאַנען פיר מייל פון העריסבורג. אין דער שטאָט האָט מען געהערט דאָס קראַכען פון די האַרמאַטען. יענע נאַכט איז אין פילאדעלפיע פארשפּרייט געוואָרען די נייעס אַז העריסבורג ווערט באָמבאַרדירט. די אויפרעגונג דארט איז געווען גרויס.

וואו איז די גאַנצע צייט געווען הוקער מיט זיין ארמיי? הוקער האָט זיך מיט זיין ארמיי גענומען רוקען צו צפון־צו אזוי שנעל, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אז לי מאַרשירט אין דער ריכטונג. ער האָט זיך אָבער געהאלטען נאָענט צו דער איסט אום צו באַשיצען וואשינגטאָן און באַלטימאָר. די צוויי ארמייען האָבען זיך גערוקט צו פּענסילווייניא און זיינען אין פּענסילוויי־

ניא אריין אין צוויי פאראלעלע ליניען. די גרויס פון די צוויי ארמייען איז איצט אויך געווען אומגעפער דיזעלבע, — יעדע ארמיי ארום הונדערט טויזענד מאן. דעם 27טען יוני, ווען די צוויי ארמייען האבען זיך גענומען גרייטען צו א שלאכט, האט הוקער פלוצלונג אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע. לינקאלן האט די רעגיזגנאציע אנגענומען (ער האט זיין צוטרוי צו הוקער'ן אנגעוואוירען גלייך נאך דער שלאכט ביי טשענסעלארסוויל). אויף הוקער'ס פלאץ האט ער באשטימט גענעראל דזשארדזש גארדאן מיעד. גענעראל מיעד האט איבערגענומען די קאמאנדע דעם 28טען יוני און מיט צוויי טעג שפעטער, האט זיך אנגעפאנגען די שלאכט פון געטיסבורג, — די שלאכט, וואס איז, לויט דער מיינונג פון פילע היסטאריקער, די וויכטיגסטע אין דער גאנצער מלחמה. די שלאכט האט צושלאגען יעדע האפענונג פון דער סאוט, אז איר וועט ווען עס געלינגען צו באזיגען די נארט.

די שלאכט ביי דער שטעטעל געטיסבורג האט זיך אנגעהויבען אזוי ווי דורך א צופאל. אן אפטיילונג פון דער נארט־ארמיי, ניט ווייט פון געטיסבורג, האט באמערקט לאנגער־פייערליך אין געטיסבורג. די פייערליך זיינען געווען פון א רעגימענט סאלדאטען פון דער סאוט, וואס איז געשיקט געווארען אין שטעטעל אריין צו פארנעמען א טראנספארט שיך, וואס האט זיך דארט געפונען. די צוויי ארמייען האבען זיך באגעגענט. אויף אזא אופן איז פארגעקומען דער ערשטער צוזאמענשטויס.

די שלאכט האט אנגעהאלטען דריי טעג. די צוויי ארמייען האבען זיך באפעסטיגט אויף צוויי קייטען בערגלאך, וואס ליגען לעבען געטיסבורג, איין קייט בערגלאך רופט זיך „סעמעטערי (בית עולם) בערג". דארטען האט זיך באפעסטיגט די ארמיי פון דער נארט. די צווייטע קייט צו מערב־צו רופט זיך „סעמינערי רידזש" (סעמינאר בערגלאך). דארטען איז געשטאנען די סאוט־ארמיי. צווישען די צוויי ציילען בערג איז א טאל, א מייל די ברייט. דורך דעם טאל ציט זיך דער וועג נאך געטיסבורג.

די שלאַכט האָט זיך פאַנאַנדערגעפּלאַקערט אויף אַ רעכטען אַמת דעם צווייטען יולי, שפּעט נאָכמיטאָג. לי'ס אַרמיי האָט אַטאַקירט מיעד'ס סאָלדאַטען אויף ביידע ברעגען פון די סעמע־טערי־בערגלאַך און די אַטאַקעס האָבען זיך אַביסעל איינגעגע־בען. מיעד'ס סאָלדאַטען האָבען פאַרלאָרען איניגע פּאָזיציעס. די ערשטע צוויי טעג זיינען געווען גינסטיג פאַר דער סאוט.

דער דריטער טאָג האָט געדאַרפט ענטשיידען דעם שיקזאַל פון דער שלאַכט. וועט עס געלינגען לי'ען איינצונעמען דעם „סעמעטערי רידזש"? וועט עס אים געלינגען זיך דורכצורייסען דורך דער קייט בערג? אויב יאָ, דאַן האָט ער געזיגט. אויב ניט, האָט ער פאַרלאָרען. לי האָט קאָנצענטרירט 145 האַרמאַטען אויף אַ געוויסען טייל פון דער קייט. איינס אזייגער האָבען די אַלע האַרמאַטען גענומען שיסען. מיעד האָט געענטפערט מיט זיינע האַרמאַטען. „דער אַרטילעריע־דועל איז געווען דער גרעס־טער אין דער געשיכטע פון דער מלחמה, — שרייבט מעקמעס־טער, — צוויי שטונדען נאָכאַנאַנד האָט די שיסעריי אָנגע־האַלטען". דאַן האָט מיעד געהייסען זיין אַרטילעריע, זי זאָל אויפהערען שיסען. ער האָט געוואוסט, אַז לי פּלאַנעוועט נאָך דער שיסעריי צו שיקען זיינע רעגימענטען צו שטורעמען די פּאָ־זיציעס אויף דעם „סעמעטערי רידזש" און ער האָט געוואָלט איינשפּאָרען אַמוניציע אויף צו באַגעגענען די אַטאַקע. לי האָט אָבער געמיינט, אַז דערפאַר האָט מיעד אויפגעהערט צו שיסען, ווייל זיינע האַרמאַטען זיינען צושמעטערט אדער פאַרקריפּעלט געוואָרען.

דריי אזייגער נאָכמיטאָג האָט אַן אַפּטיילונג פון לי'ס אַר־מיי גענומען מאַרשירען צו סעמעטערי רידזש. געפירט איז די אַפּטיילונג געוואָרען פון גענעראַל פּיקעט און דערפאַר איז די העלדישע אַטאַקע באַוואוסט אין דער געשיכטע אַלס „פּי־קעט'ס טשאַרדזש" (פּיקעט'ס אַטאַקע). פּיקעט'ס רעגימענטען זיינען באַשטאַנען פון 15 טויזענד מאַן. די סאָלדאַטען האָ־בען געמאַרשירט דורך דעם טאָל און דאַן גענומען קלעטערען אויף דעם באַרג. מיעד'ס סאָלדאַטען זיינען געשטאַנען הינטער

זייערע קאנאָנען, מיט ביקסען אין די הענד, און האָבען געוואַרט. ווען פּיקעט'ס סאָלדאטען זיינען צוגעקומען נאָענט, האָבען די ביקסען און קאנאָנען זיי באַגעגענט מיט א האָגעל פון קוילען. די שלאכט איז געווען א פאַרצווייפעלטע. ל'ים סאָלדאטען זיינען צוריקגעשטויסען געוואָרען. א סך פון זיי זיינען געפאנגען געוואָרען און א סך זיינען געבליבען ליגען טויטע און פאַרוואונדעטע. די, וואס האָבען זיך געקענט ראטעווען, זיינען אנטלאָפען. פון דער גאנצער ארמיי, וואס איז געשיקט געוואָרען אין פייער, איז כמעט גאר ניט געבליבען.

פּראָפעסאָר האָסמער שרייבט: ווען די צושלאָגענע רעגימענטען זיינען געקומען צוריק, איז לי ארויסגעפאָרען אויף זיין פערד זיי באַגעגענען. . . זיין געזיכט איז געווען רואיג און ענטשלאָסען. זיין שטימע פעסט. ער האָט אויסגעשריען: „עס איז אין גאַנצען מיין שולד. איצט העלפט מיר ראטעווען דאָס, וואָס איז נאָך פאַרבליבען!” גענעראל לאָנגסטריט, וועלכער איז געווען געגען דעם גאנצען צוג, האָט ביז דער לעצטער מינוט געראָטען לי'ען, ער זאָל די אטאַקע פון די 15 טויזענד ניט אונטערנעמען. ער האָט געוואָרענט לי'ען, אז אזא אטאַקע מוז דורכפאלען. לי האָט אים אָבער ניט געפאָלגט. מיט א צייט שפּעטער האָט לי געשריבען לאָנגסטריט'ן א בריף, אין וועלכען ער האָט געזאגט: „ווען איך וואלט דיך געפאָלגט אפילו נאָר אין דעם לעצטען טאָג פון דער געטיסבורג־שלאכט וואלט וואַרשיינליך איצט אַלץ אַנדערש געווען”.

אין די דריי טעג פון דער שרעקליכער שלאכט האָט מיעד פאַרלאָרען ארום דריי טויזענט אין טויטע און איבער פערצען טויזענט אין פאַרוואונדעטע. איבער פינף טויזענט האָבען געפעלט. לי האָט פאַרלאָרען ארום פיר טויזענט אין טויטע, ארום פופצען טויזענט אין פאַרוואונדעטע, און איבער פינף טויזענט האָבען געפעלט.

לי האָט זיך גלייך גענומען צוריקציען. מיעד האָט אים כמעט ניט געשטערט. אין וואשינגטאָן איז מען געווען זייער אומצופרידען מיט מיעד'ס האנדלונג. דאָרטען האָט מען ערוואַרטעט, אז

מיעד וועט לי׳ען נאָכיאָגען און אים אין גאנצען פארניכטען. מיעד איז אזוי שאַרף קריטיקירט געוואָרען, אז ער האָט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציע. לינקאָלן האָט אָבער די רעזיגנאַציע ניט אָנ־גענומען.

דעם 19טען נאָוועמבער, 1863, האָבען זיך אין געטיסבורג פארזאמעלט פאָרשטייער פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג און פון דער ארמיי אויף צו הייליגען א טייל פון דעם שלאַכטפעלד פאַר א נאַציאָנאלען בית עולם צו באערדיגען דאָרט די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געפאַלען אין דער גרויסער שלאַכט. ביי דער געלעגענהייט האָט לינקאָלן געהאַלטען זיין בארימטע אָנדענקונג־רעדע, אָדער ווי אנדערע רופען זי, די „געטיסבורג־רעדע”. קיינער האָט זיך ניט געריכט פריער, אז ער וועט ריידען. ווען די צערעמאָניעס האָבען זיך געהאַלטען אין ענדיגען האָט זיך לינקאָלן פּלוצלינג אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און גענומען ריידען. די רעדע איז זייער א קורצע, זי איז אָבער א מייסטערווערק אין יעדער הינזיכט: אי מיט די געפילען און געדאַנקען, וואָס זי דריקט אויס, אי מיט דער שיינקייט און הארציגקייט פון דער שפּראַך. די קורצע רעדע ווערט באַטראַכט אלס א ליטעראַרישער פּערל. אָט איז אן איבערזעצונג פון דער רעדע:

„מען לאָזט מיר וויסען, אז די פארזאמלונג ערוואַרטעט, איך זאָל עפּעס זאָגען ביי דער געלעגענהייט. מיר זיינען דאָ פארזאַמעלט אויף א גרויסען שלאַכטפעלד פון דער מלחמה. פאר זיינען געקומען הייליגען א טייל פון דעם פעלד אלס דעם לעצטען רו־פּלאַץ פאַר די, וואָס האָבען אוועקגעגעבען זייערע לעבענס, כדי אונזער פאָלק זאָל בלייבען לעבען. מיר דארפען עס טאָן. אָבער אין א העכערען זין קענען מיר ניט פארהייליגען די ערד. די העלדישע מענער, לעבעדיגע אָדער טויטע, וועלכע האָבען דאָ גע־קעמפט, האָבען שוין די ערד פיל מער פארהייליגט ווי מיר קענען עס טאָן. די וועלט וועט ווייניגער טראַכטען וועגען דעם, וואָס מיר וועלען דאָ זאָגען; זי וועט אָבער קיינמאָל ניט פארגעסען, וואָס ז י י האָבען דאָ געטאָן. מיר, די לעבעדיגע, דארפען בעסער זיך אליין ווידמענען צו דער ניט געענדיגטער ארבייט, וואָס די,

וועלכע האָבען דאָ געקעמפּט האָבען אַזוי ערהאַבען אָנגעפירט. מיר דאַרפען פון די קברים פון די געערטע טויטע זיך אַפּלערנען צו זיין איבערגעבען דער זאַך, פאַר וועלכער זיי האָבען זייערע לעבענס אַוועקגעגעבען. לאָמיר דאָ באַשליסען, אַז זיי זאָלען ניט האָבען געשטאָרבען אומזיסט, אַז די נאַציאָן זאָל מיט גאָט'ס הילף זוערין ווידערגעבוירען אין פרייהייט און אַז די רעגירונג, וואָס איז פון פאָלק, דורכ'ן פאָלק און פאַר'ן פאָלק זאָל קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערען פון דער וועלט."

קאַפּיטעל 21.

גרענט זיגט אין טענעסי

סוף דזשון, 1863, האָט גענעראל ראָזענקראַנץ גענומען גיין אויף טשאַטאַנוגא. זעקס מאָנאַט צייט איז ער מיט זיין ארמיי געשטאַנען אין מאירפריסבאָראָ, ניט ווייט פון נעשוויל. פון וואַשינגטאָן האָט מען אים געהאַלטען אין איין אויפּפאָדערען ער זאָל מאַרשירען צו דער איסט און סאַוט פון טענעסי. לינקאָלן האָט עס שטענדיג געהאלטען פאר העכסט וויכטיג ארויסצוטרייבען דעם שונא פון דעם מזרח טייל פון טענעסי, וויל דורך דער איסט און דער סאַוט פון טענעסי האָבען זיך געצויגען די אַלע וועגען און באַנען וואָס האָבען פארבונדען ווירדזשיניא מיט די נידעריגע טיילען פון דער סאַוט. ראָזענקראַנץ איז אָבער אין דער הינזיכט געווען גערעכטען אין מעקלעלאַן. ער האָט שטענדיג געפונען א גרונד אָפּצולייגען זיין צוג אויף שפּעטער. זיין טענה איז שטענדיג געווען, אז אים פעלען סאָלדאטען, אָדער אז אים פעלען די נויטיגע פּאבארייטונגען. סוף דזשון האָט ער אָבער, ענדליך, זיך גענומען באַוועגען.

די אַרמיי פון דער קאָנפעדערייסי אין טענעסי איז געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראל ברעג. ער האָט באַפעסטיגט א גאַנצע קייט מיט פּאָזיציעס, וואָס האָט זיך געצויגען פון נעשוויל ביז טשאַטאַנוגא. ראָזענקראַנץ האָט אָבער אזוי קונציג מאַנעווורירט, אזוי קונציג געפירט זיין ארמיי, אז ברעג איז געצוואונגען געווען פון די פּאָזיציעס זיך צוריקצוציען. ער האָט אפילו ניט געוואגט זיך צו שטעלען אנטקעגען ראָזענקראַנץ׳ן. דעם 9טען סעפּטעמבער איז ראָזענקראַנצ׳ס ארמיי אַריין אין טשאַטאַנוגא. ער האָט די שטאָט איינגענומען גאָר אָן א שלאַכט.

ברעג האָט זיך צוריקגעצויגען אין דזשאָרדזשיא. דאָרטען האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך באפעסטיגט. פון אלע זייטען זיינען ארמייען אים געקומען צו הילף. פון ווירדזשיניא איז



דאָס שלאַכטפעלד אין טענעסי.

געקומען גענעראל לאָנגסטריט מיט אַן ארמיי. דזשאָנסטאָן האָט געשיקט סאָלדאטען פון מיסיסיפי, און נאָך און נאָך. ברעג האָט איצט געהאט אן ארמיי פון 70 טויזענט מאן געגען ראָזענקראנצ'ס

ארמיי פון בלויז 56 טויזענט. דעם 19טען סעפטעמבער האָט ברעג אטאַקירט ראָזענקראַנצ'ן ביים טייכעל טשיקאמאגא (דער טייך פון טויט). די שלאַכט איז געווען א פארצווייפעלטע, א שרעקליך בלוטיגע (די שלאַכט ווערט באַצייכענט אלס די גרויסע שלאַכט פון דער וועסט). ראָזענקראַנץ איז צוקלאַפּט געוואָרען. ער האָט זיך געמוזט צוריקציען אין טשאַטאַנוגא. ברעג האָט זיך דאַן באַפעסטיגט אין די בערג, וואָס ליגען אין דזשאָרדזשיא צו דרום צו פון טשאַטאַנוגא, אויף דעם „לוקאוט בארג“ אין די „מישיאָנערי בערג־קייט“. ער האָט אויך אָפּגעשניטען אלע וועגען דורך וועלכע ראָזענקראַנץ איז געווען פאַרבונדען מיט די אנדערע פּאָסטענס פון דער נאָרט. איין וועג בלויז איז געבליבען אָפען פאר ראָזענקראַנצ'ן. עס איז געווען א זייער לאַנגער וועג, וועלכער האָט זיך געצויגען דורך בערג. אָבער אפילו אָט דער וועג איז באַלד דורך רעגענס פארוואַנדעלט געוואָרען אין א זומפּ. די סאָל־דאַטען האָבען שרעקליך געליטען. זיי האָבען ניט געהאַט גענוג צו עסען. זיי האָבען ניט געקענט קריגען קיין שיך און קיין וואַרימע קליידער פאר די קאַלטע וועטערען.

ראָזענקראַנץ איז איצט אָראָפּגעזעצט געוואָרען פון זיין אמט. לינקאָלן האָט געשיקט גרענט'ן. ער זאָל איבערנעמען די קאָמאַנדע פון דער גאַנצער געגענט. אין טשאַטאַנוגא האָבען זיך איצט פאַרזאַמעלט די בעסטע גענעראַלען פון דער נאָרט: גרענט, שערמאַן, שערידען און טאָמאַס. דאָרט איז אויך געווען גענעראַל הוקער. גרענט האָט געהאַט אַן ארמיי פון 60 טויזענט. ברעג האָט געהאַט ניט מער ווי 30 טויזענט (א דריט חלק פון זיין ארמיי האָט ער אװעקגעשיקט איינצונעמען נאַקסוויל). גרענט איז אָנ־געקומען אין טשאַטאַנוגא שפּעט אין אָקטאָבער. דעם 24טען נאָוועמבער האָט גרענט אָנגעפאַנגען צו אַטאַקירען ברעג'ס פּאָזי־ציעס אין די בערג. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטען דריי טעג, פון דעם 23טען ביז'ן 26טען נאָוועמבער. ברעג איז געשלאָגען געוואָרען. גרענט'ס זיג איז געווען א פולשטענדיגער. טענעסי איז ענדליך אָפּגערייניגט געוואָרען פון שונא. די נאָרט האָט אין דער שלאַכט פאַרלוירען איבער פינף טויזענט מאַן. פון דער

סאוט זיינען געפאלען א סך וויינינער. דערפאר אָבער האָט די סאוט פארלוירען פיר טויזענט אין געפאנגענע.

דער זיג ביי טשאַטאַנוגא איז געווען איינער פון די סאמע וויכטיגסטע אין דער מלחמה. גרענט האָט איצט געהאט צו זיין קרעדיט צוויי פון די סאמע וויכטיגסטע זיגען, — וויקסבורג און טשאַטאַנוגא. דעם 17טען דעצעמבער האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען א רעזאָלוציע צו דאנקען גרענט'ן. לינקאָלן האָט אים געשיקט א פערזענליכען דאנק־בריוו.

PUBLIC LIBRARY

קאַפּיטעל 22.

די מלחמה אויפ'ן ים

ביידע צדדים, די נאָרט און די סאוט, זיינען געווען ים לענדער. זיי זיינען ביידע געלעגען ביים ברעג פון אטלאַנטישען ים און ביידע האָבען אָנגעפירט א גרויסען האנדעל איבער'ן ים. דערפאר האָבען ביידע צדדים, גלייך ביים אויסברוך פון קריג געזוכט צו שעדיגען איינער דעם צווייטען אין דעם ים־פארקער. לינקאָלן האָט געשיקט שיפען צו פארבלאָקירען דעם גאנצען ברעג פון דער סאוט און דזשעפערסאָן דייווים האָט איינגעלאַדען פריי־וואטע שיפען זיי זאָלען אין נאָמען פון זיין רעגירונג באַפען און פאַנגען די האנדעלט שיפען פון דער נאָרט.

די ערשטע צייט איז די לאגע פון דער סאוט געווען א בע־סערע. ביידע רעגירונגען האָבען געהאַט זייער שוואַכע פלאָטען. דער באַפעל פון פרעזידענט לינקאָלן צו זיין פלאָטען־מיניסטער, ער זאָל פארבלאָקאדירען דעם ברעג פון דער סאוט, האָט נים געהאַט קיין פראַקטישען ווערט, ווייל דער פלאָטען מיניסטער האָט מער ווי עטליכע געציילטע שיפען נים פארמאָגט און מיט עטליכע שיפען האָט מען א ברעג פון דריי טויזענט מייל נים געקאָנט פארצאמען. פארקערט, אָבער, דזשעפערסאָן דייווים'עס אקט האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג. די הענדלער פון דער נאָרט' די שיף־אייגענטימער און די פארזיכערונגס־געזעלשאפטען האָבען זיך שטארק דערשראָקען. יעדער אין דער סאוט אָדער אין א נייטראל לאנד, וואָס האָט פארמאָגט א שיף, האָט זי געקענט באַוואָפענען, באַקומען אַן ערלויבניש פון דייווים'ען, ארויספארען און באַפאלען שיפען פון דער נאָרט. בעלנים אויף דעם איז נים שווער געווען צו געפינען. די סוחרים פון ניו יאָרק און פון

אנדערע האפען־שטעט אין דער נאָרט, וועלכע האָבען געפירט אן עקספאָרט־ און אימפּאָרט־האנדעל האָבען זיך געווענדט צום פלאָטען־מיניסטער, ער זאָל ארויסשיקען קריגס־שיפען צו באַוואַכען זייער האנדעל. יעדען יאָר פלעגט פון קאליפאָרניע געבראכט ווערען קיין ניו יארק גאָלד אין ווערט פון 40 מיליאן דאָלער. האָבען די ניו יאָרקער באנקירען פארלאנגט פון וואשינגטאָן, אז מען זאָל די שיפען, וואָס פירען דאָס גאָלד פארזאָרגען מיט האר־מאטען און סאָלדאטען.

דער פלאָטען־מיניסטער גידיאן וועלס, האָט די אלע פּעטי־ציעס ניט געקענט באוויליגען. ער האָט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו קריגען וואָס מער שיפען פאר זיין דינסט. ער האָט געקויפט און געבויט אלערליי שיפען, קליינע און גרויסע, שוואכע און שטארקע. בשעת ער האָט די בלאָקאדע אָנגעפאנגען, האָט ער פארמאָגט אין גאנצען 42 שיפען, די מערסטע פון זיי זעגעל־שיפען און רודער־שיפען. אין דעצעמבער, 1861, האָט ער שוין געהאט 79 דאמף־שיפען און 58 זעגעל־שיפען. אין לויף פון די פיר מלחמה יאָרען האָט די רעגירונג אויסגעבויט 418 שיפען, 313 פון זיי דאמף־שיפען (נאָך דער מלחמה האָט די רעגירונג זיי אלע שנעל פארקויפט פאר א העלפט געלט, וואָס זי האָט פאר זיי באצאָלט).

די בלאָקאדע אויף דעם ברעג פון דער סאוט איז געווארען פעסטער און ווירקזאמער פון יאָר צו יאָר. די ערשטע צייט איז עס געווען לייכט פאר האנדעלס־שיפען זיך אריינצו'גנב'ענען און זיך ארויסצו'גנב'ענען פון די האפענס פון דער סאוט. אבער וואָס ווייטער איז עס געווארען אלץ שווערער און אין דעם לעצטען יאָר פון דער מלחמה, — כמעט אוממעגליך. די בלאָקאדע איז געווען איינע פון די שטארקסטע וואָפען מיט וועלכע די סאוט איז סוף־כל־סוף באזיגט געווארען.

די סאוט האָט אויך פּרובירט אויפבויען א פלאָטע. אבער דאָס איז זייער שווער אָנגעקומען. ביי זיך אין דער היים האָט זי קיין שיפען כמעט גאר ניט געקענט בויען. זי האָט ניט געהאט די נויטיגע רויע מאטעריאלען, ניט די מעכאניקער און ניט די

מאשינעריע. האָט זי געשיקט אגענטען קיין ענגלאנד און פראנק־רייך צו קויפען דאָרט שיפען. דאָס איז אבער אויך ניט געווען קיין לייכטע אויפגאבע. די ענגלישע פירמעס האָבען זיך אָפּגע־זאָגט צו נעמען די וועקסלען פון דער קאָנפעדערייסי. זיי האָבען געפאָדערט מזומנ'ע געלט. דערצו האָט דער אַמעריקאנער אמבאַ־סאדאָר אין ענגלאנד געהיט, אז קיין באוואָפענטע שיפען זאָלען פון ענגלאנד נאָך דער סאוט ניט ארויספאָרען. עס פארשטייט זיך, אז א געוויסע צאָל שיפען האָט די סאוט יע געקראָגען אין אויסלאנד, אָבער ווייט ניט אזוי פיל ווי זי האָט באדארפט האָבען.

די ערשטע צייט פון דער בלאָקאַדע האָט זיך די נאָרט באנוצט מיט א מיטעל, וואָס האָט ארויסגערופען ביטערע פראָ־טעסטען אין דער סאוט און אויך אין אייראָפּע, אין ענגלאנד און פראנקרייך. ביי מאנכע פון די וויכטיגסטע האפענס פון דער סאוט זיינען פאראן שמאָלע אריינגאנגען, שמאָלע וואסער־פאסען, וואס פירען פון ים צום ברעג. האָט די נאָרט גענומען אלטע שיפען זיי אָנגעלאָדען מיט שטיינער און זיי פארזונקען אין די שמאָלע דורכגאנגען. אויף אזא אופן האָט די נאָרט געזוכט צו פארשפאַ־רען דעם וועג, אוממעגליך מאכען פאר שיפען אין די האפענס אריינצופאָרען.

די סאוט האָט געמאכט א געשריי, אז בלויז בארבארען פירען מלחמה אויף אזא שטייגער. ציוויליזירטע מענשען טוען ניט אָן אין מלחמה־צייט אזוינע שאָדענס, וואָס עס איז אומ־מעגליך נאָך דער מלחמה צו פארריכטען. די פארזונקענע שטיי־נער אין די האפענס, האָבען זיי גע'טענה'ט, וועלען אויף א סך יאָרען נאָך דער מלחמה מאכען פאר אוממעגליך צו באנוצען די האפענס.

„אז די סאוט זאָל פּראָטעסטירען האָט מען געקענט ערוואר־טען", שרייבט מעקמעסטער, „אָבער דער צאָרן פון ענגלאנד איז געווען אומערווארטעט און איבערראשענד." דאָרט האָט מען געמאכט געוואלדען, אז די נאָרט פירט איר מלחמה ניט בלויז נעגען דער סאוט, נאָר געגען דער גאנצער מענשהייט, איין צייטונג אין ענגלאנד האָט געשריבען אז ווילדע באַרבארען וואָל־

טען אזא זאך ניט געטאן, „זיי וואלטען ניט פארגיפטעט דעם קוואל וואסער פון וועלכען זייער שונא טרינקט".

די שיף־אייגענטימער פון ליווערפול האבען זיך געווענדט צו לארד ראסעל, דעם ענגלישען מיניסטער פון אויסערן, ער זאל נעמען א שטעלונג אין דער אנגעלעגענהייט. ראסעל האט גע־ענטפערט, אז ער האט געהייסען דעם ענגלישען אמבאסאדאר אין וואשינגטאן צוריידען וועגען דעם מיט מר. סוארד. אין דער ערקלערונג צו די שיף־אייגענטימער האט ראסעל אויסגע־דריקט זיין מיינונג. ער האט געזאגט, אז די האנדלונג באווייזט, אז די נארט איז פארצווייפעלט, אז זי האט פארלוירען די האפע־נונג וועו עס איז צו באזיגען די סאוט און זי זוכט בלויז צו נעמען נקמה.ער האט ווייטער געזאגט, אז דערמיט, וואס די נארט פאר־ניכטעט די האפענס פון דער סאוט, שטערט זי דעם האנדעל פון נייטראלע לענדער, אז דאס איז א פארשוועכונג פון דעם אינ־טערנאציאנאלען האנדעל און אז די האנדלונג קען ניט בארעכטיגט ווערען.

דער ענגלישער אמבאסאדאר האט גערעדט מיט סוארד'ן. ער האט אבער קיין זאך ביי אים ניט גע'פועל'ט. סוארד האט אים ערקלערט, אז די האפענס וועלען פון די פארזונקענע שטיינער ניט ליידען, אז נאך דער מלחמה וועט עס לייכט זיין די שטיינער אפצוראמען. און דער אמת איז, אז די שטיינער האבען טאקע די האפענס ניט באשעדיגט, אפילו דעמאלט, ווען מען האט זיי ערשט פארזונקען. שיפען, און טאקע ענגלישע שיפען, האבען זיך די גאנצע צייט באנוצט מיט די האפענס ארייצושמוגלען אין דער סאוט און אויך ארויסצושמוגלען פון דארטען פארשיי־דענע סחורות.

די אויפרעגונג אין ענגלאנד האט געהאט א מאטעריעלען הינטערגרונט. פון די טעקסטיל פאבריקען האבען זיך אין ענג־לאנד ערנערט פיר מיליאן מענשען. אן די קאטען פון דער סאוט האבען די פאבריקען ניט געקענט עקזיסטירען. די שרעק איז ענגלאנד איז געווען ניט אומזיסט. אין סעפטעמבער, 1861, האבען די פאבריקען אין ענגלאנד גענומען פארקירצען זייער

ארבייטס־צייט. מאנכע פאבריקען, אין מאַנטשעסטער, האָבען געלאָזט וויסען זייערע ארבייטער, אז העכסט ווארשיינליך וועלען זיי זיך מוזען צושליסען אין די ווינטער מאָנאַטען. די לאגע איז געווארען ערגער פון טאָג צו טאָג. אין יאַנואר, 1862, האָט מען אין די טעקסטיל־שטעטלעך געטיילט ברויט און זופּ צו די אר־בייטסלאָזע. עס האָבען זיך אָרגאניזירט הילפס־קאָמיטעטען צו זאמלען קליידער און שפּייז פאר די אָרימע. אין נאָוועמבער, 1861, האָבען די יוניאָנס געמאָלדען, אז 330 טויזענט פון זייערע מיטגלידער גייען ארום ליידיג*).

די סאַוט האָט פון אָנפאַנג געהאָפט, אז דער הונגער פון קאטאָן אין ענגלאנד און אין פראנקרייך וועט צווינגען די צוויי רעגירונגען זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון דער סאַוט. די האָפענונג איז ניט מקוים געוואָרען. די סאַוט האָט אָבער געטאָן אלץ אין איר מאכט ניט צו דערלאָזען אז איר קאטאָן זאָל ארייןפאלען אין די הענט פון דער נאָרט. יעדען מאל, ווען אן אַרמיי פון דער נאָרט פלעגט אריינקומען אין א געגענט פון דער סאוט, פלעגען די פּלאַנטאַטאָרס דאָרט אונטערצינדען די פארמס און פארברענען די קאטאָן. אויף די ברעגען פון דעם מיסיסיפּי־טייך האָבען די פארמערס אין לויף פון דער מלחמה פארברענט קאטאָן אין ווערט פון 12 מיליאָן דאָלאר.

די בלאָקאַדע אויף די ברעגען פון דער סאוט האָט געשאפען א נייעם גוטען געשעפט, דעם געשעפט פון אריינשמוגלען אין דער סאוט און ארויסשמוגלען פון דאָרט סחורות. דער געשעפט איז געווען זייער א ריזיקאלישער, אבער די פּראָפיטען זיינען

---

*) אין דער נאָרט האָבען זיך אויך אָרגאַניזירט קאָמיטעטען צו זאמלען הילף פאר די ליידענדע אין ענגלאנד. ביז דעצעמבער, 1861, איז דאָ געזאמעלט געווארען 166 טויזענט דאָלאר. עס זיינען אוועקגעשיקט געווארען גאנצע שיפען מיט שפּייז. דאנק־בריוו פאר דער הילף זיינען אָנגעקומען פון די הילפס־ארגאניזאציעס אין ענגלאנד. אין איינעם פון די בריוו האָט די הילפס אָרגאַניזאציע פאָרגעשלאַגען, אז אנשטאָט צו שיקען עסענווארג קיין ענגלאנד, זאָלען די היגע קאָמיטעטען באַנוצען דאָס געלט אויף אריבערברענגען די ארבייטסלאָזע קיין אמעריקע.

געוועזן אזוינע גרויסע, אז עס האט זיך געלוינט צו ריזיקירען. שרייבט פראפעסאר סאלי (אין זיין ווערק „די פלאטע און דער בירגער־קריג"): „אין ווילמינגטאן, נארט קאראליינא, האט מען פאר קאטאן געצאלט אכט סענט א פונט, און אין ענגלאנד האט מען פאר דעם באקומען פופציג סענט א פונט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואס די סוחרים פון ליווערפול האבען פיל ניט געטראכט און זיך אריינגעווארפען אין דעם געשעפט. עס האבען זיך ארגאניזירט ספעציעלע קאמפאניעס צו קויפען שיפען און אנפירען דעם שמוגעל־געשעפט. הויכע בעאמטע פון דער ענגלישער פלאטע, וואס זיינען געווען אויף אורלויב, האבען אונטער פארשטעלטע נעמען און פאר גרויסע סומען געלט זיך אנגעבאטען צו פירען די שיפען מיט קאנטראבאנדע". דער פראפעסאר דערציילט, אז די קאנפעדעריישי־רעגירונג אליין האט זיך באטייליגט אין דעם געשעפט פון שמוגלען סחורה צו זיך אין לאנד. אגענטען פון דער קאנפעדערייסי האבען געבויט שיפען אין ענגלאנד, זיי אנגעלאדען מיט אמוניציע. די שיפען פלעגען די ענגלישע האפענס פארלאזען כלומרשט אלס ענגלישע האנדעלס־שיפען, ווען זיי פלעגען אבער ארויס אויפ'ן ים, פלעגען זיי ארויפציען די פאן פון דער סאוט און אוועקשווימען נאך דער סאוט. איינע פון די שיפען האט זיך אין לויף פון צען מאנאט דורכגע'גנב'עט דורך דער בלאקאדע 21 מאל און ארויסגעפירט זעקס טויזענט פעק קאטאן. די שיף האט באלאנגט צו דער רעגירונג און געהאנדעלט בשותפות מיט ענגלישע סוחרים. די שיף פלעגט ברענגען די קאטאן אין אן ענגלישען האפען אויף איינעם פון די אינזלען, וואס ליגען צווישען נארט און זיד־אמעריקא. דארט פלעגט די קאטאן אריבערגעפאקט ווערען אויף אן ענגלישער שיף, איבערגענומען ווערען פון אן ענגלישען סוחר און אפגעפירט ווערען אלס כשר'ע סחורה קיין ענגלאנד.

די שמוגלעריי דורך דער בלאקאדע האט זיך אנטוויקעלט אזוי ווייט, אז עס האבען אויסגעפעלט דאמף־שיפען און מען האט זיך געמוזט באנוצען מיט זעגעל־שיפען. ראיעלע פארזיכערונג־געזעלשאפטען האבען די שיפען פארזיכערט (נאטירליך, האבען

זיי גערעכענט פאר דעם הויכע פרייזען). די אייגענטימער פון די שיפען האָבען אפילו אנאָנסירט אין די צייטונגען, אז זיי פירען סחורה צו דער סאָוט. דער געשעפט איז אין ענגלאנד אָנגעפירט געווארען אָפען און אויף א ריזיגען מאָסשטאב. אריינגעשמוגעלט אין דער סאָוט האָט מען אַלערליי פאבריצירטע סחורות, אָבער הויפּטזעכליך אמוניציע. די פּראָפיטען אויף די סחורות זיינען געווען פון פינף הונדערט ביז טויזענט פּראָצענט. ארויסגעשמוגעלט האָבען די שיפען קאטאן, אויף וועלכע זיי האָבען אויך געמאכט א ריזיגען פּראָפיט. זייער אָפט האָט א שיף פון איין רייזע אהין און צוריק געמאכט א פערטעל מיליאָן דאָלאר פּראָפיט. די ערשטע צייט פלעגען זייער ווייניג שיפען פארהאַלטען ווערען. און אפילו די וואָס זיינען אריינגעפאלען צום שונא, האָבען שוין פריער געהאט געמאכט גרויסע פּראָפיטען. אין די לעצטע יאָרען פון קריג איז אָבער די בלאָקאדע געווארען אזוי שטארק, אז עס האָט זיך ניט געלוינט מער צו ריזיקירען.

ניט בלויז די אייגענטימער פון די שיפען און די סוחרים האָבען געמאכט א סך געלט פון דעם שמוגעל. די ארבייטער אויף די שיפען האָבען זיך אויך געלאָזט גוט באצאָלען. דער קאפּיטאן פלעגט פאר איין רייזע באקומען פינף טויזענט דאָלאר; די איבעריגע שיף־באאַמטע האָבען אויך באקומען גרויסע סומען. א העלפט פון זייער געהאלט פלעגט מען זיי געבען, ווען די שיף איז ארויסגעפאָרען, און די צווייטע העלפט, ווען זי איז געקומען צוריק. „דער קאפּיטאן פון אזא שיף", שרייבט סאלי, „האָט אין זעקס מאָנאט צייט פארדינט גענוג צו קענען לעבען אויף דעם געלט און מער ניט דארפען זיין גאנץ לעבען ארבייטען."

צוליב דער שמוגלעריי זיינען פארגעקומען סכסוכים צווישען דעם אמעריקאנער אמבאסאדאָר אין לאָנדאָן, מר. עדעמס, און דעם ענגלישען מיניסטער פון אויסערליכע אנגעלעגענהייטען, מר. ראָסעל. מר. עדעמס האָט גע'טענה'ט אז די סאָוט קריגט איר גאנצע שטיצע פון ענגלאנד, אז ענגלאנד שטעלט איר צו אמוניציע און אנדערע נויטיגע זאכען. אויף דעם האָט ראָסעל געענטפערט, אז ער האָט קיין באווייזען ניט, אז די אמוניציע און

אַנדערע קאָנטראבאנד־סחורות גייען ווירקליך נאָך דער סאוט; ווי ווייט אים איז באקאנט, ווערט דער גרעסטער טייל פון דער ארויסגעפירטער אמוניציע אָפּגעשיקט נאָך דער נאָרט. ראָסעל האָט ווייטער ערקלערט, אז די ענגלישע רעגירונג איז ניט מחויב צו העלפען די נאָרט אין איר בלאָקאדע. די נאָרט האָט א רעכט צו פאנגען ענגלישע שיפען, וואס פירען קאָנטראבאנדע נאָך דער סאוט. אויב איר געלינגט עס ניט, אויב זי האָט ניט גענוג כוחות אויף דעם, ווער איז איר שולדיג?

עדעמס האָט דאן גענומען צושטעלען ראָסעל'ען ליסטען פון שיפען וואס זיינען ארויסגעפארען פון ענגלישע האפענס מיט קאָנטראבאנדע פאר דער סאוט; א ליסטע פון 11 שיפען וואס זיינען ארויסגעפארען פון ליווערפול, נאָך א ליסטע פון 10 זעגעל־שיפען. ער האָט אָנגעוויזען, אז אין ליווערפול איז געזאמעלט געווארען די סומע פון 200 טויזענט דאָלאר צו קויפען אמוניציע פאר דער סאוט. אויף דעם האָט ראָסעל געענטפערט, אז ער קען דערצו גארניט טאָן: „די מענשען וואָס שיקען ארויס אמוניציע נאָך דער סאוט איבערטרעטען ניט דעם אינטערנאציאָנאלען געזעץ". די דיפּלאָמאטישע סכסוכים האָבען קיין רעזולטאטען ניט געבראכט.

די קאָנטראבאנדע־שיפען האָבען באנוצט אלערליי קונצען אויסצומיידען די געפאר צו ווערען געפאנגען. זיי פלעגען ניט פירזן די סחורה דירעקט נאָך דער סאוט. זיי פלעגען עס ברענגען אין א נייטראלען פּאָרט, ניט ווייט פון דעם ברעג פון דער סאוט. די דריי וויכטיגסטע פּאָרטען אזוינע זיינען געווען: האוואנא, קיובא, נעסאו אין די באהאמא אינזלען, און מאטאמאראס אין מעקסיקא (לעבען טעקסעס). דאָרט פלעגט די סחורה איבערגעטראָגען ווערען אויף ספּעציעל געבויטע שיפלאך, לייכטע, שנעלע, וועלכע האָבען זיך געקענט דורכ'גנב'ענען דורך דער בלאָקאדע. די שיפלאך פלעגען ווארטען אויף א פינסטערער אדער שטורעמדיגער נאכט און דורכלויפען די בלאָקאדע.

די פלאָטע פון דער סאוט איז ניט געווען גרויס און שטארק גענוג זיך צו פארמעסטען געגען דער פלאָטע פון דער נאָרט.

קיין ים־שלאכטען צווישען קריגס־שיפען זיינען כמעט גארניט פארגעקומען. די סאוט האט אבער געהאט גענוג כח צו פאר־פאלגען די אומבאוואפענטע האנדעלס־שיפען פון דער נארט. גלייך ווי די מלחמה האט אויסגעבראכען האט די סאוט פאר־שטאנען, אז דאס איז איינע פון די שוואכע פונקטען פון דער נארט און זי האט אין דעם פונקט גענומען צילען. זי האט ארויסגעשיקט קריגס־שיפען אויף די ברייטע ים׳ען, וועלכע האבען געלויערט אויף די האנדעלס־שיפען פון דער נארט, זיי געפאנגען און זיי פארזונקען. דאס האט דער נארט געבראכט שווערע פאר־לוסטען: אין פיר יאר איז פאקטיש פארניכטעט געווארען די גאנצע האנדעלס־פלאטע פון דער נארט. איידער די מלחמה האט אויסגעבראכען, האבען די פאראייניגטע שטאטען געהאט א ריזיגע האנדעלס־פלאטע, די צווייטע נאך דער ענגלישער. צוויי דריטעל פון דער סחורה וואס איז אנגעקומען אין דעם ניו יארקער האפען אדער פון דארט ארויסגעפירט געווארען, איז געווען געפאקט אויף אמעריקאנער שיפען. ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז פון דער האנדעלס־פלאטע כמעט גארניט געבליבען. אין לויף פון די פיר יאר האבען די קריגס־שיפען פון דער סאוט געפאנגען און פארזונקען 288 האנדעלס־שיפען פון דער נארט. די שרעק פאר די פארפאלגונגען אויפ׳ן ים האט געבראכט דערצו, אז א סך שיף קאמפאניעס פון דער נארט האבען פארקויפט זייערע שיפען צו ענגלישע קאמפאניעס. אין לויף פון די פיר יאר זיינען פאר־קויפט געווארען ניט ווייניגער ווי 715 אמעריקאנער שיפען צו ענגלאנד. ארום און ארום האט די נארט, אלזא, פארלארען אן ערך צוויי טויזענט האנדעלס־שיפען. קיין סך מער האט זי ניט געהאט.

כדי אנצופירען דעם מערקווירדיגען קאמף אויף דעם ים־האנדעל פון דער נארט האט די סאוט געהאט א פארהעלטניס־מעסיג קליינע קריגס־פלאטע, אין גאנצען 19 קריגס־שיפען. עס קען זיין, אז די קליינע פלאטע וואלט אזוי פיל ניט געקענט אויפטאן, ווען זי וואלט ניט געקראגען די שטיצע פון נייטראלע לענדער, איבערהויפט פון ענגלאנד. לויט דעם אינטערנאציא־

נאַלען געזעץ טאָר א קריגס־שיף פון א קריגס־פירענדער לאַנד ניט אריינפאָרען אין א נייטראַלען האַפען, סיידען זי קריגט דערויף א ספעציעלע ערלויבעניש. און קריגט זי שוין אפילו די ספעציעלע ערלויבעניש טאָר זי אויך ניט פארבלייבען אין האַפען מער ווי 24 שטונדען. זי טאָר אויך ניט ארויפנעמען מער קוילען ווי דאָס איז נויטיג פאר איר אויף אָפצופאָרען צוריק א היים. די באַאַמטע פון די ענגלישע האַפענס אין פארשיידענע טיילען פון דער דער וועלט האָבען דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ ניט אָפּגעהיט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אין א קריגס־שיף פון דער סאַוט. זיי האָבען ערלויבט די קריגס־שיפען אריינצופאָרען אין די האַפענס, ווען זיי האָבען נאָר געוואָלט, דאָרט נעמען אַזוי פיל קוילען, וויפיל זיי האָבען נאָר געוואָלט. זיי האָבען אפילו אין מאַנכע פעלען ערלויבט די שיפען דאָרט צו דינגען מאַטראָזען. גאַנץ אַנדערש האָבען זיך דיזעלבע באַאַמטע באַצויגען צו די קריגסשיפען פון דער נאָרט. מיט זיי זיינען די באַאַמטע געוועזען זייער שטרענג, פּינקטליך אויסגעהיט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ.

דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די סאַוט האָט באַשטעלט קריגס־שיפען אין ענגלאַנד און אין אַנדערע נייטראַלע לענדער. דאָס איז אויך געווען גענען דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ.

מר. עדעמס, דער אמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, האָט גענען די אַלע פארלעצונגען פון געזעץ פּראָטעסטירט. אָבער די פּראָטעסטען האָבען ניט געהאָלפען. די סכסוכים צווישען די פאראייניגטע שטאַטען און ענגלאַנד איבער די פּאַסירונגען זיינען אָנגעגאַנגען יאָרען לאַנג נאָכדעם ווי די מלחמה איז שוין געווען פאַר־איבער, און זיי זיינען ענדליך פארגעבראַכט געוואָרען פאר דעם אינטערנאַציאָנאַלען געריכט אין זשענעוואַ. דער געריכט האָט אין 1872 צוגעפּסק'ענט, אַז ענגלאַנד מוז באַצאָלען די פאראייניגטע שטאַטען פופצען און א האַלב מיליאָן דאָלאַר פאר די האַנדעלס־שיפען וואָס זיינען פארניכטעט געוואָרען דורך די קריגסשיפען, וועלכע זיינען געוועזען געבויט אין ענגלאַנד. די סומע האָט געדעקט בלויז א קליינעם טייל פון דעם שאָדען, וואָס

די פאראייניגטע שטאטען האָבען געליטען אויפ'ן ים דורך דער דירעקטער און אומדירעקטער הילף, וואָס די סאוט האָט גע־קראָגען פון ענגלאנד.

אָט איז בקיצור די קאריערע פון איי‍ניגע קריגס־שיפען פון דער סאוט, וואס האָבען זיך בארימט געמאכט מיט זייערע גע־יעגען אויף די האנדעלס־שיפען פון דער נאָרט.

די ערשטע קריגסשיף איז געווען די „סאמטער", געפירט פון דעם קאמאנדיר ראלעס סעמס. זי האָט איר ארבייט אָנגע־פאנגען זומער, 1861. זי האָט טעראָריזירט די האנדעלס־שיפען זעקס מאָנאט צייט. די מערסטע שיפען, וואס זי האָט געפאנגען, האָט קאפיטאן סעמס אונטערגעצונדען. מאנכע האָט ער אפגע־שיקט ערגעץ אין א האפען, וואו זיינע מענשען האָבען זי אויסגע־ליידיגט און דערנאָך געזונקען. אויף דער ליסטע פון די קרבנות פון דער „סאמטער" זיינען דאָ די נעמען פון 18 שיפען. איינמאָל איז די „סאמטער" אריינגעפארען אין א האפען אויף דעם ענג־לישען אינזעל טרינידעד. די ענגלישע בעאמטע דארטען האָבען זי אויפגענומען מיט גרויס פאראד און איר ערלויבט אין האפען צו פארבלייבען ניט איין מעת־לעת ווי דאָס געזעץ פאָדערט, נאָר גאנצע זעקס טעג. דערנאָך האָבען די באאמטע זי אנגעלאָדען מיט קוילען און פראָוויאנט און זי אָפגעלאָזען. אמבאסאדאָר עדעמס האָט פראָטעסטירט צו לאָרד ראָסעל. ראָסעל האָט איי־ניגע באשולדיגונגען אפגעלייקענט און אויף איי‍ניגע זיך פאר־ענטפערט. אין יאנואר, 1862, איז די „סאמטער" אריינגעפאָרען אין דעם ענגלישען האפען ביי גיבראלטאר. דריי קריגס־שיפען פון דער נאָרט האָבען זי נאָכגעיאָגט און געווארט ביז זי וועט ארויספאָרען פון דעם האפען, כדי זיי זאָלען אויף איר אָנפאלען. וויסענדיג, אז די שיף וועט זיך פון די דריי קריגס־שיפען ניט אויסדרייען, האָט דער קאפיטאן זיך געווענדעט צו די ענגלישע באאמטע פון האפען, זיי זאָלען אים ערלויבען צו פארקויפען די שיף צו אן ענגלישער קאָמפאניע. די ערלויבעניש איז געגעבען געווארען און מען האָט די שיף פארקויפט צו אן ענגלישער פיר־מע, וועלכע איז אין ענגלאנד געווען די פארטרעטערין פון דער

קאָנפעדערייסי. עדעמס האָט ווידער פּראָטעסטירט, אז דאָס פארקויפען איז געווען ניט מער ווי אן אנשטעל. דער פּראָטעסט האָט אויך ניט געהאָלפען. די שיף איז פון האפען ארויסגעפארען אונטער דעם ענגלישען פלאג. די אמעריקאנער קריגס־שיפען האָבען זי ניט געטאָרט אָנרירען. מיט א צייט שפּעטער האָט די זעלבע שיף געבראכט א טראנספּאָרט אמוניציע פון ענגלאנד נאָך דער סאוט. זי האָט זיך פון ראן אָן אָפּגעגעבען מיט דורכשמוגלען דורך דער בלאָקאדע קאָנטראבאנדע פאר דער סאוט.

די צוויי וויכטיגסטע קריגס־שיפען, וואס זיינען געבויט געווארען פאר דער סאוט אין ענגלאנד און וואָס זיינען באנוצט געווארען צו פארפאָלגען האנדעלס־שיפען, זיינען געווען די „אלאבאמא" און די „פלאָרידא". בעת מען האָט זיי געבויט, האָט עדעמס געהאלטען אין איין פּראָטעסטירען צו לאָרד ראָסעל. דער ענגלישער מיניסטער האָט כלומר׳שט געהייסען מאכען אונטערזוכונגען און געבעטען ברענגען באווייזען. אָבער איידער ער האָט באוויזען עפּעס צו טאָן, זיינען שוין די שיפען געווען ווייט ערגעץ אויפ׳ן ים. דער פאל מיט דער „אלאבאמא" איז געווען אזא אָפענע פארלעצונג פון געזעץ, אז עס איז גאָר אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען, אז ראָסעל זאָל ניט האָבען געווען אין א שטילער פארשווערונג מיט די אגענטען פון דער סאוט.

מען האָט די שיף אָנגעהויבען צו בויען אין אן ענגלישען האפען אין מאָנאט מאי, 1862. אין יולי איז זי שוין געווען כמעט פארטיג. ווען מען האָט זי געהאלטען אין מיטען בויען, האָט עדעמס געלאָזט וויסען ראָסעל׳ען, אז די שיף ווערט געבויט פאר דער סאוט. ראָסעל האָט געמאכט אן אויספאָרשונג און געבעטען ביי עדעמס׳ן זיינע באווייזען. עדעמס האָט די באווייזען צוגעשטעלט. ראָסעל האָט זיי איבערגעגעבען זיין פּראָקוראָר, און דער פּראָקוראָר האָט ערקלערט, אז די באווייזען זיינען א גוטער גרונד צו פארהאלטען די שיף. ראָסעל האָט די מיינונג פאָרגעלייגט פאר די העכערע בעאמטע. איידער די העכערע בעאמטע האָבען ארויסגעגעבען זייער ענטשיידונג איז די שיף דערווייל ארויסגעפאָרען פון האפען כלומר׳שט אויף צו

מאכען א פראָבע־רייזע. זי האָט מיטגענומען איינגעלאַדענע געסט אלס פאסאזשירען. ווען זי איז פון האפען ארויס, האָט זי די געסט אפגעשיקטע צוריק אויף א קליין שיפעל און איז אַליין אוועקגעשוואומען ווייטער.

דער קאָמאנדיר פון דער „אַלאַבאַמאַ" איז געוועזען דער זעל־בער סעמס, וואס האָט פריער געפירט די „סאָמטער". גענויע צוויי יאָר צייט האָט ער פארפאָלגט די האנדעלס־שיפען פון דער נאָרט אויף די פארשיידענע ים'ען איבער דער וועלט. ער האָט פארברענט פישער־שיפלאך ביי די ברעגען פון נאָרט־אמעריקא. ער האָט פארזונקען האנדעלס־שיפען לעבען זיד־אמעריקא, לעבען אפריקא, לעבען אזיע. אן אמעריקאנער שיף איז אין ערגעץ ניט געוועזען זיכער, אז די „אַלאַבאַמאַ" וועט זי ניט באפאַלען פלוצלונג און ניט פארזינקען. דער צעטעל פון אירע קרבנות טראָגט די נעמען פון 68 שיפען. „וואו נאָר די „אַלאַבאַמאַ" האָט זיך באוויזען, — שרייבט האסמער, — איז דער ים באַ־לויכטען געווארען מיט די פלאַמען, וואס זי האָט אָנגעצונדען. די סחורה האָט סעמס פארניכטעט צוזאמען מיט די שיפען. די מאַטראָזען פון די געפאנגענע שיפען פלעגט ער אראָפּלאָזען ערגעץ אויף א ברעג. די „אַלאַבאַמאַ" האָט געהאלטען אין איין ארומפאָרען. פראָוויאנט פלעגט זי באקומען אויף די שיפען, וואָס זי האָט געפאנגען אדער אין נייטראַלע האפענס. אָפט פלעגט סעמס באוואפענען א געפאנגענע שיף, ארויפזעצען אויף איר זיינע מאַטראָזען און זי ארויסשיקען, אז זי זאָל טאָן די זעלבע ארבייט וואס די „אַלאַבאַמאַ" האָט געטאָן."

דער סוף פון דער „אַלאַבאַמאַ" איז געוועזען א ראָמאַנטי־שער. אין יוני, 1863, איז זי ארייננגעפאָרען אין דעם פראַנצוי־זישען האפען שערבורג. דער אמעריקאנער פאָרשטייער דאָרט האָט געלאָזט וויסען אן אמעריקאנער קריגס־שיף „קיערזאַג", וועל־כע האָט זיך גראָד דאן געפונען אין יענע וואסערען. באלד איז די „קיערזאַג" געקומען צושווימען. סעמס האָט באשלאָסען ארויסצוטרעטען אין אן אָפענעם קאמף געגען דער אמעריקאנער קריגס־שיף. די שלאַכט איז פאָרגעקומען דעם 19טען יוני. אין

א שעה צייט איז די „אַלאַבאַמאַ" געווען א צעשמעטערטע. סעמס האָט געשיקט בעטען דעם קאַפּיטאַן פון דער „קיערזאַג" ער זאָל ראַטעווען אים און זיינע מאַטראָזען. גראַד האָט זיך דאָרט געפונען אַן ענגלישע יאַכט־שיף. האָט דער אמעריקאַנער קאַפּיטאַן געבעטען די יאַכט־שיף זי זאָל אים העלפען אין דער רעטונגס־אַרבייט. די יאַכט־שיף האָט אַרויסגענומען פון וואַסער סעמס'ן און 40 מאַטראָזען. די איבעריגע האָט די „קיערזאַג" געראַטעוועט. די ענגלישע יאַכט־שיף האָט סעמס'ן און די 40 מאַטראָזען אָפּגעפירט קיין ענגלאַנד און זיי דאָרט געלאָזען פריי.

די פּאַסירונג האָט אַרויסגערופען א נייעם סכסוך צווישען אמעריקא און ענגלאַנד. אמעריקא האָט געפאָדערט, אז ענגלאַנד זאָל אַרויסשיקען סעמס'ן און די מאַטראָזען אלס קריגס־געפאַנגענע, ווייל די ענגלישע שיף האָט קיין רעכט ניט געהאַט זיי אָפּצופירען קיין ענגלאַנד. די פאָדערונג איז ניט באַוויליגט געווארען.

אין מיטען יאָר 1864, ווען דער סכסוך איבער דער „אַלאַבאַמאַ" איז נאָך אָנגעגאַנגען, איז נאָך אַ שיף אַרויסגעפאָרען פון אַן ענגלישען האַפען און אַרויפגעצויגען דעם פלאַג פון דער קאָנפעדערייסי. די שיף האָט זיך גערופען „שענענדאָהאַ". נאָך דער „אַלאַבאַמאַ" איז די „שענענדאָהאַ" פאַררעכענט געווען פאַר דעם שרעקליכסטען צושטערער פון דער האַנדעלס־פלאָטע פון דער נאָרט. די „שענענדאָהאַ" האָט זיך געשטעלט פאַר איר אויפגאַבע צו פאַרטרייבען פון ים די אַמעריקאַנער פישערלייט, וועלכע האָבען זיך ספּעציאַליזירט אין פאַנגען וואַלפיש. אין דער דאָזיגער אונטערנעמונג איז זי געווען זייער ערפאָלגרייך. זי האָט די אמעריקאַנער וואַל־פישעריי כמעט אינגאַנצען פאַרניכטעט. אירע קרבנות זיינען געווען מערסטענטייל אָרימע פישערלייט, וואס האָבען געמאַכט א שווער לעבען פון זייער אַרבייט. די שיפלאַך זיינען געווען זייערע אייגענע, און ווען מען

האָט די שיפלאַך פאַרזונקען, זיינען די אַרימע פישער געבליבען אָן פּרנסה.

די „שענענדאָהא" האָט אָנגעפירט איר פאַרניכטונגס־אַרבייט אויך אין ווייטערע ים'ען, און זי וואָלט אויך ניט געווען אַזוי ערפאָלגרייך, ווען ניט די פריינדשאַפט, וואָס די ענגלענדער אין די ווייטע קאָלאָניעס האָבען איר אַרויסגעוויזען. אין אָנפאַנג 1865, צום ביישפּיל, איז זי אַריינגעשוואומען אין אַ האַפען אין אויסטראַליע. די בעאַמטע דאָרט האָבען זי אויפגענומען מיט פּאַראַד, איר ערלויבט צו פאַרבלייבען אַ גאַנצען מאָנאַט. אין לויף פון דער צייט האָט זי פאַרריכט אירע מאַשינען, אָנגעלאָדען קוילען און פּראָוויאַנט און אפילו געדונגען 43 נייע מאַטראָזען. לויט דעם אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ, האָבען די ענגלישע בע־אַמטע אין אויסטראַליע ניט געטאָרט לאָזען דער „שענענדאָהא" טאָן אָט־די אַלע זאַכען. די „שענאַנדראָהא" האָט ווייטער אָנגע־פירט איר פאַרניכטונגס־אַרבייט ביז צוויי מאָנאַטען נאָכדעם ווי די מלחמה איז שוין געווען פאַראיבער.

איינע פון די שיפען, וואָס די סאַוט האָט אַרויסגעשיקט, האָט זיך אין 1864 באַוויזען ביים ניו־ענגלאַנדער ברעג. זי האָט דאָרט פאַרברענט און פאַרזונקען פישער־שיפלאַך, האַנ־דעלס־שיפען און אפילו פּאַסאַזשיר־שיפען. דער גאַנצער ניו־ענגלאַנד ברעג איז געווען אין שרעק. די פישער־אינדוסטריע איז דאָרט פּאַראַליזירט געוואָרען. די סוחרים פון באָסטאָן האָ־בען אָפּגעהאַלטען אַ פאַרזאַמלונג און אָנגעבאָטען צען טויזענד דאָלער אַ באַלוינונג פאַר דעם, וואָס וועט די שיף פאַנגען.

די נאָרט האָט אין לויף פון דער מלחמה אויפגעבויט אַ גרויסע קריגס־פלאָטע. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז די גאַנצע פלאָטע פון דער נאָרט באַשטאַנען פון עטליכע צענדליג קליינע שיפלאַך. ביים סוף מלחמה איז די פלאָטע באַ־שטאַנען פון 671 שיפען. די הויפט־אַרבייט פון דער פלאָטע איז באַשטאַנען אין אָנפירען די בלאָקאַדע און העלפען דער אַר־

מיי צו פארנעמען האפען־שטעט און אָפצוריייניגען פון דעם שונא די וויכטיגסטע טייכען. זי האָט אויך פארפאָלגט די שיפען, וואָס האָבען געפירט פראָוויאַנט און אמוניציע פאר דער סאוט. אין פארלויף פון דער מלחמה האָט די נאָרט געפאנגען ניט ווייניגער ווי 1379 אזוינע שיפען. די גרעסטע צאָל פון די געפאנגענע שיפען זיינען געוועזן קליינע זעגעל־און רודער־שיפלאך. 267 אָבער זיינען געוועזן גרויסע דאמף־שיפען.

קאַפּיטעל 23.

גענעראל שערמאַן פארניכטעט דזשאָרדזשיא.

דעם לעצטען טאָג אין פעברואר, 1864, האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען אַ באַשלוס, אז דער פּרעזידענט זאָל האָבען דאָס רעכט צו באַערען מיט'ן טיטעל „לויטענאַנט־גענעראל" יענעם „מיאר־גענעראל", וואס האָט זיך צום בעסטען אויסגעצייכענט אין דער מלחמה. אלע האָבען פארשטאַנען די באדייטונג פון דעם באַשלוס. דעם הויכען טיטעל „לויטענאַנט־גענעראל" האָבען געטראָגען בלויז צוויי קאָמאַנדירען פון דער אמעריקאנער אַרמיי: דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און ווינפילד סקאָט. איצטער האָט דער קאָנגרעס געוואָלט, אז דער טיטעל זאָל געגעבען ווערען גענעראל גרענט, דעם העלד פון וויקסבורג און פון טשאַטאַנוגא. דעם 9טען מערץ האָט לינקאָלן אין דער אנוועזענהייט פון גאַנצען קאבינעט באַערט גרענט'ן מיט דעם הויכען מיליטערישען ראַנג. גרענט איז איצט געוואָרען דער הויפּט־גענעראל פון דער גאַנצער אַרמיי אין דער נאָרט.

גרענט האָט איבערגענומען פאַר זיך די קאָמאַנדע פון דער אַרמיי אין ווירדזשיניא, — די אַרמיי, וועלכע האָט אָפּעריִרט צווישען וואַשינגטאָן און ריטשמאָנד. די קאָמאַנדע איבער דער אַרמיי אין דער וועסט, וועלכע ער האָט פריער אליין געפירט, האָט ער איצט איבערגעגעבען צו זיין לויטענאַנט, גענעראל שערמאַן. צוזאַמען האָבען די צוויי גענעראלען אויסגעארבייט אַ נייעם פּלאַן ווי צו פירען די מלחמה. און דעם נייעם פּלאַן האָבען די קאָמאַנדירען דורכגעפירט ביז'ן סאַמע סוף. צוזאַמען האָבען זיי אין לויף פון אַ יאָר צייט געבראַכט דער נאָרט אַ פולשטענדיגען זיג.



גענעראל יוליסיס ס. גרענט.

דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם: ביידע אַרמייען, גרענט׳ס אין ווירדזשיניא און שערמאַנ׳ס אין דזשאָרדזשיא, זאָלען אין דער זעלבער צייט אָנפאַנגען צו אַטאַקירען די צוויי וויכטיגסטע אַרמייען פון דעם שונא, לי׳ס אַרמיי אַרום ריטשמאָנד און דזשאָנסטאָנ׳ס אַרמיי אין דזשאָרדזשיא; אז די אַטאַקעס זאָלען אויף קיין מאָמענט און אונטער קיין אומשטענדען ניט אָפּגעשטעלט ווערען. „מיר מוזען האַמערען נאָכאַנאַנד דעם שונא״, — האָט גרענט געזאָגט, — „ביז וואַנען ער וועט זיך אונטערגעבען״. גרענט האָט אָנגעוויזען אויף דעם, אז דעם שונא׳ס אַרמיי איז אַ סך אַ קלענערע ווי זיינע. אין די פריערדיגע יאָרען האָט דער שונא זיך געוואָרפען פון איין פראָנט צום צווייטען, ווייל ווען מען פלעגט זיך שלאָגען אויף איין פראָנט, איז אויף די אַנדערע געווען רואיג. נאָך יעדען וויכטיגען צוג אין די פריערדיגע יאָרען האָט זיך די מלחמה אויף אַ שטיק צייט אָפּגעשטעלט. דאָס האָט געגעבען דעם שונא די מעגליכקייט זיך אָפּצורוען, צו שיקען אפילו די סאָלדאַטען אהיים צו בעאַרבייטען די פעלדער. פון איצט אָן, האָט גרענט באַשלאָסען, זאָל דער שונא די אַלע מעגליכקייטען מער ניט האָבען. די אַטאַקעס מוזען אָנגיין אויף אַלע הויפּט־פראָנטען אָן אן אָפּשטעל. דאָס וועט מוזען דעם שונא ענדליך ברעכען.

„פון איצטער אָן״, — שרייבט דרעיפּער, — „דרייט זיך דער הויפּט־אינטערעס פון דער מלחמה אַרום די צוויי גענעראַלען, גרענט און שערמאַן״.

דעם פינפטען מאַי האָט שערמאַן גענומען מאַרשירען פון טשאַטאַנוגאַ נאָך אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא. זיין אַרמיי האָט געציילט אַן ערך הונדערט טויזענד מאַן. געגען אים איז געשטאַנען גענעראַל דזשאָנסטאָן מיט אַן אַרמיי פון זיבעציג טויזענד מאַן. דער וועג איז געווען אַ שרעקליך שווערער, בערגקייטען, וועלדער, טייכען. דזשאָנסטאָן האָט צוגעגרייט באַפעסטיגטע פּאָזיציעס אויף הויכע פעלזען, הינטער וועלדלאַך, הינטער טייכען. שערמאַן האָט אים אָבער צוריקגעשטויסען, אים געצוואונגען זיך צוריקצוציען אַל׳ץ ווייטער און ווייטער. אַל׳ץ נענ־

טער צו אטלאנטא.ביידע גענעראלען האבען ארויסגעוויזען אויסערגעוויינליכע מיליטערישע פייאיגקייטען: שערמאן מיט זיינע אטאקעס און דזשאנסטאן מיט זיינע צוריק־צוגען. ביי איינינע פונקטען זיינען פארגעקומען בלוטיגע שלאכטען. ביידע ארמייען האבען געקעמפט מיט דעם גרעסטען אימפעט און פאר־צווייפלונג. אבער נאך יעדער שלאכט איז דזשאנסטאן גע־צוואונגען געוועזען אפצוטרעטען. אין מיטען יולי, ווען שערמאן איז שוין געווען ניט ווייט פון אנטלאנטא, איז דזשאנסטאן אראפגעזעצט געווארען פון זיין אמט און זיין פלאץ האט פאר־נומען גענעראל הוד. דער קאמף ארום אטלאנטא האט אנגעהאל־טען נאך אנדערהאלבען מאנאטען. דעם צווייטען סעפטעמבער איז אטלאנטא געפאלען.

אנהויב יוני האט גענעראל שערמאן אין זיין באריכט גע־מאכט אזא סך־הכל דערפון, וואס ער האט אויפגעטאן אין דעם ערשטען מאנאט: „אין לויף פון דעם מאנאט האבען מיר גע־צוואונגען דעם שונא זיך צוריקצויען אויף וואסערע הונדערט מייל, אים געצוואונגען צו פארלאזען פיר אויסערגעוויינליך שטאר־קע פאזיציעס. מיר האבען מיט אים געהאט זעקס צוזאמענשטוי־סען און געפאנגען 2,000 מאן, 12 הארמאטען, 3 פלאגען און א סך פראוויאנט. מיר האבען 15 הונדערט מאן פון שונא גע־מאכט אומנוציג פאר ווייטערע שלאכטען. מיר האבען פאר־ניכטעט עטליכע וויכטיגע אייזען־פאבריקען“.

אין א צווייטען באריכט א פאר וואכען שפעטער שרייבט שערמאן: „מיר טרעפען דעם שונא טאג און נאכט. מיר שטופען אים פון איין בוים צום צווייטען, פון איין בארג צום צווייטען, פון איין פאזיציע צו דער צווייטער. דער קאמף פלא־קערט פון פרימארגען ביז אין דער נאכט אריין אויף א שטרעקע פון צען אדער צוועלף מייל“.

וועגען איינער פון די שלאכטען אין מיטען וועג שרייבט פראפעסאר דרעיפער אזוי: „ווען דער קאמף איז אנגעגאנגען, האט גערעגענט כמעט דריי וואכען נאכאנאנד. די שמאלע שטעגעלאך אין די וועלדער זיינען פארוואנדעלט געווארען אין

גענעראל דזשאן שערמאן.



גענרעאל פיליפ שערידאן.

דזאָרדזש מעקלעלאן.

דזשאָרדזש גאַרביין ביעד.

טיפע בלאָטע. אן אלגעמיינע באוועגונג פון דער ארמיי איז אומ־מעגליך געווען. שערמאנ׳ס סאָלדאטען האָבען זיך אָבער גע־רוקט אלץ נענטער און נענטער צום שונא׳ס פּאָזיציע און גע־שאָסען אויף זיי אָן אָן אָפּשטעל״.

אין לויף פון די פיר מאָנאט האָט שערמאן פארלוירען ארום 30 טויזענד מאן און דער שונא ארום 40 טויזענד.

דער פארלוסט פון אטלאנטא איז געווען דער שווערסטער קלאפּ, וואס די סאוט האָט געקראגען. אין אטלאנטא האָבען זיך געפונען די וויכטיגסטע פאבריקען פון דער סאוט, וואס האָבען פּראָדוצירט פאר דער ארמיי קליידער און אמוניציע. אטלאנטא איז אויך געווען איינער פון די סאמע וויכטיגסטע באן־צענטערען. מיט דעם פאלען פון אטלאנטא איז איבער־געשניטען געווארען איינער פון די וויכטיגסטע נערוועו אין דעם קערפּער פון דער קאָנפעדערייסי. עס ווערט דערציילט, אז ווען גענעראל טאָמעס (פון דער נאָרט) האָט דערהערט די נייעס וועגען אטלאנטא, האָט ער גענומען טאנצען פאר פרייד.

שערמאן האָט באשלאָסען ניט צו פארבלייבען אין אטלאנטא, נאָר צו מארשירען ווייטער, ביז דעם אטלאנטישען ברעג, דורכ־גיין גאנץ דזשאָרדזשיא און זי איינגעמען. ער האָט דערפאר געהייסען פארניכטען אין דער שטאָט אלץ, וואס האָט געקענט ברענגען נוצען פאר די ארמייען פון דער סאוט. די ערשטע זאך האָט ער ארויסגעגעבען א באפעל, אז די פרויען און קינדער און אלטע לייט זאָלען זיך ארויסציען פון דער שטאָט. ער האָט זיי געהייסען גיין צו זייער ארמיי, צו גענעראל הוד. דאן האָט ער אלע פאבריקען און מאגאזינען און באן־סטאנציעס געהייסען אונטערצינדען. בלויז די קירכעס און די וואוינונגען האָט ער איבערגעלאָזען.

די שטאָט בעאמטע האָבען זיך געווענדט צו שערמאנ׳ען מיט א פּעטיציע, ער זאָל די שטאָט ניט טשעפּען, ער זאָל די איינוואוינער ניט ארויסשיקען. דערויף האָט שערמאן געענט־פערט מיט א שארפען בריף, אין וועלכען עס געפינען זיך די שטעלען: „מלחמה איז גרויזאמקייט און מען קען זי ניט אויס־

איירעלען. די, וואס האָבען געבראַכט די מלחמה אין לאַנד, פאַרדינען אַלע קללות, וואס ווערען אויף זיי אויסגעגאָסען".

די נייעס וועגען אטלאַנטאַ האָט אָנגעוואָרפען א שרעק אויף דער סאוט. די פירער האָבען געטאָן אַלץ אין זייער מאכט צו טרייסטען דעם עולם, צו מאַכען די געשעהעניש צו קליינגעלט. פּרעזידענט דייוויס איז אַרויסגעפאָרען צום פראָנט און געהאַל־טען אויפ'ן וועג רעדעס אין א רייע שטעטלאַך אין דזשאָרדזשיא. ער האָט פאַרזיכערט דעם עולם, אַז שערמאַן וועט פון אטלאַנ־טאַ אַרויסגעטריבען ווערען, אַז ער וועט האָבען אין דזשאָר־דזשיא דעמזעלבען סוף וואס נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אין רוס־לאַנד. צו דער זעלבער צייט האָט ער געוועקט די מאסען, זיי זאָלען זיך אַריינוואַרפען אין קאַמף, זיי זאָלען זיך אָנשליסען אָן דער אַרמיי. מיט אַנגעשטרענגטע כוחות, האָט ער פאַר־זיכערט, קען מען אין א גאָר קורצער צייט ניט נאָר אַרויסטרייבען די יענקים פון דער סאוט, נאָר אויך אַריינדרינגען אין דער נאָרט און צווינגען לינקאָלנ'ען זיך אונטערצוגעבען.

גענעראַל הוד האָט איצטער גענומען אָפּערירען הינטער אטלאַנטאַ. זיין פּלאַן איז געווען צו מאַרשירען צוריק אויף דעם וועג פון וואַנען שערמאַן איז געקומען, און צו פאַרניכ־טען די באַן־ליניעס, וואס האָבען פאַרבונדען אטלאַנטאַ מיט טשאַטאַנוגאַ און מיט נעשוויל. שערמאַנ'ס אַרמיי האָט איר אַמוניציע און פּראָוויאַנט באַקומען פון די צוויי שטעט אין טענעסי, און הוד האָט גערעכענט, אַז אויב די באַן־ליניעס ווע־לען איבערגעשניטען ווערען, וועט שערמאַן ניט האָבען פון וואַ־נען צו ציען זיינע מיטלען.

עטליכע וואָכען צייט האָט הוד געאַרבייט אויף דורכצו־פירען זיין פּלאַן. שערמאַן האָט אים געשטערט מיט אַלע מעג־ליכקייטען. דאַן האָט שערמאַן באַשלאָסען צו מאַכען א זייער געוואַגטען שריט, אָפּצוברעכען אַלע פאַרבינדונגען מיט דער נאָרט, מיט די שטעט אין טענעסי און אַוועקמאַרשירען דורך דזשאָר־דזשיא צום ים. דזשאָרדזשיא איז איצט געווען כמעט דער איינציגער קוואַל פאַר שפּייז און אַמוניציע, וואס די סאוט האָט

נאָך געהאט. די וועסט איז געווען אינגאנצען אפגעשניטען, זינט וויקסבורג איז געפאלען און זינט דער טייך מיסיסיפי איז אריבער אונטער דעם קאָנטראָל פון דער נאָרט. די בלאָקאדע



גענעראל שערמאן מארשירט דורך דזשאָרדזשיא.

איז די לעצטע צייט אויך פיל פארשטארקט געווארען. דזשאָר-דזשיא האָט געהאט די וויכטיגסטע אמוניציע-פאבריקען. אויף אירע פעלדער האָט זי איצט געזייט ווייץ און קאָרן אנשטאָט

קאטאן. און אלץ פאר דער ארמיי. שערמאן האט איינגעזען, אז אויב אים וועט געלינגען דורכצומארשירען דורך דזשארדזשיא, פארניכטען די פאבריקען, פארנעמען די תבואה און אויפרייסען די באן־רעלסען, וועט עס זיין א טויט־קלאפ פאר דער קאנפע־דערייסי. ער האט געוואוסט, אז די אונטערנעמונג איז פארבונ־דען מיט די גרעסטע געפארען. ערשטענס, וועט ער מוזען זיין ארמיי ערנערען מיט דער שפייז, וואס אים וועט געלינגען צו געפינען און פארנעמען אין שונא'ס לאנד. אויף דעם איז ניט שטענדיג גוט זיך צו פארלאזען. צווייטענס, איז גענעראל הוד געשטאנען הינטער אים מיט א גרויסער ארמיי, און ווען ער וועט אוועקמארשירען אין דזשארדזשיא, וועט הוד זיך קענען באנו־צעי מיט דער געלעגענהייט און צוריק איננעמען טענעסי און אפשר אויך ארייננמארשירען אין קענטאקי.

שערמאן האט זיין פלאן פארגעלייגט גענעראל גרענט'ן און פרעזידענט לינקאלן.ביידע האבען מורא געהאט צו געבען זייער צושטימונג. די ריזיקע איז געוועזן צו גרויס. שערמאן האט זיי געשיקט איין טעלעגראמע נאך דער צווייטער, ביז אים איז ענדליך געלונגען זיי איבערצורייידען. אנהויב נאוועמבער האט ער באקומען א טעלעגראמע פון גרענט'ן: „טו ווי דו זאגסט". איי־דער ער האט זיין מארשרוט אנגעפאנגען, האט ער געשיקט גע־נעראל טאמעס'ן נאך נעשוויל. ער איז געוועזן זיכער, אז ער קען זיך אויף טאמעס'ן פארלאזען, אז ער וועט קאנען בייקומען הוד'ס ארמיי, אויב נאר זי וועט אים אטאקירען.

דעם 15טען נאוועמבער האט שערמאן פארניכטעט אט־לאנטא און אנגעפאנגען זיין מארשרוט דורך דזשארדזשיא. די באן־ליניעס אין אטלאנטא און ארום אטלאנטא זיינען אויפגע־ריסען געווארען. די געביידעס, וואו מען האט פאבריצירט אמו־ניציע, זיינען פריער צושמעטערט און דערנאך אונטערגעצונדען געווארען. דער גאנצער ביזנעס־קווארטאל איז פארוואנדעלט גע־ווארען אין אש. אכצען הונדערט געביידעס זיינען פארניכטעט געווארען.

שערמאנ'ס ארמיי איז באשטאנען פון 60 טויזענד מאן. ער

האט זי איינגעטיילט אין צוויי פליגלען און האט מיט זיי אוועק־געמארשירט איבער פיר וועגען. יעדער טייל האט געמוזט אנ־הויבען מארשירען זיבען אין דער פרי און אפגיין דורכ'ן טאג א שטרעקע פון פופצען מייל. שערמאן האט געגעבען די אפי־צירען שטרענגע אינסטרוקציעס ווי אזוי צו זאמלען עסענוואַרג און אנדערע נויטיגע זאכען אין די דערפער און אין די שטעטלאך, דורך וועלכע זיי וועלען דורכגיין. אלץ מוז דורכגעפירט ווערען אין ארדענונג. קיין סאלדאט איז ניט ערלויבט זיך איינצוברע־כען אין א הויז. א באשטימטע פארטיי סאלדאטען דארף זיך אפגעבען מיט זאמלען די נויטיגע זאכען, אראפנעמען תבואה פון די פעלדער, ארויסנעמען תבואה פון די שייערען, צונעמען די פערד און אייזלען פון די פארמס. א געוויסע פארטיי סאל־דאטען דארף זיך אפגעבען מיט אויפרייסען די באן־רעלצען, מיט פארניכטען די באן־געביידעס, מיט אונטערצונדען די פאבריקען און אזוי ווייטער.

אט זיינען אויסצוגען פון מעקמעסטער'ס געשיכטע וועגען שערמאנ'ס מארש:

דער רעכטער פליגעל האט אין אכט טעג צייט געדארפט מארשירען ביז דעם שטעטעל גארדאן. אין לויף פון דער וואך האט די דיוויזיע אויפגעריסען די באן ביז דער לאוודזשא סטאנציע. . . צוגענומען דעם גאנצען פראוויאנט, וואס האט זיך אין דער טעריטאריע געפונען, פארברענט 10 טויזענד פעק קאטאן, פארברענט א גרויסע קאטאן־פאבריק, אונטערגעצונדען א סך פריוואטע הייזער, אויפגעריסען קאסטענס און ארויסגע־נומען זילבערוואַרג. . . דער לינקער פליגעל האט אויפגעריסען די באן־ליניעס ביז מעדיסאן, פארברענט די באן־סטאנציעס, די מאגאזינען, די פעק קאטאן, וואס האבען זיך געפונען אונטער־וועגס. אין זיבען טעג צייט זיינען זיי אנגעקומען אין מילעדזש־וויל.

א טויט־שרעק האט זיך פארשפרייט איבער דזשארדזשיא. דער גאווערנאר פון דעם שטאט האט ארויסגעגעבען א בא־פעל, אז יעדער מאנסביל אין עלטער פון 16 ביז 55 יאר זאל

זיך גלייך אָנשליסען אָן דער ארמיי צו פארטיידיגען דאָס לאנד. „אונזערע שטעט ווערען פארברענט, אונזערע פעלדער פארניכטעט, אונזערע פרויען און קינדער ארויסגעטריבען פון זייערע היימען", — האָט דער גאָווערנאָר געשריבען אין זיין פּראָקלאמאציע. „מיר מוזען קעמפען פאר אונזער פרייהייט. איידער פארלירען די פרייהייט, איז שוין בעסער צו שטארבען!" די בעאמטע האָבען באפוילען דער באפעלקערונג, זיי זאָלען פארניכטען אלץ, איידער שערמאנ'ס ארמיי קומט אָן, כדי זי זאָל ניט געפינען קיין עסענווארג. זיי האָבען אויך געהייסען דעם עולם אָנצופירען א גערילא־קריג געגען שערמאנ'ס ארמיי, צו שטערען איר מיט אלערליי מיטלען. „אויב איר וועט עס טאָן, — האָט דער גאָווערנאָר געזאָגט, — וועט שערמאנ'ס ארמיי אויסגיין פון הונגער און דער שטאַט וועט געראטעוועט ווערען".

אָבער די אויפרופען האָבען ניט געבראכט קיין רעזולטאַטען. שערמאן האָט מארשירט אלץ טיפער און ווייטער אין דזשאָרדזשיא, און קיינער האָט אים כמעט ניט געשטערט. דעם 9טען דעצעמבער איז זיין ארמיי צוגעקומען נאָענט צו סאוואנא. דעם 20טען דעצעמבער האָט די קאָנפעדעריישי־ארמיי אליין אָפּגעליידיגט די שטאָט און שערמאנ'ס ארמיי האָט זי פארנומען. שערמאן האָט אין סאוואנא געפונען 250 שווערע הארמאטען און 31 טויזענד פעק קאטאן. ערב קריסטמעס האָט לינקאָלן באקומען א טעלעגראמע פון שערמאנ'ען, אז ער שיקט אים די שטאָט סאוואנא פאר א קריסטמעס מתנה.

פּראָפעסאר דרעיפּער שרייבט: „ארום 20 טויזענד פעק קאטאן זיינען פארברענט געווארען בעת דעם מארש. שערמאן האָט פארנומען 10 מיליאָן פונט קאָרן און 10 מיליאָן פונט פוטער, ארום א מיליאן און 217 טויזענד פּאָרציעס פלייש און 919 טויזענד פּאָרציעס ברויט, 453 טויזענד פּאָרציעס קאפע, 581 פּאָרציעס טיי און 137 טויזענד פּאָרציעס זאלץ. עס זיינען פארניכטעט געווארען באַן־ליניעס אויף א שטרעקע פון 320 מייל. יעדע סטאנציע, יעדע באַן־פאבריק, יעדע אינדזשין־הויז

איבער דער שטרעקע איז צושמעטערט געווארען. דזשארדזשיא, די פאבריק און דער שייער פון דער סאוט, איז פארניכטעט געווארען".

מעקמעסטער שרייבט: „ווען שערמאנ'ס ארמיי האט ארייגעמארשירט אין סאוואנא, האט זי געפונען אלע פריוואט־וואוינונגען פארשלאסען, די גארדינען אויף די פענסטער ארונטערגעלאזען. די מערסטע קראמען זיינען געווען צוגעמאכט. די קאנפעדעריים־סאלדאטען האבען מיט א נאכט פריער פון די קראמען אלץ ארויסגעטראגען. דאס, וואס זיי האבען ניט מיטגענומען מיט זיך, האבען זיי ארויסגעווארפען אין גאס. ערשט מיט א א פאר טעג שפעטער האבען זיך מענשען גענומען באוויזען אין דרויסען".

די שטאט איז געווען אויפ'ן שוועל פון הונגער. דאס געלד, וואס די מער פארמעגליכע האבען געהאט, האט ניט געהאט קיין שום ווערט. דאס פאפיר־געלד פון דער קאנפעדעריים־רעגירונג איז שוין פריער אזוי געזונקען, אז מען האט דערמיט כמעט גאר ניט געקאנט קויפען. אויסער דעם איז אין שטאט ניט געווען וואס צו קויפען. דער מעיאר האט זיך בעראטען מיט די אנגעזעענע איינוואוינער. עס איז ביי זיי געבליבען צו אנערקענען די זיגרייכע מאכט און צו שיקען א קאמיטעט נאך ניו יארק און אנדערע שטעט אין דער נארט צו קריגען דארט שפייז. גענעראל שערמאן האט דעם פראיעקט געשטיצט און מיטגעגעבען דעם קאמיטעט זיינעם א בריף.

דער קאמיטעט איז אוועק קיין ניו יארק. ער האט דארט אפגעשילדערט די לאגע פון סאוואנא פאר דער טשעמבער־אוו־קאמערס און געבעטען הילף. א קאמיטעט איז באשטימט געווארען צו זאמען געלד. עס פארשטייט זיך, אז א סך זיינען געווען געגען דעם, אז מען זאל העלפען א שטאט פון דער קאנפעדעריים. אבער עס איז געלונגען צו קריגען גענוג ביישטייערונגען אין ניו יארק און אין אנדערע שטעט, צו קאנען אפשיקען קיין סאוואנא צוויי שיפען מיט עסענווארג. די שיפען זיינען אהין אנגעקומען אין מיטען יאנואר.

אין דער צייט, וואס שערמאן האָט מאַרשירט דורך דזשאָר־דזשיא, איז אין טענעסי דערווייל פאָרגעקומען איינע פון די שרעקליכסטע שלאַכטען פון דעם קריג, די שלאַכט ארום נעשוויל. און אויך דאָרט האָט די קאָנפעדערייסי געהאַט א גרויסע ני־דערלאַגע.

די שלאַכט ארום נעשוויל איז פאָרגעקומען אין מיטען מאָ־נאַט דעצעמבער. ווי עס איז שוין אויבען דערציילט געווארען, האָט שערמאן אוועקגעשיקט א טייל פון זיין ארמיי אונטער גע־נעראל טאָמעס׳ן צו באַפעסטיגען נעשוויל געגען אן אָנפאַל פון הוד׳ס ארמיי. ווען שערמאן האָט אוועקגעמאַרשירט צו דרום צו דורך דזשאָרדזשיא, האָט הוד גענומען מאַרשירען צו צפון צו, קיין טענעסי. ער האָט געהאָפט, אז אין שערמאַנ׳ס אפּוועז־זענהייט וועט אים געלינגען ארויסצוטרייבען די נאָרט־ארמייען פון טענעסי און אפשר אויך פון קענטאָקי. אין זיין מארשרוט האָט ער אנגעטראָפען עטליכע באַפעסטיגטע פּאָזיציעס פון די נאָרט־ארמייען. די נאָרט־ארמייען האָבען זיך צוריקגעצויגען. דער ערשטער גרויסער צוזאמענשטויס איז פאָרגעקומען לעבען פרענקלין, וואו הוד האָט פארלאָרען ארום זעקס טויזענד מאַן. נאָך דער שלאַכט איז הוד צוגעקומען צו נעשוויל.

דעם 15טען דעצעמבער אין דער פרי האָט טאָמעס אטאַקירט הוד׳ן. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטען צוויי טעג. הוד׳ס ארמיי איז ניט בלויז צוריקגעשטויסען געווארען. זי איז אינגאנצען צו־שמעטערט געווארען. טאָמעס האָט איר נאָכגעיאָגט און געשלאָ־גען צען טעג נאָכאַנאַנד. מעקמעסטער שרייבט: „אלס אן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט האָט הוד׳ס ארמיי מער ניט עקזיס־טירט. טויזענדער סאָלדאַטען האָבען דעזערטירט און זיינען אוועק אהיים. ניין טויזענד האָבען זיך דורכגעשלאָגען א וועג און זיך אָנגעשלאָסען אָן דער ארמיי אין נאָרט קאראָליינא.״ פּראָפעסאָר דרעיפּער שרייבט: „די גאנצע ליניע פון הוד׳ס צו־ריקטריט איז געווען באַדעקט מיט פארלאָזענע וועגענער, וואפען, קאָלדרעס. דאָס האָט באַוויזען ווי געוואלדיג די נידערלאַגע איז געווען. אין לויף פון דעם צוג זיינען פון הוד׳ס ארמיי געפאנ־

געװען געװיארען איבער 13 טויזענד סאָלדאטען, צװישען זיי א טויזענד אָפיצירען. צװיי טויזענד סאָלדאטען האָבען דעזער־טירט. טאָמעס האָט פארלוירען ארום און ארום ניט מער װי 10 טויזענד מאַן.״ דרעיפער שרייבט װייטער: „צום ערשטען מאָל אין די אלע יארען פון דער מלחמה האָט עס איצט פאסירט, אז א גרויסע ארמיי פון דער סאוט זאָל אינגאנצען צושמעטערט װערען״.

די שרעקליכע נידערלאגע פון הוד׳ס ארמיי איז געװען איי־נע פון די לעצטע קלעפּ װאס האָט פארענדיגט דעם אויפשטאנד פון דער סאוט.

קאפיטעל 24.

די שלאַכטען אין דער „ווילדערנים" — מיליטערישע פּאָגראָמען.

דעמזעלבען טאָג ווען שערמאַן האָט אָנגעפאנגען זיין צוג אויף דעם ועסט־פראָנט האָט גרענט אָנגעפאנגען זיין צוג אויף דעם איסט־פראָנט, אין ווירדזשיניא. גרענט'ס ארמיי איז גע־ווען צוויי מאָל אזוי די גרויס ווי לי'ס ארמיי, 130 טויזענד געגען 60 טויזענד. גרענט האָט באשלאָסען צו גיין אויף ריטש־מאָנד. אויפ'ן וועג איז אָבער געשטאַנען לי מיט זיין ארמיי. גרענט'ס פּלאַן איז געווען צו אטאַקירען לי'ען און ניט אפּשטע־לען די אטאַקע ביז ער וועט מאַכען א סוף צו אים. ער האָט געוואוסט אז ער האָט מער מענשען און מער אַמוניציע און בע־סערע שפּייז און קליידער ווי לי, און אז דערפאר וועט ער סוף כל סוף מוזען זיגען, אויב ניט דורך סטראטעגישע מיטלען איז פּשוט דורכדעם, וואס דער שונא וועט אויסגעמאַטערט ווערען פריער ווי ער.

דעם 4טען מאַי איז גרענט'ס ארמיי אריבער דעם טייך ראַפּידאַן און האָט אריינגעמארשירט אויפ'ן זעלבען שלאַכט פעלד, וואו פּונקט מיט א יאָר פריער האָט די ארמיי פון דער נאָרט, אונטער גענעראל הוקער, געקראָגען איר שרעקליכע נידער־לאַגע (ביי טשענסעלאַרסוויל). דאָס שלאַכטפעלד רופט זיך „די ווילדערנים", א געגענד באַדעקט מיט געדיכטע וועלדער, דורכ־געשניטען מיט שמאָלע שטעגלאַך און טיפע טאָלען. גרענט האָט געהאָפט אז לי, וועלכער איז געשטאַנען אין דער „ווילדערנים", וועט ניט וואַגען אים צו אטאַקירען און וועט זיך צוריקציען אין דער ריכטונג פון ריטשמאָנד. ער האָט געהאָפט, אז וועןביידע

ארמייען וועלען ארום פון די וועלדער אין אן אפענעם פלאץ וועט זיין ארמיי, די גרעסערע און די שטארקערע, קאנען אנ־פאלען אויף לי'ס ארמיי און זי צוקלאפען. לי האט אבער אנ־דערש גע'חשבונ'ט. ער האט געוואוסט, אז אין דער „ווילדער־נים" וועט גרענט מיט זיין גרויסער ארמיי ניט קענען אויפטאן אזוי פיל ווי אין אן אפענעם פלאץ. דער דזשאנגעל פון בוימער און קוסטען און גראז איז געווען אזוי געדיכט און אזוי צונויפ־געפלאנטערט, אז די ארמייען האבען איינע די אנדערע ניט גע־קענט זען. דארט איז אויך אוממעגליך געווען צו באנוצען די קאוואלעריע און ארטילעריע. לי האט דערפאר באשלאסען צו צווינגען גרענט'ן זיך צו פארמעסטען מיט אים אין כוחות אין דער „ווילדערנים". אזוי שנעל ווי גרענט איז אריין אין דער „ווילדערנים" האט לי געשיקט זיין ארמיי אים צו אטאקירען. דער ערשטער צוזאמענשטויס איז פארגעקומען דעם 5טען מאי. די שלאכט האט אנגעהאלטען צוויי טעג נאכאנאנד. גרענט'ס פארלוסטען זיינען געווען שרעקליכע, איבער צוואנציג טויזענד מאן. לי האט פארלארען א העלפט פון דער צאל. דרעיפער שרייבט: „די נאכט פון דעם זעקסטען איז געווען היים, שטי־קעדיג. קיין הויך לופט איז ניט אריינגעדרונגען אין דער וויל־דערנים. אין דעם פאס לאנד צווישען די ארמייען זיינען געווען פלעצער וואו עס זיינען פארגעקומען פיר אדער פינף צוזאמענ־שטויסען. די טויטע זיינען געלעגען געדיכט אנגעווארפען צווי־שען די בוימער. די „ווילדערנים" איז געווען אנגעפילט מיט דעם צער און ווייטאג פון די פארוואונדעטע."

איצט האט גרענט באוויזען, אז ער איז אן אנדער סארט גענעראל ווי די פריערדיגע. די פריערדיגע גענעראלען פון דער נארט, ווען זיי פלעגען אנטוישט ווערען אין זייער ערשטען צוג, ווען זיי פלעגען גלייך ביים אנפאנג קריגען א שטארקען קלאפ, פלעגען זיי זיך צוריקציען. גרענט האט געטאן פונקט פארקערט. ער האט גענומען מארשירען ווייטער אין דער ריכ־טונג פון ריטשמאנד. ער האט געוואוסט, אז לי וועט אים מוזען נאכגיין און אז אויף אזא אופן וועט ער אים ענדליך

ארויסציען פון דער „ווילדערנים“. אָבער דאָ האָט לי ווידער ארויסגעוויזען זיין גרויסע פייאיגקייט אלס גענעראל. ער האָט פּאָראויסגעזען גרענט'ס פּלאַן. ער האָט פארשטאַנען אז גרענט וועט מארשירען צו דער נעקסטער פּאָזיציע, ספּאטסילווייניא. האָט לי אזוי מאַנעווורירט, אז זיין ארמיי איז אהין אָנגעקומען פריער און האָט זיך דאָרט באַפעסטיגט. ווען גרענט'ס ארמיי איז אָנגעקומען האָט זי געפונען דעם וועג פארשטעלט. דעם 9טען מאַי האָט זיך אנגעפאנגען די שלאַכט ביי ספּאטסילוויי־ניא. די שלאַכט האָט אָנגעהאלטען ביז'ן 18טען. גרענט'ס פּאר־לוסטען זיינען געווען גרויסע. און ווידער איז אים ניט גע־לונגען ארויסצוטרייבען לי'ען פון זיין פּאָזיציע. ער האָט אָבער פּאָרטגעזעצט זיין סטראַטעגיקע. ער האָט איבערגעלאָזען דעם שונא אין זיין פּאָזיציע און האָט אוועקגעמארשירט מיט זיין ארמיי אין דער זעלבער ריכטונג, צו דרום צו, אין דער ריכטונג פון ריטשמאָנד.

דעם 22טען מאַי האָט זיך צום דריטען מאָל איבערגע־חזר'ט דיזעלביגע זאך. ווען גרענט איז אָנגעקומען צום טייך נאָרט־אַנא האָט ער געפונען אז לי איז שוין דאָרטען געווען פריער, איז שוין אריבער דעם טייך און איז שוין באַפעסטיגט אויפ'ן צווייטען ברעג. ארום דעם טייך האָבען זיך די ארמייען ווידער געשלאָגען און גרענט האָט ווידער ניט געקענט באזיגען לי'ען. און ער האָט געטאָן דאָס זעלבע וואס פריער, האָט אי־בערגעלאָזען לי'ען אין זיינע פּאָזיציעס און אוועקגעמארשירט מיט זיין ארמיי צו דרום צו. די ארמייען האָבען זיך שפּעטער באַגע־גענט אין קאָלד קאַספּאר. דאָרט האָט גרענט אַטאַקירט לי'ען און איז צוריקגעשטויסען געוואָרען מיט גרויסע פארלוסטען. די שלאַכט איז פּאָרגעקומען דעם 3טען יוני. גרענט האָט דאָרט פּאר־לוירען זיבען טויזענד מאַן, לי ניט מער ווי דריי טויזענד. דרעי־פּער שרייבט: „דעמזעלבען טאָג האָט גרענט געהייסען ווידער אַטאַקירען, אָבער די ארמיי האָט אים ניט געפאָלגט“.

דעם 12טען יוני האָט גרענט אוועקגעמאַרשירט צום טייך דזשיימז און האָט צוגעפירט זיין ארמיי צו פּעטערסבורג. לי

האָט זיין ארמיי אריינגעפירט אין שטאָט, אין פּעטערסבורג. גרענט האָט איצט אָנגעהויבען באַלאַגערען ריטשמאָנד און פּע־טערסבורג.



די שלאַכט אין דער „ווילדערניש”.

גענעראַל מאָורים (אין זיין ווערק „ראָבערט ע. לי”) שרייבט: עס האָט גענומען גרענט׳ן מער ווי א מאָנאַט צייט צו מאַרשי־רען פון טייך ראַפּידאַן ביז׳ן טייך טשיקאַהאָמיני, א שטרעקע

פון א 70 מייל. כמעט דעם גאנצען וועג איז ער געצוואונגען געווען זיך צו שלאָגען. זיינע פארלוסטען האָבען באטראפען נאָענט צו 55 טויזענד מאן, כמעט א העלפט פון זיין ארמיי. ווען לי האָט אריינגעמארשירט אין ריטשמאָנד האָט ער געהאט אן ארמיי פון 70 טויזענד. גרענט׳ס ארמיי נעבען ריטשמאָנד איז דאן באשטאנען פון 150 טויזענד מאָן.

אין דער נאָרט איז מען געווען זייער אנטוישט אין גרענט׳ן. אין די זיבען וואָכען וואס ער האָט געקעמפּט מיט לי׳ען האָט ער גאָרניט אויפגעטאָן, ניט ער האָט באזיגט לי׳ס ארמיי, ניט ער האָט איינגענומען ריטשמאָנד. אין דער סאוט האָט מען זיך בארימט, אז יעדער סאָלדאט אין לי׳ס ארמיי האָט צע׳הרג׳ט אָדער פארוואונדעט איין סאָלדאט אין גרענט׳ס ארמיי. דער חשבון איז געווען ניט קיין סך איבערטריבען. לי׳ס ארמיי איז באַשטאנען פון 70 טויזענד און גרענט האָט פארלאָרען 55 טויזענד. אין וואשינגטאָן האָט מען שוין געערדט, אז גרענט האָט זיך ארויסגעוויזען פאר אונפייאיג צו באזיגען לי׳ען און אז עס וואָלט געווען א פלאן אים ארונטערצוזעצען. לינקאָלן איז אָבער גע־שטאנען פעסט פאר גרענט׳ן. ער האָט זיין צוטרויען צו אים ניט פארלוירען. ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזען האָט לינקאָלן קיין טעות ניט געהאט.

אין דערזעלבער צייט וואס גרענט האָט זיך געשלאָגען מיט לי׳ען ארום ריטשמאָנד און שערמאן האָט מארשירט דורך דזשאָר־דזשיא, האָט זיך א דריטע ארמיי פון דער נאָרט ארומגעיאָגט מיט א דריטער ארמיי פון דער סאוט, צווישען די בערג און טאָלען פון שענענדאָהא אין דעם וועסטליכען טייל פון וויר־דזשיניא. לכתחילה איז די דריטע ארמיי געשיקט געוואָרען פון גענעראל גרענט איינצונעמען דעם באן־צענטער לינטשבורג; פון דאנען האָט זיך געצויגען א באן קיין פּעטערסבורג און די ליניע האָט צוגעשטעלט פּראָוויאנט פאר ריטשמאָנד (די פּראָ־וויאנט איז געשיקט געוואָרען פריער קיין פּעטערסבורג און פון דאָרט קיין ריטשמאָנד). גרענט האָט אלזאָ געוואָלט איינעמען לינטשבורג און איבערשניידען די ליניע. לי האָט איינגעזען די

געפאר און געשיקט אן ארמיי צו באשיצען לינטשבורג. אט די צוויי ארמייען האבען זיך ארומגעשלאגען אין די שענענדאהא בערג פון אנפאנג מאי ביז אקטאבער. איינינע מאל זיינען צוויי־שען זיי פארגעקומען צוזאמענשטויסען. קיין גרויסע שלאכטען זיינען דאס ניט געווען. קיינע וויכטיגע פאזיציעס האבען די אר־מייען איינע ביי דער אנדערער ניט אפגענומען. דאך איז די קאמפאניע בארימט געווארען אין דער געשיכטע פון דער מלחמה דורך דעם שרעקליכען חורבן וואס זי האט אנגעמאכט אין דער געגענד. די ארמייען האבען אייגענטליך זייער קאמף געפירט ניט איינע געגען די אנדערע, נאר געגען דער פרידליכער בא־פעלקערונג פון דעם ארט. די ארמיי פון דער סאוט האט פריער ארייננעדרונגען אין מערילאנד, א שטאט וואס איז געשטאנען מיט דער נארט, און דארט פארברענט שטעטלאך און פארכאפט אלץ וואס זי האט געפונען. דאן האט די ארמיי פון דער נארט אריינגעדרונגען אין ווירדזשיניא, אין דער געגענד וואס איז גע־שטאנען מיט דער סאוט, און דארטען געטאן דאסזעלבע: גע־ברענט, געראויבט, אנגעמאכט א חורבן.

די ארמיי פון דער סאוט איז געפירט געווארען פון גענע־ראל אירלי. פון אנפאנג איז ער געווען ערפאלגרייך. ער איז מיט זיין ארמיי אריבער דעם טייך פאטאמעק. ער איז אריין אין מערילענד דעם 6טען יוני, 1864. אט וואס מעקמעסטער שרייבט וועגען דעם: „אלס א פרייז צו ראטעווען זיך פון פאר־ניכטונג האט דאס שטעטעל הייגערסטאן געמוזט באצאלען 20 טויזענד דאלער און 15 הונדערט קאסטיומען קליידער. די בא־פעלקערונג פון דער גאנצער ארומיגער געגענד האט גענומען אנטלויפען. די וועגען וואס האבען געפירט נארט צו פענסיל־וויי ניא זיינען געווען פול מיט מענשען אין אלערליי וועגענער, אדער רייטענדיג אויף פערד און אייזלען, אדער גייענדיג צו פוס. דאס שטעטעל מידעלטאון האט געמוזט באצאלען 15 הונדערט דאלער מזומן און פאר 3 טויזענד דאלער סחורה, אויסער דעם האבען די סאלדאטען צוגענומען א סך פערד. ווען די ארמיי איז אריין אין שטעטעל פרעדעריק האט דער קאמאנדיר געשיקט

רופען דעם מעיאר און ביי אים געפאדערט 200 טויזענד דאָלער. דער מעיאר האָט פאררופען דעם שטאָט־ראַט. דער ראַט האָט געבעטען דעם קאָמאַנדיר ער זאָל דאָס אויסלייז־געלד פארקלע־נערען. דער ענטפער איז געווען, אז אויב דאָס געלט וועט ניט גלייך צוגעשטעלט ווערען וועלען די סאָלדאַטען אליין דאָס געלד זאמלען. די באנקען האָבען געבראַכט די געפאָדערטע סומע. די סאָלדאַטען האָבען אויך צוגענומען אדער פארניכטעט אלע שפּייז און קליידער סקלאַדען וואס האָבען געהערט צו דער רע־גירונג פון דער נאָרט".

גענעראל אירלי האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו וואשינגטאָן. א טייל פון זיין ארמיי האָט ער געשיקט אויף באלטימאָר. ביידע שטעט זיינען איצט געשטאַנען אין געפאר איינגענומען צו ווערען. באַלטימאָר איז געווען אין גרעסטער שרעק. דער גאָווערנאָר און דער מעיאר האָבען צוזאמען אפּעלירט צו די מענער זיי זאָלען באשיצען די שטאָט. אין די גאסען זיינען אויפגעשטעלט געוואָ־רען באריקאַדען. די גאָ:ווערנאָרס פון פּענסילווייניא, ניו יארק און ניו דזשוירזי האָבען אפּעלירט צו די בירגער פון זייערע שטאַטען זיי זאָלען גיין באשיצען וואשינגטאָן.

דעם 11טען יולי איז אירלי געווען ביי די טויערען פון וואַ־שינגטאָן. מעקמעסטער שרייבט, אז ווען אירי וואָלט יענעם טאָג געוואָלט אטאַקירען די פעסטונג נעבען דער שטאָט, וואלט ער זי זיכער געוועסט איינגענומען און וואָלט אריין אין דער שטאָט. עס איז אָבער דעמאָלט געווען א שרעקליך הייסער טאָג. די סאָלדאַטען זיינען געווען שטארק אויסגעמאַטערט. האָט אירלי די אַטאַקע אָפּגעלייגט אויף מאָרגען. דורך דער נאַכט זיינען אין וואשינגטאָן אָנגעקומען פרישע רעגימענטען. אירלי האָט אין דערפרי באמערקט א סך פרישע סאלדאטען אויף די פעסטונגען און ער האָט פארשטאַנען אז אים וועט ניט געלינגען זיי צו באזיגען. האָט ער זיך צוריקגעצויגען. זיין ארמיי נעבען באַלטימאָר האָט געטאָן דאָסזעלבע.

אָבער די ארבייט פון באַפאַלען די פרידליכע איינוואוינער פון די שטעטלאך האָט ער ווייטער געטאָן. דעם 30טען יולי איז

זיינער אן אפיציר מיט 500 סאלדאטען אריין אין שטעטעל טשאמבערסבורג (ניט ווייט פון דעם פענסילווייניער גרענעץ) און זיי האבען זי איננאנצען חרוב געמאכט. אט וואס מעקמעסטער דערציילט וועגען דעם פאגראם אויף דעם שטעטל: „עטליבע איינוואוינער זיינען ארעסטירט געווארען. דער קאמאנדיר האט זיי ערקלערט, אז אויב זיי וועלען ניט ברענגען קיין הונדערט טויזענד דאלער אין גאלד וועט ער אונטערצינדען די שטאט. צו זאמלען אזא גרויסע סומע איז אוממעגליך געווען... האט דער קאמאנדיר געהייסען זיינע סאלדאטען פארברענען די שטאט. די סאלדאטען האבען אנגעווייקט וואטע אין טערפענטין, זיינען ארוים איבער די גאסען, האבען אנגעצונדען די וואטע און עס אריינגעשליידערט אין די קראמען און אין די וואוינונגען. צוויי־דריטעל פון דער שטאט איז פארניכטעט געווארען... די פרויען און קינדער זיינען אנטלאפען אין די פעלדער און וועלדער. די פארמער האבען פאר זיי פלאץ געמאכט אין זייערע היימען און אין די שטאלען. פון פילאדעלפיע און פון העריסבורג זיינען שפעטער אנגעקומען וואגאנען מיט עסענוואַרג פאר די ליידענדע... איבער 250 הייזער זיינען אוועק מיט'ן רויך. די באפעלקערונג פון שטעטעל איז געווען 6,000.”

אלס ענטפער אויף די פאגראמען האט גענעראל גרענט אין אנפאנג אוגוסט ארויסגעשיקט גענעראל שערידאן ער זאל דורכ־מארשירען מיט זיין ארמיי דורך דער שענענדאהא־געגענד אין ווירדזשיניא און דארטען אלץ פארניכטען. שערידאן האט דעם באפעל פינקטליך דורכגעפירט. ער האט צוריקגעטריבען איר־לי'ס ארמיי און האט אנגעמאכט א חורבן אין דער גאנצער גע־געגנד. אין זיין באפעל צו שערידען האט גרענט געשריבען: „טו אן אזוי פיל שאדען צו די אייזענבאנען, אויף די פעלדער און אין די שייערען ווי עס איז דיר נאר מעגליך. נעם צו אלע לעבעדיגע חיות און אויך די נעגערס כדי עס זאל אוממעגליך זיין די פעלדער ווידער צו פארזייען. אויב די מלחמה דארף אנהאלטען נאך א יאר מוז מען זען, אז דער שענענדאהא־געגענד זאל ווערען א וויסטעניש”. דעם 5טען אקטאבער האט שערידען

געשריבען: „איך האָב פאַרניכטעט צוויי טויזענד שייערען פול מיט ווייץ און פאַרם־געצייג, 70 מילען פול מיט ווייץ און מעל, און ניט וויינינגער ווי דריי טויזענד שעפּסען זיינען צוגענומען געוואָרען פאַר דער אַרמיי". אין דעם ראַיאָן ראַקינגהעם האָט שערידאַנ'ס אַרמיי פאַרניכטעט אייגענטום אין ווערט פון 25 מי־ליאָן דאָלער, 50 טויזענד בושעל קאָרן, 100 טויזענד בושעל ווייץ, מער ווי 6 טויזענד טון היי, דריי פאַבריקען, 30 הייזער, 31 מי־לען, 450 שטאַלען און אַ גרויסע צאָל הויז־מעבעל און כלים. טויזענדער פערד, שעפּסען און חזירים זיינען צוגענומען גע־וואָרען".

אין מיטען אָקטאָבער האָבען זיך די צוויי אַרמייען באַגע־גענט אין אַ בלוטיגער שלאַכט. פון אָנפאַנג האָט עס אויסגע־וויזן אַז אירלי'ס אַרמיי וועט באַזיגען שערידענ'ס אַרמיי. אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך עס פאַרקערט. אירלי איז צוריקגעשטויסען געוואָרען. די געגענד איז געבליבען אונטער דער קאָנטראָל פון שערידענ'ס אַרמיי.

קאַפּיטעל 25.

גענעראַל שערמאַנ'ס בלוטיגער מאַרש דורך נאָרט און סאוט קאראָליינא.

דעם 1טען פעברואר, 1865, האָט שערמאַן אָנגעפאַנגען א נייעם מאַרש, פון סאוואנא, דורך סאוט קאראָליינא, דורך נאָרט קאראָליינא ביז גאָלדסבאָראָ (ווייט אין נאָרט קאראָליינא), א שטרעקע פון 425 מייל. דער מאַרש האָט אים גענומען 50 טעג, ביז'ן 23טען מערץ. דער צוועק איז געווען דערזעלבער — צו צושטערען און פאַרניכטען דעם איינציגען און לעצטען קוואַל פון עקזיסטענץ וואס די ארמיי פון דער סאוט האָט נאָך געהאַט. דעם דאָזיגען טייל פון דער אונטערנעמונג האָט שערמאַנ'ס ארמיי דורכגעפירט א סך גרינדליכער ווי דעם פריערדיגען טייל. די סאָלדאַטען האָבען זיך אין סאוט קאראָליינא ניט באַנוגענט מיט צושטערען די אייזענבאַנען און פאַרברענען פאַבריקען און שייערען און קאַטאַן. דאָ האָט די ארמיי צורויבט אַלץ וואס זי האָט אָנגעטראָפען אין וועג. דאָ האָבען סאַלדאַטען באַפאַלען פרויען, און זיינען באַגאַנגען שרעקליכע ברוטאַלע מעשים. ווי ווייט די גרויזאמקייטען האָבען דערגרייכט איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען גענוג. די סאוט האָט נאַטירליך געזוכט מגזם צו זיין און די נאָרט האָט געזוכט די זאַך צו פאַרקלענערען. עס איז אָבער קיין צווייפעל ניט, אַז שערמאַנ'ס מאַרש דורך נאָרט און סאוט קאראָליינא איז געווען די שוידערליכסטע פאַסירונג אין דער געשיכטע פון דער מלחמה; און א סך וואס שערמאַנ'ס ארמיי האָט אפגעטאָן אויף איר וועג וועט אויף אייביג בלייבען א שאַנדפלעק אויפ'ן געוויסען פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

דער היסטאָריקער ראודס פּרובט צו זיין גערעכט צו ביידע צדדים און אַט וואס ער שרייבט:

דער מאַרש האָט זיך אָנגעפאַנגען אין סאוט קאַראָליינא (סאוואנא איז אין דזשאָרדזשיא, די שטאָט ליגט אָבער האַרט ביי דער גרענעץ פון סאוט קאַראָליינא). ער האָט זיך געצויגען דורך דעם מיטען פון דעם שטאַט און האָט איבערגעלאָזען הינטער זיך א שטעג פון פאַרברענטע געביידעס און פאַרצערטע פּעק קאַטאַן. . . די סאָלדאַטען האָבען אויפגעריסען די רעלסען פון די באַנען און זיי צודרייט, כדי מען זאָל זיי ווידער ניט קענען באַנוצען, האָבען פאַרניכטעט די לאָקאָמאָטיוון, די מאַשינערי, די וואסער־פּעסער. די סאָלדאַטען פון דער קאָנפעדערייסי, ביים צוריקציען זיך, האָבען פאַרברענט די קאַטאַן כדי עס זאָל ניט אריינפאַלען אין די הענד פון דער „יוניאַן" ארמיי. אָבער דאָס וואס זיי אליין האָבען ניט באַוויזען צו פאַרברענען האָבען פאַרברענט די סאָלדאַטען פון דער נאָרט. גענעראל ווילער (פון דער סאוט) האָט געמאכט א פּאָרשלאג צו שערמאַנ׳ען: אויב דיינע סאָלדאַטען וועלען ניט פאַרניכטען די הייזער פון אונזערע בירגער וועלען מיר אויפהערען צו פאַרברענען די קאַטאָן. אויף דעם האָט שערמאַן געענטפערט: „איך האָף אז דו וועסט פאַרברענען די גאנצע קאַטאַן, ווייל דאַן וועסטו אונז איינשפּאָרען ארבייט. מיר דאַרפען ניט די קאַטאַן. די קאַטאַן איז געווען א קללה פאַר אונזער לאַנד. אויב דו וועסט עס ניט פאַרברענען וועלען מיר עס פאַרברענען. וועגען די פּריוואַטע הייזער, וואו עס וואוינען פרידליכע בירגער, איז מיין באַפעל צו די סאָלדאַטען מען זאָל זיי ניט טשעפּען. און איך גלויב אז מיין באַפעל ווערט אפּגעהיט. ליידיגע הייזער ברענגען קיינעם קיין נוצען ניט און זיי קימערען מיך ניט. איך וויל ניט מען זאָל זיי פאַרניכטען, אָבער איך נעם זיך ניט קיין מי זיי צו באַשיצען". די ליידיגע הייזער זיינען געווען יענע, פון וועלכע די איינוואוינער זיינען אנטלאָפען.

שערמאַן האָט פאַרענטפערט זיינע סאָלדאַטען אז זיי טוען אָפּ אזוינע ווילדע מעשים אין סאוט קאַראָליינא דערפאַר ווייל

אויף יענעם שטאט טראָגט די נאָרט א באזונדערען בעס. סאוט קאראָליינא איז דאָך געווען די ערשטע, וואס האָט אנגעפאנגען דעם אויפשטאנד. די סאלדאטען האָבען געהאלטען סאוט קאראָליינא פאראנטוואָרטליך פאר דער גאנצער טראגעדיע פון דער מלחמה, און איצט, אז זיי האָבען געהאט די געלעגענהייט, האָבען זיי זיך געוואָלט אפרעכענען מיט איר. ראודס דענקט, אז אין דעם איז דאָ א געוויסער טייל אמת. אפילו די הויכע מיליטער־בעאמטע האָבען געברענט מיט צאָרן געגען סאוט קאראָליינא. אזוי, צום ביישפיל, האָט גענעראל האלעק געשריבען צו שערמאנ׳ען: „אויב דו וועסט איינגעמען טשארלסטאָן (די וויכטיגסטע האפען שטאָט אין סאוט קאראָליינא) האָף איך אז עס וועט פאסירען „א סיבה", דורך וועלכער די שטאָט וועט פארניכטעט ווערען." שערמאן האָט אים געענטפערט: „די גאנצע ארמיי ברענט מיט א גוואלטיגען פארלאנג צו נעמען נקמה פון סאוט קאראָליינא. איך שרעק זיך פאר איר שיקזאל, אָבער איך פיל, אז זי האָט פארדינט אלץ וואס עס ערווארט זי". דערויף באמערקט ראודס: „וויבאלד די הויכע בעאמטע האָבען אזוי געפילט איז קיין וואונדער ניט וואס די סאָלדאטען האָבען געגלויבט, אז עס איז רעכט צו באראבעווען די באפעלקערונג און אונטערצינדען זייערע היימען".

די אָפיצירען האָבען געווארפען די שולד פאר דער פארניכטונגס־ארבייט און די רויבערייען אויף די וואגאבונדען וואס האָבען זיך נאָכגעשלעפט נאָך דער ארמיי (מען האָט זיי גערופען מיט׳ן נאָמען „באָמערס").

א גרויסער חורבן איז אָנגעמאכט געווארען אין דער שטאָט קאָלאָמביא. די פייערען אין דער שטאָט האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך איידער שערמאנ׳ס ארמיי איז אהין אריין. ווער עס איז פאר דעם געווען פאראנטוואָרטליך ווייס מען ניט. א פייער האָט אויסגעבראָכען אויף דער באן־סטאנציע. אין דער הויפט־גאס פון שטאָט זיינען געלעגען פעק מיט קאטאן און אויך זיי האָבען אָנגעהויבען ברענען.

דעם 17טען פעברואר איז שערמאנ׳ס ארמיי צוגעקומען צו

קאָלאָמביא. דער מעיאָר פון שטאָט, צוזאַמען מיט דריי ראַט־מענער, האָבען אים באַגעגענט מיט אַ ווייסען פלאַג און דער־קלערט אַז זיי גיבען אים איבער די שטאָט. שערמאַנ׳ס סאָל־דאַטען האָבען געהאָלפען איינלעשען די פלאַמען. אָבער איי־דער זיי איז עס געלונגען איז שוין צוויי דריטעל פון דער שטאָט אַוועק מיט׳ן רויך. עס איז פאַרברענט געוואָרען דער גאַנצער האַנדעלס־קוואַרטאַל און די שענסטע געביידעס פון שטאָט.

איינינגע היסטאָריקער מיינען, אַז שוין נאָכדעם ווי שער־מאַנ׳ס אַרמיי איז אַריין אין שטאָט זיינען געמאַכט געוואָרען פרישע פייערען און אַז שערמאַנ׳ס סאָלדאַטען זיינען ביז אַ געוויסען גראַד פאַראַנטוואָרטליך געווען פאַר זיי. ווען שער־מאַנ׳ס סאָלדאַטען זיינען אַריין אין שטאָט האָבען די איינ־וואוינער און די נעגער זיי געבראַכט אַ מאַסע שנאַפּס, אין גלעזער, אין פלעשער, אין עמערס. אַ סך סאָלדאַטען האָבען די פריערדיגע נאַכט ניט געהאַט געשלאָפען, טייל פון זיי האָבען אַ גאַנצען מעת לעת ניט געגעסען. זיי האָבען זיך באַלד אָנגע־שיכור׳ט און עס איז אוממעגליך געווען זיי צו קאָנטראָלירען. צו די סאָלדאַטען זיינען צוגעקומען די „באָמערס" און די אַרעס־טאַנטען וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזען פון די תּפיסות. זיי האָ־בען זיך אַריינגעריסען אין די הייזער און קראָמען און באַראַבע־וועט מענשען אין מיטען גאַס. די אָפיצירען האָבען געפּרובירט אָפּצושטעלען די אומאָרדנונג אָבער זיי האָבען ניט געקענט. די רויבערייען אין שטאָט זיינען אָנגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג. ביינאַכט האָט די שיכור׳ע, ווילדע מאַסע גענומען אונטערצינדען הייזער. דער ווינד האָט געטריבען די פלאַמען פון איין געביידע צו דער צווייטער, ביז וואַנען די גרעסטע טייל פון שטאָט איז פאַרניכטעט געוואָרען.

אין אייגענם פון די אָפיציעלע באַריכטען פון די אָפיצירען ווערען אָנגעגעבען פאַרשידענע מיינונגען וועגען דער טראַגעדיע. איין באַריכט וואַרפט די שולד אויף „שיכור׳ע נעגער", אַ צוויי־טער, אויף די אַרויסגעלאָזענע אַרעסטאַנטען, אַ דריטער, אויף

אַנגע׳שיכור׳טע סאָלדאַטען. העכסט װאַרשײנליך זײַנען אַלע אַנ־געגעבענע אורזאַכען טײלװײז ריכטיג.

ביי אן אויספאָרשונג וואס איז געמאכט געוואָרען מיט אכט יאר שפּעטער (אין 1872) האָט שערמאַן געמאַכט די פאָלגענדע ערקלערונג: „איך האָב קיינמאָל ניט געהייסען אונטערצינדען די שטאָט. אָבער איך האָב אויך ניט פארגאָסען קיין סך טרע־רען אויף דער פּאסירונג, ווייל איך גלויב אז דאָס האָט פאר־גיכערט דעם סוף פון דער מלחמה”.

שערמאַן האָט אין קאָלאָמביא פארבראכט צוויי טעג. אין דער קורצער צייט האָט ער דאָרטען פארניכטעט אַלע פאבריקען, מאשינען, די זאַפּאַסען פון אמוניציע און די באַן אין דער גאַנצער געגענד. דעם 20טען פעברואר איז ער ארויס פון קאָלאָמביא און איז אוועק קיין טשארלסטאָן. די קאָנפעדעראציע האָט קיין פארזוך ניט געמאכט צו פארטיידיגען די וויכטיגע האַפען שטאָט. אירע סאָלדאַטען האָבען זי אָפּגערייניגט נאָך איידער שערמאַן איז אָנגעקומען. נאָר איידער זיי זיינען אוועק האָבען זיי אונטערגעצונדען די פּעק קאטאן און די באַן־סטאנציע. ווען שערמאַן איז אריין אין שטאָט האָט ער זי געפונען איינגעוויי־קעלט אין פלאַמען. אָבער דאָס וואָס איז איבערגעבליבען פון די פלאַמען איז שפּעטער צוראבירט געוואָרען פון שערמאַנ׳ס סאָלדאַטען. אָט איז אַ טייל פון אַ באריכט וועגען דעם צו־שטאַנד פון טשארלסטאָן, געשריבען עטליכע טעג נאָך דער שריפה: „די ליידען דאָ זיינען זייער גרויס. ניט בלויז די אָרימע זיינען אין נויט. . . פאמיליעס וואָס פלעגען לעבען פון זייערע גיטער זיינען אָן אַ סענט. מענשען וואָס זיינען דער־צויגען געוואָרען אין רייכטום ליידען איצט הונגער”.

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָלאָמביא און טשארלס־טאָן איז אויף אַ קלענערען מאסשטאב פאָרגעקומען אין אַלע שטעטלאך און דערפער דורך וועלכע די ארמיי איז דורכגעגאַנגען. טײל אָפיצירען האָבען פּרובירט איינהאַלטען די סאָלדאַטען. אָבער זיי האָבען ניט געקענט. איין אָפיציר באַקלאָגט זיך אין אַ באריכט צו די העכערע בעאַמטע אזוי: „טייל פון אונזערע

סאָלדאטען זיינען באגאנגען די גרעסטע רויבערייען. איך ווייס פון א פאל, ווען סאָלדאטען האָבען צוגענומען זייגערס און אנ־דערע צירונג און זיי האָבען עס געטאָן פאר זייערע אָפיצירען אין די אויגען. אין א צווייטען פאל האָט א סאָלדאט צושלאָגען א פרוי און דערנאָך ביי איר צוגענומען א זייגערל. אין א דריטען פאל האָבען די סאָלדאטען צוגענומען 150 דאָלער. אין א פערטען פאל האָט אַן אפיציר דערמוטיגט זיינע סאָלדאטען זיי זאָלען אראָפנעמען די פינגערלאך פון די הענט פון די דאמען. עס האָט פאסירט אז מען האָט געכאפט א סאָלדאט ראבירענדיג א הויז. האָט מען אים ארעסטירט. זייַנען די איבעריגע סאָל־דאטען באפאלען די וואך און דעם ארעסטירטען באפרייט. איך גלויב אז די וואָס באגייען די רויבערייען זיינען אָרגאניזירט און אז זיי טיילען זיך מיט'ן רויב".

וואָס אנבאלאנגט דער באנעמונג פון די סאָלדאטען צו פרויען, האָט שערמאַן פארזיכערט, אז אין פארלויף פון זיין גאנ־צען מארש, האָט ער געהערט בלויז פון צוויי פאלען, ווען סאָל־דאטען האָבען פארגוואלטיגט פרויען.

שערמאַן האָט געזוכט צו ווירקען אויף זיינע סאָלדאטען, אז אין נאָרט קאראָליינא זאָלען זיי זיך אויפפירען אנשטענדיג. אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט ער ניט אויסגעפירט. דריי וואכען נאָכ־דעם ווי שערמאַנ'ס ארמיי איז געוועזן אין נאָרט קאראָליינא, האָט איינער פון זיינע אָפיצירען געמאָלדען, אז א גרויסע צאָל פון דער קאוואלעריע נעמט אוועק ביי דער באפעלקערונג זייער לעבענס־מיטעל. „איך האָב געזען, — האָט דער אָפיציר באריכ־טעט, — פאמיליעס פון פרויען, קינדער און נעגער וועלכע האָ־בען אבסאָלוט גאָרניט צו עסען. פון זייערע הייזער איז אלץ צוגענומען געווארען, קליידער, בעטגעוואנד, געשיר. טייל פון די לומפען צינדען אונטער די צוגעשלאָסענע הייזער. זיי פאר־ברענען די פארקענס ארום די הייזער".

שערמאַן האָט זיין ארמיי דערפירט ביז גאָלדסבאָראָ אין נאָרט קאראָליינא. אין נאָרט קאראָליינא האָט זיך די געג־נערישע ארמיי אָנגעשטרענגט און געמאכט א פארזוך אָפצושטע־

לען דעם שונא. איר איז דאס אבער ניט געלונגען. שערמאן האט זי צוריקגעשטויסען ביי יעדען פונקט און ער האט זיין מארש פארטגעזעצט ביז'ן סוף.

דעם 27טען מערץ איז שערמאן אוועק זיך זען מיט גענע־ראל גרענט אין זיין הויפטקווארטיר. ער האט דארט געטראפען פרעזידענט לינקאלן. זיי האבען זיך אלע דריי דורכגערעדט וועגען דער מיליטערישער לאגע. די צוויי גענעראלען זיינען געקומען צום באשלוס, אז נאך איין בלוטיגע שלאכט וועט ענדיגען די מלחמה. לינקאלן האט זיי געפרעגט אויב עס איז ניט מעגליך די לעצטע שלאכט צו פארמיידען. דערויף האט שערמאן גע־ענטפערט: „דאס ליגט ניט ביי אונז אין די הענד. גענעראל לי און פרעזידענט דייוויס וועלען דארפען באשטימען צי די צוויי ארמייען זאלען זיך ווידער באגעגענען אין א פארצווייפעלטער שלאכט".

די לעצטע שלאכט איז קורץ נאכדעם פארגעקומען ארום ריטשמאנד.

קאַפּיטעל 24.

ריטשמאָנד פאַלט, לי גיט זיך אונטער.

גענעראַל גרענט האָט באַלאַגערט ריטשמאָנד און פּעטערס־בורג פון מיטען זומער, 1864, ביז מיטען ווינטער, 1865. גרענט'ס אַרמיי איז געווען צוויי מאָל אַזוי די גרויס ווי לי'ס, דאָך האָט גרענט ניט געקענט דורכברעכען דעם רינג פון פּעס־טונגען מיט וועלכע לי האָט אַרומגערינגעלט זיינע צוויי וויכ־טיגע שטעט. גרענט האָט אָבער ביסלאַכווייז אָפּגעשניטען די פאַרבינדונגען וואָס לי האָט געהאַט מיט די ווייטערע געגענדען פון דער סאַוט, די געגענדען פון וואַנען ער האָט באַקומען פּראָ־וויאַנט און אַמוניציע. דאָס האָט געהאַט א ווירקונג. וואָס א וואָך, וואָס א טאָג, איז די לאַגע אין די צוויי שטעט גע־וואָרען שווערער. עס האָט אויסגעפעלט שפּייז, קליידער און אַנ־דערע נויטיגע זאַכען. דער רעזולטאַט איז געווען אַז סאָלדאַטען האָבען דעזערטירט. אין די פריערדיגע יאָרען פלעגען סאָלדאַטען אין דער אַרמיי פון דער סאַוט נעמען אורלויב צווישען איין קאַמפּאַניע און א צווייטע. זיי פלעגען אַהיים גיין זיך זען מיט זייערע פאַמיליעס אדער א קוק טאָן אויף זייערע פאַרמס. ווען די שלאַכטען פלעגען זיך ווידער אָנפאַנגען פלעגען א סך פון זיי צוריקקומען. איצטער אַז זיי זיינען אַוועק זיינען זיי שוין צוריק ניט געקומען. לי האָט אין זיין באַריכט צו זיין רע־גירונג געשריבען: „די פּראַגע איצט איז — ווי קריגט מען שפּייז און קליידער פאַר דער אַרמיי. אין איינעם פון אונזערע רעגימענטען זיינען דאָ בלויז פופצען סאָלדאַטען וואָס האָבען שיך אויף די פיס". אין א צווייטען באַריכט שרייבט ער: „די סאָלדאַטען זיינען געווען ביים פראָנט צוויי טעג. שוין דריי טעג

אז זיי האבען קיין פלייש ניט געהאט. אין זייערע דינע קליידער זיינען זיי געצוואונגען צו גיין אין קעלט, אין האגעל און אין פארפראָנענע בלאָטע".

פאר לי'ען איז געבליבען איין אויסוועג — צו פארלאָזען ריטשמאָנד און פעטערסבורג און אוועקמארשירען מיט זיין ארמיי אין דעם וועסטליכען טייל פון ווירדזשיניא. אין יענער געגענד איז איצט געשטאנען אן ארמיי אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל דזשאָנסטאָן. לי האָט געהאָפט אז אים וועט געלינגען מיט יענער ארמיי זיך צו פאראייניגען. די צוויי ארמייען צוזאמען וואלטען פיליכט געקענט דעם קאמף פארטזעצען אין דער וועסט, אין טענעסי, אין קענטאָקי.

דעם 25טען מערץ האָט לי געגומען דורכפירען זיין לעצטען פארצווייפעלטען פלאן. ער האָט פאר זיך געהאט איין אָפענעם וועג, צו מערב צו. דאָרט איז געווען די ריטשמאָנד־דענוויל אייזענבאן. מיט איר האָט ער געהאָפט צו דערגרייכען דענוויל אָדער לינטשבורג איידער גרענט וועט אים אָניאָגען.

דעם 29טען מערץ האָט גרענט געשיקט אן ארמיי אונטער גענעראל שערידאן ער זאָל אָפשניידען לי'ען דעם וועג. דעם ערשטען אפריל האָט שערידען באזיגט לי'ס ארמיי ביים פונקט פייוו אוקס. די באן איז אָפגעשניטען געווארען. לי האָט גענומען מארשירען מיט זיינע סאָלדאטען אין דער ריכטונג פון לינטשבורג. שערידען האָט אפגעשניטען דעם וועג פאר די וואגאָנען וואָס האבען געפירט שפייז צו לי'ען. לי האָט געמוזט זאמלען עסענווארג אונטערוועגס ביי די פארמערס. דעם 3טען אפריל האָט שערידען געלאָזט וויסען גרענט'ן אז לי געפינט זיך אין א פארצווייפעלטער לאגע און אז ער וועט זיך אינגיכען מוזען אונטערגעבען. גרענט איז יענע נאכט געקומען צו פאָרען רייטענדיג אין שערידאנ'ס לאגער.

אָט וואָס לי אליין דערציילט וועגען דער לאגע פון זיין ארמיי אין מאָנאט אפריל: „די ארמיי האָט מארשירט די נאכט פון 6טען. די סאָלדאטען זיינען אין א געדריקטער שטימונג

פון הונגער און מידקייט. א סך פון זיי וואַרפען אוועק זייערע ביקסען".

לי האָט זיין ארמיי אריבערגעפירט איבער דעם טייך אפּאַ־מאַטאַקס. גלייך נאָכדעם איז שערידאַנ'ס ארמיי אריבער דעם טייך. דעם 7טען אפּריל האָט גרענט געשיקט דעם פאָלגענדען בריף צו לי'ען: „דער רעזולטאַט פון דער פאַרגאַנגענער וואָך האָט אייך געוויס איבערצייגט ווי האָפנונגסלאָז אייער ווידער־שטאַנד איז. איך האַלט עס פאַר מיין פליכט אראָפּצונעמען פון זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר ווייטערער בלוטפאַרגי־סונג. דערפאַר בעט איך אייך איר זאָלט זיך אונטערגעבען". לי האָט געענטפערט מיט אַן אָנפראַגע וועגען באַדינגונגען. דערויף האָט גרענט אים געענטפערט: „אַזוי ווי מיין גרויסער וואונש איז פרידען האָב איך איין באַדינגונג, אַז די סאָלדאַטען און אָפיצירען וואָס וועלען זיך אונטערגעבען זאָלען ניט טאָרען מער דינען אין דער ארמיי געגען דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען".

דעם אַכטען אפּריל איז לי'ס ארמיי צוגעקומען צום פונקט וואָס רופט זיך אפּאַמאַטאַקס קאָורט הויז. פון דאָרט האָט לי געלאָזט וויסען גרענט'ן, אַז אונטערגעבען זיך וויל ער ניט. ער וואָלט זיך אָבער געוואָלט טרעפען מיט גרענט'ן און מיט אים ריידען וועגען מאַכען פרידען. גרענט האָט פאַרשטאַנען אַז לי זוכט צו געווינען צייט. ער האָט גלייך געענטפערט אַז וועגען פרידען האָט ער קיין רעכט ניט צו פירען אונטערהאַנדלונגען. צו דערזעלבער צייט האָט ער באַפוילען שערידאַנ'ען ער זאָל מאַרשירען אויף לי'ס ארמיי. לי האָט געמאַכט נאָך א פאַר־צווייפעלטען פארזוך דורכצוברעכען א וועג דורך שערידאַנ'ס לי־ניע. אָבער אים האָט זיך ניט איינגעגעבען. לי האָט דאַן גע־הייסען ארויפציען א ווייסען פלאַג און האָט געשיקט זאָגען גרענט'ן אַז ער וויל קומען אים זען.

די צוויי גענעראַלען האָבען זיך געטראָפען אין א הויז אין דעם קליינעם דאָרף אפּאַמאַטאַקס. לי האָט געטראָגען א נייעם מונדיר פאַרשפּילעט ביז'ן קראַגען, ביים זייט איז אים אראָפּ־

געהאנגען א שיינע שווערד, די הענטעל באזעצט מיט טייערע שטיינער. גרענט האט געטראגען א טונקעלע העמד, פארנאנדער־געשפילעט, און א שווערד. אין זיינע מעמוארען, וועלכע ער האט געשריבען אין 1885, האט גרענט דערציילט ווי אזוי ער האט געפילט ביי דער באגעגעניש: „איך בין געווען אומעטיג, גע־דריקט. מיר האבען זיך צורעדט וועגען די אלטע צייטען פון פאר דער מלחמה. דער געשפרעך איז געווען אזוי אנגענעם אז איך האב גאר פארגעסען דעם צוועק פון אונזער באגעגעניש". לי האט אים דאן געהייסען אויפשרייבען די באדינגונגען אויף וועלכע ער וויל ער זאל זיך אונטערגעבען. גרענט האט עס געטאן. גרענט האט איינגעווילינגט צו ערלויבען לי'ס סאלדאטען גיין אהיים. זיי זאלען זיך נאר פארפליכטען ניט צו קעמפען מער געגען די פאראייניגטע שטאטען. ער האט ערלויבט די אפיצירען מיטצונעמען אהיים זייערע פערד און זייערע שווער־דען. לי האט אים געבעטען ער זאל אויך די קאוואלעריע סאל־דאטען ערלויבען מיטצונעמען אהיים זייערע פערד. ער האט אנ־געוויזען אויף דעם, אז ערשטענס, איז אין דער קאנפעדעראציע־ארמיי איינגעפירט, אז יעדער סאלדאט קויפט אדער ברענגט זיין אייגענעם פערד, און צווייטענס, איז די סאוט דורך דער מלחמה פארארימט געווארען און די סאלדאטען וועלען זיך שטארק נויטיגען אין זייערע פערד פארטצוזעצען זייער ארבייט אויף די פארמס.

גרענט איז אויך דערויף איינגעגאנגען.

לי האט דאן אנגענומען גרענט'ס באדינגונגען און האט זיך אונטערגעגעבען. זיין ארמיי איז באשטאנען פון גענויע 27 טויזענד מאן. אזוי ווי זיי זיינען געווען אויסגעהונגערט האט גרענט געהייסען מען זאל זיי גלייך געבען א מאלצייט. גרענט האט אויך געהייסען זיינע סאלדאטען זיי זאלען ניט מאכען קיינע דעמאנסטראציעס. ער האט געזאגט אזוי: „די מלחמה איז געענדיגט. די רעבעלען זיינען ווידער אונזערע מיטבירגער. דער בעסטער צייכען פון פרייד נאך דעם זיג וועט זיין זיך צוריק־צוהאלטען פון צו מאכען דעמאנסטראציעס אויפ'ן שלאכטפעלד".

די נייעס אז לי האָט זיך אונטערגעגעבען איז אָנגעקומען אין וואשניגטאָן זונטאָג, דעם 9טען אפּריל, ניין אזייגער ביינאכט. די נאָרט האָט געפּראַוועט יום טוב די נאכט פון דעם ניינטען און דעם גאנצען טאָג און די גאנצע נאכט פון דעם צענטען. אזאַ פרייד האָט מען נאָך אין לאַנד קיינמאָל ניט געזען. אלע געשעפטען האָבען זיך געשלאָסען. די געריכט הייזער האָבען זיך צוגעמאכט. מען האָט געשאָסען מיט הארמאַטען, געקלונגען אין די גלעקער, אלע הייזער, אלע קראָמען זיינען באהאנגען געוואָרען מיט פלאַגען. די גאסען זיינען פול געווען מיט מענשען, וועלכע האָבען געדריקט איינע די אנדערע די הענד, געשריען, געלאַכט, זיך געקושט און געווען אויסער זיך פאַר פרייד... אלטע לייט האָבען פארגעסען אָן זייערע יארען און זיך געשפּילט ווי קליינע קינדער... אין די סאַלונען און האָטעלס האָט מען געטרונקען. אין די גאסען האָט מען פארנאַנדערגעלייגט גרויסע פייערען. דאָס לאַנד איז געווען ווילד פאַר'שיכור'ט פון דעם געדאַנק אז צו די שרעקליכע יאָרען פון בלוטפארגיסונג האָבען ענדליך גענומען א סוף.

קאַפּיטעל 27.

די סאַוט אין די מלחמה יאָרען

די מלחמה־יאָרען זיינען פאר דער סאוט געוועזן ניט אין ערך שווערער ווי פאר דער נאָרט. דער ענטוזיאזם און די איינינקייט מיט וועלכע זי האָט זיך לכתחילה ארייגעווארפען אין דעם קאמף האָבען באלד אָנגעהויבען צו פארשווינדען. די אנטוישונגען זיינען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער. דאָס, צוזאמען מיט די מפּלות אויף די שלאַכט־פעלדער און דעם צוזאמענברוך פון דעם מאַטעריעלען פונדאַמענט פון לאַנד, האָבען געפירט דערצו אז דער עולם איז געווארען אומצופרידען מיט דער פּאָליטישער אַדמיניסטראציע, מיט דער רעגירונג. די מלחמה איז געפירט געווארען גרעסטענטיילס אויף דער טעריטאָריע פון דער סאוט. דאָרט האָבען שווערד און פייער געטאָן זייער פארניכטונגס ארבייט. טויזענדער היימען זיינען חרוב געווארען. טויזענדער פאַמיליעס זיינען ארויסגעריסען געווארען מיט'ן ווארצעל און זיינען אוועקגעשליידערט געווארען אין גלות אריין. און וואָס לענגער די מלחמה האָט זיך געצויגען אלץ מער קרבנות האָט די רעגירונג געפאָדערט פון דער באַפעלקערונג, קרבנות אין מענשען און קרבנות אין אייגענטום. די שטייערען זיינען געווארען אומדערטרעגליך שווער. אין די שטעטלאך און אויף די פאַרמס זיינען כמעט קיין מענער ניט געבליבען צו דערנערען די פרויען און די קינדער. אין די לעצטע פריזיוועז האָט מען גענומען איינגלאך פון זעכצען יאר און אַלטע לייט פון זעכציג. די מלחמה האָט אַלץ פארצוקט, אלץ אויפגעפרעסען.

די וואקסענדיגע אומצופרידענהייט אין לאַנד האָט איר שאַרפסטען אויסדרוק געקראגען אין די אַטאַקעס אויף דער אד־

מיניסטראציע, אויף פרעזידענט דזשעפערסאָן דייווים און אויף זיין הויפט מיניסטער, דעם אידען, דזשודא פ. בענדזשאמין. אין די הויכע פאָליטישע קרייזען זיינען געווען פראקציעס גלייך



דזשעפערסאָן דייווים
פרעזידענט פון דער קאָנפעדעראציע.

פון ערשטען טאָג אָן וואס די קאָנפעדעראציע איז אָרגאניזירט געווארען. דזשעפערסאָן דייווים האָט לכתחילה גארניט געוואָלט זיין פרעזידענט. זיין אמביציע איז גאָר געווען צו זיין א גענע־ראל אין דער ארמיי. ער האָט זיך געהאלטען פאר א גרויסען

מיליטערישען קאפ. ער האט געוואלט האבען א געלעגענהייט צו באווייזען וואס ער קען אויפטאן אויפ'ן שלאכטפעלד. און ביז היינטיגען טאג איז אייגענטליך א געהיימניס פארוואס דייוויס האט באקומען דעם פרעזידענט־אמט. די געהיימניס קען טייל־ווייז דערקלערט ווערען דערמיט וואס דייוויס האט פארטראטען דעם צענטער אין דער פאליטיק פון דער סאוט. עס זיינען געווען „ראדיקאלען" וועלכע האבען פארטראטען די אלטע שקלא־פען־אריסטאקראטיע פון די געוועזענע שקלאפען־שטאטען סאוט קאראליינא און דזשארדזשיא. די אריסטאקראטען האבען גע־שטעלט זייערע אייגענע שטאטען העכער ווי אלץ, העכער ווי די גאנצע סאוט. ביים צווייטען עקסטרעם איז געווען א פליגעל פון „קאנסערוואטארען", וועלכע וואלטען ליבערשט געוואלט אז אלץ זאל בלייבען ווי געווען, אז מען זאל ווי עס איז דורכקומען מיט דער לינקאלן־אדמיניסטראציע און בלייבען ווייטער אין די פאראייניגטע שטאטען. דייוויס האט פארטראטען די מיטעל־סטע פאזיציע. ער האט געהאלטען, אז די סאוט מוז זיך אפ־רייסען, אבער ער האט געגלויבט אז אין דער סאוט גופא זיינען ניטא קיין יחסנים, אז די יונגע שטאטען פון דער סאוט־וועסט זיינען פונקט אזוי וויכטיג, דארפען האבען פונקט אזא דעה ווי די אלטע שטאטען פון דער סאוט־איסט. דייוויס אליין איז גע־קומען פון דער סאוט־וועסט, פון דעם שטאט מיסיסיפי. זיין פאמיליע איז געווען אן אויפגעקומענע. ער האט ניט געשטאמט פון אלטע אריסטאקראטען.

ביים צוזאמענשטעלען דעם קאבינעט האט דייוויס דעם „רא־דיקאלען" פליגעל כמעט אין גאנצען איגנארירט. ער האט אין דער רעגירונג אריינגעצויגען וואס מער צענטריסטען און וואס מער „קאנסערוואטארען". אין איניגע פון די וויכטיגסטע עמ־טער האט ער אריינגעזעצט מענשען, וואס זיינען פריער אינגאנ־צען געווען געגען אפרייסען זיך פון דער נארט. די „ראדיקאלען" האבען אלזא שוין פון אנהויב אן געטראגען א כעס אויף אים. זיי האבען געווארט אויף א געלעגענהייט צו קענען ארויסטרעטען געגען אים אין דער עפענטליכקייט.

וואָס פאַר א מענש איז געווען דזשעפערסאָן דייווים? ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף א רייכער פּלאַנטאַציע אין מי־סיסיפּי. דאָן האָט ער געשטודירט אין דער נאַציאָנאַלער מיליטערישער שולע, אין וועסט פּאָינט, וואו ער האָט ארויסגעוויזען פייאיגקייטען. ער איז געווען אָן אָפיצער אין דער מלחמה מיט מעקסיקא און דאָרטען האָט ער זיך געמאכט א נאָמען. שפּעטער האָט ער פון דער ארמיי רעזיגנירט און זיך אריינגעוואָרפען אין פּאָליטיק. ער איז געווען קריגס־מיניסטער אין פּרעזידענט פּיערס'עס אדמיניסטראציע, אין 1852. ווען לינקאָלן איז אויס־

דזשודאַ בענדזשאַמין
הויפּט־מיניסטער פון דער קאָנפעדעראַציע.

געוויילט געווארען איז דייווים געזעסען אין סענאַט אלס פאַר־שטייער פון מיסיסיפּי.

דזשעפערסאָן דייווים האָט אין דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פארנומען דעם פּלאַץ פון דזשאָן קאלהון, אלס פארטיידיגער פון דער סאוט, אלס פאָרקעמפּפער פון שקלאַפעריי און פון די פּאָליטישע אידעען פון דער שקלאַפען־אריסטאָקראַטיע. ער איז גע־ווען א גוטער רעדנער און א גוטער דעבאטאנט. ער האָט גע־האַט א פייערדיגען טעמפּעראַמענט. אָבער ער האָט זיך שטענדיג געהאַלטען אריסטאָקראַטיש, גאוה'דיג. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין „העכערען פּלאַץ“ אין דער געזעלשאפט. ער האָט אויפריכטיג געגלויבט, אז ער געהערט צו א העכערען מין מענש

ווי זיינע קאלעגען פון דער נארט. ער האט געהאט א פעסטען כאראקטער, וואס עס איז אפט אונמעגליך געווען צו בויגען אויף א האר.

מערקווירדיג איז געווען דייווים'עס צוטרוי און צוגעבונדענקייט צו זיין הויפט־מיניסטער, דזשודא פ. בענדזאשמין. ער האט בענדזשאמינ'ען באשיצט געגען די שארפסטע אטאקעס. צוליב בענדזשאמינ'ען האט ער ארויסגערופען געגען זיך דעם צארן פון זיין קאנגרעס. אבער ער איז אים געבליבען טריי. לכתחילה, ווען דייווים האט צונויפגעשטעלט זיין קאבינעט, האט ער געמאכט בענדזשאמינ'ען פאר זיין יוסטיץ מיניסטער (אטוירני דזשענעראל). עטליכע מאנאטען שפעטער, אין סעפטעמבער, 1861, האט ער אים דערהויבען צום הויכען אמט פון קריגס־מיניסטער (סעקרעטארי אוו ואר). אין מערץ, 1862, איז בענדזשאמין שארף אטאקירט געווארען אין דער פרעסע פאר א נידערלאגע וואס די סאוט האט געהאט געליטען, און דייווים איז געצוואונגען געווען אים צו באזייטיגען פון קריגס־מיניסטעריום. אבער ער האט אים גלייך אריינגעזעצט אין נאך א העכערען אמט. ער האט אים געמאכט פאר אויסערן־מיניסטער (סעקרעטארי אוו סטייט), וואס ווערט באטראכט פאר'ן סאמע וויכטיגסטען מיניסטארען־אמט (אין דער אמעריקאנער רעגירונג פארנעמט דער סעקרעטערי אוו סטייט דעם צווייטען פלאץ נאכ'ן פרעזידענט).

וועגען דעם, אז בענדזשאמין איז געווען דער פייאיגסטער מענש אין דייווים'עס קאבינעט, זיינען אלע איינשטימיג. עס זיינען אבער דא מיינונגס־פארשידענהייטען וועגען דעם גראד פון זיין גרויסקייט, וועגען זיין כאראקטער, וועגען זיין אויפריכטיגער איבערגעבענקייט צו דער סאוט. בענדזשאמין איז געבוירען געווארען אין די וועסט אינדיס, ערצויגען געווארען אין טשארלסטאון, סאוט קאראליינא, שטודירט אין יעיל קאלעדזש, און זיין קאריערע אלס גרויסער אדוואקאט האט ער זיך געמאכט אין לואיזיאנא. אין לואיזיאנא איז ער אויך געווארען א חשוב אין דער פאליטיק. ער איז דא אויסגעוויילט געווארען

פאַר סענאַטאָר און איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פאַר־טיידיגער פון דער שקלאַפּישער פאָוס. ווען זיין שטאַט, לואיזי־אַנאַ, האָט באַשלאָסען אַרויסצוטרעטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען, האָט בענדזשאַמין רעזיגנירט פון סענאַט צוזאַמען מיט זיינע איבעריגע קאָלעגען אין קאָנגרעס.

אָט איז אַ כאַראַקטער־בילד פון בענדזשאַמינ׳ען, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון זיינעם אַ געגנער, דזשאָן וויז, אַ זון פון דעם לעצטען גאָווערנאָר פון ווירדזשיניא (פאַר דעם אויפ־שטאַנד). וויז שרייבט: „אין אַ סך פּרטים איז בענדזשאַמין געווען אַ מערקווירדיגע פּערזענליכקייט אין די שטאַטען פון דער קאָנפעדעראַציע. די פירער פון דער קאָנפעדעראַציע זיינען גע־וויינליך געווען ענטוועדער מענשען מיט טיפע געפילען און איבער־צייגונגען אָדער מענשען מיט אינטענסיווע, ליידענשאַפטליכע נאַ־טורען. אַנדערש איז געווען בענדזשאַמין. ער האָט געהאַט מער מאַרך און ווייניגער האַרץ ווי וועלכער עס איז אַנדערער פירער פון דער פאָוס. ער איז געווען אַן ענגלישער איד. אַ גרויסער אַדוואָקאַט. זיין אויפגאַבע אין דער קאָנפעדעראַציע האָט ער זיך אונטערגענומען דורכצופירען ווי אַן אַדוואָקאַט נעמט זיך אונטער דורכצופירען אַ פּראָצעס פאַר אַ קליענט. פאַר זיין קליענט האָט ער געאַרבייט מיט מערקווירדיגען פאַרשטאַנד, מיט גרויס וויסען, מיט אומבאַגרענצטער געדולד, מיט אַבסאָלוטער געטריישאַפט און איבערגעבענקייט. און אויב זיין קליענט איז לסוף דאָך אויפגעהאַנגען געוואָרען, האָט עס פּאַסירט ערשט נאָכ־דעם ווי בענדזשאַמין האָט פאַר אים געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען פאַר אים צו טאָן. אָבער נאָכדעם ווי בענדזשאַמין האָט אויסגעשעפּט אַלע קוואַלען פון פאַרטיידיגונג און האָט גע־ענדיגט די אַרבייט פאַר וועלכער מען האָט אים געדונגען האָט ער זיין קליענט איינגאַנצען אַרויסגעשלאָגען פון געדאַנק. ער האָט זיך געקענט זיצען און רויכערען אַ סיגאַר און טרינקען אַ פלאַש וויין אין זעלבען מאָמענט ווען זיין קליענט ווערט געפירט צו דער תּליה. זיין נאַטור איז געווען אַזאַ, אַז ער איז צו קיין זאַך ניט געווען צוגעבונדען מיט׳ן גאַנצען האַרצען. ער

האָט זעלטען געליטען דערפון וואס אנדערע מענשען ליידען. זיינע איבערצייגונגען זיינען געווען באשטימטע, קלאָרע און ער האָט אין זיי געגלויבט שטארק, פעסט. אבער ער איז צו זיי ניט געווען צוגעבונדען ליידענשאפטליך. זיי זיינען ביי אים ניט געווען פארוואָלקענט ניט דורך ליבע און ניט דורך האס. זכרונות האָבען קיינמאָל ניט געדריקט זיין נשמה. ווען ער האָט פארלאָרען א פראָצעס האָט ער עס ניט באדויערט. ער האָט באלד אָנגעהויבען א נייעם פראָצעס פאר א נייעם קליענט. ער האָט זיין ראָלע אין דער קאָנפעדעראציע געשפּילט אזוי ווי דאָס וואָלט געווען א האנד אין קאָרטען. זייענדיג א גוטער שפּילער האָט ער ניט פארלאָרען קיין איינציגע קאָרט וואס איז נאָר מעגליך געווען צו ראטעווען. ער האָט געטאָן אלץ צו געווינען פאר זיך און פאר זיין שותף. אָבער ווען ער האָט פארלאָרען, האָט ער זיך ניט געערגערט. ער האָט צוריסען די אלטע פעשעל קארטען, פאררויכערט א פרישען סיגאר, זיך איבערגעזעצט אויף א צוויי־טען טישעל, זיך געבעטען דערלאנגען א פרישען פעשעל קארטען, זיך גענומען א נייעם שותף און גענומען שפּילען א נייע שפּיל. די נייע שפּיל האָט זיך ארויסגעוויזען מער ערפאָלגרייך ווי זיין שפּיל אין דער קאָנפעדעראציע. ער האָט זיך איבערגעקליבען קיין ענגלאנד און דאָרטען איז ער געווארען א זייער בארימטער אד־וואָקאט. וועגען דער קאָנפעדעראציע און איר אונטערגאנג האָט איצט בענדזשאמין געטראכט אזוי ווי פון א פאראיאריגען פויגעל־שען נעסט".

אין א צווייטען פּלאַץ גיט דערזעלבער שרייבער א שילדע־רונג פון בענדזשאמינ'ס פיזישען אויסזען. ער שרייבט: „דער אויליגער בענדזשאמין האָט זיך ארייגגעגליטשט אין צימער. זיין קיילעכדיגער קערפּער און איבערטריבענע העפליכקייט האָבען דערמאָנט אָן אַן ערפאָלגרייכען קרעמער. אָבער זיין אויג האָט אים אויסגעלייזט. זיין ריידען איז געווען עלעגאנט און ראַ־פינירט. זיין נאָז איז געווען אויסגעקרימט און זיינע דיקע ליפּען האָבען ארויסגעגלאנצט רויטע פון דער געקרויזטער, שווארצער, סעמיטישער באָרד".

דער היסטאָריקער סטיפענסאָן כאראקטעריזירט בענדזשאַמינ'ען אביסעל אנדערש: ער איז געוועזן איינער פון די אינטערעסאנטסטע פערזענליכקייטען אין דער אמעריקאנער פּאָליטיק. . . קיינער לייקענט ניט אָפּ, אז ער האָט געהאט א שארפען קאָפּ. ער האָט פארמאָגט די קלאָרקייט פון דענקען און די וואונדערבארע אידישע ערליכקייט אין זאכען וואס האבען צו טאָן מיט דענקען. ער איז אָבער אויך געווען אַן אמעריקאנער פון זיין צייט. . . מען דערציילט וועגען אים אז ער פלעגט שטענדיג שמייכלען. דאָך איז אין ערגעץ אין דער געשיכטע ניטאָ נאָך איינער וואס האָט אין אָנגעשטרענגטע מאָמענטען געשריבען זיינע רעגירונגס־דאָקומענטען מיט אזא ווילדער אויפגערעגטקייט ווי ער. צי די אויפגערעגטקייט איז געווען אַן אויפריכטיגע איז א פראגע, אין וועלכער זיינע ביאגראפען זיינען ניט איינשטימיג."

דער בארימטער ביאָגראף גמליאל ברעדפאָרד גלויבט, אז בענדזשאמין איז געווען מער אויפריכטיג און מער ליידענשאפטליך און מער ערנסט ווי זיינע געגנער אין דער קאָנפעדעראציע ווילען צוגעבען. ער קען אָבער אים אויך ניט מוחל זיין וואס ער האָט זיך נאָך דער מפלה פון דער קאָנפעדעראציע זיך אויפגעבויט א נייע קאריערע אין ענגלאנד. ער איז געווארען איינער פון די בארימטסטע און רייכסטע אדוואָקאטען אין ענגלאנד און די ענגלישע רעגירונג האָט אים באערט און דעקאָרירט.

מיט אידען און אידישקייט האָט בענדזשאמין וויניג שייכות געהאט. ער האָט געהייראט מיט א קאטוילישער פרוי און ער ליגט באערדיגט אויף א קאטוילישען בית־עולם.

דעם ערשטען יאר פון דער מלחמה האָט זיך דייוויס'עס אדמיניסטראציע ארויסגעוויזען פאר גאנץ ערפאָלגרייך. זי האָט צונויפגעשטעלט א גרויסע ארמיי, האָט אויפגעבויט איינע פאבריקען פון אמוניציע, האָט ארויסגעשיקט שיפען אָנצופאלען אויף די האנדעלס־שיפען פון דער נאָרט, האָט אימפּאָרטירט אמוניציע און אנדערע מלחמה מאטעריאלען פון איירָאפּא. אָבער אין פּצ־לויף פון יענעם יאָר האָט דייוויס זיך איבערצייגט, אז

דער קאמף וועט זיין א פיל שווערערער און א פיל לענגערער ווי ער האָט געמיינט. ער האָט דאַן זיך גענומען אָרגאַניזירען די כחות פון דער סאוט אויף א ברייטערען, אויף א נאַציאָנאַלען מאסשטאב. ער האָט די פירערשאַפט פון דער מלחמה אריינגענומען אלץ מער און מער אין זיינע הענד, איז געווארען מער דיקטאַטאָריש, ביוראקראטיש, דעספאָטיש. דאָס האָט געשאפען די גרויסע, ביטערע אָפּאָזיציע געגען אים.

עס איז אויפגעשוואומען די פראַגע פון דער ארמיי. וואו נעמט מען סאָלדאטען? ווען די מלחמה האָט אויסגעבראכען האָבען אלע געמיינט אז זי וועט זיך ענדיגען אין עטליכע מאָנאטען. אויף דעם רוף נאָך פרייוויליגע רעקרוטען האָבען גענטפערט עטליכע צענדליג טויזענד. זיי האָבען זיך אנגעשלאָסען אָן דער ארמיי אויף איין יאר צייט. די ארמיי האָט עס געוואונען די שלאכט ביי בול ראָן. נאָך דעם זיג זיינען א סך פון די סאָלדאטען אוועק צוריק אהיים. זיי האָבען געמיינט, אז עס איז שוין געענדיגט. זיי האָבען געגלויבט אז איין סאָלדאט פון דער סאוט וועט זיך קענען ספראווען מיט דריי סאָלדאטען פון דער נאָרט.

סוף מערץ, 1862, האָט דייווים אריינגעשיקט א מעסעדזש צו זיין קאָנגרעס מיט דער רעקאָמענדאציע איינצופירען געצוואונגענע מיליטער דינסט. דער קאָנגרעס האָט אים געפאָלגט און אין אפריל איז שוין אריין אין קראפט א געזעץ, אז אלע מענער צווישען עלטער פון 18 און 35 יאר מוזען זיך שטעלען צום פריזיוו. דאָס געזעץ האָט ארויסגערופען א שטארקע אפּאָזיציע צווישען א גרויסער צאָל בירגער און צווישען די בעאמטע פון געוויסע שטאַטען. איבערהויפּט די שקלאַפען־אייגענטימער האָבען ניט געוואָלט ליידען אז מען זאָל זיי צונעמען פון דער היים און שיקען אין קריג. די שטאַט־בעאמטע, ווידער האָבען געוואָלט אליין האָבען די דעה צו באַשטימען בעאמטע אין דער ארמיי און אָרגאַניזירען די רעגימענטען. זיי האָבען אויך געוואָלט האָבען דאָס רעכט צו באַשטימען צי זייערע סאָלדאטען

זאָלען, אין א געוויסען מאָמענט, גיין זיך אָנשליסען אָן דער נאציאָנאלער ארמיי אדער בלייבען היטען דעם אייגענעם שטאַט.

ארום דער ארמיי איז אָנגעגאַנגען אַן אומאויפהערליכער קאמף צווישען דייווים'ן און זיינע געגנער. דייווים האָט געהאַלטען, אז די ארמיי מוז זיין אָרגאַניזירט אונטער דער נאַציאָנאַלער קאָמאַנדע און אז זיינע גענעראלען דארפען איבער איר האָבען די גאַנצע דעה. די רעגירונגען פון די באַזונדערע שטאַטען האָבען געהאַלטען, אז יעדער שטאַט דארף האָבען זיין ארמיי און אז די שטאַטען דארפען האָבען דאָס רעכט אַליין צו טאָן מיט זייערע אַרמייען וואס זיי דענקען איז נויטיג. דאָס איז ניט געווען די איינציגע פראגע איבער וועלכער די דייווים־אַדמיניס־טראציע איז געקומען אין צוזאַמענשטוים מיט די באַזונדערע שטאַט־רעגירונגען. עס האָט זיך געשאַפען כמעט אַ קאָמישע לאַגע. די שטאַטען פון דער סאוט זיינען דאָך אייגענטליך ארויס־געטראַטען פון די פאַראייניגטע שטאַטען ווייל זיי האָבען געהאַל־טען, אז די שטאַט־רעגירונגען שטייען העכער ווי די נאַציאָנאַלע רעגירונג, אז די נאַציאָנאַלע רעגירונג מעג טאָן בלויז דאָס וואס די שטאַטרעגירונגען ערלויבען איר צו טאָן; פאַר אָט די שטאַט־רעכט איז די סאוט אַרויס אין א בלוטיגען קאמף געגען דער נאָרט. און איצט, אזוי שנעל ווי די סאוט האָט אָרגאַניזירט אַן איינענע רעגירונג, האָט איר נאַציאָנאַלע רעגירונג גענומען האַנדלען פונקט ווי עס האָט געהאַנדעלט די רעגירונג פון די פאַר־איינינגטע שטאַטען. זי האָט זיך אויך געשטעלט העכער איבער די שטאַט־רעגירונגען.

אָבער דייווים האָט דאָך די ארמיי ארויסגענומען פון די הענד פון די איינצעלנע שטאַטען און זי געשטעלט אונטער דעם קאָנטראָל פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. ער האָט אויך פון זיין קאָנגרעס באַקומען דאָס רעכט צו שטעלען שטעט און גאַנצע ראַיאָנען אין דער סאוט אונטער קריגס־צושטאַנד און צונעמען ביי די איינוואוינער זייערע פּערזענליכע פרייהייטען און רעכט, ווי צום ביישפּיל, דאָס „הייביאַס קאָרפּוס“ רעכט (דערין האָט ער געהאַנדעלט פונקט ווי לינקאָלן, וועלכער איז אין דער סאוט פאַר־

דאמט געווארען דערפאר אלס דעספאט). אין די שפעטערדיגע יארען, ווען די לאגע איז געווארען שווערער פאר דער סאוט און די ארמיי האט זיך גענויטיגט אין עסענוואַרג און קליידער און די רעגירונג האט זיך גענויטיגט אין געלד, האט ער געטאן נאך ערגערע זאכען, האט געהאנדעלט נאך מער דיקטאטאריש. די אפאזיציע געגען אים איז דערפאר געווארען אלץ שטארקער און פארביטערטער.

עס איז דא ניט געגאנגען בלויז אין דעם פרינציפ פון שטאט־רעכט און שטאט פרייהייטען. עס איז דא אויך געגאנגען אין דער פראגע פון מאכט און יחוס. די אריסטאקראטען פון די אלטע שטאטען פון דער סאוט האבען זיך ניט געוואלט בויגען פאר א העכערער מאכט. פראפעסאר דאד, אין זיין ווערק, „דזשעפערסאן דייוויס", שרייבט פאלגענדעס: „אין דער פאלי־טישער סיסטעם פון דער סאוט איז געווען טיף איינגעוואר־צעלט דער פאוואריטיזם (טובות צו אייגענע מענשען). די אריסטאקראטיע האט געקראגען ספעציעלע אנערקענונג אין אלץ, אויסער אין די געזעץ־ביכער. די יחסנ'דיגע פאמיליעס פון סאוט־קאראליינא האבען גערעכענט צו קריגען הויכע עמטער און ספע־ציעלע באלוינונגען; די ערשטע פאמיליעס פון ווירדזשיניא האבען גערעכענט דאס זעלבע. די רייכע שקלאפען־אייגענטימער האבען אין טויזענדער פאלען געפאדערט מען זאל זיי באפרייען פון מיליטערישער דינסט אויפ'ן שלאכטפעלד."

אין אנפאנג יאר 1862 האט די סאוט שוין אנגעהויבען צו פילען די ווירקונג פון דער מלחמה. די פרייזען פון לעבענס־מיטעל האבען גענומען שטייגען הויך. זאלץ האט געקאסט 20 דאלער א זאק. עס האט זיך ארגאניזירט א טראסט צו קאנ־טראלירען דעם האנדעל מיט אט דעם וויכטיגען לעבענסמיטעל. מען האט געטראגען אלטע קליידער, און פרויען פלעגען קומען אין קירכע מיט פארלאטעטע היט. די באנען זיינען געווען פארקרי־פעלט, ווייל עס האט געפעלט אייזען זיי צו פאררעכטען, און זיי האבען ניט געקענט לויפען אין צייט אפילו ווען די מיליטע־רישע נויטווענדיגקייט האט עס געפאדערט. גענעראל באָרעגארד

האָט אויפגעפאָדערט די קירכעס אין טענעסי און אין די נידעריגע שטאַטען זיי זאָלען איבערגיסען זייערע קירכען־גלעקער אין קאַנאָנען.

קיין געלט איז ניט געווען. בשעת די מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָט די קאָנפעדעראַציע פארכאַפּט דאָס גאָלד וואס האָט זיך געפונען אין די מינצען פון די פאראייניגטע שטאַטען אין די זידליכע שטאַטען. דאָס גאָלד האָט די רעגירונג גלייך ארויסגעשיקט קיין אויסלאַנד אויף צו קויפען מלחמה־מאַטעריאַלען. דאָס גאָלד וואָס האָט צירקולירט אלס געלד איז שנעל פארשוואונדען. ביים אָנפאנג פון דער מלחמה איז אין דער סאוט געווען אן ערך זעכציג מיליאָן דאָלער אין גאָלד, אָבער אין פארלויף פון די ערשטע זעקס מאָנאַטען איז דערפון קיין סימן ניט געווען. א טייל איז ארויסגעשיקט געווארען אין אויסלאַנד און א טייל האָבען די אייגענטימער באהאַלטען. דייווים איז געצוואונגען געווען צו באָרגען געלד אויף וועקסלען. די רעגירונג האָט ארויסגעלאָזען וועקסלען וועלכע האָבען איר פארפליכטעט צו באצאָלען דעם קרן נאָכדעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגען; די פראָצענטען האָט די רעגירונג געצאָלט גלייך, אָבער מיט פּאפּיר־געלט. די ערשטע צייט האָט דייווים ניט געוואָלט ארויפצווינגען קיין שווערע שטייערען אויפ׳ן פאָלק. ער האָט בעסער באנוצט די מיטלען פון הלוואות און פּאפּיר־געלד. די סאָלדאַטען און די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע האָבען באקומען געצאָלט מיט׳ן פּאפּיר־געלד, וואס האָט געהאַלטען אין איין פאלען אין ווערט. דער רעזולטאַט איז געווען, אז די פאַמיליעס פון די סאָלדאַטען האָבען מיט זייער געהאלט ניט געקענט אויסקומען. די פרויען און די קינדער האָבען זיך אליין געמוזט דערנערען. אויב די פרויען און קינדער זיינען געווען צו שוואך אָדער צו יונג צו גיין ארבייטען האָבען זיי געמוזט אָנקומען צו קצבה. אין דער גאנצער סאוט זיינען געגרינדעט געווארען ספּעציעלע צדקה־אָרגאַניזאַציעס אויפצוהאַלטען די פאַמיליעס פון די אָרימע סאָלדאַטען.

די ערשטע צייט האָט די קאָנפעדעראַציע ניט גענומען ערנסט

די בלאקאדע וואס לינקאלן האט פראקלאמירט. אבער שפעטער, אז עס איז ווירקליך געווארען שווער אריינצופירען און ארויסצופירען שיפען אין די האפענס, האט זיך די סאוט געטרויסט מיט צוויי זאכען: ערשטענס, אז די בלאקאדע וועט צווינגען ענגלאנד זיך צו שטעלען אויף דער זייט פון דער סאוט, ווייל די פאבריקען פון ענגלאנד האבען זיך דאך גענויטיגט אין די קאטאן פון דער סאוט; צווייטענס, אז די בלאקאדע וועט פארהאלטען די ענטוויקלונג פון די אינדוסטריען אין לאנד. די רעגירונג איז געווען אזוי זיכער, אז ענגלאנד וועט געצוואונגען זיין ארויסצוטרעטען געגען דער נארט כדי צו קריגען קאטאן, אז זי האט באפוילען די פארמערס ניט צו פארקויפען קיין קאטאן צו שמוגלערס. טייל שטאטען האבען פארבאטען די פארמער ארויסצושיקען די קאטאן. זיי האבען, הייסט עס, אליין געזוכט די בלאקאדע צו באפעסטיגען כדי ענגלאנד זאל וואס שנעלער מוזען קומען דער סאוט צו הילף. די ביידע האפענונגען זיינען ניט מקוים געווארען. שפעטער האט שוין די סאוט אליין געזוכט מיטלען ווי אזוי ארויסצושמוגלען די קאטאן און עס פארקויפען אין אייראפא. אין די לעצטע יארען פון דער מלחמה איז די ארויסגעשמוגעלטע קאטאן געווען כמעט דאס איינציגע מיטעל דורך וועלכען די קאנפעדעראציע האט געקענט קריגען געלט צו קויפען מיליטערישע זאכען אין אויסלאנד. דאן האט שוין די קאנפעדעראציע געמאכט שטרענגע געזעצען, וועלכע האבע פארבאטען די פארמער אליין צו פארקויפען די קאטאן קיין אויסלאנד. די רעגירונג האט געוואלט דעם גאנצען אויסלענדישען האנדעל אליין פירען כדי צו קענען קריגען געלד אין אויסלאנד.

דייוויס'עס פאפולאריטעט האט גענומען זינקען דעם צווייטען יאר פון דעם קריג ווען די סאוט האט זיך איבערצייגט, אז אלע אירע האפענונגען זיינען פוסטע, אז ענגלאנד וועט איר ניט העלפען און אז די מלחמה וועט זיך ניט ענדיגען אזוי שנעל.

דייוויס איז זיך געגאנגען זיין וועג. ער האט אריינגענומען אין זיינע הענד מער און מער מאכט. ער האט אויסגעפירט

אז די זיצונגען פון קאָנגרעס זאָלען אָפּגעהאַלטען ווערען אין געהיים. וויכטיגע איינצעלהייטען האָט ער באהאלטען אפילו פון קאָנגרעס. ער האָט איינגעפירט א צענזור אויף דער פרעסע. ער האָט איגנאָרירט דעם ווילען פון קאָנגרעס בנוגע קאַבינעט־מיניסטאָרען און מיליטער־בעאמטע. די צייטונגען האָבען אים שרעקליך אטאקירט. איין צייטונג האָט געשריבען אזוי: „דאָס פּאָלק קען צום פּרעזידענט ניט צוקומען. ער האָט זיך ארומגע־רינגעלט מיט אַן אָפּיצערען־וואך ווי אין א קייזערליכען הויף". א צווייטע צייטונג האָט געשריבען: „אים האָט זיך דער קאָפּ פארדרייט פון זיין פלוצלונגדיגער גרויסקייט". „ער איז א קרבן פון דער שוואכסטער שוואכקייט, — פוסטע גאוה". צייטונגען האָבען אים געהאלטען פאראנטוואָרטליך פאר מיליטע־רישע נידערלאגעס. זיי האָבען ערקלערט, אז ער האָט אפּגע־שטויסען פון דער רעגירונג און פון דער ארמיי די בעסטע, פיי־איגסטע מענשען, ווייל ער וויל איבער אלץ אליין געוועלטיגען. דייוויס איז באשולדיגט געווארען, אז ער באנוצט זיין דיקטא־טאָרישע מאכט צו ארעסטירען מענשען וועמעס איינציגער פאר־ברעכען איז דאָס, וואָס זיי וואגען אים צו קריטיקירען. פּראָ־פעסאָר דרעיפּער שרייבט: „מר. בייטס, וועלכער איז יארען לאנג געווען איינער פון די פּראָמינענטסטע מענשען אין פּאָליטישען לעבען פון ווירדזשיניא, האָט דערציילט, אז ער איז ארעסטירט געווארען אין מערץ, 1862, איינגעשפּארט געווארען אין א שמו־ציגע תפיסה, וואו מען האָט געהאלטען נעגער־ארעסטאנטען, און אז ער איז דאָרטען געזעסען אין אן איינזאמער צעל אכט וואָ־כען צייט. מען האָט אים ניט געגעבען ניט קיין טיש און ניט קיין שטול. קיינער האָט מיט אים ניט געטאָרט ריידען. ער האָט ווייטער דערציילט אז מער ווי 150 מענשען זיינען באהאנ־דעלט געווארען אויף דעם זעלבען אופן ווי ער. טייל ארעסטירטע זיינען אראָפּ פון זינען און טייל זיינען געשטארבען... מיט די ארעסטען האָט דייוויס דערגרייכט איין ציל, זאָגט בייטס, ער האָט פארשלאָסען די ליפּען פון מענשען וואס האָבען געוואָלט ריידען. אלע האָבען מורא געהאַט ארויסצוריידען זייערע מיי־

נונגען אונטער דער הערשאפט פון טעראָר און דעספאָטיזם וואס איז איינגעפירט געווארען אין ריטשמאָנד. יעדערער האָט גע־פילט, אז זיין פערזענליכע פרייהייט און זיכערהייט פאדערען, אז ער זאָל פאר זיי באצאָלען דעם פרייז פון אונטערגעבען זיך שטיל אונטער דער טיראניי פון דער קאָנפעדעראציע".

צום סוף פון צווייטען יאר האָט איבער דער סאוט גענומען שוועבען דער מלאך־המות פון הונגער. די פרייזען פון עסענווארג זיינען געשטיגען שרעקליך הויך. שולדיג אין דעם איז געוועזן טיילווייז דער מבול פון פאפיר־געלד, וואס די רעגירונג האָט גע־האלטען אין איין דרוקען; טיילווייז די ספעקולאנטען וואס האָבען אויפגעקויפט די עסענווארג און געמאכט אויף דעם א מאָנאָפאָל. געליטען דערפון האָט ניט בלויז די פרידליכע באַ־פעלקערונג אין דער היים נאָר אויך די ארמיי אויפ'ן שלאכטפעלד. די סאָלדאטען זיינען ארומגעגאנגען אן שיך. די צייטונגען האָ־בען געשילדערט הארצרייסענדע בילדער פון די סאלדאטען וואס זיינען געשטאנען בארוועסע אין שנעע. אין נעשוויל, טענעסי, האָבען די איינוואוינער אפגעהאלטען א פארזאמלונג און פּראָ־טעסטירט געגען די ספעקולאנטען. זיי האָבען געפאדערט אז די לעדזשיסלייטשור זאָל מאכען א סוף צום סקאנדאל... דער גאָ־ווערנאָר פון טענעסי האָט רעקאָמענדירט דער לעדזשיסלייטשור א געזעץ צו פארבאָטען דעם האנדעל מיט עסענווארג פאר ספעקו־לאטיווע צוועקען. אין אלאבאמא האָט דער גאָווערנאָר ארויס־געלאזען א פּראָקלאמאציע געגען די ספעקולאנטען און האָט פארבאָטען די רעגירונגס־אגענטען צו האנדלען מיט זיי. די גאָ־ווערנאָרס פון דזשאָרדזשיא, לואיזיאנא און מיסיסיפּי האָבען אויפגעפאָדערט זייערע לעדזשיסלייטשורס זיי זאָלען אננעמען מיטלען. אָבער די אַלע פּראָטעסטען, די אַלע פּראָקלאמאציעס און מאסמיטינגען האָבען ווייניג־וואס געהאָלפען. אין אלאַ־באמא האָט אין יאנואר, 1862, זאלץ געקאָסט 21 דאָלאר א זאק, און אין סעפּטעמבער איז שוין דער פרייז געווען 25 דאָ־לאר. צוקער האָט געקאָסט פון 9 ביז 12 סענט א פונט... איבער'ן לאנד איז געווארען א געשריי, אז די פּלאנטאטאָרס

זאַלען אויפהערען זייען קאטאן און זאַלען זייען קאָרן און ווייץ. אין אפריל האָט מען אין סאוואנא געצאָלט 40 סענט א טוץ אייער, פון 28 ביז 30 סענט א פונט פלייש. טיי און קאפע האָבען אפילו די רייכע ניט געקראָגען צו קויפען. מעל איז געווארען וויניגער פון טאָג צו טאָג.

די לאגע איז געווארען שווערער און שווערער. אין יולי, 1862, האָט א צייטונג אין ריטשמאָנד געשריבען, אז עס איז געבליבען איין עצה: מען זאָל אויפהענגען די ספעקולאנטען אויף די לאָמפען אין די גאסען. אין מעמפיס האָט מען געצאָלט פאר א פיל כינין אנדערהאלבען דאָלאר, מעל — דרייסיג דאָלאר א פעסעל, א שפול פאָדים — זעכציג סענט, זאַלץ — הונדערט דאָלאר א זאַק, שיך — דרייסיג דאָלאר א פאָר. אין טשארל־סטאָון האָט א פונט זאַלץ געקאָסט פופציג סענט, א פונט קעז 82 סענט. דער יקרות אויף שיך האָט מיטגעבראכט אז מענשען האָבען גענומען טראָגען שיך געמאכט פון האָלץ. פרויען אויף די פארמס האָבען אליין גענייט שיך פון איבערגעצויגענע רימען און געוואנט.

סאָלדאטען האָבען געשריבען, אז זיי האָבען ניט קיין שיך און גייען באָרוויסע אין שניי. אין ריטשמאָנד האָבען די איינ־וואוינער בייגעוואוינט אזא סצענע: סאָלדאטען האָבען מאר־שירט איבער די גאסען (דאָס איז געווען אין מיטען דעצעמבער, 1863). פילע פון זיי זיינען געווען אינגאנצען באָרוועס, האָ־בען געטראָגען טראנטעס אויף׳ן לייב. טייל האָבען קיין היט־לען ניט געהאט. די סאָלדאטען האָבען באנוצט טעפיכער זיך צוצודעקען אין זייערע לאגערן. די גלחים האָבען אין זייערע קירכעס אפעלירט צום עולם מען זאָל שענקען קאָלדרעס און טע־פיכער פאר די סאָלדאטען. עס זיינען אָרגאניזירט געווארען הילף־אָרגאניזאציעס צו זאמלען קליידער און קאָלדרעס פאר דער ארמיי.

איינע פון די שרעקליכסטע זאכען איז געווען דער מאנגעל אויף מעדיצינישע שטאָפען. איבערהויפט האָט זיך דער מאנ־געל געפילט אין די מיליטערישע האָספיטעלער.

די פראגע וועגען ארעסטירען און באשטראָפען די ספעקולאַנטען איז פאָרגעבראכט געווארען פאר א גרענד דזשורי אין א געריכט אין פעטערסבורג, ווירדזשיניא. דער ריכטער האָט פאָרגעלייגט די קלאגע פאר די געשוואָרענע. ער האָט אזוי געזאָגט: „די ארמיי פון ספעקולאַנטען מאכען שווער די לאגע פון דער רעגירונג און דריקען דאָס פאָלק. . . די הענדלער זיינען ניט די איינציגע ספעקולאַנטען. עס ספעקולירען אויך די דאָקטוירים, אדוואָקאטען, פארמער, מעכאניקער. וואו עס באווייזט זיך נאָר עפּעס א זאך צום פארקויפען קומען צו פליען א מחנה ספעקולאַנטען. ווען עס קומט אריין א שיף אין האפען לויפען זיך צונויף הונדערטע ספעקולאַנטען, קויפען אָפּ די סחורה און ציען ארויף די פרייזען ביז אן אוממעגליכער הויך. די האָטעלען געהערען צו די ערגסטע אויספרעסער. צוליב דער מלחמה פאָרען א סך מענשען ארום, די האָטעל־אייגענטימער באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט און פאָדערען הויכע פרייזען. זיי טענה׳ן אז אלץ איז טייער. זיי גיבען אָבער גאָרניט פאר דעם געלט וואס זיי פרעסען ארויס.״

דער שרעקליכער יקרות האָט געפירט צו אומרוען. אין סאַליסבערי, נאָרט קאראָליינא, און אין אטלאנטא, דזשאָרדזשיא, האָבען די הונגעריגע איינוואוינער זיך אריינגעריסען אין די קראָמען און ארויסגענומען פון דאָרטען עסענווארג. אין מאָביל האָבען די איינוואוינער ארויסגעהאנגען פלאקאטען מיט׳ן אויפשריפט: „ברויט און פרידען״. אין ריטשמאָנד זיינען אין אפּריל, 1863, פאָרגעקומען ברויט־ראיאָטען. א פרוי האָט געפירט דעם המון, וועלכער האָט זיך אריינגעריסען אין קראָמען און ארויסגעטראגען פון דאָרט מעל און פלייש און אנדערע שפייזען. קליידער און צירונג־געשעפטען האָבען זיי אינגאנצען צערויבט. דער מעיאר האָט ארויסגעשיקט מיליטער און געסטראשעט אז ער וועט הייסען שיסען אויפ׳ן עולם. גראָד איז אָנגעפארען פרעזידענט דייוויס. ער איז ארויף אויף א וואָגען און האָט אפעלירט צו דער אויפגערעגטער מאסע זיי זאָלען זיך פאנאנדערגיין. דער אפּיל האָט געווירקט און די ראיאָטען האָבען זיך אָפּגעשטעלט.

אויף מאָרגען אָבער איז א צווייטער פארזוך געמאכט געוואָרען צו באַפּאלען די שפּייז־קראָמען. אָבער דאָס מאָל האָט מיליטער זיי באַצייטענס פּאַנאַנדערגעטריבען.

אין 1863 איז דער יקרות געשטיגען נאָך העכער. חזיר־פלייש האָט געקאָסט א דאָלאר א פונט; פוטער, צוויי־און־א־האַלב דאָלאר א פונט; קאַפע, פיר דאָלאר; טיי, עלף דאָלאר; ליכט, דריי דאָלאר און זייף — אכציג סענט א פונט. אייער האָבען געקאָסט א דאָלאר־און־א־פערטעל א טוץ. קארטאָפעל, צוועלף דאָלאר און בעבלאך צוואַנציג דאָלאר א בושעל.

דער גוואַלטיגער יקרות און די פרעכהייט פון די ספּעקולאַנטען האָבען געצוואונגען די רעגירונג אָנצונעמען מיטעל. די רעגירונג האָט דאָך אונטער אלע אומשטענדען געמוזט קריגען עסענוואַרג פאר דער ארמיי. צאָלען די הויכע פרייזען צו די ספּעקולאַנטען איז איר אוממעגליך געווען. האָט דער קאָנגרעס, אויף דייוויס׳עס רעקאָמענדאַציע, דורכגעפירט צוויי געזעצען, וועלכע האָבען שטארק פארגרעסערט די אומצופרידענהייט מיט דער אדמיניסטראַציע. דאָס ערשטע געזעץ וואס איז אָנגענומען געוואָרען אין אָנפאַנג יאר, 1863, האָט געהייסען: „ווען די ארמיי נויטיגט זיך אין עסענוואַרג אָדער וועלכער עס איז זאַך, מעגען די אָפיצירען די נויטיגע זאכען פארכאַפּען וואו און ביי וועמען זיי געפינען עס. אויב דער אייגענטימער אנטזאָגט זיך צו נעמען דעם פּרייז וואס דער אָפיציר באַט אים אָן, דארף ער באַווייזען, אז ער האָט די זאכען אליין פּראָדוצירט, אז ער האָט עס ניט געקויפט ביי ספּעקולאַנטען. דאַן דארף דער סכסוך פאָרגעלייגט ווערען פאר אונפּארטייאישע מענשען. אויב די שפּייז אָדער די אַנדערע זאכען זיינען פארכאַפּט געוואָרען ביי א סוחר, קריגט ער באַצאָלט לויט א באַשטימטען צעטעל פון פרייזען וואָס ווערט יעדע צוויי מאָנאַטען אויסגעארבייט פון א קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטימט טיילווייז פון פּרעזידענט און טיילווייז פון דעם גאָווערנאָר פון שטאַט.

דאָס צווייטע געזעץ איז אָנגענומען געוואָרען אביסעל שפּעטער. דאָס איז געווען א דירעקטער שטייער אויף אלע פאר־

מער פון דער סאוט. יעדער פארמער האט געמוזט געבען פאר דער ארמיי אן ערך פון א צענטעל פון די פראדוקטען וואס ער נעמט אראפ פון זיין פעלד.

די צוויי געזעצען האבען אויפגעוועקט דעם צארן פון די מאסען, איבערהויפט פון די פארמער. ספעציעל דאס צווייטע געזעץ האט געטראפען דעם ארימען פארמער. זיי האבען איצט גע־טענה׳ט: פארוואס ווערען קיין שטייערן ניט ארויפגעלייגט אויף ערד און אויף שקלאפען? פארוואס עפעס נאר אויף די פראדוקטען פון פעלדער? איז דאס ניט דערפאר ווייל א די־רעקטער שטייער אויף ערד און אויף שקלאפען וואלט געטראפען דעם רייכען פלאנטאטאר, וועלכער האט גרויסע שטרעקעס לאנד און א סך שקלאפען? די מלחמה איז פאר די רייכע און די ארימע מוזען שלעפען דעם יאך. מען האט זיך איצט ארומגעזען, אז די רייכע גייען ניט אין דער ארמיי, אז זיי דינגען שטעל־פארטרעטער. און אז אפילו די אויפזעער אויף די שקלאפען זיי־נען פריי פון מיליטער־דינסט. אין נארט־קאראליינא האבען די פארמער אפגעהאלטען פראטעסט־פארזאמלונגען און אנגענומען רעזאלוציעס צו קעמפען געגען דעם געזעץ פון תבואה־שטייערן.

די געגנערשאפט צו דער דייוויס־אדמיניסטראציע האט גע־פונען איר פולען אויסדרוק אין די קאנגרעס־וואלען פון 1863. אין פארלויף פון די וואלען זיינען פארגעקומען ראיאטען אין נארט קאראליינא. המון׳ס זיינען באפאלען צייטונג־רעדאקציעס און דארטען אנגעמאכט א חורבן. סאלדאטען וועלכע האבען דעזערטירט פון דער ארמיי האבען ארומגעוואנדערט אין באנדעס און טעראריזירט די באפעלקערונג אויף די פארמס. דייוויס איז געשלאגען געווארען אין די וואלען אין נארט קאראליינא, דזשאר־דזשיא און אין אנדערע שטאטען. פון דעמאלט אן האט ער מער ניט געהאט הינטער זיך א פאראייניגטע רעגירונג. זיין לאגע אלס פירער פון דער אדמיניסטראציע און פון דער רעגירונג איז געווארען כמעט אונמעגליך.

דעם פערטען יאר פון דער מלחמה האבען זיך אין דער סאוט אויסגעשעפט אלע מיטלען וויטער אנצופירען דעם קאמף.

דאָס געלט פון דער רעגירונג האָט פארלאָרען יעדען ווערט. א גאָלדענער דאָלאר האָט געקאָסט פינף טויזענד פאפירענע דאָלארס. אנשטאָט צו קויפען פאר געלד האָט מען אין א סך געגענדען זיך באנוצט מיט פרימיטיווען מיטעל פון בייטען זיך מיט זאכען. א פאבריק וואָס האָט זיך גענויטיגט אין פעטס האָט אָנגעבאָטען א יארד לייווענט פאר א פונט פעטס. א האָספיטאל אין דזשאָרדזשיא האָט אנאָנסירט אז ער גיט פופצען יארד לייווענט פאר איין קאָלדרע. א זאלץ הענדלער האָט אָנגעבאָטען א בושעל זאלץ פאר פינף פונט פלייש, צוויי בושעל זאלץ פאר א פאָר שיך, צען בושעל זאלץ פאר א פעסעל מעל.

די ספעקולאנטען זיינען אָנגעגאנגען מיט זייער ארבייט. א רעדאקטאָר פון א צייטונג אין ריטשמאָנד, כדי צו באווייזען זיינע לעזער ווי הארצלאָז די ספעקולאנטען זיינען, האָט געטאָן דאָס פאָלגענדע: ער האָט געקויפט א לאבען ברויט פאר א דאָלאר. דער ברויט האָט געוואויגען אכט אונצעס. דער רעדאקטאָר האָט דאן אין זיין צייטונג געמאכט א חשבון אז דער בעקער מאכט 150 דאָלאר ריוח פון יעדען פעסעל מעל וואס ער באקט אויס. עס האָט אויסגעפעלט עסען פאר דער ארמיי. גענעראל לי איז געצוואונגען געווען צו שניידען די פאָרציעס פון זיינע סאָלדאטען. עס וואָלט מעגליך געווען צו קריגען עסענווארג און קליידער פאר דער ארמיי פון אויסלאנד. אָבער די שמוגלערס וואָס האָבען געפירט די געשעפטען מיט אויסלאנד זיינען געווען פארבונדען מיט די ספעקולאנטען. זיי האָט ניט געארט קיין אנדער זאַך ווי די ריווחים. זיי האָט זיך געלוינט בעסער אריינצופירען לוקסוס זאכען ווי צו פארקויפען קליידער, שיך און מונדירען פאר דער ארמיי.

דער צושטאנד פון דער ארמיי איז געווארען ערגער און ערגער וואס לענגער די מלחמה האָט זיך פארצויגען. סאָלדאטען האָבען דעזערטירט מאסענווייז. סוף 1863 איז פארבאָטען געווארען פאר מיליטער־פייאיגע צו דינגען שטעל־פארטרעטער. עס איז דורכגעפירט געווארען א געזעץ, אז דינען מוזען אלע צווישען דעם עלטער פון 17 און 55 יאר.

עס איז אָבער אונמעגליך געווען שטרענג דורכצופירען די ראָזיגע געזעצען. מיט אלערליי תירוצים איז עס געלונגען א סך זיך אויסצודרייען פון דער ארמיי. איבער דרייסיג טויזענד זיינען באפרייט געווארען אויפ'ן אויסרייד אז זיי זיינען רעגי־רונג־בעאמטע. איבער הונדערט טויזענד זיינען אויסגעבראַ־קירט געווארען אלס פיזיש אומפייאיגע. איבער הונדערט טוי־זענד זיינען באפרייט געווארען אלס פרעמדע. אָט וואָס א רע־גירונגס אָנגעשטעלטער אין ריטשמאָנד האָט געשריבען וועגען דעם ווי אזוי דאָס נייע געזעץ האָט געארבייט אין דער ווירקליק־קייט: „גענעראל לי באַקלאָגט זיך, אז דאָס פריזיוו־געזעץ איז א דורכפאל. די רייכע לייט און די שקלאפען־אייגענטימער דרייען זיך אויס פון מיליטער דינסט. כמעט יעדער לאנד־אייגענ־טימער לייגט איין באָנדס, אז ער וועט צושטעלען תבואה פאַר דער ארמיי און דערפאר ווערט ער באפרייט. ארום הונדערט טויזענד לאנד־באזיצער, די מערסטע פון זיי אויך שקלאַפען־אייגענטימער זיינען ניט אין דער ארמיי. באלד וועלען מיר האָבען אן ארמיי וואס וועט זיך אנטזאגען צו קעמפען ווייל זי וועט באשטיין דורכאוים פון מענשען וואס וועלען ניט האָבען קיין אורזאכען פאר וואָס צו קעמפען. די העכערע קלאסען זיצען אין דער היים און מאַכען געלד. די נידעריגע קלאַסען ליגען אין די טרענטשעס. לי באַקלאָגט זיך, אז די רייכע יונגע־לייט ווערען גענומען אויף רעגירונגס שטעלעס כדי זיי זאָלען ניט דאר־פען גיין אין דער ארמיי".

וואָס איז דער וואונדער, אז אונטער די אומשטענדען איז די מאָראל פון דער ארמיי געזונקען? דערזעלבער בעאמטער דערציילט אין זיין טאָגעבוך: קאָלאָנעל גארדנער זאגט, אז פון די רעקרוטען וואס מען האָט פאָריגע וואָך אָפגעשיקט צום פראָנט האָבען די מערסטע דעזערטירט. גענעראל פרעסטאן ערקלערט, אז אין לאנד זיינען איצט פאראן הונדערט טויזענט דעזערטירטע סאָלדאטען. דאָס פריזיוו־בוך ווייזט, אז אין ווירדזשיניא אליין האָבען זעכציג טויזענד דעזערטירט. די הויפט אורזאַך פאר־וואָס די סאָלדאטען זיינען זיך צולאָפען פון דער ארמיי איז גע־

ווען די גרויסע אָרימקייט. די סאָלדאטען האָבען געוואוסט, אז זייערע פאמיליעס שטארבען אין דער היים פון הונגער און דאָס געהאלט וואס מען האָט זיי געצאָלט פאר זייער דינסט האָט ניט געקלעקט אויף דורכצולעבען זיך איין טאָג אין וואָך.

די ברענענדיגסטע פראגע פאר דער סאוט איז איצט געווען: וואו נעמט מען סאָלדאטען? סוף יאר 1864, האָט דייווים רעקאָמענדירט צום קאָנגרעס, אז מען זאָל נעמען די נעגער פאר סאָלדאטען. ער האָט ווייטער פאָרגעשלאָגען, אז כדי צו באשיצען זיך געגען א פארראט פון די נעגער־סאָלדאטען אויפ׳ן שלאכטפעלד, זאָל מען זיי, אלס באלוינונג פאר מיליטער־דינסט, באפרייען. דער פאָרשלאג איז באגעגענט געווארען מיט א שטורמישער אָפּאָזיציע אין קאָנגרעס. די פראגע איז אויך דיסקוטירט געווארען אין דער פרעסע. די געגנער האָבען גע׳טעה׳ט, אז אויב מען נעמט אריין די נעגער אין דער ארמיי גיט מען דערמיט שוין צו, אז דער נעגער איז א גלייכער מיט׳ן ווייסען. די אָפּאָזיציע איז געווען שטארק, אָבער דייווים האָט אויסגעפירט דאָס זייניגע. דאָס געזעץ איז אנגענומען געווארען אין 1865. סענאטאָר האָנטער, פון ווירדזשיניא, וועלכער האָט פריער געשטימט געגען דעם געזעץ און וועלכער האָט דערנאָך אויף דעם באפעל פון זיין שטאט זיין שטימע געמוזט ענדערען אויף יע, האָט עפענטליך דערקלערט, אז מיט דעם געזעץ האָט די סאוט אליין צוגעגעבען, אז די נאָרט איז די גאנצע צייט געווען גערעכט און אז „מיר זיינען געווען היפּאָקריטען ווען מיר האָבען גע׳טענה׳ט אז שקלאפעריי איז די בעסטע סיסטעם פאר די נעגער אליין״.

אין די לעצטע מאָנאטען פון דער מלחמה האָבען זיך איי־בער דער סאוט פארשפרייט באנדעס, וואס האָבען געראבירט און טעראָריזירט די באפעלקערונג. די באנדעס זיינען באשטאנען פון די דעגענערירטע ווייסע, פון יענעם קלאס מענשען וואָס וואוינט אין די אָרימסטע קווארטאלען פון די גרויסע שטעט. די סאוט האָט קיין גרויסע שטעט ניט געהאט. די היימלאָזע און אָרימע האָבען זיך דאָרטען אויפגעהאלטען אין די וועלדער און

ארום די זומפען. ביי זיי אין הארצען האט געברענט א האס געגען די הערשענדע, רייכע ווייסע און ליידענשאפט פון נקמה געגען די נעגער. איצט אז פון די פארמס און פון די דערפער זיינען די ווייסע מענער אוועק, זיינען די לייט ארויסגעקראכען פון די וועלדער און זומפען. ווי ווילדע חיות האבען זיי גענו־מען נקמה פון דער געזעלשאפט וואס האט זיי פון זיך פאר־טריבען. מיט שרעקליכער אכזריות האבען זיי זיך געווארפען אויף דעם אומבאשיצטען נעגער. אבער די נעגער זיינען ניט געווען די איינציגע קרבנות פון די באנדעס. אויך ווייסע זיינען ערמארדעט געווארען.

אין די אטאקעס געגען דייווים'ן פאר דורכפירען דאס גע־זעץ וועגען נעגער־סאלדאטען איז אויסגעדריקט געווארען אזא מיינונג: דייווים וויל צונויפשטעלען אן ארמיי פון נעגער כדי אים זאל זיין לייכטער דורכצופירען זיין פלאן צו ווערען אן אב־סאלוטער הערשער, דער מיליטערישער דיקטאטאר פון דער סאוט.

קאַפּיטעל 28.

די אָפּאָזיציע צו לינקאָלן. — די דעמאָקראַטען.

אין דער נאָרט, האָט לינקאָלן אויך די פיר יאָר פון דער מלחמה געהאט אַלערליי אָפּאָזיציעס און שטערונגען. ער האָט געהאט אָפּאָזיציעס לינקע און רעכטע. די שטערונגען זיינען אויך געווען טיילווייז פּרינציפּיעלע, פון מענשען אָדער גרופּען מיט ערליכע מאָטיווען, און טיילווייז פּרינציפּענלאָזע, פון מענשען מיט פּערזענליכע אָדער קאָרופּטע כונות. ער האָט געהאט צרות פון זיין קאַבינעט, פון קאָנגרעס, פון די מיליטערישע בעאַמטע, פון דער פּרעסע. די מערקווירדיגע געדולד, טאַקט און פאַרשטאַנד וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען אין די אַלע שוועריגקייטען און פּלאָנטערס, די אָפּענהערציגקייט און אויפריכטיגקייט מיט וועלכע ער האָט די אַלע אָפּאָזיציעס באַגעגענט און זיך מיט זיי ספּראַוועט — דאָס אַלץ האָט פאַר אים געוואונען די באַוואונדערונג סיי פון פריינד, סיי פון געגנער. ער האָט געהאַנדעלט מיט אַ פעסטער האַנד, מיט ענטשלאָסענקייט. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער אַרויסגעוויזען ווייכקייט, צאַרטקייט, מענשליכקייט. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלוירען דעם קאָפּ, האָט קיינמאָל ניט פאַרלוירען זיין זין פאַר הומאָר. אין די שווערסטע און פינסטערסטע מאָמענטען האָט ער געקענט אַ שמייכעל טאָן, אַ שטיף טאָן. ער האָט געוואוסט ווען צו ענטפערען געגנער מיט אַ וויץ אויף זיך אַליין. דערין איז טאַקע באַשטאַנען זיין גרויסקייט.

ווען ער איז אָנגעקומען אין וואַשינגטאָן און אַריינגעטראַטען אין פּרעזידענט־אַמט האָט דאָס לאַנד אים ווייניג געקענט. אין דער סאָוט האָט מען פון אים חוזק געמאכט: קליינשטעטעל־

דיגער אדוואקאטעל, אן אונאינטערעסאנטער, צוריקגעצויגענער מענש. מען האט דארט געגלויבט, אז ער וועט אזוי צוטומעלט ווערען, אז ער וועט ניט וויסען אויף וואס פאר א וועלט ער איז. אין דער נארט איז מען אויך געווען זייער אומרואיג. די צייט איז אזא קריטישע. ווער ווייס צי לינקאלן וועט זיין דערוואקסען צו די ריזיגע אויפגאבען, צו דער ריזיגער פאראנטווארטליכקייט. וואס דער אלגעמיינער איינדרוק פון אים איז געווען קען מען האבען א באגריף פון דער פאלגענדער פאסירונג: עטליכע וואכען נאכדעם ווי ער איז אריין אין אמט האט מר. סוארד, דער הויפט מיניסטער פון קאבינעט, אריינגעשיקט לינקאלנ׳ען א פאפיר מיט דער אויפשריפט: „איייניגע געדאנקען פאר׳ן פרעזידענט צו באטראכטען“. אין דעם פאפיר האט סוארד געגעבען לינקאלנ׳ען עצות ווי אזוי אויסצומיידען א מלחמה מיט דער סאוט. פארענדיגט האט סוארד דעם פאפיר מיט אן אנצוהערעניש, אז דער פרעזידענט זאל איבערלאזען טאקע צו אים דורכצופירען די עצות. אין דעם פאפיר האט סוארד פאקטיש פארגעשלאגען לינקאלנ׳ען אז ער, לינקאלן, זאל זיין פרעזידענט בלויז אין נאמען און אז דער אמת׳ער פרעזידענט זאל זיין סוארד.

סוארד׳ס עצות זיינען געווען נארישע און געפערליכע. לינקאלן האט קיינעם ניט דערציילט וועגען דער גאנצער געשעעניש. ער האט געענטפערט סוארד׳ן מיט א העפליכען בריף און אים באוויזען אז זיינע פלענער טויגען ניט. דעם חוצפה׳דיגען פארשלאג האט לינקאלן אינגאנצען איגנארירט. סוארד איז פארבליבען אויף ווייטער דער הויפט־מיניסטער פון קאבינעט. לינקאלן האט אים ארויסגעוויזען דיזעלבע פריינדליכקייט און דעמזעלבען צוטרוי ווי פריער.

ווען דער קאנגרעס האט זיך פארזאמעלט איז דארט דורכגעפירט געווארען א באשלוס, אז עס זאל באשטימט ווערען א קאמיטע פון זיבען (דריי סענאטארען און פיר קאנגרעסלייט) וועלכע זאלען האלטען אן אויג אויף דער פירערשאפט פון דער מלחמה. די דאזיגע קאמיטע האט אייגענטליך געדארפט זיין

א מין שומר אויפ'ן פּרעזידענט, ער זאָל ניט טאָן וואס ער דארף ניט טאָן. לינקאָלן האָט זיך געקענט אנטזאגען צו ארבייטען מיט אזא קאָמיטע. דער קאָנגרעס האָט קיין רעכט ניט זיך צו מישען אין אדמיניסטראַטיווע אנגעלעגענהייטען און די פירער־שאַפט פון דער מלחמה איז דאָך אדמיניסטראַטיוו. אָבער לינ־קאָלן האָט צוגעשטימט צו דער קאָמיטע. שפּעטער האָט ער פון איר קיין נחת ניט געהאַט. אָבער ער האָט איר געלאָזט עקזיסטירען און זיך גערעכענט מיט אירע פאָרלאַנגען און פאָר־שלאַגען*).

אין קאַבינעט האָט לינקאָלן אריינגענומען מענשען וועלכע האָבען געטראָגען פאראיבלען און כעס'ן אויף אים. דאָס זיי־נען געווען מענשען וואס האָבען אין אים געזען א שטערונג צו זייערע פּאָליטישע אמביציעס. דער סעקרעטערי אוו סטייט סו־ארד, און דער פינאַנץ־מיניסטער טשייס האָבען געפילט אז ווען ניט לינקאָלן וואָלטען זיי געקראָגען די נאָמינאַציע אין 1860 און זיי וואָלטען איצט געזעסען אויפ'ן פּרעזידענט שטול. לינקאָלן האָט געוואוסט ווי זיי פילען וועגען אים און דערפאַר טאַקע האָט ער זיי אריינגענומען אין קאַבינעט. ער האָט געטראַכט ביי זיך אזוי: די דאָזיגע מענשען האָבען א גרויסע פּאָליטישע אָנהענגערשאַפט אין לאַנד, א סך בירגער האַלטען פון זיי. זייער אנוועזענהייט אין קאַבינעט וועט דערפאַר שטאַרקען די אדמיניס־טראַציע ביים פאָלק אין אלגעמיין.

אים האָט ניט געאַרט זייערע געפילען צו אים פּערזענליך. ער האָט געטראַכט וועגען דער אדמיניסטראַציע בכלל.

די נאָרט איז ניט געווען אייניג אין דער מלחמה. דאָס איז געווען אַלעמען באוואוסט. אויף דער ניט־אייניגקייט פון דער נאָרט האָט אייגענטליך די סאַוט געבויט ווען זי האָט אנגע־

---

*) עס איז ווערט צו באַמערקען, אז ווען אמעריקע איז אריין אין דער וועלט־מלחמה, האָט דער קאָנגרעס געוואָלט באשטימען אן ענליכע קאָמיטע. אָבער פּרעזידענט ווילסאָן האָט דערפון ניט געוואָלט הערען. ער האָט דערקלערט, אז אזא קאָמיטע וועט זיין אן אומגליק.

פאנגען דעם קאמף: דערויף און — אויף דער שטיצע פון ענג־לאנד. עס איז כמעט ניט געווען איין טייל אין דער נארט אדער וועסט, וואו עס האט זיך ניט געפונען א גענגערישער עלעמענט. דאס וואס איז פארגעקומען אין באלטימאר גלייך ביים אויסברוך פון קריג (דער אנפאל אויף די סאלדאטען, וועלכע האבען מאר־שירט קיין וואשינגטאן) — דאס איז געווען א בלוטיגער אויס־דרוק פון דעם געפיל, וואס א סך אין די פארשידענע טיילען פון לאנד האבען מער אדער ווייניגער געשטיקט אין זיך.

פיל טויזענדער האבען פשוט סימפאטיזירט מיט דער סאוט, געהאלטען אז זי איז גערעכט. אנדערע, ווידער, האבען געגלויבט, אז עס וואלט צו קיין מלחמה ניט געקומען ווען די דעמאקרא־טישע פארטיי וואלט געזיגט ביי די וואלען פון 1860. דאס זיי־נען געווען די איבערגעבענע דעמאקראטישע אנהענגער. זיי הא־בען געהאלטען לינקאלנ'ען און זיין פארטיי שולדיג אין דעם אומגליק. זיי האבען ניט אויפגעהערט צו קריטיקירען און צו אטאקירען אלעס וואס לינקאלן און זיין אדמיניסטראציע הא־בען געטאן. ביי די דעמאקראטען זיינען געווען פראקציעס. עס זיינען געווען אזוינע וואס האבען געהאלטען אז איצט איז די פליכט פון יעדען דעמאקראט צו פארגעסען זיין פארטיי, צו פאר־געסען פאליטיק און שטיצען דעם פרעזידענט. זיי האבען זיך גערופען „מלחמה־דעמאקראטען". זייער צאל איז אבער ניט געווען גרויס. צווישען די אנדערע, — די וואס האבען זיך ענט־זאגט צו שליסען א צייטווייליגען פרידען מיט די רעפובליקא־נער — זיינען געווען לינקע און רעכטע. די לינקע האבען גע־פאדערט אז די מלחמה זאל אונטער אלע אומשטענדען אפגע־שטעלט ווערען און אז מען זאל גלייך נעמען פארהאנדלען מיט דער סאוט וועגען פרידען. טייל פון זיי זיינען געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען געזאגט, אז זיי ארט ניט אפילו אויב די סאוט וועט בלייבען אומאפהענגיג. אנדערע האבען געזאגט אז זיי זיינען זיכער אז מען קען קומען צו אן אויסגלייך. די רעכ־טע האבען ניט געפאדערט מען זאל אפשטעלען דעם קריג. זיי האבען אבער געשריען אז אלץ וואס לינקאלן טוט טויג ניט, אז

הורך אים ווערט די מלחמה פארצויגען און פארשלעפּט, אז ווען די מלחמה וואָלט אנדערש געפירט געווארען וואָלט זי זיך שנעל געענדיגט. די אלע דעמאָקראטישע פּראקציעס האָבען ניט אויפגעהערט צו העצען געגען לינקאָלנ'ען. טייל האָבען זיך ניט באַנוגענט מיט העצעס און קריטיק און אטאקעס. עס זיינען ארגאַניזירט געווארען אין געוויסע געגענדען געהיימע פאראיינען מיט'ן צוועק צו שטערען לינקאָלנ'ען און צו העלפען דער סאוט.

די אלע גרופען וואס האָבען געשטערט לינקאָלנ'ען און סימפּאטיזירט מער אדער ווייניגער מיט דעם שונא זיינען אנגערופען געווארען „קאפּערהעד" (קאפּערהעד איז דער נאָמען פון א געוויסען סאָרט גיפטיגען שלאַנג).

כדי אפּצושטעלען די אָפּאָזיציע פון אָט די „קאפּערהעדס" זיינען עס דורכגעפירט געווארען די געזעצען וואס האָבען געגעבען דעם פּרעזידענט דאָס רעכט צו ארעסטירען מענשען און זיי איינשאפּרען אָן א פאַרהער און אָן א משפט; וואס האָבען אים געגעבען די דיקטאטאָרישע מאכט אפּצושטעלען צייטונגען און ארעסטירען זייערע רעדאקטאָרען. אָבער די געזעצען האָבען ארויסגערופען פרישע אטאקעס. איצט איז לינקאָלן אטאקירט געווארען ניט בלויז פאר פירען שלעכט די מלחמה, נאָר אויך פאר באַרויבען דאָס פאָלק פון זיינע פרייהייטען און רעכט. און די אטאקעס זיינען שוין געשטיצט געווארען פון גרופען וואס זיינען געשטאנען מיט לינקאָלנ'ען און האָבען געשטיצט זיין שטעלונג צו דער סאוט. א סך פון די ביטערסטע שונאים פון דער סאוט האָבען ניט געקענט מוחל זיין לינקאָלנ'ען פאר באנוצען דיקטאטאָרישע מיטלען צו באקעמפען זיינע געגנער.

עס פארשטייט זיך, אז די אטאקעס פלעגען ווערען שארפער גראָד דעמאָלט, ווען לינקאָלן און די נאָרט האָבען זיך אם שטארקסטען גענויטיגט אין מאָראלער שטיצע. יעדען מאָל ווען די ארמיי פון דער נאָרט האָט געליטען א נידערלאגע אויפ'ן שלאכטפעלד און די שטימונג אין לאנד איז געווען א געדריקטע און די סאָלדאטען זיינען געווען ענטמוטיגט, גראָד דעמאָלט פלעגען די „קאפּערהעדס" ווערען טעטיג. זיי האָבען געפילט אז דע־

מאָלט איז דער גינסטיגסטער מאָמענט ווען דער עולם וועט זיך צו זיי צוהערען. דאָס האָט לינקאָלנ'ען און זיינע אָנהענגער אַם שארפסטען וויי געטאָן. די פאָסט האָט געפירט פעק מיט אומ־לאָיאלע צייטונגען וואָס זיינען געדרוקט געוואָרען אין א סך שטעט, שטעטלאך און דערפער אין דער נאָרט. פאר דער שלאכט ביי בול ראָן האָבען די מאסען די צייטונגען טאָלערירט מיט א מערקווירדיגער געדולד, ווייל די פרייהייט פון דער פרעסע האָט געמוזט אפגעהיט ווערען. אָבער נאָך דער שלאכט פון בול ראָן (די ערשטע שלאכט פון קריג) זיינען די פאררעטערישע אר־טיקלען און די ווילדע אטאקעס אויף לינקאָלנ'ען און אויף דער רעגירונג באטראכט געוואָרען אלס א געפאר. און די רעגירונג און די מאסען האָבען אָנגעהויבען א העפטיגען קאמפיין צו אונ־טערדריקען די צייטונגען. איבער'ן גאנצען לאנד זיינען אויפ־גערעגטע מאסען באפאלען אזעלכע צייטונגען, ארויסגעוואָרפען די שריפט און די פרעס־מאשינען אין גאס און פארברענט דאָס פאפיר און די מעבעל. דער קריגס־מיניסטער האָט טייל פון די צייטונגען אָפגעשטעלט און די רעדאקטאָרען ארעסטירט. דער פאָסטמייסטער האָט פארבאָטען צו פירען דורך דער פאָסט צייי־טונגען וועלכע האָבען אנטהאלטען העצע־ארטיקלען. רעגירונגס־בעאמטע פלעגען ארויסנעמען פעק צייטונגען פון די באנען און זיי פארניכטען.

אין זיין אייגענער, רעפובליקאנישער פארטיי, האָט לינקאָלן אויך געהאט שארפע און פארביסענע געגנער. דאָס זיינען גע־ווען די „ראדיקאלע רעפובליקאנער”, וועלכע האָבען געפאָדערט אז די מלחמה זאָל געפירט ווערען אויסדריקליך פאר דער בא־פרייאונג פון די שקלאפען. לינקאָלן האָט מורא געהאט דאָס צו טאָן צוליב פראקטישע אורזאכען. אויף דער זייט פון דער נאָרט זיינען געשטאנען עטליכע גרענעץ־שטאטען וואו שקלאפעריי האָט נאָך עקזיסטירט. לינקאָלן האָט מורא געהאט, אז אויב ער וועט באפרייען די שקלאפען אדער אויב ער וועט מאכען די שקלאפען־פראגע פאר א מלחמה־באדינג וועלען יענע שטאטען צושטיין צו דער סאוט און די סאוט וועט שטארקער ווערען. די ראדיקאלע

רעפּובליקאַנער האָבען גע׳טענה׳ט, אַז אויב די נאָרט וועט פון אַזאַ שטעלונג פאַרלירען אין די גרענעץ־שטאַטען וועט זי אָבער געווינען אין די איבעריגע שטאַטען פון דער נאָרט און אויך אין אייראָפּא. ווען דער עולם אין די פרייע שטאַטען וועט וויסען, אַז די מלחמה ווערט געפירט פאַר דעם מאָראַלישען פּרינציפּ פון באַפרייען די שקלאַפען וועלען זיי זיך אין דעם קאַמף אריינ־ווארפען מיט אַ סך מער באַגייסטערונג. אין אייראָפּא וועט אויך דעמאָלט די נאָרט באַקומען די באַגייסטערטע שטיצע פון די גרויסע מאַסען.

לינקאָלן האָט אָבער מורא געהאַט צו נעמען די דאָזיגע שטע־לונג. אין זיינע ערשטע מעסעדזשעס און אַנדערע דאָקומענטען האָט ער ווידערהאָלט, אַז די מלחמה ווערט ניט געפירט צו באַ־פרייען די שקלאַפען, נאָר אויפצוהאַלטען די גאַנצקייט פון לאַנד. דאָך האָט ער געמאַכט איין שריט נאָכ׳ן צווייטען אין דער ריכ־טונג פון באַפרייען די שקלאַפען. ער האָט אַ שטיק צייט געהאָפט אַז אים וועט געלינגען צו ווירקען אויף די שקלאַפען־שטאַטען, וואָס זיינען געשטאַנען מיט דער נאָרט, אַז זיי זאָלען איינוויליגען צו פאַרקויפען זייערע שקלאַפען דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. די נאַציאָנאַלע רעגירונג וואָלט זיי אָפּגעקויפט, זיי באַפרייט און זיי ערגעץ קאָלאָניזירט. ער האָט וועגען דעם געפירט פאַר־האַנדלונגען מיט די קאָנגרעסלייט פון יענע שטאַטען. אָבער ער האָט זיי ניט געקענט באַאיינפלוסען דאָס צו טאָן. סוף־כל־סוף האָט ער זיך געמוזט בייגען צו דער פאָדערונג פון די ראַדיקאַלען און אין סעפּטעמבער, 1862, האָט ער ארויסגעגעבען זיין באַ־פרייאונגס־פּראָקלאַמאַציע. ער האָט עס אָבער געטאָן ניט אויס פּרינציפּ, ווי די ראַדיקאַלען האָבען עס געפאָדערט, נאָר אַלס אַ מלחמה מיטעל, אָפּצושוואַכען די כוחות פון דער סאַוט. און באַפרייט האָט ער בלויז די שקלאַפען אין די שטאַטען וואָס זיי־נען געשטאַנען אין רעוואָלט, די שטאַטען פון דער קאָנפעדעראַציע. אין יענע שטאַטען וואָס זיינען געשטאַנען מיט דער נאָרט האָט ער די שקלאַפען ניט געטשעפּעט.

פאַר דער דאָזיגער שטעלונג אין דער שקלאַפען־פראַגע האָבען

סעלמאַי טשעיז.

וויליאם הענרי סוארד.

עדווין סטענטאָן

די ראדיקאלע רעפובליקאנער לינקאָלנ'ען שטארק קריטיקירט. אין זיין קאבינעט זיינען געזעסען מיניסטאָרען וועלכע האָבען גע־שטיצט די ראדיקאלע רעפובליקאנער. דער וויכטיגסטער צווישען זיי איז געווען דער פינאנץ־מיניסטער טשעיס. א צווייטער וויכ־טיגער פארשטייער פון דער גרופע איז געווען האָרעים גרילי, דער בארימטער רעדאקטאָר פון דער „ניו יארק טריביון", איינער פון די סאמע איינפלוסרייכע מענער אין לאנד. צו גרילי'ס וואָרט האָבען זיך צוגעהערט מיליאָנען מענשען אין אלע ווינק־לען פון די פאראייניגטע שטאטען. זיינע אטאקעס אויף לינ־קאָלנ'ען איבער דער שקלאפען־פראגע האָבען געמאכט דעם טיפ־סטען איינדרוק.

פון א צווייטען מיניסטער זיינעם האָט לינקאָלן געהאט אנ־דערע און גרעסערע צרות. אין דעם קריגס־דעפארטמענט, אונ־טער'ן קריגס־מיניסטער קאמעראן, האָבען זיך אנטוויקעלט א רייע גניבה־סקאנדאלען. קאמעראן האָט געגעבען קאָנטראקטען אויף ריזיגע סומען צו זיינע פאָליטישע פריינט אלס באלוי־נונג פאר די טובות וואס זיי האָבען אים שוין געטאָן אָדער וואס ער האָט געהאָפט אז זיי וועלען אים טאָן. ער האָט גע־צאָלט גוואלטיגע פרייזען פאר די מיליטערישע זאכען וואס ער האָט געקויפט פאר דער רעגירונג. ער האָט באקומען שלעכטע סחורה פאר גוט געלד. לינקאָלן האָט שנעל דערשמעקט וואס עס קומט פאָר אין דעם קריגס־דעפארטמענט. ער האָט אָבער מורא געהאט פאר קאמעראנ'ס פאָליטישער מאכט. קאמעראן איז אויך געווען א ראדיקאלער רעפובליקאנער און לינקאָלן האָט געוואוסט, אז אויב ער וועט אים ארונטערזעצען וועט קאמעראן זאגען, אז ער איז א קרבן פאר זיין ראדיקאליזם. אין דעצעמבער איז קא־מעראן ארויסגעקומען מיט א פארלאנג, אז די נאָרט זאל בא־וואפענען די נעגער־שקלאפען פון דער סאוט און זיי דערנאָך באפרייען. ער האָט דעם פאָרשלאג פאנאנדערגעשיקט אין די צייטונגען איידער ער האָט באקומען די צושטימונג פון דעם פרע־זידענט.

אין מיטען יאנואר, 1862, האָט לינקאָלן באשלאָסען מער

ניט צו דולדען. ער האָט קאַמעראָנ'ען אַרונטערגעזעצט, איהם אָוועקגעשיקט אַלס אַמבאַסאַדאָר קיין רוסלאַנד און אויף זיין פּלאַץ אַלס קריגס־מיניסטער האָט ער באַשטימט עדווין מ. סטענ־טאָן.

אין הערבסט פון 1862 האָט לינקאָלן געהאַט די ערשטע געלעגענהייט אָנצוטאַפּען די שטימונג פון לאַנד בנוגע זיין אַד־מיניסטראַציע. דעמאָלט זיינען פאָרגעקומען וואַלען פאַר'ן קאָנ־גרעס און אין טייל שטאַטען אויך פאַר לאָקאַלע בעאַמטע. די דעמאָקראַטען האָבען אין דעם וואַלקאַמף אַטאַקירט לינקאָלנ'ס פי־רערשאַפט פון דער מלחמה און זיין אַדמיניסטראַציע בכלל. זיי האָבען זיך געשטיצט אויף די נידערלאַגעס וואָס די נאָרט האָט געליטען אויפ'ן שלאַכטפעלד און אויף דער קאָרופּציע אין קריגס־דעפּאַרטמענט. זיי האָבען אַטאַקירט לינקאָלנ'ען פאַר זיין באַ־פרייאונגס־פּראָקלאַמאַציע און פאַר זיינע דיקטאַטאָרישע גזירות. אין אַלע פּרטים, האָבען זיי דערקלערט, איז לינקאָלן געווען אַ שרעקליכער דורכפאַל. און זיי האָבען אַפּעלירט צום עולם אויס־צוקלייבען דעמאָקראַטישע קאָנגרעסלייט און דעמאָקראַטישע שטאַט־בעאַמטע, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן וועט עס מעגליך זיין אָפּצושטעלען לינקאָלנ'ס געפערליכע מעשים.

די רעזולטאַטען פון די וואַלען האָבען באַוויזען אַז לינקאָלן האָט אַ היבש ביסעל פאַרלאָרען אין פּרעסטיזש און אין דעם צוטרוי פון עולם. זיי האָבען אָבער אויך באַוויזען אַז דאָס לאַנד איז נאָך ניט גרייט איבערצוגעבען די פירערשאַפט צו די דעמאָקראַטען. אין סעפּטעמבער זיינען פאָרגעקומען וואַלען אין מעין. דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט פאַר גאָווערנאָר איז דער־ווייַלט געוואָרען. אָבער די געוויינליכע מאַיאָריטעט פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, וואָס איז דאָרטען אַלע מאָל געווען צווי־שען צען און ניינצען טויזענד, איז דאָס מאָל אַראָפּגעפאַלען צו פיר טויזענד. צום ערשטען מאָל אין צען יאָר איז אין דעם שטאַט אויסגעקליבען געוואָרען אַ דעמאָקראַט אַלס קאָנגרעס־מאַן. אין אָקטאָבער האָט אָהייאָ אויסגעקליבען צום קאָנגרעס פערצען דעמאָקראַטען און פינף רעפּובליקאַנער. די דעמאָקראַטען

האָבען דאָרטען געצויגען מיט זיבען טויזענד שטימען מער ווי די רעפּובליקאַנער. אין אינדיאַנא זיינען דערוויילט געוואָרען אכט דעמאָקראַטען און דריי רעפּובליקאַנער אלס קאָנגרעסלייט. אין פּענסילוואַניא זיינען דערוויילט געוואָרען אַ העלפט דעמאָקראַטען און אַ העלפט רעפּובליקאַנער, אָבער די דעמאָקראַטען האָבען געצויגען מיט פיר טויזענד שטימען מער (אין 1860 האָט לינקאָלן אין דעם שטאַט געקראָגען אַ מאַיאָריטעט פון זעכציג טויזענד שטימען). אין ניו יאָרק איז דער באַרימטער דעמאָקראַטישער פירער האָריישיאָ סעימאָר דערוויילט געוואָרען אלס גאָווערנאָר מיט אַ מאַיאָריטעט פון גענויע צען טויזענד. אין אילינאָי, לינקאָלנ'ס אייגענעם שטאַט, האָבען די דעמאָקראַטען געהאַט אַ מאַיאָריטעט פון דרייצען טויזענד. דער שטאַט האָט דערוויילט עלף דעמאָקראַטישע קאָנגרעסלייט און בלויז דריי רעפּובליקאַנישע. ניו דזשוירזי האָט אויסגעקליבען דעמאָקראַטען אַנשטאָט די פריערדיגע רעפּובליקאַנער. צום גליק זיינען די ניו־ענגלאַנד שטאַטען און אייניגע שטאַטען פון דער וועסט, ווי אייאָוואַ, קענזעס, מינעסאָטא, קאַליפאָרניא און אָרעגאָן געבליבען טריי צו לינקאָלנ'ען. אויך די גרעניץ־שטאַטען האָבען געגעבען זייער פולע שטיצע צו די רעפּובליקאַנער. די דעמאָקראַטען האָבען צוגעקראָגען 31 קאָנגרעסלייט און פאַרגרעסערט זייער צאָל אין קאָנגרעס פון 44 אויף 75. זיי איז אָבער ניט געלונגען צו קריגען אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס. די קאָנטראָל איז אויף ווייטער געבליבען אין די הענט פון די רעפּובליקאַנער, לינקאָלנ'ס פּאַרטיי, כאָטש די מאַיאָריטעט פון די רעפּובליקאַנער איז באַדייטענד פאַרקלענערט געוואָרען.

קורץ נאָך דער מפּלה אין די וואַלען איז געשען אַ שטורם אַרום לינקאָלנ'ס קאַבינעט. דאָס איז געווען אין מאָנאַט דעצעמבער, נאָך דער שרעקליכער נידערלאַגע וואָס די נאָרט האָט געליטען אין דער שלאַכט ביי פרעדעריקסבורג. די צייטונגען פון דער אָפּאָזיציע האָבען געוואָרפען די שולד אויפ'ן פּרעזידענט, אויף זיין קאַבינעט, אויף זיינע גענעראַלען. איין צייטונג האָט געשריבען אַז „לינקאָלן, סטענטאָן און האַלעק האָבען

געשיקט צום טויט טויזענדער און טויזענדער פון אונזערע ברי־
דער און פריינד”. די רעפובליקאנער האבען אויך געפילט אז
עפעס מוז געטאן ווערען. זיי האבען געזוכט א קרבן אויף וועל־
מען צו ווארפען די שולד. אטאקירען לינקאלנ׳ען האבען זיי ניט
געקענט און ניט געוואגט. האבען זיי אטאקירט זיינע גענע־
ראלען און דעם קאנסערוואטיווען פליגעל פון זיין קאבינעט. די
רעפובליקאנישע סענאטארען האבען אפגעהאלטען א בעראטונג
צווישען זיך און באשטימט א קאמיטע צו גיין צו לינקאלנ׳ען און
אים איבערגעבען זייערע מיינונגען. די סענאטארען האבען גע־
טענה׳ט אז מען מוז פטור ווערען פון יענע מענשען וואס זיינען
אין הארצען סימפאטיש צו דער סאוט. זיי האבען אנגעוויזען,
אז די דריי גענעראלען, מעקלעלאן, ביועל און האלעק זיינען דע־
מאקראטען. זיי האבען אויך שטארק קריטיקירט דעם סעקרעטערי
אוו סטייט סוארד, אז ער איז צו קאנסערוואטיוו, אז ער שטימט
ניט מיט די מערסטע פון די אנדערע מיניסטארען אין דער
פראגע פון שקלאפעריי. זיי האבען דערקלערט, אז די מערסטע
אפיצירען אין דער ארמיי זיינען פאר שקלאפעריי, זיינען אנגע־
שטעקט מיט דעם שקלאפען גייסט פון דער סאוט.

ווען סוארד האט זיך דערוואוסט וועגען די בעראטונגען
פון די סענאטארען האט ער אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע צום
פרעזידענט. אויף מארגען נאך דעם באזוך פון דעם סענאט־
קאמיטע האט לינקאלן אפגעהאלטען א בעראטונג מיט זיינע
מיניסטארען. אלע זיינען געווען, אויסער סוארד. לינקאלן
האט איבערגעגעבען דעם קאבינעט וואס די סענאטארען הא־
בען מיט אים גערעדט. ער האט דאן אראנזשירט א מיטינג
צווישען די קאבינעט־מיניסטארען און דער סענאט־קאמיטע. ביי
יענעם מיטינג האט לינקאלן שטארק פארטיידיגט זיינע מיניס־
טארען און זיין אדמיניסטראציע. דאן האט דער מיניסטער
טשעיס, וועלכער איז געווען איינער פון די אנפירער פון דעם
ראדיקאלען פליגעל, דערקלערט אז ער שטימט איין מיט׳ן פרע־
זידענט. טשעיס׳ שטעלונג האט אנטוישט די סענאטארען,
ווייל זיי האבען זיך גערעכט, אז אלס פירער פון די ראדיקאלען

וועט ער אַרויסטרעטען געגען סואַרד׳ן. די סענאַטאָרען האָ־בען אבער געפאָדערט לינקאָלן זאָל אָננעמען סואַרד׳ס רעזיג־נאַציע. די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיגט נאָך האַלבע נאַכט.

אויף מאָרגען האָט דער פּרעזידענט גערופען טשעיס׳ען צו זיך און אים דערקלערט ווי שלעכט ער פילט וועגען דער גאַנצער פּאַסירונג. טשעיס האָט אים געזאָגט, אז ער פילט אויך זייער שלעכט און אז ער האָט באַשלאָסען צו רעזיגנירען. „איך האָב די רעזיגנאַציע ביי זיך אין קעשענע, האָט טשעיס געזאָגט. „וואו איז זי, גיט זי מיר”, האָט לינקאָלן זיך שנעל אפּגערופען. טשעיס האָט אים איבערגעגעבען דעם דאָקומענט. „איצטער, האָט לינקאָלן געזאָגט מיט א געלעכטער, קען איך די זאַך ער־ליידיגען אָן שוועריגקייט. איך זע פאַר זיך א גראַדען וועג”. דאַן האָט מיניסטער סטענטאָן אויך אריינגעשיקט זיין רעזיג־נאַציע. אָבער לינקאָלן האָט זיך אנטזאגט זי אָנצונעמען.

לינקאָלן האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט טשעיס׳עס אָנבאָט צו רעזיגנירען ווייל דאָס האָט אים געגעבען א טעגליכקייט זיך צו דינגען מיט די סענאַטאָרען. ער האָט זיי דערקלערט, אז אויב זיי וועלען באַשטיין אויף דעם אז ער זאָל אננעמען סואַרד׳ס רעזיגנאַציע, וועט ער אויך אָננעמען טשעיס׳עס רעזיגנאַציע. דאָס האָבען די סענאַטאָרען ניט געוואָלט. זיי האָבען ניט געוואָלט פאַרלירען זייער טשעיס׳ן פון קאַבינעט. דעמאָלט האָט לינ־קאָלן ביידע רעזיגנאַציעס צוריקגעוויזען. ביידע מיניסטאָרען זיינען געבליבען אויף זייערע פּלעצער אין קאַבינעט. לינקאָלן האָט געהאַלטען, אז עס איז אבסאָלוט נויטיג צו האָבען אין קאַ־בינעט פאָרשטייער פון ביידע פליגלען, כדי די מיניסטאָרען זאָ־לען באַלאַנסירען איינע די אנדערע. „ווען איך וואָלט אוועק־געלאָזט סואַרד׳ן, — האָט ער שפּעטער געזאָגט, — וואָלט זיך די שיף א קער געטאָן אויף איין זייט און מיר וואָלטען פאַר־לאָרען א גרויסע צאָל פון אונזערע אָנהענגער”.

אין פרילינג פון 1863, זיינען די „קאפּערהעדס” געוואָרען זייער טעטיג. דער ערפאָלג פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין די וואַלען פון 1862 און די מפּלות פון דער נאָרט אויף

די שלאכטפעלדער האבען זיי צוגעגעבען מוט. איצט איז נאך צוגעקומען דער „דרעפט" (פריזיוו) וועלכער האט ארויסגערופען א סך אומצופרידענהייט צווישען א גרויסער טייל פון דער באפעלקערונג. די געהיימע פאראיינען וועלכע האבען געזוכט מיטלען ווי צו שטערען דער אדמיניסטראציע זיינען שטארקער געווארען. די פאראיינען האבען געטראגען אומשולדיגע נעמען, ווי, צום ביישפיל: „די ריטער פון גאלדענעם צירקעל", „דער ארדען פון אמעריקאנער ריטער", „דער ארדען פון דעם שטערן", „די זין פון פרייהייט". די טעטיגקייט פון די ארגאניזאציעס איז באשטאנען אין פאלגענדען: זיי פלעגען צוריידען סאלדאטען צו דעזערטירען, זיי פלעגען דערמארדען רעקרוטען־בעאמטע, זיי פלעגען צושטעלען אינפארמאציע און צייטענווייז אויך מיליטערישע הילף דעם שונא. אין אינדיאנא, צום ביישפיל, האבען זיי באזארגט מיט עסען די סאלדאטען וועלכע האבען איינגעוויליגט צו אנטלויפען פון דער ארמיי. זיי האבען אנגעפירט אן אגיטאציע וועגען ארגאניזירען אן אויפשטאנד אין די שטאטען פון דער נארט־וועסט און גרינדען דארטען א באזונדער רעגירונג. די פאראיינען פלעגען אפהאלטען זייערע מיטינגען אין געהיים, אין פריוואטע הייזער, אין שטאלען, און אלע פלעגען זיי שווערען דורכצופירען די באשלוסען.

לינקאלן האט זיך וועגען די פאררעטערישע ארגאניזאציעס וויניג געקימערט. זיין שטעלונג צו זיי איז געווען א „גוטמוטיגע פאראכטונג". עס זיינען געווען אזעלכע, וואס האבען געזוכט צו ווירקען אויפ׳ן פרעזידענט ער זאל אננעמען מיטלען נעגען די ארגאניזאציעס. ער האט געענטפערט אז זיי פארדינען ניט מען זאל זיי שענקען אויפמערקזאמקייט, ווייל זיי זיינען פונקט אזוי קינדיש ווי שלעכט. די אדמיניסטראציע האט גוט געוואוסט אלץ, וואס די פאראיינען האבען געטאן און לינקאלן האט ריכטיג געקענט אפשאצען אויף וויפיל זיי האבען אים געקענט שאדען טאן.

די איינציגע ערנסטע אפאזיציע צו לינקאלנ׳ען האט זיך אנטוויקעלט אין פארבינדונג מיט׳ן דרעפט. אין די אומרוען וואס

זיינען דעמאָלט פאַרגעקומען האָבען זיך די געהיימע פאַראיינען און די „קאָפּערהעדס" שטאַרק באַטייליגט. אין א סך פאַלען זיינען זיי געווען די איניציאַטאָרס און די אָנפירער פון די ראַיאָטען און טעראָריסטישע אַקטען, ספּעציעל געגען די נעגער.

אין 1864 האָבען געדאַרפט פאָרקומען וואַלען פאַר פּרעזידענט. די אומצופרידענע מיט לינקאָלנ'ען, סיי צווישען די דעמאָקראַטען, סיי צווישען די ראַדיקאַלען אין לינקאָלנ'ס אייגענער פּאַרטיי, האָבען זיך איצט גענומען אָרגאַניזירען מיט דעם צוועק ניט צוצולאָזען ער זאָל נאָמינירט ווערען און דערוויילט ווערען אויף א צווייטען טערמין. א גאַנץ יאָר האָט דאָס לאַנד געקאָכט מיט דער פּאָליטישער קאַמפּאַניע, מיט פּאָליטישע אינטריגעס. לינקאָלנ'ס געגנער פוןביידע פליגלען האָבען אויף אים געמאַכט די שרעקליכסטע אַטאַקעס. אַלע זיינע חטאים, די אמת'ע און די אויסגעטראַכטע, זיינען צעפּויקט געוואָרען איבער.ן לאַנד. און ביז א גאָר קורצער צייט פאַר די וואַלען האָט עס ווירקליך אויסגעוויזען אז לינקאָלן וועט זיכער דורכפאַלען. דער פּאָליטישער הימעל איבער זיין קאָפּ האָט זיך גענומען אויסלייטערען ערשט אין סעפּטעמבער.

אין די לעצטע טעג פון דעם פריערדיגען יאָר, 1863, האָט לינקאָלן אויפגערייצט געגען זיך דעם צאָרן פון א גרויסער צאָל פון זיינע אָנהענגער אין קאָנגרעס איבער א פראַגע וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבען ארויפשווימען פון אויבען, כאָטש גאַנץ אַקטועל איז זי געוואָרען ערשט נאָך דער מלחמה, די פראַגע פון רעקאָנסטרוקציע. עס איז דאָ וויכטיג די פראַגע געניי צו באַטראַכטען צוליב צוויי טעמים: ערשטענס, צוליב דער ראָלע וואָס זי האָט געשפּילט אין דער פּאָליטישער סיטואַציע פון 1864, און צווייטענס, ווייל זי גיט א געלעגענהייט צו משפּט'ן ווי אזוי לינקאָלן וואָלט געווען געהאַנדעלט בנוגע דער סאוט נאָך דער מלחמה, ווען ער וואָלט געבליבען לעבען און וואָלט געזעסען אויף דעם פּרעזידענט-שטול.

לינקאָלן איז פון אָנפאַנג אָן געשטאַנען אויפ'ן שטאַנדפּונקט, אז די שטאַטען וואָס האָבען געמאַכט דעם אויפשטאַנד זיי-

נען געזעצליך קיינמאָל פון די פאראייניגטע שטאטען ניט ארויס. ער האָט אין זיין איינשווערונגס־רעדע אין 1861 געזאָגט: „קיין שטאט קען ניט געזעצליך ארויסטרעטען פון דער יוניאן”. די שטאטען וואס האָבען זיך אָפּגעריסען זיינען אין פּרינציפּ מיט־גלידער פון די פאראייניגטע שטאטען אזוי ווי געווען. מער ניט, זיי אנטזאגען זיך צו פאָלגען די געזעצען פון די פאראייניגטע שטאטען. דארף מען זיי צווינגען דאָס צו טאָן. אזוי שנעל ווי זיי ווע‌לען זיך אונטערגעבען און דערקלערען אז זיי זיינען ווי־ליג צו פאלגען די געזעצען קענען זיי אָנפאנגען צו פונקציאָנירען אלס שטאטען אזוי ווי פריער, פאר דעם אויפשטאנד.

געוויסע שטאטען אין דער סאוט זיינען טאקע טיילווייז אריינגענומען געווארען צוריק אין פארלויף פון די ערשטע יארען פון קריג. לינקאָלן האָט דערלויבט די בירגער אין די באזיגטע געגענדען וואו עס איז געווען אבסאָלוט רואיג, צו שיקען פאר־שטייער צום קאָנגרעס אין וואשינגטאָן. אין דעצעמבער, 1862, זיינען אין לואיזיאנא אויסגעוויילט געווארען צוויי קאָנגרעסלייט און דער קאָנגרעס האָט זיי ערלויבט צו פארנעמען זייערע פּלע־צער. דעם אכטען דעצעמבער האָט לינקאָלן אונטערגעשריבען א פּראָקלאמאציע אין וועלכער ער האָט פאָרמולירט זיין פּרינציפּ בנוגע דעם, ווי אזוי די איינגענומענע שטאטען קענען ווערען צוריק גוטשטייענד. זיין פּלאן איז געווען אזוי: אויב צען פּראָצענט פון די בירגער וואס האָבען אין א שטאט געשטימט אין די וואלען פון 1860, שווערען איצט טרייהייט צו די פאר־אייניגטע שטאטען, מעגען זיי אָרגאניזירען א שטאט־רעגירונג. די שטאט־רעגירונג וועט אנערקענט ווערען פון די פאראייניגטע שטאטען, זי מוז אָבער פאָלגען דעם נייעם געזעץ וואס האָט אין די רעוואָלטירטע שטאטען אפגעשאפט שקלאפעריי. ווייטער האָט לינקאָלן אין דער פּראָקלאמאציע דערקלערט, אז יענע בירגער אין די רעוואָלטירטע שטאטען וואס וועלען שווערען טרייהייט צו די פאראייניגטע שטאטען, וועלען באקומען פולע באגנאדיגונג און וועלען צוריקקריגען אלע זייערע רעכט און זייער אייגענטום, נאָר ניט זייערע שקלאפען.

אויף דעם סמך פון דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע זיינען אָר־גאַניזירט געוואָרען לאָיאַלע שטאַט־רעגירונגען אין אַרקאַנסאַ און לואיזיאַנאַ.

די פּראָקלאַמאַציע פון פּרעזידענט האָט שטאַרק אויפגעבראַכט דעם קאָנגרעס. טייל קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען זיינען געווען אין כעס וואָס לינקאָלן האָט זיך גענומען דאָס רעכט אין אַזאַ וויכטיגער אַנגעלעגענהייט צו האַנדלען אַליין. זיי האָבען גע־טענה'ט, אַז לויט דער קאָנסטיטוציע קען דער פּרעזידענט ניט אַריינגעמען קיין נייעם שטאַט אין דער „יוניאָן" אָן דער צו־שטימונג פון קאָנגרעס. נאָכמער, לויט דער קאָנסטיטוציע ווע־רען נייע שטאַטען נאָר אַריינגענומען פון קאָנגרעס, און ערשט דערנאָך גיט דער פּרעזידענט זיין צושטימונג. די קאָנגרעס־לייט האָבען באַטראַכט די רעוואָלטירטע שטאַטען אַלס אויסגע־שלאָסענע. איצט דאַרף מען זיי אַריינעמען איבעראַנייעס. און דאָס קען טאָן בלויז דער קאָנגרעס.

טייל קאָנגרעסלייט זיינען געווען אין כעס דערפאַר וואָס לינ־קאָלן האָט אַזוי מילד געהאַנדעלט מיט די רעוואָלטירטע שטאַטען. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז אַזאַ ליבעראַלע, מילדע האַנדלונג מיט בונטאָווטשיקעס איז אַ געפאַר, ווייל זי וועט צוגעבען מוט יענע שטאַטען, וועלכע זיינען נאָך געשטאַנען אין קאַמף געגען דער „יוניאָן".

אַלס ענטפער אויף לינקאָלנ'ס פּראָקלאַמאַציעס האָט דער קאָנגרעס אין יולי אָנגענומען אַ ביל, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אַ גאַנץ אַנדער וועג ווי אַזוי די רעוואָלטירטע שטאַטען זאָלען צוריק אַריינגענומען ווערען. גאָכדעם ווי דער שטאַט וועט זיך אונטערגעבען, זאָלען די בירגער דאָרט פאַררופען אַ קאָנווענשאָן צו גרינדען אַ שטאַט־רעגירונג. די קאָנווענשאָן מוז אָננע־מען דריי באַשלוסען: ערשטענס, אַז יענע בירגער, וועלכע האָ־בען פאַרנומען פּראָמינענטע עמטער אין דער מיליטערישער אָדער ציווילער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָנפעדעראַציע זאָלען פאַרלי־רען זייער שטימרעכט; צווייטענס, אַז שקלאַפעריי איז אין דעם שטאַט אָפּגעשאַפט; דריטענס, אַז דער שטאַט זאָל ניט צאָלען

די חובות פון דער קאנפעדעראציע־רעגירונג. אויב דער קאנ־רעס אין וואשינגטאן וועט זיין צופרידען מיט די האנדלונגען פון דער קאנווענשאן זאל דער פרעזידענט האבען דאס רעכט דעם שטאט צוריק ארייננצונעמען.

לוט דעם דאזיגען באשלוס האט דער קאנגרעס געהאט די הויפט דעה אין ארייננעמען צוריק די שטאטען. דער ביל איז אנגענומען געווארען איןביידע צווייגען פון קאנגרעס. לינקאלן האט זיך אנטזאגט אים אונטערצושרייבען. ער האט ארויסגעגע־בען א דערקלערונג פאר זיין האנדלונג. ער האט געזאגט, אז ער איז ניט געגען דעם פלאן פון קאנגרעס. דער פלאן וואלט אבער אפגעשאפט די נייע שטאט־רעגירונגען אין ארקאנסא און אין לואיזיאנא, און דאס וואלט שלעכט געווירקט אויף די לא־יאלע בירגער אין יענע שטאטען. ער האט אויך ניט געוואלט צוגעבען, אז בלויז דער קאנגרעס האט דאס רעכט די שטאטען צוריק ארייננצונעמען. ער איז אויך ניט צופרידען געווען מיט דעם פונקט וועגען שקלאפעריי. לויט דער קאנסטיטוציע, האט ער געזאגט האט דער קאנגרעס קיין רעכט ניט אפצושאפען שקלא־פעריי אין די שטאטען. שקלאפעריי קען אפגעשאפט ווערען נאר דורך אן אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע. אין אלגעמיין האט לינקאלן געוואלט, אז די גאנצע פראגע וועגען „ריקאנסטרוקציע" און וועגען צוריק ארייננעמען די שטאטען, זאל בלייבען אפען. עס דארף ניט באשטימט ווערען בלויז איין געוויסער וועג ווי אזוי דאס צו טאן. עס קענען זיין עטליכע פארשידענע וועגען און אלע גוטע.

לינקאלן איז ביטער אטאקירט געווארען דערפאר וואס ער האט ניט אונטערגעשריבען דעם ביל. זיין האנדלונג איז פאר־דאמט געווארען אלס „א קלאפ פאר די פריינד פון דער אדמיניס־טראציע, געגען די רעכט פון דער מענשהייט און געגען די פרינ־ציפען פון רעפובליקאנישער רעגירונג."

דער שטורם איבער דער פראגע פון רעקאנסטרוקציע איז פארגעקומען נאך דעמאלט, ווען דאס לאנד האט זיך גערודערט מיט וואלען־פאליטיק. דעמאלט זיינען לינקאלנ'ס אקציעס אלס

קאַנדידאַט געשטאַנען זייער נידעריג. זיינע פּאָליטישע געגנער, איבערהויפּט די דעמאָקראַטען, האָבען זיך נאַטירליך באַנוצט מיט דער פּאַסירונג אין זייער אַגיטאַציע געגען לינקאָלנ'ען און זיין אַדמיניסטראַציע.

די אָפּאָזיציע צו לינקאָלנ'ען אין זיין אייגענער פּאַרטיי איז געווען זייער גרויס. אַזוי צום ווייניגסטענס, האָט עס אויסגעוויזען אין די ערשטע מאָנאַטען פון יאָר 1864. מר. דזשוליוס, אַן איינפלוסרייכער רעפּובליקאַנישער טוער פון יענער צייט, שרייבט אין זיינע מעמוארען אַז „צווישען די מער ערנסטע און איבערגעבענע רעפּובליקאַנער אין ביידע צווייגען פון קאָנגרעס איז וואַרשיינליך ניט געווען איינער פון צען וואָס האָט געוואָלט, אַז לינקאָלן זאָל ווידער נאָמינירט ווערען". די רעפּובליקאַנישע טוער אין דער פּאַרטיי און אין די רעגירונגס-קרייזען זיינען געווען אָנגעשטויסען אויף לינקאָלנ'ען צוליב פּערזענליכע אורזאַכען. לינקאָלן האָט זיי געשענקט ווייניג אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך ווייניג גערעכענט מיט זייערע מיינונגען. מיניסטער טשעיס, צום ביישפּיל, האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט, אַז דער קאַבינעט שפּילט אין דער אַדמיניסטראַציע קיין ראָלע ניט; לינקאָלן דריקט קיינמאָל ניט אויס דעם ווילען און די מיינונג פון זיינע מיניסטאָרען. מר. מאָרס שרייבט: „עס זיינען געווען זייער ווייניג רעפּובליקאַנישע טוער וועמען לינקאָלן האָט ניט וויי געטאָן. מר. טעדיוס סטיווענס, דער ראַדיקאַלער פירער פון די רעפּובליקאַנער אין קאָנגרעס, האָט ערקלערט, אַז אין גאַנצען קאָנגרעס איז דאָ בלויז איינער וואָס איז לינקאָלנ'ס אַ פריינד פּאָליטיש, און עס ווערט דערציילט אַז לינקאָלן אליין האָט טרויעריג צוגעגעבען אַז דאָס איז אמת".

די אומצופרידענע אין דער פּאַרטיי האָבען זיך גרופּירט אַרום דעם פינאַנץ מיניסטער טשעיס. אין יאַנואַר, 1864, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָמיטע פון פּראָמינענטע סענאַטאָרען, קאָנגרעסלייט און בירגער צו אַרבייטען פאַר דער נאָמינירונג פון טשעיס'ען אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט אויף דעם רעפּובליקאַנישען טיקעט. ווען לינקאָלן האָט זיך דערוואוסט פון דער באַ-

וועגונג, האט ער זיך אויסגעדריקט אז „ער ווינשט דאס לאנד זאל ניט האבען קיין ערגערען מענשען פאר פרעזידענט ווי טשעיס איז". די באוועגונג פאר טשעיס'ן האט אבער שנעל געפלאצט דורך אן איבערגעאיילטען שריט וואס די קאמיטע האט געמאכט. זי האט אן טשעיס'עס וויסען ארויסגעשיקט א בריף צו רעפובליקאנישע טוער איבער'ן לאנד, אין וועלכען לינקאלן איז שארף קריטיקירט געווארען. דער בריף האט געזאלט זיין א געהיימער, אבער די צייטונגען האבען באקומען א קאפיע און אים פארעפענטליכט. טשעיס האט זיך געפונען אין א שלעכטער לאגע. ער האט גלייך געשריבען צו לינקאלנ'ען אז ער האט פון דעם בריף ניט געוואוסט, און אז אונטער די אומשטענדען געפינט ער עס פאר זיין פליכט אנצובאטען זיין רעזיגנאציע פון קאבינעט. לינקאלן האט געענטפערט זייער פריינדליך. ער האט אים פארזיכערט, אז ער האט דעם בריף ניט געלייענט. וואס אנבאלאנגט דער רעזיגנאציע האט לינקאלן ערקלערט, אז ער נעמט זי ניט אן ווייל ער געפינט אז טשעיס איז גוט פאר דעם אמט פון פינאנץ־מיניסטער.

די פאסירונג האט געגעבען א שטארקען קלאפ דער טשעיס־באוועגונג. באלד האט פאסירט נאך עטוואס וואס האט די באוועגונג אינגאנצען געטויט. טשעיס האט ערקלערט אז ער וועט ניט מסכים זיין צו זיין א קאנדידאט, סיידען די רעפובליקאנער אין זיין אייגענעם שטאט, אין אהייא, וועלען אים פריער אינדארסירען. אין פעברואר האבען די רעפובליקאנער מיטגלידער פון דער אהייא לעדזשיסלייטשור אפגעהאלטען א בעראטונג און „אין נאמען פון פאלק און פון די סאלדאטען פון אונזער שטאט" ערקלערט, אז זיי שטיצען לינקאלנ'ען פאר א צווייטען טערמין. דאס האט געמאכט א סוף צו טשעיס'עס האפענונגען און אמביציעס צו ווערען פרעזידענט. אין מאי האט ער געלאזט ווייסען עפענטליך, אז ער וויל מען זאל וועגען אים אלס א קאנדידאט מער ניט ריידען און זיין פארלאנג איז באוויליגט געווארען.

נאך דער פאסירונג איז טשעיס לאנג ניט פארבליבען אין קאבינעט. די באציאונגען צווישען אים און לינקאלנ'ען זיינען

געוואָרען מער און מער אָנגעצויגען. אין יוני האָט ער ווידער ארייננעשיקט זיין רעזיגנאציע און דאָס מאָל האָט זי לינקאָלן אָנגענומען.

די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער האָבען זיך איצט גענומען גרופּירען ארום גענעראל פרעימאָנט, דעמזעלבען פרעימאָנט וואָס האָט אין מיזורי פּראָקלאַמירט די באפרייאונג פון די שקלאַפען. לינקאָלן האָט דעמאָלט פרעימאָנט׳ס פּראָקלאַמאַציע צוריקגעצויגען. פון דעמאָלט אָן איז פרעימאָנט באַטראַכט געוואָרען אלס דער פאָרשטייער פון די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער וועלכע האָבען געפאָדערט די באַלדיגע אפּשאפונג פון שקלאַפעריי אלס הויפּט פּונקט פון דער מלחמה. פרעימאָנט׳ס אָנהענגער האָבען איצט ארויסגעלאָזען אן אויפרוף צו א קאָנווענשאָן, וועלכע זאָל זיך פאַרזאַמלען דעם 31טען מאַי אין קליוולאַנד. צווישען די אָנהענגער פון דער פרעימאָנט־באַוועגונג איז געווען דער באַרימטער אבאָלישאָניסט ווענדעל פיליפּס, וועלכער האָט אָנגערופען די לינקאָלן־אדמיניסטראַציע „א מיליטערישער און ציווילער דורכפאַל". דערביי מוז באַמערקט ווערען אז וועגדעל פיליפּס איז געווען אן אויסנאַם. די אַנדערע וויכטיגע פירער פון דער אבאָליציאָניסטען באַוועגונג, ווי צום ביישפּיל, וויליאַם לאָיד גערריסאָן, זיינען געשטאַנען פאַר לינקאָלנ׳ס ווידערערוויילונג. אמת, זיי זיינען אויך ניט געווען אינגאַנצען צופרידען מיט לינקאָלנ׳ס האַנדלונגען בנוגע שקלאַפעריי. זיי האָבען אָבער געוואוסט, אז ווען לינקאָלן וועט זיין פּרעזידענט וועט שקלאַפעריי סוף־כל־סוף אָפּגעשאַפט ווערען, און אז אויב די רעפּובליקאַנער וועלען נאָמינירען אן אַנדערען איז דאָ א געפאַר, אז די דעמאָקראַטען וועלען ארויס די זיגער און דעמאָלט וועט שקלאַפעריי פאַרבלייבען.

די קליוולאַנדער קאָנווענשאָן איז ניט געווען קיין ערפאָלג. די צאָל מענשען, וואָס זיינען צו איר געקומען איז געווען פאַרהעלטניסמעסיג קליין. זי האָט אָבער אפּגעטאָן איר ארבייט. זי האָט נאָמינירט פרעימאָנט׳ן פאַר פּרעזידענט און גענעראל קאָקרען פאַר וויים־פּרעזידענט. אין פאַרלויף פון זומער האָבען די פרעימאָנט׳אַנער אנגעשטרענגט אלע זייערע כוחות צו שאַפען אין

לאנד א שטימונג פאר זייער קאנדידאט. זיי האָבען אבער קיין ערפאלג ניט געהאט. פרעימאָנט האָט זיך איבערצייגט, אז ער האָט קיין שאנסען ניט דערוויילט צו ווערען און אין סעפטעמ־בער האָט ער געלאָזט וויסען אז ער ציט זיך צוריק. פרעימאָנט איז אלזאָ אויך ארויס פון רעדעל.

די אגיטאציע געגען לינקאָלנ'ען איז אָבער פארטגעזעצט געווארען. טייל פון די איינפלוסרייכסטע צייטונגען זיינען ארויסגעטראטען געגען אים. דער בארימטער רעדאקטאָר האָרעיס גרילי, פון דער ניו יארק „טריביון", האָט ניט אויפגעהערט אים צו אטאקירען. איינער פון זייערע ארגומענטען איז געווען, אז א פרעזידענט טאָר מער ווי איין טערמין ניט דינען. זיי האָבען אנגעוויזען, אז פאר די לעצטע דרייסיג יאר, זינט דזשעקסאָנ'ען, איז קיין איין פרעזידענט ניט דערוויילט געווארען פאר מער ווי איין טערמין.

די רעפובליקאנישע קאָנווענשאָן האָט געדארפט פארקומען דעם 7טען יוני אין באלטימאָר. לינקאָלנ'ס געגנער האָבען אנגע־שטרענגט אלע זייערע כוחות צו ווירקען אז די קאָנווענשאָן זאל אָפּגעלייגט ווערען ביז סעפטעמבער. זיי האָבען געהאָפט, אז ביז דעמאָלט וועט פילייכט עטוואס פאסירען וואס וועט לינקאָלנ'ען דיסקרעדיטירען און צווינגען די פארטיי אים אויסצובייטען אויף אן אנדערען. דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבען. די קאָנווענשאָן איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם באשטימטען טאָג. לינקאָלן האָט אויף דער ערשטער אפשטימונג באקומען די שטימען פון אלע דעלעגאטען אויסער די 22 וואס האָבען פארטראטען מיזורי. יענע 22 האָבען געשטימט פאר גענעראל גרענט. אָבער איידער מען האָט געענדיגט דאָס ציילען, האָבען די 22 חרטה געהאט און לינקאָלן איז נאָמינירט געווארען איינ־שטימיג. אלס וויס־פרעזידענט איז נאָמינירט געווארען ענדרו דזשאנסאָן, א מלחמה־דעמאָקראט.

אויף דער פלאטפאָרמע וואס די קאָנווענשאָן האָט אָנגע־נומען זיינען געווען די פאלגענדע הויפט פונקטען: שקלאפעריי מוז פארטריבען ווערען פון די פאראייניגטע שטאטען און די

קאָנסטיטוציע מוז אזוי אַמענדירט ווערען, אז עס זאָל אוממעגליך זיין ווידער איינצופירען שקלאפעריי; קיין פשרות מיט דער קאָנ־פעדעראציע, זי מוז זיך אינגאַנצען אונטערגעבען; די רעגירונג זאָל דערמוטיגען אימיגראציע. צו א קאָמיטע וואס איז אים געקו־מען גראטולירען מיט זיין נאָמינאציע האָט לינקאָלן געזאָגט אזוי:

„איך ערלויב מיר ניט צו גלויבען, אז די קאָנווענשאָן האָט באשלאָסען אז איך בין דער בעסטער און דער גרעסטער מאַן אין אמעריקע. איך גלויב, אז זי האָט מיך נאָמינירט ווייל זי האָט באשלאָסען, אז עס איז בעסער ניט צו בייטען קיין פערד אין מיטען וועג ווען מען פאָרט איבער א טייך" (די פראזע איז פאר־בליבען בארימט אלס א שפּריכוואָרט ביים אמעריקאנער פאָלק).

מעקמעסטער שרייבט: „פאר דער קאָמיטע וואס איז גע־קומען אים אָנזאָגען וועגען זיין נאָמיאציע האָט לינקאָלן אונטער־שטראכען, אז ער שטיצט דעם פונקט אין דער פּלאטפאָרמע, וועל־כע פאָדערט אז אין דער קאָנסטיטוציע זאָל אריינגעשריבען ווע־רען אן אמענדמענט צו פארבאָטען שקלאפעריי. דאָס וואָס לינ־קאָלן האָט ביי דער געלעגענהייט אויפגעהויבען דעם דאָזיגען פונקט אין דער פּלאטפאָרמע און גראָד וועגען אים גערעדט, איז ניט געווען קיין צופאל. גראָד דעמאָלט האָט דער קאָנגרעס גע־האלטען אין פארהאנדלען דעם אמענדמענט... די דעמאָקראטישע קאָנגרעסלייט האָבען געשטימט געגען דעם אמענדמענט און ניט געוואלט דערלאָזען מען זאָל אים אָננעמען. די פראגע וועגען אן אמענדמענט צו פארבאָטען שקלאפעריי איז אויף אזא אופן גע־ווארען דער הויפּט שטרייטפּונקט אין דער פּרעזידענט־קאמפּאניע צווישען די דעמאָקראטען און די רעפּובליקאנער."

די דעמאָקראטישע פּארטיי האָט איר קאָנווענשאָן אפּגעהאל־טען דעם 29טען אויגוסט. דאָס האָט זי געטאָן בכיון. דער זו־מער איז געווען זייער א שלעכטער פאר דער נאָרט. די האָפע־נונג וואס לינקאָלן האָט געלייגט אויף גרענט'ן איז ניט פאר־ווירקליכט געווארען. גרענט האָט ניט איינגענומען ריטשמאָנד און שערמאן אין דער וועסט האָט נאָך דעמאָלט ניט דערגרייכט

זיין ציל איינצונעמען אטלאנטא. די הוצאות פון דער מלחמה זיינען געווען אונגעהייער גרויס, — צוויי מיליאָן דאָלער א טאָג. די רעגירונגס־קאַסע איז געווען אויסגעשעפּט. אין קורצען האָט מען גענויטיגט דורכפירען א נייעם „דראַפט” צו קריגען נאָך סאָלדאַטען. די דעמאָקראַטען האָבען געהאָפט אַז אין פאַרלויף פון די נעקסטע עטליכע מאָנאַטען וועט די לאַגע נאָך ערגער ווערען און דעמאָלט וועט זייער פּארטיי זיין אימשטאנד בעסער צו אורטיילען וואס פאר א פרעזידענט־קאנדידאט ארויסצושטעלען געגען לינקאָלנ׳ען.

דערווייל האָבען 43 דעמאָקראַטישע קאָנגרעסלייט פאַר־עפענטליכט א מאַניפעסט צום פּובליקום אין וועלכען זיי האָבען אויסגערעכענט אַלע פעלערען פון דער אדמיניסטראַציע און אַלע חטאים פון לינקאָלנ׳ען, און האָבען גערופען צו אַן ענדערונג אין דער אדמיניסטראַציע. צווישען די אויסגערעכענטע „פאַרברע־כענס” איז געווען דאָס, וואס מען נעמט אריין נעגער אין דער ארמיי און מען גיט זיי דיזעלבע רעכט און דיזעלבע פּריוויליגיעס ווי די ווייסע סאָלדאַטען. „דאָס רייסט ארונטער די וואַנט צווישען די ראַסען”.

די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שיקאַגאָ, דעם 29טען אויגוסט. איינער פון אירע הויפּט פירער איז געווען וואַלענדיגהעם, דערזעלבער וואס איז ארויס־געשיקט געוואָרען פון לאַנד פאַר זיינע אטאַקעס אויף לינ־קאָלנ׳ען. די קאָנווענשאָן האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע, אַז די מלחמה איז געווען א דורכפאַל, אַז זי מוז גלייך אָפּגע־שטעלט ווערען און אַז פרידען מוז געשלאָסען ווערען. ווי אַזוי דער פרידען זאָל געשלאָסען ווערען האָט זי ניט קלאָר געמאַכט. די דעמאָקראַטען זיינען וועגען דעם ניט געווען איינציג צווישען זיך. זיי האָבען אָבער אַלע איינגעשטימט אַז נעגער שקלאַפעריי מוז אויף ווייטער ערלויבט זיין אין דער סאַוט. די פראַגע איז געוואָרען איינע פון די הויפּט אישום צווישען די צוויי פּאַרטייען אין דעם וואַלקאַמף. אַלס פרעזידענט־קאַנדידאַט האָט די קאָנ־ווענשאָן נאָמינירט גענעראַל מעקלעלאַנ׳ען.

אין אוגוסט האָט עס אויסגעוויזען, אז לינקאָלן האָט ווייניג אויסזיכטען דערוויילט צו ווערען. ער אליין איז געווען פּעסי־מיסטיש. דעם 26טען אוגוסט האָט ער אויף א שטיקעל פּאַפּיר אָנגעשריבען די פאָלגענדע ווערטער: „היינט אין דערפרי, אזוי ווי אין די פאָריגע עטליכע טעג, זעט עס אויס אז העכסט וואר־שיינליך וועט די אדמיניסטראציע צוריק ניט דערוויילט ווערען. דעמאָלט וועט זיין מיין פליכט מיטצואַרבייטען מיט דעם ניי־ערוויילטען פּרעזידענט צו ראַטעווען די יוניאָן אין פארלויף פון דער צייט צווישען דעם וואלטאָג און דעם איינשוועדונגס־טאָג, ווייל ער וועט דערוויילט ווערען אויף אזעלכע יסודות, אז אים וועט אוממעגליך זיין שפּעטער די יוניאָן צו ראַטעווען.” ער האָט דאָס שטיקעל פּאַפּיר צונויפגעלייגט אזוי אז קיינער האָט עס ניט געקענט לייענען און האָט געבעטען די קאַבינעט־מי־ניסטאָרען זיי זאָלען אונטערשרייבען זייערע נעמען אויף דער צווייטער זייט. ער האָט דאָס פּאַפּיר קיינעם ניט געוויזען ביז נאָך די וואלען. ער האָט עס געטאָן ווייל ער האָט געוואָלט מען זאָל שפּעטער וויסען ווי אזוי ער האָט געפילט אין יענע טעג ווען ער האָט ניט געהאָפט ווידער דערוויילט צו ווערען, און וואס זיינע פּלענער זיינען דעמאָלט געווען.

גלייך נאָכדעם ווי די דעמאָקראַטען האָבען זייער קאָנ־ווענשאָן געשלאָסען און דער וואלקאַמף האָט זיך אָנגעפאנגען האָט די זון אָנגעהויבען אויפצוגיין פאר לינקאָלנ׳ען און פאר דער נאָרט. אָנפאנג סעפּטעמבער האָט שערמאַן איינגענומען אטלאַנטאַ. דאַן האָט זיך אָנגעפאנגען די רייע נצחונות וואס שערידאַן האָט אין פארלויף פון די צוויי מאָנאַטען, סעפּטעמבער און אָקטאָבער, אָפּגעהאַלטען אין דעם שענאַנדראָהאַ טאָל. אויך אויפ׳ן ים האָט די די פלאָטע פון דער נאָרט געהאַט וויכטיגע נצחונות. דער געשריי פון די דעמאָקראַטען, אז די מלחמה איז א דורכפאַל האָט איצט גענומען פארלירען זיין האַפט. דער פּרעסטיזש פון דער אדמיניסטראציע האָט זיך געהויבען פון טאָג צו טאָג.

אין פארלויף פון די וואלקאַמף־מאָנאַטען האָבען זיך אַלע

פראַקציעס פון דער רעפובליקאנישער פּארטיי פאראייניגט אַרום לינקאָלנ'ען. זיי האָבען איצט איינגעזען, אז אויב זיי וועלען זיין צוטיילט איז דאָ א געפאר אז די דעמאָקראטען וועלען זיגען, און אויב דאָס וועט געשען וועט די סאוט אַרויס די זי־גערין אין דער מלחמה. די פרעסע פון דער סאוט האָט אָנגע־פירט א שטארקע אגיטאציע פאר מעקלעלאן. א צייטונג אין טשארלסטאָן, סאוט קאראָליינא, האָט געשריבען אז „די אר־מייען פון דער סאוט און די דעמאָקראטען אין דער נאָרט האָ־בען דעמזעלבען ציל". האָרעיס גרילי, אין דער „טריביון", האָט ערקלערט, אז ער וועט פון איצט אָן ארבייטען פאר דער ווי־דערערוויילונג פון לינקאָלנ'ען, ווייל בעסער לינקאָלן איידער א צוריסען לאנד אָדער א פאראייניגט לאנד מיט שקלאפעריי. די רעפובליקאנער זיינען געווען איבערצייגט, און דאָס איז טאַקע געווען ריכטיג, אז אויב מעקלעלאן וועט דערוויילט ווערען וועט געשען איינע פון די צוויי זאכען: ענטוועדער די נאָרט וועט נאָכגעבען דער סאוט, און איר דערלויבען צו האָבען אָן אייגענע רעגירונג, אָדער די סאוט וועט איינוויליגען צוריק אריינצו־גיין אין דער יוניאָן מיט דעם תנאי אז שקלאפעריי זאָל אנער־קענט ווערען אלס א געזעצליכע אינסטיטוציע אין גאנצען לאנד.

אלע פריערדיגע געגנער לינקאָלנ'ס האָבען איצט אגיטירט פאר אים. טשעיס איז אַרויסגעפארען און גערעדט פאר אים אין אָהייאָ. פרעמאָנט האָט זיך צוריקגעצויגען אלס קאנדידאט און האָט פארעפענטליכט א בריף אין וועלכען ער האָט דער־קלערט: „איך טו דאָס ניט כדי צו העלפען ברענגען א נצחון פאר לינקאָלנ'ען, נאָר מיטצוהעלפען אז א דעמאָקראטישער קאנ־דידאט זאָל ניט אויסגעקליבען ווערען". דיזעלבע שטעלונג ווי פרעמאָנט האָבען גענומען א סך ראדיקאלע רעפובליקאנער. זיי זיינען ניט געווען צופרידען מיט לינקאָלנ'ען אָבער זיי האָבען אים געהאָלפען, ווייל זיי האָבען מורא געהאט טאָמער וועט מעקלע־לאן געווינען.

די דעמאָקראטען האָבען אָנגעפירט א שטורמישע קאמפאניע. זיי זיינען געווען זייער טעטיג אין ניו יאָרק און אין אנדערע

גרויסע שטעט. „קיינמאָל, שרייבט מעקמעסטער, זיינען אין ניו יארק ניט געווען אזוי פיל דעמאָנסטראציעס, אזוי פיל פּאראַ־דען, אזוי פיל פייערווערק, אזוינע ריזיגע מאסענפארזאמלונגען, אזא ענטוזיאזם". די דעמאָקראַטישע רעדנער האָבען זיך אָפּגע־שטעלט הויפּטזעכליך אויף דער שטעלונג פון די צוויי געגנע־רישע קאנדידאטען צו דער פראַגע פון פרידען. לינקאָלן האָט אין אן אָפענעם בריף צום עולם דערקלערט, אז ער איז גרייט צו אונטערהאנדלען וועגען פרידען אויף צוויי באדינגונגען: די סאוט זאָל צוריק אריין אין דער יוניאָן און זאָל זיך אָפּזאָגען פון שקלאפעריי. מעקלעלאן האָט דערקלערט, אז ער איז גרייט צו פארהאנדלען וועגען פרידען בלויז אויף איין באדינגונג, די סאוט זאָל צוריק אריין אין דער יוניאן. לינקאָלן וויל אלזאָ פירען מלחמה צוליב שקלאפעריי. דאָס האָבען די דעמאָקראַ־טישע רעדנער פארדאמט אלס אן „אייביגע קללה„. זיי האָבען דערקלערט, אז אויף לינקאָלנ'ס באדינגונגען וועט די מלחמה אָנהאלטען אזוי לאנג ווי עס וועט זיין איין לעבעדיגער מענש אין דער סאוט. די סאוט וועט זיך קיינמאָל פון שקלאפעריי ניט אָפּזאָגען. זיי האָבען באשולדיגט לינקאָלנ'ען אז אים ארט גאָר ניט די גאנצקייט פון לאנד, ווייל אויב דאָס וואָלט אים גע־ארט, וואָלט ער אויפגעגעבען די פאָדערונג וועגען שקלאפעריי.

די רעפּובליקאנישע רעדנער האָבען אויף די ארגומענטען גע־ענטפערט, אז שקלאפעריי טאָר מער אין לאנד ניט עקזיסטירען, אז די פאראייניגטע שטאַטען קען מער ניט זיין פארבונדען מיט שטאַען וואו עס הערשט שקלאפעריי. אויב די סאוט מוז אריין צוריק אין דער יוניאן, מוז זי ווערען ריין פון שקלאפעריי. די רעפּובליקאנישע פּארטיי האָט געמאכט ספּעציעלע אָנשטרענגונג צו קריגען די שטיצע פון די ארבייטער. זי האָט אָנגעוויזען דע־רויף וואָס לינקאָלן האָט אין א רעדע געזאָגט: „ארבייט איז העכער ווי קאפּיטאל און פארדינט מער אנערקענונג". ער האָט אויך ערקלערט אז דער אויפשטאנד פון דער סאוט איז א „קרינס ערקלערונג געגען די רעכט פון אלע ארבייטער". די רעפּובליקאַ־נישע רעדנער האָבען אָנגעוויזען, אז ביידע קאנדידאטען פון דער

רעפובליקאנישער פארטיי געהערען צום ארבייטער־קלאס; לינ־קאָלן און דזשאנסאָן האָבען ביידע געשטאמט פון אָרימע פאמי־ליעס און געמוזט ארבייטען זיך צו דערנערען.

אין אָקטאָבער האָבען זיך באוויזען די ערשטע סמנים פון לינקאָלנ׳ס שטארקייט. דעם מאָנאט זיינען פאָרגעקומען וואלען אין די שטאטען פענסילווייניא, אָהייאָ און אינדיאנא. אין די אלע שטאטען האָבען די רעפובליקאנער געוואונען. די דעמאָ־קראטען האָבען אָבער ניט אויפגעגעבען זייער האָפענונג. זיי האָבען פאָרטגעזעצט זייער טיכטיגען, ענטשלאָסענעם און ענטו־זיאסטישען קאמף ביז׳ן לעצטען טאָג.

די וואלען אין לאנד זיינען פאָרגעקומען דעם 8טען נאָ־וועמבער. לינקאָלן האָט באקומען 212 עלעקטאָרישע שטימען און מעקלעלאן בלויז 21. מעקלעלאן האָט געוואונען ניט מער ווי דריי שטאטען: ניו דזשוירזי, דעלעווער און קענטאָקי.

„די נאכט פון די וואלען, שרייבט מארס, איז לינקאָלן געזע־סען ביז צוויי א זייגער אין קריגס־ביוראָ און דאָרט דערהאלטען די באריכטען וועגען זיין זיג... ווען ער איז צוריקגעקומען אהיים אין ווייסען הויז האָט אויף אים געוואַרט אַן עולם מענ־שען. זיי האָבען פארלאנגט ער זאָל זאָגען עטליכע ווערטער. ער האָט ערקלערט: „מיין דאנקבארקייט איז ריין פון דעם פלעק פון פערזענליכען טריאומף. איך צווייפעל ניט אין די מאָטיוועז פון מיינע געגנער. פאר מיר איז עס ניט קיין פאר־געניגען צו טריאומפירען איבער אימיצען. אָבער איך דאנק דעם אלמעכטיגען דערפאר וואס דאָס פאָלק האָט איצט בא־וויזען, אז עס איז ענטשלאָסען צו שטיין פעסט פאר א פרייער רעגירונג און פאר מענשליכע רעכט".

צוויי טעג שפעטער האָט לינקאָלן אין א רעדע אויסגע־דריקט די זעלבע געפילען אביסעל שטארקער. „איצט אז די וואלען זיינען פאראיבער, לאָמיר זיך אלע פאראייניגען צו ראָ־טעווען אונזער אלעמענס לאנד. וואס איז שייך מיר האָב איך געשטרעבט און וועל ווייטער שטרעבען אויסצומיידען צו לייגען שטערונגען אין וועג. אזוי לאנג ווי איך בין דאָ האָב

איך באַוואוסטזיניג קיינעם ניט אריינגעשטאָכען א דאָרן אין זייט.... פילענדיג טיף דעם כבוד וואס די דערוויילונג האָט מיר צוגעטיילט . . . האָב איך אָבער ניט קיין הנאה דערפון, וואס אנדערע זיינען אנטוישט אָדער זיינען געקרענקט פון דעם רעזול־טאט".

קאפיטעל 27.

גנבות, קאָרופּציע און הולטאַיסטוואָ אין די רעגי־רונגס־קרייזען.

דער בירגער־קריג האָט געבראַכט די אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע קללות וואס אַלע מלחמות ברענגען. די ריזיגע הוצאות פון דער רעגירונג אין שייכות מיט'ן קריג האָבען גע־ווירקט ווי א מאַגנעט צוציען קאָרופּטע געשעפטסלייט וועלכע האָ־בען זיך פארבונדען מיט קאָרופּטע בעאמטע און צוזאמען האָ־בען זיי באַרויבט און באַ'גנב'עט די רעגירונג. מענשען וואס זיינען ערשט נעכטען געווען אָרימעלייט זיינען אויף אזא אופן געווארען שטיין רייך. אין די שווינדלען און גנבות האָבען זיך באַטייליגט גאָר אנגעזעענע סוחרים און פינאַנסירען. טייל פון די גאָר גרויסע מיליאָנערסקע פאַמיליעס אין דער איצטיגער אמע־ריקא האָבען דעמאָלט אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פון זייער פארמעגען. צוזאמען מיט'ן גרינגען געלט איז געקומען הול־טאַיסטוואָ און פארשווענדעריי. די רייכע קלאסען האָבען זיך געבאָרען אין לוקסוס און געהולטאַיעוועט אין דער צייט וואָס אויף די שלאַכטפעלדער האָט זיך געגאָסען בלוט ווי וואַסער. די הולטאַיסטוואָ און אויסגעלאַסענקייט איז אריינגעדרונגען אין די הויכע פענסטער פון דער וואַשינגטאָנער געזעלשאַפט.

ווען סטענטאָן איז געווארען קריגס־מיניסטער האָט ער באַ־שטימט א קאָמיסיע אויסצופאָרשען די קאָנטראַקטען וואָס דער פריערינגער מיניסטער האָט ארויסגעגעבען. די קאָמיסיע האָט געפונען, אז די סיסטעם פון ארויסגעבען קאָנטראַקטען איז גע־ווען ניט קיין פאָרזיכטיגע און אז געוויסע קאָנטראַקטאָרס וואָס וואָלטען אין פּריוואַט־געשעפט געווען ערליך האָבען די רעגי־

רונג באשווינדעלט. טייל קאָנטראקטען זיינען איבערגעגעבען געווארען צו רויבערישע אגענטען. א גרויסער טייל פון די סאָלדאטען זיינען פון די שווינדלער באוואפענט געווארען מיט זייער שלעכטע ביקסען. א יונייטעד סטייטס סענאטאָר האָט באקומען צען טויזענד דאָלער כאבאר פאר קריגען א קאָנטראקט פון דעם קריגס־דעפּארטמענט פאר א געוויסער פירמע. די קאָמיסיע האָט אויפגעדעקט אזוי פיל שווינדעל, אז געוויסע פירמעס וואס האָבען ביי דער רעגירונג געמאָנט לויט זייערע קאָנטראקטען די סומע פון פופציג מיליאָן האָבען אליין איינגעוויליגט אראָפּצולאָזען דערפון זיבעצען מיליאָן.

אונטער סטענטאָנ'ס פארוואלטונג האָט זיך די לאגע פארבעסערט. אָבער אינגאנצען אויסצוראָטען די גנבות און די קאָרופּציע איז אים אויך ניט געלונגען. אין 1863 איז געמאכט געווארען אן אונטערזוכונג פון א סענאט־קאָמיטע. זי האָט ווידער אויפגעדעקט א מאסע גנבות. אָט זייגען א פּאָר שטעלען פון דער קאָמיטע'ס באריכט: „א געבאָרענער אין פּרייסען, פון אפּשטאמונג א איד, א פּעדלער און א פערד רייטער, האָט פארקויפט פערד דער רעגירונג. ער האָט געמאכט אומגעהייערע פּראָפיטען דורכדעם וואס ער האָט אונטערגעקויפט איין אינספּעקטאָר און דריי רעגירונגס־קלערקס. שפּעטער איז ער געווארען א גרויסער שיף־אייגענטימער (כאָטש מיט עטליכע מאָנאטען פריער איז ער געווען פארהעלטניסמעסיג אָרים). ער האָט פארדונגען דער רעגירונג דרייצען שיפען צו טראנספּאָרטירען סאָלדאטען. די שיפען האָבען אים געקאָסט 65 טויזענד דאָלער. ער האָט זיי דער רעגירונג פארדונגען אויף אזעלכע באדינגונגען, אז אין איין יאר צייט וואָלטען זיי אים איינגעטראָגען 293 טויזענד דאָלער. א צווייטער מאן איז מיט אכצען מאָנאטען פריער געווען אן אָרימאן. איצט איז ער רייך און ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג. ער האָט פון דער רעגירונג באקומען כמעט א מאָנאָפּאָל אויף פארדינגען שיפען פאר קריגס־צוועקען. עס איז אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען

אז ער וואלט אזא פריווילעגיע באקומען ווען די רעגירונגס־בעאמטע וואלטען געווען ערליך."

דער פאלגענדער פאל ווערט אויך אנגעגעבען פון דער קאמיטע. א געוויסע פירמע אין ניו יארק האט אנגעבאטען צו פארקויפען דער רעגירונג בליי פאר 29 סענט א פונט. די פירמע האט דעם קאנטראקט ניט באקומען ווייל אן אנדערער האט זיך אונטערנומען צו קריגען דער רעגירונג בליי פאר 27 סענט א פונט. יענער האט דעם קאנטראקט באקומען. ער האט אבער אליין קיין בליי ניט געהאט. האט ער די בליי געקויפט ביי דער ניו יארקער פירמע און איר געצאלט די 29 סענט א פונט און עס איבערגעשיקט דער רעגירונג פאר 27 סענט. ווי אזוי האט ער עס געקענט טאן? דורך גנב'ענען אין וואג. די אנגעשטעלטע פון דער רעגירונג וואס האבען געדארפט אויפפאסען אויף דער וואג זיינען געווען מיט אים יד אחת. זיי האבען פון דער וואג אראפגע'גנב'עט גענוג עס זאל קלעקען ניט נאר צו דעקען די צוויי סענט אויפ'ן פונט נאר אויך צו געבען גרויסע פראפיטען פאר אלע די וואס האבען געהאט א חלק אין דעם שווינדעל.

דאס זיינען בלויז איניגע ביישפילען פון די גנבות און פון דער קארופציע. הענרי אלקאט, איינער פון דער קאמיסיע וואס האט די שווינדלען אונטערזוכט האט מיט יארען שפעטער געשריבען: „עס איז מיין פעסטע איבערצייגונג, געשטיצט אויף אויספארשונגען אין א סך ביוראס און אויפ'ן אויסהערען פון טויזענדער עדות, אז צום ווייניגסטענס צוואנציג אויב ניט פינף־און־צוואנציג פראצענט פון אלע הוצאות פון דער רעגירונג אין דער מלחמה זיינען געווען באפלעקט מיט שווינדעל. דאס הייסט, אז איבער זיבען הונדערט מיליאן דאלער זיינען ענטוועדער אויסגעצאלט געווארען צו גנבים אדער זיינען צורונען געווארען דורך שלעכטער פארוואלטונג".

אין א לייט ארטיקעל אין דעם „ספרינגפילד רעפאבליקען", וואס איז געדרוקט געווען אין יאנואר, 1864, באקלאגט זיך דער רעדאקטאר אויף דער אויסגעלאסענקייט און הולטאיסטווא

וואס הערשט אין די רעגירונגס־קרייזען אין וואַשינגטאָן. ער שרייבט: „א טרויעריג און שוידערליך בילד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבען אין וואַשינגטאָן. א ביורא אין דעם פינאַנץ־מיניסטעריום איז פארוואנדעלט געווארען אין אן אויסגעלאסען הויז. אָרימע אָבער שיינע מיידלאך ווערען דאָרט פארפירט. הויכע רעגירונגס־בעאמטע, קאָנגרעסלייט זעצען אריין זייערע מעטרעסעס אין רעגירונגס־שטעלען. א סענאַטאָר איז אויסגע־פּאטשט געווארען אין מיטען גאס פון א פרוי, וועלכע ער האָט פארפירט. מען שיכור׳ט אויף וואָס די וועלט שטייט. די רעגירונג ווערט באשווינדעלט אין די קאָנטראקטען און באַ־רויבט פון אירע אָנגעשטעלטע. וואַשינגטאָן איז קיינמאָל ניט געווען אזוי העסליך קאָרופּט ווי איצט.״

רעגירונגס־בעאמטע און מיליטער־בעאמטע זיינען אויך גע־ווען פארמישט אין דעם אומגעזעצליכען האנדעל וואס איז אנ־געפירט געווארען צווישען דער נאָרט און דער סאוט אין פאר־לויף פון דער מלחמה. די געשיכטע מיט דעם דאָזיגען האנ־דעל איז זייער א פארפּלאָנטערטע. די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט א געוויסען טייל פון דעם האנדעל ערלויבט. אזוי ווי די נאָרט האָט זיך שטארק גענויטיגט אין קאטאן איז די וואַשינג־טאָנער רעגירונג צופרידען געווען אויסצובייטען געוויסע סחורות פון דער נאָרט אויף די קאטאן פון דער סאוט. וואַשינגטאָן איז אויך געווען פאראינטערעסירט, אז פון דער סאוט זאָל ארויס־געפירט ווערען קאטאן פאר ענגלאנד, כדי ענגלאנד זאָל דורך דעם מאנגעל אויף קאטאן ניט געטריבען ווערען צו סימפּאטיזירען מיט דער סאוט. עס זיינען דערפאר געמאכט געווארען גע־וויסע רעגעלען, לויט וועלכע פּערזאָנען האָבען באקומען ער־לויבניש אנצופירען א האנדעל אין געוויסע סחורות מיט דער באפעלקערונג פון דעם שונא׳ס לאנד און די מיליטער־בעאמטע האָבען דערלויבט, אז געוויסע סחורות זאלען דורכגעפירט ווערען הין און צוריק דורך די מיליטערישע ליניעס.

אבער די פּריווילעגיעס זיינען שרעקלך מיסברויכט געווא־רען די סוחרים. האָבען זיך ניט באנוגענט מיט קויפען און

פאַרקויפען די דערלויבטע סחורות און פּראָדוקטען. זיי האָבען געקויפט אַלץ און פאַרקויפט אַלץ פון וואס מען האָט נאָך געקענט מאַכען ריוח. און כדי דאָס צו קענען טאָן האָבען זיי אונטערגעקויפט די מיליטער־בעאמטע אָדער זיי געמאַכט פאַר שותפים אין זייערע געשעפטען. איבערהויפּט איז דער אומגעזעצליכער האנדעל אנגעפירט געוואָרען אין די אָקופּירטע געגענדען, אין דער וועסט און אין דער ווייטער סאוט. די ערליכע בעאמטע און גענעראַלען האָבען זיך געהאַלטען אין איין באַקלאָגען צו לינקאָלנ'ען און צום קריגס־מיניסטער. זיי האָבען זיך געהאַלטען אין איין בעטען אַז דער האנדעל מיט דעם שונא זאָל אינגאַנצען פאַרבאָטען ווערען. זיי האָבען אָנגעוויזען, אַז דורך דעם האנדעל באַקומט דער שונא געוועהר און אַמוניציע און קליידער פאַר זיין אַרמיי. זיי האָבען אויך באַוויזען, אַז דער האנדעל האָט אַ דעמאָראַליזירענדע ווירקונג אויף זייערע אייגענע סאָלדאַטען; די אָפיצירען ווערען קאָרופּטירט, פאַרדאָרבען, די פּראָסטע סאָלדאַטען ווערען פאַרביטערט. זיי זאָגען אַז זיי פירען מלחמה, ווערען דער׳הרג׳עט און פאַרקריפּעלט כדי געוויסע לייט זאָלען זיך אָנשיטען מיט געלד.

דער היסטאָריקער ראָודס גיט אַ מאַסע ציטאַטען פון בריף וואָס בעאמטע און גענעראַלען האָבע געשריבען וועגען דעם ענין. אין די ציטירטע בריף ווערט אָפט באַנוצט דאָס וואָרט „אידען" און „אידישע סוחרים", אַז זיי זיינען געוועזען פאַרמישט אין די געשעפטען. אין טייל באַריכטען ווערט גערעדט וועגען „אידען און יענקים".

גענעראַל שערמאַן זאָגט אין איינעם פון זיינע בריף צו גענעראַל גרענט: צו וואס נוצט אונז אָנצופירען די מלחמה אַז אונזערע מענשען שטעלען צו דעם שונא וואַפען און אַנדערע מלחמה מיטלען?" אין אַ צווייטען בריף שרייבט ער „די גרויסע פּראָפיטען וואס ווערען דורך דעם האנדעל געמאַכט פאַרוואַנדעלט אַלעמען אין לומפּען. יעדעס מאָל, וואס איך אונטערזוך אַ האנדעלס־פאַל, שעם איך זיך פאַר מיין אייגענעם לאַנד". גענעראַל האָווי שרייבט: „פּרינציפּינלאָזע שווינדלער און אי־

דען באזאָרגען דעם שונא מיט אלץ וואס ער דאַרף. . . די יענקים פארפלייצען דאָס לאנד מיט קאָנטראבאנד." גענעראל הוירלבוט שרייבט: „די ווירקונג איז א פּאַלקאָם דעמאָראלי־זירענדיגע. כאבאר און קאָרופּציע אין יעדען צווייג פון דער דינסט". טראלס דיינא האָט געלאָזט וויסען קריגס־מיניסטער סטענטאָן אין א בריף פון מעמפיס: „די מאניע פאר שנעלע פּראָפיטען פון קאטאן צווישען דער באפעלקערונג פון אידען און יענקים . . . האָט ביז א געפערליכען גראד קאָרופּטירט און דעמאָראליזירט די ארמיי. יעדער אפיציר איז אין געהיים א שותף פון א קאטאן הענדלער. יעדער סאָלדאט חלומ'ט וועגען קריגען א פּאַק קאטאן אלס צוגאָב צו זיין מאָנאטליכען געהאלט... דעם שונא'ס לאגע ווערט דורכדעם א סך פארבעסערט." לינקאָלן האָט אין מיטען יאר 1863 געשריבען אין א פּריוואטען בריף: „ווייניג זאכען פארשאפען דער רעגירונג אזוי פיל שמערצען ווי דער אימפּעט מיט וועלכען מענשען זוכען צו מאכען פּראָפי־טען פון האנדעל. דער רייץ איז אזוי גרויס אז כמעט יעדערער וויל זיך אין דעם באטייליגען. . . און ווען זיי גייען אריין אין געשעפט ווערען זיי איינגאנצען קאָנטראָלירט פון דעם פּרינציפּ פון ריוח. זיי ארט ניט צי דער וואס פארקויפט די קאטאן איז לאָיאל אדער א רעבעל. זיי באצאָלען אים מיט מעל אדער מיט פּולווער. די אָפיצירען אין דער ארמיי, גלויבט מען, העלפען אין א סך פעלען און באקומען א טייל פון די פּראָפיטען. די ארמיי, אנשטאָט דעם וואס זי זאל קעמפען געגען שונא, גיט זיך אָפּ מיט פירען ספּעקולאציעס אין קאטאן".

ראודס איז מיט דער מיינונג, אז די גאָר הויכע מיליטער־בעאמטע, די גענעראלען זיינען אין דער קאָרופּציע ניט געווען פארמישט. בלויז איין אויסנאָם מאכט ער מיט גענעראל בענ־דזשאמין באָטלער פון מאסאטשוזעטס. באָטלער איז געווען פריער דער קאָמאנדיר פון ניו אָרלינס, שפּעטער פון א ראיאָן אין ווירדזשיניא. ער איז באשולדיגט געווארען אז ער האָט אָנגעפירט א גרויסען האנדעל מיט'ן שונא פון וועלכען ער האָט געמאכט גרויסע פּראָפיטען. אין ניו אָרליענס האָט ער דעם האנ־

דעל געפירט דורך זיינעם א ברודער, אין ווירדזשיניא דורך זיי־נעם א שוואגער. ראודס גלויבט, אז די באשולדיגונג געגען אים איז געוועזן בארעכטיגט. ער ווייזט אן אויף פאלגענדען פאקט: בשעת באטלער איז אריינגעטראטען אין דער אר־מיי האט ער פארמאגט 150 טויזענד דאלער (ער איז געוועזן אן אדוואקאט). דריי יאר נאך דער מלחמה האט מען זיין פארמעגען געשאצט אין דריי מיליאן. באטלער איז געוועזן אן אויסערגעוויינליך פייאיגער מענש. ער האט א סך נוצען געבראכט דער ארמיי. ער האט אבער קיינמאל ניט דורכגעלאזען קיין געלעגענהייט צו מאכען געלט.

קאַפּיטעל 30.

די לאַגערען פאַר געפאנגענע סאָלדאַטען אין דער נאָרט און אין דער סאוט.

די ליידען פון די געפאנגענע סאלדאטען אין די לאגערען פון דער נאָרט און סאוט זיינען איינע פון די טראגישסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דעם בירגער־קריג. אין משך פון דער מלחמה, און יארען לאנג נאָכדעם ווי די מלחמה איז שוין געוועזן פאָראיבער, זיינען געמאכט געווארען שווערע באשולדיגונגען פון ביידע צדדים איינער געגען אנדערען. יעדער צד האָט באַשולדיגט דעם צווייטען אין אכזריות, אין בארבאריזם. דער היסטאָריקער ראודס דערקלערט, אז ער האָט די פראגע גרינדליך אונטערזוכט און איז געקומען צו געוויסע באשלוסען וועגען דעם ווי אזוי די געפאנגענע זיינען באהאנדעלט געווארען אין די געפענגניסען פון דער נאָרט און ווי אזוי זיי זיינען באהאנדעלט געווארען אין די געפענגניסען פון דער סאוט. צי זיינע שלוסען זיינען פאָלשטענדיג ריכטיג איז ער אליין ניט זיכער. עס פעלען אָפיציעלע ציפערען און דאָקומענטען, איבערהויפּט אין דער סאוט. אזוי פיל אָבער קען מען מיט זיכערקייט זאָגען, אז אויף דעם געוויסען פון די מיליטערישע בעאמטע אין ביידע טיילען פון לאנד ליגט דער פריצייטיגער טויט פון טויזענטער און טויזענטער סאלדאען וואס זיינען גענומען געפאנגען אין דער מלחמה.

ביז 1863 איז כמעט קיין פּראָבלעם וועגען געפאנגענע ניט געוועזן. ערשטענס, איז זייער צאָל געוועזן פארהעלטניסמעסיג קליין. צווייטענס, האָט מען זיך דעמאָלט מיט די געפאנגענע געביטען. סוף 1862 זיינען פאָרגעקומען צוויי זאכען וואס האָבען אפגעשטעלט דעם אויסטויש פון געפאנגענע. פּרעזידענט

דזשעפערסאן דייווויס האט ארויסגעגעבען צוויי פראקלאמאציעס. אין איינער האט ער דערקלערט, אז אויב גענעראל באטלער*) אדער די אפיצירען פון גענעראל באטלער'ס ארמיי וועלען געננומען ווערען געפאנגענע, וועלען זיי הינגעריכטעט ווערען. א צווייטע פראקלאמאציע האט דייווויס ארויסגעגעבען אלס ענטפער אויף לינקאלנ'ס ווארנונג אז ער וועט באפרייען די נעגער, און אויף דעם באשלוס פון דער נארט ארייננצונעמען אנטלאפענע נעגער־שקלאפען אין דער ארמיי אלס סאלדאטען. דייווויס האט דערקלערט, אז נעגער־שקלאפען וואס וועלען געפאנגען ווערען מיט וואפען אין זייערע הענט וועלען אפגעשיקט ווערען אין די שטאטען, פון וואנען זיי זיינען אנטלאפען און דארט וועט מען מיט זיי האנדלען לויט די געזעצען פון יענע שטאטען. די ווייסע אפיצירען, אונטער וועלכע די נעגער דינען, וועלען אויך באהאנדעלט ווערען אויף דעם זעלבען אופן. לויט די געזעצען פון די שטאטען אין דער סאוט האבען אזא נעגער און זיין ווייסער פירער געדארפט באשטראפט ווערען מיט'ן טויט. מיט זיין צווייטער פראקלאמאציע אלזא האט דייווויס געלאזט וויסען, אז נעגער סאלדאטען און זייערע ווייסע אפיצירען וועלען הינגעריכטעט ווערען אזוי שנעל ווי זיי וועלען ארייינפאלען אין די הענט פון דער סאוט אלס געפאנגענע אויפ'ן שלאכטפעלד.

קריגס־מיניסטער סטענטאן האט אויף די צוויי פראקלאמאציעס געענטפערט מיט א באפעל, אז מען זאל מער קיין

*) גענעראל באטלער איז דעמאלט געוועזען דער קאמאנדיר אין ניו אר־ליענס, די האפען־שטאט פון לואיזיאנא, וועלכע די נארט האט איינגע־נומען. באטלער האט אין מיטען זומער, 1862, געלאזט הינריכטען א געוויסען וויליאם מאערפאר, אן איינוואוינער פון שטאט, דערפאר וואס ער האט אראפגעצויגען א פאן פון די פאראייניגטע שטאטען וואס איז געהאנגען איבער א רעגירונגס־געביידע און זי געשלעפט דורך די גאסען און דערנאך זי צוריסען אויף שטיקער. דייווויס האט די הינרכטונג פארדאמט אלס מארד און ער האט דערקלערט, אז ער וועט באהאנדלען באטלער'ן און זיינע אפיצירען ווי פשוט'ע מערדער.

געפאַנגענע ניט אויסבייטען. אין 1863 האָבען זיך שוין אָנ־געזאמעלט א גרויסע צאָל געפאַנגענע איןביידע לאַגערען. די געפענגניסען אין דער נאָרט זיינען געווען איבערגעפאַקט. די רייניגונגס מיטלען זיינען געווען שלעכט. אָפט האָט אויסגע־פעלט וואַסער צום טרינקען. וואו צו באָדען זיך איז כמעט גאָרניט געווען. די לופט איז געווען ווייט פון צופרידענשטע־לענד און די וואַסערלייטונג שלעכט. „שמוץ” איז א ווארט וואָס מען באגעגענט זייער אָפט אין די באשרייבונגען פון די געפענגניסע. טייל אויפזעער זיינען געווען אומפּייאיג, אנ־דערע פלעגען שכור'ן. ווינטער האָבען די געפאַנגענע געליטען פון קעלט... מען האָט זיי אָבער געגעבען גענוג צום עסען. מען האָט זיי אויך געהאַלטען אין די באַראַקען. זיי זיינען באַ־זאָרגט געווען מיט קליידער און צודעקען. אין די באַראַקען זיינען געשטאַנען אויוועגס. לויט דעם באפעל האָבען די געפאַנגענע געדאַרפט קריגען די זעלבע פּאָרציעס עסען ווי די סאָלדאַטען פון דער ארמיי.

אין די געפענגניסען פון דער סאוט איז שוין די לאַגע געווען ערגער. מען האָט דאָרט די געפאַנגענע געהאַלטען מער־סטענס אין די טאַבאַק־סקלאַדען אין ריטשמאָנד. שמוץ, אינ־סעקטען און אומגעזונטע באַדינגונגען. עס איז אָבער געווען גענוג וואַסער. די לופט איז געווען גוט.

אָבער שוין אין 1862 האָבען זיך גענומען הערען קלאַ־געס פון ביידע צדדים אז די געפאַנגענע ווערען ניט גוט באַהאַנדעלט. אין די צייטונגען פון דער נאָרט האָט מען דער־ציילט, אז די סאָלדאַטען וועלכע קומען פון געפאַנגענשאַפט אין דער סאוט זיינען „כמעט נאַקעט און באַדעקט מיט שמוץ און לייז”. אָפט זיינען זיי אויסגעצערט, אויסגעהונגערט און קראַנק. אויף די אָנקלאַגעס האָבען די פּאָרשטייער פון דער סאוט געענטפערט מיט ענליכע באשולדיגונגען געגען דער נאָרט. די געפאַנגענע קומען צוריק מענשליכע חורבות... פאַרוואָס שטעלט מען ניט אָפּ די שרעקליך גרויסע צאָל פון טויטען־פאַלען אין די געפענגניסען פון דער נאָרט? — האָט מען גע'טענה'ט מצד

דער סאוט. א דאָקטאָר אין דער ארמיי פון דער נאָרט האָט אין זיין באריכט וועגען א פאָר הונדערט סאָלדאַטען וואס זיי־ נען צוריקגעקומען פון דער סאוט געשריבען אזוי: „זייערע בערד זיינען לאנג און פארהארטעוועט פון שמוץ. די הויט איז שווארץ, באדעקט מיט עקעלהאפטען שמוץ. זייערע קליי־ דער און קערפערס זיינען באדעקט מיט לייז. די מערסטע פון זיי האָבען קיין כוח ניט זיך צו האלטען אויף די פיס”. ראודס דענקט, אז דער דאָזיגער באריכט און ענליכע באריכטען פוןביידע צדדים דארפען באטראכט ווערען אלס פארטייאישע דאָ־ קומענטען וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען מיט׳ן צוועק צו באאיינפלוסען די עפענטליכע מיינונג.

די לאגע האָט אָנגעהויבען צו ווערען אמת שלעכט אין מיטען יאָר 1863. אין נאָוועמבער האָט די סאוט אויפגעבויט א געפענגניש אין דזשאָרדזשיא, וועלכע איז בארימט געווא־ רען פאר די שרעקליכע גרויזאמקייטען וואס די צענדליגער טוי־ זענטער געפאנגענע פון דער נאָרט האָבען זיך דאָרט אויסגע־ שטאנען. די געפענגניש האָט זיך געפונען נעבען דער שטאָט ענדערסאָנוויל און איז דערפאר באקאנט אלס דער „ענדערסאָנ־ וויל פריזאָן”. זי איז „באשטאנען פון אן אָפענעם פלאץ ארומ־ גערינגעלט מיט א וואנט. א קליינער טייכעל האָט זיך גע־ צויגען דורך דעם פלאץ און מען האָט גערעכענט אז די וואסער וועט זיין גענוג אי פאר טרינקען אי פאר וואשען זיך. . . אין אויגוסט, 1864, זיינען דאָרט געווען 32 טויזענד געפאנגענע. . . קיין ביידלאך זיינען דארט ניט געשטאנען. די ערשטע געפאנ־ גענע האָבען פאר זיך אויפגעשטעלט באטקעס פון האָלץ וואָס זיי האָבען אָנגעהאקט. די וואָס זיינען אָנגעקומען שפעטער האָבען אויסגעגראָבען היילען אין דער ערד אדער זיי האָבען זיך איינגעוויקעלט אין שטיקער געוואנט וואס זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראכט (אויב מען האָט עס ביי זיי פריער ניט צוגענומען). דאָס וואסער אין טייכעל איז פאראומרייניגט גע־ ווארען פון דער קיך. כדי צו קריגען ריין וואסער האָבען די געפאנגענע געמוזט אליין אויסגראָבען ברונימער. ווען עס פלעגט

גיין א גרויסער רעגען פלעגט דאָס וואסער אין טייכעל אריבער־גיין די ברעגען און פארפלייצען די גאנצע שטיק ערד. עס פלעגט דערנאָך איבערבלייבען דער שמוץ און דער געשטאנק וואס דאָס האָט פאראורזאכט איז געווען שוידערליך.״

אָפט האָט דאָרט געפעלט עסען. און ווען עס איז געווען גענוג שפייז האָבען געפעלט כלים אויף צו קאָכען און אויף אויס־צוטיילען. מר. ווירץ, דער קאָמאנדיר פון דער געפעננגים, האָט באריכטעט אז וויניגסטענס אכט טויזענד פון די געפאנגענע קריגען ניט זייערע פּאָרציעס רייז, בעבלאך, עסיג און סיראפּ, ווייל עס פעלען עמער. ניט האָבענדיג גענוג צום עסען, בראַ־טענדיג זיך בייטאָג אין דער זידליכער זון, ליגענדיג ביינאכט אין פייכטען טוי, ווייקענדיג זיך אין די מבול׳דיגע רעגענס, אָט־עמענדיג פארפעסטעטע לופט, פארווייצפעלט און בענקענדיג אהיים — זיינען די געפאנגענע געפאלען לייכט קרבנות פון פארשידענע קראנקהייטען. . . זייער בלוט איז געווען אזוי אָרים אז א שטאָך פון א נאָדעל, א קראַץ, אדער א ביס פון א מאָסקיטאָ (קאָמאר) איז גענוג געווען צו ברענגען גיפטיגע געשווירען. . . דער האָספּיטאל האָט דאָרט ניט געהאט גענוג פּלאַץ פאר אַלע קראנקע, און הונדערטע זיינען אויסגעגאנגען וואלגערענדיג זיך אין די לאגערען. די דאָקטוירים זיינען גרעסטענטיילס געווען ערליך און געטריי, אָבער זיי האָבען ווע־ניג געקענט העלפען אָן די נויטיגע שפּייז, רפואות און בעטען פאר די קראנקע. . . נאָענט צו א דריטעל פון די געפאנגענע זיי־נען אויסגעשטארבען אין זיבען מאָנאט צייט.

אין א באריכט וואס אן אָפיציר פון דער סאוט האָט גע־שיקט וועגען דער געפעננגים צו די רעגירונגס־בעאמטע אין ריטשמאָנד ווערען דערציילט די פאָלגענדע שוידערליכע פאקטען: „מען געפינט געפאנגענע דערמאָרדעט פון זייערע איי־גענע קאמעראדען. די ארעסטאנטען האָבען אליין אָרגאניזירט א געריכט און גע׳משפט די מערדער. זעקס זיינען פאראורטיילט געווארען צום הענגען און די הינריכטונג איז דורכגעפירט גע־ווארען. . . די צאָל פון קראנקע איז אזוי גרויס אז בלויז די

שטארקסטע צווישען זיי קענען זיך דערשלאָגען צו די דאָקטוי־
רים. די שוואכערע האָבען ניט גענוג כוח זיך דורכצושפארען
א וועג דורך דעם געדיכטען עולם. . . א סך שטארבען פון אונ־
באקאנטע אורזאכען. קיין דאָקטאָר האָט זיי קיינמאָל ניט
אונטערזוכט. . . די סאניטארע באדינגונגען זיינען אזוי שלעכט
ווי מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען.. . . דער פראָצענט פון
טויטע האלט אין איין וואקסען. אין מערץ זיינען געשטאר־
בען 37 פון טויזענד; אין יולי, 62 פון טויזענד".

דער היסטאָריקער ראודס געפינט א שטיקעל זכות פאר דער
סאוט. ער ווייזט אָן, אז אין 1864 האָט די סאוט זיך געהאל־
טען אין איין בעטען ביי דער נאָרט אז מען זאָל זיך בייטען
מיט די געפאנגענע. זי האָט שוין דאן צוגעזאָגט אז זי וועט די
נעגער־געפאנגענע און זייערע ווייסע אָפיצירען ניט באשטרא־
פען. אָבער די נאָרט האָט זיך אָפגעזאָגט. דאָס איז געווען גע־
נעראל גרענט'ס פאָליטיק. ער האָט געוואוסט, אז אין דער
סאוט פעלען מענשען און אז די אויסגעביטענע סאלדאטען,
אפילו ווען זיי וועלען אין דער ארמיי ווידער ניט דינען, וועלען
שטארקען די רייען פון דער סאוט. „אויב מיר וועלען אויס־
בייטען די געפאנגענע וועלען מיר מוזען פירען די מלחמה ביז
וואנען די גאנצע מענער־באפעלקערונג פון דער סאוט וועט אויס־
געראט ווערען", האָט גרענט געזאָגט.

אין די געפענגניסען פון דער נאָרט האָבען די געפאנגענע
ווייט, ווייט ניט געליטען אזוי פיל ווי די געפאנגענע אין דער
סאוט. דאָך האָבען אין טייל געפענגניסען פון דער נאָרט די
געפאנגענע אין 1864 געליטען הונגער. עס זיינען דארט געווען
מער קראנקהייטען ווי עס האָבען געדארפט זיין. געלד האָט די
רעגירונג פאר די געפאנגענע באוויליגט גענוג. פארוואָס עס האָט
אויסגעפעלט עסען און מעדיצינען איז שווער צו זאגען. אפשר
האָבען די אויפזעער גע'גנב'עט אדער אפשר איז די פארוואלטונג
געווען שלעכט. די זאך איז קיינמאָל ניט אויסגעפאָרשט גע־
ווארען.

די וועכטער אין די געפענגניסען זיינען געווען ברוטאלע

מענשען. דער הויפט פון דער „ענדערסאָנוויל געפענגניס", ווירץ, איז נאָך דער מלחמה גע'משפט געוואָרען פאַר ברוטאַליטעט און פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט. ער איז הינגעריכטעט געוואָרען אין וואשינגטאָן. לויט די אָפיציעלע באריכטען זיינען אין די געפענגניסען פון דער סאוט אויסגעשטאָרבען איבער דרייסיג טויזענד געפאנגענע און אין די געפענגניסען פון דער נאָרט, איבער 25 טויזענד.

„ווען מען נעמט אלץ אין אנבאטראכט, שרייבט ראודס, איז די נאָרט ניט געווען א סך בעסער ווי די סאוט. מען דארף אין זינען האָבען, אז די סאוט האָט ווירקליך ניט געהאַט די מיטלען, אז איר האָט פאר דער אייגענער ארמיי אויסגעפעלט עסען, קליידער און מעדיצין. דערצו האָט זי די גאנצע צייט געוואָלט די געפאנגענע אויסבייטען".

דער סטראַשונאָק אז זי וועט די נעגער־סאָלדאַטען הינריכטען האָט די סאוט קיינמאָל ניט דורכגעפירט. עס איז ניטאָ קיין באווייזען, אז אן אָפיציר פון די נעגער־סאלדאטען איז ווען עס איז הינגעריכטעט געוואָרען. עס האָט נאָר פאַסירט אין 1862 אז פיר געפאנגענע נעגער זיינען הינגעריכט געוואָרען, אָבער מען ווייס ניט אויף זיכער צי דאָס איז געטאָן געוואָרען מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג אדער ניט. עס זיינען פאָרגעקומען איינינע אנדערע פאלען ווען נעגער־סאָלדאַטען און זייערע ווייסע אפיצירען זיינען אומגעקומען נאָכדעם ווי מען האָט זיי געפאנגען. אָבער זייער הינריכטונג איז דורכגעפירט געוואָרען אָן דער צושטימונג און אפילו אָן דעם וויסען פון דער רעגירונג.

יודישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטע
PUBLIC LIBRARY

קאַפּיטעל 31.

די סאוט באַנוצט טעראָר אלס איר לעצטען פאַר־צווייפעלטען מיטעל.

אין לעצטען יאָר פון דער מלחמה האָט די סאוט געפּרובט באַנוצען טעראָר־מיטלען, פירען א גאָרילא־קריג געגען דער נאָרט. צו דעם צוועק האָט זי ארויסגעשיקט אַגענטען קיין קע־נעדע, וועלכע האָבען דאָרט אויסגעארבייט אלערליי פארשווע־רונגען. זיי האָבען זיך באַנוצט מיט שפּיאָנען און מיט אנטלאָ־פענע געפאנגענע פון דער נאָרט. קיינע פון די פּלענער האָבען זיך ניט איינגעגעבען. אָבער די פארזוכען אליין פארדינען די שאַרפסטע קריטיק, ווייל אויב זיי וואָלטען זיך איינגעגעבען וואלטען די קרבנות געווען פון דער פרידליכער באפעלקערונג, אומשולדיגע מענער און זייערע פרויען און קינדער.

די ארבייט אין קענעדע איז אָנגעפירט געווארען פון איינעם דזשייקאָב טאָמפּסאָן. ער איז געשיקט געווארען דירעקט פון פּרעזידענט דייוויס אלס א געהיימער אַגענט „דורכצופירען מיינע אינסטרוקציעס, געשריבענע און מינדליכע". ער האָט זיין ביוראָ געהאַט אין מאָנטרעאל. די ערשטע צייט האָט טאָמפּ־סאָן געפירט אונטערהאנדלונגען מיט פאָרשטייער פון די געהיימע אָרגאַניזאציעס אין דער נאָרט און האָט מיט זיי געמאכט פּלע־נער וועגען א באוואפענטען אויפשטאַנד אין אָהייאָ, אילינאָי און אינדיאַנא, וואו די אָרגאַניזאציעס זיינען געווען זייער שטארקע. פון די פּלענער האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזען. דאן האָט טאָמפּסאָן אויסגעארבייט א פּלאַן ווי אזוי צו פאַרכאַפּען די איינציגע קריגס־שיף וואס די נאָרט האָט געהאַט אויף די לעיקס, די וואַסערען וואָס ליגען צווישען קענעדע און די פאַראייניגטע

שטאַטען. ער האָט געוואלט מיט דער שיף דערנאָך באפאלען א געוויסען אינזעל, וואו געפאנגענע סאָלדאַטען פון דער סאוט זיינען געווען אינטערנירט. זיין פלאן איז געגאנגען נאָך ווייטער: די באפרייטע סאָלדאטען האָבען געזאָלט אריינדרינגען אין געוויסע שטעט אין דער נאָרט און זיי אטאַקירען. אויך דער פלאן האָט זיך ניט איינגעגעבען. די צוויי הויפט שפּיאָנען וואָס האָבען דאָס געדאַרפט דורכפירען זיינען ארעסטירט געווארען.

אין הערבסט פון 1864 האָבען טאָמפּסאָן׳ס מענשען דורכגעפירט צוויי געוואגטע, פארברעכערישע אונטערנעמונגען — פארברעכערישע אפילו פון דעם שטאנדפונקט פון דעם אָנגענומענעם אינטערנאציאנאלען געזעץ. איינע פון די אונטערנעמונגען איז דורכגעפירט געווארען אין אָקטאָבער און איינע אין נאָוועמבער.

סעינט־אלבאנס איז א קליין שטעטעל אין ווערמאָנט, זעכצען מייל פון דער קענעדער גרעניץ. אין אָנפאנג אָקטאָבער האָבען אהין אָנגעהויבען אריינצופאַרען פרעמדע מענשען. יעדען טאָג פלעגען קומען עטליכע און זיך באזעצען אין די האָטעלען פון שטעטעל. די פרעמדע האָבען איינע מיט די אנדערע ניט גערעדט. זיי האָבען זיך געמאכט אז זיי קאָנען זיך ניט. דעם 19טען פון מאָנאַט זיינען די לייט, ארום דרייסיג אין צאָל, באפאלען דריי באַנקען און ארויסגענומען פון דאָרט 211 טויזענד דאָלאר. דאן האָבען זיי זיך אוועקגעלאָזט איבער דער הויפט גאַס, געשאָסען מיט זייערע רעוואָלווערען אין דער לופטען, געשריען אז זיי זיינען סאָלדאטען פון דער סאוט און זיי זיינען געקומען נעמען נקמה פאר דאָס, וואס גענעראל שערמאן האָט אָפּגעטאָן אין אטלאנטא. דערנאָך האָבען זיי זיך אריינגעריסען אין די שטאלען פון פּריוואטע בירגער און ארויסגענומען די פערד, אָדער זיי האָבען אָפּגעשטעלט וועגענער אין גאַס און אויסגעשפּאַנט די פערד, און זיך ארויפגעזעצט רייטענדיג און זיינען אוועקגעפאָרען. די גאנצע געשיכטע האָט געדויערט א האלב־

בע שעה. איין מענש איז פון דער שיסעריי דער'הרג'עט געוואָ־
רען און עטליכע זיינען פארוואונדעט געווארען.

אין קענעדע האָט מען א העלפט פון דער באנדע ארעס־
טירט. עס איז אָבער אונמעגליך געווען צו געפינען א ריכטער
וואָס זאָל זיי פאר'משפט'ן. זייער טענה איז געווען, אז זיי
זיינען רעגולערע סאָלדאטען און אז זייערע מיליטערישע בעאמטע
האָבען זיי באפוילען צו מאכען די אָבלאווע. איין ריכטער האָט
זיי באפרייט. דאן האָט מען זיי אויף א באפעל פון דער רעגי־
רונג ווידער ארעסטירט. שפעטער האָט זיי א צווייטער ריכטער
באפרייט. מען האָט ביי זיי אפילו ניט אָפגענומען די גערויבטע
געלט. די קענעדער רעגירונג האָט אָבער בעצאָלט פון איר איי־
גענער קאסע די פולע סומע צו די באנקען פון סעינט אלבאנס.

אָנפאנג נאָוועמבער האָט סעקרעטערי סוארד באקומען א
ידיעה פון דעם אמעריקאנעם קאָנסול אין האליפאקס, אז א
פארשווערונג איז געמאכט געווארען אונטערצוצינדען די וויכטיג־
סטע שטעט אין דער נאָרט און אז די פארשווערונג וועט דורכ־
געפירט ווערען די נאכט פון די וואלען, דעם 8טען נאָוועמבער.
סוארד האָט ארויסגעשיקט ווארנונגען צו די שטאָט־בעאמטע.
דער מעיאר פון ניו יאָרק האָט געענטפערט, אז ער גלויבט ניט
אין דער ידיעה, אָבער ער וועט נעמען די ווארנונג אין אכט.
די וואל־נאכט איז אָפגעלאָפען שטיל, אָבער מיט א פאָר וואָכען
שפעטער, די נאכט פון דעם 25טען, איז דער פארזוך יאָ גע־
מאכט געווארען. אכט אגענטען פון טאָמפסאָנען זיינען גע־
שיקט געווארען אפצוטאָן די ארבייט. ווען זיי זיינען אנגעקומען
אין שטאָט זיינען זיי פארפאָרען אין אכט פארשיידענע האָ־
טעלען. . . קורץ נאָך ניין אזייגער ביינאכט האָט א פייער אויס־
געבראכען אין דעם סט. דזשיימס האָטעל. מען האָט אים שנעל
איינגעלאָשען. אָבער באלד האָבען אויסגעבראכען פייערען, איי־
נע נאָך דער אנדערער אין בארנומס מוזעאום, אין די האָטעלען
סט. ניקאָלאס, מעטראפּאָליטען און נאָך עטליכע. ביז האלבע
נאכט האָבען שוין געברענט צוועלף האָטעלען. נעבען דעם לאַ־
פארזש האָטעל האָט זיך געפונען דער ווינטער־גארדען טעאטער,

וואו דער באַרימטער אַקטיאָר עדווין בוטה האָט יענע נאַכט גע־שפּילט „יוליוס צעזאַר". דער טומעל פון די פייערלייט ארום האָטעל האָט פּאַראורזאַכט שרעק צווישען עולם אין טעאַטער און עס איז שיעור ניט געקומען צו אַ פּאַניק. נעבען דעם מעטראָ־פּאָליטען האָטעל האָט זיך געפונען דער ניבלאָ גאַרדען, אויך אַ טעאַטער, און דאָרטען האָט עס אויך געהאַלטען נאָענט צו אַ פּאַניק. די פייערען זיינען אַלע איינגעלאָשען געוואָרען. איי־נעם פון די פייער מאַכער האָט מען שפּעטער געכאַפּט און ער איז אויפגעהאַנגען געוואָרען.

פאַר דעם פּאַרזוך צו פאַרברענען ניו יאָרק האַלטען די היס־טאָריקער פאַראַנטוואָרטליך ניט בלויז טאָמפּסאָנען און זיינע מענשען, נאָר אויך די הויפּט בעאַמטע פון דער רעגירונג פון דער סאוט. ראָודס איז גענייגט צו גלויבען, אַז פּרעזידענט דייוויס האָט דערפון ניט געוואוסט, אָבער אַז סעקרעטאַרי בענ־דזשאַמין האָט יאָ דערפון געוואוסט. קיין באַווייזען זיינען ניטאָ אַז בענדזשאַמין האָט געוואוסט און גוטגעהייסען דעם פּלאַן אונטערצוצינדען די האָטעלען. ראָודס האַלט אָבער אַז בענדזשאַמין איז געווען פייאיג אויף אַזאַ טייפלישען פאַרברע־כען. אָט וואָס ער שרייבט: „דעצעמבער דעם 3טען האָט טאָמפּסאָן געשריבען צו בענדזשאַמין'ען אַ בריף וועגען דעם פּאַרזוך אונטערצוצינדען ניו יאָרק. ער (בענדזשאַמין) איז וואַרשיינליך געווען אַן איינטיילנעמער אין דער אונטערנעמונג, ווייל ער האָט באַקומען געהיימע אינפאָרמאַציע וועגען דעם. דער פאַקט, צוזאַמען מיט די מיינונגען וועגען זיין כאַראַקטער, מאַ־כען צו גלויבען, אַז בענדזשאַמין האָט סימפּאַטיזירט מיט טאָמפּ־סאָנ'ס אַלע פּלענער. עס וואָלט זיכער געווען אַן איבעררא־שונג ווען עס וואָלט באַוויזען געוואָרען אַז ער האָט טאָמפּסאָנ'ען געמאַכט אַ פאָרוואורף. די באַציאונגען צווישען דייוויס'ן און בענדזשאַמינ'ען זיינען געווען פאַרטרויטע. דאָך איז עס שווער צו באַגרייפען, אַז דייוויס זאָל האָבען גוטגעהייסען די אָבלאַווע אויף סט. אַלבאַנס און דעם פּאַרזוך צו פאַרברענען ניו יאָרק".

די איינציגע באַווייזען וואָס ראָודס האָט געגען בענדזשאַ־

מינ'ען איז א בריוו וואס טאמפסאן האט געשריבען נאך דער געשעעניש. אין דעם בריוו האט טאמפסאן געגעבען אן ער־קלערונג וועגען דעם פייער אין ניו יארק. דאס באווייזט בשום אופן ניט, אז בענדזשאמין האט פריער געוואוסט וועגען דער פארשווערונג און האט גארניט געטאן זי אפצושטעלען. די געשיכטע מיט דער שרפה אין ניו יארק ווערט באטראכט אלס דער שווארצסטער פלעק אויף בענדזשאמינ'ס באראקטער, כאטש אויף זיכער ווייסט קיינער ניט צי ער איז ווירקליך געווען פאר־מישט אין דער פארשווערונג.

קאַפּיטעל 32.

לינקאָלנ'ס לעצטע טעג. — זיין טראַגישער טויט.

די ווידערערוויילונג פון פּרעזידענט לינקאָלן האָט געווירקט אז דער 13טער אמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציע זאָל גוטגע־הייסען ווערען אין קאָנגרעס. דער דאָזיגער אמענדמענט פאר־באָט אויף אייביג שקלאַפעריי אין די פאראייניגטע שטאַטען. לינקאָלן האָט דאָס געזעץ רעקאָמענדירט צום קאָנגרעס נאָך אין אָנפאנג יאר 1864. דער סענאַט האָט אים אָנגענומען מיט דער נויטיגער מאַיאָריטעט פון צוויי־דריטעל. דאָס רעפּרעזענטאַנ־טען־הויז האָט עס אָבער צוריקגעוויזען. אין דעצעמבער, 1864, האָט לינקאָלן אפּעלירט צו דער „האוז" זי זאָל די פראגע ווידער פארהאנדלען און ענדערען איר שטעלונג. אין דער „האוז" זיי־נען איצט געזעסען דיזעלבע מיטגלידער ווי פריער. זיי האָבען זיך אָבער גערעכענט מיט'ן פאקט, וואס לינקאָלן איז ערשט מיט א מאָנאַט צוריק ווידערערוויילט געוואָרען פאר פּרעזידענט. דאס האָט איבערצייגט א צאָל פון די געגנער פון דעם אמענדמענט, אז דאָס לאנד שטיצט אלע לינקאָלנ'ס פּלענער און זיי האָבען געביטען זייער שטעלונג און געשטימט ווי לינקאָלן האָט פאר־לאנגט. דער 13טער אמענדמענט איז איצט אָנגענומען געוואָ־רען אין ביידע צווייגען פון קאָנגרעס. ווען דער פארזיצער האָט אָנאָנסירט אז דער אמענדמענט איז דורכגעגאַנגען האָט אין זאָל אויסגעבראָכען א דונער פון טומעל און פרייד. קאָנגרעס־לייט אין זאָל, סאָלדאַטען און צושויער אין די גאַלעריעס, סע־נאַטאָרען, סופרים קאורט ריכטער, פרויען און באדינער זיינען מיטגעריסען געוואָרען אין דער אויפרעגונג איבער. דער גרעס־טער און וויכטיגסטער פּאַסירונג אין דער אמעריקאנער געשיכ־

טע זייט דער „דעקלאריישאָן אוו אינדעפּענדענס". קאָנגרעס־לייט האָבען געפּאָכעט מיט זייערע היטלען און געשריען הורא! די גאַלעריס האָבען געענטפערט מיט הורא־געשרייען. קאָנגרעס־לייט האָבען געטאנצט, געשלעפּט איינע די אנדערע אין א קאראַ־האָד און ארומגעשפּרונגען ווי קינדער.

דער אַמענדמענט איז אפּגעשיקט געווארען צו די ליי־דזשיסלייטשורס פון די שטאטען און זיי האָבען אים שנעל גוטגעהייסען. אין דעצעמבער, 1865, איז ער שוין איינגעשרי־בען געווארען אין דער קאָנסטיטוציע. אייגענטליך איז דאָן דאָס געזעץ שוין ניט נויטיג געוועזען. אין די רעוואָלטירטע שטאַ־טען האָט לינקאָלן באַפרייט די נעגער אין אָנפאנג 1863. די שקלאפען־שטאטען וואס זיינען געבליבען לאָיאַל האָבען אלע כמעט אליין אפּגעשאפט שקלאפעריי אין פארלויף פון די לעצטע פאָר יאר. דער 13טער אמענדמענט האָט געגעבען א טויט־קלאַב דער שקלאפען־אינסטיטוציע אין א מאָמענט ווען זי האָט שוין גע־גוסס'ט. לינקאָלן האָט אין זיין איינשווערונגס־רעדע, ווען ער איז אריין אין צווייטען טערמין, אין מערץ, 1865, ריכטיג גע־זאָגט: „קיינער פון די צוויי צדדים האָט ניט פאָרויסגעזען, אז די אורזאכען פון דעם קאמף וועלען פארשווינדען נאָך איידער דער קאמף וועט זיך ענדיגען". די הויפּט אורזאָך פון דער מלחמה איז געוועזען שקלאפעריי, און שקלאפעריי איז געוועזען טויט נאָך איידער די מלחמה האָט זיך געענדיגט.

ביי יענער סעסיע פון קאָנגרעס איז פאָרגעקומען א שארפער צוזאמענשטויס צווישען פּרעזידענט לינקאָלן און סענאטאָר סאָמ־נער פון מאסאטשוזעטס, איינער פון די וויכטיגסטע פאָרשטייער פון דער רעפּובליקאנישער פּארטיי און איינער פון די שטארקסטע קעמפער געגען דער שקלאפישער סאוט. דער קאמף איז געוועזען איבער דער פראגע צי לואיזיאנא זאָל ווידער אריינגענומען ווע־רען אלס לאָיאלער שטאט. די לאגע איז געוועזען אזא: לואי־זיאנא איז געוועזען איינער פון די ערשטע שטאטען וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קאָנפעדעראציע. די ארמייען פון דער נאָרט זיינען אָבער אריינגעדרונגען אהין דעם צווייטען יאָר פון

דער מלחמה און א גרויסער טייל פון דער טעריטאָריע איז איצ־טער געשטאַנען אונטער דער מיליטערישער הערשאַפט פון דער נאָרט. אָנפאַנג 1864 האָט לינקאָלן דערלויבט די לאָיאַלע איינ־וואוינער פון לואיזיאַנא אַפּצוהאַלטען וואַלען און אויסקלייבען בעאַמטע און אָרגאַניזירען א שטאַט־רעגירונג. געשטימט ביי די וואַלען האָבען נאָר בירגער, וואס האָבען געשוואָרען לאָיאַליטעט צו די פאראייניגטע שטאַטען. זייער צאָל איז געוועזען זייער קליין, אינגאַנצען א צוועלף טויזענד. לינקאָלן האָט אָבער זיי אַנער־קענט. די לאָיאַלע בירגער האָבען אויך אויסגעקליבען דעלעגאַ־טען צו א קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנוועגשאָן, וועלכע האָט זיך פאַר־זאַמעלט אין ניו אָרליענס אָנפאַנג אַפּריל, 1664. די קאָנוועגשאָן האָט אריינגעשריבען אין דער קאָנסטיטוציע אז שקלאַפערײ אין לואיזיאַנא איז אָפּגעשאַפט. וועגען שטימרעכט האָט די קאָנ־ווענשאָן באַשלאָסען אזוי: רעכט צו שטימען אין לואיזיא־נא האָבען בלויז ווייסע. אָבער די לעדזשיסלייטשור האָט דאָס רעכט צו דערלויבען אויך געוויסע שווארצע בירגער צו שטימען, „לויט די פּרינציפּען פון פּרעזידענט לינקאָלן". לינקאָלן האָט שוין פריער דערקלערט, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף אין די סאוט געגעבען ווערען שטימרעכט צו יענע נעגער וואס זיינען אינטעלי־גענט און אַזוינע וואָס האָבען געדינט אין דער ארמיי פון דער נאָרט. דאָס, אלזאָ, האָט די לואיזיאַנאר קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנ־ווענשאָן געמיינט מיט איר אויסדרוק, „לויט די פּרינציפּען פון פּרעזידענט לינקאָלן".

אין פעברואר, 1865, איז אין סענאַט אריינגעטראַגען גע־וואָרען אַ רעזאָלוציע אַז לואיזיאַנא זאָל אריינגענומען ווערען אלס לאָיאַלער שטאַט, אז איר נייע רעגירונג און נייע קאָנסטיטו־ציע זאָלען אנערקענט ווערען פון קאָנגרעס אזוי ווי לינקאָלן האָט זיי אַנערקענט. עס האָט לכתחילה אויסגעוויזען, אז א מאַיאָרי־טעט אין סענאַט וועלען שטיצען לינקאָלנ'ען. אָבער סענאַטאָר סאָמנער האָט גלייך ביים אָנפאַנג פון דער דיסקוסיע איבער דער רעזאָלוציע זיך אויפגעשעלט און געזאָגט: „איך וועל באַטראַכ־טען דאָס אננעמען פון דער רעזאָלוציע אלס א נאַציאָנאַלען אומ־

גליק.״ סאמנער האט ניט דערלאזען די פראגע זאל גענומען ווע־רען צו אן אפשטימונג. די זיצונג האט זיך געמוזט שליסען דעם 4טען מערץ, ווייל דעמאלט האט זיך געענדיגט דער טערמין פון א סך סענאטארען. סאמנער איז דריי טעג געשטאנען אויף דער וואך און לינקאלנ׳ס מענשען אין סענאט האבען איינגעזען אז זיי וועלען געגען אים גארניט קענען מאכען און זיי האבען גע־לאזט, אז די זיצונג זאל זיך שליסען אן אן אפשטימונג איבער דער פראגע, אין וועלכער לינקאלן איז געווען אזוי פאראינטערע־סירט.

מיט דער פראגע וועגען לואיזיאנא איז געווען פארבונדען דער אלגעמיינער פרינציפ פון רעקאנסטרוקציע, פון דעם ווי אזוי די רעוואלטירטע שטאטען זאלען שפעטער, ווען זיי וועלען באזיגט ווערען, ווידער אריינגענומען ווערען. דער וויכטיגסטער פונקט איבער וועלכען לינקאלן און סאמנער זיינען זיך פאנאנ־דערגאנגען איז געווען די פראגע פון שטימרעכט פאר די נעגער. סאמנער איז באשטאנען דערויף, אז קיין רעוואלטירטער שטאט זאל צוריק ניט אריינגענומען ווערען סיידען ער וועט פריער גע־בען די נעגער גלייכע שטימרעכט מיט די ווייסע. לינקאלן האט זיך צופרידענגעשטעלט מיט וויינינגער. סענאטאר סאמנער האט אויך ניט געוואלט ליידען וואס לינקאלן האט אליין געמאכט פלע־נער ווי אזוי די שטאטען זאלען זיך רעארגאניזירען, וואס זיי זא־לען טאן כדי צוריק אריינצוקומען. סאמנער האט געהאל־טען, אז דאס האט דער פרעזידענט געדארפט איבערלאזען פאר׳ן קאנגרעס.

נאכדעם ווי ריטשמאנד איז געפאלען האט לינקאלן א סך גע־טראכט וועגען דעם נייעם גרויסען פראבלעם פון רעקאנסטרוקציע, וואס צו טאן מיט דעם באזיגטען שונא, ווי אזוי די צובראכענע „יוניאן״ צוריק גאנץ צומאכען. פראפעסאר ראודס שרייבט: „ער האט געפילט בלויז מיטלייד און פריינדליכקייט צו די געוועזענע שונאים. אימיצער האט צו אים געזאגט: „מען דארף אכ־טונג געבען אז דזשעפערסאן דייווים, דער פרעזידענט פון דער קאנפעדעראציע, זאל ניט אנטלויפען. אים מוז מען הענגען״.

דערויף האָט לינקאָלן געענטפערט: „משפט ניט קיין אנדערען כדי אנדערע זאָלען אייך ניט משפט׳ן”. דעם 11טען אפּריל האָט לינקאָלן געהאַלטען א רעדע פאר אן עולם מענשען וואס זיינען געקומען אין „ווייסען הויז” אים באַגריסען. ער האָט גערעדט וועגען דער פראַגע פון רעקאָנסטרוקציע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט הויפּטזעכליך אויף דעם ענין לואיזיאַנא. ער האָט געזוכט צו באווייזען, אז עס איז בעסער צו האַנדלען לאַנגזאַם, מילד, פאָרזיכטיג, מיט גוטען. ער האָט אַזוי געזאָגט: „לאָמיר צוגעבען אז די נייע רעגירונג אין לואיזיאַנא איז אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס זי האָט געדאַרפט זיין ווי אן איי אין פאַרגלייך מיט א הון. נו, עס איז דאָך בעסער די הון פון דער איי אויסצוברי‌ען, איידער די איי צוצוברעכען... דאָס וואָס איך האָב געזאָגט וועגען לואיזיאַנא קען אָנגעווענדט ווערען אויך אויף די איבעריגע שטאַטען”. מיט דעם משל פון דער איי און דער הון האָט לינקאָלן געמיינט צו זאָגען, אז עס איז בעסער צו האַנדלען מיט דער סאוט מיט גוטען ווי מיט בייזען, בעסער צו באַנוגענען זיך פריער מיט ווייניג און וואַרטען אז דאָס איבעריגע וועט שפּעטער במילא קומען, איידער אַרויפצווינגען אויף איר מער, און שטעלען די גאַנצע זאַך אין גרויסער סכנה.

די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער זיינען געווען אומצופרידען מיט לינקאָלנ׳ס רעדעס איבער רעקאָנסטרוקציע. סענאַטאָר סאָמנער האָט געשריבען צו זיינעם א פּאָליטישען חבר: „דעם פּרעזידענט׳ס רעדעס זיינען אן אָנזאָג אויף צומישונג און אומצופרידענהייט אין דער צוקונפט, אויף הייסע מחלוקות. ניט גוט! ניט גוט!”

פרייטאג, דעם 14טען אפּריל האָט לינקאָלן אפּגעהאַלטען א באַראַטונג מיט זיין קאַבינעט. גענעראַל גראַנט איז געווען דערביי. מען האָט גערעדט וועגען דער מיליטער־לאַגע אין נאָרט קאַראָליינא וואו גענעראַל שערמאַן איז געשטאַנען מיט זיין אַרמיי געגען גענעראַל דזשאָנסטאָן. לינקאָלן האָט באַמערקט: „איך בין זיכער אז באַלד וועט פון שערמאַנ׳ען אָנקומען גוטע נייעס. פאָריגע נאַכט האָב איך געהאַט א חלום, א זאַך וואס

פאסירט מיט מיר שטענדיג איידער עס קומט פאר א וויכ־טיגע געשעהעניש אויפ'ן שלאכטפעלד. מיר האט זיך גע'חלומ'ט, אז איך זיץ אויף א מאדנער, אומבאשרייבליכער שיף, און די שיף שווימט שנעל צו א טונקעלען אומבאקאנטען ברעג". דאן האט דער קאבינעט גערעדט וועגען דער פראגע פון רעקאנסטרוק־ציע. דער פרעזידענט האט געזאגט: „איך האף אז עס וועלען ניט פארקומען קיין רדיפות, קיין בלוטיגע מעשים נאכדעם ווי דער קריג וועט זיין געענדיגט. קיינער זאל זיך ניט ריכטען אז איך וועל זיך באטייליגען אין הענגען אדער הרג'ענען יענע מענשען, אפילו די ערגסטע צווישען זיי. . . גענוג לעבענס זיינען אויפגעאפפערט געווארען. מיר מוזען אויסלעשען אונזער כעס אויב מיר דערווארטען הארמאניע און אייניגקייט. עס איז דא א שטארקער פארלאנג ביי א טייל פון אונזערע בעסטע פריינד צו ווערען הערשער, צו דיקטירען צו יענע שטאטען, צו באהאנד־לען זיי ניט ווי ברידער; עס איז דא צו וויניג רעספעקט פאר זייערע רעכט. מיט די דאזיגע געפילען סימפאטיזיר איך ניט". איידער די זיצונג האט זיך געשלאסען האט ער ווייטער געזאגט: „דיו הויפט פראגע איצטער איז רעקאנסטרוקציע. מיר מוזען האנדלען אין די אינטערעסען פון פרידען".

לינקאלן איז ביי יענער זיצונג געווען זייער אויפגעלייגט, מונטער און פריילין. קריגס־מיניסטער סטענטאן האט שפע־טער דערציילט: „דער פרעזידענט איז דאן געווען פרייליכער און גליקליכער ווי ווען עס איז פריער. ער האט זיך געפרייט מיט די אויסזיכטען פון א נאענטען פרידען און ער האט ארויס־געוויזען זיין מענשליכקייט, זיין פריינדליכקייט, זיין צערטליכ־קייט און זיין גרייטקייט מוחל צו זיין".

עס איז אבער ניט באשערט געווען לינקאלנ'ען דורכצופירען זיין פראגראם פון רעקאנסטרוקציע. די זעלבע נאכט פון פער־צענטען, עטליכע שטונדען נאכדעם ווי ער האט דערציילט זיין מערקווירדיגען חלום, איז זיין לעבען אויסגעלאשען געווארען און ער איז אוועקגעשוואומען צו „דעם טונקעלען אומבאקאנטען ברעג".

אין אָווענט פון יענעם טאָג איז לינקאָלן און זיין פרוי גע־גאַנגען אין טעאַטער, אין דעם פאָרד טעאַטער, וואו עס איז אויפגעפירט געוואָרען א לייכטע קאָמעדיע מיט'ן נאָמען „אונזער אַמעריקאַנער קאָזין." צוזאַמען מיט די לינקאָלנס איז אין דער לאָזשע געזעסען א מיידעל און אַן אָפיציר, זייערע פריינט. צווי־שען צען און האַלב נאָך צען האָט זיך אין דער לאָזשע אריינגע־גנב'עט א יונגערמאַן, דזשאָן ווילקס בוט, אַן אַקטיאָר. ער האָט צוגעשטעלט א רעוואָלווער צו לינקאָלנ'ס קאָפּ און האָט אויס־געשאָסען. די קויל האָט דורכגעלעכערט לינקאָלנ'ס מאַרך און לינקאָלן איז אראָפּגעזונקען אין זיין שטול א באַוואוסטלאָזער. דער מערדער האָט אויסגעשריען: „נקמה פאַר דער סאוט!" דאַן האָט ער ארויסגעצויגען א מעסער און צושניטען די האַנד פון דעם אָפיציר אין דער לאָזשע, וועלכע האָט זיך אויף אים א וואָרף געטאָן. בוט איז אראָגעשפּרונגען פון דער לאָזשע אויף דער בינע, אויסשרייענדיג: „אַזוי איז עס שטענדיג מיט טי־ראַנען!" שפּרינגענדיג האָט ער זיך פארטשעפּעט אָן אַן אַמע־ריקאַנער פלאַג, וואָס איז אראָפּגעהאָנגען פון דער לאָזשע און האָט צובראָכען א פוס. אים איז אָבער געלונגען ארויסצולויפען פון א טיר הינטער דער בינע. אין גאַס האָט אויף אים גע־וואַרט א פערד. ער איז אויף אים ארויפגעשפּרונגען און איז אַנטלאָפען.

אין טעאַטער איז געוואָרען א מהומה. דעם באַוואוסטלאָזען פרעזידענט האָט מען אריינגעטראָגען אין א הויז איבער'ן וועג. דאָקטוירים זיינען באַלד געווען אויפ'ן פּלאַץ. אָבער עס איז זיי ניט געלונגען אפילו אויף א ווייַלע אים צו ברענגען צו זיך. ער איז געשטאָרבען שבת, דעם 15טען אַפּריל, זיבען אַזייגער אין דער פרי.

בוט'ס מערדערליכען אָנפאַל אויף לינקאָלן איז געווען בלויז איין טייל פון א פארשווערונג וואָס דער אַקטיאָר האָט געמאַכט מיט א גרופּע יונגעלייט. זיי האָבען באַשלאָסען, אַז אין דער־זעלבער נאַכט וואָס בוט וועט מאַכען זיין אָנפאַל, זאָל אַן אַנ־דערער באַפאַלען דעם ווייס־פּרעזידענט דזשאָנסאָן, און א דריי־

טער, דעם סעקרעטערי אָוו סטייט סואַרד. בוט איז אָבער גע־
ווען דער איינציגער וואָס האָט זיין „אויפגאבע" ריכטיג אויס־
געפירט. דער יונגערמאַן וואָס האָט געזאָלט באַפאַלען דזשאַנ־
סאָנ'ען האָט זיך דערשראָקען און גאָרניט געטאָן. דער דריטער
וואָס האָט געדארפט דערמאָרדען סואַרד'ן, האָט געמאַכט אַ פאר־
צווייפעלטען פראזוך דאָס צו טאָן. סואַרד איז דעמאָלט געלעגען
אַ קראַנקער ביי זיך אין הויז. דער קאָנספּיראַטאָר, לואיס
פּעין, אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציג, האָט אָנגעקלונגען אין שטוב
און געזאָגט אַז ער האָט אַ פּעקעל מעדיצין פאַר סואַרד'ן, און
אַז דער דאָקטאָר האָט אים פאַרזאָגט ער זאָל דעם פּעקעל איבער־
געבען דעם קראַנקען אין האַנד. גראַד אָבער איז סואַרד געשלאָ־
פען און דער דינער האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזען פּעינ'ען אין
צימער. פּעין האָט אַרויסגעצויגען אַ רעוואָלווער און אַטאַקירט
דעם דינער. עס איז געוואָרען אַ טומעל. פּעין איז געווען
אַ פּיזישער ריז. ער האָט באַקעמפט דעם דינער און סואַרד'ס אַ
זון, וואָס איז געקומען דעם דינער צו הילף, און האָט זיך אַריינ־
געריסען אין סואַרד'ס צימער. ער האָט זיך אויף דעם קראַנ־
קען אַרויפגעוואָרפען מיט אַ מעסער און אים צושניטען. ער האָט
אויך צושלאָגען די מענשען וואָס זיינען אָנגעלאָפען. און דאַן
איז ער אַנטלאָפען. די וואונדען וואָס סואַרד האָט באַקומען זיינען
אָבער ניט געווען קיין געפערליכע און ער האָט זיך פון זיי ער־
האָלט.

צוויי שטונדען נאָכדעם ווי לינקאָלן איז געשטאָרבען איז
ענדרו דזשאַנסאָן, דער וויים־פּרעזידענט, איינגעשוואָרען געוואָ־
רען אַלס פּרעזידענט. דזשאַנסאָן איז געווען אַ מלחמה־דעמאָ־
קראַט. ער האָט אָבער געשטיצט די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער
און זייער שטרענגען פּראָגראַם געגען דער סאַוט. זונטאָג אין
דערפרי האָט אַ קאָמיטע פון ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער באַזוכט
דזשאַנסאָנ'ען. איינער פון דער קאָמיטע האָט צו אים געזאָגט:
„דזשאַנסאָן, מיר האָבען צוטרויען צו אייך. איצטער וועלען
מיר ניט דאַרפען זאָרגען וועגען דעם פּראָגראַם פון דער רעגירונג."
דזשאַנסאָן האָט דערויף געענטפערט: „איך האַלט, אַז רוי־

בעריי איז א פארברעכען, אז פארגוואלטיגונג איז א פארברעכען, אז פארראט איז א פארברעכען און א פארברעכען דארף באַשטראָפט ווערען". דאָס איז געווען אַן אַנצוהערעניש דארויף, ווי דזשאנסאָן האָט געפּלאַנעוועט צו האנדלען מיט דער באַזיגטער סאוט.

עס איז באשלאָסען געוואָרען אז לינקאָלן זאָל באערדיגט ווערען אין זיין אייגענער שטאָט, אין ספרינגפילד, אילינאָי. עס זיינען אָנגעקומען בקשות פון א סך שטעט אז דער צוג וואָס וועט פירען דעם קערפּער זאָל זיך ביי זיי אפּשטעלען כדי די באפעלקערונג זאָל האָבען א געלעגענהייט אויסצודריקען זייער טרויער. דער צוג איז דורכגעפאָרען דעמזעלבען וועג, אויף וועלכען לינקאָלן איז מיט פיר יאָר פריער געפאָרען פון זיין היים קיין וואשינגטאָן. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין באלטימאָר, העריסבורג, ניו־יאָרק, באָפּאלא, אלבאני, קליוולאנד, קאָלאָמבוס, אינדיאנאפּאָלים און שיקאגאָ. איבעראל זיינען געקומען טויזענדער מענשען אָנקוקען דעם טויטען און אויסדריקען זייער טרויער. קיין ספרינגפילד איז דער קערפּער אָנגעקומען דעם 4טען מאי.

די אַלע וואָס זיינען געווען פּארמישט אין דער פּארשווערונג צו טויטען לינקאָלן האָט מען שפּעטער געכאפּט. בוט און איינער פון זיין חברה האָבען זיך באהאלטען ביי זייערען א פריינד. שפּעטער זיינען זיי אנטלאָפען קיין ווירדזשיניא. דעם 25טען אפּריל האָבען א גרופּע סאָלדאטען זיי געפונען אין א שטאַל אויף א פארם. בוט'ס חבר האָט זיך אונטערגעגעבען. אָבער בוט האָט זיך אנטזאגט ארויסצוגיין פון שטאַל. דער אָפּיצער פון דער גרופּע סאָלדאטען האָט באפוילען די שטאַל אונטערצוצינדען. ווען די פלאַמען האָבען זיך פארשפרייט איז בוט צוגעשפרונגען צום טיר. ער האָט געהאַלטען א רעוואָלווער אין האנד. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א שאָס און בוט איז אַנידערגעפאַלען א טויטער. ווער עס האָט אויסגעשאָסען ווייס מען ניט אויף זיכער. מען ווייס ניט צי בוט האָט זיך אליין

דערשאָסען אָדער איינער פון די סאָלדאטען האָט אים דערשאָסען.

פון אָנפאנג האָט מען אין די רעגירונגס־קרייזען געגלויבט, אז די פארשווערונג איז געמאכט געוואָרען מיט דער הילף פון הויכע בעאמטע פון דער קאָנפעדעראציע. די צייטונגען האָבען אפילו באשולדיגט דזשעפערסאָן דייווים. דעם צווייטען מאַי האָט פרעזידענט דזשאנסאָן אָנגעבאָטען א באלוינונג פון הונדערט טויזענד דאָלער פאר דעם ארעסט פון דזשעפערסאָן דייווים. שפעטער אָבער האָט מען אויסגעפונען אלע אמת'ע איינצעלהייטען פון דער גאנצער געשיכטע. דער קאָפּ פון דער פארשווערונג איז געווען בוט. ער האָט נאָך מיט א יאָר פריער גענומען פּלאַנעווען וועגען „קידנעפּען" לינקאָלנ'ען און אנדערע הויכע בעאמטע און זיי אוועקשיקען אין דער סאוט. דעמאָלט האָט ער געוואָלט מיט זיין טאט העלפען דער סאוט צוריקקריגען די געפאנגענע סאָלדאטען. ער האָט געגלויבט אז ווען לינקאָלן אליין וועט זיין א געפאנגענער אין דער סאוט, וועט די רעגירונג פון דער נאָרט מסכים זיין אויסצובייטען אלע געפאנגענע, כדי לינקאָלן זאָל באפרייט ווערען. בוט איז געווען אן אקטיאָר (א ברודער פון דעם בארימטען עדווין בוט, איינער פון די גרעסטע קינסטלער אין דער געשיכטע פון דעם אמעריקאנער טעאטער). ער איז ערצויגען געוואָרען אויף א פארם אין מערילענד. געשפּילט האָט ער א לאנגע צייט אין די טעאטערס פון דער סאוט און ער האָט סימפּאטיזירט מיט דער סאוט. איצט, אז די סאוט האָט שוין געהאלטען ביים פארלירען די מלחמה האָט בוט געענדערט זיין פריערדיגען פּלאן. ער האָט געוואָלט טאָן עטוואס וואָס זאָל אָנווארפען א שרעק אויף דער נאָרט און וואָס זאָל דעמאָראליזירען די רעגירונג. ער האָט געהאָפט, אז דאָס וועט דערגרייכט ווערען דורך אן אלגעמיינעם מאָרד פון אלע הויכע רעגירונגס בעאמטע.

די פארשווערונג איז געמאכט געווארען אין א „באָרדינג הויז" פון אן אלמנה, א געוויסע מרס. סושאט, ניט ווייט פון וואשינגטאָן. בוט האָט אין דער פארשווערונג אריינגעצויגען

יונגעלייט וואָס האָבען געשטאַמט פון דער סאַוט, אַ פּאָר פון זיי האָבען פריער געדינט אין דער אַרמיי פון דער סאַוט און זיינען אַנטלאָפען פון די תפיסות אין דער נאָרט, וואו זיי זיינען געזעסען אַלס קריגס־געפאַנגענע. בוט איז געווען אַ פאַנטאַזיאָר וואו ער האָט מיט זיינע באָמבאַסטישע, אַקטיאָרסקע פראַזען געקענט באַגייסטערען יונגע מענשען. ער האָט זיי איינגערעדט אַז זיין פּלאַן וועט זיך זיכער איינגעבען.

אַכט מענשען זיינען גע׳משפט געוואָרען פאַר דעם מאָרד, צווישען זיי מרס. סושאַט. דער פּראַצעס איז פּאָרגעקומען אין מיליטערישען געריכט וועלכען דזשאַנסאָן האָט באַשטימט פאַר דעם צוועק. פיר זיינען געפונען געוואָרען שולדיג אין ערשטען גראַד מאָרד. מרס. סושאַט איז געווען צווישען די פיר. דריי זיינען פאַר׳משפט געוואָרען צו לעבענסלענגליכע געפענגנים און איינער, אַן ארבייטער אויף דער בינע, וואו בוט איז אַראָפּגעשפּרונגען, האָט באַקומען זעקס יאָר טורמע.

איבער מרס. סושאַט האָט זיך אין לאַנד אַ סך געטומעלט. די ריכטער, וועלכע האָבען זי פאַר׳משפט צום טויט, האָבען זיך שפּעטער געווענדט צום פּרעזידענט ער זאָל דעם פּסק פאַרבייטען אויף אַ לייכטערע שטראָף. דזשאַנסאָן האָט אָבער די רעקאָמענדאַציע ניט געלעזען און האָט אונטערגעשריבען דעם טויט־אורטייל פאַר אַלע פיר. דעם 7טען יולי איז מרס. סושאַט אויפגעהאַנגען געוואָרען צוזאַמען מיט די אַנדערע דריי. אויפ׳ן פּראַצעס איז באַוויזען געוואָרען, אַז מרס. סושאַט האָט געוואוסט וועגען דער פאַרשווערונג. ביי איר אין באָרדינג הויז האָבען זיך די פאַרשווערער פאַרזאַמעלט, ביי איר האָבען זיי זיך אויך שפּעטער באַהאַלטען. אָבער געזעצליך, — שרייבט פּראָפעסאָר ראָודס, — זיינען די באַווייזען געגען איר ניט געווען גענוג שטאַרק. אַ פרוי וועלכע האָט אַליין ניט באַגאַנגען קיין מאָרד און וועמעס מיטווירקונג אין דעם מאָרד איז ניט באַוויזען געוואָרען מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, האָט ניט געדאַרפט געשיקט ווערען צו דער תליה.

קאַפּיטעל 33.

דער סוף פון דער מלחמה.

נאָכדעם ווי לי האָט זיך אונטערגעגעבען און די רעגי־רונג פון דער קאָנפעדעראַציע איז אַנטלאָפען פון ריטשמאָנד, האָט די סאוט געהאַט נאָך איין גרויסע ארמיי. זי איז גע־שטאַנען אין נאָרט קאראָליינא, וואו עס האָט זיך אויך געפונען שערמאַנ'ס ארמיי. די אַרמיי פון דער סאוט איז געפירט געוואָ־רען פון גענעראַל דזשאנסטאָן. דזשעפערסאָן דייווויס האָט איצט איינגעלאדען די צוויי גענעראַלען, דזשאנסטאָן און באָרעגארד זיך מישב צו זיין מיט זיי וואָס צו טאָן ווייטער. ביי דער באַ־ראטונג זיינען אויך געווען פיר מיניסטאָרען פון זיין קאַבינעט. דייווויס איז געווען מיט דער מיינונג אז די לאַגע איז טאַקע אַ שווערע, אָבער ניט קיין האָפענונגסלאָזע, און אז דער קאמף דאַרף פאָרטגעזעצט ווערען. דאן האָט ער געפרעגט דזשאנ־סטאָנען, וואָס ער דענקט. דזשאנסטאָן האָט געענטפערט: „אונ־זער פאָלק איז מיד פון דער מלחמה, די מענשען פילען אז זיי זיינען געשלאָגען, און ווילען מער ניט קעמפען. . . מיינע סאָל־דאַטען דעזערטירען יעדען טאָג. . . זייט לי האָט זיך אונטערגע־געבען האַלטען זיי, אַז די מלחמה איז געענדיגט. . . מיין קליי־נע ארמיי צעשמעלצט ווי שניי אונטער דער זון און איך האָב ניט קיין האָפענונג צו קריגען נייע סאָלדאַטען. מיר דאַרפען נאָר זען קריגען אזעלכע באַדינגונגען וועלכע מיר זאָלען קאָנען אָננעמען".

אַלע דערבייאיגע, אויסער דייווויס און בענדזשאמין, האָ־בען איינגעשטימט מיט דזשאנסטאָנ'ען. עס איז געבליבען אז דזשאנסטאָן זאָל אונטערהאנדלען מיט שערמאַנ'ען וועגען אונ־טערגעבען זיך.

די פארהאנדלונגען האָבען זיך אָנגעפאנגען א פּאָר טעג נאָכ־דעם ווי לינקאָלן איז דערמאָרדעט געווארען. שערמאן און דזשאנסטאָן האָבען זיך געטראָפען פּערזענליך, האָבען דיסקו־טירט און אויסגעארבייט א גאנצע רייע פונקטען. טייל פון די פונקטען האָבען מיט מיליטערישע ענינים קיין שייכות ניט גע־האט. איין פונקט, צום ביישפּיל, איז געווען, אז נאָכדעם ווי דזשאנסטאָן וועט זיך אונטערגעבען, זאָל דער פּרעזידענט אין וואשינגטאָן אנערקענען די שטאַט־רעגירונגען פון דער סאוט, און אז די איינוואוינער פון דער סאוט זאָלען גלייך צוריקקריגען זייערע פּאָליטישע רעכט, זייער שטימרעכט און אפילו זייער איי־גענטום רעכט „ווי דאָס ווערט דעפינירט אין דער קאָנסטי־טוציע” (טייל האָבען אויסגעטייטשט די לעצטע פראזע אלס אָנ־צוהערעניש, אז זיי זאָלען צוריקקריגען זייערע שקלאפען, ווייל די קאָנסטיטוציע אנערקענט שקלאפעריי).

שערמאן האָט זיין אָפּמאַך מיט דזשאנסטאָנ׳ען צוגעשיקט צו גענעראל גרענט. גרענט האָט דאָס געוויזען דעם קריגס־מיניסטער סטענטאָן. עס פארשטייט זיך, אז סטענטאָן האָט דעם אָפּמאַך צוריקגעוויזען. ער האָט געגעבען א באפעל גענע־ראל גרענט׳ען ער זאָל הייסען שערמאנ׳ען גלייך אטאקירען דזשאנסטאָנ׳ס ארמיי. מיט צוריקווייזען דעם אָפּמאַך האָט סטענטאָן זיך ניט באנוגענט. ער האָט די גאנצע געשיכטע גע־לאָזט פארעפענטליכען אין דער פּרעסע. עס האָט זיך איצט אָנגעפאנגען א שרעקליכע העצע געגען שערמאנ׳ען. עס איז גע־געבען געוואָרען אָנצוהערעניש, אז שערמאן איז אונטערגעקויפט געווארען פון דער סאוט, אז ער האָט בכיון אזוי אויסגעשטעלט זיין ארמיי, אז עס זאָל מעגליך זיין פאר פּרעזידענט דייוויס צו אנטלויפען קיין מעקסיקא. פּראָמינענטע פּערזאָנען האָבען געפאָדערט, אז שערמאן זאָל גלייך אראָפּגעזעצט ווערען. פון די פיר וויכטיגסטע צייטונגען אין ניו יארק האָט בלויז איינע, די דעמאָקראטישע, זיך אָנגענומען פאר שערמאנ׳ען. שערמאנ׳ס איינענער ברודער, וועלכער איז געווען א סענאטאָר פון אָהייאָ,

האט געשריבען צו סטענטאן'ען, אז גענעראל שערמאנ'ס אפ־מאך מוז צוריקגעוויזען ווערען.

גענעראל שערמאן האט אויף גרענט'ס באפעל זיין אפמאך צוריקגעצויגען און זיך גענומען גרייטען צו אטאקירען דזשאנסטאן'ען. דזשאנסטאן האט זיך דאן אונטערגעגעבען אויף די־זעלבע באדינגונגען ווי לי האט זיך אונטערגעגעבען ביי אפאמאטאקס.

מיט דזשאנסטאנ'ס אונטערגעבען זיך האט זיך די מלחמה פאקטיש געענדיגט. דזשעפערסאן דייוויס איז אנטלאפען, באגלייט פון זיינע מיניסטארען און עטליכע טויזענד סאלדאטען. ער איז אוועק קיין דזשארדזשיא. אויפ'ן וועג האבען די מיניסטארען אים איינציגווייז פארלאזען, סעקרעטערי אוו סטייט בענדזשאמין האט זיך פון אים „אוועקגע'גנב'עט". „ער האט זיך דערשלאגען צום ברעג, זיך געזעצט אויף א שיף קיין בערמודא און פון דארט איז ער אוועק קיין ענגלאנד".

ווען דייוויס איז אריבער דעם טייך סאוואנא האט ער געגעבען יעדען סאלדאט 32 דאלער און זיי אוועקגעשיקט אהיים. ער איז פארבליבען מיט א וואך פון 20 געקליבענע סאלדאטען. מיט זיי איז ער אוועק ווייטער, צו דרום צו. אויפ'ן וועג האט אים באגעגענט זיין פרוי. דעם 9טען מאי האבען זיי זיך אפגעשטעלט נעבען שטעטעל אירווינגוויל אין דזשארדזשיא. דארט זיינען זיי ארומגערינגעלט געווארען פון א רעגימענט סאלדאטען פון דער נארט. זיי זיינען אלע גענומען געווארען געפאנגענע און זיינען אפגעפירט געווארען קיין מייקאן, דזשארדזשיא.

אין דעם אפיציעלען באריכט וואס סטענטאן האט ארויסגעגעבען וועגען דייוויס'עס ארעסט ווערט דערציילט, אז דייוויס האט געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען, אנגעטאן אין זיין פרוי'ס קליידער. דאס איז אויפגעכאפט געווארען פון די צייטונגען אין דער נארט, וועלכע האבען זיך לוסטיג געמאכט איבער דייוויס'עס פחדנות. זיי האבען סטענטאנ'ס באריכט נאך צוגעפוצט און אנגעגעבען „איינצעלהייטען" ווי אזוי דייוויס האט אנגעטאן זיין ווייב'ס אונטערקלייד און איר קרינאלינע, נאר ער האט פאר־

געסען אַנצוטאָן די שיך, און דאָס האָט אים פּאַראַטעז. דייווים אליין האָט שפּעטער דאָס אַלעס אָפּגעלייקענט, ער האָט דערציילט אַז בשעת די סאָלדאַטען זיינען באַפאַלען דעם לאַגער איז געווען פינסטער, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין ווייב'ס מאַנטעל, מיינענדיג אַז דאָס איז זיין אויבעררראָק און האָט עס אָנגעטאָן. די פרוי האָט דערנאָך אַרויפגעוואָרפען אויף זיין פּלייצע איר שאַל. אַזוי האָט ער זיך געלאָזט לויפען איבער'ן פעלד, אָבער די סאָלדאַטען האָבען אים געכאַפּט.

אַנדערע וויכטיגע בעאַמטע פון דער קאָנפעדעראַציע זיינען שפּעטער אַרעסטירט געוואָרען. צווישען די אַרעסטירטע זיינען געווען דער וויס־פּרעזידענט אַלעקסאַנדער סטיפענס, דער פּאָסט־מיניסטער ריגען, דער פלאָטען־מיניסטער מאַלאָרי, דער יוסטיץ־מיניסטער דייווים, און דער פינאַנץ־מיניסטער טרענהאָלעז. אַנדערע וויכטיגע בעאַמטע זיינען אַנטלאָפען, צווישען זיי דער מיניסטער בענדזשאַמין און קריגס־מיניסטער ברעקערידזש. עס זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרען עטליכע גאָווערנאָרס פון די רעוואָלטירטע שטאַטען. די וואָס מען האָט ניט געכאַפּט זיינען אַנטלאָפען, טייל קיין מעקסיקאַ און טייל קיין אייראָפּע.

די נאָרט האָט איצט גענומען פאַנאַנדערלאָזען איר אַרמיי. דעם ערשטען מאַי, 1865, זיינען אין די רייען געווען איבער אַ מיליאָן סאָלדאַטען. אין נאָוועמבער זיינען 800 טויזענד פון זיי שוין געווען אין דערהיים.

די מלחמה האָט אָפּגעקאָסט אין טויטע און פאַרוואונדעטע פון ביידע צדדים איבער אַ מיליאָן מענשען. די נאָרט האָט פאַרלוירען איבער 110 טויזענד טויטע אויף די שלאַכט־פעלדער, איבער 224 טויזענד זיינען געשטאָרבען פון קראַנקהייטען און איבער 24 טויזענד זיינען אומגעקומען דורך פאַרשידענע אומגליקען. די צאָל פאַרוואונדעטע האָט דערגרייכט ביז איבער 275 טויזענד. די סאַוט האָט פאַרלוירען אין טויטע 94 טויזענט, 164 טויזענד זיינען געשטאָרבען פון קראַנקהייטען. וויפיל פאַרוואונדעטע די סאַוט האָט געהאַט ווייס מען ניט גענוי.

אין געלט האָט די מלחמה אָפּגעקאָסט אַן ערך פון פינף בי־

ליאָן דאָלער. דערביי ווערט אָנגעוויזען אז דער פרייז פון די פיר מיליאָן שקלאַפען איז פאר דער מלחמה געווען אין ערך פון דריי ביליאָן. דאָס הייסט אז אָן א מלחמה וואָלט מעגליך גע־ווען אלע שקלאפען אָפּצוקויפען פאר אומגעפער א העלפט פון דעם געלט וואס די מלחמה האָט געקאָסט.

קאַפּיטעל 34.

דער חורבן אין דער סאוט.

די מלחמה האָט איבערגעלאָזען אין דער סאוט א סאָציאלען כאַאָס און אן עקאָנאָמישען חורבן. יענע געגענדען וואו די ארמייען זיינען דורכגעגאנגען און וואו די שלאכטען זיינען פאָרגעקומען זיינען געווען אינגאנצען פארניכטעט. אָט וואָס פאר א סך הכל פון דער לאגע עס גיט דער היסטאָריקער עלען נעווינס:

„כמעט יעדער טייל פון ווירדזשיניא האָט געליטען. שערידען'ס ארמייען האָבען פארוואנדעלט דעם שענענדאהא טאָל אין א מדבר. די שטאלען, מילען און סטייגען היי זיינען אלע פארברענט געווארען. א סך הייזער אויך. די בריקען זיינען צושטערט געווארען. די בהמות און פערד זיינען אומגעבראכט געוואָרען. די צאמען און פארקענס זיינען פארשוואונדען. איבער דער גאנצער געגענד צווישען אלעקסאנדריא און ריטשמאָנד האָבען די חילות מארשירט הין און צוריק און די דערפער, פארם־הייזער, קירכען און געהילץ זיינען ווי אפגעווישט געווארען. אין א גרויסען טייל פון דער געגענד איז ניט געווען מער קיין סימן, אז לעבעדיגע מענשען האָבען דאָרט אמאָל געוואוינט. דאָ און דאָרט איז נאָך געשטאנען א פאררויכערטער קוימען, ווי א פינסטערער וועכטער איבער דעם חורבן. דורך די קאראליינעס און דורך דזשאָרדזשיא האָט שערמאנ'ס ארמיי דורכגעשניטען א ברייטען שליאך פון חורבן, אזא פאָלשטענדיגען חורבן, אז איינער פון די אָפיצערען פון דער נאָרט האָט זיך בארימט אז אין פארלויף פון א גאנצען דור וועט דאָרט אוממעגליך זיין צוריק אויפצובויען די אגריקולטור און דעם

האנדעל. ברייטע שטח'ן אין נארדליכען טייל פון אלאבאמא זיי־נען צוראבירט געווארען דורך באנדעס פון ביידע צדדים. . . אין אנדערע שטאטען האבען געליטען כמעט ניט וויי־ניגער. אין אר־קאנסא האט דער גאווערנאר באריכטעט, אז די פארוויסטונג פון דער מלחמה איז אומבאשרייבליך. די באנדעס האבען דארט געארבייט מיט אזא ווילדקייט, אז צוויי־דריטעל פון די ראיאנען זיינען אנגעפילט געווען מיט עלענד און נויט."

„איבער דער גאנצער סאוט, — שרייבט נעווינס ווייטער, — פון ווירדזשיניא ביז טעקסאס, זיינען געווען צוזאמען־שטעטלאך, וואס זיינען געווען אינגאנצען אדער טיילווייז פאר־ניכטעט. דער האנדעלס־קווארטאל פון ריטשמאנד איז צושטערט געווארען פון א פייער וואס דארטען האט אויסגעבראכען ווען די קאנפעדעראציע־ארמיי איז ארויס. אנדערע טיילען פון שטאט זיינען צוראבירט געווארען. אין סאוט קאראליינא זיי־נען צושטערט געווארען אכציג בלאק מיט 1386 הייזער. טשארלס־טאן האט געליטען פון צוויי שרעקליכע שריפות און עטליכע מאל איז זי באמבארדירט געווארען. . . אטלאנטא, א בליענדע שטאט ווען די מלחמה האט אויסגעבראכען, איז איצט געלעגען האלב אין אש. . . און 35 טויזענד מענשען פון דער ארומיגער געגענד האבען געמוזט אנקומען צו צדקה. . . און אזוי בסדר... אפילו אין ניו ארליענס, וועלכע האט געליטען ווייניג היזק, האט די באפעלקערונג ניט געהאט מער קיין ענערגיע און קיין מוט. א סך פון די איינוואוינער זיינען פארטריבען געווארען, א העלפט פון די קראמען זיינען געווען ליידיג און צוגעמאכט"

די באנען זיינען געווען צושמעטערט. שערמאנ'ס ארמיי האט אויסגעריסען די רעלסען פון די באנען איבער א שטרעקע פון 300 מייל אין דזשארדזשיא און אין סאוט קאראליינא. מיסיסיפי האט שטענדיגט שטאלצירט מיט איר אויסגעצייכענטען באן פארקער, א ליניע פון 200 מייל וואס האט איר אפגעקאסט זיבען מיליאן דאלער צו בויען. איצט זיינען די סטאנציעס געווען פארברענט, קיינע וואגאנעס און לאקאמאטיוון זיינען ניט געווען. די רעלסען און די בריקען זיינען מערסטענטיילס

געווען צושמעטערט. אין אלאבאמא איז כמעט די גאנצע באַן פון 800 מייל געווען פארקריפּעלט.

די גאַנצע באַפעלקערונג איז פון דער מלחמה פאַראָרימט געווארען, אויסער די ספּעקולאַנטען און די וואס האָבען געמאַכט געלד פון מלחמה־קאָנטראַקטען. דער ווערט פון לאַנד איז געפאַלען. די באַנקען אין דער סאוט זיינען דערטרונקען געווארען אין א ים פון ווערטלאָזע פּאַפּירען וואס די קאָנפעדעראַציע האָט אַרויסגעגעבען. . . די פאַרזיכערונגס געזעלשאַפטען זיינען געווען באַנקראָט, טויט. די פאַבריקען און די מינעס זיינען געווען פארשלאָסען. א סך פּלאַנטאַציעס זיינען געווען פאַר־משכנ׳ט און זייערע אייגענטימער האָבען געוואוסט, אז אויב זיי וועט ניט געלינגען זיך באַלד צו שטעלען אויף די פיס וועלען זיי פארלירען זייערע היימען.

אָבער אם ערגסטען איז געווען דער מענשליכער חורבן, פּי־זיש און מאָראַליש. אין מיסיסיפּי אַליין זיינען געווען צען טויזענד מלחמה יתומים. . . באַאָבאַכטער האָבען דערקלערט, אז די מענליכע באַפעלקערונג איז פאַרקלענערט געווארען אויף א העלפט. אָבער טרויעריגער ווי די אָרימקייט און די קברים איז געווען דער מאָראַלער צוזאַמענברוך. מענשען האָבען פאַר־לוירען זייער האָפענונג, זייער מוט.

אין א סך טיילען פון דער סאוט האָט די הערשאַפט פון גוואַלד און טעראָר אָנגעהאַלטען אויך נאָך דער מלחמה. אין דעם זיד־אַסטליכען טייל פון אַלאַבאַמאַ האָבען די באַנדעס און דעזערטירער פון ביידע אַרמייען אָנגעהאַלטען א גאַנץ יאָר צייט זייערע רויב־אָנפאַלען אויף די פאַרמער. . . די טייכען זיינען פאַר־פּלייצט געווארען מיט קאַטען־גנבים וועלכע פלעגען צושווימען צום ברעג פון א קאַטאַן־פעלד, צו׳גנב׳ענען די קאַטען און אַנט־לויפען. . . אין סאוט קאַראָליינא האָבען זיך ארומגעטריבען באַנדעס פון נעגער־רויבער. איינע פון די באַנדעס איז אָנגע־פירט געווארען פון א ווייסען. דורך דער גאַנצער סאוט האָבען געבושעוועט גנבים פון פערד און בהמות. ארום דעם טייך מיסי־סיפּי, אין דעם מיטעלען טייל פון אַרקענסאַ און טעקסאַס, האָבען

זיך באנדיטען ארומגעטריבען איבער'ן לאנד, צוגענומען בהמות, בארויבט מענשען און געשניטען העלזער.

אין די שטעט האט זיך גלייך נאך דער מלחמה אנגעהויבען א לעבעדיגע אויפבויאונגס ארבייט. די נארט האט אהין גלייך גענומען ארייננשיקען א מאסע סחורה. מען האט אויך גענומען צוריק אויפבויען די באנען. סוף יאר האבען שוין טייל שטעט געקויפט אזוי פיל סחורה ווי פאר דער מלחמה. אבער די הויפט צרה איז געווען מיט דעם דארף, מיט די פארמס. די סאוט איז דאך געווען אן אגריקולטור־לאנד. דער וואויל־שטאנד פון די שטעט איז אפהענגיג געווען אן דעם וואוילשטאנד פון דארף. און די פארמער האבען געהאט א שווערען וועג בארג ארויף אפילו נאר זיך צו דערהאלטען. זיי האט געפעלט די מאטעריאלען וואס זיינען געווען נויטיג פאר דער אויפבוי־ארבייט: בהמות, פערד, מאשינען און זריעה. דזשארדזשיא, צום ביישפיל, האט אין 1860 געהאט 232 טויזענד פערד און אייזלען, און נאך דער מלחמה האט זי געהאט בלויז 132 טויזענד, א פארלוסט פון דריי אויף יעדע זיבען. דער שטאט האט פאר דער מלחמה געהאט מער ווי א מיליאן פי, און געבליבען איז אים איצט עטוואס מער ווי א העלפט דערפון. לואיזיאנא האט אויך פארלוירען מער ווי א העלפט פון אירע פערד און אייזלען. צום ערשטען מאל אין א סך יאר האבען די פארמער זיך געמוזט באנוצען מיט אקסען צום אקערען. עס זיינען געווען פאלען ווען מענער און פרויען האבען זיך געמוזט אליין איינשפאנען און שלעפען משא.

דער ערשטער געפיל ביי א סך סאלדאטען פון דער קאנפעדערציע ווען זיי זיינען אהיימגעקומען און געזען דעם חורבן, איז געווען — צו אנטלויפען פון לאנד. זיי זיינען געווען פארצווייפעלט. טייל זיינען באגאנגען זעלבסטמארד. . . מען האט געמאכט פלענער וועגען אוועקפארען אין אנדערע לענדער און דארטען גרינדען קאלאניעס. א סך האבען געטראכט וועגען באזעצען זיך אין מעקסיקא. . . עס זיינען אפילו אנגעפירט געווארען וועגען דעם פארהאנדלונגען מיט דער מעקסיקאנישער רעגי־

רונג. א געוויסע צאָל פּראָמינענטע פירער פון דער קאָנפעדעראַ־ציע זיינען טאקע אוועקגעפאָרען קיין מעקסיקא. די אלע פּלע־נער האָבען זיך אָבער אויסגעלאָזען מיט גאָרניט. גענעראל לי און נאָך אייניגע פון די פּראָמינענטע מענשען אין דער סאוט האָ־בען שטארק אגיטירט געגען דעם. זיי האָבען גערעטען דעם עולם ער זאָל בלייבען זיצען אין דער היים און אָנשטרענגען אלע כוחות ווידער אויפצובויען דאָס לאנד. און די דאָזיגע עצה האָט בעסער אפּעלירט צום ברייטען עולם.

אין די גרענעץ־שטאטען וואו די באפּעלקערונג איז אין די מלחמה יאָרען געווען צוטיילט, איינע טריי צו דער נאָרט און איי־נע צו דער סאוט, איז איצט אָנגעגאנגען א שטיקעל קריג, וואָס האָט די אלגעמיינע שלעכטע לאגע נאָך ערגער געמאכט. א סך צרות זיינען אויך ארויסגעקומען פון דער פיינדליכער באציאונג פון דער באפּעלקערונג צו די „יוניאָן" סאָלדאטען וואס זיינען איצט געשטאנען אין דער סאוט. איבערהויפּט זיינען די פרויען געווען פיינדליך געשטימט צו די סאלדאטען. קארל שורץ האָט אין זיין באריכט צום פּרעזידענט געשריבען: „מען באטראכט אונזערע סאָלדאטען ווי פּרעמדע, ווי שונאים". די סאָלדאטען האָבען אויך ניט געשוויגען און האָבען יעדע געלעגענהייט אויס־גענוצט אויפצורייצען די פרויען. ווען א פרוי פלעגט קומען צו די מיליטער־בעאמטע בעטען ערלויבניש אויף עפּעס, פלעגט מען פון איר פאָדערען זי זאָל שווערען טרייהייט דער יוניאָן־פלאג. אין ריטשמאָנד האָט דער גענעראל פארבאָטען צו פּראַווען א חתונה סיידען דער חתן, די כלה און דער גלח וועלען שווערען טרייהייט דער רעגירונג. מען האָט פארבאָטען די געוועזענע סאָלדאטען און אָפיצירען פון דער קאָנפעדעראציע צו טראָגען זייערע מונ־דירען (די גזירה איז אָבער ניט דורכגעפירט געוואָרען. די מיליטער־בעאמטע האָבען געוואוסט, אז א סך פון די געוועזענע סאָלדאטען און אָפיצירען פון דער סאוט האָבען פּשוט קיין אַנ־דערע קליידער ניט געהאט און ניט געקענט קריגען. האָבען זיי זיך געמאכט ניט זעענדיג און זיי געלאָזען די מונדירען ווייטער טראגען).

דאן איז צוגעקומען דאס פראבלעם פון ארבייט. ניט די ווייסע און ניט די נעגער זיינען געווען באקאנט מיט דער פראקטישער זייט פון לוין־ארבייט. זייער ווייניג ווייסע האבען געהאט געלט צו באצאלען פאר ארבייט. זיי האבען געמוזט ווארטען ביז וואנען די פראדוקטען וועלען אראפגענומען ווערען פון די פעלדער און פארקויפט ווערען. די נעגער האבען צונויפגעמישט דעם באגריף פון פרייהייט מיט דעם באגריף פון ניט ארבייטען.ביידע האבען ניט געטרויט איינע די אנדערע. די ווייסע האבען געגלויבט, אז עס איז אונמעגליך אן צוואנג צו ווירקען אויף דעם נעגער ער זאל ארבייטען. די נעגער האבען פארדעכטיגט אז די ווייסע ווילען זיי אפנארען, אדער אנשרעקען. אין א סך געגענטען איז דורך דער דאזיגער באציאונג די פארמעריי איינגאנצען דעמאראליזירט געווארען.

„דער באפרייטער נעגער, שרייבט נעווינס, האט באקומען א שטארקען חשק צו צוויי זאכען: צו ענדערען זיין נאמען און צו ענדערען זיין וואוינארט. די מעגליכקייט צו טאן די דאזיגע צוויי זאכען זיינען פאר אים געווען דער סימבאל פון פרייהייט, און די נעגער האבען גענומען וואנדערען מאסענווייז, אן א ציל און אן א צוועק. אין פארלויף פון דעם זומער פון 1865 האבען זיך 80 טויזענד נעגער ארייגעקליבען אין וואשינגטאן. דער ארבייטס־מארק אין די שטעט, ביי דער גרענעץ פון דער סאוט, איז איבערפילט געווארען. טויזענטער נעגער־פאמיליעס וואס זיינען פריער צוזייט און צושפרייט געווען, דורך דעם וואס זייערע בעלי־בתים האבען זיי פארקויפט אין פארשידענע געגענטען, האבען זיך איצט פאראייניגט. אנדערע פאמיליעס, ווידער, זיינען דורך דער וואנדערלוסט צוריסען געווארען. א גרויסע צאל פון די באפרייטע זיינען געבליבען אויף זייערע פלעצער און די מערסטע פון די וואס זיינען אוועק זיינען שפעטער צוריקגעקומען. אבער די לופט איז פול געווען מיט וואנדערונג, מיט אומרואיגקייט.

„וואס פאר א באגריף דער נעגער האט געהאט וועגען זיין באפרייאונג איז שווער צו זאגען, — שרייבט פלעמינג, — טייל

נעגער האָבען געמיינט, אז זיי וועלען מער ניט דארפען ארבייטען, אז די רעגירונג וועט פאר זיי שטענדיג זאָרגען. אנדערע האָבען געמיינט, אז זיי וועלען קריגען די נויטיגע בילדונג און די נויטיגע געלעגענהייטען צו ווערען גלייכע ווי זייערע פריערדיגע באלעבאטים. אָבער די מערסטע פון זיי זיינען געווען אינגאנצען צוטומעלט. זיי האָבען געוואוסט בלויז איין זאך, אז זיי זיינען פריי".

א סך פון זיי האָבען איצט גענומען ארומוואנדערען. עס האָט זיך ביי זיי פארשפרייט א געפיל, אז דערין באשטייט פרייהייט — אין קענען ארומגיין וואו און ווען מען וויל. אָט די נעגער, וואס האָבען אוועקגעוואנדערט פון זייערע פריערדיגע היימען, האָבען אָם שטארקסטען געליטען. צווישען די ארומוואנדערענדיגע נעגער, זיינען געווען אזעלכע, וואס האָבען געדינט אין דער ארמיי און זיינען איצט אָפּגעלאָזט געווארען אהיים. אויך אזעלכע וואָס זיינען אין משך פון דער מלחמה געפאנגען געווארען און מען האָט זיי געהאלטען אין קאָנצענטראציאנס־לאגערען. אלס רעזולטאט פון דעם וואנדערן זיינען פאמיליעס צוריסען געווארען, עלטערען האָבען פארלאָזען זייערע קינדער, מענער זייערע פרויען. און עס איז ארויסגעקומען אזוי, אז די יונגע מענשען זיינען אוועק פון די פלאנטאציעס און איבערגעלאָזען זייערע אלטע לייט און קליינע קינדער. א סך נעגער האָבען זיך אפּגעשטעלט נעבען די לאגערען פון די סאָלדאטען פון דער נאָרט. זיי זיינען דארטען געשלאָפען אין כאטקעס אדער אונטער'ן פרייען הימעל, פארהונגערטע און פארשמאכטע. זיי זיינען אויסגעשטארבען מאסענווייז.

די נעגער זיינען געווען אומוויסענד און נאאיוו. מען האָט זיי לייכט געקענט איינריידען נארישע און אוממעגליכע זאכען. שווינדלער און לומפּען האָבען זיך דערמיט באנוצט כדי אויסצונארען ביי זיי דאָס ביסעל געלט וואס טייל פון זיי האָבען פארמאָגט. אזוי צום ביישפּיל האָבען די שווינדלער פארשפרייט צווישען זיי א קלאנג, אז די רעגירונג וועט געבען יעדען נעגער פערציג אקער לאנד און אן אייזעל. א סך נעגער זיינען געזעסען

און האבען געווארט ביז זיי וועלען עס קריגען. אין איין ארט אין נארט קאראליינא האט אימיצער איינגעשמועסט די נעגער, אז כדי צו קריגען די פערציג אקער לאנד מוזען זיי פריער חתונה האבען. איז דארטען געווארען א געלאף אויף חתונות. א גלח אין א קליין שטעטעל האט אין צוויי טעג צייט חתונה געמאכט 150 נעגער־פארלאך. אין פלארידא האט מען די נעגער פאר־קויפט טויזענטער „סערטיפיקייטס" (שיינען) אויף די פערציג אקער לאנד. דאס איז געווען די ארבייט פון שווינדלער. די שווינדלער האבען איינגערעדט די נעגער, אז כדי צו קריגען דאס לאנד מו־זען זיי האבען א „סערטיפיקייט" און די נעגער האבען מיט פאר־גניגען געצאלט צו די שווינדלער צו פינף דאלער פאר'ן שטיקעל ווערטלאזען פאפיר. אנדערע שווינדלער האבען פארקויפט די נע־גער שטיקלאך האלץ געפארבט מיט רויטע און בלויע שטרייפען. זיי האבען זיי איינגערעדט, אז די פלעקלאך קומען פון וואשינג־טאן און אז דער נעגער וואס באזיצט די פלעקלאך קען מיט זיי ארומצאמען פאר זיך א שטיק לאנד.

צווישען די ווייסע אין דער סאוט האט געהערשט די מיינונג, אז דער נעגער איז פון דער נאטור פויל און אז איצט, ווען ער איז זיין אייגענער באלעבאס, וועט עס אוממעגליך זיין אים צו מאכען צו ארבייטען. קארל שורץ האט אין זיין באריכט צום פרעזידענט געשריבען: „א גלויבען, אן איבערצייגונג אדער א פאראורטייל איז דא ברייט פארשפרייט און טיף איינגעווארצעלט, אז דער נעגער וועט ניט ארבייטען אן פיזישען צוואנג". טייל פלאנטאטארס האבען געטראכט וועגען איינלאדען ווייסע אימי־גראנטען זיי זאלען קומען פארנעמען דעם פלאץ פון די נעגער. אין טשארלסטאן האט זיך אפילו געגרינדעט אן אימיגראנטען הילפס געזעלשאפט צו ברענגען אימיגראנטען פון אייראפא. איי־ניגע פלאנטאטארס פון דזשארדזשיא זיינען אליין געפארען אין דער נארט ברענגען ווייסע ארבייטער. זיי האבען אנגעבאטען איירישע און איטאליענישע אימיגראנטען פון צען ביז צוועלף דאלער א טאג געהאלט אויסער „באארד" (קעסט). מען האט אויך גערעדט וועגען ברענגען כינעזישע ארבייטער, קולים, ווייל

זיי עסען ווייניג און באנוגענען זיך מיט קליינע שכירות. קיין איינציגער פון די פלענער איז ניט פארווירקליכט געווארען. די מערסטע פלאנטאטארם האבען פארשטאנען, אז זיי וועלען זיך אן דעם נעגער־ארבייטער ניט באגיין און האבען געזוכט צו קומען מיט די נעגער צו א פארשטענדיגונג וועגען ארבייטען אונטער פרייע באדינגונגען.

די נאטור איז אויך געווען גענען דער פארוויסטער סאוט. די גערעטעניש אויף די פעלדער, דאס ערשטע יאר נאך דער מלחמה, איז געווען זייער שלעכט, ווייניגער ווי א העלפט פון דער גערעטעניש פון פאר דער מלחמה. אין יאר1867 האבען די פעלדער ווידער געליטען פון שלעכטען וועטער און פון היי־שעריק. דערצו זיינען יענעם יאר געפאלען די פרייזען פון די פראדוקטען. א סך פלאנטאטארם זיינען אינגאנצען רואינירט געווארען.

אמערגסטען איז די לאגע געווען אין דזשארדזשיא, סאוט קאראליינא און אלאבאמא. אין אלאבאמא איז די גערעטעניש אויף די פעלדער אין 1865 געווען קוים א צענטעל פון דער גערעטעניש פאר דער מלחמה. ערשט אין 1880 איז אלאבאמא אינגאנצען צו זיך געקומען און האט אנגעפאנגען פראדוצירען אזוי פיל ווי אין 1860. דעם ערשטען ווינטער פון פרידען האבען א סך ווייסע פאמיליעס זיך אויפגעהאלטען אין די וועלדער, וואו די בוימער זיינען געווען דער איינציגער שוץ. אין פרילינג פון יענעם יאר זיינען דריי־פערטעל פון די 80 טויזענט אלמנות פון דעם שטאט געווען אין נויט. עס זיינען געווען פאלען ווען מענשען זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער. אין 1867 האט די „פרימענס ביורא" געמאלדען אז 10 טויזענד ווייסע און 50 טוי־זענד נעגער אין אלאבאמא זיינען אן שום לעבענס־מיטעל. אין סאוט קאראליינא האבען רייכע פאמיליעס געמוזט פארקויפען זייער זילבערוואַרג כדי צו האבען אויף ברויט. אין דעם שטאט זיינען אויך מענשען אויסגעגאנגען פון הונגער. אין 1886 האט די לעדזשיסלייטשור פון דעם שטאט באוויליגט די סומע פון 200 טויזענד דאלער צו קויפען ברויט פאר די הונגעריגע. אין

מיסיסיפי האט דער גאווערנאר רעקאמענדירט דער לעדזשיסלייטשור, אז א פינפטעל פון די שטייערען וואס די רעגירונג זאמעלט, זאל באנוצט ווערען צו קויפען עסען פאר די אלמנות, יתומים און אנדערע נויט־באדערפטיגע.

עס פארשטייט זיך, אז די נעגער האבען געליטען א סך מער ווי די ווייסע. אין די קווארטאלען וואו זיי האבען זיך באזעצט, האבען זיך פארשפרייט אלערליי מגפות. א סך זיינען אויסגעשטארבען פון טובערקולאז. די קינדער האבען ניט געהאט די ריכטיגע שפייז און זיינען אויסגעשטארבען ווי די פליגען. אין טייל געגענטען האט מען יארען לאנג קיין יונג קינד ניט געזען. די „פרימענס ביורא" האט געעפענט האספיטעלער און קליניקס, אבער זיי האבען די מגפות ניט געקאנט אפשטעלען. וויפיל נעגער־לעבענס עס זיינען אין יענע יארען אומגעקומען איז שווער צו באשטימען. אבער די סטאטיסטיק פון טשארלסטאן גיט א באגריף. דארט זיינען, צווישען די יארען 1866 און 1871, אויסגעשטארבען צוויי מאל אזוי פיל נעגער ווי ווייסע. (די צאל פון נעגער און ווייסע פון דער שטאט איז געווען כמעט גלייך.) קינדער זיינען דארט געשטארבען ביי די נעגער דריי מאל אזוי פיל ווי ביי די ווייסע. אין איייניגע קווארטאלען אין דער סאוט זיינען אין פארלויף פון די ערשטע יארען נאך דער מלחמה אויסגעשטארבען פון א פערטעל ביז א דריטעל פון דער גאנצער נעגער־באפעלקערונג.

ביסלאכווייז האט זיך די לאגע געגומען אויסקריסטאליזירען. אין מאנכע שטאטען האבען די ווייסע פלאנטאטארס גענומען דינגען די נעגער אלס פרייע ארבייטער און די נעגער האבען זיך צוגעפאסט צו דער נייער סיסטעם. אין לואיזיאנא האט זיך די סיסטעם ארויסגעוויזען פאר אן ערפאלג, אויב דער בעל־הבית האט נאר געצאלט די שכירות אין צייט. די לאגע איז אויך געווארען בעסער אין ווירדזשיניא און אין נארט קאראליינא. שלעכט איז אבער געווען אין סאוט קאראליינא, דזשארדזשיא, אלאבאמא און מיסיסיפי. ערשטענס איז די צאל פון נעגער דארטען געווען זייער גרויס. צווייטענס, זיינען די

ווייסע פארמער געווען זייער ארים. דאָרט האָט זיך גענומען אנטוויקלען די „שער־סיסטעם“. דער ווייסער פּלאַנטאַטאָר האָט אָפּגעמאַכט מיט׳ן נעגער אז ער, דער נעגער, זאָל בעאַרבייטען די פּלאַנטאַציע און זיי זאָלען זיך דערנאָך טיילען מיט די פּראָ־דוקטען. די ערשטע צייט האָט דער ווייסער פּלאַנטאַטאָר באַ־זאָרגט זיינע נעגער „טענענטס“ (שכנים) מיט עסען, מיט פערד און מיט געצייג. דערפאר האָט ער באַקומען צוויי־דריטעל פון די פּראָדוקטען און דער נעגער איין דריטעל. שפּעטער האָבען די נעגער שוין געהאַט אליין געלט צו קויפען שפּייז. האָבען זיי זיך מיט׳ן בעל־הבית געטיילט העלפט אויף העלפט. ביידע צדדים האָבען זיך אָבער באַקלאָגט. די ווייסע האָבען גע׳־טענה׳ט, אז די נעגער ארבייטען ניט טיכטיג גענוג, און די נע־גערס האָבען גע׳טענה׳ט אז די ווייסע באַשווינדלען זיי ביים אויסאַרבייטען די קאָנטראַקטען. פונדעסטוועגען, האָט די סיס־טעם דאָך געבראַכט א געוויסע באַפרידיגונג פאַר ביידען. דער ווייסער האָט געהאַט ווער עס זאָל זיינע פעלדער בעאַרבייטען און דער נעגער האָט געהאַט מיט וואס זיך די נשמה צו דער־האלטען.

צוליב די נייע ארבייטס־באַדינגונגען זיינען די גרויסע פּלאַנטאַציעס און פאַרמס צוטיילט געוואָרען אין קליינע חלקים. אונטער דער שקלאַפען־סיסטעם האָבען די נעגערס געוואוינט קאָמ־פּאַקט, צונויפגעדריקט, אָדער אין א גרויסער באַטקע ניט ווייט פון דעם בעל־הבית׳ס וואוינונג. איצט אָבער האָט יעדער אר־בייטער געמוזט האָבען אן אייגענע וואוינונג. יעדער וואָס האָט בעאַרבייט א שטיקעל ערד פאַר דעם פּלאַנטאַטאָר האָט געמוזט האָבען פאַר זיך א שטאַל, א שייער, א קאָרעטע פאַר די חזירים. און יעדער נעגער האָט געוואָלט וואוינען נעבען זיין שטיקעל ערד. דערפאר איז יעדע גרויסע פּלאַנטאַציע פאַרוואַנדעלט גע־וואָרען אין קליינע פאַרמס. די אָרימע ווייסע האָבען איצט אויך גענומען קויפען פערד און ווערען פאַרמער. די אָרימע מענ־שען איבער דער גאַנצער סאוט האָבען איצט געקראָגען זייער שאַנס, ווייל דער פּרייז פון קאָטען איז געווען הויך, און דער

פרייז פון ערד נידעריג... מען האט איצט געקאנט קויפען גאנצע פלאנטאציעס פאר א קלייניגקייט. א סך לאנד־אייגענטימער האבען געהאט די ברירה צו לאזען א טייל פון זייער לאנד אינגאנצען ניט בעארבייט, אדער עס צו פארדינגען צו דעם יע־ניגען וואס וועט איינוויליגען צו צאלען די שטייערען. אין גע־וויסע געגענדען אין דער סאוט האט מען נאך דער מלחמה פאר־קויפט לאנד פאר דריי און פינף דאלער אן אקער. אין 1860 האט דאסזעלבע לאנד געקאסט פון 25 ביז 30 דאלער אן אקער. א פלאנטאציע וועלכע האט זיך געפונען דריי מייל פון קארינט, מיסיסיפי, איז פארקויפט געווארען פאר 35 סענט אן אקער.

די אלטע לאנד־אריסטאקראטיע פון דער סאוט איז אונ־טערגעגאנגען. כמעט אלע אריסטאקראטישע פאמיליעס פון דער אלטער סאוט האבען געליטען שרעקליכע פארלוסטען פון דער מלחמה. זייערע נעמען זיינען אינגאנצען פארשוואונדען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען פאר די נעקסטע עטליכע צענדליק יאר. דער אמביציעזער מיטעל־קלאס, פארמער, אדוואקאטען, פאבריקאנטען האבען פארנומען דעם פלאץ פון דער לאנד־אריס־טאקראטיע. . . פאר דער מלחמה האט דאס געלט און דער יחוס געהערט צו די גרויסע לאנד־אייגענטימער און די פראפעסיא־נאלען. איצט האט דער האנדעל־קלאס באקומען א גרויסען חלק דערפון. די שטאט האט גענוואונען אין באדייטונג אין פארגלייך מיט דעם דארף.

די נידעריגע פרייזען אויף לאנד האבען צוגעצויגען צו דער סאוט א סך מענשען פון דער נארט. מען איז געלאפען אין דער סאוט קויפען ביליג ערד און ווערען רייך.

די מערסטע פון די וואס זיינען געקומען פון דער נארט צו מאכען געלד האבען זיך מיאוס אפגענארט. דאס האט אבער דעם שטראם א לאנגע צייט ניט אפגעשטעלט. אבער פון דער סאוט זיינען א סך אוועקגעפארען אין דער סאוט־וועסט, אין טעקסאס און ארקענסא. דארט איז די ערד געווען א סך ביליגער און מער פרוכטבאר.

די צאל פארמס אין דער סאוט האט זיך צוליב די אלע אור־

זאכען א סך פארגרעסערט. אין 1870 זיינען אין טענעסי געווען איבער 118 טויזענד פארמס; מיט צען יאָר פריער איז די צאָל געווען בלויז עטוואָס איבער 82 טויזענד. אין סאוט קאראָליינא האָט זיך אין די צען יאָר די צאָל פארמס פארגרעסערט פון 33 טויזענט אויף 52 טויזענט; אין מיסיסיפי, פון 43 טויזענט אויף 68 טויזענט; אין לואיזיאנא פון 17 טויזענט אויף 28 טויזענט. עס פארשטייט זיך, אז די פארמס זיינען איצט געווען קלענערע. דער טיפישער פלאנטאטאָר אין לואיזיאנא האָט פאר דער מלחמה בעארבייט א פלאנטאציע פון 535 אקער; איצט האָט ער בע־ארבייט א פארם פון 241 אקער און אפילו אין נאָרט קאראָליינא, וואו עס זיינען שטענדיג געווען קלענערע פארמס ווי אין אנדערע שטאַטען, איז די דורכשניטליכע פארם פאר דער מלחמה געווען 316 אקער און איצט בלויז 212 אקער".

אויך אין דעם האנדעל איז פאָרגעקומען א גרויסע ענדע־רונג. פאר דער מלחמה האָט דער גרויסער פלאנטאטאָר גע־קויפט מיטאמאָל סחורה פאר זיין גאנצער פלאנטאציע. ער פלעגט באשטעלען דאָס וואָס ער האָט געדארפט פאר זיין הויז־געזינד און פאר אלע זיינע נעגער־שקלאפען ביי א סוחר אין שטאָט, אין מאָביל, טשארלסטאָן, אָדער ריטשמאָנד. איצט אָבער האָט דער באפרייטער נעגער געקויפט אליין פאר זיך. עס האָבען זיך גענומען עפענען קליינע קראָמען איבער דער גאנצער סאוט. די הענדלער פון דער נאָרט האָבען געשיקט זייערע אגענטען זיי זאָלען זיך באקענען מיט די נייע קונדען, וואָס פאר א סחורה זיי ווילען האָבען. דער נעגער איז איצט געוואָרען א בעסערער קונה. ער האָט געלעבט בעסער. דער מארק פאר די סוחרים פון דער נאָרט האָט זיך דארטען פיל פארבעסערט.

קאפיטעל 35.

דער קאמף צווישען פרעזידענט דזשאנסאָן און דעם קאָנגרעס.

ענדרו דזשאנסאָן, דער נייער פרעזידענט, איז געווען איינער פון די מערקווירדיגסטע פערזענליכקייטען אין דער געשיכטע פון אמעריקע. „אין פרט פון איינגעבאָרענע כחות און אין דער פיי־איגקייט זיינע נאַטירליכע כחות אויסצונוצען, — שרייבט פראָ־פעסאָר פאָרמאַן, — איז צו אים קיין גלייכען ניט געווען אין אונזער געשיכטע”.

געבוירען געוואָרען איז ער אין זייער אָרימע אומשטענדען, אין א פאַמיליע פון „אָרימע ווייסע” אין נאָרט קאראָליינא. ער איז קיין איינציגען טאָג אין קיין שול ניט געגאנגען. ווען ער איז אַלט געווען צען יאר האָט זיין מוטער, אן אלמנה, אים אוועק־געגעבען צו אַ שניידער זיך לערנען די מלאכה. ער האָט דעמאָלט ניט געקאָנט קיין אלף־בית. א צווייטער בעל־מלאכה האָט אים אין דער ליידיגער צייט אויסגעלערענט לייענען. צו 18 יאר איז ער אוועק קיין טענעסי. דאָרט האָט ער זיך באַזעצט אין א קליין שטעטעל און האָט זיך באַשעפטיגט מיט שניידעריי. ער האָט גע־הייראַט מיט א געבילדעטע מיידעל, און זי האָט אים אויסגעלע־רענט שרייבען. זי האָט אים אויך געלערענט אַריפמעטיק. ער איז אַריינגעטראַטען אין א „דעבאַטאַנטען קלוב” און דאָרטען האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע פייאיגקייטען אלס רעד־נער. זיין פרוי פלעגט פאר אים פאָרלעזען ביכער, בשעת ער פלעגט זיצען און ארבייטען. דאָס איז געווען די גאַנצע בילדונג וואָס ער האָט באַקומען.

ער האָט אָבער פון קליינווייס אויף ליב געהאַט פּאָליטיק.

אין זיין נייער היים איז ער געוואָרען טעטיג אין פּאָליטיק אזוי שנעל ווי ער האָט זיך דאָרטען באזעצט. דזשאנסאָן איז געווען א געבוירענער פּאָליטיקער און רעדנער. צו צוואַנציג יאָר איז ער שוין אויסגעקליבען געווארען אלס אָלדערמאַן. ער איז געווען דער קאנדידאט פון די ארבייטער אין זיין שטעטעל. געגען אים איז געלאָפען א פאָרשטייער פון דער אריסטאָקראטיע, פון די שקלאפען־אייגענטימער. פון דעמאָלט אָן איז ער שנעל געשטיגען פּאָליטיש. ער איז געווען אָלדערמאַן און מעיאָר פון זיין שטעטעל. דערנאָך האָט ער דאָס שטעטעל פארטראָטען אין דער לע־דזשיסלייטשור פון זיין שטאָט. אין 1843 איז ער אויסגעקלי־בען געווארען קאָנגרעסמאן און האָט דעם אמט געהאלטען צען יאר. שפּעטער האָט ער געדינט צוויי טערמינען אלס גאָווערנאָר פון טענעסי. אין 1857 האָט טענעסי אים געשיקט אין יונייטעד סטייטס סענאַט. „דאָס איז געווען די איינציגע אויסנאָם, — שרייבט ראודס, — צו דעם כּלל וואס עס האָט געהערשט אין די שקלאָפען־שטאָטען, אז אַ מענש וואס ארבייט מיט די הענט טאָר אזא הויכען אָמט ניט פארנעמען". די איבעריגע סענאַ־טאָרען פון דער סאוט האָבען אויף אים געקוקט פון אויבען אראָפּ, ערשטענס, צוליב זיין אָרימער אָפּשטאַמונג, און צוויי־טענס, ווייל ער פלעגט זיך בארימען דערמיט וואָס ער איז אַן ארבייטער.

ווען די סאוט האָט זיך אָפּגעריסען איז דזשאנסאָן ארויסגע־טראטען שטארק פאר דער „יוניאן". זיין אייגענער שטאַט, טע־נעסי, האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קאָנפעדעראַציע. אָבער דזשאנסאָן איז געבליבען טריי די פאראייניגטע שטאַטען. כאָטש זיין שטאַט איז ארויס, איז ער געבליבען זיצען אין סענאַט. ער האָט דערקלערט, אז ווען ער וואָלט געווען פּרעזידענט, וואָלט ער ארעסטירט די פירער פון דער סאוט און זיי אויפגעהאנגען אלס פאררעטער. אין 1862, ווען די ארמיי פון דער נאָרט איז אריינגעדרונגען אין טענעסי און דעם שטאַט טיילווייז איינגענו־מען, האָט לינקאָלן געשיקט דזשאנסאָנ'ען אהין אלס מיליטער־רישען גאָווערנאָר. ער האָט דאָרט זיינע אויפגאבען און פליכטען



ענדרו דזשאָנסאָן.

דורכגעפירט מיט מוט און מיט פייאיגקייט. אין דער נאָרט איז ער געווארען זייער פּאָפּולער, און די סאוט האָט אים גע־האלטען פאר א פאררעטער.

ער איז געוועזען א שטרענג־ערענהאפטער מענש, א פליסיגער און געשיקטער רעדנער. ער איז אָבער אויך געוועזען א גרויסער עגאָאיסט. נאָך אין דער צייט ווען ער איז געוועזען מיליטערישער גאָווערנאָר האָט ער אָנגעהויבען צו שיכור'ען. צוליב זיין גרוי־סער פּאָפּולאריטעט אין דער נאָרט און אויך דערפאר וואס ער איז געוועזען א דעמאָקראַט, האָט אים לינקאָלנ'ס פּארטיי נאָמינירט פאר וויס־פּרעזידענט אין 1864. דורך אים האָט די פּארטיי געהאָפּט צו געווינען א סך שטימען צווישען בירגער וועלכע זיי־נען מיט לינקאָלנ'ען ניט געוועזען גאַנץ צופרידען. איצט האָט אים דער שיקזאל דערהויבען צום פּרעזידענט־אמט.

די ערשטע צייט נאָכדעם ווי דזשאנסאָן איז געווארען פּרע־זידענט האָט ער ארויסגעוויזען א שטארקע נייגונג צו דעם פּראָגראם פון די ראדיקאלע רעפּובליקאנער. די פירער פון דער פראקציע, סענאטאָר סאָמנער און דזשאָדזש טשייס, האָבען מיט אים געהאַט איינינגע געשפּרעכען און זיי האָבען ארויסגעטראגען דעם איינדרוק, אז ער איז ניט וויניגער ראדיקאל פון זיי. סאָמ־נער האָט נאָך א לאנגע געשפּרעך מיט דזשאנסאָנ'ען, ענדע מאָנאט אפּריל, געשריבען צו זיינעם א פריינד אזוי: „איך האָב מיט דזשאנסאָנ'ען גערעדט וועגען גערעכטיגקייט צו דער נעגער־ראַסע. ער האָט פאָלשטענדיג אונטערשטיצט מיין געדאנק. ער האָט מיר אפילו געזאָגט: צווישען אונז איז קיין אונטערשיד ניטאָ. ער האָט דערקלערט אז מען דארף זיך ניט איילען צוריק אריינצו־נעמען די שטאטען פון דער סאוט, אז מען דארף זיי א שטיק צייט האלטען אויף פּראָבע און אז דערווייל מוזען אלע לאָיאלע בירגער, אָן אונטערשיד פון קאָליר, באהאנדעלט ווערען ווי ביר־גער. און מוזען זיך גלייך באטייליגען אין דער ארבייט פון רע־קאָנסטרוקציע". ביי א קאָנפערענץ וואָס די ראדיקאלע רעפּובלי־קאנער האָבען אָפּגעהאלטען אין וואשינגטאָן דעם 12טען מאי, האָט סאָמנער באריכטעט, אז דזשאנסאָן שטייט פאר דעם פּרינ־

ציפ, אז דער נעגער אין דער סאוט מוז קריגען גלייכע שטימ־רעכט מיט די ווייסע.

אין די רעדעס וואס דזשאנסאן האט געהאלטען, די ערש־טע וואכען פון זיין אדמיניסטראציע, האט ער ווידערהאלט, אז די סאוט מוז באשטראפט ווערען. איינינע פון זיינע אויסדרוקען נעגען די „פאררעטער" זיינען געווען אזוי שטארק, אז די ראַ־דיקאלען האבען זיך געשראקען אז ער זאל ניט גיין צו ווייט, און זיי האבען געזוכט אים אביסעל איינצושטילען.

אָבער פון דעם ערשטען ביז'ן צווייטען מאנאט פון זיין אד־מיניסטראציע האט זיך דזשאנסאן פאליטיש געביטען. דעם 9טען מאי האט דער קאבינעט פארהאנדעלט די פראגע וועגען צוריק ארייננעמען נארט קאראליינא אלס א לאיאלען שטאט. לויט לינקאלנ'ס פלאן האט דער פראצעס פון צוריקארייננעמען געדארפט זיין אזא: די לאיאלע בירגער פון דעם שטאט האָ־בען געדארפט אויסקלייבען פארשטייער צו א קאנסטיטוציאנעלער קאנווענשאן. די קאנווענשאן האט געדארפט אננעמען א נייע שטאט־קאנסטיטוציע. דאן האט דער פרעזידענט דעם שטאט אנערקענט. איצט האט דער קאבינעט דיסקוטירט די פראגע צי נעגערס אין נארט קאראליינא זאלען האבען דאס רעכט צו שטי־מען פאר די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. דריי מיטגלידער פון קאבינעט האבען געהאלטען אז יא. די אנדערע דריי האבען דערקלערט, אז די פעדעראלע רעגירונג האט קיין רעכט ניט זיך צו מישען אין דער פראגע פון שטימרעכט, אז די פראגע גע־הערט צו די שטאט־רעגירונגען. דזשאנסאן האט קיין שטעלונג ניט גענומען. מר. טשייז, דער הויפט ריכטער פון סופרים־קארט, האט געגעבען זיין מיינונג, אז דער פרעזידענט האט א רעכט צו באפעלען אז די נעגער זאלען יא שטימען, ווייל אין אן אלטער קאנסטיטוציע פון נארט קאראליינא איז געשטאנען, אז פרייע נעגער מעגען שטימען. (די קאנסטיטוציע וואס נארט קאראליינא האט געהאט ביים אנהויב פון קריג האט די שטימ־רעכט פון פרייע נעגער צוגענומען.)

די צוויי גענעראלען פון דער נארט, וועלכע זיינען מיט זיי־

ערע ארמייען געשטאַנען אין נאָרט קאראָליינא, האָבען געגעבען זייער מיינונג אז עס איז געפערליך צו דערלויבען די נעגער צו שטימען. גענעראל שערמאן האָט דערקלערט, אז „אויב מען וועט געבען די נעגער דיזעלבע פּאָליטישע רעכט ווי די ווייסע וועט ווידער אויסברעכען א מלחמה".

סוף מאַי האָט דזשאַנסאָן ארויסגעגעבען צוויי פּראָקלאמאַציעס, וועלכע האָבען שרעקליך ענטוישט די ראַדיקאלע רעפּובליקאַנער. אין דער ערשטער פּראָקלאַמאַציע האָט ער געגעבען אַמנעסטיע צו אלע די וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דעם אויפשטאַנד פון דער סאוט (מיט דער אויסנאַם פון געוויסע מיליטערישע און ציווילע בעאַמטע פון דער קאָנפעדעראציע). ער האָט זיי אויך צוריקגעגעבען אלע זייערע רעכט אויף זייער אייגענטום, אויסער די שקלאַפען. ער האָט נאָר געפאָדערט זיי זאָלען שווערען טרייהייט צו די פאראייניגטע שטאַטען.

אין דער צווייטער פּראָקלאַמאַציע האָט ער דערקלערט, אז בלויז יענע בירגער פון נאָרט קאראָליינא זאלען האָבען דאָס רעכט צו שטימען פאר דעלעגאַטען צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן, וועלכע האָבען געהאַט שטימרעכט אין יענעם שטאַט אין אָנפאנג פון 1861, און אז די קאָנווענשאָן וואס וועט פארפאַסען די נייע קאָנסטיטוציע זאָל האָבען א רעכט צו באַשטימען וועלכע בירגער עס זאָלען דארטען שפּעטער האָבען שטימרעכט.

דזשאנסאָנ'ס איצטיגע פּאָליטיק איז געווען אומגעפער דיזעלבע ווי די וואָס לינקאָלן האָט פאר'ן טויט אויסגעארבייט. ער האָט געזוכט צו מאַכען וואָס וויינינגער שטערונגען פאר די רעוואָלטירטע שטאַטען צוריק צו ווערען „גוטשטייענד". אין יעדען שטאַט איז געווען א מיליטערישער גאָווערנאָר. אזוי שנעל ווי צען פּראָצענט פון דער צאָל וואָס האָבען געשטימט אין די וואַלען פאר דער מלחמה האָבען געשוואוירען טרייהייט צו דער פעדעראלער רעגירונג, האָט דער מיליטערישער גאָווערנאָר דערלויבט דעם שטאַט צו פארופען א קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן. בלויז די ווייסע בירגער האָבען געהאַט דאָס רעכט צו שטימען פאר דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאָן. די קאָנווענשאָן האָט גע-

מוזט אָננעמען דריי רעזאָלוציעס: ערשטענס, אז דער שטאַט איז טריי צו די פאראייניגטע שטאַטען; צווייטענס, אז שקלאַפעריי איז אין דעם שטאַט אָפּגעשאפט, דריטענס, אז דער שטאַט וועט ניט צאָלען די חובות פון דער קאָנפעדעראַציע. נאָכדעם ווי די קאָנווענשאָן האָט די דריי רעזאָלוציעס אָנגענומען האָט זי גע־מעגט פארפאסען א נייע קאָנסטיטוציע פאר דעם שטאַט. דער־מיט האָט זיך איר ארבייט געענדיגט. דערנאָך האָט דער שטאַט געקאָנט פונקציאָנירען אויף דעם געוויינליכען אופן, ווייל׳ען א גאָווערנאָר, א לעדזשיסלייטשור און אַנדערע בעאמטע.

בשעת דזשאנסאָן האָט פאָרמולירט דעם דאָזיגען פּלאַן איז דער קאָנגרעס אין וואשינגטאָן געווען געשלאָסען. די שטאַטען אין דער סאוט האָבען געפאָלגט דזשאנסאָנ׳ס באדינגונגען. זיי זיינען געווען העכסט צופרידען דאָס צו טאָן, ווייל זיי האָבען זיך געריכט ניט בלויז אויף פיל שטרענגערע באדינגונגען, נאָר אויך אויף א שטראָף־עקספּעדיציע. ביז דעצעמבער, ווען דער קאָנ־גרעס האָט זיך געעפענט, האָבען שוין כמעט אלע שטאַטען פון דער קאָנפעדעראציע געהאט זייערע אייגענע נייע קאָנסטיטוציעס און זייערע אייגענע שטאַט־רעגירונגען. זיי האָבען שוין דאָן אויך געהאט דערוויילט קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען צו דער נאַ־ציאָנאלער רעגירונג אין וואשינגטאָן.

דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט דעם 9טען דעצעמבער. די פירער פון די ראַדיקאלען, וועלכע האָבען דעם גאנצען זו־מער געהאלטען אין איין פּראָטעסטירען געגען דזשאנסאָנ׳ס האנד־לונגען, האָבען זיך ענדליך דערוואַרט אויף דער געלעגענהייט אָנצופאנגען געגען אים אן אָפענעם קאַמף. ביידע צווייגען פון קאָנגרעס זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די ראַ־דיקאלע פירער. אין רעפּרעזענטאַנטען־הויז איז דער הויפּט פי־רער געווען קאָנגרעסמאן טעדיוס סטיווענס, פון פּענסילווייניע, אין סענאַט זיינען געווען דריי פירער: טשארלעס סאָמנער פון מאַסאַטשוזעטס, לואיסאָן טראָמוועל פון אילינאָי און וויליאם פּע־סענדער פון מעין. אין דעם קאַמף וואס האָט זיך איצט פאַנאַנ־דערגעפלאקערט צווישען דעם פּרעזידענט און דעם קאָנגרעס האָבען

די פיר פערזענליכקייטען געשפּילט די פירענדיגע ראָל אויף דעם זייט פון קאָנגרעס.

די צוויי מערקווירדיגסטע און אינטערעסאַנטסטע צווישען די פירער זיינען געווען סטיווענס און סאָמנער. סענאַטאָר סאָמנער'ן האָבען מיר שוין באַגעגענט עטליכע מאָל פריער. ער איז אין סענאַט געזעסען נאָך איידער דער קריג האָט אויסגעבראָכען און האָט דאָרטען יארען לאַנג געפירט דעם קאמף געגען שקלאַפעריי. סטיווענס איז אויך באַוואוסט. געווען אלס א קעמפער געגען שקלאַ־פעריי. זיין בארימטען פּלאַץ אין דער אמעריקאנער געשיכטע האָט ער זיך אָבער דערווארבען ערשט אין די יארען פון קריג און נאָכ'ן קריג, ווען ער איז געזעסען אין רעפּרעזענטאַנטען־הויז און האָט דארטען פארטיידיגט די רעכט פון די נעגער. ווען ער איז אין קאָנגרעס אריין אין 1859 איז ער שוין געווען 67 יאָר אלט. ער איז דאָרט גלייך געווארען איינער פון די פירער. אין דער צייט פון מלחמה איז ער מיט לינקאָלנ'ס פּאָרזיכטיגקייט און טאקט געווען אומצופרידען. ער האָט אין אלגעמיין פון לינ־קאָלנ'ס פייאיגקייטען ווייניג געהאלטען. איבערהויפּט איז ער געווען אומצופרידען מיט לינקאָלנ'ס שטעלונג צו שקלאַפעריי. ער האָט געפאָדערט פרייהייט און רעכט פאר די נעגער אזוי שנעל ווי די מלחמה האָט אויסגעבראכען. סטיווענס איז געווען א שטארקער און א בייסיגער רעדנער. סאָמנער האָט איינמאָל וועגען אים געזאָגט: „קיינער האָט ניט געקענט זאגען מער מיט אזוי ווייניג ווערטער. קיינער האָט ניט געקענט אזוי בייסען מיט ווערטער. ער האָט זיך באנוצט מיט זיין צונג ווי מיט א בייטש און ווי צו יענעם אויף וועמען זיין בייטש איז געפאלען". ראודס זאָגט: „סטיווענס האָט געהאַט א טיפע סימפּאטיע צו ליידענדע. זיינע געפילען צום נעגער זיינען געקומען פון הארצען. ער האָט קיינמאָל ניט פארגעסען א פריינדליכע טאט און ער איז, פארקערט, אויך געווען א נוקם ונוטר".

דעם ערשטען טאָג ווען דער קאָנגרעס האָט זיך געעפענט האָט סטיווענס געהייסען דעם קלוירק פון רעפּרעזענטאַנטען־הויז ער זאָל אויף דער ליסטע פון די ניי־אויסגעקליבענע קאָנגרעסלייט

ניט ארויפשטעלען די נעמען פון די וואס זיינען אויסגעקליבען געווארען אין די שטאטען פון דער סאוט. די דעמאקראטישע קאנגרעסלייט האבען פראטעסטירט, אבער סטיווענס, וועלכער האט געהאט די רעפובליקאנער אונטער זיין קאנטראל (און די רעפובליקאנער האבען געהאט די מאיאריטעט), האט אפילו ניט דערלאזען די פראגע זאל דיסקוטירט ווערען. סטיווענס האט דאן פארגעשלאגען אז א קאמיטע פון נײן קאנגרעסלייט און זעקס סענאטארען זאלען אונטערזוכען די שטאטען פון דער קאנפע־דעראציע און באשטימען צי זיי זיינען בארעכטיגט צו שיקען פארשטייער אין קאנגרעס.

אן ענליכע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען אין סענאט. די פאראייניגטע קאמיטע איז באשטימט געווארען. סטיווענס איז געווארען דער פארזיצער פון דער קאמיטע פון דער „האוז" און פעסענדען דער פארזיצער פון דער קאמיטע פון סענאט. פע־סענדען איז אויך באשטימט געווארען אלס דער פארזיצער פון דער פאראייניגטער קאמיטע.

ראודס מאכט פאלגענדען סך הכל פון אלע אורזאכען וואס האבען געווירקט, אז דער קאנגרעס זאל ארויסטרעטען געגען דזשאנסאנ׳ס פראגראם: „ערשטענס, האט דער קאנגרעס גע־גלויבט אז דער פרעזידענט האט קיין רעכט ניט געהאט אליין, אן אים, צו באשטימען א פראגראם; צווייטענס, האט די סאוט געהאנדעלט אזוי ווי זי וואלט געשטעלט באדינגונגען און ניט אזוי ווי זי וואלט באדינגונגען אנגענומען; דריטענס, האבען די שטאטען אין דער סאוט איצט דורכגעפירט שווערע געזעצען געגען די באפרייטע נעגער, זיך אנטזאגט זיי צו געבען פאלשטענדיגע סאציאלע רעכט און זיי ניט געגעבען אפילו קיין באשרענקטע שטימרעכט; פערטענס, זיינע אין דער סאוט באגאנגען געווארען גרוילטאטען געגען די נעגער; פינפטענס, האט די באזיגטע סאוט איצט אפען ארויסעוויזען איר שנאה צו דער נארט; זעקס־טענס, האט די סאוט, און די דעמאקראטען אין דער נארט, בא־שטימט דעם פרעזידענט׳ס פראגראם.

אט די אלע זאכען האבען געווירקט, אין פארשידענע גרא־

דען, אז דער קאָנגרעס זאָל זיך אפּזאגען פון דזשאנסאָנ'ס פּראָ־גראם און אויסארבייטען אן אייגענע.

קארל שורץ, דער דייטשער פרייהייטס־קעמפּער, וועלכער איז געווען א גענעראל אין דעם בירגער קריג, האָט נאָך דער מלחמה געמאכט א רייזע איבער דער סאוט און האָט אריינגע־שיקט א באריכט צום פּרעזידענט. דער באריכט האָט באַשטע־טיגט דעם שטאנדפּונקט פון די ראדיקאלען. ער האָט געשריבען: „די סאוט פילט ניט אז זי האָט מיט'ן אויפשטאנד באגאנגען א פארברעכען. . . זי האָט זיך אונטערגעגעבען ווייל זי האָט גע־מוזט. איר טוט וויי וואָס שקלאפעריי איז אפּגעשאפט גע־ווארען. . . זי האָט אויפגעגעבען די האָפענונג צוריקאיינצופירען שקלאַפעריי, זי גלויבט אָבער אז צוואנגס־ארבייט איז ניט שקלאַ־פעריי און אז זי וועט מיט דער צייט קענען ווידער איינפירען צוואנגס־ארבייט אין א געוויסער פאָרם און אז דערמיט וועט זי ניט פארלעצען איר פארפליכטונג אפּצושאפען שקלאפעריי." שורץ האָט ווייטער אָנגעוויזען, אז עס איז נויטיג צו געבען דעם נעגער שטימרעכט אלס א כלי־זין זיך צו באשיצען געגען די ווייסע, גע־גען זיינע פריעדיגע אייגענטימער. „אזוי ווי די סאוט איז אָבער אבסאָלוט געגען געבען דעם נעגער שטימרעכט, שרייבט שורץ, איז דאָ איין וועג ווי אזוי צו צווינגען דאָס צו טאָן — ניט אריינצונעמען די שטאטען צוריק אין דער „יוניאָן" ביז זיי וועלען געבען דעם נעגער שטימרעכט".

צווישען די נייע געזעצען וואָס די שטאטען פון דער סאוט האָבען איצט דורכגעפירט האָבען זיך געפונען די פאלגענדע. א נעגער טאָר ניט זיין אין א דזשורי; ער טאָר ניט דינען אין דער מיליץ, ער טאָר ניט שטימען, טאָר ניט האלטען קיין רע־גירונגס־אַמט, ער טאָר ניט אויפטרעטען אלס עדות געגען א ווייסען. פאר איין און דעמזעלבען פארברעכען האָט דער נע־גער געדארפט באקומען א שווערערע שטראָף ווי א ווייסער. פאר אָנגרייפען א ווייסע פרוי איז א נעגער באשטראָפט געווארען מיט טויט, אָבער א ווייסער בלויז מיט תפיסה. נעגער האָבען ניט געטאָרט האָבען קיין פארזאמלונגען, האָבען ניט געטאָרט

טראָגען קיין וואפען זיך צו פארטיידיגען. ווען מען האָט געכאפּט א נעגער ארומוואנדערען, אהיימלאָזען, איז ער פארקויפט גע־ווארען אויף א טערמין צו ארבייטען פאר א ווייסען באלעבאָס.

די פאָרשטייער פון דער סאוט האָבען פארטיידיגט די גרויזאמע געזעצען געגען די פרייע נעגער דערמיט, וואס די נעגער זיינען געווען „אומגעבילדעט און אומציוויליזירט". די ווייסע אין דער סאוט האָבען, הייסט עס, מורא געהאט צו געבען פריי־הייטען און רעכט צו די נעגער טאָמער וועלען זיי שלעכט אויס־נוצען די דאָזיגע פרייהייטען און רעכט. מען מוז די נעגער האל־טען אין מורא, ווען ניט וועלען זיי אונז טעראָריזירען, האָבען זיי גע'טענה'ט. דאָך האָבען די זעלבע פאָרשטייער פון דער סאוט צוגעגעבען, אז אין פארלויף פון דער מלחמה האָבען די נעגער זיי טריי געדינט. א סך פלאנטאציעס וואלטען געווען צו גרונד געגאנגען ווען ניט די נעגער־שקלאפען. אויף די פלאנטאציעס זיינען קיין ווייסע מענער ניט געווען. די נעגער־שקלאפען האָבען אכטונג געגעבען אויף די פרויען און קינדער און אויף דער באַ־לעבאטישקייט. דעמאָלט האָבען זיי זייערע מעגליכקייטען ניט אויסגענוצט צום שלעכטען. דעמאָלט האָבען זיי ניט געהאנדעלט ווי ווילדע, אומציוויליזירטע מענשען. די ווייסע האָבען צו זיי געהאט צוטרוי און זיך ניט געשראקען זיי צו געבען פליכטען און פאראנטוואָרטליכקייטען.

די ערשטע גרויסע באָמבע וואָס האָט געפּלאצט אין דעם רעם קאמף צווישען דזשאנסאָן און זיינע געגנער אין קאָנגרעס איז געווען א רעדע וואס דזשאנסאָן האָט געהאלטען פאר אן עולם אין „ווייסען הויז" אין וואשינגטאָנ'ס געבורטסטאָג, פעב־רואר 22, 1866. די רעדע איז געווען א ברוטאלע אטאקע אויף זיינע געגנער. ער האָט זיי באשולדיגט אין פארראט צום לאנד און האָט ערקלערט, אז זיי פירען אָן א פארשווערונג אים צו דער־מאָרדען אויפ'ן זעלבען אופן ווי לינקאָלן איז דערמאָרדעט גע־וואָרען. אָט זיינען איינינע שטעלען פון זיין רעדע.

„איך באטראכט די מענשען אלס געגנער פון די גרונד־פּרינציפּען פון אונזער רעגירונג. . . די מענשען זיינען טעדיוס

סטיווענס, טשארלס סאָמנער און ווענדעל פּיליפּס. . . איך האָב פאַרנומען א סך פאַרשידענע עמטער אין דער רעגירונג . . . אימיצער הינטער מיר זאָגט, אז איך בין געווען א שניידער. דאָס אַרט מיך ניט א האָר. ווען איך בין געווען א שניידער האָב איך געמאַכט גוטע ארבייט, איך בין ניט געווען קיין טאַנדעטניק. . . מען גיט אָנצוהערעניש אין געוויסע הויכע קרייזען, אז מען דאַרף מיך אָפּראַמען פון וועג. זיינען יענע מענשען, וואָס ווילען פאַרניכטען אונזערע אינסטיטוציעס און ענדערען דעם כאַ-



סענאַטאָר טשאַרלס סאָמנער.

ראַקטער פון אונזער רעגירונג, ניט צופרידען מיט'ן בלוט וואָס איז שוין פאַרגאָסען געוואָרען? איז פאַר זיי איין מאַרטירער ניט גענוג? האָט דאָס בלוט פון לינקאָלן ניט באַפרידיגט די נקמה און דעם צאָרן פון די געגנער פון אונזער רעגירונג? איך האָב פאַר מערדער קיין מורא ניט!"

עטליכע וואָכען נאָך דער רעדע איז פאָרגעקומען דער ערשטער גרויסער צוזאַמענשטויס צווישען דזשאנסאָן און די ראַדיקאַלען אין קאָנגרעס. דער קאמף איז געווען איבער א ביל וואס סענאַטאָר טראָמבאל האָט אריינגעטראַגען. דער ביל האָט גע-

זוכט צו באשיצען די נעגער פון דער סאוט געגען די אויסנאמס־נעזעצען און געגען די אונגערעכטיגקייטען וואס זיינען דארט גע־גען זיי באגאנגען געווארען. דער ביל האט פארגעשריבען, אז אלע בירגער מוזען אין אלע שטאטען האבען גלייכע רעכט, אז דאס געזעץ מוז זיך צו אלע בירגער באציען גלייך, אז די שטראף פאר א פארברעכען מוז זיין פאר אלעמען גלייך, און אזוי ווייטער.

ווען טראמבאל האט דעם ביל פארגעלייגט פאר'ן סענאט האט ער געהאלטען דערביי א זייער שטארקע רעדע. ער האט געזאגט. „מיר האבען געגעבען דעם נעגער פרייהייט. וואס פאר א באדייטונג אבער האט די פרייהייט, אז די שטאטען פון דער סאוט נעמען פון אים אוועק די רעכט וואס זיינען אבסאלוט נויטיג פאר פרייהייט? . . . עס איז שווער צו ציען א ליניע וואו פרייהייט הערט אויף און שקלאפעריי הויבט זיך אן. אבער א געזעץ וואס דערלויבט ניט א נעגער צו גיין פון איין פלאץ אין א צווייטען, א געזעץ וואס דערלויבט אים ניט צו באזיצען אייגענטום, צו זיין א לערער אדער א גלח — אזוינע געזעצען זיינען זיכער א פארגוואלטונג פון די רעכט פון פרייע מענ־שען."

ביידע צווייגען פון קאנגרעס האבען דעם ביל אנגענומען מיט ריזיגע מאיאריטעטען. קיינער האט ניט געצווייפעלט אז דזשאנסאן וועט אים אונטערשרייבען. ער האט עס אבער ניט געטאן. דעם 27טען מערץ האט ער דעם ביל צוריקגעוויזען, אנ־געבענדיג צוויי הויפט אורזאכען: ערשטענס, האבען עלף שטא־טען ניט געהאט די מעגליכקייטען איבער אים צו שטימען (דאס זיינען געווען די עלף שטאטען פון דער סאוט, וועמעס פאר־שטייער די ראדיקאלען האבען ניט אריינגעלאזען אין קאנגרעס). צווייטענס, טאר זיך די נאציאנאלע רעגירונג ניט מישען אין אזעלכע פראגען. די פראגען געהערען צו די שטאט־רעגי־רונגען.

די פראגע איז איצט געווען, צי וועט דער קאנגרעס אננעמען דעם ביל איבער דזשאנסאנ'ס וועטא? פאר דעם איז נויטיג

געוועזען א מאַיאָריטעט פון צוויי דריטעל אין יעדען צווייג פון קאָנגרעס. ביי דער ערשטער אָפּשטימונג האָבען מער ווי צוויי דריטעל געשטימט פאר דעם ביל. דעמאָלט אָבער האָט מען גע־דענקט אז דזשאנסאָן וועט ניט זיין געגען. איצטער אז מען האָט געוואוסט דזשאנסאָנ׳ס געגנערישע שטעלונג, איז שטימען פאר׳ן ביל האָט געהייסען ארויסצוטרעטען געגען דעם פּרעזידענט. וועלען צוויי דריטעל פון ביידע צווייגען פון קאָנגרעס האָבען דעם מוט צו טאָן?

וועגען דער „האוז" איז קיין צווייפעל ניט געווען. דאָרטען האָט דער ראַדיקאַלער פירער סטיווענס געהאַט א פאָלשטענדיגע

גענעראַל בענדזשאַמין באָטלער.

קאָנטראָל. ניט זיכער איז מען אָבער געווען מיט׳ן סענאַט. דעם 6טען אַפּריל איז דער ביל דאָרט גענומען געוואָרען צו אפּשטי־מונג. א היבשע צאָל פון די סענאַטאָרען האָבען זיך איבערגע־קוליעט און געשטימט געגען דעם ביל. דאָך זיינען געבליבען גע־נוג שטימען כדי איבערצוּוואַרפען דעם פּרעזידענט׳ס וועטאָ: 33 האָבען געשטימט פאר איהם און 15 געגען. אין דער „האוז" האָבען 122 געשטימט פאר און 41 געגען.

ראודס שרייבט: „דאָס וואָס דער ביל איז אָנגענומען גע־וואָרען געגען דעם פּרעזידענט׳ס וועטאָ איז געווען א העכסט וויכ־טיגע דערשיינונג, ניט נאָר דערפאר וואס דאָס האָט געמאכט

פאלשטענדיג דעם ריס צווישען דעם פרעזידענט און דעם קאנגרעס, נאר אויך דערפאר וואס דאס האט געעפענט א נייעם קאפיטעל אין רעגירונגס־פראקטיק. דאס איז געוועזן דאס ערשטע מאל וואס דער קאנגרעס האט אין א וויכטיגער פראגע נידערגעשטימט א וועטא פון דעם פרעזידענט".

אין מאי האבעןביידע צווייגען פון קאנגרעס אנגענומען מיט די נויטיגע מאיאריטעטען פון צוויי דריטעל שטימען דעם פערצענטען אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע. אין דעם אמענדמענט זיינען דא צוויי וויכטיגע פונקטען. דער ערשטער פונקט איז אייגענטליך דער זעלבער וואס איז פארגעשריבען געווארען פון דעם אויבענדערמאנטען געזעץ פון סענאטאר טראמבאל, דאס געזעץ צו באשיצען דעם נעגער'ס סאציאלע רעכט. פריער האט דער קאנגרעס דאס אנגענומען אלס געוויינליכען געזעץ. איצט האט ער עס אריינגעשריבען אין דער קאנסטיטוציע.

דער צווייטער פונקט פון דעם פערצענטען אמענדמענט באציט זיך אויף דער פראגע פון שטימרעכט פאר די נעגער. עס ווערט אין דעם פונקט ניט געזאגט קיין ווארט וועגען נעגער אדער זיין שטימרעכט. דאך גיט ער אן ענטפער אויף דער ברענענדער פראגע. דער ענטפער איז א מין פשרה צווישען דעם שטאנדפונקט פון די ראדיקאלע רעפובליקאנער, וועלכע האבען געפאדערט אז די נאציאנאלע רעגירונג זאל צווינגען די סאוט צו געבען שטימרעכט צו די נעגער, און דעם שטאנדפונקט פון פרעזידענט דזשאנסאן, וועלכער האט ערקלערט אז די פראגע פון נעגער־שטימרעכט זאל איבערגעלאזען ווערען צו די שטאט־רעגירונגען פון דער סאוט צו באשטימען.

דער פונקט אין דעם פערצענטען אמענדמענט זאגט אומגעפער אזוי: אויב א שטאט נעמט אוועק דאס שטימרעכט פון א טייל פון אירע בירגער דאן זאל די פארטרעטערשאפט פון יענעם שטאט אין קאנגרעס פארקלענערט ווערען פראפארציאנעל צו דער צאל פון רעכטלאזע בירגער. מיט דעם דאזיגען פונקט איז די ברירה איבערגעלאזען געווארען צו יעדען שטאט פון דער סאוט, ענטווועדער צו דערלויבען זיינע נעגער צו שטימען אדער צו

פּארלירען א טייל פון זיינע קאָנגרעסלייט אין וואשינגטאָן. פאר געוויסע שטאַטען אין דער סאוט איז דאָס דאָזיגע פּראָבלעם געווען שווער צו אַנטשיידען אין סאוט קאראָליינא, צום ביישפּיל, זיינען געווען מער נעגער ווי ווייסע. אויב זי וואָלט דערלויבט די נעגער צו שטימען וואָלט זי געווען בארעכטיגט צו פינף קאָנ־גרעסלייט; ווען זי וואָלט זיי ניט דערלויבט, דאן וואלט זי גע־ווען באַרעכטיגט צו בלויז צוויי קאָנגרעסלייט.

מיט דעם דאָזיגען פּונקט אין דעם אַמענדמענט האָבען די רע־פּובליקאנער אין זינען געהאַט ניט בלויז צו געווינען גערעכטיג־קייט פאר די נעגער, נאָר אויך צו פארזיכערען זייער אייגענע פּאָליטישע מאכט. די רעפּובליקאנער האָבען מורא געהאַט, אז ווען די שטאַטען פון דער סאוט וועלען צוריק אריין אין דער רע־גירונג און זיי וועלען שיקען זייערע פארטרעטער אין קאָנגרעס וועלען זיי צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטען אין דער נאָרט האָבען די מאַיאריטעט. כדי דאָס צו פאַרמיידען האָבען זיי מיט דעם פּונקט געוואָלט מיטברענגען ענטוועדער אז א טייל פון די פאר־טרעטער פון דער סאוט (די נעגער פאָרשטייער) זאָלען זיין רע־פּובליקאַנער, אָדער אַז די צאָל פאָרשטייער פון דער סאוט זאָל אזוי געשניטען ווערען אַז זיי זאָלען אפילו צוזאמען מיט די דע־מאָקראַטען פון דער נאָרט ניט האָבען קיין מאַיאריטעט.

די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער זיינען מיט דער פּשרה ניט געווען צופרידען. פון אָנפאַנג האָבען זיי געשטימט געגען איר. שפּעטער אָבער האָבען זיי איינגעזען אז זיי קענען קיין בעסערס ניט קריגען און זיי האָבען געשטימט פאַר. דער פּערצענטער אַמענדמענט איז אנגענומען געווארען מיט צוויי דריטעל מאַיאַ־ריטעט אין קאָנגרעס. און עס איז פארשטאַנען געווארען, אז קיינער פון די שטאַטען אין דער סאוט וועט ניט אריינגענומען ווערען צוריק אין דער „יוניאַן" סיידען ער וועט פריער גוט־הייסען דעם פערצענטען אַמענדמענט.

דזשאַנסאָן איז ארויסגעטראַטען געגען דעם אַמענדמענט. ער האָט דערקלערט, אַז דער קאָנגרעס טאָר ניט מאַכען קיינע אַמענד־מענטס צו דער קאָנסטיטוציע איידער ער נעמט ניט אריין צוריק

די שטאטען פון דער סאוט. דעם פרעזידענט'ס ארויסטריט האט ניט געהאט קיין גרעזעצליכע באדייטונג, ווייל צוויי־דריטעל פון קאנגרעס האבען געשטימט פאר דעם אמענדמענט. דער ארויס־טריט האט נאר געווירקט שארפער צו מאכען די פיינדליכע שטי־מונג צווישען דעם פרעזידענט און דעם קאנגרעס.

סוף יוני, 1866, איז אין ניו ארליענס פארגעקומען א שחיטה אויף נעגער און זייערע ווייסע פריינט: 37 נעגערס און 3 ווייסע זיינען גע'הרג'עט געווארען; 119 נעגער און 17 ווייסע זיינען פארוואונדעט געווארען. דעם פאגראם אויף די נע־גער האט געמאכט די פאליציי פון דער שטאט. די נעגער האָ־בען זיך פארזינדיגט דערמיט וואס זיי האבען געמאכט א דע־מאנסטראציע און געפאדערט שטימרעכט. די פאליציי איז באשטאנען כמעט דורכאויס פון געוועזענע סאלדאטען פון דער קאנפעדעראציע און זיי האבען איצט אויסגעגאסען זייער צארן אויף די באפרייטע נעגער. גענעראל שערידאן האט וועגען דער פאסירונג געמאלדען דאס פאלגענדע: „דאס איז ניט געווען קיין ראיאט נאר א שחיטה פון דער פאליציי. . . דער מעיאר און די פאליציי זיינען באגאנגען א מאסען־מארד אן דער מינדסטער אורזאך". די בלוטיגע פאסירונג האט פארשטארקט די אי־בערצייגונג אין דער נארט, אז די נעגער טארען ניט איבערגעלאזען ווערען אויף הפקר אין די שטאטען וואו עס האט פריער גע־הערשט שקלאפעריי.

אין דעם וואל־קאמף פאר קאנגרעס אין 1866 האט זיך דער פרעזידענט פארמאסטען אין כוחות מיט זיינע רעפובלי־קאנער געגנער. ער האט געמאכט א רייזע איבער דער נארט און געהאלטען גיפטיגע רעדעס געגען די רעפובליקאנער. זיינע פארזאמלונגען זיינען געווען שטורעמדיגע. ער האט אינגאנצען פארגעסען זיין הויכען אמט, זיין כבוד און האט זיך געזידעלט ווי א מארק אידענע. דער עולם האט אים אויך געענטפערט מיט זידעל־ווערטער. איבעראל וואו ער איז געקומען ריידען האט מען צו אים פון עולם געשריען: „וואס איז וועגען ניו ארליענס?" „וואס איז מכוח דער שחיטה אויף די נעגער?" די צייטונגען

האָבען פון אים חוזק געמאַכט. די ערנסטערע שרייבער האָבען פּראָטעסטירט פאַרוואָס ער האָט זיין אמט אזוי פאַרביליגט, אזוי דערנידעריגט. „דזשאנסאָן האָט דאָס „ווייסע הויז” פאַרוואַנדעלט אין א שענק,” האָט איינער געשריבען. דאָס איז געווען אויך אן אָנצוהערעניש אויף דעם, וואס דזשאנסאָן האָט זייער פיל געטרונקען. איינינגע פון זיינע שאַרפסטע זידעל־רעדעס האָט ער געהאַלטען ווען ער איז געווען שיכור.

דער רעזולטאַט פון די וואַלען איז געווען א מפּלה פאַר דזשאנסאָנ’ען. די רעפּובליקאַנער האָבען געהאַט א גרויסען זיג. אין קאָנגרעס זיינען דעמאָלט אריין: אין סענאַט, 42 רעפּובליקאַנער און 11 דעמאָקראַטען; אין דער „האוז”, 143 רעפּובליקאַנער און 49 דעמאָקראַטען. די וואַלען האָבען געוויזען אז די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג אין דער נאָרט האָט געהאַלטען מיט’ן קאָנגרעס אין זיין קאַמף געגען דעם פּרעזידענט.

די מפּלה האָט אָבער אויף דזשאנסאָנ’ען קיין ווירקונג ניט געהאַט. די סאוט האָט דערפון אויך גאָרניט געלערענט. אין דעצעמבער האָבען אלע שטאַטען פון דער סאוט צוריקגעוויזען דעם 14טען אמענדמענט. צוויי שטאַטען זיינען פון אָנפאַנג געווען געניינגט דעם אמענדמענט גוטצוהייסען, אָבער פּרעזידענט דזשאנסאָן האָט זיי געראַטען דאָס ניט צו טאָן און אזוי ווי די סאוט האָט באַטראַכט דזשאנסאָנ’ען פאַר איר פּרעזידענט האָבען אויך די צוויי שטאַטען אים געפאָלגט.

אָט דער ווידערשטאַנד פון דער סאוט האָט געשטאַרקט די הענט פון די עקסטרעם „לינקע” רעפּובליקאַנער אין קאָנגרעס, פון וועלכע סטיווענס און סאָמנער זיינען געווען די פירער. אין מערץ, 1867, האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען סטיווענס’עס פּראָגראַם פאַר רעקאָנסטרוקציע. דער פּלאַן איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע פּונקטען:

1. אז אלע שטאַטען אין דער סאוט זאָלען געשטעלט ווערען אונטער א מיליטערישער אויפזיכט צו באַשיצען די נעגער וואס וואוינען דאָרטען.

2. אז יעדער שטאט זאל ווילען דעלעגאטען צו א קאנסטי־טוציאנעלער קאנווענשאן און די נעגער זאלען האבען גלייכע שטימרעכט מיט די ווייסע ביי די וואלען.

3. אז אין דער נייער קאנסטיטוציע וואס די קאנווענשאן וועט פארפאסען זאל אריינגעשריבען ווערען א פונקט וואס זאל אויף שטענדיג געבען די נעגער גלייכע שטימרעכט מיט די ווייסע.

4. אז די לעדזשיסלייטשור זאל גוט הייסען דעם פער־צענטען אמענדמענט.

דער שטאט וואס וועט די אלע באדינגונגען נאכקומען וועט פון קאנגרעס צוריק אריינגענומען ווערען אלס א מיטגליד פון די פאראייניגטע שטאטען.

עס פארשטייט זיך, אז פרעזידענט דזשאנסאן האט דעם ביל צוריקגעוויזען. דער קאנגרעס האט אבער מיט א מאיאריטעט פון צוויי־דריטעל דאס געזעץ דורכגעפירט געגען דעם פרעזי־דענט׳ס וועטא.

דער קאנגרעס האט איצט געהאט די אויבערהאנט. דער פרעזידענט האט געטאן אלץ וואס איז מעגליך געווען צו שטערען אין דער פראקטישער דורכפירונג פון דעם פראגראם וואס דער קאנגרעס האט אויסגעארבייט. ער האט, צום ביישפיל, ארויס־געזעצט געוויסע גענעראלען אין די שטאטען פון דער סאוט, ווייל זיי זיינען געווען צו „שטרענג" מיט דער ווייסער באפעל־קערונג און צו פריינדליך צו די נעגער. ער האט ארויסגעזעצט דעם קריגס־מיניסטער סטענטאן, וועלכער איז געווען א ראדי־קאלער רעפובליקאנער און האט געהאלטען מיט׳ן קאנגרעס. אבער די שטערונגען האבען סוף־כל־סוף ניט אפגעשטעלט די דורכ־פירונג פון דעם פראגראם. די מיליטערישע בעאמטע האבען אריינגענומען די שטאט־רעגירונגען פון דער סאוט אין זייערע הענט. זיי האבען דורכגעפירט א רעגיסטראציע פון אלע ביר־גער. אלע נעגער זיינען ארויף אויף׳ן צעטעל פון שטימבארעכ־טיגטע בירגער. פון די ווייסע זיינען, פארקערט, א סך צוריק־געוויזען געווארען פאר זייער טעטיגקייט אין דעם אויפשטאנד. דאן האבען די רעגיסטרירטע בירגער געשטימט איבער דער

פראגע צי א קאָנסטיטוציאָנעלע קאָנווענשאָן זאָל פאררופען ווערען. דערנאָך האָבען די בירגער אויסגעקליבען דעלעגאטען צו דער קאָנווענשאָן. נעגער האָבען ניט נאָר געשטימט פאר דעלעגאטען נאָר זיי זיינען אויך אַליין געלאָפען אלס דעלעגאַטען און א סך פון זיי זיינען אויסגעקליבען געווארען. אין סאוט קאראָליינא האָבען די נעגער געהאַט 76 דעלעגאטען און די ווייסע בלויז 48. אין די איבעריגע שטאטען זיינען די ווייסע געווען אין א מאיאריטעט אָבער די נעגער האָבען אויך געהאַט א היבשע פארטרעטערשאפט. אין ווירדזשיניא זיינען געווען 80 ווייסע און 25 נעגער; אין פלאָרידא, 28 ווייסע און 18 נעגער; אין דזשאָרדזשיא, 133 ווייסע און 33 נעגער, און אזוי ווייטער.

אין אַלע קאָנסטיטוציעס וואָס די קאָנווענשאָנס האָבען אָנגענוּמען איז איינגעשריבען געווארען א פונקט, אז די נעגער מוזען האָבען גלייכע שטימרעכט מיט די ווייסע. אין די מערסטע פון די קאָנסטיטוציעס זיינען ארייגעשריבען געווארען פונקטען וועלכע האָבען אוועקגענומען דאָס רעכט פון שטימען פון געוויסע גרופען ווייסע בירגער, וועלכע זיינען געווען אקטיוו אין דעם בירגער־קריג אדער אזעלכע, וואס זייער לאָיאַליטעט איז איצט געשטאנען אונטער פראגע צייכען.

אין פעברואר, 1868, האָט דער קאמף צווישען דעם פּרעזידענט און דעם קאָנגרעס דערגרייכט אזא מדרגה, אז דער קאָנגרעס האָט געמאכט א פארזוך דעם פּרעזידענט אראָפּצוזעצען פון זיין אמט. לויט דער קאָנסטיטוציע קען דער פּרעזידענט אראָפּגעזעצט ווערען בלויז דעמאָלט ווען ער באגייט א פאַרברעכען נעגען די געזעצען פון לאַנד. אויב דאָס פּאסירט, דאַרף די „האוז" באשליסען אָנצוקלאָגען דעם פּרעזידענט. די „האוז" באשטימט דאַן א קאָמיטע וואָס זאָל די קלאגען פאָרמולירען און זיי פאָרלייגען פאר דעם סענאַט. דער סענאַט ווערט פאַרוואַנדעלט אין א געריכט. אַלס פאָרזיצער פון סענאַט אין פאַרלויף פון דעם פּראָצעס זיצט דער הויפּט ריכטער פון סופרים קאורט. די קאָמיטע פון דער „האוז" איז דער פּראָקוראָר. דער

פרעזידענט קען זיך פאַרטיידיגען דורך אַדוואָקאַטען. דער סענאַט הערט אויס ביידע צדדים און דערנאָך שטימען די סענאַטאָרען צי ער איז שולדיג צי ניט. אויב צוויי־דריטעל פון די סענאַטאָרען שטימען אז ער איז שולדיג ווערט דער פרעזידענט ארונטערגעזעצט. (די פּראָצעדורע פון ברענגען קלאַגען געגען אַ בעאמטען כדי אים אראָפּצוזעצען פון זיין אַמט רופט זיך „אימפּיטשען").

וועגען „אימפּיטשען" דעם פּרעזידענט האָבען די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער אין קאָנגרעס געטראַכט שוין פריער. זיי האָבען אָבער ניט געפונען דעם געזעצליכען מיטעל דאָס צו טאָן. איצט האָבען זיי ענדליך אַזאַ מיטעל געפונען.

דאָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דעם צוזאַמענשטויס צווישען דזשאַנסאָנ'ען און סטענטאָנ'ען. דזשאַנסאָן האָט אַראָפּגעזעצט סטענטאָנ'ען פון זיין אַמט אַלס קריגס־מיניסטער און באַשטימט אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ. דער קאָנגרעס האָט די טאַט פון פּרעזידענט באַטראַכט אַלס אומגעזעצליך. און אָט פאַרוואָס: אין מערץ, 1867, האָט דער קאָנגרעס דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז דער פּרעזידענט טאָר ניט אַראָפּזעצען אַ בעאַמטען אָן דער דערלויבעניש פון סענאַט. דאָס געזעץ איז לכתחילה דורכגעפירט געוואָרען טאַקע דערפאַר וואָס די ראַדיקאַלע רעפּובליקאַנער האָבען מורא געהאַט, אַז דזשאַנסאָן וועט אַרויסזעצען סטענטאָנ'ען פון קאַבינעט, און סטענטאָן איז פאַר זיי וויכטיג געווען. סטענטאָן אַלס קריגס־מיניסטער האָט געהאַט די אויפזיכט אויף די מיליטערישע בעאַמטע אין דער סאַוט. ער האָט געדאַרפט אַכטונג געבען, אַז די מיליטערישע בעאַמטע זאָלען דאָרט ריכטיג דורכפירען דאָס פּראָגראַם פון קאָנגרעס. אויף סטענטאָנ'ען האָט זיך דער קאָנגרעס געקענט פאַרלאָזען ווייל ער איז אַליין געווען אַ ראַדיקאַלער רעפּובליקאַנער.

דזשאַנסאָן האָט דעם ביל צוריקגעוויזען אָבער דער קאָנגרעס האָט אים דורכגעפירט איבער זיין וועטאָ מיט דער נויטיגער מאַיאָריטעט פון צוויי דריטעל. דאַן האָט דזשאַנסאָן דערקלערט, אַז דאָס געזעץ איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל. אויף דעם

גרונד פון דער טענה האָט ער זיך שפּעטער גענומען דאָס רעכט סטענטאָנ׳ען אראָפּצוזעצען.

סטענטאָן האָט זיך אַנטזאָגט צו פאַרלאָזען דעם אמט. ער האָט זיך באַשעפטיגט אין זיין ביוראָ און איז פון דאָרט ניט ארויס. זיינע פריינט האָבען אים געבראַכט עסען און ער איז דאָרט געשלאָפען. . . דזשאָנסאָן האָט ניט באַנוצט קיין מאַכט סטענטאָנ׳ען ארויסצוטרייבען. ער האָט אָבער דערקלערט, אז סטענטאָן איז ניט מער קריגס־מיניסטער.

אָט פאַר דער האַנדלונג דזשאָנסאָנ׳ס האָט דער קאָנגרעס איצט באַשלאָסען אים צו „אימפּיטשען“. דעם 24טען פעב־רואר, 1868, האָט די „האוז“ אָנגענומען אַ רעזאָלוציע: „אז ענדרו דזשאָנסאָן, פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, זאָל „אימפּיטשט“ ווערען פאַר באַגיין אַ פאַרברעכען און פאַר טאָן ניט געזעצליכע זאַכען“. אַ קאָמיטע פון זיבען איז באַ־שטימט געוואָרען פאָרצולייגען די קלאַגען פאַר׳ן סענאַט. דער וויכטיגסטער מיטגליד פון דער קאָמיטע איז געווען טעדיוס סטי־ווענס. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען אַלט און קראַנק איז די פירערשאַפט פון דער קאָמיטע איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ צווייטען קאָמיטע־מאַן, דעם געוועזענעם גענעראַל בענדזשאַמין באַטלער.

דער פּראָצעס אין סענאַט האָט זיך אָנגעהויבען דעם 4טען מערץ. דאָס גאַנצע לאַנד איז אין דעם פּראָצעס געווען טיף פאַראינטערעסירט. אין דער נאָרט איז די שטימונג געווען כמעט איינגאַנצען נעגען פּרעזידענט. דזשאָנסאָנ׳ס פאַרטיידיגער זיינען געווען די גרעסטע אַדוואָקאַטען אין לאַנד. דער פּראָצעס גופא איז ניט געווען ניט איינדרוקספול און ניט אינטערעסאַנט. דער־פאַר אָבער זיינען די שלום־רעדעס פון ביידע צדדים געווען מייסטערווערק אי פון דעם שטאַנדפּונקט פון לאָגיק אי פון דעם שטאַנדפּונקט פון רעדנער. די קאָנגרעס קאָמיטע און דזשאָנ־סאָנ׳ס אַדוואָקאַטען האָבען גערעדט דריי טעג נאָכאַנאַנד. די שטאַרקסטע רעדע פאַר דער אָנקלאַגע האָט געהאַלטען סטיווענס. ער האָט אָבער קיין כוח ניט געהאַט זיין רעדע אַליין פאָרצו־

לעזען און ער האט געבעטען באטלער׳ן ער זאל עס טאן פאר אים. „עס איז מעגליך, שרייבט ראודס, אז ווען סטיווענס וואלט געהאט מער כוח יענעם טאג, וואלט דער רעזולטאט פון דעם פראצעס געווען אן אנדערער״.

ביי דער אפשטימונג האבען 35 סענאטארען געשטימט „שולדיג״ און 19 „ניט שולדיג״. עס האט געפעלט בלויז איין שטימע צו די נויטיגע צוויי־דריטעל כדי דזשאנסאן׳ען צו פאר־משפט׳ען. אלע דעמאקראטען האבען געשטימט פאר דזשאנ־סאנ׳ען און איינינע רעפובליקאנער האבען זיך אנגעשלאסען אן די דעמאקראטען.

אין דער צייט וואס אין וואשינגטאן האט זיך געררודערט מיט דעם פארזוך ארונטערצוזעצען דעם פרעזידענט, האבען די קאנסטיטוציאנעלע קאנווענשאנס פון די שטאטען אין דער סאוט פארטגעזעצט זייער ארבייט. איצטער זיינען די נייע קאנסטי־טוציעס פון די שטאטען איבערגעגעבען געווארען צו די בירגער צום אפשטימען. די קאנסערוואטיווע ווייסע האבען אנגע־פירט א שטארקע פראפאגאנדע אז די קאנסטיטוציעס זאלען צו־ריקגעוויזען ווערען. זייער הויפט טענה איז געווען וואס די קאנ־סטיטוציעס גיבען די נעגער דיזעלבע פאליטישע און סאציאלע רעכט ווי די ווייסע. די פראפאגאנדע האט אבער ניט געהאל־פען. די נעגער האבען כמעט איינשטימיג געשטימט פאר די קאנסטיטוציעס און אויך א היבשע צאל פון די ווייסע. בלויז אין איין שטאט, אין מיסיסיפי, איז די קאנסערוואטיווע ווייסע געלונגען די נייע קאנסטיטוציע נידערצושטימען. אין צוויי אנ־דערע שטאטען, אין ווירדזשיניא און אין טעקסעס, איז די אר־בייט פון פארפאסען די קאנסטיטוציעס ניט פארענדיגט געווארען אין צייט. אין די איבעריגע זיבען שטאטען זיינען די קאנ־סטיטוציעס גוטגעהייסען געווארען. אין די זיבען שטאטען זיינען אויך געוויילט געווארען שטאט־רעגירונגען און פארשטייער צום קאנגרעס. דער קאנגרעס האט די זיבען שטאטען צוריק אריינ־גענומען אין די פאראייניגטע שטאטען, צוגעלאזען זייערע פאר־טרעטער צום קאנגרעס און אנערקענט זייערע שטאט־רעגירונגען

און אָפּגעשאַפט דאָרטען די מיליטערישע אויבערמאכט. דאָס איז געשען אין פאַרלויף פון די מאָנאַטען יוני און יולי, 1868.

אין יעדען פון די זיבען שטאַטען האָבען די ראַדיקאַלען געוואונען אין די וואַלען און האָבען געקראָגען א פעסטע קאָנטראָל איבער אַלע צווייגען פון די שטאַט רעגירונגען. צווישען די פאַרשטייער וואָס די שטאַטען האָבען געשיקט אין קאָנגרעס האָבען די קאָנסערוואַטיווע ווייסע געהאַט זייער ווייניג פאַרטרעטער. די קאָנסערוואַטיווע ווייסע האָט אָם שטאַרקסטען וויי געטאָן דאָס וואָס צווישען די רעגירונגס-בעאַמטע זיינען איצט געווען א סך נעגער און א סך ווייסע וועלכע זיינען אהין אָנגעלאָפען פון דער נאָרט. צווישען די פערצען סענאַטאָרען וואָס די שטאַטען האָבען אויסגעקליבען זיינען צען געווען „פרעמדע”, אָנגעפאָרענע פון דער נאָרט. דאָסזעלבע איז געווען מיט צוואַנציג פון די פינף און דרייסיג קאָנגרעסלייט, און מיט פיר פון די זיבען גאָווערנאָרס. צו הויכע אַמטען האָבען די נעגער זיך ניט דערשלאָגען. זיי האָבען אָבער פאַרנומען א סך קלענערע אַמטען אין די שטאַט-רעגירונגען. אין לואיזיאַנאַ איז דער וויצע-גאָווערנאָר געווען א נעגער. אין סאוט קאַראָליינאַ איז א נעגער געוואָרען סעקרעטערי אוו סטייט. אין די לעדזשיסלייטשורס פון די אַלע שטאַטען איז געווען א באַדייטענדער פּראָצענט נעגער. אין סאוט קאַראָליינאַ האָבען די נעגער אפילו געהאַט א מאַיאָריטעט אין דער קערפּערשאַפט, 88 נעגער אין בלויז 67 ווייסע.

די אַלע אריינגענומענע שטאַטען פון דער סאוט האָבען גוטגעהייסען דעם פערצענטען אַמענדמענט וועלכער איז דעם 20-טען יולי דערקלערט געוואָרען אַלס א טייל פון דער קאָנסטיטוציע.

די פירער פון די ראַדיקאַלען האָבען געפילט אז זיי האָבען זייער אַרבייט פּאַקטיש פאַרענדיגט. אין איין פּונקט בלויז האָבען זיי געהאַט א מפּלה. זיי איז ניט געלונגען אַראָפּצוזעצען דעם פּרעזידענט. אָבער וואָס איז שייך די שטאַטען פון דער סאוט האָט מען זיי געצוואונגען נאָכצוגעבען אַלץ וואָס

די ראדיקאלען האבען געפאדערט. מיט דעם געפיל פון באפריידיגונג און דערפאלג איז די רעפובליקאנישע פארטיי צוגעטראטען צו דעם וואלקאמף פאר פרעזידענט.

די פארטיי האט פאר איר פרעזידענט קאנדידאט ארויסגעשטעלט גענעראל גרענט, וועלכער איז דעמאלט געווען דער פאפולערסטער און באליבטסטער העלד פון לאנד. גרענט האט זיך מיט פאליטיק קיינמאל ניט אינטערעסירט. אין זיינע אינגערע יארען האט ער זיך געהאלטען פאר א דעמאקראט און די דעמאקראטען האבען אפילו נאך דער מלחמה אים באטראכט פאר אן אייגענעם און געקלערט וועגען ארויסשטעלען אים אלס זייער קאנדידאט. האט אבער פאסירט, אז אין דעם קאמף צווישען דעם פרעזידענט און דעם קאנגרעס איז גרענט ניט ווילענדיג אריינגעצויגען געווארען. עס איז געשאפען געווארען אזא לאגע, אז ער האט געמוזט נעמען א שטארקע שטעלונג געגען דזשאנסאן'ען. דאס האט אים אריינגעטריבען אין דעם לאגער פון די ראדיקאלע רעפובליקאנער. איצט האבען די רעפובליקאנער זיך באנוצט מיט דער גינסטיגער לאגע און ארויסגעשטעלט גרענט'ן אלס זייער פרעזידענט קאנדידאט.

ביים אויסארבייטען די פלאטפארמע איז די רעפובליקאנישע פארטיי געווען גאנץ מילד. זי האט זיך דערמאנט, אז זי קען ניט ריזיקירען צו זיין צו ראדיקאל אין דער נארט. אייניגע מאנאטען פריער, אין הערבסט פון 1867, האבען די שטאטען פון דער וועסט — אהייא, מישיגען, מינעסאטא, קענזעס, — גישטימט איבער דער פראגע פון שטימרעכט פאר די נעגער און אין די אלע שטאטען איז דער פארשלאג דורכגעפאלען. די רעפובליקאנישע פארטיי וועלכע האט ארויפגעצוואונגען נעגערשטימרעכט אויף דער סאוט האט מורא געהאט דעם פרינציפ אריינצושרייבען אין איר פלאטפארם. זי האט זיך געשראקען פאר די שטאטען פון דער וועסט. האט זי זיך אויסגעדרייט מיט א קונציגער דערקלערונג אין דער פלאטפארמע: „אין דער סאוט האט דער קאנגרעס געמוזט זען אז די נעגער זאלען קריגען שטימרעכט. אין די אנדערע שטאטען אבער מישט זיך דער קאנ־

גרעס ניט אין דער פראגע פון שטימערעכט. די בירגער פון די שטאַטען האָבען אַליין דאָס רעכט די פראַגע צו באַשטימען ווי זיי געפעלט.” די רעפובליקאַנישע פּארטיי האָט געזוכט אויסצומיידען צו נעמען א שטעלונג אין אלע וויכטיגע פראַגען. זי האָט זיך געהיט צו מאַכען וועלכע עס איז פארשפּרעכונגען. איר קאַנדידאַט גרענט האָט אַלס זיין שלאָגוואָרט אין דעם וואַל־קאמף ארויסגעשטעלט די פראַזע: „זאָל זיין שלום” — א פראַזע וואָס קלינגט שיין, אָבער זאָגט גאָרניט.

די דעמאָקראַטען איז אָנגעקומען זייער שווער אויסצוקלייבען א קאַנדידאַט פאר פרעזידענט. נאָך שווערער איז זיי געווען צו געפינען א פּאַסיגע פּרינציפּען־ערקלערונג. זיי האָבען מורא געהאַט צו נאָמינירען דזשאַסאָנ׳ען כאָטש זיי האָבען איינגע־שטימט מיט אַלץ וואס דזשאנסאָן האָט געטאָן און כאָטש דזשאנסאָן האָט זייער געוואָלט קריגען די נאָמינאַציע. זיי האָ־בען געטראַכט וועגען נאָמינירען דזשאָדזש טשייס, דעם געווע־זענעם ראַדיקאַלען רעפובליקאַנער, אָבער טשייס, וועלכער האָט אויך שטאַרק חשק געהאַט צו זיין פּרעזידענט, האָט געשטעלט א תנאי אַז די פּאַרטיי מוז גוטהייסען דעם פּרינציפּ פון שטימ־רעכט פאר נעגער, און דאָס האָבען די דעמאָקראַטען ניט געקענט טאָן. נאָך עטליכע טעג פון אינוויינינגסטע רייסערייען האָט די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי נאָמינירט פאר איר קאַנדידאַט א מאַן וועלכער האָט די נאָמינאַציע ניט געוואָלט און וועלכער האָט עטליכע מאָל פעסט דערקלערט, אַז ער וועט די נאָמינאַציע ניט אָננעמען. דאָס איז געווען האָריישיאָ סעימאָר פון ניו יארק. די פּאַרטיי האָט אים געצוואונגען צו ווערען דער קאַנ־דידאַט.

דעם רעזולטאַט פון וואַלקאמף האָבען אַלע געוואוסט פריער. גרענט האָט באַקומען 214 עלעקטאָרשע שטימען און סעימאָר, בלויז 80. אכט פון די פופצען געוועזענע שקלאַפען־שטאַטען זיינען געגאַנגען רעפובליקאַניש. עס פארשטייט זיך, אז ווען אַלע ווייסע בירגער אין יענע שטאַטען וואָלטען געמעגט שטי־

מען וואלט דאס ניט געשען. די וואלען האבען קלאר געמאכט פאר דער רעפובליקאנישער פארטיי, אז אזוי שנעל ווי די שטא־טען פון דער סאוט וועלען קריגען פאלשטענדיגע זעלבסטשטענ־דיגקייט וועלען זיי אריבערגיין צו דער דעמאקראטישער פארטיי און דעמאלט וועט די דעמאקראטישע פארטיי ווערען זייער שטארק, שטארק גענוג פיליכט אריינצוקריגען די רעגירונג אין אירע הענט.

די רעפובליקאנישע פארטיי איז איצט צוטיילט געווארען אין צוויי פליגלען. איינער, אנגעפירט פון די ראדיקאלען, איז געווען מיט דער מיינונג אז די נייע אדמיניסטראציע דארף פארטזעצען די אלטע פאליטיק אין דער סאוט, זען אז די נעגער און די לאיאלע ווייסע זאלען דארטען איינהאלטען אין זייערע הענט די פאליטישע מאכט; און דער צווייטער פליגעל, דער קאנסערוואטיווער, איז געווען מיט דער מיינונג אז די אדמיניס־טראציע דארף לאזען די סאוט צורו, זאלען דארטען די ווייסע טאן וואס זיי ווילען. זאלען יענע שטאטען אפילו אריבער־גיין צו די דעמאקראטען; די אדמיניסטראציע דארף נאר זוכען צו געפעלען דער נארט און דער וועסט און דארט באפעסטיגען די רעפובליקאנישע פארטיי.

סוף פעברואר, 1869, א פאר וואכען איידער דזשאנסאן האט געענדיגט זיין טערמין, האט דער קאנגרעס מיט א מא־יאריטעט פון צוויי־דריטעל אנגענומען דעם פופצענטען אמענד־מענט צו דער קאנסטיטוציע. דער אמענדמענט הייסט, אז קיין שטאט־רעגירונג טאר ניט אוועקנעמען דאס שטימרעכט פון א בירגער אויפ׳ן יסוד פון „ראסע, קאליר, אדער ווייל ער איז אמאל געווען א שקלאף". דעם אמענדמענט האבען די ראדיקאלע רעפובליקאנער דורכגעפירט אלס א לעצטען פארצווייפעלטען מי־טעל צו באשיצען דאס שטימרעכט פון די נעגער אין דער סאוט. די ראדיקאלען האבען געוואוסט, אז אזוי שנעל ווי די ווייסע אין דער סאוט וועלען ווערען די באלעבאטים פון די רעגירונגען אין די שטאטען וועלען זיי געפינען אן אויסוועג ווי אזוי צו בא־

זייטיגען זייערע אייגענע קאָנסטיטוציעס, וואָס מען האָט זיי פאַקטיש געצוואונגען אָנצונעמען און אין וועלכע מען האָט זיי געצוואונגען אריינצושרייבען שטימרעכט פאר נעגערס. זיי וועט אָבער אוממעגליך זיין זיך אויסצודרייען פון אן אמענדמענט אין דער נאַציאנאַלער קאָנסטיטוציע.*)

ניט דער פערצענטער און ניט דער פופצענטער אמענדמענט האָבען סוף־כל־סוף פארזיכערט שטימרעכט פאר'ן נעגער. די רעגירונגען אין דער סאוט האָבען געפונען פארשידענע מיטלען ווי אזוי זיך פון די אמענדמענטס אויסצודרייען.

---

*) עס איז כדאי צו באַמערקען אז אין דער נאָרט זיינען דעמאָלט געווען בלויז זעקס שטאַטען וואו נעגער האָבען געהאַט שטימרעכט. אין 1865 האָבען די שטאַטען קאָנעטיקוט, וויסקאָנסין און מינאָסאטא זיך אנטזאגט צו געבען די נעגער שטימרעכט. אין 1867 האָט מינאסאטא צוריקגעוויזען א פאָרשלאג צו געבען דעם נעגער שטימרעכט. דאָסזעלבע האָבען געטאָן קענזעס און אָהייאָ.

קאַפּיטעל 36.

דער קאַמף פון די ווייסע געגען די נעגערס אין דער סאוט.

די פּאָליטישע און סאָציאַלע לאַגע פון דער סאוט ביים סוף פון די זעכציגער און אָנהויב פון די זיבעציגער יאָרען איז געווען אָנגעלאָדען מיט דינאַמיט. עס האָט דאָרט געהערשט אַ גוואַלטיגער ראַסען־האַס, קאָרופּציע און איינפּאַכער פּאָגראָם־גייסט. די רעגירונגען פון די דאָרטיגע שטאַטען זיינען געשטאַנען אונטער דעם קאָנטראָל פון די נעגער און זייערע ווייסע פירער און מיטהעלפער. די גרויסע מאַסע ווייסע איינוואוינער האָבען אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען, געזעצליכע און אומגעזעצליכע, פרידליכע און פארברעכערישע, כדי אַרויסצורייסען די מאַכט פון די נעגער און זייערע פריינט. זיי האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר פּאָגראָמען און מאָרדען כדי צו דערגרייכען זייער ציל. און כאָטש די רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט אַ שטיק צייט געשטיצט די נעגער דאָך האָט עס ניט געדויערט לאַנג ביז די ווייסע האָבען זייער ציל דערגרייכט און די נעגער זיינען ווידער פארשקלאַפּט געוואָרען פּאָליטיש און סאָציאַל.

די הויפּט טענה פון די ווייסע דעמאָלט, און פון די היסטאָריקער וואס פארטיידיגען זיי איצט, איז, אז די נעגער און זייערע ווייסע פירער האָבען געפירט די שטאַט־רעגירונגען אומערליך און אומפּייאיג, אז זיי האָבען באַרויבט די רעגירונגס־קאַסעס, אָנגעמאכט ריזיגע און אומזיסטע הוצאות און אַרויפגעלייגט אויף די איינוואוינער אַ שווערען יאָך פון שטייערען... די הויפּט טענה פן די נעגער דעמאָלט, און פון די היסטאָריקער וואָס פאר־טיידיגען זיי איצט, איז, אז די ווייסע האָבען אויף זיי געמאכט

בלבולים און זיי טעראָריזירט בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען נעגער, פריערדיגע שקלאַפען. דער היסטאָריקער דזשאָרדזש מעריאַט („דער נעגער און די נאַציע") גיט אָן אַפּשאַצונג פון דער לאַגע וועלכע שיינט צו זיין אַ ריכטיגע. ער שרייבט: „די געזעצען וואָס די רעגירונגען (אונטער דער קאָנטראָל פון די נעגער און זייערע פריינט) האָבען דורכגעפירט זיינען געווען פאַרשידען אין כאַראַקטער, טייל פון זיי אויסגעצייכענט גוט. זיי האָבען, צום ביישפּיל, אָרגאַניזירט אין יעדען שטאַט פאָלקס־שולען. . . מען מוז אָבער צוגעבען אַז אַ סך שלעכטס איז אויך אָפּגעטאָן געוואָרען. . . מען האָט אַ מאַסע געלד צושלעפּט. אָבער דערביי מוז מען געדענקען, אַז דער גרעסטער טייל פון די גנבות זיינען פאַרבליבען אין די קעשענעס פון לומפּען פון דער הערשענדער ראַסע (די ווייסע). . . צו משפּט'ן ריכטיג די גוטע און די שלעכטע זייטען פון די רעגירונגען איז פיליכט די שווערסטע אויפגאַבע וואָס אַ היסטאָריקער קען האָבען. עס איז שווער צו קריגען די אמת'ע פאַקטען. די מערסטע היסטאָריקער ווערען היסטעריש ווען זיי שרייבען וועגען דער דאָזיגער עפּאָכע. און אפילו די אָפיציעלע ציפערען ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע".

די נייע שטאַט־רעגירונגען האָבען אָנגעמאַכט ריזיגע הוצאות. אַ טייל פון די אויסגאַבען זיינען געווען פאַר גוטע צוועקען. די רעגירונגען האָבען זיך גענומען בויען וועגען, בריקען, האַפענס, רעמאָנטירען און אויסבעסערען די שטעט. דאָס אַלץ האָט געקאָסט אַ סך געלט. אפילו די קאָנסערוואַטיווע ווייסע זיינען ניט געווען געגען די אונטערנעמונגען. עס זיינען אויך צוגעקומען הוצאות אין דער רעגירונג טאַקע דורכדעם וואָס די נעגער זיינען איצט געוואָרען פרייע בירגער. איינע פון די גרעסטע נייע הוצאות זיינען געווען די פאָלקסשולען. פרייע פאָלקס־בילדונג האָט פאַר דער מלחמה כמעט גאָרניט עקזיסטירט אין דער סאַוט. די נייע קאָנסטיטוציעס פון די שטאַטען האָבען אָבער געפאָדערט אַז עס זאָל איינגעפירט ווערען אַ פאָלשטענדיגע סיסטעם פון שולען, לויט דעם מאָדעל פון די פאָלק־שולען אין דער נאָרט. דער פינאַנציעלער יאָך פון די אויסגאַבען איז געווען גרויס. די אויפ־

רעגונג צווישען די ווייסע איז נאך פארגרעסערט געווארען דורכ־דעם וואס פון דער נייער סיסטעם, פון די נייע רעגירונגס־אויס־גאבען האבען געגאסען מייסטענס די נעגער. דערצו האבען א סך ווייסע באטראכט פרייע בילדונג פאר די נעגער פאר גוצ־לאז און געפערליך.

די שטאט־רעגירונגען האבען אנגעהויבען בויען באנען. גע־ווים האבען זיי זיך אין דעם שטארק גענויטיגט. די סאוט איז שטענדיג געווען הינטערשטעליג אין באנען, און דאס ביסעל באַ־נען וואס זי האט געהאט זיינען אין פארלויף פון דער מלחמה צושמעטערט און פארקריפעלט געווארען. אבער די נעגער און זייערע ווייסע פריינט, די וואס האבען איצט געהאט די פאר־וואלטונג אין זייערע הענט, האבען וויניג פארשטאנען ווי אזוי אזעלכע גרויסע פינאנציעלע אונטערנעמונגען דורכצופירען. עס איז לייכט געווען פאר קארופטע מענשען זיי אפצונארען און זיי פארפירען. די עלף שטאטען אין דער סאוט האבען ביז 1872 אנגעמאכט נייע הוצאות ניט וויניגער ווי אויף 132 מיליאן. צוויי דריטעל פון דעם געלט איז פארנוצט געווארען פאר נייע בוי־ארבייט, איבערהויפט פאר נייע באנען. פריוואטע מענשען האבען ארגאניזירט קאמפאניעס צו בויען די ליניעס און די רע־גירונג האט זיי אויסגעבארגט דאס געלט. אין סאוט קאראליינא, דזשארדזשיא און אלאבאמא זיינען די באנען וואס האבען טייל־ווייס אדער אינגאנצען געהערט צו דער רעגירונג, זייער שלעכט פארוואלטעט געווארען. פאליטיקאנטען האבען פון זיי געמאכט ריוחים פאר זיך.

צווישען די בעאמטע זיינען געווען א טייל אומפייאיגע און א טייל אומערלאכע. מען האט גע'גנב'עט, גענומען כאבאר, באַ־גאנגען אלערליי שווינדלען. אבער ריכטיג ווייזט אן פראפעסאר דאנינג, אז אין דעם דאזיגען פרט זיינען די נייע שטאט־רעגירונגען אין דער סאוט ניט געווען קיין אויסנאם. אין דערזעלבער צייט וואס די ווייסע אין דער סאוט האבען געגוואלדעוועט אז דערפאר זיינען די שטאט־רעגירונגען דארטען קארופט ווייל די נעגערס האבען אין זיי די דעה, אין דער אייגענער צייט האט אין ניו

יאָרק געהערשט די קאָרופּטעסטע פּאָליטישע מאַשין אין דער געשיכטע פון לאַנד, באָס טוויד, וועלכער האָט גע'גנב'עט צענדליגער מיליאָנען פון דער שטאָט־קאַסע.

די ביטערסטע פּראַקטיק האָט געהאַט סאַוט קאַראָליינאַ. אין דער דאָרטיגער לעדזשיסלייטשור האָבען די נעגער געהאַט א מאַיאָריטעט. זיי זיינען געפירט געוואָרען פון א גרופּע קאָרופּטע ווייסע פּאָליטיקאַנטען. פריער איז דאָרט געווען גאָווערנאָר א געוויסער סקאַט, אן „אימיגראַנט" פון דער נאָרט. שפּעטער האָט דעם אַמט איבערגענומען א געוויסער פרענקלין מאָזעס, א ווייסער פון דער סאַוט (ער האָט געשטאַמט פון אידען). אין די זעקס יאָר וואָס די צוויי גאָווערנאָרס האָבען רעגירט איז די רעגירונגס־קאַסע געווען פּשוט הפקר. הונדערטער טויזענטער דאָלער זיינען פאַרשווענדט געוואָרען אויף מעבעל און לוקסוס־זאַכען פאַר די געזעצמאַכער. די לעדזשיסלייטשור צוזאַמען מיט דעם גאָווערנאָר האָבען פאַרקויפט צו פּריוואַטע מענשען די פּריווילעגיעס (פרענטשייזעס) אויף עפענטליכע אונטערנעמונגען. דער פּאָרזיצער פון לעדזשיסלייטשור, א נעגער, האָט פאַרלאָרען טויזענד דאָלער אין א וועט. האָט די לעדזשיסלייטשור באַשלאָסען אז דאָס געלט זאָל אים אויסגעצאָלט ווערען פון דער רעגירונגס־קאַסע. פאַר כאַבאַר האָבען די גאָווערנאָרס באַגנאַדיגט פאַרברעכער. די צוויי גאָווערנאָרס זיינען געווען פיליכט די קאָרופּטסטע בעאַמטע פון יענער קאָרופּטער צייט אין דער סאַוט.

שלעכט איז אויך געווען די לאַגע אין לואיזיאַנאַ. דאָרט איז די קאָרופּציע געווען אָן אָפּענע. א גרופּע לומפּען און אוואַנטוריסטען האָבען געהאַט די רעגירונג אין זייערע הענט. איינער פון זיי איז געווען גרענט'ס א שוואָגער.

די ווייסע האָבען געהאַלטען אין איין שרייען און פּראָטעסטירען. זיי האָבען זיך ביסלאַכוויז אָרגאַניזירט און אין איין שטאַט נאָכ'ן אַנדערען האָבען זיי אָפּגענומען די פּאָליטישע מאַכט פון די רעפּובליקאַנער. אזוי שנעל ווי זיי האָבען די רעגירונג אריינגענומען אין זייערע הענט, האָבען זיי דורכגעפירט געזעצען וואָס האָבען דעם נעגער אינגאַנצען ארויסגעשטויסען פון

דער פּאָליטיק. שפּעטער האָבען זיי אויך ביי אים אוועקגענומען די סאציאלע און פּאָליטישע פרייהייטען וואָס זייערע אייגענע קאָנסטיטוציעס און די קאָנסטיטוציעס פון די פאראייניגטע שטאַטען האָבען גאראנטירט.

איינע פון די שטארקסטע כלי־זיין מיט וועלכע די ווייסע האָבען זיך באנוצט ארויסצורייסען די פּאָליטישע מאכט ביי די נעגער איז געווען דער „קלו קלוקס קלען" — א געהיימע טעראָריסטישע אָרגאַניזאציע.

דער „קו קלוקס קלען" איז געגרינדעט געוואָרען אין דעם קליין שטעטעל פּאָלאסקי, אין טענעסי, דעצעמבער 28, 1865. די זעקס יונגעלייט (געוועזענע סאָלדאַטען אין דער ארמיי פון דער קאָנפעדעראציע) וואָס האָבען אים געגרינדעט, האָבען ניט געמיינט קיין בייז. זיי האָבען געהאַט אין זינען בלויז צו אָרגאניזירען א געוויינליכען קלוב פאר געזעליגקייט. איינער פון די זעקס האָט פּאָרגעשלאָגען, אַז דער קלוב זאָל זיך רופען מיט דעם גריכישען נאָמען „קוקלאָס", וואָס איז דער טייטש „ציר־קעל". דאַן האָט א צווייטער צוגעשטעלט דאָס וואָרט „קלען", וואָס איז דער טייטש א פאַמיליע אדער א שבט. דערפון איז געוואָרען דער נאָמען קו קלוקס קלען. די אָרגאַניזאציע איז געווען א געהיימע, אָן שום אורזאך. אפשר האָבען די מיטגלידער געדענקט, אַז דאָס וועט זי מאכען מער אינטערעסאַנט. אזוי ווי זי איז שוין געווען א געהיימע האָט איינער פון די מיטגלידער פּאָרגעשלאָגען זי צו מאכען נאָך מער געהיימניספול, נעמליך, אַז די מיטגלידער זאָלען גיין פארמאַסקירט. אלס מאסקע איז באַטימט געוואָרען א ווייסע לייל‌אך איבער דעם קערפּער און א ציכעל איבער'ן קאָפּ (מיט אזוינע מאסקעס האָט מען זיך דעמאָלט אין יענע געגענדען באנוצט גאנץ אָפט). יעדער מיטגליד האָט געמוזט געבען א שבועה צו האַלטען בסוד אַלץ וואָס איז פארבונדען מיט דער אָרגאַניזאציע.

דער „קלען" איז שנעל געוואַרען באוואוסט. די מיטגלידער פלעגען ארומפאָרען פארמאַסקירט, רייטענדיג אויף פערד. יונגע לייט האָבען זיך מיט אים גענומען פאראינטערעסירען. יע־

דערער האָט געוואָלט זיך אָנשליסען, טאַקע דערפאַר וואס ער איז געווען ארומגערינגעלט מיט סודות. פארשידענע קלאַנגען האָבען זיך אַרומגעטראַגען וועגען אים. אויף די נעגער פון דער געגענד האָט ער אָנגעוואָרפען אַ שרעק. דאָס איז די ווייסע גאָר שטאַרק געפעלען געוואַרען.

דער „קלען" האָט גענומען וואַקסען און זיך אויסשפּרייטען אין דער אַרומיגער געגענד און אויך אין אַנדערע שטאַטען. דאַן האָבען זיך די באַזונדערע קלובען פאַראייניגט אין איין גרויסען געהיימען אָרדען. אין מאַי, 1867, איז אַ געוועזענער גענעראַל פון דער קאָנפעדעראַציע, גענעראַל פאָרעסט, אויסגעווײלט געוואָרען אלס הויפּט פון קלען. ער איז געקרוינט געוואָרען מיט דעם געהיימניספולען טיטעל „דער הויפּט מכשף פון דעם קלען". די גאַנצע סאַוט איז געקרוינט געוואַרען מיט דעם נאָמען „אומזיכט־באַרע אימפּעריע". די „אימפּעריע" איז איינגעטיילט געוואַרען אין „קעניגרייכען" און „פּראָווינצען" און אַזוי ווייטער. די קלען־בעאַמטע איבער די אפּטיילונגען האָבען געטראַגען אַזוינע שרעקליכע נעמען ווי שלאַנגען, נאַכט פויגלען, עקדעשען, טי־טאַנען, און אַזוי ווייטער.

לכתחילה איז דאָס אַלץ געווען אַ שפּיל. שפּעטער אָבער האָבען „פּראַקטישע מענשען" איבערגענומען די אָרגאַניזאַציע אין זייערע הענד און גענומען זי אויסצונוצען פאַר פּראַקטישע צוועקען. אין 1868, ווען דער קאָנגרעס האָט גענומען אַרויפ־צווינגען זיין פּראָגראַם אויף דער סאַוט האָט דער קלען געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ האַלבען מיליאָן אין אַלע טיילען פון דער סאַוט. דער קלען האָט גענומען אָנפירען אַ סיסטעמאַטישע קאָמפּאַניע פון טעראָר און פּאָגראָמען געגען די נעגער צו צווינ־גען זיי זיי זאָלען אויפהערען זיך באַטייליגען אין פּאָליטיק, און אויך געגען די ווייסע פריינד פון די נעגער, זיי זאָלען ענטוועדער אוועקוואַרפען די פּאָליטיק אַדער פאַרלאָזען די נעגער און אַריבערגיין אויף דעם זייט פון די ווייסע.

די גוואַלדטאַטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין וואַל־קאַמף פון 1868. אין סאַוט קאַראָליינא זיינען פאָרגעקומען עטליכע מאָרדען

אנצושרעקען די נעגער זיי זאָלען ניט וואגען צו גיין שטימען. אין מיסיסיפי האָט דער קלען אויך דורכגעפירט עטליכע מאָרדען און אָנפאַלען מיט'ן זעלבען צוועק. אין אלאבאמא, וואו דער קלען האָט געהאַט צען טויזענד מיטגלידער, זיינען באַגאַנגען געווארען נאָך מער פארברעכענס. אָבער אַם שרעקליכסטען איז די לאַגע געוועזען אין לואיזיאנא. גענעראל רוסא האָט פאַרגליכען די באַפעלקערונג פון ניו אָרליענס צו אַ וואולקאַן וואס איז גרייט צו עקספלאָדירען. באַנדעס האָבען זיך ארומגעטריבען איבער די שטעט, זיינען אָנגעפאַלען אויף אומשולדיגע נעגער. אין קליינע שטעטלאך און אין דערפער זיינען דורכגעפירט געווארען מאָרדען און פאָגראָמען. נעגער זיינען אויסגעראטעט געווארען אזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַ געפערליכע פעסט. דער הויפט פון דעם קלען, גענעראל פאָרעסט, האָט זיך אַליין דערשראָקען פאר די געוואלדטאטען פון זיין אָרגאַניזאציע און ער האָט זי אין מערץ, 1869, אָפיציעל אויפגעלייזט... די לאָקאַלע אָרגאַניזאציעס האָבען אָבער זייער בלוטיגע ארבייט פאָרטגעזעצט. די שטאַט־רעגירונגען האָבען געפרובט אונטערדריקען דעם קלען. עס זיינען אָנגענומען געווארען שטרענגע געזעצען. איינס פון די געזעצען האָט אפילו ערלויבט יעדען מענשען צו דערשיסען איינעם וואס טראָגט א מאַסקע. דער קלען האָט זיך אָבער ניט איבערגעשראָקען. לסוף האָט זיך די נאַציאָנאלע רעגירונג אריינגעמישט. דער קאָנגרעס האָט געשיקט א קאָמיטע אויסצופארשען דעם קלען. ער האָט אויך געגעבען דעם פרעזידענט דאָס רעכט צו שטעלען די טעראָריזירטע געגענד אונטער קריגס־צושטאַנד. דער פרעזידענט האָט אריינגעשיקט סאָלדאטען אין סאוט קאראָליינא און אין אַנדערע שטאַטען. הונדערטע קלעניקעס זיינען ארעסטירט געווארען. א סך זיינען צולאָפען. זייער ווייניג פון די ארעסטירטע האָבען באַקומען זייער שטראָף. די מערסטע זיינען באפרייט געווארען אפילו אָן אַ פראָצעס.

אָט איז אַן אויסצוג פון אַ באַריכט וואס גענעראל שערידאַן האָט אַריינגעשיקט צו פרעזידענט גרענט וועגען די פאָגראָמען פון דעם קלען אין לואיזאנא: „פון יאר 1866 אָן זיינען

דער'הרג'עט און פארוואונדעט געווארען נאָענט צו 3600 מענשען, די מערסטע פון זיי נעגער... עס זיינען דאָ געגוג באווייזען, אז איבער 1200 פון זיי זיינען געווען קרבנות פון פּאָליטישע ליידענ־שאַפטען. שרעקליכע פּאָגראָמען זיינען פּאָרגעקומען אין א גאַנ־צער רייע שטעטלאך... אין סט. לענדרו האָט א פּאָגראָם אָנגע־האלטען פון דריי ביז זעקס טעג און צווישען צוויי און דריי הונ־דערט נעגער זיינען ערמאָרדעט געווארען... די צאָל מאָרדען און מערדערליכע אטאַקעס אין פארלויף פון די מאָנאטען סעפּטעמבער, אָקטאָבער און נאָוועמבער, אין 1868, גרייכט ביז א טויזענד."

אָט זיינען איינינע טיפּישע פאַלען פון די גוואלדטאַטען, ארויסגענומען פון אפיציעלע באריכטען: „יאנואר 5, טיילאָר האוקענס דערמאָרדעט; יאנואר 6, מיידזשאָר סעלווע אויפגעהאנ־גען; יאנואר 14, דזשאן דזשעקסאָן דערשאסען; יאנואר 16, דזשאָרדזש וואשינגטאָן דערשאסען און פארברענט אין אויל; פעברואר 3, סעמער הענדערסאָן דערשאסען; פעברואר 17, טשארלס ראבערטסאָן אויפגעהאנגען; אפּריל 13 א. פּעין איז ארויסגעפירט געווארען פון זיין הויז, א שטריק איז פארוואָרפען געווארען ארום זיין האלז. דער עק פון שטריק איז צוגעבונדען געווארען צום זאָטעל פון א פערד. דער פערד האָט אים ארומ־געשלעפּט ביז וואנען ער איז דערווארגען געווארען. דאן איז דער קערפּער ארייננעוואָרפען געווארען אין טייך".

צענדליגער טויזענטער נעגער זיינען פון שרעק אינגאַנצען אַנטלאָפען פון דער סאַוט.

אין די וואַלען פון 1874 האָבען די קאָנסערוואַטיווע ווייסע געוואונען אין די שטאַטען אלאבאמא און ארקאנסא. אין 1875 האָבען די ווייסע געקראָגען א מאַיאָריטעט אין דער נידעריגער הויז פון דער לעדזשיסלייטשור אין לואיזיאַנא. אין מיסיסיפּי, וואו די נעגער האָבען געציילט מער ווי די ווייסע, האָבען די קאָנסערוואַטיווע געזיגט מיט א מאַיאָריטעט פון 30 טויזענד. די נעגער האָבען ניט געוואַגט צו גיין שטימען. אין 1876 זיי־נען שוין אלע שטאַטען פון דער סאַוט געווען אין די הענט פון די ווייסע. אין א פּאָר שטאַטען האָט דער קאַמף געדויערט נאָך

א פאר יאר. אבער די נאציאנאלע רעגירונג האט אויפגעהערט צו שטיצען און העלפען די נעגער. די נעגער זיינען געצוואונגען געווען אויך דארטען אויפצוגעבען דעם קאמף.

דזשעפערסאן דייוויס איז אין געפענגניס געזעסען אונגעפער א יאר צייט. אין אנפאנג איז ער באהאנדעלט געווארען זייער שלעכט. עטליכע טעג האט מען אים אפילו געהאלטען געשמידט אין קייטען. דעמאלט האט דער פרעזידענט אפילו אין זינען גע־האט אים צו שטעלען פאר א מיליטערישען געריכט און פאר־דערען טויט־שטראף. מיט דער צייט אבער איז די אויפרעגונג געגען דייוויס'ן אפגעקילט געווארען. מען האט אין געפענגניס גענומען אים באהאנדלען גאנץ מילד. אין מאי, 1867, איז ער געשטעלט געווארען פאר א ציווילען געריכט. ער איז אנגעקלאגט געווארען אין הויך־פאראט. דער פראקוראר האט געבעטען דער פראצעס זאל אפגעלייגט ווערען. דער ריכטער האט געשטעלט דייוויס'ן אונטער 100 טויזענד דאלער בעיל. צווישען די וואס האבען פאר אים אונטערגעשריבען די בעיל איז געווען הארעיס גרילי, דער רעדאקטאר פון דער „טריביון". דער פראצעס איז קיינמאל ניט פארגעקומען. מען האט אים עטליכע מאל אפגע־לייגט. דעם טאג פון ווייכנאכטען פון 1868 האט דער פרעזי־דענט ארויסגעגעבען אן אמנעסטיע פאר אלע וואס האבען זיך בא־טייליגט אין בירגער־קריג. דייוויס איז אין דער אמנעסטיע גע־ווען איינגעשלאסען. די קלאגע געגען אים איז אפגעווישט גע־ווארען.

קאפיטעל 37.

יארען פון ריזיגער ענטוויקלונג אין דער נארט און וועסט.

דער וואוילשטאנד און די שפע אין דער נארט, די ריזיגע אנטוויקלונג פון אינדוסטריע און האנדעל וואס די מלחמה האט געבראכט האט דורכ'ן פרידען באקומען א העפטיגען שטויס פאראויס. צווישען די יארען 1865 און 1873 איז אויף יעדען געביט פון אינדוסטריע געמאכט געווארען ריזיגער פארטשריט. דארט וואו מען האט פריער גערעדט וועגען טויזענדער, האט א פראמינענטער פאליטיקער פון יענער צייט באמערקט, רעדט מען איצט וועגען מיליאנען. דער היימישער מארק האט זיך אויס־געברייטערט, טיילווייז דורך דעם צופלוס פון אימיגראנטען, טייל־ווייז דורך דער קאלאניזאציע פון דער וועסט. די מלחמה האט מיטגעבראכט, אז דאס לאנד זאל זיך זוכען צו באפרייען פון איר אפהענגיגקייט פון אייראפא. הינטער דעם הויכען טאריף האבען מאסען נייע פאבריקאנטען איצט געמאכט סחורות וואס פלעגען פריער געבראכט ווערען פון אויסלאנד. אין 1859 זיי־נען אין לאנד געווען 140 טויזענד פאבריקען; אין 1869 זיינען שוין געווען 250 טויזענד. אין 1865 איז אין דער פאבריקאציע פון לאנד געלעגען א קאפיטאל פון א ביליאן און א האלב דא־לער; אין 1878 איז די סומע געווען דאפעלט, גאנצע דריי בי־ליאן. די ריווחים וואס די פאבריקאנטען און סוחרים האבען געמאכט זיינען געווען אזוי גרויס, אז איינער פון די פראמינ־ענטסטע פאבריקאנטען האט פאר אן אונטערזוכונגס קאמיטע בא־צייכענט זיינע אייגענע ריווחים מיט דעם אויסדרוק: „שמערצ־ליך גרויס". אין 1866 האט דער „סייענטיפיק אמעריקאן" גע־

שריבען: „אין ניו יארק זיינען איצט פאראן מער מעניטשען וואס פארדינען צו הונדערט טויזענד דאָלער א יאר ווי עס זיינען מיט 25 יאר פריער געווען מעניטשען, וועמעס גאנצער פארמעגען איז באשטאנען פון הונדערט טויזענד דאָלער".

דער פונדאמענט פון איינינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע אינדוסטריען פון דער איצטיגער אמעריקע איז געלייגט געווארען אין יענע יארען. דעמאָלט האָבען זיך אויך באוויזען די ערשטע בויער פון די גרויסע קאפיטאליסטישע דינאסטיעס, פון די ראַקעפעלערס, די קארנעגים, די וואנדערבילטס, די גולדס. דאָס זיינען געווען די לייט, וואס האָבען אין זייערע הענט דורך פארשידענע מיטלען ארייגענומען די וויכטיגסטע אינדוסטריען פון דער נייער צייט — שטאָל, אויל, באנען א. אז. וו.

„די וויכטיגסטע פאסירונג אין דער געשיכטע פון פאבריקאציע אין די פאראייניגטע שטאטען אין פארלויף פון בירגערקריג און דעם פעריאד פון רעקאָנסטרוקציע, איז געווען דער אָנפאנג פון פאבריצירען בעסעמער שטאָל", — שרייבט פראָפעסאָר ווען מעטרע. בעסעמער איז געווען אן ענגלענדער, א כעמיקער, וועלכער האָט דערפונדען א ביליגע און לייכטע מעטאָדע ווי אזוי צו פארוואנדלען אייזען אין שטאָל. מיט דער דאָזיגער דערפינדונג איז געבוירען געווארען די מאָדערנע אינדוסטריע. אין פארלויף פון די מלחמה־יאָרען האָט מען אין ענגלאנד זיך שוין באנוצט מיט בעסעמער'ס דערפינדונג. אין אמעריקא האָט מען מיט איר ערשט אָנגעפאנגען זיך צו באנוצען אין 1867. אין 1875 איז שוין שטאָל דאָ געווען אזוי ביליג ווי אייזען. אין די 70ער יארען זיינען אויף דער סצענע ערשינען די גרויסע באראָנען, מיט ענדרו קארנעגי בראש. די פאבריקאציע פון שטאָל איז געוואקסען בליץ־שנעל. אין 1875 איז אין אמעריקא פראָדוצירט געווארען 375 טויזענד טאָן שטאָל, און פיר יאָר שפעטער, אין 1879, איז שוין פאבריצירט געוואָרען נאָענט צו א ביליאָן טאָן. די שטאָל פאבריקאציע האָט מעגליך געמאכט די אנטוויקלונג פון א סך אנדערע אינ־

דוסטריען. איבערהויפט האָט זי געווירקט אויף דער אויס־שפרייטונג פון די באַנען.

אין יענע יאָרען האָט זיך אויך אַנטוויקעלט די פלייש אינדוסטריע אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב. די ערשטע וואָס האָבען אָנגעהויבען אַרויסצושיקען פלייש פון די שלאַכטהייזער פון שיקאַגאָ און קענזעס סיטי אין די פאַרשי־דענע טיילען פון לאַנד און אויך קיין אויסלאַנד, זיינען געווען פיליפּ אַרמאָר, נעלסאָן מאָרים (אַ אידישער אימיגראַנט פון בייערען) און גוסטאַוואוּס סוויפט. די ערשטע צוויי האָבען גע־מאַכט אַ סך געלט אין מלחמה קאָנטראַקטען. און נאָך דער מלחמה זיינען זיי שוין באַרימט געווען אַלס די גרעסטע פלייש־הענדלער. אין די 70ער יאָרען איז געמאַכט געוואָרען אַן ער־פינדונג ווי אַזוי צו פּרעזערווירען פלייש (דורך פאַרפרירען) און עס האַלטען אַ לאַנגע צייט אין אַ פרישען צושטאַנד. די דער־פינדונג האָט עס מעגליך געמאַכט פאַר די גרויסע פלייש־הענד־לער אין שיקאַגאָ און אין אַנדערע שטעט פון דער וועסט צו שי־קען דאָס פלייש אין די וויטסטע טיילען פון לאַנד, און אפילו אין אויסלאַנד.

דער וואוּקס פון דער אויל־אינדוסטריע אין די יאָרען נאָך דער מלחמה האָט איבערגעשטיגען אַלע דערוואַרטונגען. דעמאָלט האָט מען נאָך ניט געהאַט קיין באַגריף פון דער גרויסער ראָלע וואָס פּעטראָליאום וועט שפּילען אין דער אינדוסטריע. אָבער מענשען האָבען זיך גענומען יאָגען נאָך אויל מיט אַזאַ אימפּעט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען גאָלד. יעדער וואָס האָט געהאַט געלט האָט עס געוואָלט אַריינלייגען אין אויל־קוואַלען אַלס ספּעקו־לאַציע. ס'האָבען זיך געגרינדעט אָן אַ שיעור אויל קאָמפּאַניעס. אין אָנהויב 1865 איז אין די פאַרשידענע אויל־קאָמפּאַניעס גע־לעגען אַ קאַפּיטאַל פון 326 מיליאָן דאָלער. אין זומער פון זעכ־צען יאָר איז שוין די סומע געשטיגען ביז 500 מיליאָן. יעדע שטונדע איז געבוירען געוואָרען אַן אַנדער אויל־קאָמפּאַניע.

דזשאָן ד. ראָקעפעלער איז אין דער אויל־אינדוסטריע אַריין אין יאָר 1865. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 26 יאָר און איז

געווען א קאמיסיאנער אין קליוולאנד, אהייא. אין די מלחמה־יארען האט ער געמאכט געלט אין פארשידענע געשעפטען. איצט האט ער זיין קאפיטאל אריינגעלייגט אין אויל. ער האט געקויפט אויל־ריפיינערים און האט געזוכט צוזאמענצונעמען קליינע אויל־געשעפטען אין איין גרויסער געזעלשאפט. אין יוני, 1870, האט ער ארגאניזירט די „סטענדארד אויל קאמפאני” פון אהייא מיט א קאפיטאל פון א מיליאן דאלער. די קאמפאניע איז שוין דעמאלט געווען די גרעסטע און מעכטיגסטע אין דער אויל־אינדוסטריע. פון דעמאלט אן ווערט ראקעפעלער דער אויל־קעניג און פארבלייבט עס ביז היינטיגען טאג.

איבער דער איסט און וועסט זיינען אויפגעבויט געווארען נייע אינדוסטריעלע קערפערשאפטען. אין מינעאפאליס זיינען אויפגעשטעלט געווארען די גרויסע מעל־מילען, וועלכע האבען פארשלונגען די קליינע מילען איבער'ן לאנד. מען האט איצט גענומען מאכען קליידער און שיך דורך מאשינען. מען האט גענומען פאבריצירען זייגערס אין פאבריקען. עס זיינען געמאכט געווארען הונדערטער דערפינדונגען, נייע מאשינען וועלכע האבען מעגליך געמאכט צו פראדוצירען די אלע זאכען אויף א גרויסען מאסשטאב. דאס לאנד האט געהאט גענוג געלט פאר די אלע נייע אונטערנעמונגען. עס האבען זיך געגרינדעט מאסען נייע באנקען. אין 1864 זיינען געווען אין לאנד 584 באנקען און אין 1875 איז די צאל געשטיגען ביז 1566. אין מאסאטשוזעטס זיינען אין 1862 געווען 93 שפאר־באנקען. אין 1875 איז די צאל געשטיגען ביז 180. אין ניו יארק האט זיך די צאל פון שפאר באנקען אין די זעלבע יארען פארגרעסערט פון 74 אויף 158. מענשען זיינען געלאפען אין מסחר און אין פאבריקאציע.

ארבייטער פאר די אלע נייע און וואקסענדע אינדוסטריען זיינען געקומען פון אייראפא. די אימיגראציע האט זיך אונגעהויער פארגרעסערט. אין די 60ער יארען זיינען אין אייראפא פארגעקומען אומרוען, מלחמות, — רעוואלוציאנערע אויפשטאנ־

דען אין אירלאנד, א מלחמה צווישען פרייסען און עסטרייך, א קריזיס אין ענגלאנד. דאָס אלץ האָט געטריבען טויזענטער מענשען אין דעם נייעם לאנד. אין יענער צייט האָבען צום ערשטען מאָל אמעריקאנער פאבריקאנטען זיך פאראייניגט, און געשיקט אגענטען קיין אייראָפּא צו ברענגען אהער ארבייטער. דער פארקער איבער'ן ים איז געווען לייכטער און זיכערער. אין 1856 זיינען בלויז א קליין הייפעל רייזענדע געפארען אין דאמף־שיפען. איבער 90 פראצענט זיינען געפאָרען אין זעגעל־שיפען. אין 1865 איז שוין די גרויסע מאיאריטעט געפאָרען אין דאמף־שיפען. אין פארלויף פון 1865 זיינען אהער אָנגעקומען אונגעפער א פערטעל מיליאָן אימיגראנטען, און וואָס ווייטער איז די צאָל געשטיגען. אין 1873 האָט די אימיגראציע דערגרייכט די איבערראשענדע ציפער פון 460 טויזענד. אין דעם נייעם וואקסענדען שטראָם פון אימיגראציע איז געווען א גרויסע צאָל סקאנדינאווער. עס זיינען אויך געקומען אביסעל רוסען, בעהמער און איטאליענער. די גרעסטע צאָל זיינען נאָך אלץ געווען ענגלענדער, אירלענדער און דייטשען. צווישען די פערציג מיליאָן מענשען אין אמעריקא זיינען אין 1875 געווען זיבען און א האלב מיליאָן געבוירענע אין אויסלאנד.

מיט גרויס ענערגיע האָט זיך אמעריקא נאָך דער מלחמה א נעם געטאָן צו בויען נייע באנען: גענויטיגט האָט זיך דאָס לאנד אין דעם זייער און זייער. די באנען אין דער סאוט זיינען אין די מלחמה־יארען צושטערט געווארען. אין דער נאָענטער וועסט האָבען זיך אנטוויקעלט א סך אינדוסטריען און אויף די פארמס האָבען זיך באזעצט א גרויסע צאָל נייע קאָלאָניסטען. אויף דער אנדערער זייט מיסיסיפּי זיינען איצט אריינגעפאָרען דורכשניטליך 100 טויזענד נייע קאָלאָניסטען א יאָר. די פארמער פון אייאָווא, די פלייש־מאגנאטען פון שיקאגאָ, די אויל־אינדוסטריעלער פון פענסילווייניע, האָבען אין איין קול געפאָדערט לייכטערע פארקער־מיטלען. אויף די אלטע באנען איז איצט געווארען זייער ענג. אויף די טייכען און קאנאלען האָט מען זיך ניט געקאָנט פארלאָזען. ערשטענס איז דער פארקער

געוועזן צו לאַנגזאַם און צווייטענס זיינען די וואַסערען עטליכע מאָנאַט אין יאָר געווען פארפראָרען.

האָט מען גענומען בויען נייע באַנען. דער פאַקט, אז אין פארלויף פון די מלחמה־יאָרען האָבען די באַן־געזעלשאַפטען גע־מאַכט גרויסע ריוחים האָט צוגעגעבען די באַן־אונטערנעמער מוט, און זיי האָבען זיך ניט אָפּגענאַרט אין זייערע האָפנונגען. אן עקאָנאָמיסט האָט אין 1868 אויסגערעכענט, אז אין די ערשטע פיר יאָר האָבען די נייע ליניעס געמאַכט גענוג ריוח צו דעקען דאָס גאַנצע געלט וואָס איז אריינגעלייגט געוואָרען זיי אויסצו־בויען. ביים סוף פון קריג איז אין לאַנד געווען 35 טויזענד מייל אייזענבאַנען; אין 1872 זיינען שוין געווען 70 טויזענד מייל. דאָס גיט אַ באַגריף מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט די נייע ליניעס זיינען געבויט געוואָרען.

אין 1869 איז פאַרטיג געוואָרען די ליניע דורך דער ווייַ־טער וועסט, די ליניע וואָס האָט זיך געצויגען פון נעבראַסקאַ ביז'ן פאַסיפישען ברעג אין קאַליפאָרניא. צום ערשטען מאָל האָט איצט אַ באַן גענומען לויפען דורך דעם ריזיגען טייל פון לאַנד וואָס ליגט אויף דעם מערב־זייט פון דעם מיזורי טייך. די דאָזיגע ליניע איז געווען דער שטאָלץ פון די אַמעריקאַ־נער באַן־בויער.

וועגען בויען אַ באַן וואָס זאָל דורכשניידען די גאַנצע ברייט פון דער ווייטער וועסט האָט מען נאָך גערעדט און געפּלאַנע־וועט אַ לאַנגע צייט פאַר'ן בירגער קריג. עס זיינען אָבער־געווען אַ סך שטערונגען, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע. אין 1862 האָט דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן באַפאָלמעכטיגט אַן אַקציע־געזעלשאַפט, די „יוניאַן פאַסיפיק ריילראוד" צו בויען אַ ליניע וואָס זאָל זיך ציען פון אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ, ביז דער וועסטליכער גרענעץ פון נעוואַדאַ, אַ שטרעקע פון 1086 מייל. אומגעפער אין דער זעלבער צייט האָט קאַליפאָרניע געגעבען ערלויבעניש אַ צווייטער אַקציע־געזעלשאַפט, די „סענטראַל פאַסיפיק", צו בויען אַ ליניע פון סעקראַמענטאָ ביז נעוואַדאַ, אַ שטרעקע פון 689 מייל. די צוויי ליניעס צוזאַמען האָבען עס געדאַרפט דורכשניי־

דען די גאנצע ברייט פון דער ווייטער וועסט. די „יוניאן פּאַ־סיפיק“ קאָמפּאַניע האָט פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג באַקומען גרויסע שטרעקעס לאַנד און גרויסע סומען געלד אלס „דער־מוטיגונג“ אָנצוגיין מיט דער ארבייט. די קאָמפּאַניע האָט באַ־קומען: 1) דעם גאַנצען באָדען אויף וועלכען די ליניע איז געבויט געוואָרען; 2) דאָס רעכט צו נעמען פריי געהילץ, שטיי־נער און זאַמד וואָס זיינען נויטיג פאַר דער בוי־ארבייט; 3) א רעגירונגס־הלואה אויף יעדען מייל וואָס זי האָט אויסגע־בויט (די סומען זיינען געווען פארשידען, לויט די קאָסטען. פאַר געוויסע מיילען — 16 טויזענד דאָלער א מייל, פאַר אַנ־דערע, מער, אזוי פיל ווי 48 טויזענד דאָלער א מייל); 4) בייביידע זייטען פון די ליניעס האָט די קאָמפּאַני געקענט נעמען פאַר זיך, פריי, שטיקער לאַנד און עס פארקויפען — אַן ערך פון 12 טויזענד 800 אקער אויף יעדער מייל.

די ארבייט פון בויען די ליניעס דורך דער פוסטער, האַלב ווילדער וועסט איז געווען פארבונדען מיט די גרעסטע שוועריג־קייטען און געפארען. פון דעם אינזשענערען־שטאַנדפּונקט איז עס געווען איינע פון די גרעסטע וועלט־אונטערנעמונגען. זי ווערט פארגליכען מיט דער אונטערנעמונג פון בויען דעם סועץ קאנאַל. די ליניע האָט זיך געצויגען איבער בערג, דורך געדיכטע וועלדער, דורך מדבריות. די צוויי קאָמפּאַניעס האָבען באַשעפ־טיגט ארום 25 טויזענד ארבייטער. אויפ׳ן פּלאַץ גופא וואו די ליניעס זיינען געבויט געוואָרען זיינען קיין ארבייטער ניט גע־ווען. האָט מען זיי געמוזט ברענגען צופירען פון ווייט. די „סענטראַל פּאַסיפיק“ וועלכע האָט געבויט אין קאַליפאָרניא, האָט מייסטענס באַשעפטיגט כינעזישע קולים, וועלכע זיינען אהער געבראַכט געוואָרען פון כינא ספּעציעל פאַר דעם צוועק. אויף דער „יוניאן פּאַסיפיק“ האָבען געארבייט א גרויסע צאָל אימיגראַנטען, מערסטענס אירלענדער. עסען און קליידער פאַר די ארבייטער האָט מען געמוזט ברענגען פון ווייטע געגענדען. מען האָט פאַר זיי געמוזט בויען וואוינונגען אונטערוועגס. די בוי־מאַטעריאַלען האָט מען אויך געמוזט שלעפּען פון מיילען

ווייטער מען האָט אויפ'ן פּלאַץ געמוזט אויפשטעלן פאַבריקען צו גיסען אייזען און צו מאַכען די נויטיגע מאַשינען. אויסער די אלע שוועריגקייטען איז געווען די שטענדיגע געפאַר פון די פיינדליכע אינדיאַנער וואָס האָבען זיך געפונען אין יענעם געגענד. פּראָפעסאָר פאַרמאַן שרייבט: א סך אינדיאַנער האָבען געקוקט אויף דער ארבייט פון די ווייסע מיט אייפערזיכטיגע אויגען און האָבען געמאַכט א סך שטערונגען. די אינדיאַנער האָבען באַטראַכט דאָס בויען פון דער באַן אלס א רויבעריי איבער זיי. זייער פיינדשאַפט איז געווען אזוי גרויס אז מען האָט די ארבייט געמוזט טאָן אונטער א מיליטערישער וואך. אָפט האָבען די אינזשענערען און די ארבייטער געמוזט אוועקלייגען זייערע אינסטרומענטען און געצייג און זיך נעמען צום ביקס.

אָבער נישט קוקענדיג אויף אלץ איז די ליניע פאַרטיג געוואָרען שנעלער ווי מען האָט גערעכענט. דעם 10טען מאַי, 1869, האָבען זיך די צוויי ליניעס באַגעגענט אין אָגדען, יוטאַ און דער סיום איז געפייערט געוואָרען דערמיט וואָס צוויי מענער האָבען מיט זילבערנע האַמערס אריינגעקלאַפּט די פיר לעצטע צוועקעס אין די רעלסען — צוויי גאָלדענע צוועקעס און צוויי זילבערנע.

גלייך נאָכדעם ווי די דאָזיגע ליניע איז פאַרטיג געוואָרען האָט מען גענומען בויען נייע ליניעס, איבערהויפּט אין דער וועסט. אין 1870 האָט מען אנגעפאַנגען בויען די „נאָרטערן פּאַסיפיק”, א ליניע וועלכע האָט פאַרבונדען דולוט מיט פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן. דער קאָנגרעס האָט געשענקט דער קאָמפּאַני 43 מיליאָן אַקער לאַנד. אין דערזעלבער צייט האָט מען גענומען בויען די „סאַטערן פּאַסיפיק” וואָס האָט זיך געצויגען פון סט. לואיס ביז דער אינדיען טעריטאָריע. עס זיינען געבויט געוואָרען א גאַנצער נעץ פון באַנען, קורצע ליניעס, אין דער נאָרדליכער געגענד פון דער וועסט. יעדער שטאַט האָט געזוכט זיך צו פאַרבינדען מיט די ווייטערע ארומיגע געגענדען.

האָט דער ארבייטער עפּעס געוואונען פון דער דאָזיגער גרויסער שפּע? „פון אויבען־אויף, שרייבט פּראָפעסאָר נעווינס,

האָט עס אויסגעוויזען אז יע. ארבייט איז געווען גענוג און שכירות האָבען זיך געהויבען. מען האָט אפילו גערעדט מיט איבערראַשונג וואס פאַר א גרויסע געלט קלאַסיפיצירטע ארבייטער מאַכען. ווי שטענדיג אין גוטע צייטען האָבען די באַלעבאַטים גערעדט אז די ארבייטער פארשווענדען זייער געלד אויף טרינ־קען, אויף גוטע קליידער, אויף צירונג און פיאַנאָס. אָבער אז מען האָט געמאכט אַן אונטערזוכונג האָט מען געפונען אז די לאַגע איז געווען גאַנץ אַנדערש. סוף 1866 האָט קאָמישאָ־נער וועלס אין א באריכט דערקלערט, אז בשעת די שכירות פון די ארבייטער זיינען זינט 1860 געשטיגען אויף 60 פראָ־צענט, זיינען די קאָסטען אויף לעבענסמיטעל געהעכערט געוואָ־רען אויף 90 פראצענט. דירה־געלט איז נאָך העכער געשטי־גען... די לאַגע פון געוויסע גרופען ארבייטער איז געווען נאָך ערגער. די שניידער און די פארבער האָבען זייערע שכירות גע־הויבען בלויז אויף 50 פראַצענט... קלאַסיפיצירטע ארבייטער האָ־בען איצט געוואוינט אין ערגערע הייזער ווי פאַר דער מלחמה, און טייל האָבען איצט גענעסען ערגערע שפייז. קאָמישאָנער וועלס דערקלערט, אז די גרויסע מאַיאָריטעט פון די ארביי־טער זיינען איצט געווען אין אַן ערגערער לאַגע ווי אין 1860. „אַן ארבייטער אין א גרויסער שטאָט איז געווען גליקליך ווען ער האָט געקראָגען צוויי דאָלער א טאָג. זיבען אין דערפרי האָט ער געמוזט קומען צו דער ארבייט. צוועלף האָט ער באַ־קומען א שטונדע אָפּרו. זעקס אין אבענד האָט ער געענדיגט א צען שטונדיגען ארבייטס־טאָג. אין געוויסע פאכען איז דער ארבייטס־טאָג געווען עטוואס קירצער, אָבער אין אַנדערע א סך לענגער. אזוי, צוםביישפּיל אין ניו יאָרק, האָבען די טראַמ־וויי־און אמניבוס־פירער געארבייט אין ברענענדיגער זון און בייסענדיגער קעלט פון צוועלף ביז זעכצען שעה א טאָג פאַר צוויי דאָלער... דער גורל פון די פרויען־ארבייטער איז אָפט געווען זייער ביטער. ווען דער פרידען איז געקומען זיינען אין ניו יאָרק געווען ניט ווייניגער ווי 15 טויזענד פרויען ארבייטער וועלכע האָבען פאַרדינט צווישען דריי און א האַלב און פיר דאָלער א

וואָך. זיי זיינען באַשעפטיגט געווען אין שעפּער, פאַבריקען און גרויסע קראָמען און זיי האָבען זיך געשעצט גליקליכער ווי די טויזענדע שניידערקעס וועלכע האָבען געשלעפּט אהיים די מאַשינען און געניים העמדער פאַר 75 סענט א טוץ. מיידלאַך אין די שניט־קראָמען אין די גרויסע שטעט, וואס האָבען שטאָל־צירט מיט זייער ציוויליזאַציע, האָבען געאַרבייט פון האלב נאָך זיבען אין דערפרי ביז ניין אדער צען ביינאַכט, אָן א שטול זיך אוועקצוזעצען, אָן שום באַקוועמליכקייט. און פאַר דער דאָזיגער פּראַצע האָבען א סך פון זיי געקראָגען ניט מער ווי פינף דאָלער א וואָך".

די נייע באַנען, און די ענטדעקונג פון מעטאַל־מינען אין דער ווייטער וועסט האָבען געבראַכט א גרויסען שטראָם נייע אי־מיגראַנטען אין יענעם טייל פון לאַנד. די קאָלאָניזאַציע איז איצט געגאַנגען פוןביידע זייטען, אי פון דער וועסט, אי פון דעם פּאַסיפישען ברעג. און ווידעראַמאָל איז אויפגעשוואומען די אַלטע פראַגע וועגען די אינדיאַנער. צווישען דעם טייך מי־סיסיפּי און די ראקי־בערג האָבען זיך איצט געפונען אַן ערך פון א פערטעל מיליאָן אינדיאַנער. זיי האָבען געלעבט פון גע־יעג. זייער גאַנצער פאַרמעגען איז באַשטאַנען פון „פערד און געווער". ווען די ווייסע האָבען אָנגעהויבען אריינצודרינגען אהין האָבען די אינדיאַנער זיך געשטעלט אנטקעגען. צווישען 1865 און 1870 איז צווישען די ווייסע און די אינדיאַנער אָנ־געגאַנגען א שטענדיגע מלחמה. די אינדיאַנער זיינען, פאַרשטייט זיך, באַזיגט געווארען. אָבער א לאַנגע צייט נאָכדעם האָבען זיי זיך אויך ניט בארואיגט. פון צייט צו צייט פלעגט אויסברעכען אַן אויפשטאַנד אין דעם ווינקעל אדער יענעם ווינקעל.

די אינדיאַנער האָבען געהאַט גענוג גרונד זיך צו בונטעווען. די אמעריקאַנער רעגירונג האָט קיינמאָל ניט געהאַלטען איר אָפּ־מאַך מיט זיי. זי פלעגט נעמען אַן אינדיאַנישען שבט, אים אוועקפירען אויף א געוויסען פוסטען פּלאַץ, אים דאָרטען הייסען זיצען מיט דער פאַרזיכערונג אז זי וועט אים פאַרזאָרגען מיט עסענוואַרג און מיט אַנדערע נויטיגע לעבענסמיטעל. עס פלעגט

ניט געדויערען לאַנג און די ווייסע פלעגען נעמען אריינדרינגען אין דער נייער טעריטאריע און אוועקרייסען פון די אינדיאנער שטיקער פון זייער לאנד. די רעגירונג פלעגט אויך אָפט פאר־געסען צו שיקען די עסענוואַרג, אדער די אגענטען פון דער רעגירונג פלעגען די עסענוואַרג צו׳גנב׳ענען און עס פארקויפען, צונעמען דאָס געלד פאר זיך און געבען די אינדיאנער שלעכטע, פארפוילטע שפייז. די ווייסע קאָלאָניסטען פלעגען אויך אויס־הרג׳ענען די הירשען און די ווילדע אָקסען וואס אויף זיי פלעגען די אינדיאנער לעבען.

אין פארלויף פון דער מלחמה האָט די רעגירונג פארפעלט צוצושטעלען די אינדיאנער עסענוואַרג און די אינדיאנער האָבען שטארק געליטען. זיי האָבען געמוזט עסען די קאָרע פון די ביימער אזוי ווי ווילדע חיות. די אינדיאנער פון יוטא זיי־נען ביים סוף פון דער מלחמה געווען אין אזא פארצווייפעלטער לאַגע, אז זיי זיינען ארומגעגאנגען כמעט נאקעט, געשלאָפען אין שניי אָן אַ צודעק און זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער. אָט די לאַגע האָט זיי געטריבען צו מאכען פּאָגראָמען אויף די ישובים פון די ווייסע. איניגע אָנפאלען זיינען געווען גרויזאם און ברוּ־טאַל.

די ווייסע האָבען אויף פּאָגראָמען געענטפערט מיט פּאָ־גראָמען. אין 1864 האָבען די ווייסע דורכגעפירט א שחיטה וואס האָט אויפגעטרייסעלט דאָס לאנד. אן ארמיי פון טויזענד פרייוויליגע אין קאָלאָראדאָ איז באפאלען א פרידליכען ישוב פון אינדיאנער. עס האָבען זיך דארטען געפונען צווישען פינף און זעקס הונדערט מענשען, די מערסטע פון זיי פרויען און קינדער, די ווייסע סאָלדאטען האָבען דעם גאנצען ישוב אויסגעקוילעט אויף א גרויזאמען, בארבארישען אופן. דער אָפיציר וואָס האָט געפירט די סאָלדאטען איז אין דער וועסט באגריסט געווארען אלס אַ העלד. די אינדיאנער האָבען אלס ענטפער איצט אָנגע־הויבען צו שעכטען און ברענען און פארניכטען וואס עס איז זיי געקומען אונטער דער האנט. זיי האָבען איבערגעשניטען טעלע־גראף־דראָטען, אָפּגעשטעלט באַנען און דער׳הרג׳עט די פּאסאַ־

זשירען. זעקס וואכען נאכאנאנד איז אונמעגליך געווען צו פירען די פאסט דורך דער גאנצער וויטער וועסט.

די רעגירונג האט ארויסגעשיקט אן ארמיי פון 25 טויזענד מאן.ביידע צדדים האבען געפירט די מלחמה אויף א פארביטערטען אופן; מען האט ניט געשאנעוועט קיין פרויען, קינדער און אלטע לייט. אין דער וועסט האט געהערשט די שטימונג, אז דער קאמף מוז פארטגעזעצט ווערען ביז וואנען אלע אינדיאנער וועלען אויסגעראטעט ווערען. אבער אין דער איסט זיינען געווען א סך מענשען וואס האבען פראטעסטירט געגען דער בלוט־פארגיסונג. די רעגירונג האט געשיקט קאמיטעס צו אונטערהאנדלען מיט די אינדיאנישע פארשטייער. און ענדליך איז געלונגען צו ווירקען אויף די שבטים זיי זאלען זיך באזעצען אין געוויסע געגענדען אויף די אלטע תנאים און הבטחות.

אין דער וויטער וועסט איז געווען נאך אן ערנסטע פראבלעם: די ווילדע אקסען. זיי פלעגען דארט וואנדערען איבער'ן לאנד אין ריזיגע סטאדעס. ווען די ווייסע האבען זיך גענומען באזעצען אין יענעם טייל זיינען אין די סטאדעס דארט געווען אן ערך 15 מיליאן בופעל־אקסען. די סטאדעס פלעגען וואנדערען איבער דער גאנצער לענג פון דעם קאנטינענט, פון קענעדע ביז דעם גאלף. זיי פלעגען גיין הין און צוריק, ווינטער קיין דרום און זומער קיין צפון. אין די פריערדיגע יארען פלעגען די אינדיאנער שיסען די אקסען; דאס פלייש פלעגען זיי עסען און די פעל פלעגען זיי באנוצען אלס צודעקען און פארביידלאך. די אינדיאנער אבער פלעגען שיסען בלויז אזוי פיל אקסען ווי זיי האבען געדארפט פאר זייער געברויך. די ווייסע אבער האבען זיך גענומען די אקסען אינגאנצען אויסצוראטען. פאר זיי איז דאס געווען א געשעפט. צווישען 1870 און 1874 איז הרג'ענען אקסען געווען איינע פון די הויפט אינדוסטריען אין דער וועסט. אין די עטליכע יאר זיינען אין דעם זידליכען טייל אליין אויסגעשאסען געווארען נאענט צו פיר מיליאן אקסען. דער הויפט האנדעל איז געווען מיט די פעל. די אקסען זייבען געווען א וויכטיגער נאציאנאלער פארמעגען. ווען

די רעגירונג וואלט קאָנטראָלירט דעם גײעג אויף זיי וואלטען זיי ביז היינט פארבליבען א קוואל פון גוטע פלייש און גוטע פעל. אָבער קיין קאָנטראָל איז ניט געווען. יעדערער וואָס האָט געהאט א ביקס אין האנט האָט געשאָסען. דער רעזולטאט איז געווען אז אין פארלויף פון א פּאָר צענדליג יאָר איז פון דעם גאנצען מין בופעל־אָקסען כמעט קיין זכר ניט געבליבען.

דער שטראָם פון אימיגראַציע צו דער וועסט איז אַלץ געוואקסען. לאנד איז דאָרטען געווען לייכט צו באַקומען. די רעגירונג האָט אוועקגעגעבען לאנד אומזיסט אונטער דעם „האומ־סטעד געזעץ”. אין 1871 האָבען זיך מיט דער געלעגענהייט באַנוצט זעקס טויזענד פאַמיליעס; אין 1872, מער ווי צען טויזענד פאַמיליעס, און אין 1875 — נאָענט צו 23 טויזענד פאַמיליעס. די אומזיסטע ערד איז פארנומען געווארען הויפּט־זעכליך פון פאַמיליעס וואָס האָבען ניט געהאט קיין מזומן געלד. זיי האָבען אויפגעשטעלט כאַטקעס פון ערד אדער ברעטער און האָבען געארבייט ווי שקלאַפען און אָפּגעשפּאָרט יעדען סענט כדי צו קענען קויפען מאַשינען, בהמות און פערד. די באַן־קאָמ־פּאַניעס וועלכע האָבען פון דער רעגירונג באַקומען ארום 125 מיליאָן אַקער לאנד האָבען געזוכט דאָס לאנד צו פארקויפען צו קאָלאָניסטען. די „אילינאָי סענטראל קאָמפּאַני” האָט ביז 1871 פארקויפט איבער צוויי מיליאָן אַקער פאר צען דאָלער און 61 סענט אַן אַקער. די „יוניאַן פּאַסיפיק” האָט ביז סוף 1872 פארקויפט צוויי־דריטעל מיליאָן אַקער פאר פיר דאָלער מיט 72 סענט אַן אַקער. א גוטער ארבייטער אין שטאָט, וועלכער פלעגט קריגען א חשק צו האָבען אַן אייגענע פארם האָט אין איין טאָג געקענט פארדינען גענוג צו קויפען אַן אַקער לאנד. די „באָיר־לינגטאָן און מיזורי ריווער קאָמפּאַני” האָט אין 1870 פאר־קויפט לאנד אין אייאָווא פאר א פּרייז פון צען ביז דרייסיג דאָ־לער אַן אַקער, און אין נעבראַסקא — פון איין ביז צען דאָלער אַן אַקער. זי האָט ארויסגעשיקט אגענטען אין דער איסט און אפילו אין ענגלאנד, איינצורייידען מענשען זיי זאָלען קויפען ערד. די באַן קאָמפּאַניעס זיינען געווען פאראינטערעסירט, אז זייער לאנד

זאל באארבייט ווערען, אז אויף אים זאלען זיך באזעצען פארמער כדי די באנען זאלען שפעטער האבען א הכנסה. זייערע אגענטען האבען געבראכט צו פירען אלערליי מענשען און זיי איינגערעדט צו ווערען פארמער. א סך פון די מענשען האבען צו פארמעריי ניט געטויגט. א סך האט מען איינגערעדט, אז די ערד איז פיל פעטער און פרוכטבארער ווי זי איז געווען אין אמת'ן. דערפון זיינען ארויסגעקומען א היבש ביסעל טראגעדיעס. א סך קאלאניסטען-פאמיליעס האבען שטארק געליטען און טייל זיינען רואינירט געווארען. אבער די גרעסטע צאל האט זיך ווי עס איז איבערגעמוטשעט און זיינען פארבליבען פארמער.

די קאלאניסטען אין דער ווייטער וועסט האבען זיך דער עיקר אפגעגעבען מיט צוויי באשעפטיגונגען: תבואה און פי. די פעלדער אין דער נאענטער וועסט זיינען געווען גוט פאר פאשע. מען פלעגט אהין ברענגען יונגע קעלבער, זיי אויספאשען און דערנאך פארקויפען פאר פיר אדער פינף מאל אזוי פיל ווי זיי האבען געקאסט. די דארטיגע סטאדעס פלעגען ציילען פון עטליכע הונדערט ביז צען טויזענד בהמות און אקסען. אין די צען יאר פון 69 ביז 1879 זיינען פון דער וועסט ארויסגעשיקט געווארען צו די שלאכטהייזער ניט ווייניגער ווי פיר מיליאן שטיק פי. די מענשען וואס זיינען געווען באשעפטיגט אויף די פאשעס (רענטשעס) און וואס פלעגען דערנאך די סטאדעס ברענגען צום מארק האבען זיך גערופען „קאו באים" (בהמה בחורים). זייער ארבייט איז געווען זייער שווער און פארבונדען מיט געפאר. זיי האבען געדארפט באשיצען די בהמות געגען אנפאלען פון אינדיאנער, זיי איינהאלטען פון אנטלויפען, זיי פירען איבער זומפען און טייכען. אין א שטורעמדיגען וועטער ווען די בהמות פלעגען ווערען צושראקען און צוווילדעוועט האבען זיך די „קאו באים" ניט געוואגט לייגען שלאפען, טאמער וועלען די בהמות אנטלויפען... די „באיעס" האבען געמוזט זיין שטארק, פלינק אויפ'ן פערד און געשיקט מיט דעם שטריק. וועגען זייער לעבען איז אנגעשריבען געווארען א גאנצע ראמאנטישע ליטערא-

טור. דער „קאו באָי“ איז ביז היינטיגען טאָג פארבליבען א ראָמאַנטישע, העלדישע פיגור אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע און ליטעראַטור.

די „רענטשעס“ און זייערע ”קאו באָיס“ האָבען ניט געוואלט ליידען וואס אויפ׳ן לאַנד האָבען זיך גענומען באַזעצען פאַרמער. די „רענטשערס“ פלעגען זייערע סטאַדעס פאַשען אויפ׳ן ניט־באַזעצטען לאַנד אפילו ווען דאָס לאַנד האָט ניט באַלאַנגט צו זיי... איצט אָבער, אז אויפ׳ן ליידיגען לאַנד האָבען זיך באַזעצט פאַרמער האָט דער „רענטשער“ געמוזט זוכען פאַשע ערגעץ אנדערש. דורכדעם זיינען ארויסגעקומען קריגערייען, וועלכע האָבען געפירט צו געשלעגען און מאָרדען. די רעגירונג האָט אָבער פאַרטיידיגט די פאַרמער און ביסלעכווייז איז דער „רענטשער“ פון דאָרטען ארויסגעשטויסען געוואָרען.

קאַפּיטעל 38.

פּאָליטישע קאָרופּציע אין וואַשינגטאָן און אין די גרויסע שטעט.

די אכט יאָר פון פּרעזידענט גרענט'ס אדמיניסטראַציע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט פּאָליטישע קאָרופּציע ניט בלויז אין דער נאַציאָנאַלער רעגירונג, נאָר אויך אין די שטאַט און שטאָט־רעגירונגען איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד. א גאַנצע ריי סבות ווערען פאַר דעם אָנגעגעבען. ערשטענס, דער ריזיגער וואוקס פון קאַפּיטאַל, די שנעלע אויסשפּרייטונג און אנטוויקלונג פון וויכטיגע אינדוסטריען. צווייטענס, די מאָראַלישע צוטרייסלונג פון לאַנד וואס איז געקומען אלס רעזולטאַט פון די פיר בלוטיגע יאָר. דריטענס, די געלעגענהייטען וואָס פּאָליטיקער און קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאַט צו מאַכען געלד דורך מלחמה־קאָנטראַקטען. סענאַטאָר הענרי ווילסאָן פון מאַסאַטשוזעטס האָט אין 1869 געשריבען „די מאַכט פון קאַפּיטאַל שטעלט מיט זיך פאָר א נייע געפאַר, וואָס סטראַשעט אונז אַלץ מורא'דיגער און מורא'דיגער... די נייע געפאַר ווייזט איר פּנים אין די שווינדלען, כאַבאַר און אין פאַרשידענע פאָרמען פון קאָרופּציע, מיט וועלכע אונזער צייט איז אַזוי רייך. קאַפּיטאַליסטען און אַקטיווע געשעפטסלייט, — יאגענדיג זיך נאָך ערפאָלג, באַנוצען זיך מיט כל'ערליי מיטעל, אַבי דאָס קען זיי נאָר ברענגען ערפאָלג". אַן אונטערזוכונגס קאָמיטע פון קאָנגרעס האָט אין איר באַריכט אין 1873 געזאָגט: „דאָס לאַנד ווערט שנעל אָנגעפילט מיט ריזיגע קאָרפּאָראַציעס וואס קאָנטראָלירען ריזיגע קאַפּיטאַלען. דאָס גיט זיי גרויס איינפלוס און מאַכט. זיי זיינען די הערשענדע מאַכט אין א סך שטאַט־רעגירונגען". דער זשורנאַל „ניישאָן" האָט אין

1868 געשריבען: „עס איז כמעט ניטאָ קיין איין לעדזשיסליי־טשור אין לאנד וועלכע שטייט ניט אונטער חשד פון קאָרופּציע; עס איז כמעט ניטאָ קיין איין געריכט איבער וועלכען עס הענגט ניט דערזעלבער חשד".

צווישען די גרויסע צאָל קאָרופּטע פּאָליטישע פּירער און רעגירונגס־בעאמטע וואס יענע צייט האָט ארויסגעבראכט האָט דעם שווארצעסטען פלעק איבערגעלאָזט וויליאם מ. טוויד, וועל־כער איז באקאנט אין דער געשיכטע אלס „באָס טוויד". דער נאָמען „טוויד" ווערט ביז היינטיגען טאָג באנוצט צו באצייכענען דעם העכסטען גראד פון פּאָליטישער דעמאָראליזאציע און פארדאָרבענקייט. טוויד איז געוועזען דער הערשער, דער „באָס" פון „טעמעני האָל", די דעמאָקראטישע אָרגאניזאציע פון ניו יארק. ער האָט קאָנטראָלירט ניט בלויז די רעגירונג פון דער שטאָט נאָר אויך פון דעם שטאַט. ער האָט זיך ניט באנוגענט דערמיט וואס ער האָט דעמאָראליזירט די רעגירונגס־בעאמטע פון זיין אייגענער פּארטיי. ער האָט אונטערגעקויפט ניט נאָר דעמאָקראטישע בעאמטע און געזעץ־געבער, נאָר אויך רעפּובליקאנישע. אין דער לעדזשיסלייטשור פון 1870 אין אלבאני האָבען די זעקס וויכטיגסטע רעפּובליקאנישע סענאטאָרען באקומען פון באָס טוויד צו צוואנציג טויזענד דאָלער. פאר דעם דאָזיגען כאבאר האָבען זיי זיך מתחייב געוועזען צו טאָן אלעס וואס ער וועט זיי הייסען.

וויפיל טוויד און זיינע חברים האָבען אנגע'גנב'עט פון דער שטאָט קאסע איז קיינמאָל ניט פעסטגעשטעלט געווארען. די סומע ווערט געשאצט פון צווישען 26 און 45 מיליאָן דאָלער. טוויד האָט אין 1871 זיך בארימט, אז ער פארמאָגט צוואנציג מיליאָן. דאָס איז אָבער בלויז א טייל פון די קאָרופּטע געלד וואָס די לייט האָבען באקומען. זיי האָבען אויסער דעם באקומען כאבאר פון גרויסע קאפּיטאליסטען, וועלכע האָבען געזוכט טובות פון דער רעגירונג. אין יענער צייט זיינען פאָרגעקומען „מלחמות" צווישען גרופּען מאגנאטען איבער דעם קאָנטראָל פון אייזענבאנען און יעדע פון די גרופּען האָט געזוכט צו קריגען די רעגירונג אויף איר זייט. טוויד האָט זיי פארקויפט די „פריינדשאפט" פון די

בעאמטע, פון די ריכטער, פון דער לעדזשיסלייטשור. די ערג־
סטע יארען פון טוויד'ס קארופטער הערשאפט איבער דער שטאט
ניו יארק זיינען געווען פון 1869 ביז 1871. מען שאצט אז
אין יענע יארען האט זיך ביי טוויד'ן און זיינע חברים אפגע־
שטעלט 85 סענט פון יעדען דאלער פון דער רעגירונג'ס הוצאות.
דעם שענדליכסטען „גרעפט"־סקאנדאל האט טוויד דורכגעפירט
אין פארבינדונג מיט א נייער געריכט־געביידע וואס די שטאט ניו־
יארק האט געבויט. מען האט די געביידע אנגעהויבען בויען
אין 1868 און דעמאלט האט מען אפגעשאצט אז זי וועט דאר־
פען קאסטען א פערטעל מיליאן דאלער. ביז 1871 האט די
געביידע אפגעקאסט אכט מיליאן, און זי איז נאך אלץ ניט גע־
ווען פארטיג. עס ווערט דערציילט, אז אין א געוויסען טאג
אין 1870 האבען די שטאט־בעאמטע, טוויד'ס מענשען, אויסגע־
צאלט רעכענונגען פאר פופצען מיט דריי פערטעל מיליאן דאלער,
און אז פערצען מיליאן דערפון איז געווען „גרעפט" (כאבאר).
פאר צוויי טעג ארבייט האט א מוליער באקומען פון דער שטאט,
אין „שכירות", 138 טויזענט 187 דאלער! יעדערער וואס האט
געטאן ארבייט פאר דער שטאט האט געמוזט אנגעבען א חשבון
אויף צוויי, דריי און אפילו מער מאל אזוי פיל ווי ער האט זיך
באדונגען און דאס איבערגענומענע געלט האט ער געמוזט אפ־
געבען טוויד'ן. אויב ער האט זיך אנטזאגט דאס צו טאן האבען
די שטאט־בעאמטע אים גארניט באצאלט. גיין קלאגען אין
געריכט האט ער ניט געקענט, ווייל די ריכטער זיינען געווען
טוויד'ס משרתים. אט איז א ביישפיל: די רעגירונג האט
געדונגען באראקען צו מושטירען די מיליץ־סאלדאטען. באדונ־
גען האט זיך די שטאט צו צאלען 46 טויזענד דאלער. די איי־
גענטימער פון די באראקען האבען דערנאך צוגעשטעלט א חשבון
אויף 130 טויזענד דאלער. אויף דעם חשבון זיינען געשטאנען
אדרעסען פון באראקען וואס זיינען אויף דער וועלט ניט געווען.
די באלעבאטים האבען נאטירליך דאס איבעריגע געלד ניט גע־
נומען פאר זיך. זיי האבען עס אפגעגעבען טוויד'ן.

די מערסטע צייטונגען פון שטאט האבען ניט געוואגט צו

אטאקירען טוויד'ן ווייל זיי האָבען דורך אים באקומען גרויסע סומען געלד פאר שטאָטישע אנאָנסען. די ניו יארק „וואָירלד" האָט, פארקערט, אים שטענדיג פארטיידיגט. די „סאָן" האָט אפילו איינמאָל געמאכט אַ פאָרשלאג, אז די שטאָט זאָל טוויד'ן שטעלען א מאָנומענט. איין צייטונג אָבער האָט ניט אויפגעהערט צו דערציילען דעם אמת וועגען טוויד'ס קאָרופּציע. דאָס איז געווען די „טאַימז". טוויד'ס מענשען האָבען אָנגעבאָטען דעם רעדאקטאָר א מיליאָן דאָלער ער זאָל שווייגען. דער רעדאקטאָר האָט זיך אנטזאגט צו נעמען כאבאר און האָט זיינע אטאַקעס פאָרטגעזעצט. טוויד האָט אויך געהאט אויף זיין זייט די רייכסטע מענשען פון שטאט. אין 1870 האָבען זעקס פון די רייכסטע און אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים, איינער פון זיי דזשאן דזשייקאָב אסטאָר, זיך אונטערגעשריבען אויף אן ערקלערונג, אז זיי האָבען אונטערזוכט די שטאָטישע פינאנצען און האָבען געפונען אז אַלץ איז קאָרעקט און ערליך. שפּעטער האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז טוויד האָט די זעקס רייכע לייט געצוואונגען דאָס צו טאָן. אויב ניט, האָט ער זיי געסטראַשעט, וועט די שטאט רעגירונג העכערען די שטייערען אויף זייערע הייזער (די זעקס מענשען האָבען געהאט אַ סך ריעל עסטייט — ערד־אייגענטום, אין ניו יארק).

די אטאַקעס פון דער „טאַימז" האָבען ענדליך מיטגעבראכט טוויד'ס מפּלה. אין מיטען יאר 1871, האָט די „טאַימז" באקומען קאָפּיעס פון חשבונות פון די שטאָטישע הוצאות. די קאָפּיעס זיינען צו דער צייטונג צוגעשטעלט געווארען פון טוויד'ס א חבר, וואס האָט זיך מיט אים צוקריגט. די „טאַימז" האָט די דאָקומענטען אפּגעדרוקט און דאָס האָט אויפגעשטורעמט די שטאָט. טויזענטער בירגער האָבען אפּגעהאלטען פארזאמלונגען און געפאָדערט א גרינטליכע אונטערזוכונג. די רעגירונג האָט ניט געוואגט די פאָדערונג צו איגנאָרירען. א קאָמיטע איז באַשטימט געווארען. זי האָט ניט געהאט קיין שוועריגקייט אויפצודעקען די בערג מיט כאבאר. טוויד איז ארעסטירט געווארען. דער באַן־מאגנאט, דזשיי גולד, האָט פאר אים איינגעלייגט א

מיליאָן דאָלער „בעיל". אביסעל שפּעטער האָט טוויד געמאכט א פארזוך צו אנטלויפען קיין שפאניען. מען האָט אים אָבער אויפ'ן וועג געכאפּט. ער איז פאראורטיילט געווארען צו זיצען צוועלף יאָר אין געפעננגנים. אין 1878 איז ער געשטארבען אין דעם ניו יארקער „לודלאָוו סטריט דזשייל".

די לאגע אין פּענסילוויינא איז געווען ניט קיין סך בעסער ווי אין ניו יארק. די צוויי פּאָליטישע „באָסעס" וואס האָבען דאָרט געהערשט זיינען געווען: סאלאמאן קאמעראן, וועלכער האָט געמוזט רעזיגנירען פון לינקאָלנ'ס קאבינעט צוליב גנבות, און מעטיו קוויי, וועלכער איז געווארען כמעט אזוי „בארימט" ווי טוויד. די באָסעס האָבען זייערע גרעפּט קאָמבינאציעס געמאכט מיט דער „פּענסילוויינא באַן־געזעלשאפט" און מיט די קוילען־קאָמפּאניעס פון פּענסילוויינא. די וויכטיגסטע שטאט פון פּענ־סילוויינא, פילאדעלפיא, איז פון די רעגירונגס־בעאמטע באַ־רויבט און באשווינדעלט געווארען אזוי ווי ניו יארק. אין 1871 האָט מען דעם שטאט קאסיר געכאפּט ביי א גנבה פון א האַל־בען מיליאָן.

און וואס איז געווען אין דער ווייטער וועסט? אין 1867 איז די לעדזשיסלייטשור פון אילינאָי געווען שרעקליך קאָרופּ־טירט; אין 1868 האָט זי דורכגעפירט א גאנצען בארג מיט קאָ־רופּטע געזעצען. אין 1870 האָט די אילינאָי'ער רעגירונג ממש מיט די הענט אריינגעלייגט אין די קעשענעס פון קאָרפּאָראציעס צענדליגער מיליאָנען דאָלער. אין וויסקאָנזין איז אונמעגליך געווען דורכצופירען א געזעץ וואס די באַן־קאָמפּאנים האָבען ניט געוואָלט. די געזעץ־מאכער זיינען געווען פארקויפט צו די באַן־קאָמפּאניעס. אין אייאָווא, וואס איז געווען אזא „מאָראַ־לישער" שטאט, אז דער גאָווערנאָר האָט איינמאָל געשיקט מי־ליץ־סאָלדאטען אָפּצושטעלען א „פּרייז־פייט" — דאָרט איז די קאסע פון דעם אגריקולטור אוניווערזיטעט פלוצלונג פארשוואונ־דען. אין מינעסאָטא האָט מען דעם שטאט־קאסיר ארייננגעזעצט פאר גנבה. אין מיזורי האָט מען געכאפּט ביים האנט א קאנ־דידאט פאר'ן יונייטעד סטייטס סענאט, וועלכער האָט געוואָלט

אונטערקויפען די מיטגלידער פון דער לעדזשיסלייטשור. אין קענזעס האָט פּאַסירט אזא געשיכטע: צוויי קאַנדידאַטען זיינען געלאָפען פאַר׳ן יונייטעד סטייטס סענאַט. די וואַלען זיינען פאָרגעקומען אין דער לעדזשיסלייטשור. אינמיטען שטימען האָט זיך אויפגעשטעלט א מיטגליד פון דער לעדזשסלייטשור, אוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש 7,000 דאָלער און דערקלערט, אז דאָס געלט האָט אים איינער פון די קאַנדידאַטען געגעבען כאבאר. די אָנהענגער פון דעם באַשולדיגטען קאַנדידאַט האָבען דאָס ניט געוואגט אָפּצולייקענען. אַלע האָבען געוואוסט אז דאָס איז געווען אמת.

די נאַציאָנאַלע רעגירונג אין וואַשינגטאָן איז געווען ניט בעסער ווי די שטאַט־רעגירונגען. די באַן־קאָמפּאַניעס האָבען געהאט זייערע אַגענטען אין דער הויפּט־שטאָט, אגענטען וועלכע זיינען געווען בריות אויף אונטערקויפען קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרען. די „יוניאן פּאַסיפיק” האָט אין די ערשטע עטליכע יאָר פון איר עקזיסטענץ אויסגעגעבען א האַלבען מיליאָן אויף כאַבאַר אין וואַשינגטאָן. דאָס שטייערען־ביוראָ פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג איז געווען דורכגעפרעסען מיט קאָרופּציע. אַנשטאָט צו צאָלען שטייערען צו דער רעגירונג האָבען א סך קאָמפּאַניעס אונטערגעקויפט די בעאַמטע און זיך מיט זיי געטיילט מיט די שטייערען.

דער גרעסטער כאַבאַר־סקאַנדאַל אין דער נאַציאָנאַלער רעגירונג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יאָר 1867, עטליכע מאָנאַטען איידער גרענט איז אויסגעוויילט געוואָרען פּרעזידענט. דערוואוסט האָט מען זיך דערפון ערשט מיט פיר יאָר שפּעטער, ווען גרענט איז שוין געלאָפען פאַר א צווייטען טערמין. אין דעם סקאַנדאַל זיינען פארמישט געווען די פּראָמינענטסטע מענשען אין קאָנגרעס און אין סענאַט, די וויכטיגסטע פיגורען אין דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. דער סקאַנדאַל איז באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען „קרעדיט מאָביליער“.

אָט זיינען בקיצור די וויכטיגע איינצעלהייטען פון דער געשיכטע: אין 1864 האָט דער קאָנגרעס באַפאָלמעכטיגט די

„יוניאן פאסיפיק קאמפאניע“ צו בויען איר אייזענבאן. די קאמ־פאניע, ווי עס איז שוין פריער דערציילט געווארען, האט פון דער רעגירונג באקומען: ערשטענס, פריי דאס לאנד וואו די באן איז געלאפען; צווייטענס, א הלואה פון 27 מיליאן דא־לער (אין דער פארמע פון רעגירונגס־וועקסלען); דריטענס, גרויסע שטרעקעס ערד ביי ביידע זייטען פון דער ליניע, און פערטענס, דאס רעכט ארויסצולאזען אייגענע וועקסלען אויף נאך 27 מיליאן דאלער.

איינער פון די הויפט פירער פון דער „יוניאן פאסיפיק קאמפאניע“ איז געווען א קאנגרעסמאן פון מאסעטשוזעטס, א רייכער מאן מיט'ן נאמען אקס איימס. ער, צוזאמען מיט די איבעריגע פירער פון דער „יוניאן פאסיפיק“, האבען שטילער־הייט ארגאניזירט א נייע קאמפאניע מיט'ן נאמען „די קרעדיט מאביליער“, וועלכע האט פון דער „יוניאן פאסיפיק“ באקומען דעם קאנטראקט צו בויען די באן. דאס הייסט, די מענשען וועלכע האבען קאנטראלירט די „יוניאן פאסיפיק“ האבען זיך אליין איבערגעגעבען די בוי־ארבייט. זיי האבען נאטירליך אליין באשטימט וויפיל זיי זאלען קריגען פאר דער ארבייט באצאלט. די „יוניאן פאסיפיק“ האט דאך געהאט געלט וואס די רעגירונג האט איר געגעבען (27 מיליאן דאלער אין באנדס, און די פרייע שטרעקעס לאנד). דאס דאזיגע געלט האט „די קרעדיט מאביליער“ איצט צוגענומען פאר דער ארבייט פון בויען. זי האט אבער געמאכט אזא חשבון, אז פון די רעגירונגס־באנדס און פון דער פרייער ערד האט זי פארדינט איבער צוואנציג מיליאן דאלער. די „קרעדיט מאביליער“ האט אויך באקומען אלס א טייל פון איר באלוינונג „סטאק“ פון דער קאמפאניע און זי האט עס גערעכענט דרייסיג סענט אויפ'ן דאלער.

די אייזענבאן איז פארטיג געווארען אין 1867. גלייך נאכ־דעם האט מען אין לאנד גענומען ריידען וועגען די אומערליכע זאכען וואס זיינען אפגעטאן געווארען אין פארבינדונג מיט דער אונטערנעמונג. דערצו האט א קאנגרעסמאן פון דער וועסט

אריינגעטראָגען א פאָרשלאַג, אז די רעגירונג זאָל קאָנטראָלירען די פראכט־פרייזען פון דער „יוניאן פאַסיפיק". אָקס איימס האָט זיך מישב געווען, אז מען דאַרף זיך באַצייטענס באַשיצען גע־גען די אַלע אַטאַקעס, און ער האָט באַשלאָסען אונטערצו־קויפען אויף א פארשטעלטען אופן די איינפלוסרייכע מיטגלידער פון קאָנגרעס. ער האָט גענומען 343 אקציעס פון דער „קרע־דיט מאָביליער" און זיי פארקויפט צו די מענשען. דער פרייז פון די אקציעס אויף דער בירזשע איז דעמאָלט געווען ווייניג־סטענס 200 דאָלער. האָט ער ביי די קאָנגרעסלייט און סענאַ־טאָרען גענומען ניט מער ווי הונדערט דאָלער. די וואס האָבען די הונדערט דאָלער אויך ניט געהאַט האָט ער דאָס געלט אויס־געבאָרגט. ער האָט זיי געזאָגט, אז ער וועט פאר זיי די אק־ציעס האַלטען און זיי געבען די פּראָפיטען. נאָכדעם ווי ער האָט די אקציעס פארקויפט האָט איימס געשריבען אין א בריוו צו זיינעם א פריינד: „איצט האָב איך קיין מורא ניט פאר קיינע אונטערזוכונגען פון קאָנגרעס. . . איך האָב די אקציעס געברויכט דאָרטען וואו זיי וועלען אונז ברענגען די בעסטע רע־זולטאַטען. . . צוליב וואַשבוירנ'ס ארויסטריט (וואַשבוירן איז דאָס געווען דער קאָנגרעסמאַן וואס האָט געמאַכט דעם פאָר־שלאַג וועגען קאָנטראָלירען די פרייזען פון דער יוניאן פאַסי־פיק) דאַרף מען טאקע גלייך אויסצאָלען די פּראַצענטען אויף די אקציעס".

די געשיכטע איז פארבליבען א געהיימניס ביז 1872. דאַן האָט פאַסירט, אז איינער פון די גרינדער פון דער „קרעדיט מאָ־ביליער" האָט זיך צוקריגט מיט איימס און ער האָט די אַלע פאַקטען פארעפענטליכט אין א ניו יארקער צייטונג. דער קאָנ־גרעס האָט באַשטימט א קאָמיסיע אויסצופאָרשען די זאַך און די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט אז די באַשולדיגונג איז ריכ־טיג. איינער פון די וואס האָבען באקומען די כאַבאַר־אקציעס איז געווען סקיילער קאָלפעקס. בשעת ער האָט די אקציעס גע־קראָגען איז ער געווען דער „ספּיקער" אדער פאָרזיצער אין רעפּרעזענטאַנטען־הויז. איצט אָבער איז ער שוין געווען דער

וויס־פרעזידענט פון לאנד. די קאמיטע האט רעקאמענדירט אז קאנגרעסמאן איימס און קאנגרעסמאן ברוקס פון ניו יארק זאלען אויסגעשלאסען ווערען פון רעפרעזענטאנטען הויז. דער קאנגרעס האט דאס אבער ניט געטאן. ער האט זיך באנוגענט מיט ארויסטראגען א טאדלונג געגען די צוויי הויפט־שולדיגע אין דעם סקאנדאל. א סענאט־קאמיטע, וועלכע האט אויך געמאכט אן אונטערזוכונג האט רעקאמענדירט, אז סענאטאר פעטערסאן פון ניו העמפשיר, זאל אויסגעשלאסען ווערען. אבער אזוי ווי זיין טערמין האט געהאלטען סיי־ווי ביים סוף, האט דער סענאט באשלאסען אים ניט צו טשעפען. קאלפעקס און די איבעריגע שולדיגע זיינען אינגאנצען ריין געוואשען געווארען. איינער פון זיי, גארפילד, א קאנגרעסמאן פון אהייא, איז מיט אכט יאר שפעטער אויסגעקליבען געווארען פרעזידענט פון די פאר־אייניגטע שטאטען.

די האנדעלס־וועלט אין אמעריקא איז קיינמאל ניט געווען אזוי געזונקען מאראליש ווי אין די יארען נאכ'ן בירגער־קריג. עס זיינען פארגעקומען ריזיגע גנבות און שווינדלען אין די גרעסטע קארפאראציעס, און פארמישט אין די גניבות און שווינדלען זיינען געווען אייניגע פון די פראמינענטסטע מענשען פון דעם קאפיטאליסטישען קלאס. גרויסע רעגירונגס־בעאמ־טע זיינען אפט געווען שותפים אין די פארברעכענס. איינע פון די גרעסטע גנבות פון דעם מין איז געשען אין דער פירמע „קעטשעם, מיין ענד קאמפאני“ פון ניו יארק. דער הויפט פון דער פירמע, עדווארד קעטשעם, האט אנגע'גנב'עט אקציעס אויף דער סומע פון צוויי און א האלב מיליאן דאלער און געמאכט פאלשע גאלד־נאטען אויף נאך א מיליאן און א פערטעל.

אומגעפער א יאר שפעטער האט א געוויסער דזשאן דאס אנגעשווינדעלט ביי פריוואטע מענשען און ביי באנקען די סומע פון א האלבען מיליאן.

מען האט געשווינדעלט מיט די אקציעס פון פארשידענע קארפאריישאנס. די קרבנות זיינען געווען דער גרויסער עולם, וואס האט צו די קארפאריישאנס געהאט צוטרויען.

די רעגירונג האָט געלאָזען די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנע־מער טאָן וואָס זיי געפעלט. דער גרויסער עולם האָט נאָך דע־מאָלט ניט געהאַט קיין ערפאַרונג מיט די „קונצען" פון די ספּעקולאַנטען און די טראָסט־פירער. זיי האָבען געהאַט צו־טרויען צו די מענשען און געגלויבט זייערע גאָלדענע הבטחות. ווען עס פלעגט באַקאַנט ווערען אז א געוויסע קאָמפּאַניע אין א נייער אינדוסטריע האָט געמאַכט געלד פלעגען זיך אָרגאַניזירען נייע קאָמפּאַניעס אין דער זעלבער אינדוסטריע און דער עולם פלעגט כאַפּען די אַקציעס פון די נייע קאָמפּאַניעס, גלויבענדיג אז זיי וועלען שנעל רייך ווערען. זייער אָפט פלעגען די נייע קאָמפּאַניעס געגרינדעט ווערען פון שווינדלער וועלכע פלע־גען צונעמען דאָס געלד און פאַרשווינדען. פּראָפעסאָר נעווינס שרייבט: „א סך מער מענשען זיינען רייך געוואָרען דורך שווינדלען מיט אויל אַקציעס ווי דורך ענטוויקלען אויל־קוואַלען. באַן־בוי איז אויך געווען א פרוכטבאַרער פעלד פאַר באַ־שווינדלען אומדערפאַרענע. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען באַן־קאָמפּאַניעס וואָס פלעגען פאַרשפּרעכען צו צאָלען צען פּראָ־צענט און מער. נאָכדעם ווי די אַקציעס זיינען פאַרקויפט גע־וואָרען האָט זיך ארויסגעוויזען אז זיי זיינען אבסאָלוט ווערט־לאָז. א געוויסע באַן־קאָמפּאַניע אין וועלכער דער פּראָמינ־ענטער פּאָליטישער פירער דזשיימס דזש. בלעין איז געווען פאַר־אינטערעסירט, האָט זיך ארויסגעוויזען פאַר אן אבסאָלוטען שווינדעל. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס די פּאָלי־טישע פירער און הויכע בעאַמטע וואָס זיינען געווען שותּפים אין די שווינדלערישע קאָמפּאַניעס האָבען דורכדעם ניט געלי־טען אין זייער רעפּוטאַציע. דער אמעריקאַנער אמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד אין 1870, האָט דאָרטען געהאָלפען פאַרקויפען אַק־ציעס פאַר א מינען־קאָמפּאַניע אין אמעריקא. די קאָמפּאַניע האָט באַנקראָטירט און ער איז ווייטער געבליבען אין זיין אמט, כאָטש אין ענגלאַנד האָט מען אים געהאַלטען פאַראַנטוואָרט־ליך פאַר די פאַרלוסטען פון די ענגלישע אקציאָנערען.

די גרעסטע פאַרלוסטען האָט דער גרויסער עולם געליטען

פון די באנקראָטען פון לעבענס־פארזיכערונגס־געזעלשאפטען און פון שפארבאנקען. אין פארלויף פון די אכט יאָר צווישען 1870 און 1878 האָבען ניט ווייניגער ווי 28 אזעלכע קאָמפאניעס צו־געשלאָסען זייערע טירען אין ניו יארק אליין. די קאָמפאניעס האָבען געהאט פארפליכטונגגען אויף דער סומע פון 159 מיליאָן דאָלער. דער גרעסטער טייל דערפון איז פארלוירען געגאנ־גען. אין 1872 האָט זיך אין ניו יארק צוגעשלאָסען די גרעס־טע שפאָרבאנק. די אָרימע מאסען וואס האָבען דארטען גע־האלטען זייערע אפגעשפאָרטע סענטען האָבען אלץ פארלוירען.

די סענסאציאָנעלסטע שווינדלען און קאָרופציע זיינען אָנ־געפירט געוואָרען אין שייכות מיט די גרויסע אייזענבאן־קאָמ־פאניעס. די נעמען פון די גרעסטע באן־קאָמפאניעס פון יע־נער צייט זיינען פארבונדען מיט די דאָזיגע סקאנדאלען. אָט איז די געשיכטע פון איינעם פון אזעלכע סקאנדאלען. פיר פון די גרעסטע אייזענבאן־מאגנאטען האָבען אָנגעפירט א מלחמה איבער דעם קאָנטראָל פון דער „אירי" אייזענבאן. די פיר מענ־שען האָבען געשטאמט פון אָרימע פאמיליען און האָבען דורך ספעקולאציעס אנגעזאמעלט מיליאָנען. זיי זיינען געווען: דעניעל דרו, קארניליוס וואנדערבילט, דזשיי גולד און דזשים פיסק. די מלחמה איבער דער „אירי" האָט זיך אָנגעפאנגען צווישען דרו און וואנדערבילט. דאן זיינען פיסק און גולד צו־געשטאנען צו דרו'ן. וואנדערבילט איז געשטאנען געגען די אלע דריי. ווען גולד, פיסק און דרו האָבען געקראגען קאָנ־טראָל איבער דער „אירי" האָבען זיי אפגעדרוקט א גרויסע צאָל אָקציעס און זיי פארקויפט אויף דער בערזע. דאָס האָט אומ־מעגליך געמאכט פאר וואנדערבילט'ן איינצוקריגען גענוג אק־ציעס אין זיינע הענד צו קענען זיי ארויסשטופען. וואנ־דערבילט האָט זיך געווענדעט צום ריכטער בארנארד נאָך אן „אינדזשאָנקשאָן" צו פארווערען די אקציעס צו דרוקען. האָ־בען די דריי געקראגען א באפעל פון א צווייטען ריכטער גע־גען וואנדערבילט'ן. ריכטער בארנארד האָט געוואלט לאָזען די דריי ארעסטירען. זיינען זיי אנטלאָפען קיין ניו דזשוירזי

און זיך באפעסטיגט אין א האָטעל אונטער א וואך פון געדונ־
גענע שלעגער. דער קאמף איז אריבערגעפירט געווארען קיין
אלבאני. דאָ אין דער לעדזשיסלייטשור איז אריינגעטראגען
געוואָרען א ביל, אז גולד און דרו זאלען האָבען דאָס רעכט
צו פארקויפען נייע אקציעס אויף צען מיליאָן דאָלער. איצט
איז די פראגע געווען, וועלכער צד וועט קענען אונטערקויפען
מער מיטגלידער פון דער לעדזשיסלייטשור. גולד איז אנגעקו־
מען אין אלבאני מיט א קאסטען אנגעפאקט מיט אסיגנאציעס.
די סענאטארען האָבען פארקויפט זייערע שטימען גאנץ אָפען.
דער פּרייז פאר א סענאטאָר׳ס שטימע איז געווען 15 טויזענד
דאָלער. איין סענאטאר האָט גענומען געלד ביי ביידע צדדים;
וואנדערבילט האָט אים געגעבען 75 טויזענד דאָלער און גולד
האָט אים געגעבען 100 טויזענד. געשטימט האָט ער פאר
גולד׳ן. מען האָט דעמאָלט גערעדט, אז געוויסע קווארטאלען
פון שטאָט האָבען זיך געפונען באליידיגט וואס זייערע אסעמב־
לי לייט האָבען פארקויפט זייערע שטימען פאר א נידעריגען
פּרייז. לסוף איז דער ביל דורכגעגאנגען און דער גאָווערנאָר
האָט אים אונטערגעשריבען.

דער גרעסטער נאַציאָנאלער סקאנדאל האָט זיך אפּגעשפּילט
אויף דער ניו יארקער בערזע אין סעפּטעמבער, 1869. די צוויי
הויפּט אינטריגאנטען אין דעם סקאנדאל זיינען געווען גולד און
פיסק. אין דעם סקאנדאל זיינען אויך געווען פארמישט הויכע
וואשינגטאָנער בעאמטע און נאָענטע קרובים פון פּרעזידענט
גרענט. צי דער פּרעזידענט אליין האָט אויך געהאט א חלק
דערין איז ניט באשטימט. די היסטאָריקער זיינען גענייגט
אראָפּצונעמען פון אים די שולד. אָט זיינען די איינצעלהיי־
טען פון דעם סקאנדאל:

אין יולי 1868 האָבען פיסק און גולד געקראגען די קאָנטראָל
איבער דער „אירי" באַן־ליניע. די פּארוואלטער, די פארשידענע
קאָמיטעס זיינען אָפילו ניט צונויפגערופען געווארען אויף באַ־
ראטונגען. די „אירי" איז געווארען פּאקטיש דאָס „אייגענטום
און דאָס שפּילצייג" פון פיסק און גולד. מיט די מיליאָנען וואס

די צוויי לייט האָבען געמאכט דורך דער אומערליכער פאר־וואלטונג פון דער „אירי" האָבען זיי מיט א יאָר שפּע־טער באשלאָסען דורכצופירען א שווינדלערישע ספּעקולאציע מיט גאָלד. דעם פּלאן האָט אויסגעארבייט גולד. דער פּרייז פון גאָלד איז דעמאָלט געווען 130 (דאָס הייסט, אז א גאָלדענער דאָלער איז ווערט געווען 130 פּאפּירענע דאָלערס). גולד האָט באשלאָסען צו גיין אויף דער בערזע, אויפקויפען א סך גאָלד און ארויפהויבען דעם פּרייז ביז 145. ער האָט געזאָגט, אז ער וויל עס טאָן כדי עס זאָל זיך לוינען פאר דעם פארמער אין דער וועסט צו פארקויפען זיין תבואה פאר'ן ענגלישען מארק. (די ענגלישע סוחרים האָבען געצאָלט מיט גאָלד און ווען גאָלד וועט זיין טייערער וועט דער פּרייז וואָס דער פאר־מער וועט קריגען ממילא זיין העכער.) ווען די תבואה וועט פארקויפט ווערען קיין ענגלאנד וועט מען דאָך עס פריער מוזען ברענגען פון דער וועסט אין דעם ניו יארקער האפען, און דערווייל וועלען די באנען פארדינען פון דעם טראנספּאָרט.

איין שוועריגקייט איז אים געשטאנען אין וועג. די וואַ־שינגטאָנער רעגירונג פלעגט אין איר קאסע ארייכקריגען גרויסע סומען גאָלד פון די טאריף־איינצאָלונגען. דער פינאנץ־מיניס־טער פלעגט יעדען מאָנאט פארקויפען אויף דער בערזע פאר עט־ליכע מיליאָן דאָלער גאָלד. כל זמן די רעגירונג האָט גע־בראכט אלע עטליכע וואָכען פרישע גאָלד צו פארקויפען אויפ'ן מארק איז אונמעגליך געווען דעם פּרייז פון גאָלד ארויפצו־הויבען. אין ניו יארק און ארום ניו יארק האָט זיך געפונען גאָלד אויף אן ערך פון א צוואנציג מיליאָן. דאָס דאָזיגע גאָלד האָט גולד געקענט אויפקויפען. אָבער וואס האָט ער געקענט טאָן בנוגע די פרישע סומען וואס די וואשינגטאָנער רעגי־רונג האָט כסדר געבראכט? די וואשינגטאָנער רעגירונג האָט אין איר קאסע פארמאָגט גאָלד אויף הונדערט מיליאָן. דאָס אלס אויפצוקויפען וואָלט פאר גולד'ן געווען אונמעגליך.

האָט גולד באשלאָסען צו ווירקען אויפ'ן פּרעזידענט ער זאָל באפעלען דעם פינאנץ־מיניסטער ער זאָל אויף א ווײלע

קיין גאָלד ניט פארקויפען. גולד האָט זיך צונויפגערעדט מיט א געוויסען מר. קארבין, וועלכער איז געווען פארהייראט מיט פּרעזידענט גרענט'ס א שוועסטער אין ניו יארק. קארבין איז געווען א בערזע ספּעקולאנט און גולד האָט אים איינגערעדט ער זאָל אים העלפען אין דער אונטערנעמונג. קארבין האָט פאָרגעשטעלט גולד'ן און פיסק'ן פאר פּרעזידענט גרענט. די צוויי לייט זיינען געווארען „בוזים פריינד" פון דעם פּרע־זידענט. זיי האָבען אים איינגעלאַדען אויף זייער פּראכטפולער יאכט־שיף און זיינען געפארען צוזאמען פון ניו יארק קיין באָסטאָן. ווען גרענט איז צוריקגעקומען קיין ניו יארק האָבען זיי אים איינגעלאדען צו א פאָרשטעלונג אין טעאטער. דאָס אלין איז געטאָן געווארען מיט'ן צוועק צו שאפען דעם איינ־דרוק אויף דער וועלט, אז זיי זיינען נאָענטע מחותנים מיט'ן פּרעזידענט.

סוף מאָנאט אוגוסט האָט גולד גענומען קויפען גאָלד. דעם 4טען סעפּטעמבער האָט גרענט געשריבען א בריף צום פינאנץ־מיניסטער, אין וועלכען ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אז עס איז ניט ראַטזאם אראָפּצודריקען דעם פּרייז פון גאָלד, ווייל דערפון וואָלט געליטען דער פארמער אין דער וועסט. דער פינאנץ־מיניסטער האָט גלייך טעלעגראפירט צו זיין אסיס־טענט ער זאָל ניט פארקויפען קיין גאָלד ביז וואנען ער וועט אים הייסען. קארבין האָט געוואוסט וועגען גרענט'ס בריף צום פינאנץ־מיניסטער און ער האָט געלאָזט וויסען גולד'ען ווע־גען דעם.

דערויף האָט גולד געוואָרט. גולד האָט איצט גענומען קוי־פען ריזיגע סומען גאָלד. ער האָט געזוכט אין דער ספּעקולאַ־ציע אריינצוציען איינפלוסרייכע מענשען. ער האָט געקויפט גאָלד אויף א האַלבען מיליאָן דאָלער אין קארבינ'ס נאָמען. ער האָט אויך געקויפט גאָלד אויף אַנדערהאלבען מיליאָן אויפ'ן נאָמען פון דעם געהילף פון פינאנץ־מיניסטער, אויפ'ן נאָמען פון דעם פּרעזידענט'ס פּריוואַט־סעקרעטאר. די אלע מענשען פאר וועמען גולד האָט דאָס גאָלד געקויפט זיינען, אזוי ווי

ער אליין, איצט געווען פאראינטערעסירט, אז דער פרייז פון דאָלער זאָל זיך הויבען און אז די רעגירונג זאָל קיין גאָלד ניט פארקויפען.

אליין ארויפטרייבען דעם פרייז פון גאָלד האָט גולד אָבער ניט געקענט. ער האָט געבעטען זיין פריינד פיסק ער זאָל אים העלפען און ווערען א שותף אין דער ספעקולאציע. פיסק האָט לכתחילה מורא געהאט. ער האָט געזאָגט צו גולד'ן: „ווי אזוי קענען מיר ריזיקירען? מיר וועלען ארויפהויבען דעם פרייז און דערנאָך וועט די רעגירונג ברענגען גאָלד אויפ'ן מארק און וועט דעם פרייז צוריק אראָפדריקען". דערויף האָט גולד געענטפערט: „דערפאר האָב איך קיין מורא ניט. אלץ איז פארזאָרגט. קארבין האָט זיך שוין באוואָרענט מיט'ן פרעזי־דענט". ווייטער האָט ער דערציילט פיסק'ן אז דער פינאנץ מיניסטער האָט באקומען א באפעל פון פרעזידענט ניט צו פאר־קויפען קיין גאָלד. גרענט איז דעמאָלט געווען אין ניו יארק און איז איינגעשטאנען ביי זיין שוואָגער, קארבין.

דעם 13טען סעפטעמבער איז דער פרעזידענט אוועקגעפאָ־רען אין א זומער־פלאץ, אין די בערג פון וועסט פענסילוויי־ניא. דער פלאץ האָט זיך געפונען 28 מייל פון פיטסבורג און פון דער אייזענבאן און א ווייטען מהלך פון א טעלעגראף־סטאנציע. די גאנצע וואָך האָט אויף דער בערזע אין ניו יארק געקאָכט מיט דעם פארזוך פון פיסק און גולד איינצוקויפען וואָס מער גאָלד. ביז דאָנערשטאג האָבען די צוויי ספעקולאנ־טען אויפגעקויפט גאָלד אויף הונדערט מיליאָן דאָלער. דער־ווייל האָט זיך גרענט דערוואוסט וועגען דעם, אז זיין שוואָגער קארבין איז פארמישט אין דער ספעקולאציע און האָט אים גלייך געשיקט א בריף ער זאָל אפטרעטען. ווען קארבין האָט באקו־מען דעם בריף האָט ער געשיקט נאָך גולד'ען און אים וועגען דעם דערציילט. גולד האָט פארשטאנען, אז אימיצער האָט געווירקט אויפ'ן פרעזידענט. האָט ער אויף מאָרגען שטילער־הייט גענומען פארקויפען זיין גאָלד. פיסק'ן, זיין אייגענעם שותף, האָט ער וועגען דער סכנה ניט דערציילט. דערווייל

האָט פּיסק געהאַלטען אין איין באַטען העכערע פּרייזען, אין איין קויפען נאָך און נאָך.

פרייטאָג, דער 24טער סעפּטעמבער, איז פאַרצייכענט אַלס דער באַרימטער „שוואַרצער פרייטאָג” פון דער בערזע. פּיסק’ס אַגענט אויף דער בערזע איז געווען אַ אידישער אימיגראַנט, ספּייערס. ער האָט שפּעטער פאַר אַ קאָמיסיע דערציילט פאָלגענדעס: „פּיסק האָט מיר געהייסען קויפען וויפיל גאָלד מען וועט נאָר אָנבאָטען פאַר וויינינגער ווי 146. איך האָב געקויפט. דאַן האָט מיר פּיסק צוגעשיקט אַ צעטעל: קויף ביז 150. איך האָב געבאָטען העכער און העכער ביז 150. די בערזע איז געווען געפּאַקט מיט אַ ווילדער, אויפגערעגטער מאַסע. אַלע זיינען געווען אין שרעק. פּיסק האָט געהאַלטען אין איין שיקען באַפעלען צו מיר איך זאָל קויפען: באָט 160, קויף וויפיל דו קענסט פאַר 160. איך האָב איינגעקויפט גאָלד פאַר 60 מיליאָן. דער פּרייז האָט זיך געהויבען העכער און העכער: 160, 161, 162. דאַן האָט פּלוצלונג געגעבען אַ קראַך. עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז דער פינאַנץ־מיניסטער האָט באַקומען אַ באַפעל צו פאַרקויפען גאָלד. דער פּרייז איז גלייך אַראָפּגעפאַלען פון 162 אויף 135.”

הונדערטער מענשען זיינען יענעם טאָג רואינירט געוואָרען. די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז פּיסק און גולד האָבען זיך געמוזט באַהאַלטען אין זייער קאָנטאָר און אַרומשטעלען אַ וואַך פון שטאַרקע זיי צו באַשיצען געגען המון. גולד האָט גאָרניט פאַרלוירען, ווייל ער האָט שטילערהייט זיין גאָלד באַצייטענס פאַרקויפט. פּיסק אָבער האָט פאַרלוירען אַ סך מיליאָנען. ער האָט אָבער זיינע חובות ניט באַצאָלט. דאָס מערקווירדיגסטע איז, אַז נאָך דער דאָזיגער געשיכטע זיינען פּיסק און גולד געבליבען פריינד ווי פריער.

דער האַנדעל פון גאַנצען לאַנד איז דורך גולד’ס שטיקעל אַרבייט פּאַראַליזירט געוואָרען. די סוחרים וואָס האָבען אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד און אַרויסגעשיקט סחורה קיין אויסלאַנד האָבען געמוזט האָבען גאָלד אַלס זייער געלד. ווען דער

פרייז פון גאָלד האָט זיך מיט אמאָל א הויב געטאָן און דער־נאָך מיט אמאָל צוריק א פאַל געטאָן, זיינען די אלע הענדלער געוואָרען צוטומעלט. די וואס האָבען זיך באטייליגט אין דער ספעקולאציע אויף דער בערזע זיינען רואינירט געוואָרען. עס זיינען פאָרגעקומען א סך באנקראָטען. א סך מענשען האָבען דאן געגלויבט, אז דער פרעזידענט אָדער דעם פרעזידענט'ס שוואגער איז געווען פאראינטערעסירט אין דער גאָלד ספעקו־לאציע. איינינע היסטאָריקער מיינען, אז עס איז ניטאָ קיין שום גרונט חושד צו זיין דעם פרזידענט אָדער זיין פרוי אדער זיין פריוואט־סעקרעטער אז זיי האָבען אין דער פארשווערונג גע־האט א חלק. דער פרעזידענט האָט אָבער געהאנדעלט אומ־טאקטיש דערמיט, וואס ער האָט ערלויבט אז גולד און פיסק זאָלען מיט אים ווערען נאָענטע מחותנים. עס איז אויך געווען ניט גוט וואס זיין שוואָגער האָט זיך באטייליגט אין די ספעקו־לאציעס. גערעדט האָט מען, אז דער פינאנץ־מיניסטער איז גע־ווען פארמישט אין דעם סקאנדאל. אָבער שפעטער איז קלאָר געוואָרען אז אויך דערויף איז קיין באווייז ניט געווען. איי־נער פון די געהילפען פון דעם פינאנץ־מיניסטער האָט אָבער יע געהאנדעלט ניט ערליך. ער האָט געבאָרגט געלד ביי גולד'ן און האָט זיך באטייליגט אין דער גאָלד־ספעקולאציע. דער פרעזידענט האָט אים מיט עטליכע טעג שפעטער געצוואונגען צו רעזיגנירען.

אין די יארען פון נאָך דער מלחמה האָבען אין דער וועסט געבושעוועט באנדעס באנדיטען, וועלכע האָבען זיך בארימט געמאכט איבער'ן גאנצען לאנד. טייל פון די פירער פון די באנדעס האָבען פריער געדינט אלס סאָלדאטען אין דער קאָנפע־דעראציע. דורך זייערע פארברעכענס האָבען זיי איצט געזוכט צו נעמען נקמה פון שונא וואס האָט זיי באזיגט. דער בארימט־סטער צווישען די באנדיטען־פירער איז געווען דזשעסי דזשיימס. די באנדעס פלעגען איינברעכען אין באנקען, אפשטעלען צוגען, באפאלען פורען און אמניבוסען.

אין יענע יארען איז דאָס לאנד אויך געווען פארפלייצט

מיט געמבלינג הייזער. אין ניו יארק אליין זיינען געווען צוויי טויזענד אזעלכע פּלעצער. מען האָט דערמאָלט דערציילט, אז אין איינעם פון די הייזער האָט א געוויסער בען וואָרד פאר־שפּילט אין איין נאכט 124 טויזענד דאָלער. ביים טישעל וואו דער שפּיל איז אָנגעגאנגען איז געזעסען א באוואוסטער ריכטער און האָט וואָרד'ן געליען געלד צו שפּילען ווייטער.

קאַפּיטעל 39.

די פראַנצויזישע אַוואַנטורע אין מעקסיקאָ. — אַלאַסקאַ.

אין פאַרלויף פון די יאָרען פון דעם בירגער־קריג זיינען אין מעקסיקאָ פאָרגעקומען אייניגע פּאַסירונגען וואָס האָבען געסטראַשעט אָנצומאַכען אַן איבערקערעניש אין דער פּאָליטישער לאַגע פון דעם גאַנצען אַמעריקאַנער וועלט־טייל. די מעשה האָט זיך אָנגעהויבען סוף יאָר 1861 און זיך געענדיגט אין מיטען 1867. וועגען דער ראָלע פון די פאַראייניגטע שטאַטען אין דער געשיכטע זיינען היסטאָריקער צוטיילט אין זייערע מיינונגען. די אַמעריקאַנער היסטאָריקער האָבען איין מיינונג און די ראַדיקאַלע היסטאָריקער פון מעקסיקאָ האָבען אַן אַנדער מיינונג.

אומגעפּער אין דערזעלבער צייט וואָס דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעפאַנגען אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט אין מעקסיקאָ געזיגט די ערשטע אמת'ע רעוואָלוציע, אָנגעפירט פון דעם פרייהייטס־קעמפער כוואַרעס. אים איז געלונגען צו באַזיגען די פאַראייניגטע מאַכט פון די לאַנד־באַזיצער און דער קירכע, און צו פּראָקלאַמירען אַ דעמאָקראַטיע אונטער אַ ראַדיקאַלער קאָנסטיטוציע. אין יוני 1861 איז כוואַרעס איינגעשוואָרען אַלס פּרעזידענט פון מעקסיקאָ.

גלייך נאָכדעם האָבען דריי גרויסמעכטע פון איירָאָפּאַ אָנגעפאַנגען צו דריקען די מעקסיקאַנער רעגירונג זי זאָל צאָלען די חובות וואָס זי איז זיי שולדיג ,און אויך שאַדענערזאַץ פאַר די פאַרלוסטען וואָס זייערע בירגער האָבען אין מעקסיקאָ געליטען דורך די רעוואָלוציעס. כוואַרעס האָט געענטפערט, אַז מעקסיקאָ האָט קיין געלט ניט און האָט זיי געבעטען וואַרטען צוויי יאָר.

דאָס האָבען זיך די רעגירונגען אנטזאגט צו טאָן. סוף אָקטאָבער האָבען ענגלאנד, פראנקרייך און שפאניען זיך פאראייניגט אין א באשלוס צו שיקען א פלאָטע און אַן ארמיי צו פארנעמען די האפענס אין מעקסיקאָ און מיט געוואלד איינמאָנען דאָס געלט. זיי האָבען איינגעלאַדען די פאראייניגטע שטאטען אויך אין דער שטראָף־עקספעדיציע. אָבער לינקאָלן האָט זיך אנטזאגט. אין אָנהויב יאָר 1862 זיינען צום מעקסיקאנער ברעג צוגעשוואומען די דריי פלאָטען פון די דריי רעגירונגען און געלאנדעט צוזאמען ארום צען טויזענט סאָלדאטען.

ענגלאנד און שפאניען זיינען אין מעקסיקאָ געשטאנען א קורצע צייט. נאָכדעם ווי די צוויי רעגירונגען זיינען געקומען צו א פארשטענדניס מיט כווארעס'ן וועגען דער סומע פון די חובות האָבען זיי די ארמייען צוריקגעצויגען. די פראנצויזישע ארמיי איז אָבער דאָרט געבליבען. נאפּאָלעאָן דער דריטער, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער קייזער פון פראנקרייך, האָט געהאט א סך ווייטערע פּלענער. ביי אים איז די פראגע פון די חובות לכתחילה ניט געווען גאנץ וויכטיג. ער האָט געהאָפט, אז אים וועט גע־לינגען צו גרינדען אין מעקסיקאָ א מאָנארכיע און ארויפזעצען דאָרטען אויפ'ן טראָן זיינעם א מענשען. צו דעם גענעראל פון זיין ארמיי אין מעקסיקאָ האָט ער געמאכט די פאָלגענדע ערקלע־רונג: „מיר וועלען ניט דערלויבען אז די פאראייניגטע שטאטען זאָל קאָנטראָלירען די מערק פון דעם אמעריקאנער וועלט־טייל. אויב מיר וועלען איצט גאָרניט טאָן וועט אמעריקא מיט דער צייט ווערען די באלעבאָסטע פון מעקסיקאָ און פון צענטראל אמעריקא..."
נאפּאָלעאָן דער דריטער האָט געהאָפט, אז אים וועט געלינגען מיט דער צייט אויפצובויען אַן אייגענע אימפעריע אויף דעם אמע־ריקאנער וועלט־טייל. מעקסיקאָ האָט געזאָלט זיין דער אָנהויב.

ער האָט געשיקט נאָך און נאָך סאָלדאטען ביז זיין ארמיי אין מעקסיקאָ האָט דערגרייכט די צאָל פון פופציג טויזענט. כווארעס איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון דער הויפּט־שטאָט און דער פראנצויזישער גענעראל האָט איבערגענומען די רעגירונג. דער גענעראל האָט באשטימט עטליכע צענדליג גלחים און לאנד־

באזיצער, אז זיי זאלען פירען די רעגירונג. די קליקע האט (אויף נאפאלעאן'ס פארלאנג, פארשטייט זיך) געשיקט א דעלעגאציע צו נאפאלעאנ'ען מיט דער בקשה, אז ער זאל פאר מעקסיקא באַשטימען א קייזער. נאפאלעאן האט „זייער פארלאנג" באוויליגט. ער האט אויסגעקליבען פאר דעם מעקסיקאנער טראן דעם יונגען עסטרייכישען גראפפירסט מאקסימיליאן, פראנץ יאזעף'ס א ברודער. עס ווערט דערציילט, אז מאקסימאליאן האט קיין חשק ניט געהאט צו פארען קיין מעקסיקא, נאר זיין פרוי קארלאט האט אים צוגערעדט. זי איז געווען די טאכטער פון דעם בעלגישען קעניג און איר האט זיך זייער געוואלט טראגען א קרוין. איידער ער איז אפגעפארען איבערנעמען דעם מעקסיקאנער טראן, האט מעקסימיליאן געקראגען א צוזאג פון נאפאלעאנ'ען, אז אין די נעקסטע פאר יאר וועט די פראנצויזישע ארמיי שטיין אין מעקסיקא און אים באשיצען געגען אן אויפשטאנד. דעם 12טען דעצעמבער, 1864, איז מאקסימיליאן אנגעקומען קיין מעקסיקא און איז דארט געקרוינט געווארען קעניג.

די גאנצע צייט וואס נאפאלעאן האט אזוי געבאלעבאטעוועט אין מעקסיקא האט די פאראייניגטע שטאטען גארניט געקענט טאן. לינקאלן האט זיך אנטזאגט צו אנערקענען מאקסימיליאן'ס רעגירונג. מער ווי דאס האט ער ניט געקענט טאן. אבער אזוי שנעל ווי דער בירגער־קריג האט זיך געענדיגט האט זיך אין די פאראייניגטע שטאטען גענומען קאכען מיט דער פאדערונג, אז די רעגירונג זאל צווינגען נאפאלעאנ'ען זיך ארויסצוציען פון מעקסיקא. אין פראנקרייך גופא האט זיך אויך די שטימונג געענדערט. דעפוטאטען אין פארלאמענט האבען גענומען פראטעסטירען געגען דער מעקסיקאנער אוואנטורע. דערצו האט מען זיך אין נאפאלעאנ'ס קאבינעט גופא גענומען שרעקען פאר א מלחמה מיט פרייסען. דאס אלץ צוזאמען האט ענדליך געצוואונגען נאפאלעאנ'ען ער זאל ברעכען זיין ווארט צו מאקסימיליאנ'ען און ער האט באשלאסען צוריקצוציען זיין ארמיי פון מעקסיקא. ווען מען האט זיך אין דעם קעניגליכען פאלאץ פון מעקסיקא דערוואוסט וועגען נאפאלעאנ'ס באשלוס, איז מען דארט געווארען צושראקען. דארטען האט מען

געוואוסט אַז מאַקסימיליאַנ׳ס טראָן וועט זיך איין טאָג ניט קענען האַלטען אָן דער שטיצע פון די פראַנצויזישע באַיאָנעטען. מאַק־סימיליאַן האָט געוואָלט באַלד אָפּדאַנקען און פאָרען צוריק אַהיים. אָבער קאַרלאָטאַ האָט אים ווידער אָפּגעהאַלטען. זי האָט באַשלאָ־סען אַליין צו פאָרען קיין אייראָפּאַ און קריגען די נויטיגע מיליטע־רישע הילף פאַר איר מאַן. זי איז אין אייראָפּאַ אָנגעקומען אין מאָנאַט אויגוסט. נאַפּאָלעאָן האָט זי אויפגענומען קאַלט און איר דערקלערט, אַז ער קען איר ניט העלפען. זי האָט זיך ארומגע־שלעפּט איבער פארשיידענע קעניגליכע הויפען און איבעראַל באַ־קומען דעם זעלבען ענטפער. פון הארצווייטאָג איז זי קראַנק גע־וואָרען און אראָפּ פון זינען.

דערווייל האָט נאַפּאָלעאָן ביסלאַכווייז צוריקגעצויגען זיינע סאָלדאַטען. אין מערץ 1867 איז מעקסיקאָ שוין געווען איננאַנ־צען אָפּגעליידיגט פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. נאַפּאָלעאָן האָט געזוכט צו באַאיינפלוסען מאַקסימיליאַנ׳ען ער זאָל רעזיגנירען. אָבער איצט האָט מאַקסימיליאַן זיך אנטזאגט דאָס צו טאָן. וואַר־שיינליך האָט ער געלייגט האָפנונג אויף די רעאַקציאָנערע גרופּען אין לאַנד וועלכע האָבען אים געשטיצט. באַלד ווי די פראַנצוי־זישע אַרמיי איז אַוועק האָט כוואַרעס ווידער איינגענומען דאָס לאַנד. מאַקסימיליאַן איז גענומען געוואָרען געפאַנגען. די רעוואָ־לוציאָנערען האָבען אים געשטעלט פאַר אַ קריג׳ס־געריכט, וואָס האָט אים פאַר׳משפט צום טויט. דעם 19טען יוני, 1867, איז ער הינ־געריכט געוואָרען.

די אַמעריקאַנער היסטאָריקער זיינען מיט דער מיינונג, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג איז פון ערשטען טאָג אָן געווען געגען דעם אָנפאַל אויף מעקסיקאָ, און אַז די מורא פאַר די פאַראייניגטע שטאַטען האָט ענדליך געווירקט אויף נאַפּאָלעאָנ׳ען ער זאָל זיין אַרמיי צוריקציען, אָבער די ראַדיקאַלע היסטאָריקער פון מעקסיקאָ גלויבען אַז לכתחילה איז די פאַראייניגטע שטאַטען געווען צופרי־דען מיט דער האַנדלונג פון די דריי אייראָפּעאישע מעכט, ווייל זי האָט ניט געקענט ליידען, אַז מעקסיקאָ זאָל האָבען אַ פּראָגרע־סיווע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. זיי לייקענען אויך, אַז נאַפּאָ־

לעאָן האָט זיך שפּעטער דערשראָקען פאַר די פּראָטעסטען פון וואַשינגטאָן. זיי ווייזען אָן, אַז די פּראָטעסטען זיינען געווען זייער מילדע און אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיי לייכט געקענט איגנאָרירען. נאַפּאָלעאָן, זאָגען זיי, האָט זיין אַרמיי צוריקגעצויגען צוליב גאַנץ אַנדערע אורזאַכען, צוליב דער פּאָליטישער לאַגע אין אייראָפּא און צוליב דער אומצופרידענקייט אין זיין אייגען לאַנד.

אין זעלבען יאָר וואָס די פראַנצויזישע אַוואַנטורע אין מעקסיקאָ האָט זיך געענדיגט האָט זיך פון דער אַמעריקאַנער וועלט אַרויסגעצויגען נאָך אַ אייראָפּאַיִשע מאַכט — רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט פאַרקויפט צו די פאַראייניגטע שטאַטען איר גרויסע שטיק טעריטאָריע ביים צפון־מערב ברעג פון קאָנטינענט, די טעריטאָריע וואָס האָט דעמאָלט געטראָגען דעם נאָמען רוסיש־אַמעריקע און וועלכע רופט זיך איצט אַלאַסקאַ. דאָס שטיק לאַנד איז אַנטדעקט געוואָרען און אויסגעפאָרשט געוואָרען פון דער רוסישער רעגירונג אין 18טען יאָרהונדערט. אַ רוסישע האַנדעלס־געזעלשאַפט האָט דאָרט אָרגאַניזירט האַנדעלס־פּאָסטענס. דער אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטער, סואַרד, האָט אונטערהאַנדעלט מיט דעם רוסישען אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן וועגען אָפּקויפען די טעריטאָריע עטליכע יאָר צייט. עס איז אָבער שווער געווען צו קריגען דעם צאַר'ס צושטימונג.

ביינאַכט דעם 29טען מערץ איז סואַרד געזעסען און געשפּילט קאָרטען. פּלוצלונג איז אַריינגעקומען דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר מיט אַ דעפּעשע אין האַנט. דער צאַר האָט ענדליך געגעבען זיין צושטימונג. „מיר וועלען מאָרגען אונטערשרייבען דעם קאָנטראַקט", האָט דער אַמבאַסאַדאָר געזאָגט. סואַרד האָט געענטפערט: „פאַרוואָס עפּעס וואַרטען ביז מאָרגען? לאָמיר עס שוין טאָן". ער האָט אַוועקגעלייגט די קאָרטען, געשיקט רופען סענאַטאָר סאָמנער און צוזאַמען זיינען זיי געזעסען ביז פיר אַזייגער פאַרטאָג און אויסגעאַרבייט אַלע פּונקטען פון דעם מסחר. אויף מאָרגען איז דער אָפּמאַך אַריינגעטראָגען געוואָרען אין סענאַט, וועלכער האָט געדאַרפט געבען זיין צושטימונג. רוסלאַנד האָט פאַר אַלאַסקאַ באַקומען זיבען מיליאָן דאָלאַר.

אין סענאַט און אין דער פּרעסע איז געווען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע געגען אָפּקויפען אַלאַסקאַ. צו וואָס דאַרף אַמעריקאַ „דעם פאַרפראָרענעם מדבר"? — האָבען זיי גע'טענה'ט; אַמאָל זיינען נאָך דאָרט געווען ווילדע חיות, וועלכע האָבען געהאַט גוטע פעל. איצט איז שוין פון זיי אויך כמעט קיין זכר ניטאָ. מען וועט דאַרפען שיקען אַן אַרמיי אַהין און האָבען צו טאָן מיט אינ־דיאַנער. קנאַפּ צרות האָט מען פון די אינדיאַנער אין דעם אייגע־נעם לאַנד, צו וואָס זוכען נייע צרות?

איינער פון די הויפּט־אַרגומענטען פון די וואָס האָבען גע־שטיצט דעם אָפּמאַך איז געווען, אַז אויב מען וועט אים צוריק־ווייזען וועט רוסלאַנד זיך פילען באַליידיגט. סאַמנער און די אַנ־דערע סענאַטאָרען פון זיין צד האָבען גע'טענה'ט אַז רוסלאַנד איז אין דער צייט פון דעם קריג געווען זייער פריינדליך צו דער נאָרט און אַז עס וואָלט געווען אַן עולה זי איצט צו באַליידיגען. 'סאַמ־נער האָט אויך דערקלערט, אַז דערמיט וואָס מען וועט אַלאַסקאַ אָפּקויפען וועט מען פון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט פאַרטרייבען נאָך אַ קרוין. „איינציגווייז זיינען די געקרוינטע קעפּ פון אַמע־ריקע אַרויס. פריער פראַנקרייך, דערנאָך שפּאַניען, דערנאָך ווידער פראַנקרייך און איצט רוסלאַנד".

לסוף האָט דער סענאַט דעם אָפּמאַך גוטגעהייסען.

איצט איז די פראַגע אַריבערגעגאַנגען צו דער „האַוז", וועלכע האָט געדאַרפט באַוויליגען דאָס געלט. דאָרט האָט זיך דער קאַמף אויפגעהויבען איבער אַ נייעס. מיט דעם קאַמף אין דער „האַוז" איז געווען פאַרבונדען אַ שטיקעל סקאַנדאַל. צייטונגען האָבען געמאַכט די באַשולדיגונג, אַז געוויסע פּראָמינענטע פּערזאָנען, אַ געוועזענער מיניסטער צווישען זיי, האָבען באַקומען גרויסע סומען געלט פון דער רוסישער רעגירונג זיי זאָלען דעם מסחר דורכשטופּען. אָבער נישט געקוקט אויפ'ן סקאַנדאַל האָט די „האַוז" דאָס געלט באַוויליגט און אַלאַסקאַ איז געוואָרען אַ טייל פון די פאַראייניגטע שטאַטען. ווען אַלץ איז געווען געענדיגט האָט אַ קאָמיטע פון קאָנ־גרעס געמאַכט אַן אונטערזוכונג וועגען די כאַבאַר־קלאַגען און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי זיינען געווען מייסטענס אָן אַ

גרונט. עטליכע מענשען האָבען באקומען קליינע סומען געלט פאר טאָן געוויסע ארבייט אין שייכות מיט דער אנגעלעגענהייט. ארום און ארום האָבען די סומען באטראָפען אַן ערך פון דרייסיג טויזענט דאָלאר. די קאָמיטע האָט זיך באנוגענט מיט אויסדריקען אַ פאָר־וואורף די מענשען וואָס האָבען דאָס געלט גענומען.

קאַפּיטעל 40.

דער זיג פון די באַנקירען איבער׳ן פאָלק אין פאַר־בינדונג מיט די מלחמה וועקסלען.

די מלחמה האָט איבערגעלאָזען א ריזיגען באַרג חובות וואס די פאראייניגטע שטאַטען האָט איצט געמוזט נעמען צאָלען. די סומע האָט באַטראָפען צוויי און דריי פערטעל ביליאָן דאָלער. ארום דער פראגע פון די מלחמה־חובות האָט זיך אנטוויקעלט א גאַנצע ריי סכסוכים און חלוקי־דעות — ווי אזוי די חובות זאָלען באַצאָלט ווערען און צי די אייגענטימער פון די וועקסלען זיינען באַרעכטיגט צו דער פולער סומע פון זייערע וועקסלען, צי עס איז רעכט אז אויף די וועקסלען זאָל ארויפגעלייגט ווע־רען א שטייער, און אזוי ווייטער. איבער איינער פון די פרא־גען אין פארבינדונג מיט די חובות, האָט דער קאַמף אנגעהאַל־טען א צענדליג יאָר און האָט געפירט צו דער גרינדונג פון א נייער פּאָליטישער פּארטיי. די פראגע האָט געהאַט צו טאָן מיט די 433 מיליאָן פּאַפּירענע דאָלערס „גרינבעקס", וואס די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט געהאַט געדרוקט און פארשפּרייט אין דער צייט פון דער מלחמה. ווי עס איז שוין דערציילט געוואָ־רען אין א פריגען קאַפּיטעל איז דאָס פּאַפּיר־געלד געווען א פארשטעלטע הלואה, ווייל דאָס פּאַפּיר האָט מיט זיך ניט פאַר־געשטעלט קיין געלט־ווערט. די רעגירונג האָט ניט געהאַט ניט קיין גאָלד און ניט קיין זילבער אויסצולייזען דאָס פּאַפּיר־געלד. מענשען האָבען דאָס פּאַפּיר־געלט גענומען ווייל זיי האָבען גע־האַט צוטרויען צו דער רעגירונג, ווייל זיי האָבען געגלויבט אז ווען עס איז, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען, וועט די רעגירונג האָבען די מעגליכקייט פאר דאָס פּאַפּיר צו צאָלען מיט אמת׳ען געלט, מיט גאָלד אָדער זילבער.

די פראגע איז איצט געווען: וואס טוט מען מיט׳ן פאַפיר־געלט, מיט די „גרינבעקס״? דער פינאנץ־מיניסטער מעקאלאק האָט געהאלטען, אז מען מוז די אסיגנאציעס ביסלאכווייז צוריקציען פון צירקולאציע, ד. ה. די רעגירונג דארף זיי איינקויפען און פארניכטען. דער קאָנגרעס האָט דעם פאָרשלאג פון דעם פינאנץ־מיניסטער גוטגעהייסען. ער האָט באפאָלמעכטיגט מעקאלאק׳ען צו פארקויפען אקציעס און מיט׳ן געלט איינקויפען די „גרינבעקס״, די ערשטע זעקס מאָנאטען אויף דער סומע פון צען מיליאָן און דערנאָך אויף דער סומע פון פיר מיליאָן יעדען מאָנאט. דאָס געזעץ איז אָנגענומען געווארען אין אפריל, 1866. מעקאלאק האָט גלייך אנגעפאנגען דאָס געזעץ דורכצופירען.

אין לאנד האָט זיך גענומען טומלען מיט פראָטעסטען געגען דעם באשלוס פון דער רעגירונג צוריקצוציען די „גרינבעקס״. די פראָטעסטען זיינען געקומען מייסטענס פון די פארמער אין דער וועסט. עס האָבען אָבער אויך פראָטעסטירט קליינע געשעפטסלייט, פאבריקאנטען און ארבייטער אין דער איסט. זיי האָבען ארויסגעשטעלט פאָלגענדע טענות:

ערשטענס, וועט דאָס צוריקציען פון דעם פאפיר־געלט שאַפען א דוחק אין געלט. געלט וועט ווערען טייער און ממילא וועלען פרייזען פון פראָדוקטען און סחורה פאלען. די וואס האָבען געהאט פראָדוקטען און סחורה צו פארקויפען וועלען לייַדען פארלוסטען.

צווייטענס, וועלען ליידען די מענשען וואָס זיינען שולדיג געלט, בעלי חובות, און אזעלכע זיינען אין לאנד געווען זייער א סך, איבערהויפט אין דער וועסט און אין דער סאוט, וואו די פארמער זיינען געווען שטארק „פארמאָרטגיידזשט״ (געהאט ארויסגעגעבען היפאָטעקען אויף זייער אייגענטום). די דאָזיגע מענשען האָבען אזוי געט׳טענה׳ט: בשעת מיר האָבען דאָס געלד געבאָרגט האָבען מיר באקומען פאפיר־געלד וואס איז אין פארגלייך מיט׳ן גאָלדענעם דאָלער ווערט געווען א דריטעל אדער א פערטעל ווייניגער (א פאפיר דאָלער איז ווערט

געוועזן פון 60 ביז 70 סענט פון א גאָלדערנעם דאָלער). איצט וועלען מיר פאר דעם זעכציג אָדער זיבעציג סענטיגען דאָלער מוזען צאָלען מיט דאָלערס וואס וועלען ווערט זיין נייַנציג, סינף און נייַנציג און שפּעטער גאנצע הונדערט סענט.

די פּראָטעסטען האָבען געווירקט. אין 1868 איז געוואָרען א שטיקעל פינאַנציעלער קריזיס אין לאַנד. די רעגירונג האָט זיך דערשראָקען און האָט געהייסען דעם פינאַנץ־מיניסטער ער זאָל אויפהערען צוריקציען דאָס פּאַפּיר געלד. אָבער אין די צוויי יאָר האָט ער פארניכטעט 44 מיליאָן „גרינבעקס".

איצט האָט זיך גענומען טומלען מיט א צווייטער פראגע אין פארבינדונג מיט די חובות: מיט וועלכען געלט זאָל די רעגירונג צאָלען אירע וועקסלען? מיט פּאַפּיר געלט אדער מיט גאָלד־געלד? דער פּאַפּירענער דאָלער איז איצט ווערט געוועזן מער ווי אין דער מלחמה צייט, אָבער נאָך אַלץ א סך וויינינגער ווי דער גאָלדענער דאָלער. די מענשען וואס האָבען געהאַט די וועקסלען, די באַנקירען און רייכע לייט, האָבען גע־פּאָדערט אז מען זאָל צאָלען מיט גאָלד, הונדערט סענט פאר יעדען דאָלער. די מאַסען האָבען גע'טענה'ט, אז מען דארף צאָלען מיט פּאַפּיר־געלט, מיט „גרינבעקס". זיי האָבען אָנגע־וויזען, אז בשעת די רעגירונג האָט דאָס געלד געבאָרגט (א גאָר גרויסער טייל דערפון) האָט זי פון די מלוים ניט באקומען קיין גאָלד, נאָר פּאַפּיר־געלט, טאַקע דיזעלבע „גרינבעקס". די מלוים האָבען דער רעגירונג געגעבען א ביליגען דאָלער, א זעכציג אדער זיבעציג סענטיגען דאָלער, טאָ פארוואָס קומט זיי איצט א טייערער דאָלער? אפילו ווען מען וועט זיי צאָלען מיט פּאַ־פּירענע דאָלערס, וועלען זיי אויך קריגען מער ווי עס קומט זיי, ווייל דער פּאַפּירענער דאָלער גופא איז נאָך דער מלחמה געשטיגען אין פּרייז.

די הויפּט פירער פון דער רעפּובליקאנישער פּארטיי האָבען געהאַלטען מיט די אייגענטימער פון די וועקסלען. זיי האָבען געזאָגט, אז אויב די רעגירונג וועט צאָלען מיט פּאַפּיר וועט זי ביי די פינאַנסירען פארלירען אין פּרעסטיזש און ווען זי וועט זיך

ווידער נויטיגען אין געלט וועט זי עס ניט קענען קריגען. זיי האבען ווייטער גע׳טענה׳ט, אז די וואס האבען געבארגט דער רעגירונג געלד האבען זיך געריכט צו קריגען באצאלט אין גאלד. אנדערש וואלטען זיי ניט ריזיקירט מיט זייער געלט. די רעגירונג האט עס געוואוסט און זי האט זיך פאקטיש מתחייב גע־ווען דאס צו טאן, מוז זי איר התחייבות האלטען.

אין דעם וואלקאמף פאר פרעזידענט אין 1868 איז די פראגע לכתחילה אויפגעהויבען געווארען. דזשארדזש פענדעל־טאן, א געוועזענער קאנגרעסמאן פון אהייא, האט געזוכט צו קריגען די נאמינייישאן פאר פרעזידענט ביי די דעמאקראטען, ארויסשטעלענדיג אלס דעם הויפט פונקט אין זיין פלאטפארמע די פראגע פון די חובות. ער האט געוואלט אז די דעמאקרא־טישע פארטיי זאל צוזאגען, אז אויב זי וועט קריגען די מאכט וועט זי ניט נאר ניט צוריקציען דאס פאפיר־געלט, נאר זי וועט נאך צודרוקען ניי פאפיר־געלט און וועט דערמיט באצא־לען אלע רעגירונגס־חובות דאס הייסט, זי וועט מאכען דער דאלער זאל ווערען נאך ביליגער און די וועקסעל־אייגענטימער וועלען קריגען בלויז א קליינעם טייל פון דעם ווערט פון זיי־ערע חובות.

פענדעלטאן האט געהאט א גרויסע צאל אנהענגער פאר זיין פלאן ביי דעם אלגעמיינעם עולם, און אויך צווישען די דעלע־גאטען ביי דער קאנווענשאן. ער האט אבער די נאמינאציע ניט געקראגען, כאטש די דעמאקראטישע פארטיי האט אין איר וואלקאמף פארטיידיגט א טייל פון פענדעלטאנ׳ס אידעע, נעמליך, אז די חובות זאלען באצאלט ווערען מיט פאפיר־געלט. די רעפובליקאנישע פארטיי האט די גאנצע פראגע פארשוויגען, כאטש אלע האבען געוואוסט אז זי האלט מיט די באנקירען און וועקסעל־אייגענטימער, דאס הייסט, די חובות זאלען באצאלט ווערען מיט גאלד.

גלייך ווי גרענט איז איינגעשוואוירען געווארען אלס פרעזי־דענט האט דער קאנגרעס דורכגעפירט א רעזאלוציע, וועלכע האט ערקלערט, אז די רעגירונג פארפליכטעט זיך אזוי שנעל ווי

מעגליך אויסצוליייזען דאָס פּאַפּיר־געלט מיט גאָלד און אויך צו באַצאָלען אַלע חובות מיט גאָלד. די רייכע קלאַסען האָבען געהאַט א פאלשטענדיגען זיג.

עס פאַרשטייט זיך, אז מיט דער רעזאָלוציע אליין האָט זיך די זאַך ניט געענדיגט. גלייך דורכפירען דעם באַשלוס האָט מען ניט געקענט. די רעגירונג האָט ניט געהאַט די מיטלען דערצו. זי האָט געמוזט וואַרטען ביז זי וועט האָבען גענוג גאָלד. דערווייל האָבען די מאַסען אין לאַנד ניט געשוויגען. די באַוועגונג פאַר פּאַפּיר־געלט איז געוואַקסען. דער געשריי איז געווען: „פאַרוואָס איז דאָס פּאַפּיר־געלט געווען גוט גענוג צו באַצאָלען דעם סאָלדאַט אין דער אַרמיי, דעם אַרבייטער אין פאַבריק און פאַרוואָס איז עס ניט גוט גענוג צו באַצאָלען דעם קאַפּיטאַליסט?״ דאָס שלאָגוואָרט איז געווען „דאָס זעלבע געלט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט ווי פאַר דעם פאַרמער״. די רעגירונג האָט די געשרייען איגנאָרירט, ביז 1873, ווען אין לאַנד האָט אויסגעבראָכען א שרעקליכער קריזיס. אין צייט פון קריזיס האָט דאָס פאָלק געפאָדערט די רעגירונג זאָל ארויסגעבען נאָך פּאַפּיר געלט. זיי האָבען געשריען אז דער מאַנגעל אין געלט איז שולדיג אין דעם קריזיס. פאַר די וואַלען צום קאָנגרעס האָט זיך די רעגירונג דערשראָקען און אין אַפּריל, 1874, האָט דער קאָנגרעס דורכגעפירט א ביל, אז עס זאָל צוגעדרוקט ווערען פּאַפּיר־געלט אויף דער סומע פון 18 מיליאָן דאָלער. פּרעזידענט גרענט האָט דעם ביל צוריקגעוויזען.

פאַר גרענט'ס האַנדלונג האָט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי טייער באַצאָלט אין די קאָנגרעס־וואַלען. די דעמאָקראַטען האָבען אין די וואַלען געוואונען א גרויסע מאַיאָריטעט. גרענט און די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי האָבען זיך מיט דער מפּלה ניט גערעכענט. פאַרקערט, אין משך פון די עטליכע מאָנאַטען וואָס זיי האָבען נאָך קאָנטראָלירט דעם קאָנגרעס, האָבען זיי דורכגעפירט א ריי געזעצען צו באַפעסטיגען זייער פּראָגראַם אין דער פראַגע פון געלט און חובות. עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אז די רעגירונג זאָל גלייך נעמען צוריקציען דאָס פּאַפּיר־

געלט פון צירקולאציע און אז מען זאל גלייך נעמען צאלען די חובות מיט גאלד. דאס פראגראם איז דורכגעפירט געווארען. ניט דאס גאנצע פאפיר־געלט איז צוריקגעוויזען געווארען, אבער דאס ביסעל וואס איז נאך פארבליבען אין צירקולאציע האט זיך געהויבען און האט דערגרייכט דעמזעלבען ווערט וואס דער גאלדענער דאלער. פאר די וועקסלען איז באצאלט געווארען מיט גאלד.

קאפיטעל 41.

די פארמערס בונטעווען זיך געגען גרויס קאפיטאל.

אלע אומשטענדען זיינען איצט געווען גינסטיג פאר א גרויסער פארמער קאלאניזאציע אין דער ווייטער וועסט, אין דא־קאטא, נעבראסקא, קענזעס און אזוי ווייטער. דאס „האומסטעד" געזעץ האט געמאכט צוגענגליך פאר די קאלאניסטען פרייע ערד. די נייע אייזענבאנען האבען זיי געגעבען די מעגליכקייט ארויסצופירען זייערע פראדוקטען צו די מערק פון דער איסט. די אינדיאנער זיינען פארטריבען געווארען. א סך נייע דערפינ־דונגען אין דער פארם־מאשינערי און פארם־געצייג האבען פאר־לייכטערט די ארבייט און מעגליך געמאכט א גרעסערע פרא־דוקציע.

דער געלאף אין יענע געגענדען, אין דער ווייטער וועסט, איז טאקע געווארען זייער גרויס. עס זיינען אהין געפארען אימיגראנטען דירעקט פון אייראפא און קאלאניסטען פון די עלטערע טיילען פון לאנד, פון דער איסט און דער סאוט.

די ערשטע צייט נאך דער מלחמה איז די לאגע פון די פאר־מער געווען ניט שלעכט. די פרייזען פון תבואה זיינען דע־מאלט געווען הויך און די פארמער האבען באקומען זייער חלק. נאך 1868 האט זיך די לאגע גענומען ענדערען און זי איז גע־ווארען ערגער און ערגער. די האומסטעדערס זיינען געקומען טויזענדערווייז כמעט אן געלד... א סך פון זיי האבען די ערש־טע יארען געמוזט וואוינען אין היילען וואס זיי האבען אויסגע־גראבען אין די זייטען פון די בערגלאך. אפט האבען זיי גאנצע הייזער אויפגעבויט פון ערד. די וואוינונגען זיינען געווען ענג,

זומער הייס, ווינטער קאלט, אן די מינדעסטע באקוועמליכקייטען. אין משך פון א יאר צייט האט דער קאלאניסט באגעגענט אפשר ניט מער ווי א טוץ פנים'ער. יעדע פאמיליע איז געווען איינגעצאמט אין איר הייזקע ווי אין א געפענגניס. א רייזע אין שטעטעל וואו די פארמער און זייערע פרויען פלעגען זיך פארזאמלען אין די קראמען און כאפען א שמועס, איז אויך געווען א זעלטענע פאסירונג, ווייל די פארמער און פארמערקעס פלעגען זיך שעמען איינע פאר די אנדערע צוליב זייערע ארימע קליידער.

אויסער די אומבאקוועמליכקייטען איז דאס לעבען געווען ארומגערינגעלט מיט שרעק און געפארען. אן איבערפאל פון אינדיאנער, וועלכע פלעגען אויסקוילען די מענער און פארגוואלטיגען די פרויען, פלעגט ניט זיין קיין גאר זעלטענע זאך ביז אין מיטען פון די זיבעציגער יארען. פרערי פייערען פלעגען אפט פארניכטען לעבענס און אייגענטום. געפערליכע שטורםווינטען פלעגען שטעלען אין געפאר די סטאדעס בהמות און שאף און די לעבענס פון מענשען, וואס פלעגען זיך געפינען אונטערוועגס. אין 1874 האט א היישעריק אנגעמאכט א חורבן אויף די פארמס פון נעבראסקא און קענזעס. . . נאך שרעקליכער ווי די היישעריקען איז געווען די אפטע טריקעניש וואס האט געצוואונגען טויזענדער פאמיליעס אין די טרוקענע געגענדען פון דער וועסט צו פארלאזען זייערע נייע היימען און אוועקוואנדערען צוריק אין דער איסט. די ביטערסטע טראגעדיעס זיינען פארגעקומען אונטער די בוידען וואס זיינען לאנגזאם געפארען צוריק צו דער איסט.

אין 1868 האבען די פרייזען אויף פארם־פראדוקטען גענומען פאלען. די פארמער אין דער וועסט האבען געזיארט טאמער וועט ווערען בעסער, אבער די פרייזען זיינען אראפ אלץ נידעריגער. אין 1870 און 1871, אין פארלויף פון דער פראנצויזיש־פרייסישער מלחמה, איז די לאגע געווארען אביסעל בעסער. אבער דערנאך האבען די פרייזען זיך ווידער גענומען גליטשען אראפ. דאס האט געבראכט פארצווייפלונג צו צענ־

דליגער טויזענדער פאמיליעס. דער פארמער איז איצט גע־ווען אין שטענדיגער שרעק טאָמער וועט ער ניט קענען צאָלען די פּראָצענטען אויף די „מאָרטגיידזשעס“ (היפּאָטעקען) און די פארם וועט פון אים אינגאנצען צוגענומען ווערען.

די פּארמער האָבען זיך ארומגעזען, אז שולדיג אין זייער אומגליק זיינען די אייזענבאן קאָמפּאניעס, די באנקירען, די ספּעקולאנטען. געגען זיי האָבען די פארמער איצט אָנגעהויבען צו פּראָטעסטירען און קעמפען. די באן־קאָמפּאניעס האָבען גע־פאָדערט הויכע פראכט־פרייזען פאר פירען תבואה. די פאר־מער אין דער איסט האָבען געקענט לייכט קאָנקורירען מיט די פארמער אין דער וועסט ווייל זיי זיינען געווען נאָענט צו די גרויסע שטעט און צו די האפּענס, און דערצו האָבען זיי איינ־געשפּאָרט די הויכע פראכט־פרייזען. אין אייאָווא און נעב־ראסקא האָט דער פארמער אין 1872 געמוזט פארקויפען זיין קאָרן פאר 52 אדער 30 סענט אַ בושעל און זיין ווייץ פאר 90 סענט אַ בושעל, בשעת אין מישיגען האָט דער פארמער באקומען 60 סענט פאר זיין קאָרן און אַ דאָלער מיט 32 סענט פאר זיין ווייץ.

כדי זיך צו באוואָרענען אז די לעדזשיסלייטשורס זאָלען זיך ניט איינשטעלען פאר די פארמער, האָבען די באן־קאָמפּא־ניעס זיך באנוצט מיט אומערליכע מיטלען. זיי האָבען די גע־זעצגעבער אונטערגעקויפט, אָפּען און פארשטעלט. די פאר־שטעלטע כאבאר איז געגעבען געווארען אויף פאלגענדען אופן די אייזענבאן־קאָמפּאניעס האָבען פארקויפט צו די געזעץ־געבער אַקציעס אונטער דעם מארק־פרייז, און אויף אַזאַ אופן געמאכט די געזעץ־געבער גופא פאר שותפים אין די אייזענבאנען.

די פּארמער האָבען אויך געליטען פון די אגענטען, די פּארמיטלער, וועלכע פלעגען איינקויפען די תבואה און עס אפּ־שיקען אין דער איסט. אין 1870 איז באוויזען געווארען, אז אַ העלפט פון דעם ווערט פון יעדען בושעל ווייץ איז אוועק אין די קעשענס פון די אגענטען. די אגענטען פלעגען אָפט פאר־כאפּען דעם מארק און קאָנטראָלירען די פּרייזען.

און בשעת די פרייזען פון די פארם־פראדוקטען זיינען גע־פאלען האבען זיך די פרייזען פון פאבריצירטע סחורות גע־הויבען. פארם־מאשינען, ניי־מאשינען און אנדערע סחורות זיי־נען אין א סך פעלען פארקויפט געווארען בלויז דורך געוויסע אגענטען, און די אגענטען האבען געפאדערט גרויסע פראצענ־טען פאר זיך און דער פארמער האט געמוזט צאלען. נאך א גרעסערע צרה איז געווען — די הויכע פראצענטען אויף געלט. אין די גוטע יארען האבען די פארמער זיך שטארק פארשול־דיגט. זיי האבען געבארגט געלד כדי צו מאכען אויסבעסע־רונגען אויף זייערע פארמס, צו קויפען מער לאנד, האפענדיג אז זיי וועלען שפעטער מאכען גענוג ריוח און וועלען קענען פאר אלץ באצאלען. איצט איז דער יאך פון די „מארטגיי־דזשעס" געהאנגען ווי א מילשטיין אויף זייערע העלזער. די פראצענטען זיינען געווען שרעקליך הויך — פופצען און אפילו צוואנציג סענט אויפ'ן דאלער. און דא האט דער אגענט, דער פארמיטלער, ווידער געשפילט זיין ראלע. די וועסט איז פאר־פלייצט געווארען מיט אגענטען — מלוים. די דאזיגע אגענטען פלעגען באקומען געלט פון די קאפיטאליסטען אין דער איסט, פלעגען אויפזוכען דעם פאראיינגטען פארמער און אים אנ־באטען הלואות אויף הויכע פראצענטען. די אגענטען זיינען פעט געווארען פון די „טובות" וואס זיי האבען געטאן די פאר־מער.

די פארמער זיינען אויך געווען אויפגעבראכט געגען דער וואשינגטאנער רעגירונג, וועלכע האט מיט איר געלט־פאליטיק און די שטייער־געזעצען געהאלפען די רייכע און געדריקט די ארימע. דערמיט וואס די רעגירונג האט צוריקגעצויגען די „גרינבעקס" פון צירקולאציע איז געלד געווארען טייער. פריי־זען פון תבואה זיינען געפאלען. דער פארמער וואס האט זיין געלד געבארגט אין די יארען ווען געלד איז געווען ביליג האט איצט געמוזט צאלען מיט טייערע געלד. די רעגירונג האט זיך אויך ענטזאגט ארויפצולייגען א שטייער אויף די רעגירונגס־אקציעס וועלכע האבען געהערט צו די רייכע, זי האט אבער

יע ארויפגעלייגט א הויכען שטייער אויף אימפּאָרטירטע סחורה און דערמיט געהאָלפען דעם היגען סוחר און פאבריקאנט, דעם קאפיטאליסט, צו העכערען דעם פרייז אויף זיין סחורה, אויף דעם חשבון פון דעם פארמער און ארבייטער. דער פארמער האָט אויך גע׳טענה׳ט אז דער רייכער מאן אין שטאָט קען זיך פון שטייערען לייכט אויסדרייען, ווייל ער קען זיין געלט־פארמעגען לייכט באהאלטען. אָבער דער פארמער האָט זיין קאפיטאל אין לאנד און אין תבואה, וועלכע קענען ניט פארלייקענט אָדער באהאלטען ווערען.

די פארמער האָבען זיך געבונטעוועט. זיי האָבען אויסגעקליבען זייערע אייגענע פאָרשטייער אין די לעדזשיסלייטשורס פון די שטאטען אין דער וועסט. די לעדזשיסלייטשורס האָבען דורכגעפירט געזעצען צו קאָנטראָלירען די פראכט־פרייזען פון די אייזענבאנען. די אייזענבאן־קאָמפאניעס האָבען זיך אנטזאגט צו פאלגען די געזעצען און האָבען אפעלירט אין געריכט. ווען די באנען האָבען זיך אנטזאגט צו פאלגען דאָס געזעץ, האָבען די פארמער גענומען דאָס געזעץ אין זייערע הענט. זיי פלעגען מחנות׳ווייז קומען אויף א באן־סטאנציע און אָנבאָטען דעם געזעצליכען פרייז. ווען די באן־אָנגעשטעלטע פלעגען זיך אנטזאגען צו נעמען דעם פרייז און זיי הייסען אראָפגיין פון באן, פלעגען די פארמער ארויסציען רעוואָלווערען און זיך שטעלען אנטקעגען. אין געריכט אָבער האָבען די פארמער פארלאָרען. האָבען זיי זזיך ניט בארואיגט און געמאכט ווייטערע געזעצען. דער קאמף האָט אָנגעהאלטען יארען לאנג ביז וואנען די פארמער האָבען דאָך אויסגעפירט.

אין יענע יארען האָבען זיך די פארמער אָנגעהויבען צו ארגאניזירען. עס זיינען געשאפען געווארען די ערשטע גרויסע פארמער־אָרגאניזאציע, א מין אָרדען אונטער דעם נאָמען „די גריינזש”. די אָרגאניזאציע איז געווען טיילווייז אן עקאָנאָמישע, טיילווייז א געזעלשאפטליכע און טיילווייז א פאָליטישע. אין 1874 האָט זי פארמאָגט אנדערהאלבען מיליאָן מיטגלידער

און איז געוועזן פּאַרשפּרייט אין איבער טויזענד ישובים. די מיטגלידער פון דעם „גריינזש” אין א ישוב פלעגען זיך פאַר־זאַמלען, אמאָל צו פאַרברענגען און אמאָל צו באַשפּרעכען עקאָ־נאָמישע אדער פּאָליטישע פראַגען. פרויען זיינען אריינגענומען געוואָרען אלס פול־באַרעכטיגטע מיטגלידער. די פרויען האָבען זיך אָפּגעגעבען מייסטענס מיט דער געזעלשאַפטליכער זייט פון דער אָרגאַניזאַציע. זיי פלעגען אָרגאַניזירען פאַרוויילונגען, באַנ־קעטען און לעקציעס.

איינע פון די הויפּט אויפגאַבען פון דעם „גריינזש” איז געוועזן צו פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק פון קאָאָפּעראַטיווען צום קויפען און פאַרקויפען צווישען די פאַרמערס. קאָאָפּעראַציע איז געוועזן די שטאַרקסטע כלי־זיין וואָס די פאַרמער האָבען געהאַט אין זייער קאַמף מיט דער אָרימקייט. די פירער פון „גריינזש” האָבען אויפגעוויזען די פאַרמער די געווינסען וואָס זיי קענען האָבען פון בשותפות׳דיגען קויפען. די רעזולטאַטען זיינען ווירק־ליך געוועזן וואונדערליכע. אין איליניאָי האָבען די „גריינזש”־אָרגאַניזאַציעס געקויפט שנייד־מאַשינען, פאַר וועלכע די אגענ־טען פלעגען נעמען 275 דאָלער א שטיק, פאַר בלויז 175 דאָלער. דעם פרייז פון דרעש־מאַשינען האָבען זיי פאַרקלענערט אויף א דריטעל, פון 300 דאָלער אויף 200. פאַר א וואַגען וואָס דער פאַרמער פלעגט באַצאָלען 150 דאָלער, האָט דער „גריינזש” געצאָלט ניט מער ווי 90 דאָלער.

אויף דעם פּאָליטישען פעלד האָט דער „גריינדזש” ווייניג וואָס געטאָן. ער האָט בלויז געהאָלפען ווירקען אז די לע־גיסלאַטורען זאָלען אין די פאַרמער־שטאַטען דורכפירען גע־זעצען צו קאָנטראָלירען די אייזענבאַנען און די פאַרמיטלער אדער „מידלמען”. אָבער אין פאַרשידענע געגענדען האָבען די פאַרמער אָרגאַניזירט פּאָליטישע פּאַרטייען און זיי איז אפילו געלונגען צו דערוויילען זייערע קאַנדידאַטען.

דער „אויפשטאַנד” פון די פאַרמער האָט אָנגעהאַלטען ביז ארום 1875. טייל פון די רעפאָרמען פאַר וועלכע די פאַרמער האָבען געקעמפט זיינען דורכגעפירט געוואָרען. פּראָפעסאָר נע־

ווינס מאכט פאלגענדען סך־הכל פון דעם אויפשטאנד: „דער אויפשטאַנד האָט געהאָלפען שאפען אַ קלאַסען־באוואוסטזיין צווי־שען די פארמער, איינפלאנצען אין זיי דעם געדאנק, אז דאָס נעזעץ קען ווערען אַ ווערטפולע בלי־זיין אין זייער קאמף געגען אָרימקייט און אומערליכקייט."

קאַפּיטעל 42.

דער קריזיס פון 1873.

אין די לעצטע מאָנאַטען פון יאָר 1873 איז אָנגעקומען דער קריזיס, וועלכען גוטע עקאָנאָמיסטען און פינאַנציעל׳ע־באָאבאַכטער האָבען יאָרען־לאַנג פאָראויסגעזאָגט. די גרויסע מאַסען האָבען אין די נעקסטע פינף יאָר באַצאָלט מיט הונגער און נויט פאר די אָנגעזאַמעלטע זינד און פארברעכענס פון די געלט־מענשען און די „פּאָליטישענס”.

ספּעקולאַציע, שווינדעל און קאָרופּציע — דאָס זיינען די דריי קערנער פון וועלכע דער שרעקליכער בוים פון קריזיס איז אויסגעוואקסען. די „גוטע צייטען” גלייך נאָך דער מלחמה און אין די לעצטע יאָרען פון דער מלחמה האָבען צורייצט די אַפּעטיטען ביי א סך מענשען, וועלכע האָבען געוואָלט שנעל רייך ווערען. מען האָט געבאָרגט געלט, זיך פאַר׳משכנ׳ט און ספּעקולירט. פאַרמערס האָבען פאַר׳משכנ׳ט זייער לאַנד און געבאָרגט געלט צו קויפען מאַשינען און מער לאַנד, האָפענדיג אַז די גרויסע ריוחים אויף תבואה וועלען פאר אַלץ באַצאָלען. פאַבריקאַנטען האָבען געבאָרגט געלט כדי צו בויען נייע פאבריקען. עס האָבען זיך געגרינדעט טויזענדע נייע אַקציען־געזעלשאַפטען און אַלע האָבען זיי פאַרזיכערט דעם עולם אַז גאָר אין קורצען וועלען זיי צאָלען הויכע פּראָצענטען, און דער עולם האָט געגלויבט און געקויפט די אַקציעס. אַלע האָבען געבאָרגט, זיך פאר׳משכנ׳ט און געוואַרט אויף ריוחים.

ווען די ספּעקולאַציעס וואָלטען געפירט געוואָרען ערליך וואָלט נאָך געוועזען אַ האַלבע צרה. אָבער די מענשען וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון די אונטערנעמונגען האָבען געשווינדעלט און בארויבט די קאָמפּאַניס פאר זייערע פּריוואַטע נוצען. די רעגי־

רונגס־באאמטע, סאי פון דער נאציאָנאלער רעגירונג אין וואשינג־טאָן, סאי פון די באזונדערע שטאַט־רעגירונגען, זיינען געווען פאר־מישט מיט די ספעקולאנטען און די שווינדלערישע פינאנסירען. די גנזעצגעבער און די הויכע באאמטע האָבען גענומען א חלק פון דעם רויב און זיך געמאכט ניט זעענדיג. קאָרופציע האָט גע־בושעוועט פראנק און פריי.

דערצו איז געוואָרען א דוחק אין געלט דורכדעם וואָס די רעגירונג האָט עס געהאלטען פאר איר פליכט צו באצאָלען אירע מלחמה־חובות מיט גאָלד. א גרויסער טייל פון די חובות איז געווען אין אויסלאנד. בסך הכל איז אמעריקע שולדיג געווען צו אויסלענדישע קאפיטאליסטען אָנדערהאלבען ביליאָן דאָלאר. די פראָצענטען דערויף האָבען געמוזט געצאָלט ווערען מיט גאָלד. דאָס אליין האָט ארויסגעצויגען פון לאנד אכציג מיליאָן דאָלאר א יאָר אין גאָלד. די רעגירונג האָט אויך געטאָן אלץ וואָס איז מעג־ליך געווען ארויפצוהויבען דעם ווערט פון דעם פאפיר־געלט. קיין נייע אסיגנאציעס זיינען כמעט ניט געדרוקט געוואָרען. א טייל פון די אלטע איז צוריקגעצויגען געוואָרען. געלט איז געוואָרען טייער. פרייזען זיינען געפאלען. דער פארמער האָט פאר זיינע פראָדוקטען געקראָגען וויינינגער צאָצאָלט און פאר זיינע חובות האָט ער געמוזט צאָלען מיט געלט וואָס איז געווען ווערט א סך מער ווי דאָס געלט וואָס ער האָט מיט יאָרען פריער געבאָרגט.

בויען נייע אייזענבאנען און פאראייניגען פאראנענע אייזענ־באנען איז געווען א פרוכטבארער פעלד פון ספעקולאציע. גרודעם מיט געלט זיינען ארייננעלייגט געוואָרען אין די אונטערנעמונגען. אָבער די באנען האָבען געמוזט ווארטען עטליכע יאָר איידער זיי האָבען געקענט צאָלען פאר די אריינגעלייגטע קאפיטאלען. די אייזענבאנען אין דער וועסט זיינען געבויט געוואָרען אויף א ריזי־קאלישען און פארשווענדערישען אופן. דער הויפט ציל פון די אונ־טערנעמער איז געווען צו מאכען אזוי פיל געלט ווי מעגליך ניט פון דעם באטריב פון די אייזענבאנען נאָר פון דעם בויען אליין. א קליינע גרופע פון די פארוואלטער פון דער אייזענבאן־קאָמפאניע פלעגען אָרגאניזירען א „בוי־קאָמפאניע" און זיך לאָזען באצאָלען

פאבעלהאפטען פרייזען פאר'ן בויען. אויף אזא אופן זיינען די אקציע־קויפער פון דער קאָמפּאַניע באשווינדעלט געווארען. דאָס לאנד און דאָס געלט מיט וועלכע די רעגירונג האָט ארויסגעהאָלפען די קאמפּאַניעס זיינען אוועק אין די קעשענעס פון עטליכע פאר־וואַלטער. נאָך א שווינדלערישער מיטעל פון די פארוואלטער איז געווען צו קאפּיטאַליזירען דאָס געשעפט אויף א גרעסערער סומע ווי ס'איז ווירקליך ווערט געווען. צ. ב., אין 1869 האָט וואנדער־בילט פאראייניגט די צוויי אייזענבאַן־קאָמפּאַניס, די „ניו יאָרק סענטראל" און די „האָדסאָן ריווער", און האָט דעמאָלט ארויסגע־געבען נייע אַקציעס וואָס האָבען באטראָפען צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די אַקציעס פוןביידע קאָמפּאַניעס צוזאמענגענומען. ענליכעס האָט געטאָן די „פּענסילווייניא ריילראָוד". אין פארלויף פון דעם קאמף וואס וואַנדערבילט און גולד האָבען אָנגעפירט איבער דער „אירי ריילראָוד", האָבען די צוויי מאגנאטען ארויסגעגעבען אַקציעס אויף דריי מאָל אַזוי פיל ווי די באַן איז ווירקליך ווערט געווען.

מיט דער צייט האָט זיך דער עולם אין אַמעריקא און אין אייראָפּע דערוואוסט פון די אַלע גנבות און רויבערייען, און אַ סך מענשען, איבערהויפּט אין אייראָפּע, האָבען מורא געהאַט ווייטער אריינצולייגען זייער געלט אין די אונטערנעמונגען. קיין נייע „אינ־וועסטמענטס" זיינען אלזאָ ניט געמאַכט געווארען, די אלטע זיינען צושלעפּט געוואָרען און קיין ריוחים זיינען דערווייל ניט געווען.

דערצו האָבען זייטיגע אומשטענדען נאָך געהאָלפען די לאַגע שווערער צו מאַכען. אין 1871 און אין 1872 זיינען פאָרגעקומען צוויי גרויסע שרפות אין צוויי פון די גרעסטע שטעט: שיקאַגאָ און באָסטאָן. די שרפה אין שיקאגא האָט אויסגעבראָכען א זונ־טאָג ביינאכט אין אָקטאָבער, 1871, אין אַ קליינעם הילצערנעם שטאַל. איידער מען האָט דעם פייער איינגעלאָשען איז אַ דריטעל פון דער באפעלקערונג פון שטאָט געלעגען אונטער דעם פרייען הימעל. 17 טויזענט און 450 הייזער זיינען אוועק מיט'ן רויך. די שרפה אין באָסטאָן איז געווען אַ קלענערע, אָבער האָט אויך פארניכטעט הונדערטע הייזער און אָנגעמאַכט שאדען אויף מיליאָ־נען דאָלאר. די צוויי שטעט האָבען זיך גענויטיגט אין גרויסע

הלוואות אויף אויפצובויען זיך צוריק. שיקאגא אליין האט געבארגט אין ניו יארק פופציג מיליאן. דאס האט דעם דוחק אויף געלט פאר אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין לאנד נאך גרעסער געמאכט. דער געלט־מארק אין איירָאפּע איז אויך פארענגט געווארען דורך עטליכע געשעעענישען: די מלחמה צווישען פרייסען און פראנק־רייך, די פראנצויזישע אוואנטורע אין מעקסיקא, די מלחמה צווישען עסטרייך און פרייסען, די דערעפענונג פון דעם סועץ קאנאל, און אזוי ווייטער.

דער קראך איז פארגעקומען אין סעפטעמבער. אנהויב מא־נאט האבען צוויי גרויסע פירמעס אין ניו יארק באנקראטירט. די בערזע איז געווארען זייער אומרואיג. אלערליי קלאנגען האבען זיך גענומען ארומטראגען וועגען דער פינאנציעלער לאגע פון פאר־שיידענע באנקען און אינדוסטריעלע געשעפטען. דאן האט פּאַ־סירט עטוואס שרעקליכעס: דעם 18טען סעפטעמבער האט די באנק פון דזשיי. קוק פלוצלונג צוגעשלאסען אירע טירען. פריער האט זיך געשלאסען די פיליאלע אין ניו יארק, דערנאך די הויפּט־באנק אין פילאדעלפיע און נאכהער א צווייטע אפטיילונג אין וואַ־שינגטאן.

די באנק־פירמע דזשיי. קוק האט אין יענער צייט פארנומען דעם זעלבען פּלאַץ ווי די באנק־פירמע פון מארגאן פארנעמט איצט. זי איז באטראכט געווארען אלס די שטארקסטע, די רייכסטע, די זיכערסטע געלט־אינסטיטוציע אין לאנד. אט ווי פּראָפעסאר נע־ווינס באשרייבט יענעם מאמענט „קוק'ס באנקראט איז געווען א פינאנציעלער דונער וואס האט פארגליווערט דאס לאנד. ווען די נייס איז אנגעזאגט געווארען אויף דער ניו יארקער בערזע זיינען צוערשט אלע געבליבען אן לשון. דאן האט אויסגעבראכען אזא מהומה וואס מען האט קיינמאל פריער אויף דער בערזע ניט גע־הערט. ווען די נייעס איז אנגעקומען אין פילאדעלפיע זיינען אלע מענשען אין דער בערזע ארויסגעלאפען אין גאס און זיך געלאזט ווי משוגעים צו קוק'ס קאנטאר, צו זען צי דער באריכט איז טאקע אמת. א צייטונגס־פארקויפער. וועלכער האט געשריען אין גאס: „לייענט וועגען קוק'ס באנקראט" איז ארעסטירט געווארען. דער

פּאָליסמאַן איז געווען זיכער אַז דער צייטונגס־מאַן וויל אָפּנאַרען
דעם עולם מיט אַ סענסאַציאָנעלען ליגען. אין וואַשינגטאָן איז די
נייס דערציילט געוואָרען אין אַ געריכט אין מיטען פון אַ מאָרד־
פּראָצעס. האָט דער ריכטער אָפּגעשטעלט די זיצונג און ער צוזאַ־
מען מיט די אַדוואָקאַטען, די עדות, די געשוואָרענע זיינען אַלע
ארויסגעלאָפען אין גאַס אויסצוגעפינען צי עס איז אמת".

קוק'ס באנק האָט באַנקראָטירט דערפאר וואָס זי האָט זיך
אריינגעפּלאָנטערט אין אַן אייזענבאַן־אונטערנעמונג. אין 1864
האָט אַ גרופּע קאַפּיטאַליסטען באקומען אַ קאָנצעסיע פון דער רע־
גירונג צו בויען אַן אייזענבאַן אין דעם נאָרדליכען טייל פון לאַנד,
ביז'ן פּאַסיפישען ברעג. די קאָמפּאַניע האָט זיך גערופען „נאָר־
טערן פּאַסיפיק". זי האָט מיט דער אונטערנעמונג קיין ערפאָלג
ניט געהאַט. אין 1870 האָט קוק זיך אונטערגענומען צו פאַר־
קויפען אַקציעס פאַר דער קאָמפּאַניע און זאמלען פאַר איר די נוי־
טיגע סומע פון 100 מיליאָן דאָלער. דאָס פּובליקום האָט געהאַט
גרויס צוטרויען צו קוק'ן און פון אָנפאַנג האָט מען די אַקציעס
געקויפט. אָבער ביסלאכווייז האָט זיך דער עולם ז'ערוואוסט אַז די
אונטערנעמונג איז אַ ריזיקאַלישע. די ליניע האָט זיך געדאַרפט
ציען אויף הונדערטע מיילען דורך ליידיגען לאַנד און פון דאָרטען
האָט זי אַ לאַנגע צייט קיין שום הכנסה ניט געקענט האָבען. קוק
האָט גענומען אריינלייגען געלט פון די קאַסעס פון זיינע באַנקען.
דאָס הייסט, ער האָט געבאָרגט געלט ביי זיינע באנקען און עס
אריינגעלייגט אין זיין אייזענבאַן־קאָמפּאַניע. ער האָט ארויסגע־
צויגען אַזוי פיל געלט פון די באַנקען, אַז זיי האָבען מער ניט גע־
קענט צאָלען זייערע שולדען.

באַנקען האָבען איצט גענומען קראַכען איינע נאָך דער אַנ־
דערער. עס האָבען זיך אויך געשלאָסען פארשיידענע אינדוסטריע־
לע פירמעס. אין שיקאַגאָ האָבען באַנקראָטירט פינף נאַציאָנאַלע
באנקען. ביז'ן סוף יאָר זיינען פאָרגעקומען פינף טויזענט באנק־
ראָטען אין לאַנד אויף דער סומע פון 228 מיליאָן דאָלער. 29
אייזענבאַן־קאָמפּאַנים האָבען דערקלערט, אַז זיי קענען ניט צאָלען
די פּראָצענטען אויף זייערע וועקסלען. די אַרבייט פון בויען באַ־

נען האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרען די אַרבייט אַפילו אויף די ליניעס וואָס מען האָט שוין געהאַלטען אין מיטען בויען. אַ האַלבער מיליאָן אַרבייטער האָט פֿאַרלאָרען די אַרבייט. פֿאַבריקען האָבען זיך צוגעמאַכט, איבערהויפּט יענע פֿאַבריקען וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדען מיט דער באַן־אינדוסטריע. די אַרבייטסלאָזיגקייט איז געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַם שרעקליכסטען האָבען פֿון דעם קריזיס געליטען די אַרבייטער־מאַסען אין די שטעט. אָט זיינען ציטאַטען פֿון איינינע היסטאָריקער ווי זיי שילדערען די לאַגע פֿון די אַרבייטער אין די קריזיס־יאָרען: „דער ווינטער פֿון 1873 האָט געבראַכט שרעקליכע ליידען, איבערהויפּט אין די גרויסע שטעט. צענדליגע טויזענטע זיינען געווען אויפ'ן שוועל פֿאַרהונגערט צו ווערען אויף טויט. אין אַ סך ערטער זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען פֿאַרזאַמלונגען פֿון אַרבייטסלאָזע. מענער האָבען זיך געבעטען מען זאָל זיי געבען אַרבייט. קינדער האָבען געוויינט מען זאָל זיי געבען אַ שטיקעל ברויט". ווען דער ווינטער פֿון 1874 איז אָנגעקומען זיינען אין ניו יאָרק, באָסטאָן און שיקאַגאָ געשטאַנען לאַנגע ברויט־שורות... ניט נאָר איז שווער געווען צו קריגען אַרבייט, נאָר פֿאַר דער אַרבייט וואָס מען האָט שוין געקראָגען האָט דער לוין געהאַלטען אין איין פֿאַלען. אין מאַסאַטשוזעטס האָבען די אַרבייטער אין 1872 באַקומען מיט 36 פּראָצענט העכערע שכירות ווי אין 1860. אָבער סוף 1875 זיינען די שכירות געפֿאַלען אויף צען פּראָצענט און אין 1878 אויף נאָך פֿינף פּראָצענט. עס האָט זיך פֿאַרשפּרייט ניט נאָר אָרימקייט נאָר אויך קראַנקהייט און פֿאַרברעכען. אין די גאַסען האָט מען לייכט געקענט באַמערקען אַ גרעסערע צאָל פּראָסטיטוטקעס און אין די געפֿענגניסען אַ גרעסערע צאָל אַרעסאַנטען פֿאַר גנבה".

איינער פֿון די רעזולטאַטען פֿון דעם קריזיס איז געווען דאָס וואָס עס האָט זיך פֿלוצלונג פֿאַרשפּרייט די מגפֿה פֿון טרעמפּס (וואַגאַבונדען). . . די וועגען און שאָסייען זיינען פֿול געווען מיט וואַגאַבונדען. אין געוויסע געגענדען האָבען זיי זיך פֿאַראייניגט מיט פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרברעכער־באַנדעס און בעטלערס. זיי האָ־

בען זיך אויפגעהאלטען אין די וועלדער, האבען גע'גנב'עט, גע'־שיכור'ט און זיך געשלאגען. פון אומעטום זיינען אנגעקומען באריכטען וועגען גנבות, שרפות, אנפאלען אויף פרויען. אין איי־ניגע שטעט פון ניו ענגלאנד האבען די איינוואוינער פון זייטיגע גאסען פאר מורא געמוזט פארלאזען זייערע וואוינונגען . . . אין יוני 1876 האבען 200 טרעמפס אפגעשטעלט א צוג און זיינען אויף אים ארייגעפארען אין א שטעטעל אין אילינאי, וואו זיי האבען געהאט א בלוטיגען צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי. אנפאלען אויף באנען זיינען פארגעקומען אזוי אפט, אז מען האט אויף די באנען געמוזט ארויפזעצען א ספעציעלע וואך.

מיט יעדען יאר איז די לאגע געווארען ערגער. אין 1874 זיינען פארגעקומען 5,830 באנקראטען. אין 1875 איז די צאל געשטיגען ביז 7,740. אין 1876 האבען באנקראטירט ניט ווייניגער ווי 9,900. אין 1878 האבען באנקראטירט נאענט צו 10,500 פירמעס. זייערע חובות האבען אנגעטראפען איבער 234 מיליאן. אין יענעם יאר האט זיך די לאגע שוין גענומען פארבעסערען, אבער די אנגעזאמעלטע נויט פון די פריערדיגע יארען האט אונמעגליך געמאכט פאר א סך געשעפטען צו זיך צו קומען.

קאַפּיטעל 43.

פּרעזידענט גרענט און זיין אדמיניסטראציע.

וויליאם וואודוואַרד, אַ ביאָגראַף פון גענעראַל גרענט, זאָגט וועגען אים: „אין דזשאָרדזשטאַון, אָהייאָ, וואו ער האָט געלעבט אינגעלווייז, האָט מען אים געהאַלטען פאַר'ן שטאָט־נאַר . . . זיין פּאָטער, אַ קאַרגער און בייזער מענש האָט גענומען אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט נעמען אומזיסט. ער האָט פאַר זיין זון אויס־געווירקט אַ פּלאַץ אין דער מיליטערישער שול אין וועסט פּאָינט. דער יונגער יוליסיס האָט אַהין ניט געוואָלט פאָרען. זיין אַמ־ביציע איז געווען צו ווערען ענטוועדער אַ פּאַרמער אָדער אַ לע־רער . . . אין דער מיליטערישער שול האָט ער זיך אין לערנען ניט אויסגעצייכענט. ער האָט זיך דאָרטען אויפגעפירט שלעכט. ער איז געווען פויל און נאַכלעסיג . . . פערציג יאָר שפּעטער האָט ער דערקלערט, אַז די פיר יאָר אין וועסט פּאָינט זיינען געווען די אומגליקליכסטע אין זיין גאַנץ לעבען . . . ער איז ניט געגאַנגען אין געזעלשאַפט. קיינער האָט אים ניט איינגעלאַדען. ער האָט זיך אַפילו ניט אויסגעלערענט טאַנצען . . . ער האָט אַזוי פיינט געהאַט דאָס מיליטערישע לעבען אַז ער האָט אָנגעהויבען צו שיכור'ן . . . ער האָט געדינט אַלס אָפיציר אין מעקסיקאַנער קריג . . . נאָך דער מלחמה איז ער געשיקט געוואָרען אויף אַ מיליטערישען פּאָסטען קיין קאַליפאָרניע. זיין פרוי האָט ער אי־בערגעלאָזען אין מיזורי. זיין פרוי'ס בריף זיינען געווען זיין איינ־ציגע טרייסט אין זיין איינזאַמקייט. ער פלעגט זיי שטענדיג ארומטראָגען ביי זיך, ביז זיי פלעגען ווערען אויסגעטראָגענע שטיק־לאַך פּאַפּיר, און ער פלעגט זיי לעזען זיצענדיג איבער אַ פלאַש בראַנפען שטונדען נאָכאַנאַנד. די העכערע באַאַמטע האָבען ניט געקענט פאַרטראָגען זיין אויפפירונג. זיי האָבען אים געהייסען

רעזיגנירען. ער איז געבליבען אָן א שטעלע, אָן לעבענס־מיטעל און מיט א שטארקער ליידענשאפט צו בראנפען . . . אין די הייסע זומער־מאָנאטען פון 1859 האָט ער ארומגעוואנדערט אין די גאסען פון סט. לואיז, געזוכט קונים אויף הייזער. ער איז געווען אזוי אָפּגעריסען און פארצוויפעלט, אז די פארבייגייער פלעגען זיך אָפּשטעלען קוקען אויף אים. ער איז ארומגעגאנגען זוכען קליינע הלואות ביי באקאנטע. און דאָך איז ער ניין יאָר שפּעטער געווען דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען און בארימט איבער דער גאנצער וועלט אַלס גענעראל . . . מיר שיינט אז ער האָט ניט געהאט קיין שום אנדער פעהיגקייט ווי די מיליטערישע".

וועגען זיין פיזישען אויסזען שרייבט א צווייטער ביאָגראף, פּראָפעסאָר קולידזש, פאָלגענדעס: „א נידעריגער, אָנגעבלאָזענער, מיט איידעלע מאַנערען. פון זיינע קליידער האָט זיך געטראָגען א ריח פון אַלטען טאבאק. ער האָט זיך געפילט אומבאקוועם אין דער געזעלשאפט פון געבילדעטע מענשען".

די אכט יאָר וואָס גרענט איז געווען פּרעזידענט איז די רעגירונג פארפלעקט געוואָרען מיט סקאנדאלען, כאבאר און קאָרופּציע. צי ער אליין איז אין די סקאנדאלען געווען פארמישט קען מען אויף זיכער ניט זאָגען. אָבער זיכער איז, אז ער האָט זיך געלאָזט אויסנוצען פון אומערליכע מענשען און האָט זיי אָפט באשיצט און פארטיידיגט. אין עטליכע פון די סקאנדאלען זיינען געווען פאר־מישט זיינע מיניסטאָרען, זיינע פּריוואט־סעקרעטערען און זיינע נאָענטע קרובים. ער האָט דורך זיין אומפעהיגקייט און נאכלעסיגקייט געבראכט צו אזא לאגע, אז ערליכע מענשען האָבען זיך געשעמט צו זיצען אין זיין קאבינעט.

מר. ראודס דריקט זיך אויס, אז גרענט „האָט געהאט א שוואכקייט" צו רייכע לייט. אלס פינאנץ־מיניסטער פון זיין ערש־טען קאבינעט האָט ער באשטימט אלעקסאנדער סטוארט פון ניו יאָרק, איינער פון די דריי רייכסטע מענשען אין לאנד. עס האָבען זיך אויפגעהויבען פּראָטעסטען. אָבער גרענט האָט זיי איגנאָרירט. דאן האָט זיך אימיצער דערמאָנט, אז עס איז דאָ אַן אַלטער געזעץ, אז א מענש וואָס איז דירעקט אָדער אינדירעקט

פאראינטערעסירט אין געשעפט אָדער האַנדעל, טאָר ניט דינען אַלס פינאַנץ-מיניסטער. גרענט האָט געזוכט צו ווירקען אויפ'ן קאָנגרעס ער זאָל דאָס געזעץ ענדערען. אָבער דאָס האָט ער ניט אויסגעפירט און סטוארט האָט געמוזט רעזיגנירען. אין גרענט'ס קאבינעט האָבען זיך געפונען בלויז דריי מיניסטאָרען וועמען מען האָט געקענט אַלס פייאיגע און ערליכע מענשען. די דריי האָבען זיך אָבער ביי אים לאַנג ניט געהאַלטען. וועגען דעם פלאָטען-מיניסטער אדאָלף בערי שרייבט ראודס: „בערי האָט זיך אויסגעצייכענט בלויז מיט צוויי זאַכען, ער איז געווען רייך און איז געווען גרענט'ס א פערזענליכער פריינד".

די ערשטע ניט-זויבערע פאַסירונג אין גרענט'ס אדמיניס־טראציע איז געווען אין פארבינדונג מיט אויסלענדישע אנגעלע־גענהייטען. גרענט האָט באַשלאָסען צו אנעקסירען סאַן דאָ־מינגאָ, די נעגער-רעפובליק וואס געפינט זיך אויף אַן אינזעל צווישען נאָרט און זיד אמעריקא. די אַלע איינצעלהייטען פון דער פאַסירונג זיינען נאָך ביז היינט ניט קלאָר. נאָר מיט עט־ליכע יאָר פאַר דעם, האָט זיך אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפט פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען, וואס האָט געפירט אונטערהאַנד־לונגען מיט דער סאַן דאָמינגאַ'ר רעגירונג וועגען געוויסע קאָנ־סעציעס. א גרופּע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטען האָבען אויך אָרגאַניזירט אַ באַנק אין סאַן דאָמינגאָ. עס זיינען דאָ אורזאַכען צו גלויבען, אז רעגירונגס-בעאַמטע פון סאַן דאָמינגאָ און רעגי־רונגס-בעאַמטע פון די פאראייניגטע שטאַטען זיינען געווען פאַר־אינטערעסירט אין דער באַנק. פארשטייער פון די צוויי אמע־ריקאַנער פירמעס אין סאַן דאָמינגאָ האָבען אונטערהאנדעלט מיט געוויסע פּערזאָנען אין גרענט'ס אַדמיניסטראציע. דורך זיי האָט גרענט געקראָגען צו וויסען, אז די סאַן דאָמינגאָ'ער רעגירונג איז וויליג צו פארקויפען דאָס לאַנד צו די פאראייניגטע שטאַטען.

אין יולי, 1869, האָט פּרעזידענט גרענט געשיקט קיין סאַן דאָמינגאָ איינעם פון זיינע פּריוואַט-סעקרעטארען, אַ געוויסען ארוויל בעבקאק, ער זאָל אויספאָרשען דאָס לאַנד. בעבקאק איז אָנגעקומען אין סאַן דאָמינגאָ אויף א קריגס-שיף. דאָס האָט

נאטירליך געגעבען זיין מיסיע א הויכען דיפלאמאטישען כאראקטער. בעבקאק האט פארהאנדעלט מיט פארשטייער פון דער סאן דאמינגא'ר רעגירונג און האט אויסגעארבייט מיט זיי פאלגענדען „פראטאקאל": אמעריקא זאל באצאלען סאן דאמינגא אנדערהאלבען מיליאן דאלער (סאן דאמינגא האט זיך גענויטיגט אין געלד אויף באצאלען חובות). פאר דער סומע זאל סאן דאמינגא ווערען דאס אייגענטום פון די פאראייניגטע שטאטען. בעבקאק האט פארשפראכען אז דער פרעזידענט וועט ווירקען אויפ'ן קאנגרעס ער זאל דעם מסחר גוטהייסען.

ווען די פראגע איז אויפגעהויבען געווארען אין סענאט האט זיך דארטען אנטוויקעלט א שטארקע אפאזיציע צום פראיעקט. דער פירער פון דער אפאזיציע איז געווען סענאטאר סאמנער. ער האט גע'טענה'ט, אז דער אינזעל געהערט צו די נעגער און זיי זיינען צו אים בארעכטיגט „דורכ'ן רעכט פון באזיץ, דורכ'ן רעכט פון בלוט און שוויים וואס איז אויסגעמישט מיט דער ערד". ער האט דערקלערט, אז די סאן דאמינגא'ר בעאמטע וואס האבען אנגעבאטען דאס לאנד צו פארקויפען זיינען „פאליטישע שווינדלער".

פרעזידענט גרענט האט אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות דעם פראיעקט דורכצופירען. ער איז געווארען סאמנער'ס ביטערער פיינד, כאטש סאמנער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע פערזענליכקייטען אין זיין פארטיי. אבער גרענט האט דעם קאמף פארלארען. דער סענאט האט זיך אנטזאגט גוטצוהייסען דעם אפמאך מיט סאן דאמינגא.

אין פארלויף פון דעם צווייטען יאר פון זיין אדמיניסטראציע זיינען פון גרענט'ס קאבינעט ארויסגעטראטען די צוויי בעסטע און ערליכסטע מיניסטארען. זיי האבען געמוזט גיין צוליב נידעריגער און אומערליכער פאליטיק. דער ערשטער האט רעזיגנירט דער אטאירני דזשענעראל (יוסטיץ מיניסטער) ראקוואוד האער. גרענט האט אים אין א שיינעם פרימארגען ארייגעשיקט א בריוועלע מיט א בקשה ער זאל רעזיגנירען. קיין אורזאך האט גרענט ניט אנגעגעבען. האער האט נאטירליך געפאלגט. שפע-

טער האָט ער זיך דערוואוסט אז ער איז געפאלען א קרבן אי־בער דעם קאמף ארום סאן דאָמינגאָ. די סענאטאָרס פון דער סאוט האָבען געלאָזט וויסען גרענט׳ן, אז אויב ער וועט ארייג־זעצען אין קאַבינעט איינעם פון דער סאוט וועלען זיי שטימען פאר זיין סאן דאָמינגאָ פלאַן. האָט ער זייער פאָרשלאג אָנגע־נומען און געהייסען האער׳ן גיין, כדי צו מאכען פלאַץ פאר אַ פאָרשטייער פון דער סאוט. אויף האער׳ס אָרט האָט גרענט באַ־שטימט אן אומבאוואוסטען מענשען, א געוויסען אקערמאַן, וועל־כער איז רעקאָמענדירט געווארען פון די פּאָליטישענס פון דער סאוט.

דער צווייטער וויכטיגער מיניסטער וואָס האָט געמוזט רע־זיגנירען איז געוועזן דזשייקאָב קאקס, דער מיניסטער פון אינער־ליכע אנגעלעגענהייטען. אין דער קורצער צייט וואס ער האָט זיין אמט געהאלטען האָט קאקס זיך פאַרהאסט געמאכט ביי די פּאָליטישענס וועלכע האָבען געזוכט „טובות״ און קאָנטראקטען. ער האָט אויך פארבאָטען די פּאָליטישע „באָסעס״ צו שלעפּען געלד ביי די אנגעשטעלטע פון זיין דעפּארטמענט. ער האָט זיך ענטזאגט צו געבען שטעלעס צו די פריינט פון די פּאָליטי־שענס. די פּאָליטישענס האָבען זיך באקלאָגט פאר׳ן פּרעזידענט. קאקס האָט ניט געווארט ביז מען וועט אים הייסען גיין און האָט אליין אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע. אויף זיין פלאַץ האָט גרענט באַשטימט א געוויסען דילייגא, וועלכער האָט געטאָן אלץ וואָס די פּאָליטישענס האָבען געוואָלט.

דער אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאנד איז דעמאלסט געוועזן דער באַרימטער היסטאָריקער מאָטלי. אים האָט אויך גרענט גע־צוואונגען צו רעזיגנירען. אויף זיין פלאַץ האָט ער געשיקט דעם געוועזענעם גענעראַל סקענק, וועלכער האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין אַ ניט־שיינעם געשעפט מיט אקציעס און וועלכער האָט אָנגעשריבען א בוך: „ווי אַזוי צו שפּילען פּאָוקער״.

גרענט איז שטארק קריטיקירט געווארען פאר נאָך צוויי זאכען: ער האָט ליב געהאַט צו נעמען מתנות און ער האָט גע־טיילט שטעלעס צי זיינע קרובים און צו זיין פרוי׳ס משפחה.

סענאטאר סאמנער האט אין א רעדע דערקלערט, אז גרענט האט פארזארגט יעדען מיטגליד פון זיין אייגענער און פון זיין פרוי'ס משפחה מיט א גוט־באצאלטער שטעלע. וועגען זיין שוואכקייט צו נעמען מתנות שרייבט זיין ביאגראף קולידזש פאלגענדעס: „ער האט ניט באטראכט פאר אומעטיש צו נעמען מתנות אפילו פון אזעלכע מענשען וועמען ער האט שפעטער געטאן טובות. צווישען די פרעזענטען וואס ער האט באקומען זיינען געוועזען א הויז אין פילאדעלפיא און א הויז אין וואשינגטאן. ער האט גענומען אלץ וואס מען האט אים געגעבען, אפילו אזעלכע זאכען, אין וועלכע ער האט זיך גארניט גענויטיגט. א טייל פון די זאכען זיינען פארבליבען ליגען אייגגעפאקט, אזוי ווי ער האט זיי באקומען, אין קעלער פון דעם „ווייסען הויז" די גאנצע צייט וואס ער האט דארט געוואוינט.

אין די רעפובליקאנישע רייען האט זיך אנטוויקעלט א שטארקע אומצופרידענהייט מיט גרענט'ן און מיט זיין אדמיניס־טראציע. ווען עס איז געקומען די צייט צו טראכטען וועגען נייע וואלען האט זיך די אפאזיציע קריסטאליזירט אין א באוועגונג אונטער'ן נאמען „ליבעראלע רעפובליקאנער". צווישען די אנ־פירער פון דער באוועגונג זיינען געוועזען די פראמינענטסטע צייטונגס־רעדאקטארען פון יענער צייט, ווי הארעס גרילי, סעמיועל באועל, הארעס ווייט, א. ל. גאדקין און וויליאם ראלען ברייענט. צווישען זיי זיינען אויך געוועזען אזוינע פראמינענטע פאליטיקער ווי סענאטאר סאמנער, דער געוועזענער קאבינעט מיניסטער קאקס און קארל שורץ. אנהויב מאי, 1872, האבען די אנפירער פון דער באוועגונג פארופען א נאציאנאלע קאנווענשאן אין סינ־סינעטי. די קאנווענשאן האט פארדאמט גרענט'ן און זיין אדמי־ניסטראציע אלס קארופט און פארדארבען. זי האט אויסגעאר־בייט א גאנצען צעטעל פון רעפארם־פארדערונגען. דאן האט זי נאמינירט הארעס גרילי פאר פרעזידענט און גראטץ בראון פאר וויים־פרעזידענט. מיט צוויי מאנאטען שפעטער האט די דע־מאקראטישע פארטיי ביי איר קאנווענשאן אין באלטימאר בא־שלאסען זיך צו פאראייניגען אין דעם וואל־קאמף מיט די לי־

בעראַלע רעפּובליקאַנער. די רעגולערע רעפּובליקאַנער האָבען ביי זייער קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיא נאָמינירט גרענט'ן פאַר א צווייטען טערמין. אלס וויס־פרעזידענט האָט די פּארטיי נאָמינירט סענאַטאָר הענרי ווילסאָן פון מאַסאַטשוזעטס.

דער וואַל־קאַמף איז כמעט אויסשליסליך געפירט געוואָרען אויף פּערזענליכע ליניעס. די ליבעראַלע רעפּובליקאַנער און די דעמאָקראַטען האָבען געשימפּט און געזידעלט גרענט'ן, און די רעגולערע רעפּובליקאַנער האָבען געשימפּט און געזידעלט גרילי'ן. מיט גרילי'ס קאַנדידאַטור זיינען געווען אומצופרידען אויך א סך פון גרענט'ס געגנער, ערנסטע און ערליכע בירגער וואס האָבען שטאַרק געוואָלט דאָס לאַנד זאָל פּטור ווערען פון גרענט'ן. זיי האָבען געהאַלטען אז גרילי איז ניט דער פּאַסיגער מענש פאַר פרעזידענט, ווייל ער איז געווען צו וואַקעלדיג אין כאַראַק־טער. זיי זיינען געווען איבערציינגט, אז אויב גרילי וועט זיין פרעזידענט וועט ער דינען אלס ווערקצייג אין די הענד פון כיט־רע פּאָליטישענס. גרילי'ס באַוועגונג האָט געליטען פון נאָך א זאַך. אין די לאַנגע יארען אלס צייטונגס־רעדאַקטאָר האָט ער זיך פאַרשאַפט א סך געגנער. זיין אויפגאַבע אלס רעדאַקטאָר איז געווען שטענדיג צו קריטיקירען, שטענדיג אראָפּצורייסען. צווישען די גרויסע מאַסען האָט ער דורכדעם געוואונען א סך פאַרערער און פריינד. אָבער צווישען די פּאָליטיקער און מאַכט־האָבער האָט ער געהאַט זייער א סך שונאים.

דער וואַל־קאַמף האָט זיך געענדיגט מיט א גרויסען זיג פאַר גרענט'ן און מיט א שרעקליכער מפּלה פאַר גרילי'ן. גרענט האָט געוואונען אין כמעט אַלע שטאַטען, אויסער זעקס. ער האָט אויך באַקומען מיט 800 טויזענד שטימען מער ווי גרילי.

די באַוועגונג פון די ליבעראַלע רעפּובליקאַנער האָט צוזאַ־מענגעבראַכען. אויף האָרעס גרילי האָט די מפּלה געווירקט אזוי שלעכט, אז ער איז מיט עטליכע וואָכען שפּעטער געשטאָר־בען פון א צובראָכען האַרץ. קורץ נאָך די וואַלען האָט ער גע־שריבען צו זיינעם א פריינד א בריף אין וועלכען ער האָט אויס־געגאָסען זיין פאַרדרוס: „איך האָב געליטען די גרעסטע מפּלה

וואס א קאנדידאט פאר א הויכען אמט האט ווען עס איז געהאט. איך בין אזוי ביטער אטאקירט געווארען, אז איך האב ניט גע־וואוסט צי איך לויף פאר פרעזידענט צי פאר א טערמין אין פריזאן. אין דער טונקעלסטער שטונדע פון מיינע ליידען האט מיין פרוי מיך פארלאזען (זי איז געשטארבען עטליכע טעג פאר דעם וואל־טאג)... איך האב זי באערדיגט מיט טרוקענע אויגען. איך בין אויסגעשעפט. איך קען ניט זען מער וואס עס טוט זיך ארום מיר. איך האב וואכען לאנג כמעט מיט אן אויג ניט צו־געמאכט".

גרענט'ס צווייטער טערמין איז אין פרט פון סקאנדאלען געווען נאך ערגער ווי דער ערשטער. נאך איידער גרענט איז צום צווייטען מאל איינגעשוואוירען געווארען אין אמט האט אויסגעבראכען דער סקאנדאל מיט דער „קרעדיט־מאביליער". אביסעל פריער פאר דער איינשווערונג איז געשען דער סקאנ־דאל מיט דער לוין־העכערונג: א טאג פריער איידער דער קאנ־גרעס האט געענדיגט זיין לעצטע זיצונג האט ער אנגענומען א פארשלאג צו העכערען דאס געהאלט פון פרעזידענט פון 25 טויזענד אויף 50 טויזענד א יאר, און פון די קאנגרעסלייט און סענאטארען — פון פינף טויזענד אויף זיבען און א האלב טוי־זענד א יאר. געגען דער העכערונג גופא וואלט ווארשיינליך ביים עולם קיין געגענשאפט ניט געווען. די קאנגרעסלייט און סענאטארען האבען זיך אבער מיט דער העכערונג ניט באנוגענט. זיי האבען באשלאסען, אז זיי קומט די העכערונג ניט נאר אויף ווייטער נאר אויך אויף פריער, פאר די צוויי פארגאנגענע יאר. זיי האבען באשלאסען, אז די רעגירונג זאל יעדען פון זיי בא־צאלען אויסער זייער געהאלט, נאך צו פינף טויזענד דאלער.

דאס האט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג אין דער פרעסע. די האנדלונג איז באצייכענט געווארען מיט'ן נאמען „די בעק פעי גרעב". טייל סענאטארען און קאנגרעסלייט האבען זיך דערשראקען און אליין זיך ענטזאגט דאס געלד צו נעמען. דער־שטורעם איז געווען אזוי גרויס, אז דער נעקסטער קאנגרעס האט

ביי זיין ערשטער זיצונג אינגאנצען צוריקגצויגען די העכערונג אויף דעם געהאלט פון זיינע מיטגלידער.

אין 1874 איז פארגעקומען דער סקאנדאל מיט די „סענבארן" קאנטראקטען. דער פינאנץ־מיניסטער ריטשערדסאן, האט געהאט א קאנטראקט מיט א געוויסען סענבארן, אז ער זאל דינען אלס ספעציעלער אגענט פאר דער רעגירונג. סענבארנ׳ס אויפגאבע איז געווען אויפצומאנען שטייערען ביי מענשען און פירמעס וואס האבען פארפעלט צו צאלען זייער שטייער, אדער אזעלכע וואס האבען ניט באצאלט די פולע סומע. פאר יעדען דאלער וואס סענבארן האט איינגעמאנט האט ער באקומען א האלבען דאלער. סענבארן האט אין א קורצער צייט געזאמעלט 427 טויזענט דאלער און געקראגען אויף זיין חלק 214 טויזענד. דאן האט מען זיך דערוואוסט, אז סענבארן טוט זיין ארבייט אומערליך און שווינדלעריש. א קאנגרעס־קאמיטע האט געמאכט אן אונטערזוכונג און עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז ער האט געמאנט שטייערען ביי מענשען און פירמעס וואס זיינען גארניט געווען הינטערשטעליג אדער אזוינע וואס װאלטען אליין באצאלט. עס האט זיך אויך ארויסגעוויזען אז א חלק פון דעם געלד וואס ער האט גענומען פאר זיך האט ער זיך דערמיט געטיילט מיט איינפלוסרייכע פאליטישענס, און אז דער פינאנץ־מיניסטער האט געוואוסט פון אלץ וואס סענבארן האט געטאן און זיך געמאכט ניט זעענדיג.

די אונטערזוכונגס־קאמיטע האט זיך געאייניגט אויף א באריכט וואס האט געראטען, אז דער פינאנץ־מיניסטער זאל אראפגעזעצט ווערען פון זיין אמט. ווען פרעזידענט גרענט האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער געשיקט רופען די קאמיטע־לייט און אויף זיי געווירקט זיי זאלען דעם מיניסטער ניט טשעפען. ער האט זיי צוגעזאגט, אז ריטשערדסאן וועט אליין רעזיגנירען. די קאמיטע האט אים געפאלגט. ריטשערדסאן האט ווירקליך רעזיגנירט. אבער גרענט האט אים באשטימט אלס ריכטער פון א וויכטיגען געריכט אין וואשינגטאן.

גרענט׳ס פריוואט סעקרעטאר בעבקאק איז געווען פארמישט

אין א צווייטען גרויסען סקאנדאל, וועלכער האט זיך געענ־דיגט דערמיט וואס גרענט האט געצוואונגען די צווי ערליכע מיניסטארען פון זיין קאבינעט צו רעזיגנירען. דער סקאנדאל האט געהאט צו טאן מיט די גרויסע ברויערייען אין דער וועסט, מיט די פאבריקאנטען פון שנאפס. איינער פון די מיניסטארען, דער נייער פינאנץ־מיניסטער בריסטאו, האט זיך דערוואוסט, אז די פאבריקאנטען באשווינדלען די רעגירונג אויף מיליאנען דאלער. זיי האבען געמאכט א פארשווערונג מיט די שטייער־זאמלער פון דער רעגירונג און אנשטאט צו צאלען שטייערען פלעגען זיי צאלען די בעאמטע כאבאר און יענע פלעגען מאכען א שווייג. בריסטאו האט געמאכט א געהיימע אונטערזוכונג, געמאכט אב־לאזועס אויף ברויערייען און אויף רעגירונגס־ביוראס. דאן האט ער ארעסטירט עטליכע בעאמטע און עטליכע פאבריקאנטען. צווי־שען די באשולדיגטע איז געווען בעבקאק. ער איז אנגעקלאגט געווארען אין נעמען כאבאר. מען האט אויך גערעדט, אז בעב־קאק האט ביי די שנאפס־פאבריקאנטען גענומען געלד פאר גרענט'ס וואלקאמף אין 1872, און אז ער האט זיך געגרייט צו נעמען ביי זיי געלד אין 1878 צו דערוויילען גרענט'ן פאר א דריטען טערמין.

פון די אלע באשולדיגטע זיינען בלויז עטליכע באשטראפט געווארען. דאס מערקווירדיגסטע האט פאסירט מיט בעבקאק'ס פראצעס. פרעזידענט גרענט האט זיך אליין פארגעשלאגען אויפ־צוטרעטען אלס עדות פאר בעבקאק'ן. דאס האט, פארשטייט זיך, געהאט א גרויסע ווירקונג אין געריכט און בעבקאק איז באפרייט געווארען. וואס איז שייך דעם הויפט שולדיגען אין די סקאנדאלען, א געוויסען דזשאן מעקדאנאלד, האט ער געגעבען גרענט'ן טייערע פרעזענטען און ווען גרענט האט באזוכט סט. לואיס אין 1874, האט מעקדאנאלד אים זייער שיין אויפגענומען. נאכ'ן פראצעס האט גרענט געצוואונגען דעם פינאנץ־מיניסטער צו רעזיגנירען. אין איין וועג האט ער אויך ארויסגעזעצט פון קאבינעט דעם פאסטמייסטער דזשענעראל דזשועל, וועלכער האט געשטיצט בריסטאו'ן אין זיין קאמף געגען די כאבארניקעס.

נאָך אַ סקאַנדאַל איז אויפגעדעקט געוואָרען דורך אַ קאָנ־גרעס קאָמיטע וואָס האָט אונטערזוכט דעם קריגס־מיניסטעריום. דער קריגס־מיניסטער איז געווען וויליאם וו. בעלנעפּ, גרענט'ס אַ ליבלינג. די קאָמיטע האָט אויסגעפונען, אז דער מיניסטער האָט יאָרען לאנג ארויסגעפּרעסט געלד ביי רעגירונגס־אנגעשטעל־טע אין איינעם פון זיינע ביוראָס. די בעלנעפּס האָבען זייער שטארק געוואָלט אריינקומען אין די הויכע פענסטער. די פרויען אין דער פאמיליע זיינען דערצו געווען אויסברענגערינס. קיין אייגען געלד האָט דער מיניסטער ניט געהאט און זיין געהאלט איז געווען קליין. . . מאדאם בעלנעפּ איז דאן געפאלען אויף אַ פּלאַן ווי אַזוי צו קריגען געלד. זי האָט געראטען אירען אַ פריינד, אַ געוויסען קיילעב מארש, ער זאָל זיך אָנבאָטען צו איר מאַן פאַר אַ געוויסער שטעלע און אַז אויב ער וועט די שטעלע קריגען זאָל ער זיך מיט איר טיילען מיט זיין געהאלט. האָט מאַרש געטאָן בעסער. ער האָט זיך געזען מיט דעם מענשען, וואס איז שוין אין דער שטעלע געזעסען און יענער האָט מסכים געווען אים צו צאָלען צוועלף טויזענד דאָלער אַ יאָר אויב ער וועט אים לאָזען צורו אין דער שטעלע. מארש האָט איינגעשטימט. פון די צוועלף טויזענד דאָלער וואס ער האָט באקומען האָט ער אַ העלפט געגעבען דער מאדאם בעלנעפּ. ווען דער סקאנדאל איז אויפגעדעקט געוואָרען איז מאדאם בעלנעפּ שוין געווען טויט. איר מאַן, דער מיניסטער, האָט גע'טענה'ט, אז ער האָט ניט גע־וואוסט פון דער גאנצער געשיכטע. עס איז אָבער באוויזען גע־וואָרען, אז נאָך זיין פרוי'ס טויט איז דאָס כאַבאַר־געלד גע־שיקט געוואָרען צו אים און אַז ער האָט דאָס געלד צוגענומען.

די אונטערזוכונגס־קאָמיטע האָט רעקאָמענדירט אז בעלנעפּ זאָל „אימפּיטשט" ווערען. בעלנעפּ האָט אָבער באצייטענס רע־זיגנירט. גרענט האָט אָנגענומען זיין רעזיגנאציע „מיט פאַר־דרוס". דער סענאט האָט בעלנעפּ'ן גע'משפּט, אָבער אַזוי ווי ער האָט שוין אליין רעזיגנירט האָבען עטליכע סענאטאָרען גע־שטימט מען זאָל אים צורו לאָזען. דערמיט האָט זיך די גע־שיכטע געענדיגט.

די אלע סקאנדאלען האבן געגעבען דער גרענט־אדמיניס־טראציע א זייער שלעכטע רעפוטאציע אין לאנד. זיי האבען אויך שטארק דיסקרעדיטירט די גאנצע רעפובליקאנישע פארטיי. אין די קאנגרעס וואלען פון 1874 זיינען די רעפובליקאנער מיאוס דורכגעפאלען. די דעמאקראטען האבען אויסגעקליבען 198 מיטגלידער און די רעפובליקאנער ניט מער ווי 94.

די דעמאקראטישע פארטיי האט געפילט, אז ענדליך איז גע־קומען די צייט ווען זי האט א מעגליכקייט צו דערוויילען א פרעזידענט און אריינקריגען די נאציאנאלע רעגירונג אין אירע הענט. זי האט אויך שטארק געבויט אויף דעם קריזיס אין לאנד. עס איז אן אלטער כלל, אז די פארטיי אונטער וועלכע א קריי־זיס קומט פאר, ווערט געשלאגען אין די נאענטסטע וואלען. די דעמאקראטישע פארטיי האט אלזא געמאכט גרויסע הכנות און גרויסע אנשטרענגונגען פאר די פרעזידענט־וואלען פון 1876. אלס קאנדידאט פאר פרעזידענט האט זי ארויסגעשטעלט איינעם פון אירע אנגעזעענסטע פירער, פעשיועל דזש. טילדען פון ניו יארק, די רעפובליקאנישע פארטיי האט געגען אים ארויסגעשטעלט רו־טערפארד ד. העיז, פון אהייא. העיז איז נאמינירט געווארען דערפאר וואס ער האט פריער זיך ווייניג וואס געמישט אין נא־ציאנאלער פאליטיק און ער האט געהאט א ריינעם נאמען. נאך א מעלה האט ער געהאט, וואס קיינער האט ניט געוואוסט זיין שטעלונג אין וויכטיגע טאג פראגען. ער איז געווען אן אונ־באקאנטע פערזאן וואס האט נאך קיין צייט ניט געהאט זיך איינ־צושאפען געגנער.

דער וואל־קאמף פון 1876 האט זיך געענדיגט מיט א ספסוך.ביידע פארטייען האבען דערקלערט אז זיי האבען געזיגט. אויס־געפירט לסוף האט די רעפובליקאנישע פארטיי און העיז איז געווארען פרעזידענט. אבער ביז היינטיגען טאג גלויבען די דעמאקראטען, אז זיי זיינען באשווינדעלט געווארען. מר. קענט („די געשיכטע פון דער דעמאקראטישער פארטיי") שרייבט: „די דעמאקראטען וועלען אייביג באשטיין דערויף, אז טילדען איז דערוויילט געווארען און אז דער פרעזידענט־אמט איז פון

אים אויסגעשווינדעלט געווארען. פאר די דעמאָקראטען וועלען די דאָזיגע וואַלען שטענדיג באצייכענט ווערען מיט'ן נאָמען „דער פארברעכען פון 1876".

מר. קענט שרייבט ווייטער: „קיינער וועט קיינמאָל ניט וויסען אלע פאקטען וועגען די אומערלאכקייטען וואס זיינען אפּגעטאָן געווארען פון ביידע פּארטייען אין דעם גרויסען קאמף וואָס האָט אָנגעהאלטען פון 8טען נאָוועמבער ביז'ן 2טען מערץ. ביידע צדדים האָבען באשולדיגט איינער דעם אנדערען אין קאָררופּציע און כאבאר — און ווארשיינליך זיינען אלע באשולדיגונגען געווען ריכטיג".

די וואַלען זיינען פאָרגעקומען דינסטאָג, דעם 7טען נאָוועמבער. פון די באריכטען וואָס זיינען אנגעקומען יענע נאכט האָט עס אויסגעוויזען אז טילדען איז זיכער דערוויילט געווארען. אין ניו יאָרק, וואו עס זיינען געווען די הויפּט־קוואַרטירען פון ביידע פּארטייען, האָבען די דעמאָקראטען יענע נאכט געפּראַוועט א שמחה און די רעפּובליקאַנער זיינען אוועק אהיים פאַראומערטע. מיטוואָך אין דערפרי זיינען אלע צייטונגען ארוים מיט די נייעס אז טילדען איז דערוויילט. בלויז איין צייטונג, „די טאַימז", וועלכע איז געווען פארביסען רעפּובליקאַניש, האָט געשריבען אז עס איז דאָ א האָפענונג אז העיז האָט געזיגט.

כדי צו ווערען דערוויילט האָט א קאנדידאט געמוזט קריגען 185 עלעקטאָרישע שטימען. טילדען האָט געהאט זיכערע 184; העיז האָט געהאַט זיכערע 166. דער צווייפעל און ספּעקולאציע זיינען געווען איבער די עלעקטאָרישע שטימען אין דריי שטאַטען פון דער סאוט: סאוט קאראָליינא, פלאָרידא און לואיזיאַנא. אויב העיז וועט קריגען אלע עלעקטאָרס פון די אלע דריי שטאַטען וועט ער האָבען 185 שטימען, מיט איין שטימע מער ווי טילדען. אין יענע דריי שטאַטען זיינען אין דעם וואלטאָג פאָרגעקומען אומרוען: עס זיינען באגאנגען געוואָרען א סך שווינדלערייען און אומערליכקייטען אין די שטימפּלעצער. די קאָמיטעס וואָס האָבען דאָרט געדארפט ציילען די שטימען זיינען געווען רעפּובליקאַנישע. דערויף האָבען די רעפּובליקאַנישע פירער איצט

געבויט. מיטוואך אין דערפרי האבען זיי טעלעגראפירט צו זייערע מענשען אין די דריי שטאטען אז זיי זאלען זען „האלטען די שטאטען", דאס הייסט, אז זיי זאלען אזוי ציילען די שטימען, אז די שטאטען זאלען „גיין" רעפובליקאניש.

ביידע פארטייען האבען אוועקגעשיקט זייערע בעסטע מענשען, זייערע געשיקטסטע פאליטיקער און בעסטע אדוואקאטען אין די דריי שטאטען. דער פרעזידענט האט אהין ארייגעשיקט סאלדאטען צו באשיצען די שטים־ציילער. פרעזידענט גרענט האט גארניט געהאט קיין רעכט צו שיקען סאלדאטען, ווייל די שטאט־רעגירונגען האבען עס ניט געפאדערט. ער האט עס געטאן בלויז כדי צוצוגעבען מוט די רעפובליקאנישע קאמיטעס זיי זאלען ניט מורא האבען צו ציילען ווי זיי פארשטייען...

די קאמיטעס האבען אנטשידען אז די רעפובליקאנישע פארטיי האט געזיגט אין אלע דריי שטאטען. די דעמאקראטישע פארטיי האט באשלאסען צו קעמפען געגען דער אנטשיידונג. דאס געזעץ איז, אז אין אזא פאל דארפען ביידע צווייגען פון קאנגרעס דורכקוקען די רעזולטאטען פון די עלעקטארישע וואלען און באשטימען ווער עס איז ערוויילט. יעדע פון די צוויי פארטייען האט גראד איצט קאנטראלירט איין צווייג פון קאנגרעס: די רעפובליקאנישע פארטיי האט געהאט א מאיאריטעט אין סענאט און די דעמאקראטישע פארטיי, אין דער „האוז". יעדע פארטיי האט אלזא געהאט די מאכט ניט צו דערלאזען אז דער געגנערישער קאנדידאט זאל פון קאנגרעס דערקלערט ווערען אלס זיגער.

דער קאמף איז איצט אריבערגעטראגען געווארען אין קאנגרעס. נאך א לאנגער ראנגלעריי איז באשלאסען געווארען, אז יעדע פון די צוויי פארטייען זאל אויסקלייבען א קאמיטע פון פינף און אז פון סופרים קאורט זאלען אויסגעקליבען ווערען פינף ריכטער, און אז די פופצען זאלען דורכקוקען די שטימען און באשטימען וועלכער קאנדידאט איז דערוויילט. דער סענאט, וואו די רעפובליקאנער האבען געהאט די מאיאריטעט, האט אלס איר קאמיטע אויסגעקליבען דריי רעפובליקאנישע און צוויי דע־

מאָקראטישע סענאטאָרען; די „תאוז", וואו די דעמאָקראטען האָבען געהאַט אַ מאַיאריטעט, האָט אויך איר פינפער קאָמיטע אויסגעקליבען דריי דעמאָקראטען און צוויי רעפובליקאַנער. ריכטער פון סופרים קאורט האָט מען פריער אויסגעקליבען פיר, צוויי רעפובליקאַנער און צוויי דעמאָקראַטען. די פיר האָבען געדארפט אויסקלייבען דעם פינפטען. און דאָ האָט דער מזל צוגעשפּילט די רעפּובליקאַנער. צווישען די פאַרבליבענע מיטגלידער פון סופרים קאורט איז בלויז איינער געווען מער אדער ווייניגער אַן אומפּאַרטייאישער. האָט מען געדענקט אז ער וועט זיין דער פינפטער. האָט זיך געדאַרפט מאַכען, אז גראָד איז ער אויסגעקליבען געווארען אַלס סענאַטאָר פון זיין שטאַט און ער האָט פון סופרים קאורט רעזיגנירט. אַלע איבעריגע זיינען געווען רעפּובליקאַנער. די דעמאָקראַטישע צוויי ריכטער אין דער קאָמיטע האָבען איצט קיין ברירה ניט געהאַט. זיי האָבען געמוזט אננעמען אַלס פינפטען ריכטער אַ געוויסען דזשאָדזש ברעדלי, כאָטש זיי האָבען געוואוסט אז ער איז אַן איבערגעבענער רעפּובליקאנער. די קאָמיטע איז אַלזאָ באשטאַנען פון אכט רעפּובליקאנער און זיבען דעמאָקראַטען.

אין יעדער פראגע וואס איז פאר דער קאָמיטע פאָרגעבראַכט געווארען האָט יעדער קאָמיטע מאַן געשטימט שטרענג פּארטייאיש. די סופרים־קאורט ריכטער אין דער קאָמיטע זיינען געווען פונקט אזוי פּארטייאיש ווי די סענאַטאָרען און די קאָנגרעסלייט. עס איז קלאָר געווען, אז קיינער פון די קאָמיטעלייט האָט ניט געטראכט וועגען אמת אדער גערעכטיגקייט. זיי איז געלעגען אין זינען בלויז די פּארטיי. זיי האָבען געשטימט אזוי ווי די פּארטיי האָט געפאָדערט.

אזוי ווי די רעפּובליקאנישע פּארטיי האָט אין דער קאָמיטע געהאַט אַ מאַיאָריטעט איז זי ארויס די זיגערין. העיז איז איינגעשוואוירען געווארען אַלס פּרעזידענט. אַלע היסטאָריקער מאַכען אויפמערקזאם דערויף, וואָס די דעמאָקראַטען האָבען זיך געבויגען פאר דער אַנטשיידונג. זיי ווייזען אָן, אז אין אַנדערע

לענדער וואָלט אזא פאַרביסענער סכסוך וואַרשיינליך געפירט צו אומרוען אָדער צו אן אויפשטאַנד. אלע דעמאָקראטען אין לאַנד זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אז די וואַלען זיינען פון זייער פאַרטיי אַוועקגערויבט געווארען, פונדעסטוועגען האָבען זיי קיין געוואַלד מיטלען ניט אָנגעווענדט.

קאַפּיטעל 40.

די אַרבייטער באַוועגונג אין די פופצען יאָר נאָך דעם בירגער קריג.

ווען דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבען זיינען אין לאַנד כמעט קיין יוניאָנס ניט געווען. די עטליכע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען איבערגעלעבט דעם קריזיס פון 1857 זיינען זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרען אין די ערשטע אַנדערהאַלבען יאָר פון דער מלחמה, ווען אַלע אינדוסטריען האָבען זיך געפונען אין אַ צורודערטען צושטאַנד. ערשט נאָכדעם ווען די צייטען זיינען געוואָרען בעסער, ווען די מלחמה־שפּע האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט, האָט די אַרבייטער־באַוועגונג אנגעהויבען אויפצולעבען. די נעקסטע צען, פופצען יאָר זיינען געווען רייך מיט וויכטיגע געשעענישען אין די אָרגאַניזירטע טיילען פון די אַרבייטער־מאַסען.

די ערשטע פּראָמינענטע פאָרשטייער און פירער פון דער אַרבייטער באַוועגונג אין די זעכציגער יאָרען זיינען געווען פאָרטגעשריטענע רעוואָלוציאָנערען. דער וויכטיגסטער פון זיי, וויליאַם ה. סילוועס, פלעגט זיך דורכשרייבען מיט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אין דער צייט פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַל. סילוועס איז געווען דער פּרעזידענט פון דער „מאָלדערס יוניאָן”. ער האָט אָבער געגעבען דעם טאָן דער גאַנצער אַרבייטער־באַוועגונג. ווען ער איז געשטאָרבען אין 1869 (אין עלטער פון 41 יאָר) האָט דער צוזאַמענפאָר פון ערשטען אינטערנאַציאָנאַל אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבען די פאָלגענדע דערקלערונג: „די אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקאַ איז געוויס ניט אָפּהענגיג אָן דעם לעבען פון איין פּערזאָן. אָבער דער פאַרלוסט וואָס דער אַרבייטער־צוזאַמענפאָר האָט געליטען דורך סילוועס׳ טויט קען ניט גאַנץ גע־

מאכט ווערען. אלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדט צו סיל־וועס'ן, וועלכער האט אלס גענעראל פון דער פראלעטארישער ארמיי געהאט די דערפארונג פון צען יאר און אויך גרויסע פײ־איגקייטען. און סילוועס איז טויט".

אין 1862 האט זיך אנגעהויבען די אויפלעבונג פון דער אר־בייטער באוועגונג. די אומשטענדען האבען געטריבען די ארביי־טער זיך צו ארגאניזירען אין יוניאנס. די צייטען זיינען געווען גוט פאר אלע קלאסען אויסער די ארבייטער. דעם איינציגען געווינס וואס די ארבייטער האבען געהאט פון די גוטע צייטען איז געווען דאס, וואס זיי האבען לייכט געקענט קריגען ארבייט. אבער זייערע שכירות זיינען איצט געווען נאך קלענגליכער ווי פריער. דער יקרות אויף לעבענס־מיטעל איז געווארען אלץ גרע־סער און גרעסער. דער איינציגער אויסוועג פאר די ארבייטער איז געווען זיך צו ארגאניזירען און קעמפען פאר בעסערע באדינ־גונגען.

אין יאר 1862 זיינען לאקאלע יוניאנס ארגאניזירט געווארען פאקטיש אין יעדען פאך. דערנאך האבען לאקאלע יוניאנס זיך פאראייניגט אין צענטראלע. די ערשטע שטאדטישע צענטראלע פון יוניאנס איז געגרינדעט געווארען אין ראטשעסטער, ניו יארק, אין 1863. אין גיכען זיינען אזעלכע צענטראלען ארגאניזירט געווארען אין יעדער וויכטיגער שטאט. א פארזוך איז געמאכט געווארען אין 1864 צו פארבינדען די אלע שטאטישע צענטראלען אין א נאציאנאלען פארבאנד. דער פארזוך האט זיך אבער ניט איינגעגעבען.

די יוניאנס האבען אבער געהאט גרויס ערפאלג אין אר־גאניזירען נאציאנאלע פארבאנדען אין די באזונדערע פאכען. אין פארלויף פון אכט יאר, פון 1864 ביז 1872, זיינען געגרינדעט געווארען עטליכע און צוואנציג אזעלכע פארבאנדען. די צאל מיטגלידער אין די אלע יוניאנס איז שווער צו באשטימען. אין אוגוסט, 1869, האט דער „ניו יארק העראלד" געשאצט, אז אין לאנד זיינען פאראן 170 טויזענט ארגאניזירטע ארבייטער. מר. קאמעראן, איינער פון די וויכטיגסטע ארבייטער פירער פון יענער

צייט, האָט געשאַצט די צאָל אין 600 טויזענד. פּראָפעסאָר פּערל־מאַן האַלט אז אין 1872 זיינען אין לאַנד געווען ארום 300 טויזענד אָרגאַניזירטע ארבייטער.

אין 1866 איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער „נאַציאָנאַלער אר־בייטער פאַרבאַנד" (די נעשאָנעל לייבאָר יוניאָן) וועלכער האָט גע־שפּילט א וויכטיגע ראָלע אין דער באַוועגונג אין פאַרלויף פון די זעקס יאָר וואָס ער האָט עקזיסטירט. דער פאַרבאַנד איז ניט געווען קיין שטרענגע „טרייד־יוניאָן" אָרגאַניזאַציע. אין אים זיינען געווען אָנגעשלאָסען, אויסער יוניאָנס, אויך ראַדיקאַלע אָר־גאַניזאַציעס, ווי צום ביישפּיל אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע און אפילו פרויען־רעכטלערינס. אין דעם דאָזיגען פאַרבאַנד שפּיגלען זיך אָפּ די שטרעבונגען און די אידעאַלען פון די אמעריקאַנער ארבייטער פון דער צייט פון דעם בירגער־קריג און באַלד נאָכדעם. אין די זעקס יאָר וואָס ער האָט עקזיסטירט איז ער געווען טעטיג אין די אַלע וויכטיגסטע אונטערנעמונגען פון דער ארבייטער באַ־וועגונג פון יענער צייט.

צווישען די וויכטיגסטע פּונקטען וואָס דער פאַרבאַנד האָט פאַרהאַנדעלט ביי זיין ערשטען צוזאַמענפאָר אין 1866 זיינען גע־ווען פאָלגענדע צוויי: דער אַכטשטונדיגער ארבייטס־טאָג און די גרינדונג פון אַן ארבייטער־פּארטיי אין ניו יאָרק. איבער דער צווייטער פראַגע איז פאָרגעקומען א הייסע דעבאַטע צווישען די דעלעגאַטען. א מאַיאָריטעט איז געווען פאַר אַן ארבייטער־פּארטיי און די קאָנווענשאָן האָט לכתחילה אָנגענומען די פאָלגענדע רע־זאָלוציע: „די צייט איז געקומען פאַר די ארבייטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען זיך אָפּצורייסען פון די פּאָליטישע פּאַר־טייען און אָרגאַניזירען אַן אייגענע ארבייטער פּארטיי". אָבער די געגנער פון אַן ארבייטער־פּארטיי, כאָטש זיי זיינען געווען אין א מינאָריטעט, האָבען געמאַכט אַזעלכע געוואַלדען, אז מען האָט זיי טיילווייז נאָכגעגעבען. אין דער אנגענומענער רעזאָלוציע איז אריינגעשריבען געוואָרען די פראַזע, אז אַן ארבייטער פּארטיי זאָל געגרינדעט ווערען „אַזוי שנעל ווי מעגליך". מיט דער דאָ־

זיגער ענדערונג איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געווארען במעט איינשטימיג.

די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען צו ארבייטען פאר אַן אכטשטונדיגען ארבייטס טאָג. מיט דער דאָזיגער פראגע האָט זיך אין לאַנד שוין גערודערט נאָך פריער. אין א סך שטעט זיינען אָנגעגאנגען ספּעציעלע באוועגונגען פאר אן אכטשטונדיגען ארבייטס־טאָג. מיט דער דאָזיגער באוועגונג איז ענג פארבונדען דער נאָמען פון א באָסטאָנער מאשיניסט, אירא סטוארט, וועלכער האָט דער באוועגונג געגעבען א נאַציאָנאַלען כאראקטער. סטוארט איז געבארען געווארען אין 1831. צו 19 יאָר, ווען ער איז געוועזען אַ לערן אינגעל ביי א מאשיניסט און האָט געארבייט צוועלף שעה א טאָג, האָט ער אָנגעהויבען זיין אגיטאציע פאר קירצערע שטונדען. און די גאנצע צייט וואָס די אגיטאציע פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאָג האָט זיך ברייט פארשפרייט, פון אָנפאנג פון די זעכציגער יאָרען ביז סטוארט'ס טויט אין 1883, איז אוממעגליך אָפּצוטיילען די באוועגונג פון זיין פּערזאָן. ער איז געוועזען אזוי אריינגעטאָן אין דער אגיטאציע, אז מען האָט אים אָפטמאָל גערופען „דער אכטשטונדיגער מאניאק".

סטוארט האָט געגלויבט, אז דורך פארקירצטער ארבייטס־צייט קען געמאכט ווערען א רעוואָלוציע, אן איבערקערעניש אין דער געזעלשאַפט. זיין טעאָריע איז געוועזען אזא: דער ארבייטער באקומט אזוי פיל שכירות ווי זיין סטאנדארד פון לעבען פאָדערט. ווען דער ארבייטער האָט העכערע פארלאנגען באקומט ער העכערע שכירות. א קירצערער ארבייטס־טאָג וועט געבען דעם ארבייטער פרייע צייט צו אנטוויקלען העכערע פארלאַנגען. ער וועט דאן מוזען קריגען העכערע שכירות. ווען די שכירות וועלען זיין העכער וועלען די ריווחים פון באַלעבאָס במילא זיין קלענער. אויף אזא אופן קען מען, דורך שניידען די ארבייטס־צייט, ביסלאכווייז צונעמען דעם גאנצען ריוח פון באַלעבאָס און אים אָפּגעבען די ארבייטער אלס שכירות. דורך דעם איינעם מיטעל, אלזא, פון שטענדיג קירצען דעם ארבייטס־טאָג קען

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט פאַרוואַנדעלט ווערען אין א סאָציאַליסטישער.

סטוארט איז געוועזען מיט דער מיינונג, אז דער בעסטער וועג צו געווינען דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג איז דאָס געזעץ — די רעגירונג זאָל פאַרבאָטען צו ארבייטען מער ווי אכט שטונדען. ער האָט אָרגאַניזירט געהיימע פאַראיינען אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד צו פּראָפּאַגאַנדירען זיינע אידעען. צווישען די יאָרען 1865 און 1873 האָט ער געגרינדעט ניט ווייניגער ווי אכציג אזעלכע פאַראיינען.

דער „נאַציאָנאַלער ארבייטער פאַרבאַנד" האָט געזוכט צו ווירקען אויף דער וואשינגטאָנער רעגירונג זי זאָל איינפירען אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג פאַר אַלע רעגירונגס אנגע־שטעלטע. דער „פאַרבאַנד" האָט געגלויבט, אז די פּריוואַטע באַלעבאַטים וועלען נאָכטאָן דער רעגירונג. אין מערץ, 1866, האָט סענאַטאָר גראַץ בראַון פון מיזורי אריינגעטראָגען א פאַר־שלאַג פאַר אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. א דעלעגאַציע פון דעם „פאַרבאַנד" האָט זיך געזען מיט פּרעזידענט דזשאָנסאָן און אים געבעטען ער זאָל העלפען דורכצופירען דעם ביל. דזשאָנ־סאָן האָט דער דעלעגאַציע פאַרזיכערט, אז ער איז א פריינד פון ארבייט. אָבער וועגען דעם ביל האָט ער קיין הבטחות ניט געמאַכט. נאָך א קאַמף פון צוויי יאָר איז אָבער געלונגען דעם ביל דורכצופירען. דעם 29טען יוני, 1868, האָט פּרעזידענט דזשאָנסאָן אונטערגעשריבען דאָס געזעץ.

אָבער דאָס וואָס דער „פאַרבאַנד" האָט דערוואַרט איז ניט פאַרווירקליכט געוואָרען. די פאַרשידענע בעאַמטע, אונטער וועל־כע די רעגירונגס ארבייט איז געטאָן געוואָרען, האָבען דאָס געזעץ געטייטשט אויף פאַרשידענע אופנים... א טייל האָבען געהאַלטען, אז וויבאַלד די ארבייטס־צייט איז פאַרקלענערט גע־וואָרען, דאַרפען אויך די שכירות געשניטען ווערען. דער פלאָטען־מיניסטער, גידיען וועלס, צום ביישפּיל, האָט געשניטען די שכירות פון זיינע ארבייטער אויף צוואַנציג פּראָצענט. איידער דער סכסוך איז אויסגעגליכען געוואָרען האָט געדויערט פיר יאָר

צייט. ענדליך אבער האט פרעזידענט גרענט ארויסגעגעבען א באפעל, אין מאי, 1872, אז די שכירות פון די ארבייטער זאלען נישט געשניטען ווערען. און דער קאנגרעס האט דורכגעפירט א געזעץ אז די ארבייטער ביי וועמען מען האט די שכירות יא גע־שניטען זאלען צוריקקריגען די גאנצע געלד וואס זיי האבען דורכ־דעם פארלארען.

די האפענונג אז פריוואטע באלעבאטים וועלען נאכטאן דער רעגירונג איז ניט מקוים געווארען. אפילו יענע באלעבאטים וואס האבען געטאן ארבייט פאר דער רעגירונג האבען זיך אויך ניט גערעכענט מיט'ן געזעץ. עס האט געדויערט נאך פערציג יאר, ביז די רעגירונג האט גענומען צווינגען, אז די ארבייט וואס זי גיט ארויס צו פריוואטע פירמעס זאל געמאכט ווערען אונ־טער'ן אכט־שטונדיגען ארבייטס־געזעץ.

די ארגאניזירטע ארבייטער אין די באזונדערע שטאטען האבען געזוכט צו ווירקען אויף זייערע שטאט־רעגירונגען זיי זא־לען געזעצליך באגרענצען די ארבייטס־צייט אין די פאבריקען אויף אכט שטונדען. פון אנפאנג האט עס אויסגעוויזען, אז די ארבייטער וועלען זייער ציל שנעל דערגרייכען. די פאליטישע לאגע אין א סך שטאטען איז געווען אזא, אז די פאליטיקער האבען זיך געמוזט חנפ'ענען צו די ארבייטער־מאסען. אין 1867 האבען עטליכע פון די וויכטיגסטע שטאטען אין לאנד אנגענומען געזעצען פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג. דאס זיינען געווען: ניו יארק, אילינאי, וויסקאנסין, קאנעטיקוט, מיזורי און קאליפארניא. שפעטער האט זיך אבער ארויסגעוויזען אז די געזעצען האבען קיין ווערט ניט געהאט. לויט די געזעצען האט דער ארבייטער „געהאט דאס רעכט" אונטערצושרייבען א קאנטראקט מיט'ן באלעבאס צו ארבייטען לענגער. אויסער דעם האבען די שטאט־רעגירונגען, וואס האבען די געזעצען אנגענומען, גארנישט געטאן אז דאס געזעץ זאל אפגעהיט ווערען. אין ניו יארק, צום ביישפיל, האבען די ארבייטער זיך געווענדעט צום גא־ווערנאר מיט דער בקשה ער זאל צווינגען די באלעבאטים אפצו־

היטן דאָס געזעץ. דער גאָווערנאָר האָט געענטפערט אז ער קען עס ניט טאָן.

ביים סוף פון די זעכציגער יארען איז פאר די אָרגאַניזיר־טע ארבייטער אויפגעשוואומען די פראגע פון נעגער־ארבייט. די קאָנווענשאָן פון דעם „נאַציאָנאלען ארבייטער פארבאנד" האָט אין 1869 פארהאנדעלט די דאָזיגע פראגע. זי האָט באשלאָ־סען צו העלפען אָרגאַניזירען די נעגער און האָט איינגעלאדען די נעגער צו שיקען פאָרשטייער אין „פארבאנד". אָבער אין דער דאָזיגער אונטערנעמונג האָט דער „פארבאנד" קיין דער־פאָלג ניט געהאט. די גרויסע מאסען פון די ווייסע ארביי־טער האָבען זיך באנומען פיינדליך צו די נעגער. זיי האָבען זיך אנטזאגט זיי ארייננצונעמען אין זייערע יוניאנס און ניט גע־וואָלט זיי ארייננלאָזען אין די פאבריקען. און די נעגער האָבען בעסער געוואלט זיך אָרגאַניזירען באזונדער פון די ווייסע. די וויכטיגסטע אורזאכע איז געווען, ווי שוין געזאָגט, דאָס, וואס די יוניאנס האָבען ניט ארייננגעלאָזען קיין נעגער אין זייערע פאכען. אין פארלויף פון די זעכציגער יאָרען זיינען ניט זעל־טען פאָרגעקומען צוזאמענשטויסען צווישען ווייסע און שווארצע ארבייטער. די יוניאן פון מולארעס (בריקלייערס) אין וואשינג־טאָן האָט פארבאָטען אירע מיטגלידער צו ארבייטער צוזאמען מיט נעגער. פיר ווייסע ארבייטער זיינען אויסגעשלאָסען געווארען פון דער יוניאן דערפאר וואָס זיי האָבען געארבייט צוזאמען מיט נעגער. די נעגער זיינען ניט געווען צופרידען מיט דעם „נאַ־ציאָנאלען ארבייטער פארבאנד" צוליב נאָך אַ זאך. דער „פאר־באנד" האָט אגיטירט געגען די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען און געזוכט צו ארגאַניזירען אַן ארבייטער פארטיי. די נעגער זיינען אָבער געווען איבערגעגעבען דער רעפובליקאנישער פארטיי. זיי האָבען געגלויבט אז די פארטיי האָט זיי באפרייט פון שקלאַ־פעריי.

וויליאם סילוועס, וועלכער איז געווען איינער פון די הויפט־פירער פון דעם „נאַציאָנאלען ארבייטער פארבאנד", האָט מיט אלע כוחות געזוכט צו ווירקען אז די אמעריקאנער ארבייטער

זאָלען זיך אָנשליסען אָן דעם „אינטערנאציאנאל" אין אייראָפּא. ביי דער קאָנווענשאָן פון „פארבאנד" אין 1867, איז אים גע־לונגען דורכצופירען א רעזאָלוציע, אז דער „פארבאנד" סימפּאַ־טיזירט מיט די אָרגאניזירטע ארבייטער אין אייראָפּא אין זייער קאמף געגען פּאָליטישע און סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטען, און פארשפּרעכט זיין מיטהילף. אין 1869 האָט דער „פארבאנד" באשלאָסען צו שיקען א דעלעגאט צום אינטערנאציאנאלען צוזאַ־מענפאָר אין באזעל. אלס דעלעגאט איז באשטימט געווארען דער ראדיקאלער ארבייטער פירער א. ס. קאמעראן. ווייטער איז עס אָבער ניט געגאנגען.

אין אמעריקא זיינען אין יענער צייט געווען קליינע גרופּען אויסלענדישע ארבייטער, דאָס רוב דייטשע, און אויך א געוויסע צאָל היגע אינטעליגענטען, וועלכע האָבען געפּריידיגט דעם סאָ־ציאַליזם. די דאָזיגע גרופּען זיינען געווען אנגעשלאָסען אָן דעם „אינטערנאציאָנאל".

דער קריזיס פון 1873 האָט א סך אפּגעשוואכט די ארגאַ־ניזירטע ארבייטער־באוועגונג. א סך יוניאנס זיינען אינגאנצען אונטערגעגאנגען. די וואס זיינען פארבליבען האָבען פארלאָרען א גרויסען טייל פון זייערע מיטגלידער. אין ניו יארק, צום ביישפּיל, זיינען ערב דעם קריזיס געווען נאָענט צו 45 טויזענד אָרגאניזירטע ארבייטער, און אין 1877 זיינען אין די יוניאנס פארבליבען ניט מער ווי פינף טויזענד מיטגלידער. אין סינ־סינעטי זיינען אין אלע יוניאנס געבליבען ניט מער ווי טויזענד מיטגלידער. אין 1873 זיינען אין לאנד געווען דרייסיג נאַ־ציאָנאלע יוניאנס; אין 1877 זיינען געבליבען ניט מער ווי אכט. די מאשיניסטען־יוניאָן האָט פארלארען צוויי דריטעל פון אירע מיטגלידער. די מוליארעס האָבען אין 1873 געהאט 113 לאָקאלען, און אין 1880 ניט מער ווי דריי. פון די דריי הונ־דערט טויזענד אָרגאניזירטע ארבייטער אין לאנד זיינען אין די יוניאנס געבליבען ניט מער ווי פופציג טויזענד.

די באלעבאטים האָבען זיך באנוצט מיט דער שווערער צייט און מיט דער אפּשוואכונג פון די ארבייטער־אָרגאניזאציעס צו

שניידען די שכירות. דאָס האָט געטריבען די ארבייטער פון א סך פאכען ארויסצוגיין אין סטרייק. אין אייניגע אינדוסטריען האָבען זיך די ארבייטער אָרגאַניזירט אין געהיים און אָנגעווענדעט טעראָריסטישע מיטלען. אייניגע סטרייקס וואס זיינען פאָרגעקומען אין פארלויף פון די קריזיס־יארען זיינען געווען די בלוטיגסטע און פאַרצווייפעלסטע אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג.

א ריי סטרייקס זיינען פאָרגעקומען אין פאָל ריווער, מאַסאַטשוזעטס, דער וויכטיגסטער צענטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטרי אין ניו ענגלאנד. די באַלעבאַטים האָבען דאָרט אָנגעפאנגען צו שניידען די שכירות גלייך ווי די שלעכטע צייטען זיינען אָנגעקומען. דעם ערשטען שניט פון צען פראָצענט האָבען די ארבייטער פארשוויגען. אָבער ווען די באַלעבאַטים האָבען אביסעל שפעטער אנאָנסירט אז זיי שניידען ווידער די שכירות האָבען די ארבייטער זיך אָרגאַניזירט און אין פעברואר, 1875, זיינען זיי ארויס אין סטרייק. דער קאמף האָט אָנגעהאלטען מאָנאַטען לאנג און צום סוף האָט דער הונגער געצוואונגען די ארבייטער זיך אונטערצוגעבען. מיט עטליכע מאָנאַטען שפעטער האָבען די באַלעבאַטים ווידער געשניטען די שכירות אויף צען פראָצענט. אין 1878 זיינען די שכירות פון די טעקסטיל־ארבייטער געווען מיט דרייסיג פראצענט נידעריגער ווי אין 1873. דאן האָבען זיך די באַלעבאַטים מישב געווען און ארונטערגעהאקט אויף נאָך 15 פראָצענט, געמאַכט זיי מיט 45 פראָצענט נידעריגער ווי אין 1873. די ארבייטער זיינען ווידער ארויס אין סטרייק. די באַלעבאַטים האָבען געבראַכט סקעבס פון קענעדע. נאָך זעכצען וואָכען פון פארצווייפעלטען קאמף און שרעקליכע ליידען און רדיפות האָבען זיך די ארבייטער ווידער געמוזט אונטערגעבען.

אין דער קוילען־אינדוסטריע איז די יוניאן באַזיגט געוואָרען אין א ביטערען סטרייק וועלכער האָט אָנגעהאלטען זיבען מאָנאַטען אין 1874 און אין 1875. דער רעזולטאַט פון דער מפלה איז געווען א שרעקליכע טראַגעדיע. די ארבייטער האָבען אָרגאַני־

זירט געהיימע פאראיינען, וועלכע האבען געטראגען דעם נאמען „מאלי מעגווייערס". געהיימע פאראיינען צווישען די מיינערס האבען עקזיסטירט נאך פריער. אבער ווען די יוניאן איז געווען שטארק האבען זיי קיין ראלע ניט געשפילט. איצט, אז די יוניאן איז שוואך געווארען, זיינען זיי געווארען שטארק. די מיטגלידער זיינען געווען דורכאויס אירלענדער מיינערס אין די מיינער־שטעטלאך פון פענסילווייניא.

וועגען די „מאלי מעגווייערס" איז א סך געשריבען געווארען. דאס רוב ווערען זיי פארגעשטעלט ווי ארגאניזאציעס פון טעראריסטען. אין משך פון די זעכציגער און זיבעציגער יארען זיינען אין די מיינער־שטעטלאך פארגעקומען א סך מארדען וואס זיינען צוגעשריבען געווארען צו די „מאלי מעגווייערס". אין 1869 האט דער פרעזידענט פון דער „פילאדעלפיא ענד רעדינג ריילראוד קאמפאני", וועלכע האט אויך געהאט קוילען מינען, באשלאסען צו פארניכטען די „מאלי מעגווייערס". ער האט געדונגען די „פינקערטאן דעטעקטיוו ביורא" זי זאל זאמלען באווייזען געגען די „מאלי מעגווייערס". די ביורא האט ארייגעשיקט אין דער געגענד פון די קוילען־גרובען א דעטעקטיוו מיט׳ן נאמען דזשיימז מעקפארלאן. מעקפארלאן איז אליין געווען אן אירלענדער. ער האט זיך באזעצט צווישען די קוילען־גרעבער און זיך באפריינדעט מיט די מיטגלידער פון די „מאלי מעגווייערס". ער האט דערציילט, אז ער ווערט געזוכט פון דער פאליציי פאר געוויסע פארברעכענס. די „מאלי מעגווייערס" מיטגלידער האבען אים געגלויבט און האבען אים אנפארטרויט זייערע סודות. א פאר יאר האט ער פארבראכט צווישען זיי. דאן האט ער אלע זיינע געזאמעלטע באווייזען פארגעלייגט פאר דער פאליציי. אין הערבסט פון יאר 1875 זיינען א סך פון די „מאלי מעגווייער" מיטגלידער ארעסטירט געווארען. די פראצעסען האבען זיך געצויגען ביז שפעט אין 1876. פיר און צוואנציג פון די גע׳משפט׳ע זיינען געפונען געווארען שולדיג. צען האט מען אויפגעהאנגען. די איבעריגע זיינען פארשיקט געווארען אויף פארשידענע טערמינען אין געפענגנים.

די ראדיקאלע שרייבער זיינען מיט דער מיינונג, אז דער שפּיאָן מעקפארלאן איז געשיקט געוואָרען ניט בלויז צו זאמלען באווייזען נאָר אויך צו ש א פ ע ן באווייזען, אז ער האָט די „מאָלי מעגווייערס" אויפגעהעצט צו באגיין די פארברעכענס און אז ער האָט אליין אין די פארברעכענס טייל גענומען. דזשיימס אָניעל שרייבט:

„דאָס איז געווען דער ערשטער פאל ווען שפּיאָנען און פּראָוואָקאטאָרען זיינען פון די באלעבאטים אריינגעשיקט געווארען אין די יוניאנס".

אָט וואָס יודזשין דעבס שרייבט וועגען די „מאלי מעגווייערס": „זיי האָבען אלע אויסגעשריען אז זיי זיינען אומשולדיג און זיינען געשטארבען ווי העלדען. קיינער פון זיי האָט ניט ארויסגעוויזען דעם מינדעסטען סימן פון שרעק אדער שוואכקייט. קיין איינער פון זיי איז ניט געווען קיין מערדער פון נאטור. זיי זיינען געווען אומוויסענד און אומאנטוויקעלט, געבאָרען אין אָרימקייט און ארומגעשליידערט הין און צוריק דורך די כוואליעס פון שיקזאל. צו געבען ווידערשטאנד די אומגערעכטיגקייטען פון וועלכע זיי און זייערע קאמעראדען זיינען געווען די קרבנות, און צו באשיצען זיך געגען די ברוטאליטעטען פון די באלעבאטים לויט זייערע פּראָסטע באגריפען — דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל פון די אָרגאניזאציעס „מאלי מעגווייער". קיין זאך איז ניט געווען ווייטער פון זייער ציל ווי מאָרד און פארברעכען. אמת, זייערע מעטאָדען זיינען געווען שטארקע. אָבער מען דארף געדענקען, אז זייער גורל אין לעבען איז געווען א שווערער, א ברוטאליזירענדער, אז זיי זיינען געווען די פארלאָזענע קינדער פון אָרימקייט... דעם 28טען יוני איז דער פאָרהאנג געפאלען אויף דער לעצטער סצענע פון דער טראגעדיע פון ארבייט. דער הענקער האָט דורכגעפירט דעם באפעל און די תליה האָט צוגענומען אירע קרבנות. יענעם טאָג איז די געשיכטע פארוואנדעלט געווארען אין אן אויסוואורף. דאָס שיינע געזיכט פון אמת איז צוגעדעקט געווארען מיט א מיאוס'ער מאסקע פון שקר. די מענער וואס זיינען געשטארבען אויף דער

תליה אלס פארברעכער זיינען געווען פירער פון ארבייט, די ערשטע מארטירער פון דעם קלאסען־קאמף אין די פאראייניגטע שטאטען".

דער קריזיס האט דערגרייכט דעם שארפסטען פונקט אין יאר 1877. די שכירות פון די ארבייטער זיינען ווידער געשניטען געווארען. „אין קיין אנדער אינדוסטריע, שרייבט ענדרוס, האבען די האנדלונגען פון די באלעבאטים ניט ארויסגערופען אזא ביטערקייט צווישען די ארבייטער ווי אויף די אייזענבאנען. . . ערשטענס, האבען די באנען באשעפטיגט די גרעסטע צאל ארבייטער, און א פארקלענערונג פון שכירות האט אנגערירט גרויסע צאלען מיט אמאל. צווייטענס, האט דער אלגעמיינער געפיל פון דער געזעלשאפט צו די אייזנעבאנען פארהאלפען, אז די קריוודעס פון די ארבייטער זאלען אויסזען באזונדערס גרויס. די פענסילווייניא אייזענבאן קאמפאניע האט געשניטען די שכירות אויף צען פראצענט גלייך ווי דער קריזיס האט אויסגעבראכען אין 1873. אין 1877 האט זי ווידער רעדוצירט די שכירות אויף נאך צען פראצענט. די אנדערע אייזענבאנען האבען געטאן דאס זעלבע.

די ארבייטער האבען אראפגעזעצט זייערע קאנסערוואטיווע פירער און זיינען ארויס אין סטרייק. אין ווירדזשיניא האט דער גאווערנאר ארויסגעשיקט מיליץ צו העלפען די באלעבאטים, אבער די סאלדאטען האבען זיך אנטזאגט צו שיסען אויף די ארבייטער. האט זיך דער גאווערנאר געווענדט צום פרעזידענט. אזוי שנעל ווי די נאציאנאלע סאלדאטען זיינען אנגעקומען איז דער סטרייק צוזאמענגעבראכען.

אבער פון דארטען האט זיך דער סטרייק פארשפרייט אין אנדערע געגענדען. די סאלדאטען האבען איבעראל געהאלפען די באלעבאטים. אין באלטימאר איז פארגעקומען א צוזאמענשטוים צווישען די סטרייקער און דער מיליץ. צען ארבייטער זיינען דערשאסען געווארען אויף טויט און א סך זיינען פארוואונדעט געווארען. אויך דארטען איז דער סטרייק דערשטיקט געווארען דורך מיליטער.

די בלוטיגסטע געשעעניש איז פארגעקומען אין פיטסבורג.

דאָרט האָבען די סאָלדאַטען דערשאָסען זעקס און צוואַנציג סטרייקער. די סטרייקער און די גרויסע מאַסען איינוואוינער וואָס האָבען מיט זיי סימפּאַטיזירט האָבען זיך אָבער געשטעלט געגען די סאָלדאַטען און זיי פאַרטריבען פון שטאָט. זיי האָבען אויך אונטערגעצונדען די באַן־סטאַנציעס און די פאַבריקען. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטען א גאַנצען טאָג און א גאַנצע נאַכט. די קאָמפּאַניע האָט שפּעטער געשאַצט אירע פאַרלוסטען אין פינף מיליאָן דאָלער.

אין רעדינג, פּענסילווייניא, זיינען דרייצען ארבייטער דערהרג'עט געוואָרען און 22 פאַרוואונדעט געוואָרען. אויך דאָרט איז עס צום סוף געלונגען די ארבייטער ארויסצוטרייבען די סאָלדאַטען פון שטאָט. צוזאַמענשטויסען זיינען פאָרגעקומען אין סט. לואיס און אין אַנדערע שטעט אין פאַרשידענע טיילען פון לאַנד.

פּראָפעסאָר ענדרוס שרייבט: „די אַלע אייזענבאַן־סטרייקס האָבען זיך געענדיגט מיט א מפּלה פאַר די ארבייטער אָבער די מאָראַלישע ווירקונג איז געווען ריזיג. צום ערשטען מאָל איז אין לאַנד פאָרגעקומען א גענעראַל סטרייק." די רעגירונג און די באַלעבאַטים האָבען איצט איינגעזען, אַז די ארבייטער זיינען א גרעסערע מאַכט ווי זיי האָבען געמיינט, און אין פאַרשידענע שטאַטען האָבען די לעדזשיסלייטשורס אנגענומען שטרענגערע געזעצען געגען אָרגאַניזירטער ארבייט. אויף די ארבייטער האָט דער סטרייק געהאַט די ווירקונג, וואָס זיי האָבען גענומען פאַרשטיין זייער אייגענע מאַכט און גענומען באַגרייפען אַז זיי זיינען פּאָליטיש מאַכטלאָז. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס די נאַציאָנאַלע רעגירונג האָט געשיקט סאָלדאַטען געגען סטרייקער.

די ארבייטער האָבען איצט פאַרלאָרען זייער גלויבען אין דער מאַכט פון יוניאָנס און אין די נעקסטע פּאָר יאָר האָבען זיי געפּרובט זייער מזל מיט פּאָליטישער טעטיגקייט. זיי האָבען זיך פאַראייניגט מיט די פאַרמער און קליינע געשעפטסלייט אין דער „גרינבעק" פּאַרטיי, וואָס האָט געגלויבט, אַז דורך געלד־

רעפּארמען וועט קומען די ישועה פאַר אַלע קלאַסען אין דער געזעלשאַפט וועלכע ליידען פון גרויס-קאַפּיטאַל. די „גרינבעק" באַוועגונג האָט זיך אנגעפאנגען גלייך נאָכ'ן קריג. דער „נאַציאָנאַלער ארבייטער פאַרבאַנד" האָט ביי זיין קאָנווענשאָן אין 1867 אינדאָרסירט דעם פּרינציפּ פון „גרינבעקיזם" אָבער ביז נאָך די ביטערע דערפאַרונגען פון די זיבעציגער יאָרען האָבען די ארבייטער פאַר דער באַוועגונג וויניג וואָס געטאָן. איצט האָבען זיי זיך איינגעוואָרפען אין איר מיט אַלע כחות.

„דער גרינבעקיזם, — שרייבט פּראָפעסאָר פּערלמאַן, — איז געווען אַ פּלאַן צו געבען דעם מענשען אָן קאַפּיטאַל אַ גלייכע געלעגענהייט אין מסחר מיט זיין רייכען קאָנקורענט. דער ציל איז געווען אָוועקצונעמען פון דעם באַנקיר און דעם פאַרמיטלער זייער קאָנטראָל איבער קרעדיט און קאַפּיטאַל דורכדעם וואָס די רעגירונג וועט געבען הילף צו די וואָס שאַפען די מאַטעריעלע פּראָדוקטען."

דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען: די רעגירונג זאָל רעדוצירען דעם פּראָצענט אויף אירע וועקסלען. דער פּראָצענט זאָל זיין ניט מער ווי דריי סענט אויפ'ן דאָלער. דאַן זאָל די רעגירונג דערלויבען די באַזיצער פון אירע וועקסלען זיי אויסצובייטען אויף „גרינבעקס". מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז אַלע וועקסלען וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין געלט. ווען דאָס וועט געשען, וועט עס מעגליך זיין פאַר יעדען צו קריגען געלט געבאָרגט פאַר עטוואָס מער ווי דריי פּראָצענט. אַלע וואָס האַלטען וועקסלען וועלען זיי אויסבייטען אויף „גרינבעקס" און די „גרינבעקס" אויסלייען יעדען וואָס וועט איינווילליגען צו צאָלען עטוואָס מער ווי דריי פּראָצענט. דער גרויסער עולם, דער פאַרמער, דער קליין-הענדלער און די קאָאָפּעראַטיווען פון די ארבייטער וועלען מער ניט דאַרפען אָנקומען צו די באַנקירען וועלכע האָבען פון זיי געפאָדערט צוועלף פּראָצענט. די אָנפירער פון דער באַוועגונג האָבען געגלויבט, אַז דורך דער סיסטעם וועט עס געלינגען ביסלאַכווייז אַרויסצושטופּען דעם קאַפּיטאַליסט פון

געשעפט און באַפרייען דאָס פאָלק פון דעם יאָך פון קאַפּי־טאַל.

דערביי איז נויטיג צו וויסען, אז אין די זעכציגער יארען זיי־נען געמאכט געווארען א סך עקספערימענטען מיט גרינדען קאָ־אָפּעראַטיוועז. די ערשטע קאָאָפּעראַטיוועז אין יענע יארען זיי־נען געווען פאר דער פארנאנדערטיילונג פון סחורה, קראָמען־קאָאָפּעראַטיוועז. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעפאנגען אין 1862. און אין 1866 איז זי שוין געווען אזוי פארשפרייט אז עס איז פאקטיש ניט געווען קיין איין וויכטיגער אינדוסטריעלער צענטער צווישען באָסטאָן און סאן פראנציסקא אָן א קאָאָפּעראַטיוועז געשעפט. זיי האָבען זיך אָבער לאנג ניט געהאלטען. איינע נאָך דער אנדערער האָבען זיי געפּלאצט.

פון 1866 ביז 1869 זיינען געמאכט געווארען עקספּערי־מענטען מיט פּראָדוקציע־קאָאָפּעראַטיוועז. יעדער וויכטיגער פאך האָט געהאט א קאָאָפּעראַטיוו: בעקער, קוילען־גרעבער, מאַ־שיניסטען, גלאָז ארבייטער, אייזענגיסער, שניידער און אזוי ווייַ־טער. א גרויסע צאָל פון די אונטערנעמונגען זיינען ארויסגע־וואקסען פון פארלאָרענע סטרייקס.

די ארבייטער האָבען פאראייניגט דעם געדאנק פון קאָאָפּע־ראַטיוועז מיט דעם געדאנק פון גרינבעקס. זיי האָבען געהאָפט, אז מיט דער הילף פון די „גרינבעקס” וועלען די קאָאָפּעראַטיוועז קענען ווערען א גרויסער דערפאָלג. כל־זמן די גרינבעק־באַוועגונג האָט ניט געהאט די פולע שטיצע פון די ארבייטער איז זי געווען שוואך. איצט אָבער האָט זי גענומען וואקסען. עס האָבען זיך איבעראַל אָרגאניזירט לאָקאלע „גרינבעק” ארבייטער־פּארטייען. אין 1878 איז אין טאָלידאָ, אָהייאָ, אפּגעהאלטען געווארען א קאָנווענשאָן פון דער גרינבעק־פּארטיי. עס זיינען געווען פאר־טראַטען די טרייד יוניאַנס און די פארשידענע ארבייטער פּאר־טייען. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען צו ענדערען דעם נאָמען פון דער „גרינבעק פּארטיי” אויף „גרינבעק ארבייטער פּארטיי”. די פּארטיי האָט ארויסגעשטעלט א פּרעזידענט קאַנדידאַט וועל־בער האָט אין די וואַלען פון 1880 געצויגען 300 טויזענד שטי־

מען. אין די קאנגרעס וואלען פון 1878, ווען די פארטיי האט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט פון איר שטארקייט, האט זי אויסגעקליבען פערצען קאנגרעסלייט און געצויגען איבער א מיליאן שטימען.

אבער גלייך נאך די וואלען פון 1878 האט די „גרינבעק ארבייטער פארטיי“ גענומען פאלען. די צייטען זיינען געווארען בעסער. די רעגירונג האט גענומען איינקויפען די „גרינבעקס“ און צאלען פאר זיי דעם פולען פרייז אין גאלד. דאס צירקולירענדיגע געלט איז פארמערט געווארען. דעם פארמער און געשעפטסמאן איז געווארען גראמער. און זיי האבען זיך פון דער באוועגונג אפגעטרייסעלט.

די קאאפעראטיוון זיינען אויך ביסלאכווייז אונטערגעגאנגען. זיי האבען זיך ניט געקענט האלטען צוליב פארשידענע סיבות. אייניגע דענקען, אז דאס איז געווען דערפאר וואס עס האבען געפעלט די פאסיגע פירער. פאר קאאפעראטיוון פאדערען זיך מענשען מיט געשעפטס־פייאיגקייטען, און מענשען וואס באזיצען אזעלכע פייאיגקייטען האבען אין אמעריקא גוטע געלעגענהייטען אין פריוואטע אונטערנעמונגען. אין אייראפא איז דאס ניט אזוי. דארטען איז פאר א פייאיגען מענשען, אויב ער האט ניט קיין געלט, נישטא קיין מעגליכקייט אויפצובויען א געשעפט. דערפאר געפינט מען דארטען מענשען מיט אזעלכע פייאיגקייטען אין די ארבייטער־קאאפעראטיוון. דא גייען אזוינע מענשען אוועק אין קאפיטאליסטישען לאגער.

אין די זיבעציגער יארען איז געלייגט געווארען א פעסטער פונדאמענט פאר א סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקא. די ערשטע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס האבען זיך א סך מאל געשפאלטען איבער פראגען פון טאקטיק. אין 1876 איז אין פילאדעלפיא אפגעהאלטען געווארען א קאנווענשאן, אין וועלכער די פארשידענע פראקציעס האבען זיך פאראייניגטע אונטער'ן נאמען „די ארבייטער פארטיי פון די פאראייניגטע שטאטען“. ביי דער צווייטער קאנווענשאן וואס די ארגאניזאציע האט אפגעהאלטען, סוף יאר 1877, אין נווארק, איז דער נאמען געענדערט

געוואָרען אויף דער „סאָציאַליסטישער ארבייטער פּאַרטיי פון אמעריקא.״ ניינציג פּראָצענט פון די מיטגלידער פון דער פּאַר־טיי זיינען געווען אימיגראַנטען ארבייטער. אין 1879 האָט די סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי פאַרמאָגט צען טויזענט מיט־גלידער.

ספריה
יודישע

ספריה עממית בטורונטו
JEWISH PUBLIC LIBRARY

#1482